STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04010

OYF DI FRONTN FUN LEBN

Josef Luden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

✶

אויף די פראָנטן פון לעבן

ראָמאַן

יוסף לודען

אויף די פראנטן פון לעבן

ראָמאַן

יאָר 1981
פאַרלאַג „פראָבלעמען"
203 בן־יהודה. תל־אביב. ישראל 63502
טל. 453102

דערשינען פון דעם זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן) 1966 יאָר
אויספאַרקויפט.

ווי אַ זעגל אין שטורעם (ראָמאַן) 1972 יאָר
געבליבן אַ באַגרענעצטע צאָל עגזעמפּלאַרן.

אויף די פראָנטן פון לעבן (ראָמאַן) 1981 יאָר.

הילע געצייכנט — האַלינע אָלאָמוצקי

©
OIF DI FRONTN FUN LEBN

Copyright by Josef Luden
Israel 1981

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 332062

דער דאָזיקער ראָמאַן דערציילט וועגן דעם יסורים־וועג, ראַנגלענישן, שטרעבונגען און חלומות פון דער אומגעקומענער און לעבן־געבליבענער יידישער יוגנט, וואָס האָט געקענט קעמפן, ליבן און פאַראַכטן. דער ראָמאַן נעמט אַרום די תקופה פון דער גרוי־ליקער צווייטער וועלט־מלחמה, יידישער קאַטאַס־טראָפע און אויפקום פון דער יידישער אומאָפּהענגי־קייט אין ישראל. דער מחבר פּרעטענדירט ניט צו געבן [illegible] קיין אויספירלעכע באַשרייבונג פון אָט דער גרויליק און שטורמישער עפּאָכע נאָר אַ באַשולדיקונג קעגן די וועלט-הערשערס, וואָס האָבן געטריבן און טרייבן ווייטער די מענטשלעכע געזעלשאַפט צו ברו־טאַלן מאַסן־מאָרד און גרויליקע פאַרברעכנס. דאָס בוך איז אויך אַ גרויסער לויב־געזאַנג צו געטריישאַפט, ליבע, ערלעכקייט און מענטשן־פריינטשאַפט.

פאַר די אַלע וואָס דינען ניט דעם שקר און עס שרעקן זיי ניט קיין דרייסטע געדאַנקען, פאַר אַלע וואָס ראַנגלען זיך פאַר אַ שענערע און בעסערע וועלט איז דאָס דאָזיקע בוך געווידמעט.

דאָס בוך איז געשריבן אין אָנדענק פון מיין אומגעקומענער משפחה אין פוילן, חברטעס און חברים און פון אַלע אומגעקומענע פון מיין פאָלק דורך די נאַציס, פאַר אַלע קדושים פון אַלע פעלקער וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן נאַציזם, ווי אין אַלע קאַמפן קעגן אַלע דיקטאַטורן און דעספּאָטיעס, פאַר מענטשלעכער פרייהייט און יושר.

דאָס בוך איז אַ מתנה מיין פרוי, מיין זון, שניר, אייניקלעך און אוראייניקל, פאַר מיין ברודער יצחק און זיין משפחה, ווי פאַר אַלע מיינע חברטעס, חברים און פריינט אין ישראל און אויף דער וועלט.

דער מחבר

1 טייל

א

אַ שוידער גייט דורכן לייב, די אויגן זוכן, ווו זענען זיי די מאַרק־יידן, די היטלמאַכערס, די קרעפטיקע בעלי־עגלות, מיט זייער פּראָסטן לשון, די קרעמערס פון גראָשיקע פּרנסות? אויפן האַלב־ליידיקן מאַרק שושקען זיך צוויי פּויערטעס, אַן אַלטער פּויער שפּייט אויס און וואַרפט אַ קללה. אַלץ אַרום איז מוראדיק פרעמד, איז וויסט אויף דער נשמה און דאָס האַרץ וויינט. די זעלבע געסלעך, די זעלבע הייזלעך אָבער אָן אַ היימישן שמייכל און ער יונה אַ ניט־היגער אין זיין אייגענעם שטעטל. דער ווינט שמייסט אים אַ פּייטשע קעלט אין פּנים און פון זיין האַרץ־טיפעניש שרייט: ביסט אַ פרעמדער אין דיין אייגענער היים! ניטאָ קיין איין ייד אין דיין יידישן שטעטל, ניטאָ דיינע עלטערן, דיין וועלט איז אונטער־געגאַנגען! וואָסזשע האָט דיך געטריבן אַהער? צו וועמען ביסטו געקומען? צו די שטימע קברים פון דיין נעכטן?

דער וויטיק טרייבט אים צום איינזאַמען גאַנג איבער די געסלעך, ווו געלעבט האָבן די היימישע דאָרפסגייערס, שוסטערס, קרעמערס, וואָס האָבן באַגנוגנט זיך מיט אַ פאַנסער גריץ, פאַרביסן מיט אַ שטיק ראַזעווע ברויט; ווי געטרייע מאַמעס האָבן טרערן פאַרגאָסן איבער קינדישע

וויגעלעך, כלה־מיידלעך און גייטאַרינס האָבן, ביי זינגער־מאַשינען ליבע־לידער געזונגען און חלומות געשפּינען. חדר־ייִנגלעך האָבן, ווי אַ כאָר־חומש און רש״י אויסגעזונגען, ישיבה־בחורים געווען פאַרדבקהט אין סתרי־תורה, פאַרטיפט אין מדרש, אין תוספתא. און ווו זענען זיי די אַלע פאַרשמייעטע, פאַרדאַגה׳טע. ווו איז דאָס לעבן, וואָס האָט אַרויס־געזונגען מיט ליבע פון אַלע ווינקעלעך?

פרעמדע אויגן קוקן איצט אַרויס פון די יידישע פענצטער, פון די פאַרהויקערטע הייזלעך ווייעט מיט אימהדיקן טרויער, פון די דעכער זיפצט אַראָפּ דער וויי. און אפשר שוועבן נאָך אַרום די נשמות פון די קדושים, די פאַרוואָגלטע, פאַרוויסטע, מיט שרעק און ציטערניש, שווייגנדע, טויטע. אַפילו קיין עדות ניט געבליבן. אָט פלאַטערט אַ פויגל איבער דעכער, אפשר זוכט ער אויך אַ ייד איבערן אָפּגעווישטן לעבן? יונה האָט מער ניט וואָס צו זוכן. ער קען אָבער ניט אַוועק, ער מוז דאָך דעם גאַנצן כוס פון ביטערניש אויסטרינקען.

היידאַ! שרייט אויס צו יונהן אַ פויער, וואָס פאָרט פון ערגעץ אָן מיט אַ וואָגן. וואַרפט אויף יונהן אַ בייזן בליק און גיט אַ פּאַכע מיט בייטש איבער זיין פערדלס רוקן. פון אַן אָפענער טיר גיסט אַ שיקסע אויס אַן עמער פסולת. דאָס איז דאָך דאָס הייזל פון דער מומע טריינע! געווען אַן אלמנה מיט צוויי דערוואַקסענע טעכטער. אין דער עלטערער איז געווען „פאַרקאַכט״ דער הויכער לייזער, געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן. די ייִנגערע איז געווען אַ ווילדע שטיפערקע,ביידע האָבן אַ גאַנצע וואָך געהאָלפן דער מאַמע אין דער פרנסה אָבער שבת איז זייער שטוב געווען פאַרגאָסן מיט פרייד און געלעכטער. אין שכנות, ביי זלמן דעם דאַרפסגייער האָט געפייפט דער דלות, כאָטש זיין פלינק ווייבל פלעגט אים העלפן אין דער פרנסה. דערפאַר האָט פון דאַנען אַרויסגעשיינט זיינע דריי טעכטער מיט אַלע זיבן חנען. די עלטסטע האָט געלערנט אין אַ לובלינער גימנאַזיע און אַהיימגעקומען בלויז אויף די ימים־טובים. די מיטלסטע האָט געהאָלפן דער מאַמען און מיט דער ייִנגסטער, מיט פריידלען, פלעגט יונה קינדערווייז זיך שפּילן, רייסן אירע לאַנגע צעפּלעך און זי פלעגט זיך ברוגזן און לאַכן. אַוודאי איז געווען אַ חטא אַ חדר־ייִנגל זאָל זיך שפּילן מיט אַ מיידל. אָבער נעבן

פריידלען, מיט גאָלדענע צעפּלעך, איז אים געווען מחיהדיק אויף דער נשמה. וווּ איז זי איצט דאָס גאָלדענע מיידל?

פאַרציטערט ווערט יונה ביים אַלטן בית המדרש, וואָס שטייט ווי אַ יאָמער־געשטאַלט, מיט שוואַרץ־פאַרקאָפּטשעטע ווענט, ווי נאָך אַ שריפה, מיט אויסגעהאַקטע שויבן. אפשר האָט מען אויך דאָ אַריינגעטריבן די שטעטלדיקע יידן און זיי פאַרברענט? אפשר איז דאָ אומגעקומען זיין מאַמע, טאַטע און שוועסטערל? רייסט זיך פון זיין האַרץ אַרויס אַ תפילה, געבן זכר פון חורבן, ביים פאַרברענטן אָרון הקודש. אָבער נאָך שטאַרקער נעמט קלאַפּן זיין האַרץ ביי דער שטוב ווי ער איז געבוירן, ווי געררוישט האָבן זיינע יינגלשע לעבנס־קוואַלן, זיין פרייד און ערשטע ליבעס. ציטערן אים די פיס, ער וועט אָבער דאָרט ניט אַריינגיין, בלוטיקט דען ניט געגנוג זיין האַרץ? פון אָט די פענצטער פלעגט ער זען דאָס גאַנצע היימישע געסל, געקענט יעדן מיט זייערע ווייבער און קינדער. ניט ווייט פון דאַנען שטייט דאָך דעם זיידנס הייזל, ווי ער פלעגט קינדערווייז זיך אַריינכאַפּן, גלייך פונעם חדר. די באָבע פלעגט אים מכבד זיין מיט אַן אייער־קיכל, דער זיידע מיט אַ קניפּ אין בעקל. אין חדר האָט דער רבי, רב געצל געלערנט די קינדער חומש, און זייער קינדישע פאַנטאַזיע איז געפלויגן איבער ווייטע צייטן און מדבריות, ווי יעקבס זון האָבן געפּאַשעט די פי פון שכם. אין די זיסע פאַרנאַכטן זיך אַרויסגעלאָזן פון חדר מיט פרייד און געפילדער, געקוקט, ווי די זון פאַרגייט אונטערן וואַלד און אליהו הנביא צעוואַרפט, פון זיין פייערוואָגן, איבערן הימל גאַנצע זשמעניעס מיט שטערן; פלעגן קינדער דערציילן זיך מעשהלעך פון וווּנדער־שטעט מיט גאָלדענע טויערן, וועגן פּאַלאַצן מיט פאַרכישופטע פרינצעסינס. ווי זענען איצט די חדר־ייִנגלעך מיט זייערע חלומות און צעהיצטע פאַנטאַזיעס?

און ווער פאַרעט זיך דאָ אין דעם מאַסיוון הויז פון דעם פעטער משה? געווען אַ גבאי אין שול און אַ סוחר. זיין שטוב האָט געשמעקט מיט נגידישקייט און מיטן ריח פון געבראָטענע גענדז. קיין אָרעמאַן איז פון דאַנען ניט אַרויס קיין הונגעריקער. דערנעבן איז געווען די „פרץ־ביבליאָטעק“, פון אירע ביכער האָט די יוגנט דאָרשטיק געטרונקען, ווי פון אַ זילבערנעם קוואַל, אָנגעזאַפּט זייערע נשמות מיט בענקשאַפט און

ליבע. אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין האָט געקרוישט מיט אייביקע וויכוחים צווישן בונדיסטן און קאָמוניסטן, מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן ציון און וועלט־רעוואָלוציע. דער הויכער זאב פלעגט דאָ זינגען — „מיר שווערן געטריישאַפט אָן גרענעצן צום בונד" און פון זיין פאַרשוויצטן פּנים האָט אַראָפּגעשיינט די געטריישאַפט. אויך חנוך האָט געשווירן געטריישאַפט אָבער: „צו ציון דאָס הייליקע לאַנד", און ניט צו אײן מיידל געשווירן אייביקע ליבע. דערפאַר האָט לייביש ניט געהאַט קיין צייט אויף ליבע, שטענדיק געווען פאַרטאָן אין הייסע ויכוחים איבער דיאַלעקטיק און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, געשיט מיט ציטאַטן פון מאַרקסן, וועמען ער האָט קיינמאָל ניט געלייענט. ניט געהאַט קיין צייט, די רעוואָלוציע האָט דאָך געקלאַפּט אין די טויערן און ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף איר ווי זיין פרומער טאַטע אויף משיחן.

אויך די שוואַרצע מירל, די טאָכטער דעם סוחר שלמה זיסקין, האָט געוואַרט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און איר פאַרדאַגהטע מוטער האָט ניט פאַרשטאַנען אויף וואָס וואַרט זי די מויד, צי וויל זי פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ? אַנדערע אין אירע יאָרן האָט מען שוין לאַנג מקדיש געווען און טראָגן זיך אַרום ווער מיט אַ בויך און ווער מיט אַ זייגענדיק קינד. נאָר זי טראָגט זיך גאָר אַרום מיט גראָבע ביכער פון עפּעס אַ קאַרל מאַרקס און וויל ניט גיין אונטער די פיר דרענגער. מיט וואָס איז זי בעסער פון איר ברודער יענקל, וואָס האָט ניט געוואָלט ווי זיין טאַטע, ווערן אַ סוחר? האָבן ניט געהאָלפן דעם טאַטנס גוטע און האַרבע רייד, אויך ניט דעם טאַטנס טענה אַז „דו יענקל וועסט די וועלט ניט איבער־מאַכן". יענקלען איז די וועלט ניט געפעלן. האָט טאַקע, אין אַ מיטן דער נאַכט, די פּאָליציי אים אַרויסגעשלעפּט, פון טאַטנס זאַטע שטוב, און אים אַריינגעשליידערט אין דער לובלינער תפיסה, פאַר בונטעווען קעגן דער „געזעצלעכער אָרדענונג".

אָבערביידע טרעגער פון שטעטל האָבן ניט געחלומט וועגן רעוואָלוציע נאָר וועגן ברויט פאַר זייערע ווייבער און קינדער. חוץ דעם דלות האָבן זיי גאָר ניט פאַרמאָגט און ניט זעלטן פלעגט מען אין זייערע שטובן, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, פאַסטן ווי אין אַ יום־כּיפּור־טאָג. פונדעסטוועגן האָבן ביידע קבצנים איינער דעם צווייטן מקנא געווען, אַז איינער פלעגט טרעפן

דעם צווייטן, זיך שיער ניט אונטערייסן מיט אַ שווערער משא, האָט דער צווייטער אים דאָס ניט פאַרגינען און זיך געווינטשן גאָט זאָל אים צושיקן נאָך אַ שווערער משא. כאָטש קיין וואַזשנע גבורים, זענעןביידע ניט געווען, דאָך פאַר זייערע הונגעריקע ווייבער און קינדער זענען זיי גרייט געווען אויף זייערע פּלייצעס גאַנצע הייזער צוטראָגן.

אויך קלמן דער שוסטער האָט געטראָגן דעם עול פון לעבן ווי אַ שווערע משא אויף זיין קאַרג, געקענט מיט זיינע „גאָלדענע הענט" מאַכן די שענסטע שיך, אָבער ניט „שבת־מאַכן"... דאָך איז ער ביי זיך געווען „משה גרויס", אַ קלייניקייט, די פּריציטע אַליין האָט באַשטעלט ביי אים אירע שיך און געשטעלט איר פּריצישע פיס אויף זיינע שוסטערישע קני צום פּוצן אירע שיך.

אַ ניט קליינער אביון איז אויך געווען ר' קאָפּל. געהאַנדלט מיט פּרוכט און מיט אייער, פּסח געבאַקן מצות, געהאָדעוועט הענער אויף יום־כּיפּור צום שלאָגן כּפּרות, אָבער פון אַלע פּרנסות בדוחק מפרנס געווען זיין משפּחה. זיין עלטסטע טאָכטער רבקהלע האָט געהאָלפן איר טאַטן אין אַלע פּרנסות אָבער איר חלום איז געווען צו ווערן אַן אַקטריסע. האָט זי אָרגאַניזירט, ביי „פּרץ־ביבליאָטעק", אַ דראַמאַטישן קרייז. נאָך לאַנגע צוגרייטונגען און רעפּעטיציעס, געדונגען דעם גרויסן זאַל פון די פייערלעשער, אויסגעקלעבט פּלאַקאַטן אַז מען וועט שפּילן טעאַטער. איז דאָס שטעטל געגאַנגען אויף רעדער, יידן האָבן געקאָכט זיך, סטייטש?... אָבער די מאַמעס האָבן געלעכצט צו זען זייערע אייגענע זין און טעכטער שפּילן טעאַטער, מער פון אַלעמען האָט רבקהלע געוואַרט אויף דער גרויסער שעה, ווען עס וועט זיך צערוקן די קורטינע און זי וועט מיט איר גאַנצע נשמה־פייער אויסשרייען פאַר דער וועלט פּרצנס — „מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע!" זי האָט אָבער קוים באַוויזן צו עפענען דאָס מויל ווי אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן איר פרומער און שטרענגער פאָטער מיט געקרייזלטע פּאות און צעפּלאָמטע פּאָלעס, זידנדיק פון כּעס, האָט ער אָנגעכאַפּט זיין טאָכטער ביי די לאַנגע צעפּ אויסשרייענדיק: „מיין ניט אַז ביי מיר וועסטו זיין אַ חצופה!" און זי אַראָפּגעשלעפּט פון דער בינע. לאַנג האָט קאָפּל ניט געקאָנט מוחל זיין רבקהלען זיין בושת־פּנים און זי דעם טאַטן איר אויסגעשפּילטן חלום צו ווערן אַן אַקטריסע.

די שיינע רייזעלע האָט גאָר ניט געחלומט צו ווערן אַן אַקטריסע און דאָך ליב געהאַט צו דעקלאַמירן סלאָוואַצקיס „סמוטנאַ מי באַזשע״, כאָטש איר איז גאָר ניט געווען אומעטיק. געהאַט אַ סך חברטעס, וועלכע האָבן זי גערופן „רוזשע די אינטעליגענטקע״, ווייל זי האָט מיט זיי גערעדט נאָר פּויליש. אירע עלטערן האָבן פאַרמאָגט אַ קו מיט צוויי ציגן און האָבן געבאָדן זייער צפּיעשטשעטע בת־יחידה, אין סמעטענע. האָבן פון רייזעלעס ווייס־ליכטיק פּנים אַרויסגעשיינט צוויי ברוינע אויגן. ווער פון די שטעטל־דיקע בחורים האָט זיך ניט געליבט אין „רוזשען די אינטעליגענטקע״? זי האָט אָבער דערפון גאָר ניט געוווּסט און ליב געהאַט צו שפּאַצירן מיט דער „סמוטנער״ זיסלען די יתומה: זיסלס מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט און זיסל איז געבוירן געוואָרן אַ יתומה. האָבן מאַמעס זי געזויגן, געהאָדעוועט און געפּיעשטשעט, ווישנדיק די טרערן פון אויגן, געהיטן זי מער ווי אַן אייגענע טאָכטער, אַפילו ווען זי איז אויסגעוואַקסן, האָט קיינער ניט געוואַגט איר זאָגן אַ שלעכט וואָרט. נאָר די היטלער־באַנדיטן האָבן אויף דער יתומה קיין רחמנות ניט געהאַט און אַוודאי ניט געפּיעשטשעט דער שיינער רייזעלען...

אָט דאָ ווי עס הענגט איצט אַ קרייץ אויף דער טיר און דאָס הייזל פאַרזונקען אין צער און אומעטיקן בענקשאַפט, האָט געוווינט ר׳ הערש דער שוחט. אַ ייד מיט אַ ברייטן גאַנג, מיט אַ הדרת פּנים. געווען אַ בעל־תפילה, אָבער נאָר אין די יום טובים, געשפּאַנט שטענדיק געלאַסן אונטער־ברומענדיק אַ חסידישן ניגון. פאַרמאָגט האָט ער אַ קליין ווייבעלע און אַ בת־יחידה אַ יפת־תואר. האָט ער זי אויסגעגעבן פאַר אַ זיידענעם בחור, וואָס איז געשווומען אין תלמוד, זיך אַן עצה געגעבן מיט דער שווערסטער סוגיא, אָבער ניט מיטן יצר־הרע, צו זיין געשמאַק ווייבעלע, וועמענס שוואַרצע אויגן האָבן געבריט ווי פייער. האָט ער געציטערט מען זאָל איר חלילה ניט געבן קיין עין הרע. ביים דאַווענען פלעגט ער איבער־היפּערן גאַנצע שטיקער, געאיילט זיך וואָס גיכער אַ היים. האָבן טאָקע ווייבער געקוקט קרום אויף אַזאַ מין פירעכץ, פון האַלטן ביי טאָג פאַרוקט די פאַרהאַנגען איבער די פענצטער, און פייגע לאה פלעגט טענהן צו די ווייבער:

—איך זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, אַז אַ יונגערמאַן טרעט ניט

אָפּ פון זיין ווייב, ווי קען ער אין זינען האָבן די תורה?

אָבער יידן האָבן געלעבט מיט דער תורה און פון נסים און ווונדער, אין אייביקן זאָרג פאַר ווייב און פאַר קינדער, און צווישן נויט און פּיין... איז דאָס לעבן געווען פול מיט חן. יידן האָבן זיך משמח געווען אויף חתונות און ברית־מלה׳ס, געאָבלט אויף לויהס, געשעפּט נחת פון קינדער און געדאַנקט גאָט, וואָס מען שטאַרבט ניט, חלילה פון הונגער. אַ פּענעצל ברויט מיט קנאָבל איז געווען גם זה לטובה, אַ גמילת־חסד, אַ גרויסע מצווה, האָבן ווייבער געבאָרגט, איינע דער אַנדערע, אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ ציבל, אַ בוראַק אָדער אַ רעטעך און געזאָרגט אַז אַ יידישע שטוב זאָל אויף שבת ניט בלייבן אָן פיש און אַ יידישע טאָכטער זאָל חלילה צוליב אַ נדן ניט פאַרשעמט ווערן. אַ גאַנץ יאָר האָט מען זיך מסתפק געווען במועט דערפאַר די יום־טובים געפּראַוועט כיד המלך.

שמחת־תורה פלעגט לייביש קויפן אין שול חתן־תורה און זיין אשת־חיל, אַ קיילעכיקע יידענע, האָט אַנגעגרייט כיבוד פון כל־טוב. האָט אַ כאַלאַסטרע יונגעלייט געצאַפּט ביר פונעם פאַס און געזאָרגט אַז לייביש זאָל וואָס מער טרינקען, ביז אַ צעוואַרעמטער פונעם ביר איז ער אַרויפ־געשפּרונגען אויפן טיש און מיט ווילד־צעפלאַמטע אויגן, מיט גרויס עקסטאַז, גענומען טאַנצן, אַנצינדנדיק אַלעמען מיטן שיכרות פון פרייד. אַרום האָט מען געפּלאַסקעט צום טאַקט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס. מיידלעך האָבן געקאַטשעט זיך פון געלעכטער, ווייבלעך זיך געשמאָלצן פון נחת און עס איז געווען ששון־ושמחה, גוט און פריילעך אויף דער נשמה. אין אַלע חסידישע שטיבלעך, אין בית מדרש, אין שול, האָט מען געטאַנצט מיט דער הייליקער תורה. דערנאָך געקוויקט זיך מיט די יום־טובדיקע מאכלים וואָס די ווייבער, די גרויסע בריהטעס האָבן צוגעגרייט.

און וואָס האָט געקאָנט זיין פריילעכער ווי פורים? דער סאַמע באַליבטס־טער יום־טוב פון די חדר־יינגלעך, ישיבה־בחורים, פון אַלע יונגעלייט, פון פּראָסטן עמך. פאַרגעסן אין אַלע דאגות, אין אַלע בייזע המנס, אין אַלע סכנות, האָבן יידן געהולעט, געפריים זיך און געזונגען. ווער שמועסט פּסח. וואָס האָט געקענט זיין ליבער, שענער ווי אין די פּסח־טעג?

דערפאַר איז טרויעריק געווען אין די ימים־נוראים. דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט זיך איינהילן אין פרומען עצבות. אין שול האָבן די יידן, איבער־

געדעקטע אין טליתים געטראָגן זייערע תפילות צו די שערי־שמים, די וויבער האָבן געהעשעט, געווישט די אויגן און דערמאָנט אין די טויטע, באַוואַשנדיק מיט טרערן די מחזורים, אין וועלכע זיי האָבן אַריינגעקוקט „ווי אַ האָן אין בני־אדם". דער חזן, מיט אַ צעבראָכן האַרץ, האָט ביים עמוד זיך צעזונגען און אונטערן סופּיט האָבן, דוכט זיך, אַרומגעשוועבט ניט־געזעענע מלאכים, אין מרה־שחורה האָבן ליכט זיך געשמאָלצן, געטריפּט ווי ווייבערישע טרערן, די פלעמלעך געצאַנקט, ווי כשרה נשמות, און די „תקיעה־שברים־תרועה" פון שופר־בלאָזן האָט געמאַכט לעכער אין די פרומע הערצער.

הייליק איז אויך געווען דער שבת. נאָכן טשאָלנט, ווען טאַטעס און מאַמעס פלעגן כאַפּן אַ דרימל, האָט דאָס יונגוואַרג זיך אַוועקגעלאָזט צום וואַלד, נעבן טייכל, ווי צווישן שטיפערישן פלאַטער פון שמעטערלינגען, ביימער־שעלעסט, פויגל־געזאַנג און סאָסנע־ריח האָבן מיידלישע ליפּן געשמעקט מיטן טעם פון מאַלינעס און יאַגעדעס, מיט נעזלעך געטאָקטע ווי צירונג. אין זייערע אויערן האָבן בחורים אַריינגעשושקעט די זיסטע רייד. שיין איז געווען דער וואַלד און ווונדערלעך גוט אויף די נשמות. ווער האָט געקענט אַזוי ווי זיי ליב האָבן? די שענסטע חלומות, די ליכטיקסטע געדאַנקען איז זיי ניט פרעמד געווען. גרויסע שרייבער און דענקער האָבן באַלויכטן די יוגנט אין דעם באַטעמטן שטעטל.

קען דען יונה פאַרגעסן זיין זיסן נעכטן, וואָס מאָלט זיך פאַר אים אין די לירישסטע פאַרבן. דאָס שטעטל איינגעהילט אין אַ ראָמאַנטישער בענקשאַפט, אין אַ גאָלד־מעלאַנכאָלישן אומעט, וואָס צעגיסט אין זיין האַרץ אַ פיינלעכן ווייטיק נאָך דעם פאַרלוירענעם. צי קען ער פאַרגעסן די שבתדיקע בין־השמשותן, פאַרזינקענע אין רוח־הקודש, איינגעהילטע אין בשמים־ריחות? די יידן אין די שטיבלעך פאַרטון אין דברי־תורה, אין סיפורי נסים ונפלאות, באַגלייט מיט טרויעריקע זיפצן איבער יידישע צרות, מיט לעכצענישן נאָך ישועות ונחמות, צו הערן במהרה בימינו די שופרות פון משיח. נאָכן באַוויזן זיך פון ערשטן שטערן, פלעגן הערצער צעפלאַקערן מיט התלהבות און חסידישן ברען, פון מיילער זיך געגאָסן שבתדיקע זמירות. יעדער ניגון איז געוואָרן אונטערגעכאַפּט פון אַלעמען און זיך צעגאָסן אין שטורמישע, האַרציקע, אין פאַרבענקטע קלאַנגען, מיט

לויב צום באַשעפער, וועלכער האָט זיין עם נבחר געשאָנקען די הייליקע תורה און דעם הייליקן שבת. אַ רחמנות נעבעך אויף די גויים, וואָס וויסן ניט פון חכמת־ישראל, ניט דעם טעם פון אַ שבתדיקן קוגל און זיי וואַרט דאָך ניט די גאולה. אָבער פאַרוואָס האָט דער רחום וחנון געלאָזט אויסקוילן זיין פרום און געטריי פאָלק, וואָס האָט געלעבט אָרעם און ערלעך און געטראָגן צו גאָט תפילות און לויב־געזאַנגען?

שרעקלעך, שרעקלעך! ווי מעג מען נאָך דעם חורבן וויטער לעבן? ווילט זיך שרייען און וויינען. שרייט אויך פון דער טויטער שטילקייט. עס רעדן צו אים די שאָטנס פון די קדושים, מיט מאָנעוודיקע בליקן פון זייערע פאַרלאָשענע אויגן. פון דער שוויגעניש רייסן זיך קללות צו די הענקער, אַ געשריי פון צער. אָבער ניטאָ מער וועמען צו ראַטעווען, צו שפּעט געקומען... בלייבט בלויז צו באַגראָבן דאָ די לעצטע אילוזיע און אַוועק פון די געסלעך, ווי אַ בליענדיק לעבן איז אין בלוט דערטרונקען, אַוועק פון אויסגעלאָשענעם לעבן פון וואַנען עס טראָגט זיך בלויז אַ חזרים־הירזשען. און מיט אַן אל מלא רחמים טרויער און מיט וויינענדיקע טריט אַוועק צוריק צו זיין מיליטערישער איינהייט וואָס נעכטיקט אין וואַלד.

ליגנדיק אונטער אַ בוים דערמאָנט זיך יונה אין זיינע ייִנגלישע פאַרכישופטע טעג, אַזעלכע גליקלעכע שטילע, מיט אַזויפיל ליבע. אפשר האָט ער צופיל געליבט אָט די מיידלישע חנען, מיט נאַיווע, אָדער שעלמישע אויגן. וואָס האָבן אַזש דעם קאָפּ פאַרדרייט און פאַרכליניעט מיט גליק. ער דערמאָנט זיך אין די ראָמאַנטישע ציגיינערקעס וואָס פלעגן טראָגן איבער יידישע שטובן טרייסט און האָפענונג, „געוואָרזשעט" פון טעשלעך קאָרטן, פאַר אָרעמע פרנסה, פאַר פאַרזעסענע מיידלעך — גליקלעכע שידו־כים. קיינער איז ניט געווען אַזוי הפקרדיק רעכטלאָז און היימלאָז ווי דאָס מוזיקאַליש באַגאַבט פאָלק. זיי האָבן געוווסט יעדנס מזל, יעדנס גורל, דעם באַשייד פון יעדן חלום אָבער זייער אייגענעם טראַגישן סוף ניט געוווסט. ליגן זייערע ביינער צוזאַמען מיט די יידישע אין די פינצטערע אָפּגרונטן.

געבליבן אומבאַשעדיקט, נאָכן בלוטיקן מבול, איז דער פּוילישער פּויער. די נאַיווע און טעמפּע סטאַכעס און יאַשעס, וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך געהאָרעוועט און די זונטיקן געבעטן אין די קלויסטערס און געשיכורט

אין די שענקן. זייערע ווייבער האָבן געמאָלקן קי און געבוירן קינדער. ווער האָט זיי אָנגעשיכורט מיט שנאה זיי זאָלן מיט זשעדנעקייט באַרויבן די אָרעמקייט פון זייערע יידישע שכנים, געטריבענע צום טויט?

איז ווי קען יונה אַנטשלאָפן אין וואַלד מיט אַזאַ צעווייטיקט האַרץ, אָנגעגאָסן מיט אַזויפיל פיינען? מיט אַזויפיל אומעט? אַרום ברומט דער ווינט און פאַרן מוח לויפט דורך דער גאַנצער פיינלעכער וועג, פון עלנט און וואָגל פון זיין פאַרלאָזן די שוועל פון זיין היים, ביז ער איז געוואָרן אַ זעלנער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און מיט דער ביקס אין האַנט דערגרייכט זיין שטעטל, ווי ער האָט קיינעם מער ניט געטראָפן. נאָר אַן אויסגעשטאָרבענע, אַ פוסטע און דערשטיקטע און אים שטיקן די טרערן.

אַנטלויפנדיק פון זיין שטעטל, באַגלייט מיט זיין מאַמעס טרערן און טאַטנס ברכה, ווערט ער אַן איינזאַמער אַריינגעפּלאָנטערט אין דעם ריזיקן פּליטים־שטראָם, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם לובלינער שאָסיי. צענדליקער טויזנטער געשפּאַנט צופוס, געשלעפּט זיך מיט וועגענער און מיט קינדער, ווער אויף וועליסאָפּעדן, ווערמען עס האָט פאַרפעלט בענזין האָבן איבער־געלאָזט זייערע אויטאָס און אַוועק צופוס. די יידן קיין מזרח צו דער סאָ־וויעטישער גרענעץ, די פּאָלאַקן צו דער רומענישער. אויפן וועגן זענען דורכגעלאָפן מיליטערישע אויטאָס, אויך זיי אַנטלויפן. ווער האָט פאַר־שפּרייט קלאַנגען, אַז די פראַנצויזישע אַרמיי שטייט שוין ביי די טויערן פון בערלין, אָבער די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן דערוויל געזייעט טויט אויף די וועגן. פון ווייטן האָט געברענט זאַמאָשטש, די שטאָט פון גרויסן י. ל. פּרץ, פון אַ דאָרף האָבן זיך געריסן די פלאַמען. אַז עס איז געוואָרן געפערלעך צו גיין מיטן שאָסיי, האָט דער שטראָם זיך געלאָזט מיט זייטיקע וועגן צווישן דערפער. בייטאָג באַהאַלטן אין די סטאָדאָלעס און ביינאַכט געוואַנדערט. האָבן דייטשע עראָפּלאַנען געצונדן דאָרפישע כאַטעס. אָנגעקומען אין שטעטל וואָסלאָוויץ האָבן דאָ יידן געגרייט זיך צו די ימים־נוראים. זיי וועלן צוליב עפּעס אַ מלחמה זיך ניט פאַרשטערן די הייליקע יום־טובים. פאַרבעטן יידן אויך יונהן צום יום־טובדיקן טיש און ווילן אים איבערצייגן, אַז אַזוי פיל יידן זיצן אויף די ערטער איז צו וואָס דאַרף ער לויפן? צווישן יידן וועט ער ניט פאַרפאַלן ווערן. אָבער דער געלויף פון די פוילישע זעלנער און זייערע אויסגעפּוצטע אָפיצירן, מיט שפּיציקע

וואָנסעלעך און אַראָגאַנטישע בליקן, איז פּאַר יונהן געווען אַ וואָרענונג, אַז דאָס פּוילן פון שנאה צעפּאַלט זיך ווי אַ קאָרטן־הייזל און אַז ער דאַרף וואָס גיכער אַנטלויפן.

אַריבער דעם טייך בוג און אַריין אין אַ דאָרף, טראָגט אים אַ פּויערטע אַנטקעגן ברויט מיט מילך. נאָר אין די אָרעמע כאַטעס האָט מען נאָך געוווּסט פון רחמנות.

אַרויס פונעם דאָרף האָט זיך יונה אַריינגעלאָזט אין דער טונקלקייט פון אַ געדיכטן וואַלד. צווישן די ביימער האָבן געשיכורט פּוילישע אָפיצירן, באַנקירן, סיים־דעפּוטאַטן, דעפענסיווע־אַגענטן, געזינדיקט מיט אויסגעלאַסענע דאַמען און פּראָסטיטוטקעס. יונה האָט געזוכט ווי זיך אַרויסצוקריגן פון דער וואַלד־בלאָנדזשעניש און פּאַר אים איז אויסגעוואַקסן, פון צווישן די ביימער, אַ הויכער, מאָדנער מאַן אין אַ לאַנגן, ניט פאַרקנעפּלטן מאַנטל, אונטערגעהונקען אויף איין פוס און געזאָגט צו יונהן:

— דו זעסט יונגער בחור, ווען די דייטשע זעלנער קריכן ווי חזרים איבער דער פּוילישער ערד, האַלטן זיי, די מלוכה־לייט אָפּ נצחונות אויף די טעריטאָריעס פון אויסגעלאַסענע נקבות. אויפן שוועל פון פּוילנס אונטערגאַנג פּראַווען זיי אָרגיעס פון שיכרות און זינד. פּוילן גייט אונטער צוליב שנאה און פאַרראַט, צוליב געמיינקייט און אַלקאָהאָליזם. די טשי־נאָוניקעס און פּולקאָווניקעס קענען גוט שפּילן אין קאָרטן, כניאָקען בראָנפן, קריכן אין בורדעלן, העצן קעגן יידן אָבער ניט פאַרטיידיקן פּוילנס פרייהייט.

— וואָס זשע וועט זיין מיטן פאָלק? די מיניסטאָרן און מלוכה־לייט אַנטלויפן דאָך קיין אויסלאַנד. האָט אים געפרעגט יונה.

— זייער שלעכט, אַ שוואַרצער ווינטער רוקט זיך אָן אויף פּוילן!

זענען ביידע געקראָכן צווישן די ביימער און ער האָט יונהן אַ סך אויסגעפרעגט פון וואַנען ער איז און צום סוף אים געזאָגט:

— דו מיין ייִנגל וועסט אין לעבן אַ סך ליידן, ווייל דו געהערסט צו די וואָס האָבן צו שטאַרק ליב! ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט, ביז דערזאָגט און פאַרשוואונדן צווישן די ביימער. איבערגעלאָזט יונהן טיף פאַרחידושט. פון וואַנען ווייסט אָט דער מיסטעריעזער מאַן, אַז יונה קען צו שטאַרק ליב האָבן? יונה האָט דאָך טאַקע שטענדיק געהאַט ליידנ־

שאַפטלעכע ליבע־יסורים און ליבע פאַרלאַנגען, וואָס פלעגן אים טרייבן צו אַנטלויפן צו דער שטילקייט פון וואַלד דאָרט צו שטילן די זאַוויערוכע אין האַרצן. אַמוויטיקסטן איז געווען זיין ליבע צו זיין אייגענער לערעריך. ער פלעגט וואַרפן הייסע בליקן צו איר ווייס הייזל. יעדער איר שמייכל, איר שטיפערישער געלעכטער צו עפּעס אַ לערער פלעגט אַנצונדן אין אים די שטאַרקסטע ליידן פון קינאה. אָבער פון וואַנען ווייסט דאָס דער פרעמדער מאַן, פון זיינע צעפלאַמטע געפילן? יונה האָט דאָך דאָס פּאָר קיינעם קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט.

צי איז אָבער איצט, אויף די וועגן פון וואָגל, אין מיטן הונגער און מידקייט, די פּאַסיקע צייט צו ליבע־געפילן? ער מוז דאָך, איידער עס פאַלט צו די נאַכט, זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער וואַלד־געדיכטעניש אין איבערנעכטיקן ערגעץ אין אַ דאָרפישע סטאָדאָלע, כדי פאַרטאָג זיך לאָזן ווייטער אויף דעם בלאָטיקן וועג קיין קאָוועל.

די גרויסע שול אין קאָוועל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט יידישע פּליטים, וואָס האָבן דאָ געפונען אַ שוץ קעגן די רעגנס. קאָוועל איז לויט דעם אָפּמאַך צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און היטלער־דייטשלאַנד געווען באַזעצט פון דער רויטער אַרמיי און די קאָוועלער יידן זענען געווען זיכער אַז פאַר זיי איז משיח געקומען צו רייטן אויף אַ סאָוועטישן טאַנק. ס׳איז אַוועק זייער פּחד פאַרן פּוילישן כוליגאַן. פריילעכע רוסישע זעלנער האָבן מאַרשירט איבער דער שטאָט מיט געזאַנג. אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן ריזיקע בילדער פון סטאַלינען. פון די גאַסן הילכערס האָבן זיך געטראָגן האַרציקע רוסישע מעלאָדיעס. כאָטש צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט אין דער שטאָט אַריינמאַרשירט אויך דער הונגער. נאָך ברויט האָט מען געמוזט גאַנצע נעכט שטיין אין לאַנגע רייען ביי די בעקערייען. די שפּייזן און סחורות, זענען פּלוצים פאַרשוווּנדן פון די געשעפטן. די סאָוויעטישע זעלנער האָבן ווי היישעריקן אַלץ אויסגעקויפט. דאָך זענען די יידן געווען שטאָלץ מיט דער סאָוויעטישער מאַכט. די יידישע יוגנט האָט אָנגעטאָן רויטע לענטעס אויף די אַרבל און געוואָרן מיליציאָנערן. די פאַלאַקן דערזעענדיק יידן מיט ביקסן, זענען אין בהלה אַנטלאָפן צו די דייטשן, ווען פון דאָרט האָבן זיך דורכגעריסן איינצלנע יידן, איינ־שטעלנדיק זייער לעבן, און געבראַכט די ערשטע גרוסן פון יידישן

אומגליק אונטער דער מערדערישער הערשאַפט פון היטלעריזם און געמיינ־קייט פון די פּאָלאַקן וועלכע האָבן אויסגעלערנט דאָס איינציקע דייטשע וואָרט: יודע. און אָנגעוויזן די דייטשן ווער ס׳איז אַ ייד, זיי צו פאַרטרייבן פון די רייען נאָך ברויט, אָדער זיי כאַפּן אויף אַרבעט. אין זייער אייגענער טרויעריקער, דערנידערנדיקער לאַגע האָבן זיי ניט פאַרגעסן אין זייער יידן־האַס.

ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן אין קאָוועל, האָט יונה זיך ווערבירט אויף אַרבעט קיין דאָנבאַס. אָנגעקומען מיט אַן עשאַלאָן יידישע פּליטים וואָס האָבן זיך געפרייט, געליאַרמט, געמיינט אַז דאָ וואַרט זיי דער אמתער גן־עדן. אָבער ווען מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין די טיפע פינצטערע שאַכטעס, ווו זיי זענען פאַרשוואַרצט געוואָרן פון די קוילן און פון שווערער אַרבעט, זענען זיי אַנטוישטע און מידע אַוועקגעפאַלן אויף די אייזערנע בעטלעך אין דער אָבשעזשיטיע, פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט, פאַרלוירן צו אַלץ דעם נייגער. ערשט ווען זיי האָבן זיך אַביסל צוגעוווינט און פון די אַלטע שאַכטיאָרן אויסגעלערנט, ווי לייכטער צו אַרבעטן און איבער־צושטייגן די נאָרמעס, כדי בעסער צו פאַרדינען, האָבן זיי זיך דערלויבט אַרויסצוגיין אין שטאָט, געזען די עלנטע הייזלעך און באַוווּנדערט די קרעפטיק שיינע באַרישניעס, באַפריינדעט זיך מיט די אַלטע שאַכטיאָרן, וואָס זענען געווען גוטהאַרציקע מענטשן, אַוועקגעלאָזט זיך אין „קראַסני אוגאָלאָק“ אין אַ טאַנץ מיט אַ „קראַסאַוויצע“, געלאָזט זיך צום באַזאַר עפּעס צו פאַרקויפן אָדער צו קויפן אַ ברויט, אָדער אַוועק צום וואָקזאַל, אפשר וועט מיט עפּעס אַן עשאַלאָן אָנקומען אַ באַקאַנט פּנים, אַן אייגענער? אָבער געטראָפן האָבן זיי וואַנדערנדיקע שלעפּערס, פינצטערע טיפּן אין אָפּגעריסענע לאַכעס, היימלאָזע בראָדיאַגעס. צי האָט דאָס נאָך־רעוואָלוציאָ־נערע רוסלאַנד פאַר אָט די שטיף־קינדער ניט געפונען קיין היים און קיין אַרבעט?

האָט אויך יונה ניט געהאַט קיין נחת פון אָט דעם סאָציאַליזם, צו וועלכע די יידישע יוגנט אין פוילן האָט געריסן זיך מיט פאַרבענקטע בליקן. פון די ווענט האָט אַראָפּגעשריגן די לאָזונג: „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק“. אפשר איז אויך דער קאָמוניזם אַ מין אָפּיום וואָס פאַרסמט די מוחות, רויבט צו דעם ווילן, די איניציאַטיוו, אַ צווייטע לאָזונג שרייט:

אַז „סאָציאַליזם איז עלעקטריציטעט פּלוס ראַטן־מאַכט", און ווי איז גלייכהייט, ווי איז פרייהייט, צי נויטיקט זיך דער סאָציאַליזם, ניט אין דעם? די צייטונג „פּראַוודאַ" דערמאָנט ניט דאָס וואָרט פרייהייט און ניט גלייכהייט נאָר דערציילט אַן אַ שיעור וועגן איבערגעשטיגענע נאָרמעס פון די שאַכטיאָרן, אַז די קי גיבן מער מילך און די ווייבער געבוירן מער קינדער. גאַלינאַ איוואַנאָוונאַ, האָט שוין אַכט קינדער, דערציילט די צייטונג, און איז אין גאַנצן 28 יאָר אַלט. די פּרויען האָבן דאָ אַלע רעכטן צו די שווערסטע אַרבעטן, אָבער אַבאָרטן איז פאַרווערט, דאָס איז אַ פאַרברעכן.

כאָטש יונה האָט זיך גאָר ניט געפילט היימיש מיטן דאָזיקן סאָציאַליזם האָט אָבער אים מער געשראָקן דער היטלעריזם און געלעבט אין אומרו פאַרן גורל פון זיינע טייערסטע, וואָס געפינען זיך אונטער דער באַנדי־טישער הערשאַפט. דער היטלעריזם האָט זיך גאָר ניט באַגנוגנט צו פאַרכאַפּן פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיי און אַנדערע אייראָפּעישע לענדער און דער נאָר־וואָס געשלאָסענער אָפּמאַך צווישן ריבנטראָפּן און מאָלאָטאָוון, האָט זיי גאָר ניט געשטערט, אויף אַ פאַררעטערישן אופן, צו באַפאַלן אויך דעם ראַטן־פאַרבאַנד, גענומען באָמבאַרדירן אירע דערפער און שטעט. ווי אַ טויט־שפּריצנדיקער מבול, פאַרגאָסן דאָס ריזיקע לאַנד מיט אירע טאַנקן און איר מעכטיקע אַרמיי.

פאַר יונהן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער וואָגל, ווידער מיטן שטראָם פון הימלאָזיקייט, געלאָזט זיך קיין מזרח, אַ הונגעריקער, אין די האַרבסטיקע קעלטן, צו דער ברייטער וואָלגע, דאָ זיך אַריינגעריסן אין אַן אָנגעפּאַקטער שיף מיט פּליטים, דערנאָך מיט דער באַן דערשלעפּט זיך צו דער קאַווקאַ־זישער שטאָט מעכאַטשקאַלאַ, וווּ די הייזער און אַלטע מעטשעטן זענען געשטאַנען אַריינגעשטופּט צווישן בערג. איבער די שמאָלע עקזאָטישע געסלעך זענען שוואַרצהויטיקע קאַלמיקן אָדער טאַטאַרן, אָנגעטאָן אין טאַביטעס, נאָכגעגאַנגען נאָך שווערמוטיקע בופלאָקסן און קליינע אייזעלעך, וואָס האָבן געשלעפּט שווערע פּעק אַרויף אויף די בערג. דער באַזאַר איז געווען פול מיט עקזאָטישע פרוכטן מיט טעם פון גן־עדן. אָבער אויך אַהער האָבן דערגרייכט די דייטשע עראָפּלאַנען און באָמבאַרדירט די שטאָט. די באַנדיטישע אַרמיי האָט זיך געריסן קיין מאָסקווע, צו דער וואָלגע,

צום נאָפט פון קאַווקאַז, האָבן די פּליטים אויך דאָ ניט געפונען קיין רו, ניט קיין היים און געלאָזט זיך אין ווייטערדיקן וואָגל, דערגרייכט צום אַסטראַכאַנער פּאָרט ביים קאַספּישן ים. די זיבעטע סטאַציע פון פּאָרט איז געווען פאַרלייגט מיט אַ מאַסע פּליטים, הונגעריקע, אָפּגעריסענע און פאַרלייזיקטע זקנים, פרויען און קינדער. אין גרויסן ענגשאַפט איז ניט געווען ווו דעם קערפּער אַוועקצולייגן, ניט מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן. געווען בלויז פּעסער מיט קליינע געזאַלצענע פישלעך, די קילקעס וועלכע האָבן געדורשט. עס איז ניט געווען קיין טרונק-וואַסער צום לעשן דעם דורשט. נאָך לאַנגע מאַטערנדיקע טעג פון הונגער און דורשט איז יונהן געלונגען זיך אַרויפבאַקומען אויף אַ טאַנקער וואָס האָט אים אַוועקגעפירט דורכן קאַספּישן ים קיין קראַסנאַוואָדסק. אויך די אַזיאַטישע שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיט מאַסן פּליטים. אָבער פון דאַנען זענען אַוועק עשאַלאָנען וואָס האָבן אַוועקגעפירט די פּליטים צו די ווייטע לעגענדאַרע שטעט: בוכאַראַ, סאַמאַרקאַנד און אַנד.

די פּליטים האָבן געחלומט וועגן זאַטע שטעט און פעטע קאָלכאָזן, זיי האָבן אָבער אין דער „שטאָט פון ברויט״, געטראָפן אַן אינוואַזיע פון הימלאָזיקייט און הונגער. טאַשקענט, די הויפּט-שטאָט פון אוזבעקיסטאַן איז געווען מיט ברייטע גאַסן מיט ווייסע מלוכהשע געביידעס, מאָנומענטן, טעאַטערס, קינאָס, אוניווערסיטעטן און הויך-שולן. צווישן די מאָדערנע הייזער זענען געשטאַנען אַלטע קיביטקעס וואָס האָבן געהאַלטן זיך ביים צעפאַלן, פאַרשמירטע מיט בלויע קאָלירן, אַ סגולה קעגן שדים. איז טאַשקענט געווען אַ געמיש פון אייראָפּעישע און אַזיאַטישע סטילן, מאָדערניזם מיט אָפּגעשטאַנענקייט, מאַרקסיזם מיט קאָראַן. סאָציאַליזם מיט נ.ק.וו.ד.-לייט. אַקאַדעמיעס מיט טורמעס, אַ טראַמוויי-געררויש מיט קעמל-הירזשען און אייזל-געוויין. איבער די גאַסן האָבן זיך געשלאָנדערט אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע יידישע פּליטים, באַפרייטע פון סיביר, לאַגערס, וואָס האָבן פאַרפלייצט דעם וואָקזאַל, דעם באַזאַר און די טשייניעס. די מיליציאָנערן האָבן זיי געטריבן פון וואָקזאַל, אַרעסטירט אויף די באַזאַרן. האָבן זיי הונגעריקע, קראַנקע אויף פיבער און טיפוס, ניט געהאַט ווי צו גיין, אומעטום האָט געוואַרט אויף זיי הונגער און נויט, האָבן זיי געשטופּט זיך אין די לאַנגע אָטשערעדעס מיט נערוועזע

בליקן און בלעכענע קעסעלעך, נאָך ברויט און קאַשע, געוואַלגערט זיך אין שמאָלע געסלעך פון קוואַרטאַל אורבאַ, צווישן אַלטע הייזלעך און קיביטקעס מיט בלינדע ווענט, וועמענס פאַרקראַטעוועטע פענצטער גייען אַרויס אין פאַרמאַכטע הייף. איבער די געסלעך האָט זיך געטראָגן דער ריח פון בהמה־מיסט און שעפסן־ריח מיט אַ געמיש פון מזרח־לעגענדעס. האָבן זיי זיך געדרייט פרעמדע צווישן קליינוויקסיקע אוזבעקן מיט שפּיציקע בערדלעך און אוזבעקטשעס מיט באַהאַלטענע פּנימער אונטער פאַראַנדזשעס, צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעשיינט יונגע שלאַנקע אוזבעקטשעס מיט שוואַרצע צעפּ, געוואָרפן שטיפערישע בליקן פון הייסע אויגן. אָבער יונה האָט אין דער וויטער פרעמדקייט געבענקט נאָך די טייערע יידישע מיידלעך פון זיין היים. צו זיינע עלטערן און שוועסטער, צו זיין טייער היימיש שטעטל, פון וואַנען עס דערגיין שוידערלעכע ווייגעשרייען פון פאַר־לאָזטע, איבערגעלאָזטע אויף הפקר אין די הענט פון אַ באַנדיטישער מאַכט.

אַן איינזאַמער אין דער פרעמד, צווישן ווי און ווונדער, האָט יונה ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, געביסן פון וויטיק וואָס ער האָט איבערגעלאָזט די עלטערן, געביסן פון לייז, ביינאַכט פון וואַנצן, פון הונגער און שילשול. צום גליק האָט ער געטראָפן אַן עוואַקואירטן ייד פון אוקראַינע, וואָס האָט מיט אינטערעס אים אויסגעפרעגט וואָס ער טוט דאָ און פון וואַנען ער איז? און געהייסן אים, גלייך מאָרגן צו קומען אין דער פאַבריק, ווו ער איז אַן אינזשיניער. איז יונה גאָר אומגעריכט געוואָרן אַן אמתער פאַבריקס־פּראָלעטאַריער. אַריין אין טומל פון זשומען און הוזשען פון מאַשינען. דורך די שויבן פון די גרויסע פענצטערס האָט אַריינגעקוקט אַ ברייטער הימל, עס האָבן אַריינגעשמייכלט זון־שטראַלן, אָבער יונהן איז אַלץ געווען אומעטיק אויפן האַרץ. אין דעם גרויסן צעך האָבן מיט גערויש און מיט אימפּעט געדרייט זיך הונדערטער רעדלעך אין ריטמישן געיעג, איינעסנדיק זייערע אייזערנע ציינדלעך אין די אַנדערע רעדלעך און אין ווילדער גיכקייט געטריבן די לעדערנע פּאַסן, וואָס האָבן באַוועגט די מאַשינען, האָט דער טייוולאַנישער געדריי גע־שווינדלט אין די אויגן, געררישט אין די אויערן. אָבער וואָס פאַראַ געניאַלע חכמה ליגט אין דער קיילעכדיקייט פון אַ רעדל, וואָס באַוועגט אַלע מאַשינען, אויטאָס, באַנען, טראַמווייען, עראָפּלאַנען, דערנענטערט מרחקים,

באַזיגט דעם מהלך און צייט און לאָזט אין גאַנג די ווייזערס פון טויזנטער זייגערס. אפשר טרייבט אויך דאָס ראָד פון דער געשיכטע, צו קאַ־טאַסטראָפעס און מלחמות און אַריינגעדרייט יונהס גורל אין דעם רע־דער־געדריי פון די וועלט געשעענישן, וואָס האָבן אים פאַרטריבן פון זיין ליבער היים ביזן רעדער־געדריי פון מעכאַנישן צעך פון אַ טאַש־קענטער מעטאַל־פאַבריק?

אָט רייסט זיך איבער אַ פּאַס און מאַשינען בלייבן שטיין ווי געשטאָרבן, אַ קליינער פאַנטשער שטעלט אָפּ דעם רעדל־געדריי. אפשר איז אָט די מלחמה אויך אַזאַ פאַנטשער, וואָס האָט געענדערט יונהס ביז איצטיקע לעבן?

אַ באַרימטער דייטשער פּראָפעסאָר מיטן נאָמען העגעל, האָט געפּרע־דיקט אַז די מענטשלעכע געשיכטע באַוועגט זיך ווי אַ מאַשין מיט באַשטימטע מעכאַנישע געזעצן, איר גאַנצער גאַנג איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, אַלץ מוז אַזוי און ניט אַנדערש געשען. ניטאָ קיין צופאַלן און קיין אינצידענטן. די מלחמות, די מיליאָנען קרבנות, היימלאָזיקייט, הונגער דאָס זענען קרבנות פון דער „היסטאָרישער נויטווענדיקייט". האָט דער באַרימטער קאַרל מאַרקס גענומען ביים קייזערלעכן פּראָפעסאָר זיין טעאָריע, צוזאַמען מיט זיין „דיאַלעקטישן מעטאָד" און געשטעלט צום דינסט פון דער רעוואָלוציע. איצט הענגען אין דעם לאַנד פון דער רעוואָ־לוציע, אויף די ווענט פון די שולן, אַמטן און אינסטיטוציעס די בילדער פון מאַרקסן און ענגעלסן צוזאַמען מיט די בילדער פון לענינען און סטאַלינען. ווי פריער די בילדער פון די הייליקע אין די צערקוועס און קלויסטערס. אין יונהס שטעטל האָט די מאַרקסיסטישע יוגנט געזונגען:

איך פלי אין די הימלען ווי אַן אָדלער אַ פרייער,
מיין נשמה איז אין די הויכן אַ שטערן אַ נייער.

ווער זשע האָט אונטערגעהאַקט די פליגלען פון די אָדלערס?

נעבן אַ רעדער־געדריי פון אַ סטאַנאָק האָט געאַרבעט די סטאַכאַנאָווקע נאַטאַשע. די מלחמה האָט איר אַהער פאַרטריבן פון ווייטן שיינעם לענינ־גראַד. אַרבעט זי אויס גילזן פאַר קוילן און בענקט צו איר באַליבטער שטאָט. די הייסע ווערטער וואָס יונה וואַרפט איר, ווערן פאַרשריגן פון

דעם מאַשינען־געררויש, אָבער דער שמייכל פון אירע ליפּן דערוואַרעמען זיין האַרץ. יונה האָט געקענט לענינגראַד נאָר פון ביכער. געלייענט וועגן די באַרימטע פּעטראָפּאַוולאָסקער זאַוואָדן, באַלטישע מאַטראָזן פון די אָקטאָבער־טעג. אויך געלייענט וועגן אַמאָליקן פּעטערבורג פון די צייטן פון צאַר, פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַנען. געקענט די שטאָט פון „דערנ־דערדריקטע און באַליידיקטע", די שטאָט אַ צעפלאַמטע פון די רעדעס פון טראָצקין, וואָס האָט געצונדן אין באַליידיקטע נשמות פלאַמיקע האָפענונגען, צעוואַרעמט און צעבונטעוועט די דערני־דריקטע. צי איז געבליבן אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם, נאָך אַ פּלעמל, אַ פונק פון יענעם הייסן גלויבן? וואָס פאַראַ בייזער גייסט האָט אַ סוף געמאַכט צו יענעם גרויסן חלום? געמאַכט אַ סוף צו יענע שטורמישע טעג, ווען געביילטע פויסטן האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן און גערופן צו „ראַזדויען אַ פּאַזשאַר מיראַוווי" און מיט אַ מעכטיקן דאַלוי! צעשמעטערט טראָנען, אַראָפּגעריסן קרוינען, אַראָפּגעוואָרפן די קנעכשאַפט פון מיליאָנען! פאַרוואָס זענען יענע האָפענונגען צעטייעט ווי אַ שניי אונטער דער זון? ווער האָט דעם רוסישן פאָלק אָנגעטאָן נייע קייטן און אַ נייער שקלאַפעריי? היינט שטייט די העראָישע שטאָט אַ פאַרשעמטע. די ליבע נאַטאַשע האָט פון דאָרט אַהערגעבערענגט איר וווּנדערלעכן שמייכל און יונה וואָלט גערן אַ קוש געטאָן די פלײשיקע ליפּן פון דעם ליבן רוסישן מיידל.

אָבער אויך צווישן די סטאַנקעס טראָגט ווער אַריין שנאה. געווען אַן אוקראַינישער בריגאַדיר, אַ קאָמוניסט, בלינד אויף אַן אויג, פויל ווי אַ קאַץ און געפּרעדיקט אַז יידן ווילן ניט אַרבעטן. ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ פאַרסמטן שמייכל און העצן די שיקסעס ביי די סטאַנקעס קעגן די העכערע נאַטשאַלניקעס און אינזשיניערן וואָס זענען אַלע געווען יידן. ער פלעגט זאָגן אַז די יידן זענען כיטרע, ווילן לייכט אַרבעטן און גוט פאַרדינען, דערפאַר ווערן זיי אינזשיניערן און דאָקטוירים, אַז יידן האָבן פיינט צו אַרבעטן און האָבן ליב געלט.

וואָס פאַראַ ווערט האָט דען מ׳שטיינסגעזאָגט דאָס געלט ווען פאַר אַ וואָך אַרבעט קען מען אפשר קויפן קוים אַ ברויט אויפן באַזאַר? ציען זיך די אַכט שעה אַרבעט יעדן טאָג ווי אַן אייביקייט. דער רויש פון מאַשינען פאַרגלושען דעם ווייטיק פון די עוואַקואירטע אלמנות, די בענק־

שאַפּט פון אוזבעקישע מיידלעך נאָך זייערע באַליבטע בחורים אויף די פראָנטן. פון די פאַרקאַפּטשעטע ווענט אין די צעכן האָבן אַראָפּגעשריגן די לאָזונגען: „דער הינטערלאַנד איז אַזוי וויכטיק ווי דער פראָנט! פאַר־טאָפּל דיין נאָרמע! שטעל צו פאַרן פראָנט מער שטאָל, מער טשיגון, מער פולעס!" — אָבער צו וואָס דאַרף דער מענטש די מלחמות?

וואָלט יונה געגרן אין די פרייע זונטיקדיקע טעג אַוועק מיט דער שיינער נאַטאַשאַ אין שטאַטישן פּאַרק, אָבער דער הונגער האָט אים געטריבן צום באַזאַר. אויף קויפן אַ ברויט האָט אים ניט געסטאַיעט קיין געלט, וועט ער אפשר קויפן אַ לעפּיאָשקע מיט אַ ביסל זויער־מילך? דער באַזאַר איז געווען פול מיט ווייַנטרויבן, מיט לאַקריץ־זיסע קאַוואָנעס, עס האָט געוואָסערט אין מויל פון די זאַפטיקע פרוכטן וואָס אַלטע אוזבעקן מיט ווייסע בערד, ווי ביי פרומע יידן, פלעגן אַרויסברענגען אויף קליינע אייזעלעך, אָדער אויף קעמלען, די אוזבעקטשעס פלעגן פאַרקויפן זויער־מילך און וואַרעמע לעפּיאָשקעס, וואָס האָט נאָך מער צערייצט דעם אַפּעטיט און ניט געשטילט דעם הונגער. האָט יונה גיריק געקוקט אויף די פולע טעפּ זויער־מילך וואָס די אוזבעקטשעס האָבן געריממט פאַר די קונים:

—יאַראָשי־קאַטעק! און זיי האָבן ניט געקענט אָפּטרייבן פון זיך די הונגעריקע זשוליקעס, מיט פאַרפוילטע ציין, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון די קוישן לעפּיאָשקעס. פלעגט טאָקע ניט זעלטן זיך צעטראָגן אַ ווייבערישער געשריי איבערן באַזאַר:

— קאַראַבטשיק! קאַראַבטשיק! כאַפּט אַ גנב! אָבער ווער פלעגט זיך איבערנעמען פון אַזעלכע געשרייען?

אויפן באַזאַר האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט ניט ווייניק יידישע פּליטים פון פוילן און בעסאַראַביע. געדונגען זיך, אויף שטים־לשון, מיט די אוזבעקן, געזוכט וועמען אַ לעצט העמד צו פאַרקויפן. ניט געפעלט אויך קיין יידישע כיטרע הענדלערס, וועלכע האָבן אין אַ וואַרשעווער אָדער גאַליציאַנער יידיש זיך איבערגעשריגן:

— האָסט עפּעס פאַרקויפט יענקל?

— יאָ, מיין טאַטנס ירושה!

דעם גרעסטן טומל האָבן אויפן באַזאַר געמאַכט די מלחמה־אינוואַלידן, אַרויס פון די שפּיטעלער, ווער אָן אַ פוס, ווער אָן אַ האַנט, אָדער סתם

צוריקגעקומענע פון די פראָנטן מיט צעבראָכענע גלידער און צעקאַליע־טשעטע נשמות, האָבן זיי געמאַכט אַוואַנטורעס, געשלאָגן, געזידלט, גע־שריגן: נאַכאַל! פּאַראַזיט! כוליגאַן! און אַליין געכוליגאַנעוועט, געזוכט אויף וועמען זייער צאָרן אויסצוגיסן, פאַר קיינעם ניט געהאַט קיין דרך־ארץ, צו קיינעם קיין צוטרוי. גרייט געווען די גאַנצע וועלט מיט זייערע קולעס צו צעשמעטערן, אָבער אָננעמען די וועלט פאַרן קאַרג און שיקן צו אַלדע שוואַרץ־יאָר.

יונה האָט זעלטן געהאַט גענוג געלט צו קויפן ברויט אויפן באַזאַר האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שטאָטישער ביבליאָטעק, צו לעשן דעם גייסטיקן הונגער. אויף די טישן זענען געלעגן צעשפּרייט די פּאַר־שידנסטע סאָוויעטישע צייטונגען און זשורנאַלן און אויף די פּאָליצעס ביכער מיט אוצרות פון געדאַנק, ווי עפּעס אַ גרויסער מאַגאַזין פון קאָלעקטיוון גייסט, פון טאַלאַנט און מענטשלעכן זכרון, וואָס לעבט איבער הערשער און רעזשימען, וואָס שטעלט זיך מוטיק אַנטקעגן יעדער דיספּאָטיע און צינדט אָן אין די מוחות ליכטיקע געדאַנקען אין די הערצער, הייסע געפילן. די גרויסע שעפער זענען ניט געווען קיין „הויף־זינגער“, ניט געחנפעט די מושלים, נאָר מיט וואָרט און טאַלאַנט אַרונטערגעריסן יעדן שקר, צביעות און געמיינקייט. זיי האָבן אויסגעהאַמערט די אייביקע גע־שטאַלטן פון דאָן־קיכאָטישע פאַנטאַזיע און האַמלעטישן צווייפל און קיינעם ניט געשוינט ניט די קירכע, ניט די הערשער, אַרונטערגעריסן די גאווה פון אַריסטאָקראַט און טשינאָווניק, אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון פּאַטריאָ־טיזם. דיכטער און דענקער האָבן אין אַלע שפּראַכן געטראָגן דעם פּראָמע־טעאושן פאַקל פון פרייהייט און גערופן דעם מענטש צו קלעטערן גייסטיק אַלץ העכער. ליידער איז דאָס ריטשען פון דעמאַגאָגן העכער ווי די רייד פון די איידעלע גייסטער. צי האָבן דען די פאַרסמטע פון שנאה און שקר געקענט הערן די וואָרענונג און נביאישע ווערטער פון היינריך היינע?

— פינצטערע צייטן רוקן זיך אָן אין וועלכע, אויב אַ נביא וועט וועלן אַ נייעם אַפּאָקאַליפּסוס שרייבן, וועט ער מוזן נייע בעסטיעס דערפינדן, אַזעלכע שרעקוואַרפנדיקע, וואָס די אַמאָליקע יאָהאַנישע חיה־סימבאָל זענען אין פאַרגלייך מיט זיי געווען מילדע טייבעלעך.

האָט טאַקע יונה אין די פינצטערע צייטן געזוכט אַ טרייסט אין די

ביכער און הונגעריק געשלונגען די געדאַנקען פון גרויסע שרייבער און דענקער, ווייל ווען די מגיפה פון היטלעריזם האָט געבושעוועט איבער אייראָפּע איז אויך דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם געווען איינגעהילט אין אַ מין היפּנאָזע, דאָס פאָלק פאַרוויגט אין פּחד, מיט ציטער אַרויסצולאָזן פון מויל אַ ניט־כשר וואָרט. דאָס מענטשלעכע לעבן, אַזוי מאָדנע ביליק, דער מענטש האָט געמוזט דינען דער מדינה, דער פּאַרטיי און דעם פירער.

האָבן טאָקע ניט געפעלט, אויף די פּאָליצעס, קיין ביכער וואָס האָבן געדינט דעם פּאַרטייאישן שקר. אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ ליטעראַטור מיט גאָרניט זאָגנדיקע געדאַנקען. זיי זענען אפשר געווען נוצלעך, אַפילו פאַר די וואָס קענען ניט לייענען, צום איינפּאַקן הערינג אָדער אַלס טואַלעט־פּאַפּיר, וואָס מען האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט באַקומען. אויב אַזעלכע ביכער האָבן פאַרטומלט די מוחות זענען דערפאַר די עפנטלעכע קלאָזעטן געווען די איינציקע אינסטיטוציעס פאַרן פרייען וואָרט. אויף אירע ווענט זענען געווען אָנגעשריבן אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט אמתדיק געטראַכט. אין אַזאַ קלאָזעט האָט יונה געטראָפן אַ צייכענונג, ווי צוויי הענט שטיקן אַ מענטשלעכן האַלדז און אונטער איז געווען אָנגעשריבן די ווערטער פון אַ באַרימט סאָוויעטיש ליד: „איך קען ניט נאָך אַ לאַנד אַזעלכעס ווי אַזוי פריי עס עטעמט דער מענטש".

אומזיסט האָט יונה געזוכט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק אַ יידיש בוך. די פאַרבלוטיקטע שפּראַך פונעם היימלאָזן פאָלק איז אויך אין לאַנד פון סאָציאַליזם געווען באַליידיקט און פאַרשטומט. עס האָבן אָבער גאָר ניט געפעלט קיין לעבעדיקע טראַגעדיעס. אָט דערציילט יונהן אַ ייד, מיט די קורצע ווערטער זיין טראַגיש לעבן:

— יונגערהייט האָב איך געלערנט אין אַ ישיבה גמרא, נאָך דער רעוואָלוציע האָב איך געלערנט אין אַן אינסטיטוט — מארקסיזם־לעניניזם. מיין פאָטער איז פאַרן חטא וואָס ער איז אַ ייד דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּעטלורא־באַנדעס, מיין זון איז ביי 19 יאָר דערשאָסן געוואָרן דורך די סאָוויעטן אַלס טראָצקיסט. מיין פרוי דערוויסנדיק זיך אַז מען האָט דערשאָסן אונדזער זון איז פאַר ווייטיק קראַנק געוואָרן און פרי געשטאָרבן. זי איז געווען די איינציקע פון מיין משפּחה וואָס האָט געהאַט דאָס „גליק", צו שטאַרבן מיט אַ נאָרמאַלן טויט. מיין טאָכטער האָט אַ שוואַנגערדיקע

ניט געקענט אַנטלויפֿן, אין דער איצטיקער מלחמה פֿון קיִעוו און איז דאָרט אַריינגעטריבן געוואָרן, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, אין דעם באַל־שעוויסטישן פּאַרטיי־לאָקאַל, וואָס די היטלעריסטן האָבן אונטערגעצונדן. נאָר מיר אַליין איז געשען דאָס אומגליק, צו בלייבן לעבן. פֿאַרוואָס קומט דאָס מיר, פֿאַר וועלכע זינד? וואַלגער איך זיך אַרום אין פֿאַרשאָלטענעם טאַשקענט און דער טייוול וויל מיך ניט נעמען.

דאָס איז אַ קורצער קאַפּיטל פֿון אַ סך טראַגישע לעבנס־ביכער. דאָס לעבן האָט אויך געשריבן טרויעריקע בלעטער אין יונהס לעבנס־בוך, בלעטער פֿאַרהוילטע אין דער אומזיכערקייט, אונטער דער בלוטיקער האַק פֿון די היטלעריסטישע הענקערס, ווי עס הענגט דער גורל פֿון זיינע טייערסטע. בלעטער טראַגישע נאָך ניט קיין פֿאַרשריבענע, ווייל ווער ווייסט וואָס דאָרט געשעט, וואָס פֿאַראַ צרות זיי שטייען אויס פֿון דעם רעשדיקן היטלער־באַנדיטיזם?

דערפֿאַר איז גאָר ניט געווען די פּאַסיקע צייט צו זוכן פֿלעקן אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווען די שאַרף פֿון היטלעריסטישן מעסער ליגט אויפֿן האַלדז פֿון יידישן פֿאָלק. מען מוז פֿאַרגעסן אין דעם ריבנטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך, אפשר וועט דער סאָוויעטישער אַרמיי באַשערט זיין צו ווערן דער באַגרעבער פֿון היטלעריזם: די נקמה־נעמער און באַצאָלער פֿאַר די יידישע ליידן? דערפֿאַר האָט יונה געמעגט גלויבן אַפֿילו דער „פּראַוודאַ“, וועלכע האָט מער ניט געשריבן וועגן באַפֿאַלענעם דייטשן פֿאָלק דורך די ענגליש־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן, נאָר דערציילט די אמתן וועגן די היטלעריסטישע פֿאַרברעכנס:

— „פּוילן איז געוואָרן די היים פֿון טויט, מאָרד, גאַז־קאַמערן, ווי מען פֿירט גאַנצע פּאַרטיעס אַריין נאַקעטערהייט, כלומערשט אין באָד אַריין. אויף מאָרגן פֿירט מען פֿון דאָרט אַרויס גאַנצע פּאַרטיעס טויטע, דער־שטיקטע און מען באַגראָבט זיי איילנדיק, ווייל נייע טראַנספּאָרטן פֿון לאַסט־אויטאָס מיט לעבעדיקע אַלטע־לייט, פֿרויען און קינדער דאַרפֿן געפֿירט ווערן צום טויט“.

איז דאָס מעגלעך? דאָס קען דאָך ניט זיין קיין ליגנט, דער היטלע־ריזם איז דאָך אַ באַוועגונג פֿון משוגעים, פֿון זיי קען מען דעם גרעסטן פֿאַרברעכן דערוואַרטן. כאָטש די „פּראַוודאַ“ שרייבט ניט ווער עס זענען

די געפירטע צום טויט, איז דאָך קלאָר אַז דאָס זענען יידן. היטלער האָט דאָך אין זיין זאָאָלאָגישן האַס צוגעזאָגט. אַז ער וועט פאַרניכטן די יידן און אַט האַלט ער וואָרט. איז וואָס זאָל יונה טוען, ווי קען ער נאָרמאַל יעדן טאָג גיין צו דער אַרבעט, עסן טרינקען און שלאָפן. ווי פּלאַצט ניט זיין האַרץ פון ווייטיק? ווי האָט ער געמעגט איבערלאָזן זיינע טייערסטע און ראַטעווען נאָר זיין אייגענע הויט. ווי וועט ער קענען לעבן אויף דער וועלט און מער קיינמאָל ניט טרעפן זיינע טייערסטע, ניט זיין מער מיט זיי צוזאַמען? בלייבט דער איינציקער טרייסט — דער זיג פון דער רויטער אַרמיי. אפשר וועט זי באַוויזן נאָך צו ראַטעווען אַ גרויסע טייל יידן? לוידער זענען די נייעסן פון די פראָנטן געווען גאָר טרויעריקע, די באַנדיטישע היטלער־אַרמיי האָט אַלץ געריסן שטיקער פון גרויסן רוסלאַנד. צי איז דען אַלץ פאַרלוירן, צי איז ניטאָ קיין פונק פון האָפענונג?

אין אַט די שווערע טעג פון יאוש האָט יונה געפונען אין דער טאַש־קענטער ביבליאָטעק, אַ פריינדשאַפט, מיט אַן עלטערע פון אים, סימפּאַטישע און אינטערעסאַנטע פרוי. זי האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג, פאַרוואַגלט געוואָרן אַהער פון סמאָלענסק. איר מאַן איז גלייך, ביים אויסברוך פון דער מלחמה, מאָביליזירט געוואָרן און געפינט זיך מער ניט צווישן די לעבעדיקע. זוכט זי אפשר, אין איר פרייער צייט, דעם צער אין ביכער צו דערטרינקען? יונהן האָט צוגעשמידט צו דער פרוי, איר אינטעליגענץ, אירע געלאַסענע רייד, איר טרויעריקער שמייכל, אפשר אויך איר געשמאַקע ווייבלעכקייט? עס קען דען זיין אַז אַן אַכצן יעריקער בחור זאָל זיך פאַרליבן אין אַ דרייסיק יעריקער פרוי? כאָטש דאָס איז אים שוין אַמאָל געשען, אין זיין שטעטל, ווי ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין אייגענע לערערקע פון זיין שול. אָבער יענע איז געווען שטיפעריש און פריילעך ווען זי ליזאַ איז געווען ערנסט און טרויעריק. ווי קומט בכלל, אין אַזאַ טראַגישער צייט, צו זיין גאָר פאַרליבט? און אפשר גראָד ווען זיין האַרץ איז געווען פאַרגאָסן מיט ווייטיק האָט זיך אים געוואָלט צוטוליען צו אַט דער שטילער סימפּאַטישער פרוי און ער האָט געזוכט די פאַרשידנסטע תירוצים צו זיין אָפט נעבן איר. געבאָרגט אָדער געברענגט איר אַ בוך און דערווייל מיט פאַרגעניגן געשמועסט. ער האָט דאָן אַ סך געלייענט ליבע־ראָמאַנען און ניט פאַרגעשטעלט זיך אַז

ער אַליין איז פאַרליבט, דאָך געוואָרפן הייסע בליקן אויף איר ווייסן־האַלדז, רונדע אַקסלען, שלאַנקע פיס, רייצנדיקע ליפּן, פאַרוואָס איז אַלץ אין איר געווען אים טייער און געקוקט אין אירע גרויסע מאַנדל־אויגן? ליזע האָט אָבער וויניק דערציילט וועגן זיך. ער האָט בלויז געוווּסט, אַז אירע עלטערן זענען, פאַר דער רעוואָלוציע, געווען רייכע סוחרים, נאָר זי איז גאָר יונג געוואָרן אַ קאָמסאָמאָלקע, שפּעטער אַריין אין דער פּאַרטיי. כאָטש ווי קומט אַזאַ גייסטיקע אַריסטאָקראַטקע צו וווּל־גאַרער פּאַרטייאישקייט? איר גאַנצער טראַכטן איז דאָך געווען אַ טיפע אָפּלייקענונג פון פּאַרטייאישקייט, מיט איר סטאַנדאַרטע געדאַנקען, שרייענ־דיקע פראַזן און ברוטאַלן ליגנט, וועלן זי האָט אַזוי פיינט געהאַט ליגנט. איר איינציקער ליגנט איז אפשר געווען וואָס זי אָט, אין דער צייט פון הונגער, געגעבן איר מאַן מער ברויט, ווייל ער האָט ניט געקענט, ווי זי פאַרטראָגן דעם הונגער, און אים געמוזט אָפּנאַרן אַז זי האָט שוין פריער געגעסן ברויט. זי האָט קיינמאָל מיט יונהן ניט גערעדט וועגן פּאָליטיק, בלויז איינמאָל זיך פאַר אים אַרויסגעכאַפּט אַז די אויפגאַבע פון דער מדינה דאַרף זיין, צו דינען אַלע בירגער און ניט קיין אויסדערוויילטן פּריווילעגירטן טייל. דערפאַר האָט זי גערן מיט יונהן גערעדט וועגן ביכער און שרייבער, זי האָט ליב געהאַט מוזיק און מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן בעטהאָווענס פּאַסטעראַלע אָדער סקריאַבינס עקסטאַזע, אפשר איז זי אַליין געווען ווי אַ צאַרטע סטרונע פון אַ פידל, פון וועלכע עס גיסט זיך מוזיק, ווי באַלזאַם וואָס היילט די נשמה? נעבן איר האָט יונה געפילט זיך גייסטיק העכער.

ליזע האָט יונהן קיינמאָל ניט דערציילט וועגן איר אומגעקומענעם מאַן, בלויז איינמאָל ווען ביידע האָבן אָנגעטראָפן אין גאַס אַ גרופּע אוזבעקישע פרויען, וואָס האָבן מיט ליאַרעם און געוויין באַגלייט זייערע מאָביליזירטע מענער, האָט אויך ליזאַ אַ וויש געטאָן אַ טרער, וואָס האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער אירע באַקן. זי האָט שטיל געטראָגן אין זיך דעם צער און ווייטיק. האָבן ביידע געהאַסט די מלחמה, ווי דאָס שרעק־לעכסטע פאַרברעכן און ביידע האָבן געלעכצט נאָך אַ גיכער מפּלה פון דער היטלער־אַרמיי. מיט שפּאַנונג זיך איינגעהערט אין די „סוואָדקעס" פון פראָנט וואָס האָבן געריםמט די העלדישקייט פון די סאָוויעטישע

זעלנער, וועגן עפּעס אַ חבר גרוזאָוו, וואָס האָט מיט זיין פינקטלעכן שיסן אַליין דערשאָסן 300 „פריצן” און חבר בערגאַזין איז פאַר דערשיסן אַ סך פון דעם שונא אָנגענומען געוואָרן אַלס קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי. אין דער „פּראַוודאַ” האָט געשריבן איליאַ ערנבורג:

— די דייטשן גרויסן זיך מיט זייער טעכניק, אָבער אין זייערע פאַבריקן קען מען קיין מענטשן ניט פּראָדוצירן, דעריבער דערשיסט וואָס מער „פריצן”!

יעדער קלענסטער נצחון האָט ביידן אָנגעפילט מיט דער גרעסטער פרייד און יונה איז געווען ווי פאַרפלאָנטערט אין אַ קנויפ פון געדאַנקען און געפילן. ווי וווּנדערלעך גוט עס איז אים געווען נעבן ליזען, מיטן געפיל וואָס האָט פאַרגאַסן זיין האַרץ, ער האָט אָבער ניט געקענט רואיק אַרבעטן, לייענען ביכער, געמאַטערט פון זאָרג און אומרו פאַר זיינע טייערסטע, פאַר זיין פאָלק, ווען די היטלער־באַנדעס דראָען צו דער־טרינקען אין בלוט, דאָס האָט אים גערופן זיך אַריינצוואַרפן אין דעם הייסן קעסל פון דער מלחמה־ווירבער. ווי קען ער שטיין פון דער ווייטנס ווען די וועלט איז אַרומגענומען מיט פלאַמען פון שריפות?

ווען די טאַשקענטער פּאָליציי האָט, ביי אַן אָבלאַווע, זוכנדיק נייע קאַנדידאַטן צום פראָנט אויך יונהן פאַרהאַלטן, האָט געברענט אין אים דער ווייטיק צו פאַרלירן ליזען און די האָפענונג, אַז מען וועט אים ענדלעך אָפּשיקן צום פראָנט, ווייל אפשר איז נאָך ניט צו שפּעט, אפשר וועט פאַרווירקלעכט ווערן זיין חלום, צו קומען מיט אַ ביקס אין האַנט אין זיין שטעטל און אָפּראַטעווען זיין מאַמען, זיין פאָטער, זיין טייער שוועסטערל און אַלע יידן פון שטעטל, פון אַ סך אַנדערע שטעטלעך, אַך וואָס פאַר אַ טייערער יום־טוב וואָלט געווען. און וואָס פאַראַ שיינער חלום דאָס איז.

דער חלום האָט אים געמוטיקט. אָבער אַנשטאָט צום פראָנט איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן צום „טרוד־פראָנט” (אַרבעטס־פראָנט), אין עפּעס אַן עלנטן, פאַרוואָרפענעם דאָרף פון אַ קאָלכאָז ווו די מאָבילייזירטע האָבן גאָר ניט געהאַט וואָס צו טאָן חוץ הונגערן און זיך לאַנגווײַלן צוזאַמען מיט די קאָלכאָזישע זקנים, ווייבער און קינדער. געגריזשעט פון הונגער און געביסן פון וואַנצן האָט מען נאָך באַדאַרפן אויסהערן די שטראָף־רייד

פון דעם פּאָליטרוק פּאַרוואָס מען שטעלט ניט צו פּאַרן פּראָנט גענוג ברויט און מילך.

די מאָביליזירטע מענער וואָס האָבן צוליב עלטער אָדער קראַנקייט ניט געטויגט צום פּראָנט האָבן אָבער געטויגט צו קריכן אין די כאַטעס פון די איינזאַמע און עלנטע ווייבער וואָס האָבן זיי מכבד געווען מיט מיט אַ הייסן קרויט-באָרשט און אַ וואַרעם לייב. אויך אין זייערע אָדערן איז דאָך ניט געפלאָסן קיין וואַסער. יונה איז אויסבראַקירט געוואָרן צוליב זיין יונגקייט און ווייל ער איז ניט קיין סאָוויעטישער בירגער, האָט ער אַן איינזאַמער זיך איינגעהערט אין די נעכט אין וואָיען פון די הונגעריקע וועלף אין דעם סטעפּ און אין דעם רעווען פון די זויגעס. געוואַרעמט זיינע הענטביים זשאַר פון קאָקס-אייוועלע און פון נאַגנדיקער בענקשאַפט געזונגען:

ווייט גאַנץ ווייט, איז פאַראַן אַ שטעטעלע...

אָבער פּאַרוואָס איז ער אַוועק פון זיין שטעטעלע און דאָרט איבער־געלאָזט זיינע טייערסטע אויף הפקר? איז אַ גליק געווען וואָס די „סוואָדקעס" האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען פריילעכע גרוסן פון פּראָנט. ביי מאָסקווע איז דער פּראָנט געבליבן שטיין. אין סטאַלינגראַד באַקומען די דייטשן שטאַרקע קלעפּ. די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט אַ פּאָר שטעט, צי וועט זי צוגיין צו זיין שטעטל נאָך איידער עס וועט ניט זיין צו שפּעט? נאָך איידער די היטלעריסטישע זאַוויערוכע וועט עס פּאַרטיליקן?

דערווייל האָט מען יונהן מיט די אַנדערע מאָביליזירטע איבערגע־פירט אין אַ צווייטן קאָלכאָז, אַן אוזבעקישן, ווו עס איז געווען וואָס צו אַרבעטן און וואָס צו עסן. דאָ האָבן זאַטע ציגן און שעפּסן הויך געמעקעט און די אוזבעקישע מיידלעך הויך געלאַכט. די קעמלען אָנגעלאָדן מיט פּולע זעק צווישן זייערע הויקערס האָבן געטראָגן זיך צו די מאַגאַזינען און מערק און יונגע אוזבעקטשעס האָבן געטראָגן פּולע עמערס מיט וואַסער אויף די קאַרמיסלעס און געוויגט זייערע עלאַסטישע קערפּערס ווי אין אַ מזרח-באַלעט. אַרום איז געלעגן אַ ברייטער, וויסטער סטעפּ. אויפן הימל שווערע, מיט טרויער אָנגעגאָסענע וואָלקנס. אָבער אין וואַטע־מאַגאַזינען איז געווען וואַרעם און היימלעך. די אוזבעקישע מיידלעך האָבן פלינק געאַרבעט מיט די פינגער און פלינק קאָקעטירט מיט די צונגלעך,

געזונגען אוזבעקישע ליבע־לידער און ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער שיינער בחור פון פוילן קען ניט לאַכן? די עלטערע אוזבעקישע ווייבער האָבן געטראָגן אַ שלייער אויפן פנים און מיט חשד נאָכגעקוקט דער אוזבעקישער בריגאַדירקע פון וואַטע־מאַגאַזין, וואָס איז געווען אַ פאַר־טייאישע, אָבער אַ שטיק טייוול דערצו. מיט אַ ניט פאַרדעקט פנים. איר מאַן איז געווען אויפן פראָנט אָבער צו איר פלעגן קומען אָפיצירן און זי האָט מיט זיי געפלירטעוועט און געלאַכט. זי האָט געזאָגט אַז זיי ברענגען איר גרוסן פון מאַן, זיי האָבן אָבער געברענגט איר מתנות. יונה האָט ניט פאַרשטאַנען קיין אוזבעקיש און אַוודאי ניט די רכילות, וואָס די ווייבער האָבן וועגן דער בריגאַדירע געשפּיגן. ער האָט אָבער געזען ווי מענערישע אויגן שפּיזן אויף איר קערפּער וואָס האָט געלאָקט מיט געהיימע צוזאָגן. אָבער וואָס האָט יונהן צוגעזאָגט דאָס לעבן? די טעג און חדשים האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף, אָן אַ באַשייד? וואָס וועט זיין, דער סוף דערפון?

דערווייל האָט אויף די פעלדער געהוליעט דער ווינטער מיט זיין שנייאיקער קראַפט, מיט אירע ווילדע טומאַנעס און וויוגעס און דער גענעראַל „מאָראָז" (פראָסט), דער פּעיקסטער פון אַלע גענעראַלן האָט געטיילט די היטלעריסטן די מוראדיקסטע קלעפּ מיט זיין פראָסטיקן גע־ווער. זיי מאַסנווייז פאַרפרוירן אין די אָקאָפּעס און געהאָלפן די סאָוויע־טישע זעלנער צו טרייבן די היטלעריסטישע באַנדיטן פון דער וואָלגע, פון מאָסקווע און ראָסטאָוו.

די מפּלות פון דער היטלער־אַרמיי האָט געהויבן דעם מאָראַל אין לאַנד. אָבער אויך שיטער געמאַכט די זעלנערישע רייען אויף די פראָנטן. האָבן מיליטערישע קאָמיסיעס געזוכט וואָס מער מענער פון די פאַבריקן און קאָלכאָזן פאַרן פראָנט. האָט אַזאַ קאָמיסיע אויך זיך באַוויזן אין אוזבעקישן קאָלכאָז און דאָסמאָל אויך צוגענומען יונהן פאַרן פראָנט. האָבן די אוזבעקישע מיידלעך אים געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן, דער פרעדסידאַטעל פון קאָלכאָז האָט אים מיטגעגעבן אַ סך שפּייז. די קאָלכאָז־ניקעס האָבן אים געשאָנקען וואַרעמע וועש און וואַרעמע ברכות. די יונגע בריגאַדירקע האָט אים געשאָנקען הייסע קושן. האָט יונה גערירט

פון זייער גוטסקייט ניט געוווסט וואָס איז ביי אים שטאַרקער, דער אומעט צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף פון אַזעלכע גוטע מענטשן אָדער דער ווילן צו גיין אויפן פראָנט און שלאָגן די דייטשע באַנדיטן?

אין דער מיליטערישער מחנה איז יונה אַריין אין אַ נייער אים אומבאַקאַנטער וועלט, ווו עס הערשט נאָר דאָס באַפעלן און דיסציפּלין. ווו מען מושטירט, מען לערנסט שיסן, וואַרפן גראַנאַטן און שטיין אויף „סמירנאָ" אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע פאַר יעדער בעל־ראַנגע.

אַרויפגעצויגן דעם מיליטערישן שינעל, צעטיילט מען זיך מער ניט מיט דער ביקס. דערפאַרענע אָפיצירן האָבן געלערנט די מאָביליזירטע, ווי אָנצושטעלן די ביקס לויט דער ווייטקייט פון שונא, ווי צו שיסן, וואַרפן גראַנאַטן און באַנוצן זיך מיט קוילנוואַרפערס. אָבער אויך ווי צו שיצן דאָס אייגענע לעבן. ווי זיך איינקאָפּן, ווי אַזוי זיג־זאַגיק צו לויפן אונטער אַ האָגל פון קוילן און אויף דער פראַגע פון אַ העכערער ראַנגע — ווער ביסטו? גלייך צו ענטפערן קורץ און שאַרף — אַ רויט אַרמייער פון דער 6־טער ראָטע פון 18־טן פּולק. די שנאה צום היטלעריזם און דער חלום צו דערגרייכן זיין שטעטל האָט יונהן געמאַכט פאַר אַ גוטן און דיסציפּלינירטן זעלנער, וואָס פאַראַ שיינער חלום זיך צעקושן מיט זיין מאַמען און טאַטן, מיט זיין שוועסטערל און זיך פרייען מיט אַלע שטעטלדיקע יידן, וועלכע וועלן אים דערציילן וואָס זיי האָבן זיך אַנגעליטן פון די היטלער־באַנדעס און וועלן זיין שטאָלץ מיט זייער יידישן זעלנער.

נאָך געציילטע וואָכן פון מושטירן האָט יונה שוין געהערט צו אַ מיליטערישע מחנה וואָס האָט זיך גערוקט אין דער ריכטונג צום פראָנט. די רויטע אַרמיי האָט אַלץ מער דערווייטערט דעם פראָנט, באַפרייט גאַנצע שטיקער פון אייראָפּעישן רוסלאַנד. די גרויסע מפּלה האָט אונטער־געהאַקט די פליגלען פון דעם שונא. שטאָלץ מיט די נצחונות, האָבן די זעלנער געזונגען, אין די וואַגאָנעס און אויף די מאַרשן, פּאַטריאָטישע לידער. דאָס זעלנערישע געזינדל איז געווען אַ געמיש פון פאַרשידענע פעלקער, אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס, אינטעליגענטן און זשוליקעס, באַ־פרייטע פון די טורמעס מיט גאַנץ שוואַכע באַגריפן פון מאָראַל. אויפן וועג זענען דורכגעלאָפן צוגן צוריק פון פראָנט, מיט פאַרוווּנדעטע און צעקאַלעטשעטע, וואָס האָט געוועקט אומרו און טרויער — אָט ווי מען

פירט אונדז, גאָר ניט צו קיין פריילעכע חתונה! האָבן זעלנער געשעפּטשעט.

אויף די וועגן האָט מען אָנגעטראָפן עשאַלאָנען מיט פּליטים, אָנגע־פּאַקטע מיט זקנים, ווייבער און קינדער. באַפרייטע יידן פון די לאַגערס, גלידער פון צעבראָכענע משפחות. אויך פּוילישע פּאַנעס אַנגעטאָן אין שמאַטעס. יידן אין צעפליקטע קופייקעס, צעדראַפּעטע וואַלינקעס מיט אומרואיקע אויגן. פליטים פון וואָנד און פון ווייען, פון סיבירער פרעסט צו די הונגעריקע שטעט פון מיטל־אַזיע. די פליטים־עשאַלאָנען פלעגן אָפּשטיין גאַנצע מעת לעתן פאַר פאַרמאַכטע סעמאַפאָרן, פאַרגעסענע אויף זייטיקע רעלסן. אין אָפּגעריסענעם הילוך זענען די פליטים געלאָפן צו וואָקזאַלן נאָך אַ ביסל הייסן קיפּיאַטאָק, נאָך אַ שיטערן קרויט־באָרשטש. זייערע עשאַלאָנען האָבן געשלעפּט זיך לאַנגע וואָכן איבער אומענדלעכע ווייטקייטן, איבער וויסטער פרעמדקייט, ניט וויסנדיק ווי זיי וועלן דערפאָרן. די זעלנער האָבן געקוקט אויף די אומגליקלעכע מיט שנאה און געמרוטשעט:

— אונדז פירט מען צו פאַרגיסן בלוט און זיי די אַבראַשקעס לאָזן זיך קיין טאַשקענט און אַנדערע דאַטשע־ערטער!

האָט יונהן ווי געטאָן די ווערטער, ניט געקענט זיך באַהערשן און געזאָגט:

— אָט בין איך דאָך אויך אַ יעוורעי און גיי ווי איר צום פראָנט!

—וואָס פאַראַ יעווּרעי ביסטו, יעוורעיען טראָגן ניט קיין ביקסן, ניע אַבמאַניוויי (זאָג ניט קיין ליגנט) דו ביסט ניט קיין יעווּרעי!

איז יונה אין זיין זעלנערישן מונדיר, מיט זיין גאַנצער נשמה געווען מיט דער היימלאָזיקייט און יידישן עלנט, וואָס שלעפּט זיך אין עשאַלאָנען איבערן פרעמדן סטעפּ אונטער פרעמדע הימלען. ער איז געווען מיט זיין פאָלק פון אַלטע ספרים, וואָס פאַרפלייצט די וועלט מיט אירע קברים, וועמענס גורל צווישן בלוט און שייטער. די פעדלערס פון מאַרקסנס „קאַפּיטאַל" פון שפּינאָזאָס „עטיק" און משהס תורה. די געטריבענע פון שנאה און האַס, די פון פיין אַגענטן, פליטים אָן אַ פאַס.

אויף אָט די וועגן און שאָסייען האָבן אַמאָל זיך אפשר געטראָגן טרוי־עריקע מחנות צום ווייטן סיביר, געטריבענע אין קייטן. איצט לויפן פון ווייטן סיביר מיליטערישע צוגן באַלאָדענע מיט האַרמאַטן, אַמוניציע, גע־שאָכטענע חזירים און זעלנער צום פראָנט און אַלע סעמאַפאָרן עפענען

זיך פֿאַר זיי. אַזאַ צוג ברענגט אויך יונהן צוריק צו דער ברייטער וואָלגאַ, פֿון וואַנען ער איז אַמאָל אַנטלאָפֿן. אַן אָנגעזאָפּטע מיטן בלוט פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון סטאַלינגראַד, וואָס האָבן געבראַכן די היטלעריסטישע גאווה. אַריינגעבלאָזן אין רוסישן זעלנער אַ נייעם גייסט און דער „וואָלגע מאַטושקאַ", אָנגעטרונקען מיט בלוט און נייע לעגענדעס. די וועגן צום פֿראָנט זענען געווען פֿאַרלייגט מיט חורבות פֿון צעהאַקטע וואָקזאַלן, פֿאַרברענטע דערפֿער, די זעלנער האָבן געשפּאַנט מיט זאָרג וועגן זייערע היימען, וועגן זייערע פֿרויען און קינדער. יונה האָט געטראַכט וועגן זיין שטעטל, אָבער אַלץ וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט, אויף די וועגן, האָט גאָר ניט געקענט שפּייזן זיין אילוזיע, אַז ער וועט טרעפֿן לעבעדיק זיינע נאָענטסטע. אומעטום האָט מען אים פֿאַרזיכערט, אַז קיין יידן זענען אין ערגעץ ניט געבליבן, אַז מען האָט זיי אַלע אומגעבראַכט. דאָך האָט עפּעס אַ קראַפּט אים געטריבן צו זיין שטעטל.

לויט אַ באַפֿעל איז מען געבליבן זיך אָפּרוען אין אַן אוקראַאינישן קאָלכאָז, צו מאַכן זיך דאָ אַ באָד און דעזינפֿעקציע. אויספּוצן די ביקסן און זיך אויסרייניקן פֿון די לייז. זיך אָנגעזעטיקט מיט אַ געדיכטער קאַשע, האָבן די זעלנער געלאָזט זיך צו די דאָרפֿישע כאַטעס, ווי צווישן די אַלטע טרויעריקע ווערבעס האָבן געפֿלאַנטערט זיך אַביסל אויסגעמאַטערטע שעפּסן, האָבן יונגע פֿויערטעס זיך דערפֿרייט מיט די זעלנער, זיי פֿאַרבעטן אין די כאַטעס. די זעלנער האָבן געטיילט זיך מיט זייער ברויט און די פֿויערטעס האָבן פֿון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט פֿלעשער מיט סאַמאַגאָנקע און עס איז געוואָרן פֿריילעך אין די כאַטעס. אין דעם פֿריש רעמאָנטירטן „קראַסני אָגאָלאָק", האָט אונטער סטאַלינס בילד, אַ זקן געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע און זעלנער האָבן מיט אַקראָבאַטישער פֿלינקייט אַרומגע־טאַנצט אַרום אַ נאַטאַשע, מיט ברייטע היפּטן און פֿולע ברוסטן. אין דער ענגשאַפֿט האָבן זיך אַלעמאָל אַריינגעשטופּט נאָך זעלנער. אונטער די ווענט האָבן זיך געסודעט פֿאַרלעך, מען האָט געהערט אַ פֿריילעכן כיקען און האָט דער סערזשאַנט גענומען טאַנצן מיט דער פֿאַרזיצערין פֿון קאָלכאָז, אַ יונגע, זשוואַווע, לייכט אויף די פֿיס, פֿלינק אויף דער צונג, אַ באַבע אַ מאָלאָדיעץ. איר מאַן איז אויפֿן פֿראָנט, וועט זי אויף דער נאַכט איינקוואַרטירן אין איר כאַטע דעם סערזשאַנט. אויך אַ סך זעלנער

זענען שוין פֿאַרזאָרגט די נאַכט ניט צו שלאָפֿן אַליין. בלויז די אַלטע פּויערטעס האָבן עפּעס בייז געמרוטשעט און געשאָלטן. ווער האָט מיט אַ הייזעריק קול געריפֿן:

— מאַרטאַ! מאַרטאַ! ווי איז זי פֿאַרפֿאַלן געוואָרן די אויסגעלאָסענע ציג? אַוודאי איז די כאָלערע אַוועק ערגעץ מיט אַ זעלנער.

— נישקשה באַבושקאַ, ער וועט איר קיין שלעכטס ניט טאָן! האָט ווער איר געענטפֿערט.

אין אַ זייט האָבן צוויי שיקסעס זיך געקריגט און איינע האָט געשריגן צו דער צווייטער:

— אַ גאַנץ פֿולק איז דיר ווייניק, אויסגעלאָסענע וואָס דו ביסט!

פֿון אַ פֿענצטער האָט אַ פּויערטע דערזען יונהן און אויסגעשריגן:

— קוקט אָן אַ זעלנער אַ צוציק! קום אַריין וועל איך דיך אָנזייגן!

יונה האָט געטראַכט וועגן זיין אומשולדיק שוועסטערל, צי לעבט זי נאָך? ער האָט געטראַכט וועגן יענע זיסע מיידלעך פֿון זיין שטעטל, אפֿשר רופֿן זיי אים נאָך הילף? זיי האָבן דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, פֿאַרוואָס האָבן קאַלטע מעסערס געשאָכטן זייערע הייסע נשמות, אָפּגעשניטן די גאָלדענע האָר פֿון זייערע קעפּ, דערשטיקט זייערע גאָלדענע נשמות?

פֿון „קראַסני אָגאָנאָק" האָבן זיך נאָך געטראָגן די טענער פֿון דער האַרמאָשקע און אַ ווילדער געלעכטער. פֿון ווייטנס אָן עכאָ פֿון האַרמאַטן־שאָסן. אונטער אָן אָפֿענער טיר האָט אַ פֿאַרקאָפּטשעטע נאַפֿט־לעמפּל באַ־לויכטן אַ פֿעטע קאַץ, וואָס האָט געדרעמלט און יונה האָט געפֿרעגט אַן אַלטע פּויערטע, ביי דער שוועל פֿון איר כאַטע:

— צי האָבן די דייטשן אייך שלעכטס געטאָן?

— זיי האָבן ניט געמיינט אונדז נאָר די יידן, צוליב זיי, די יידן, האָבן מיר פּראַוואָסלאַוונע געליטן.

ערשט אין קאַלטן פֿרימאָרגן האָט דער באַפֿעל אַרויסגעריסן די זעלנער פֿון די וואַרעמע ווייבערישע אָרעמס, קוים אויסגעוווישט די פֿאַר־שלאָפֿענע אויגן האָט מען זיך גענומען אין וועג אַריין צום פֿראָנט. די פּויערטעס האָבן אין פֿרימאָרגן־נעפּל, מיט באַדויער, געפּאַכעט צו די זעלנער מיט קאָלירטע טיכלעך. אויך די זעלנער האָבן געהאַט וואָס צו

באַדויערן. אין דעם לאַנגן, אומזיניקן גאַנג, אונטער בייזע ווינטן וואָס לויפן פאָרויס, אָדער יאָגן אָן, רייסן ביי די פּאָלעס און לויפן צוריק, פאַר־וויקלען זיך אין די מונדירן און האַמעווען דעם גאַנג, האָבן די זעלנער אַלץ געטראַכט און גערעדט וועגן די „כאַראָשע באַבינקעס״, דאָס האָט ניקיטאַן צעבייזערט און ער האָט געזאָגט:

— אָט איז שוין באַלד דער פראָנט, ווי די וועלט גייט אָפּ אין בלוט און אייך קריכן אַלץ די באַבינקעס ניט אַרויס פון אייערע נאַרישע קעפּ!

— וועגן טויט ברודערקע איז גלייכער ניט צו טראַכטן, ווי לאַנג מען לעבט דאַרף מען געניסן, ווייל מאָרגן קענסטו ליגן מיטן פּופּיק קאַפּויער, האָט אים סערגיי געענטפערט.

אָבער ווי קען מען ניט טראַכטן וועגן טויט, שפּאַנענדיק איבער פעלדער מיט איבערגעדרייטע מאַשינען, צעריסענע טאַנקן, פאַרברענטע פּאַנצערס, צווישן פאַרזשאַווערטן אייזן און געשטאַנק פון פּגרים פון הינט, פערד און מענטשן? דאָ האָט, זעט אויס, ניט לאַנג אַדורכמאַרשירט דער פראָנט און איבערגעלאָזט נאָך זיך פאַרברענטע כאַטעס און שטאַלן, אַ שקעלעט פון אַ פאַרברענט צוויי־שטאָקיק הויז, מיט אַרויסגעריסענע טירן, צעוואָרפענע שטיקער מעבל, פעדערן פון צעפּליקטע קישנס, פון די אָפּגעפּליקטע נידריקע הייזלעך הענגען נאָך קוימענס אויף די צעבראָכענע דעכער, פון אַ וואָקזאַל איז געבליבן בלויז דער נאָמען פון דער סטאַציע.

דער פּולק האָט גערוקט זיך אַלץ נענטער צום פראָנט, צופוס און אויף לאַסט־אויטאָס, דער פראָנט האָט זיך אָבער אָפּגערוקט כסדר אַלץ ווייטער. דער האַרבסט־וועטער איז געווען אַ שלעכטער, די ערד נאַס, מען האָט קוים, מיט גרויס מי, געקענט אַרויסשלעפּן אַ פוס פון דער בלאָטע, שווער געווען צו שפּאַנען. די טעג און נעכט זענען געווען קאַלטע, מיט דראָבנע, קאַלטע רעגנס. עס האָט אַראָפּגעקאַפּעט פון דער שטאָלענער קאַסקע איבערן פּנים און די בגדים האָבן געקלעבט זיך צום לייב. דער שינעל איז געווען נאַס און שווער. שווער צום אָטעמען אין דעם ברוינעם טומאַן. ווו קען מען אַוועקלייגן דעם קערפּער אויף אַ בלאָטיקער ערד? זעלטן האָט מען ערגעץ געפונען אַ צעבראָכענע סטאַדעלע, איז וויפל זעלנער קענען דאָרט אַריין? פלעגט מען אָפט כאַפּן אַ דרעמל צוגעטוליעט

צו אַ בוים און אַלע מאָל זיך איבערגעכאַפּט פון שרעק אָדער נאָך אַ חלום ווי מען האָלט אַרומגענומען דאָס ווייב.

אַזוי האָט מען געשפּאַנט גאַנצע טעג און יונה האָט אַלץ געחלומט צו דערגרייכן זיין שטעטל, זען מיט די אייגענע אויגן וואָס עס איז געשען מיט זיינע טייערסטע און דערנאָך צו נעמען נקמה אין די היטלעריסטישע מענטשן־חיות. מער האָט ער פון זיין לעבן גאָר ניט געפאָדערט. אַנגעטאָן אין וואַלינקעס, וואַטעווע הויזן און קופייקע האָט מען פאַרגעסן אַז דאָרט אין רוסלאַנד איז שוין אַ שטאַרקער ווינטער און דאָ איז געווען נאָך מילד דער וועטער, ניטאָ די בייזע רוסישע פרעסט און וויוגעס. איז מען שוין, דוכט זיך, אויף דער וואָלינער ערד? די נאַטור איז דאָ געווען צאַרט און ליריש. אַ יונגע פויערטע האָט אַרויסגעטריבן צוויי קי פון אַ שטאַל צו דער פּאַשע און געגלאָצט מיט צוויי נייגעריקע אויגן אויף די זעלנער. איר געשטאַלט האָט צערייצט די זעלנערישע געמיטער און לויז געמאַכט די צינגער. יונה האָט געטראַכט וועגן זיין שטעטל וואָס איז שוין ניט וויט, ווער ווייסט ווי די היטלער־באַנדיטן הוליען נאָך דאָרט אַרום?

אומגעריכט איז מען ארונטערגעפאלן אונטער אַ שרעקלעכן גע־ווירבל פון פייער, וואָס האָט פאַרפרוירן די אָדערן, צעטומלט די חושים און דערמאָנט אַז מען שפּאַנט אַריין אין דעם שוידער פון פראָנט. יונה האָט געטראַכט אַז באַלד וועט זיין לעבן ניט האָבן קיין ווערט. אַ האַרמאַטן־אָרקעסטער האָט אָן אויפהער פאַרציטערט די לופט. אָט דאָ הייבט זיך אָן די בלוטיקע דראַמע פון אומזיניקן טויט. ס׳איז אַ נאַכט פון שטורעם און שרעק, עס ברומען די ווינטן איבער די פעלדער, איבער דעכער פון כאַטעס, אַ פייפן פון קוימענס און אַ גרילן פון אַגאָניע מיטן יאָמער פון טויט. דאָס האָט די ראַסע הויטשינדער, די מערדער פון יידישע קינדער, אויפגעוועקט דעם גיהנום. אָט רייסט אויף אַ גראַנאַט מיט אַ קללה און זייעט פּחד און בהלה. אָט פאַלט אַ קרעכץ, ווי אַ לעצטער גרוס פון אַ פאַרלאָשן לעבן. ליגט מען פאַרקאָפּעט אין די גריבער אין פּחד און די זעלנער חלומען פון היימישן הייזל, בענקען צו ווייב און קינדער, צום רויך פון אייגענעם קוימען. כאָטש דער וועג צווישן פראָנט און זייער היים איז פאַרגאָסן מיט בלוט, פאַרזייעט מיט מענטשלעכע ביינער, צעטראָטן פון זעלנערישע שטיוול. אַרום ברענט דער גיהנום ווי עס וואָלטן בלוט־

דורשטיקע געטער די וועלט אונטערגעצונדן. ווערט דאָס האַרץ אויף שטיקער צעריסן אָבער ניטאָ פאַר יונהן, מער קיין צוריק ער האָט איבער־געלאָזט הינטער זיך זיין יוגנט, זיין ליבע, אַלץ אין פייער פון מלחמה פאַרברענט.

אויפגעכאַפּט אין פאַרטאָגיקן נעפּל, האָט אַ געהיימע שטילקייט גע־הערשט אויף דער וועלט. זעט אויס אַז דער שונא איז פאַרטריבן געוואָרן. קריכט יונה אַרויס פון אַ פאַרשנייעטע טראַנשעע און דערזעט פון ווייטנס אַ קאַנטור פון קלויסטער־שפּיצן. צי איז דאָס ניט כעלם די שטאָט וואָס האָט געהאַדעוועט די יידן מיט די באַרימטע מעשהלעך פון כעלעמער נאַראָנים, מיט זאַפטיקן הומאָר? איצט טראָגן זיך פון דאָרט קלאַנגען פון האַרמאַטן־שאָסן, רויך און פייער, זעט אויס אַז דאָרט שלאָגט מען זיך פאַר כעלעם. איז דען די גאַנצע מלחמה ניט מער ווי אַ כעלעמער מעשה? אָדער גאָר אַ גרויס פאַרברעכן, אַ גרויס משוגעת? מען דאַרף די שולדיקע אין מלחמות פאַרשפּאַרן אין משוגעים־הייזער. פאַרוואָס לאָזן מיליאָנען זיך פאַרטומלען מיטן מלחמה־טשאַד, היפּנאָטיזירן פון דער מלחמה־דעמאַגאָגיע, פון דער פאַרזיכערונג אַז דאָס איז די „לעצטע מלחמה" און גערעכטע מלחמה? אין זיין שנאה צו מלחמה, צו בלוטפאַרגיסונג איז אָבער שטאַרקער געווען די שנאה צום היטלעריזם, דער לעכצט צו דערגרייכן זיין ענדגילטיקע מפּלה. איז ער געווען שטאָלץ, וואָס אויך ער איז איינער פון די נקמה־נעמער.

האָט מען געשפּאַנט ווייטער און דערשפּירט דעם ריח פון די היימישע פּוילישע לאָנקעס, דערהערט די באַקאַנטע פּוילישע שפּראַך. פון ערגעץ האָט אַ שיט זיך געגעבן אַ האָגל פון קוילן, דאָס האָט עפּעס אַ פּוילישע פּאַרטיזאַנער־באַנדע פון אַ וואַלד, „באַגריסט" די סאָוויעטישע זעלנער ווי זיי האָבן פריער געשאָסן אויף די דייטשע זעלנער. האָט מען געענטפערט מיט פייער און ווייטער געשפּאַנט. דער גאַנצער טאָג איז אַדורך שטיל אָן קרבנות. אין אָוונט איז מען צוגעקומען צו אַ צווייטן וואַלד און ביים אַריינגאַנג צעלייגט דאָס געווער, איינגעשטעלט פעלד־קיכן און לויטן באַפעל געגרייט זיך דאָ אויף אַ שטיקל אָפּרו. האָבן די זעלנער גענומען רייניקן די ביקסן און שרייבן בריוו צו די היימען און יונה איז אַ שטאַרק מידער אַנטשלאָפן געוואָרן אונטער אַ בוים. ווען ער האָט

זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער אומרו און אַ קלאַפּן פון האַרץ, צי איז דאָס ניט דער וואַלד נעבן זיין שטעטל? צי זענען ניט דאָס די ביימער אונטער וועלכע עס האָבן געבליט זיינע קינדישע טרוימען און זיין ליבע? דאָ האָבן דאָך געוווינט די ציגיינער און די שיינע ציגאַנקעס, און אַ יידישע יוגנט האָט געליבט זיך אונטער די ביימער, איינגעאָטעמט אין זיך דעם וואַלדישן ריח און יוגנטלעכן גליק? ער האָט אויך דערקענט דאָס היימישע טייכל. די זעלבער זענען דאָרט אָוועק וואָשן זייערע פאַרשוויצטע אָניצעס און יונה איז גלייך אַוועק צום קאָמאַנדיר אים בעטן ער זאָל אים דערלויבן באַזוכן זיין געבורטס־שטעטל. באַקומענדיק די דערלויבעניש איז יונה ניט געגאַנגען נאָר געפלויגן, מיט ציטער צו דער־זען דעם אמת. געטראָפן דעם זעלבן קלויסטער אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקאַן, די זעלבע יאַטקע פון חזיר־פליש, דעם זעלבן ברונעם. דערהערט אַ הונט־בילן אָבער וווּ זענען די יידן? האָט ער מיט אַ צעריסן האַרץ געשפּאַנט, ווי אַ היפּנאָטיזירטער, איבערן גרויסן אומגליק. האָט געזען און ניט געקאָנט גלויבן, ניט געפונען קיין צייכן פון דעם פאַרגאַנגענעם לעבן, קיין ריח פון יידישע מאכלים, קיין פרייד פון חדר־יינגלעך, קיין תפילה־געזאַנג. דאָ וועט מען מער ניט וויסן פון פריילעכע פורימס, פון זיסע פסח־טעג, ניט זען מער די קליינע חנוכה־ליכטלעך און קיינמאָל מער ניט הערן דעם שופר־בלאָזן און ניט דעם ווונטש — לשנה הבאה... ניטאָ מער די יוגנט פון משיחישע חלומות. ניטאָ מער די יידן וואָס האָבן געלעבט פון נסים און די הילצערנע הייזלעך מיט שינדל־דעכער. ניטאָ די יידן מיט לאַנגע טרויעריקע בערד, ווי שאָטנס פון פרצנס „אויב ניט נאָך העכער", ניטאָ די יוגנט מיט צעצונדענע אויגן, וואָס האָבן אַ חלום פון אַ גן־עדן געוועבט. זייער חלום און זייער יוגנט איז אַוועק ווי אַ רויך, אין בלוט דערטרונקען. ס'האָבן די מערדער ניט געשוינט קיין פרוי קיין קינד. געבליבן פון אַ בליענדיק לעבן זענען קברים נאָר אַ סך.

ליגט יונה אַ דערשלאָגענער אין היימישן וואַלד פאַרזונקען אין וויסטן ווײ. עס ברומט טרויעריק דער ווינט, עס קרעכצן די ביימער, צי וועט די נאַכט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן? פאַר זיין זכרון איז דורכגעלאָפן די אַלע עלנטע חדשים אין יאָרן זינט ער האָט פאַרלאָזט זיין היימיש שטעטל ביז ער איז ווידער געשטאַנען אויף איר חרובער ערד, ווי פאַרן גרויסן

קבר פון זיין נעכטן. איז וואָס האָט ער נאָך צו טאָן, אַן איינזאַמער, פאַר־יתומטער אויף דער פאַרשאָלטענער, געמיינער וועלט?

דאָך מיטן געבורט פון נייעם טאָג מאַרשירט יונה, צוזאַמען מיט זיין פולק, אַוועק ווייטער אין דעם אומזיניקן זעלנערישן גאַנג, אונטער די אָפּקלאַנגען פון דעטאָנאַציעס, איבער חורבות און פאַרבלוטיקטע פעל־דער, אונטער פאַרוויינטע הימלען, אונטער שנייען און פרעסט פאַרטיפט אין מחשבות — פאַרוואָס זענען די יידן ניט אַנטלאָפן פון זייער גורל, אפשר זיך צופיל פאַרלאָזט אויף נצח ישראל לא ישקר? און אפשר האָט זיי גאָר ניט געקענט קומען אויפן געדאַנק, אַז עס איז גאָר מעגלעך אַזאַ חיהשע אכזריות?

מיט נצחון־געזאַנגען מאַרשירט מען אַריין קיין לובלין, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך אַנדערע פולקן. פרייט יונהן דער זיג און אים איז קאַלט אויף דער נשמה, ער האָט געקענט גוט לובלין, ניט איינמאָל געשפּאַנט איבער אירע גאַסן מיט יידישע קראָמען; מיט פאַרטייען און צדקות־חברות; מיט שילן און שולן; מיט רבנים, חסידים, בונדיסטן, חלוצים און קאָמוניסטן, מיט פאַרליבטע פּאָרלעך; מיט ישיבות, בעטלערס און קבצנים, מיט שטרייקן, מיט יידישן געזאַנג און הומאָר, מיט קינדישע חכמה און מאַמע־געטריישאַפט. אין שמוציקע הייף איז דאָ אַ לעבן פאַרביי, צווישן דאגות פרנסה, צווישן גלחישע שנאה, פאָליציאַישע פּאַלקעס און כוליגאַנישע מעסערס. צווישן הייסן גלויבן און אייביקער פרעמדקייט האָט געצאַנקט און געפלאַמט אין פאַרשטיקטן געשריי דער דראַנג און דער ווײ. ניטאָ מער קיין יידן אין לובלין, אָבער די יידן־שנאה לעבט נאָך אַלץ אין אירע ברודיקע מויערן.

לובלין איז דורך די סאָוויעטישע זיגערס באַשטימט געוואָרן פאַר דער צייטווייליקער הויפּט־שטאָט פון נייעם פוילן און איז פול געוואָרן מיט סאָוויעטישע זעלנער און אָפיצירן, אַהער האָט אויך אַריינמאַרשירט די, אין מאָסקווע געגרינדעטע, פוילישע „קאָשטשושקאָ־אַרמיי". אירע אָפיצירן און זעלנער מיט יידישע נעז. טייל פון זיי האָבן פריער געשמאַכט אין די פוילישע טורמעס פאַר קאָמוניזם, שפּעטער אין די קאָמוניסטישע לאַגערן פאַר קאָנטררעוואָלוציע. אין דער מלחמה האָט מען זיי באַפרייט און אָנגע־טרויט, מיט זייער יידישער געטריישאַפט און סאָוויעטישע באַגנעטן, צו

מאַכן דאָס כוליגאַנישע פּוילן „סאָציאַליסטיש". דערווייל בליט אין לובלין די שפּעקולאַציע, די אָרעמע טראָגן אַרויס די לעצטע בעבעכעס פון די שטובן צום פאַרקויפן אויפן באַזאַר, כדי צו קויפן ברויט. די סאָוויעטישע זעלנער זוכן גייציק צו קויפן זייגערלעך. די פּאָלאַקן פון דער שטאָט פרייען זיך גאָר ניט מיט די רוסישע זעלנער און ווער פון זיי רופט זיך אָן:

— זעסט פּיעטריק, קוים פּטור געוואָרן פון די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן מיר גאָר מאָסקאַלעס אויף אונדזערע קעפּ! און „פּשאַ־קרעווי", פון וואַנען נעמען זיך נאָך אַזויפיל יידן?

הענגען גרויע, שווערע וואָלקנס, ווי בליי איבער לובלין, און אויף דער נשמה איז קאַלט. ביי נאַכט ווערן די גאַסן אָפּגעליידיקט. איבערן חושך שפּאַנען אַרום סאָוויעטישע פּאַטראָלן. פון ערגעץ טראָגן זיך קלאַנגען פון אויפרייסן, אַ בריאַזג פון גלאָז, ערגעץ האָט מען וועמען באַרויבט, וועמען דערמאָרדעט, עס טראָגט זיך אַ געוואַלד פון אַ פרוי וואָס ווערט געשלאָגן פון איר מאַן. עס שלאָפן ניט די פאַרברעכער און ניט די גענע־ראַלן, אויך ניט דער שונא וואָס שפּינט נאָך אַלץ פינצטערע פּלענער אין זייערע וואַנזיניקע מוחות.

מיטן אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קריכן אַרויס פון די לעכער און באַהעלטענישן, איינציקע יידן, שאָטנס פון מענטשן, מיט פּחד אין די אויגן, מידע פון ליידן, דורשטיקע נאָך לעבן. נישטערן זיי אין די רשימות פון געראַטעוועטע יידן, אין דעם לאָקאַל פון דעם נאָרוואָס געגרינדעטן יידישן קאָמיטעט. אויך יונה זוכט אין די רשימות, אפשר וועט ער געפינען אַ טייערן נאָמען, כאָטש אַ באַקאַנטן? אַן אַנטוישטער לאָזט ער זיך אַוועק איבער די אַמאָל יידישע שמאָלע געסלעך. אָט שטייט אַ פאַרברענטער קלויז. דאָ ווי מען האָט אַמאָל אַלץ מקבל געווען באהבה האָט געהוליעט די רציחה און הפקר. פון עפּעס אַ קעלער קריכט אַרויס אַ מיסטיש געשטאַלט, מיט שוואַרצע האָר באַוואַקסן, מיט אַ פּנים פון אַ נביא, דערנענטערט זיך צו יונהן און זאָגט צו אים מיט אַ מילדן טאָן אויף יידיש:

— הייליקייט און זינד, גאולה און גלות, קדושה און טומאה אויסגע־מישט צוזאַמען, דו מענטש ביסט אַן אוצר פון מאַרגעליט און אַ שטיק צעגליטער גיהנום. אַלע פּעדים פון דער וועלט זענען אין דיר פאַרקניפּט.

דעריבער בחור'ל שעפּ די קדושה פון ריינע ברונעמס און זאַמל אין זיך די אוצרות פון בינה, נאַש פון אַלע פּרוכטן פון דער חכמה, אָבער געדענק אַז העכער פון אַלע חכמות איז רחמנות און פּשטות, און ניט אין דעם שנאה־קוואַל און ניט אין גיהנום־הפקר דערלייז דיין נשמה!

שפּעטער דערציילט אַ יידישן טאַנקיסט יוהגנען מיט גרויס געריר־טקייט:

— איך מיט נאָך צוויי טאַנק־עקיפּאַזשן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו לאָזן זיך קיין טרעבלינקע, דערביי האָט דער קאָמאַנדיר מיר שטיל צוגעגעבן: „דאָרט געפינען זיך אייערע"... האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען און גענומען טרייבן מיין טאַנק מיט אַ טייוולאַנישער גיכקייט, מאַכנדיק פריי דעם וועג מיטן פּולימיאָט. איך האָב דאָרט געטראָפן די טויערן פון לאַגער שוין אויפגעריסן, די וועכטער אַנטלאָפן. דערזעענדיק סאָוויעטישע טאַנקען האָבן, פון די אויפגעפּראַלטע טויערן, זיך אַרויסגעשיט ניט־מענטשלעכע געשטאַלטן, שקעלעטן אין לאַנגע, צעריסענע כאַלאַטן מיט קאַלירטע פּאַסן, פּרויען מיט אָפּגעשוירענע קעפּ. און מיט היסטערישע געשרייען געלאָפן אונדז אַנטקעגן. אין אַ היימישן יידיש, האָבן די געראַטעוועטע פון טויט, געיובלט זייער באַפרייאונג, באַפאַלן אונדז מיט קושן, געקושט אונדזערע פּאַלימיאָטן. אין מיר האָבן געשטיקט די טרערן, כ'האָב געהאַט דעם געפיל ווי איך וואָלט מיט מיין טאַנק פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ניט־רעאַלער וועלט און איך, אַ פאַרהאַרטעוועטער אין דער מלחמה, האָב זיך מער ניט געקענט באַהערשן און אויסגעשריגן צו זיי אויף יידיש:

— שוועסטער און ברידער, מיר זענען געקומען אייך ראַטעווען, באַפרייען! און מער ניט געקענט רעדן פון געריר־טקייט.

— יידער זענען מיר צו שפּעט געקומען. קיין סך פון די קרבנות ניט געבליבן. אויך פון די געבליבענע האָבן אַ טייל צו גיריק זיך צוגע־כאַפּט צום עסן, אין די אויפגעריסענע שפּייז־מאַגאַזינען און באַקומען בויך־קרעמפּן, אויך פאַר זיי איז די באַפרייאונג צו שפּעט געקומען. פּונקט ווי יונה צו זיין שטעטל, איז אויך דער טאַנקיסט געקומען, נאָך דעם ווי די היטלער־פאַרברעכער האָבן שוין באַוויזן אָפּצוטאָן דעם גרעסטן טייל פון זייער טייוולאָנישער אַרבעט.

איז ווי זאָל יונה גיין אין זיין יעדער פרייער צייט, אויב ניט אין יידישן קאָמיטעט, דאָרט צו טרעפן די רעשטלעך געראַטעוועטע, וועלכע

קומען דאָ נאָך אַ וואָרעם וואָרט, עפּענען דאָס מויל וואָס איז אַזוי לאַנג געווען פאַרשלאָסן, פאַרוואָס זאָלן זיי ניט דערציילן פון זייערעליידן? רעדן זיי זיך אַראָפּ פון האַרצן:

— מיך, דערציילט איינע, האָט ניט געקענט ראַטעווען מיין גוטער פּוילישער אַקצענט, ניט די אַנטיסעמיטישע רייד, וואָס כ׳האָב זיך אויס־געלערנט פון מיינע פּוילישע שכנטעס. די ס.ס.־לייט האָבן מיך אַלץ חושד געווען, אָבער אַז כ׳האָב זיי געוויזן אַז כ׳קען דעם קאַטוילישן פּאַטשעזש בעסער פון די פּרומסטע קאַטוילישע ווייבער האָבן זיי שוין געמוזט מיר גלייבן און מיך באַפרייט.

— ווי זאָל איך ניט גלייבן אין גאָט, רופט זיך אָן אַ צווייטע, אַז נאָר אַ נס האָט מיך געראַטעוועט פון טויט! איך בין אין די פינצטערע יאָרן געווען באַהאַלטן, ביי אַ באַקאַנטן פּויער אין אַ פינצטערן קעלער, אין אַ דאָרף. דער ביטערער פּויער האָט מיר געגלויבט אַ חוץ דעם גאָלד, וואָס איך האָב אים געגעבן, פאַרמאָג איך נאָך אַן אוצר מיט גאָלד, וואָס כ׳האָב ערגעץ־ווו באַהאַלטן און וועל אים דאָס אַוועקגעבן, אויב נאָר איך וועל בלייבן לעבן. ווען ער וואָלט געוווסט, אַז כ׳בין ניט מער ווי אַ נאַקעטע נשמה און פאַרמאָג גאָר ניט, וואָלט ער שוין פון לאַנג מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די היטלעריסטן.

— מיך האָט געראַטעוועט, דערציילט אַ יונגע פרוי, אַן איידעלער פּוילישער בחור מיט וועמען כ׳האָב צוזאַמען געלערנט אַ מאָל אין גימנאַזיע. אָבער ער אַליין איז שפּעטער דורך דער „געסטאַפּאָ" דערמאָרדערט געוואָרן פאַר געהערן צו דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. נאָך זיין טויט האָט מיך אויסבאַהאַלטן זיין שוועסטער. ליידער זענען געווען ווייניק אַזעלכע איידעלע פּאָלאַקן. אין אַ סך דערפער איז דער יידישער גורל געהאַנגען צווישן טויט און לעבן.

— דאָס לעבן איז געווען ערגער ווי דער טויט, רופט זיך אָן אַ פרוי איינגעוויקלט אין שמאַטעס, אין מיטן אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג האָבן די יידן פון אונדזער שטאָט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן זייערע דירות און זיך אַריינשפּאַרן אין אַן ענגן שטח פון אַ פּאָר שמאָלע געסלעך. האָבן צען טויזנט יידן זיך איינגעשפּאַנט אין קליינע שליטלעך און אַוועקגעפירט זייער ביסל אָרעמקייט אין געטאָ אַריין. עס איז געווען אַ טראַגישע פּראָ־

צעסיע פון פאַרצוויפּלטע און דערנידעריקטע, באַגלייט מיט ווייבלעכע קרעכצן. קינדער האָבן אויף זייערע שוואַכינקע פּלייצעס געשלעפּט שווערע פּעק און דער ווינט האָט זיי געשליידערט אין פּנים גרודעס שניי. אַזוי האָט מען אַרויסגעטריבן די יידן פון זייערע וווינונגען און איינגעשפּאַרט אין דעם ענגן געטאָ, וווּ מען איז ביסלעכוויז אויסגעגאַנגען פון הונגער און עפּידעמיעס. פאַרחלשטע עלטערע יידן, האָט מען געטריבן צו שווערע אַרבעט און באַלוינט זיי מיט קלעפּ און זידלערייען. פּונקט ערב פּסח האָט די ווערמאַכט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ און פון מאַשינען־ביקסן געעפנט אַ פייער. ניט געווען ווו צו אַנטרינען, וווּ צו אַנטלויפן. זענען טאָקע אַ סך יידן געפאַלן. נאָכדעם האָבן די אוקראַאינער זיך אַריינגעריסן אין געטאָ און געלאָזט זיך אויף אַ געיעג נאָך יידישע קינדער. צווי טויזנט יינגלעך און מיידלעך האָבן זיי צוגערויבט פון זייערע עלטערן און מיט קאָלבעס זיי געטריבן צו דער באַן אין די וואַגאָנעס. צווישן זיי אויך מיין טייערע רבקהלע, אַזאַ איידעלע נשמה געווען! די לופט האָט געציטערט פון די קינדישע געשרייען און מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז כ'הער מיין רבקהלעס געשריי, האָב איך אַ וואַנזיניקע גענומען צו איר לויפן. אָבער אַ שטאַרקער קלאַפּ פון אַ קאָלבע האָט מיך אומגעשליידערט. הלוואי וואָלט איך דעמאָלט מער ניט אויפגעשטאַנען. וויפל ליידן און פּיין וואָלט איך פאַרשפּאָרט און וויפל קרעכצן פון געפּייניקטע, ניט צו הערן און וויפל צרות ניט צו זעען.

וויפל אַזעלכע שרעקלעכע געשיכטעס הערט זיך יונה אָן פון די האַלב־טויטע, אויסגעמאַטערטע? געשיכטעס וואָס זענען ווי זאַלץ אויף די געשווירן פון זיין נשמה און רופן אים צום שלאַכט און נקמה. פאַרוואָס אָבער שווייגן זיי די אומגליקלעכע און צעטראָגן ניט זייער געשריי איבער אַלע עקן וועלט? אַ געשריי צו די פּאַלאַקן וואָס האָבן געמיטלעך געטומלט, געזונגען, געפּראַוועט חתונות און פריילעכע הולאַנקעס, ווען מען האָט די יידן, זייערע שכנים געפּייניקט און געמאָרדעט? זיי האָבן פאַרגעסן אַז אויך זיי זענען שקלאַפן און האָבן גאָר ניט געוויינט אויפן יידישן אומקום, מסתמא זיך געפרייט וואָס היטלער מאַכט פּוילן ריין פון יידן. איצט לויפן זיי אַרום איבער די לובלינער געסלעך ווי געלעבטע האָבן יידן, ווי עס פּאַשען זיך שטשורעס און קעץ און צווישן היסטאָרישן

זשאַווער און מעלאַנכאָליע פּאַשען זיי ווייטער זייער שנאה. אַרום אָפּגע־בלאַקעוועטע שטיינערנע פיגורן פון הייליקע דאַוועגען, אין די קלויס־טערס, פרומע ווייבער, אין די קרעטשמעס שיכורט דער פּוילישער פּראָ־לעטאַריאַט, פאַר וועמען די סאָוויעטישע אַרמיי טראָגט אַנטקעגן, אויף אירע באַגנעטן, דעם פּוילישן סאָציאַליזם. נאָר די יידישע יאַטן, מיט די גרויסע טשופּרינעס און גרויסע חלומות, וואָס האָבן געוואָלט ברענגען משיחן פאַרן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, זענען מער ניטאָ.

אַז דער פראָנט איז פאַרגליווערט געוואָרן ביי דער ווייסל, איז יונהס פּולק געבליבן פאַרשטעקט אין לובלין. פאַר די גענעראָלן איז דאָס אַ געלעגנהייט צו גריבלען זיך אין די מאַפּעס און שפּינען פּלענער. פאַר די זעלנער אַ צייט צו וואַשן די וועש און אָניצעס, צו פּוצן די ביקסן, פאַרלאַטן די שפּענצערס, רייניקן זיך פון די לייז און צו וואַרפן פּרעכע רוסישע קללות. ווער ווייסט צו וועמען? לאָזן זיי מיט בענקשאַפט אַרויס דעם רויך פון מאַכאָרקע דורך דער נאָז און טרייבן פון זיך די זשמודנע מחשבות, וואָס גריבלען אין מוח וואָס טאָרן ניט געברענגט ווערן אויף דער צונג — פאַרוואָס האָט דער פאַרשאָלטענער גערמאַניעץ פון אָנהייב מלחמה געקענט אַזוי שווער שלאָגן די סאָוויעטישע אַרמיי, וועמענס גרעסטע סטראַטעגישע חכמה איז געווען וואָס גיכער זיך צוריקציען אין אומאָרדענונג און איבערלאָזן פאַרן שונא די שענסטע שטעט און רייכסטע דערפער. געלאָזט אים חרוב מאַכן דאָס סאָוויעטישע לאַנד, צעקאַליעטשען די רוסישע נשמה און אָנוואַרפן אַ פּחד אויף דעם רוסישן זעלנער וואָס איז דאָך גאָר ניט קיין פּחדן? ווו איז געווען דאָס סאָוויעטישע געווער? צי איז מען ניט געווען צוגעגרייט צום היטלעריסטישן איבערפאַל? אפשר האָט דער „געניאַלער" סטאַלין געלאָזט זיך מיאוס אָפּנאַרן פון היטלערן, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט אַ שלום אויף לאַנגע יאָרן און פון אים דערפאַר באַקומען מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף? איז דאָ אַ סך „פאַרוואָסן". אָבער געזונטער איז אַפילו ניט צו טראַכטן, אפשר בעסער דער זעלנער זאָל ניט האָבן קיין צייט אויף ניט צענזורירטע מחשבות?

ווען יונהס פּולק קומט אָן קיין פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, זוכט ער מיט די אויגן אַ ייד און קען ניט געפינען. פּראַגע איז ווייניק

צעשטערט. עס שטייט נאָך די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע, דער ריזיקער שעכטהויז, אַ גרויסע געווער־פאַבריק, דער פּאַדאַרעווסקי־פּאַרק און דער גרויסער באַזאַר, ווו מען פאַרקויפט קרויט, גריבס און עפּל, אָבער קיין יידן זענען דאָ ניטאָ. אויף יענער זייט ווייסל ליגט וואַרשע, אַ גרויסע חורבה. אויף די וואַרשעווער גאַסן, געדענקט יונה גוט, ווען ער איז דאָרט געווען אַ פּאָר וואָכן ביי אַ פעטער, האָבן די סירענעס יעדן אינדערפרי גערופן די אַרבעטער פון די מעטאַל, כעמישע, לעדער און אַנדערע פאַבריקן צו דער אַרבעט. אויסגעהאַרעוועטע פּוילישע ווייבער און מיידלעך האָבן געאַרבעט אין די פּאַפּיראָסן־פאַבריקן, געניייט וועש און קליידער און געוואַשן די וועש פאַר אויסגעפּיעשטשעטע ווייבער פון די רייכע גאַסן. איבער די שמאָלע פּראָלעטאַרישע גאַסן פון אַלט־שטאָט האָט געשטינקען מיט וואָדקע און יידן־האַס. אין די נעכט האָבן געוואָקלט זיך שיכורים, געפּלאָנטערט זיך פּראָסטיטוטקעס און פּאָליציאַנטן געשפּאַנט מיט פּאַלקעס אין די הענט, ווי די וועלט וואָלט געווען זייערס. אין דער שטאָט האָבן ניט געפעלט קיין אַרבעטסלאָזע, קיין קבצנים און ניט קיין באַנקירן און פּאַרטיי־פירערס, וואָס האָבן געפּאַרעט זיך, יעדעס יאָר, ביי ווילן אַ מיס־פּאָלאָניע. זי האָט געמוזט האָבן שיינע פיס און אַ מיניסטער פאַר אַ געליבטן. אַ גאַנץ יאָר האָט איבער די גאַסן געהוליעט די נויט, די גריפּע, דער טיפוס און די כוליגאַנישע סטודענטן פון דער „פאַלאַנגאַ" און „נאַרא". די קאַנדידאַטן פאַר דאָקטוירים האָבן געשלאָגן אין די גערטנער יידישע מאַמעס מיט זויג־קינדער און געשריגן „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני!" פון דעם רייך יידישן לעבן, וואָס האָט געבליט אויף די יידישע וואַרשעווער גאַסן, זענען געבליבן בלויז די געטאָ־חורבהס. פון אַלע יידישע חלומות וועגן משיחן, ארץ ישראל און די סאָציאַלע רעוואָלוציע, זענען געבליבן בלויז אַש און גראָז. די היטלעריסטישע פעסט האָט אַלץ אָפּגעווישט. איצט שיט אַ פּוכיקער שניי איבער די חורבות פון יידישן געטאָ. זאָל אָבער ניט פאַרשיט ווערן די העראָישקייט פון דער פּרעכטיקער יידישער יוגנט, באַוואָפנט מיט געטריישאַפט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן דער מעכטיקער אוממענטשלעכער אַרמיי. זאָל זייער מוט, אידעאישקייט און העראָיזם לייכטן איבער דורות. דאָ האָט אין יום־טוב פּסח געפלאַקערט „אַ פרילינג מיט אַ שחיטה", צווישן

ברענענדיקע הייזער, צווישן אויפרייסן און האַרמאַטן־שאָסן, צווישן פלאַמען און פאַלנדיקע ווענט, האָט אַ העלדישע יוגנט געשיקט צו די מערדער זייער לעצטן גראַנאַט און לעצטע קללה און איצט רופט זייער גייסט, פון די חורבות, צו נקמה.

ווער ווייסט אויף וואָס די גענעראַלן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי וואַרטן דאָ גאַנצע חדשים? אָבער די פּוילישע פּאַטריאָטן ווילן ניט וואַרטן און הייבן אויף, אויף יענער זייט ווייסל, אין וואַרשע אַן אויפשטאַנד, מיט דער זיכערקייט אַז די סאָוויעטישע אַרמיי וועט ניט קענען בלייבן גלייכגילטיק און קומען זיי צו הילף. האָט דען ניט די סאָוויעטישע מאַכט פייערלעך דערקלערט אַז „דער ציל פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, אויף דער סוווערענער פּוילישער טעריטאָריע איז בלויז צו פאַרטיליקן דאָס דייטשע מיליטער און צו העלפן פּוילן זיך צו באַפרייען״? אָבער די פּוילישע פּאַטריאָטן ווילן אַליין באַפרייען זייער הויפּט־שטאָט, זייער אויפשטאַנד אָבער ווערט דורך דער דייטשער אַרמיי, דערטרינקען אין בלוט. פון וואַרשע איז געבליבן בלויז חורבות. אַוודאי האָט היטלער דערמיט געטאָן די סאָוויעטן, אַ גרויסע טובה, וואָס ער האָט אין בלוט דערטרינקען דעם אויפשטאַנד, צוזאַמען מיט דער אילוזיע פון אַ פּוילישער זעלבסטשטענדיקייט. און אויב די פּוילישע פּאַטריאָטן וועלן ניט מוחל זיין די סאָוויעטן, וואָס זיי זענען ניט געקומען צו הילף, זאָלן זיי ניט פאַרגעסן זייער אייגענעם פאַרראַט, ווען זיי זענען ניט געקומען צוהילף דעם יידישן געטאָ, וואָס איז איינזאַם אַליין געשטאַנען אין העראָישן קאַמף קעגן די היטלער מערדער. יאָ די געשיכטע פירט איר חשבון און באַצאָלט פאַר יעדער געמיינהייט. ליגט די ווייסל אין אייז געקאָוועט, ניט זי רוישט, ניט זי זשומעט, נאָר אין טיפע מחשבות פאַרזונקען.

דערווייל איז שטיל ביי דער ווייסל, דער אויפשטאַנד דערטרונקען אין בלוט. און די סאָוויעטישע אַרמיי וואַרט אַלץ. טויכן אויף האָפענונגען, אפשר וועט זיך ענדיקן די מלחמה? רויכערט מען און מען בענקט צום אייגענעם כותאָר, צום ווייב, צו אַ באַרישנע און מען טראַכט צי הונגערן זיי ניט דאָרט, צי איז דאָס ווייב געבליבן געטריי? עס פעלן דאָך ניט אין הינטערלאַנד קיין אויסגעפּוצטע אָפיצירלעך. טרייסט מען זיך אפשר וועט מען אויף דער דייטשער ערד קענען אַ הולע טאָן, ווייל

אויף דער פוילישער ערד איז דאָס שטרענג פאַרווערט. דאָרטן וואַרט אויף זיי גאָלדהאָריקע דייטשקעס און גאָלדענע זייגערלעך?

אַט שמעקט שוין מיט ערב־פּרילינג. די ווייסל צעברומט זיך, צערייסט דאָס אייז און די כוואַליעס וואַרפן אַרויס שטיקער האָלץ און גאַנצעביימער, מעבל און פגרים פון פערד און מענטשן. אויף די לופט איז נערוועז, עפּעס גרייט זיך. דער פּולק אָרדנט זיך איין אויף אַ בערגל אין פאַרלאָזטע פון די דייטשן בלינדאַזשן אַרומגעשאָטענע מיט זעק ערד. עס שטעלן זיך איין נייע אַרטילעריע־באַטעריעס, עס פאָרט אָן אויף אַ פערד, אַ הויכער אָפיציר, וואָס טיילט באַפעלן. יעדער זעלנער באַקומט צו 100 פּאַטראָנעס און אַ פערטל ליטער וואָדקע. פאַרטאָג דאַרף עפּעס געשען. גראָד ווען עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק שלאָפן, ווען די מעשענע האַרנס די זעלנער פון שלאָף. אין געציילטע מינוטן איז דער גאַנצער פראָנט וואַך. מען גרייט זיך פאַרסירן די ווייסל. דער ווילדער פויקן־קלאַנג פאַרטויבט די אויערן, צערייצט די נערוון. פאַר־שפּילעוועט מען אין אײלעניש די קופּיקעס, די פּעלצלעך און קאָמבינע־זאָנען און גלייך נאָך אַ באָמבע־אויפרייס צעשפּילט זיך אַ קאַנאָנאַדע פון האַרמאַטן. אין דער נאַכט איז צוגעגרייט געוואָרן אַ בריק פון שיפן און אונטער דעם שונאס פייער, פירט מען אַ גערענגל מיטן צעשטורעמטן טייך. דאָס וואַסער נעצט דורך די קליידער און מען ציטערט פון קעלט. אויף יענער זייט טייך רעוועט נאָך אַלץ פון הונדערטער האַרמאַטן גאָרגלען, שפּייען מיט פייער. אויפן האָריזאָנט, פון פאַרטאָגיקן הימל, ברענט דער גיהנום און די ערד פיבערט פון פחד. דער רויך פון האַרמאַטן הילט איין די וועלט אין חושך, ווי פאַר אַ וועלט־אונטערגאַנג. כאַפּט מען זיך אַריין אין פאַרלאָזטע דייטשישע טראַנשייען און מען ציטערט, ניט פאַרשיט צו ווערן. אונטערן האָגל פון קוילן טרוימט מען וועגן אַ לייכטן וווּנד, וואָס איז דאָך בעסער ווי דער טויט. די קלאַנגען פון אויפרייסן רוישן אין מוח, רייצן דעם קערפּער, די אויגן, שטערט דאָס עטעמען. ציטערט די ערד, די שטיינער און ביימער, אויפן הימל רוט ניט די אַוויאַציע, זיי קומען אָן כוואַליעוויז און באָמבאַדירן איבער די קעפּ.

— פּאַראַזיטן! מרוטשעט, נעבן יונהן אַ זעלנער, קייענדיק אַ שטיק

פּאַרטריקנט ברויט. אַט לאָזן זיך די טאַנקן אין אָנגריף און נאָך זיי די פּיעכאָטע, און ווען עס ווילט זיך ניט דעם קאָפּ אַרויסשטעקן און כאַטש גיב אַ שפּיי אויף דער וועלט, מוז מען אַריין מיטן קאָפּ אין גיהנום. דער שונא וויל זיך גאָר ניט אָפּטראָגן און גיסט מיט פייער. האַלט, צום טייוול, אין איין באָמבאַרדירן און די יללות פון די פאַרוווּנ־דעטע, מישן זיך מיטן פייף פון גראַנאַטן. דער באַפעל איז אָבער שטאַרקער פון פּחד, שפּרינגען אַרויס, פון בויך פון דער ערד, אַ כמאַרע פון שטאָלענע העלמען און אונטערן קנאַלן פון האַרמאַטן לויפט מען ווי רוחות. אַ ווילדער „אורא" רייסט זיך אַרויס פון טויזנטער גאָרגלען, ווערט אַלץ מעכטיקער, שרייט איבער דעם קלאַנג פון די האַרמאַטן, אַ פאַרשיכורטער, רציחותדיקער און זיגערישער ריטשען, דערזעט מען די פּנימער פון די בלאָנדע האַטנטאָטן, די ראַסע הויטשינדער און אַז עס ווערט שווער פון אַ בויך דעם באַגנעט אַרויסצושלעפּן, דערלאַנגט מען מיטן פוס. די סאָוויעטישע זעלנער האָבן געענוג סיבות פאַר צאָרן, האַס און עקל, פאַר די נבזהדיקע דייטשן. שלאָגט מען מיט דער ביקס, מיט די פאַקלאַדן אָן רחמנות, זאָל גיסן דאָס בלוט פון דעם שונא. אַ מיס־טעריעזע קראַפט טרייבט איבער ליוזשעס פון בלוט, איבער פייער־פאָנטאַנען, צווישן ריטשן פון האַרמאַטן, איבערן יאָמער פון צעריסענע קערפּערס און מען לויפט צווישן די טאַנקן וועלכע רייסן זיך אַריין אין די רייען פון שונא. פון וואַנען דער אוממענטשלעכער כוח, וואָס נעמט צו די מידקייט, לאָזט ניט אָפּקילן דעם סנייפּער און מען גיסט אַלץ פייער אויפן שונא? אין מיטן גיהנום־טומל שרייט וואַסיל צו יונהן:

— דערלאַנג זיי ברודערקע! ווי ווערעם לאָמיר זיי צעטרעטן, באַ־צאָלן זיי פאַר די צעקלאַפּטע רוסישע שטעט, פאַר סטאַלינגראַד און לעבינגראַד, פאַר מיין דערהרגעטן טאַטן און פאַר אַלע אייעריקע... לאָמיר אומברענגען די רוצחים און אָפּוואַשן דעם שאַנד פון נאַציזם!

יונהס האַרץ איז געענוג אָנגעצונדן מיטן דאַרשט נאָך נקמה און זיין סנייפּער איז אַ פייער־אינסטרומענט און דעם שלאַכט וואָס גיסט מיט קוילן און שנאה. דער שונא האָט, זעט אויס פון ערגעץ באַקומען פאַרשטאַרקונגען און אַ געדיכטער האָגל פון קוילן צווינגט זיך ווידער איינצוגראָבן אין די טראַנשעען. אַרום ברענט די וועלט, טאָר מען דעם

קאָפּ ניט אַרויסשטעקן, נאָר טיפער זיך פאַרקאָפּען, זיך איינקורטשען, ווערן וואָס קלענער און דאָך צופרידן וואָס מען האָט גענומען נקמה. כאָטש, אין אַ ווינקל פון מוח, גריזשעט דער צווייפל — צי ווען דען, פון דיין נקמה, אויפשטיין דיינע עלטערן פון די קברים, דיין פאָלק? אָבער די שנאה פאַרשרייט די ספקות, ווייל אויב ניט נקמה וועט דאָס מערדער־פאָלק ווייטער טראָגן די קרוין פון רציחה. איז גוט וואָס די מלחמה־מייסטערס, די אויסגעשולטע הויכע אָפיצירן, באַשטימען די אַלע טריקן און מאַנעוורן און פירן אָן מיט דער קאָמפּליצירטער בלוטיקער שפּיל. זיי צינדן דאָס אָן די זעלנער מיט דעם קעמפערישן גייסט, האַלט אים געהאָרכזאַם און דיסציפּלינירט. פאַרדינען זיי טאַקע די באַזונדערע פּריווילעגיעס, דאָס בעסערע עסן, בעסערע שטיוול, די וואַרעמע וועש און נייע מונדירן זיי האָבן אָרדינאַנסן וואָס באַדינען זיי און די זעלנער גראָבן פאַר זיי באַקוועמערע און מער זיכערע זעמלאַנקעס, ווייל ווי קען זיין אַ מלחמה אָן אַט דער קריגערישער קאַסטע?

גראָד ווען די זעלנער ווילט זיך אַזוי שטאַרק ליגן איינגעגראָבן וואָס טיפער אונטערן האָגל פון סנאַריאַדן, דערהערט זיך אַ ריטשען פון דעם קאָמאַנדיר:

— פּחדנים! לומפּן! געראַיען אויפן באַבסקן פראָנט! אויפשטיין! פייער, פייער! זאַ פּאַביעדו!

לויפט מען זיג־זאַגיק צו פאַרמיידן אַ קויל און אונטער דעם פּיסק פון פּליסנדיקן פייער טראָגן זיך יאָמער־געשרייען פון פאַרוווּנדעטע, ביי וועמען איז אַ קאָפּ געשפּאָלטן, פון אַ באַק רינט בלוט, אַט האָט אַ מויל זיך פאַרקלעמט, פאַרהאַקט זיך די ציין, וועמען האָט אַ גראַנאַט אָפּגעריסן אַ פוס, פון אַ קערפּער זענען אַרויס די געדערעם. איז ווי זאָל מען געפינען אַ רעטונג, אין מיטן דעם האַרמאַטן־דועל, אונטערן האָגל פון בליי? בלייבט בלויז צו שיסן און שעלטן; ווען ניט די רייכקייט פון דער רוסישער שפּראַך מיט קללות וואָלטן דאָך די זעלנער געפּלאַצט פון יאוש. אין מיטן פון דעם תוהו ובוהו, דכט זיך אַז די וועלט שטייט פאַר גסיסה און די מענטשן זענען אַראָפּ פון זינען. אפשר איז אויך דעם באַשאַפער נמאס געוואָרן די וועלט און ער וויל זי צעשמעטערן? שפּרינגט מען איבער גריבער און וואַלן מיט פיס שווערע ווי בליי און מען ציט

אָן אויפהערביים שלאָס פון דער ביקס און מען רייסט זיך פאָרויס. דוכט זיך יונהן אַז ער איז געטראָפן געוואָרן און באַטאַפּט לויפנדיק זיין קערפּער. צום גליק איז דאָס ניט קיין בלוט נאָר שוייס. די מידקייט לאָזט אָבער ווייטער ניט לויפן, עס ווילט זיך אויסציען אויף דער ערד, צום טייוול אַ סוף זאָל עס נעמען! אָבער דער באַפעל טרייבט אַלץ: — שאַרי־שאַג! לאָזט מען אויס די ביטערניש צום שונא און מען שטופּט אָן מיט צאָרן אַ נייע סעריע אַמוניציע פאַרן פאַרשאָלטענעם שונא.

אין דאָזיקן בלוטיקן שלאַכט איז צעקלאַפּט געוואָרן אַ גאַנצער דייטשער פּולק, געפאַלן אויך אַ סך סאָוויעטישע זעלנער. אויף דעם לאַנגן פייער־וועג פון סטאַלינגראַד ביז נאָך דער ווייסל, האָט די סאָוויעטישע אַרמיי זיך פאַרהאַרטעוועט אין שטאָל. כאָטש עס שמעקט שוין מיט פרילינג און מיט זיג, דאָך שטייט מען נאָך פאַר גענוג גרויזאַמע און בלוטיקע שלאַכטן. עס בענקט זיך אַזוי שטאַרק נאָך אַ ביסל שלאָף.

איז אַ גליק וואָס די נעכט פאַרדעקן מיט אַ פינצטערניש די וועלט און עס קומען אויסגעבענקטע „פערעדישקעס״. טוען די זעלנער אויס די שטיוול, און וואַשן ביים וואַסער־שטראָם די פאַרשוויצטע אָניצעס און הענגען זיי אויף די צווייגן, פון אַ פאָר אַלטע ווערבעס, צום טריקענען. ווער נעמט אונטערן לבנה־שיין, שרייבן אַ בריוו צו אַ ווייב אָדער אַ געליבטע באַרישניע. אין דער פינצטער פירט מען דורך נייע ראָטעס צום פאַרשטאַרקן די שיטער געוואָרענע פּאָדערשטע פּאָזיציעס. מיט איין ראָטע פירט אָן אַן ענערגישער סערזשאַנט, אַן עלטערער קרעפטיקער מאַן, פון דעם טיפּ קאָמאַנדירן וועלכע ווערן באַשריבן פון די צייטן פון בירגער־קריג. נאָר די זעלנער גייען ווי היפּנאָטיזירט, רייענווייז, ווי פאַרמשפּטע צום טויט.

לויפט די נאַכט דורך ווי אַ חלום, די קאַלטע פאַרטאָגיקע זון־שטראַלן רייסן זיך דורך די שווערע וואָלקנס און דער שונא באַגריסט דעם פרי־מאָרגן מיט אַ שטאַרקער אַרטילעריע־פייער. אָבער אַ גרופּע זעלנער אָנגעפירט פון אַ לייטענאַנט, באַפאַלן דעם שונא פון לינקן פליגל און די דייטשן טרעטן אָפּ אין בהלה. מען זעט דייטלעך די לויפנדיקע פיגורן, זייערע מונדירן. טייל דרייען זיך אויס, שיסן צוריק אין מיטן לויפן, אַנדערע פאַלן ציען זיך אויס. אָט פאַרדעקט זיי דער נעפּל, אָט שווימען

זייערע פיגורן ווידער אַרויס און פֿאַרשווינדן. שניידן זיך דורך עטלעכע סאָוויעטישע טאַנקן איבערן פֿאַרבלאָטיקטן פֿעלד. פֿוןביידע זייטן טאַנקן עטעמען שווער די זעלנער פֿון פּיעכאָטע, די גימנאַסטיאָרקעס צעכיאַסטעטע, די פּנימער פֿאַרשוואַרצט. פֿון ערגעץ טראָגט זיך ווידער אָן אַ געדיכט פֿייער פֿון סנאַריאַדן און גראַנאַטן. איז יעדע מינוט פֿון לעבן אַ נס. וואָס קען מען אויפֿן פֿראָנט מער דערלעבן ווי דעם טויט? אין בעסטן פֿאַל אַ וווּנד. און אַז אַ גראַנאַט גיט אַ זשום פֿאַר די אויערן איז אַ גליק וואָס ער האָט געפֿונען אַ צווייטן אַדרעס. די קראַפֿט פֿון אַ הילכיקן אויפֿרייס, גיט יונהן אַ שליידער אַוועק אויף דער ערד, אַ נס, ניט אים געמיינט. דער טויט אָבער בושעוועט איבער די פֿעלדער און דער גיהנום ציט זיך ווי אָן אייביקייט. יונהן ווילט זיך גאָר ניט אומקומען. ער וויל דערלעבן די פֿולשטענדיקע מפּלה פֿון די דייטשע מערדער. איז יונהן, אין מיטן קאַלטן טאָג, הייס אויף דער נשמה. נעבן אים פֿאַלן אַלע מאָל אַנדערע זעלנער. חכמה, העלדישקייט זענען פּוסטע באַגריפֿן. וואָס פֿאַרא העלדן איז מען מישטיינסגעזאָגט ווען מען פֿירט אויטאָמאַטיש אויס נאָר באַפֿעלן און מען ציטערט פֿאַרן טויט? קיינער קען דעם טויט ניט איבערכיטרעווען. ער שטייט אונטער יעדנס פּלייצע. בענקט מען צו דער נאַכט וואָס ברענגט אַ ביסל רו. די זעלנער כראַפּען אין די גריבער, ברומען און פּייפֿן מיט די נעז, קרעכצן אין חלום. ווער האָט זיי לעבעדיק אַריינגעוואָרפֿן אין די קברים און צווינגט זייער לעבן זאָל צאַפּלען פֿאַרן טויט?

אין פֿרימאָרגן רייסט דער באַפֿעל אַרויס די זעלנער פֿון די טראַנשעען און מען שאַרט זיך שטיל אין דער ריכטונג צו אַ דאָרף. אַרום איז אַ פֿאַרדעכטיקטע שטילקייט, עס קראַקען נאָר קראָען אויס זייער דורשט נאָך בלוט. אפֿשר זענען דאָ דייטשן אין דאָרף? דאַרף מען זיין פֿאָרזיכטיק און צוויי טאַנקן מאַנעווירן, אַרויסצורופֿן דעם „וואָלף פֿון וואַלד“ אָבער אַלץ שווייגט. אויפֿן האָריזאָנט וואַקסט אָבער פּלוצים אויס אַ דייטשע קאָלומנע אויף מאָטאָציקלען, וואָס לאָזט זיך אין דער ריכטונג צום דאָרף, וואָס זוכן זיי דאָ די אידיאָטן? פֿאַרשטעקט מען זיך אונטער די כאַטעס און ווען די קאָלומנע דערנענטערט זיך, איז מען זי מכבד מיט אַ האָגל פֿון קוילן. יונה דערזעט עפּעס אַ פּנים אָנגעגאָסן מיט שנאה און שטעלט אָן אויף דעם פּנים זיין ביקס מורמלענדיק: „אָט

האָסטו אַ מתנה פון אַ פאַרפלוכטן יודע!" עס פאַלן אַנדערע דייטשן. אין מינוטן בלייבט פון די מאָטאָציקלען און פון לעבנס, בלויז ברוכוואַרג און פּגרים. אַ פּאָר געפאַנגענע ציטערן פון פּחד און קוקן מיט פאַרגליווערטע אויגן. צי קען מען רחמנות האָבן אויף קראַנקע פון גאווה און שנאה וועלכע האָבן אויף קינדער קיין רחמנות ניט געהאַט? נאָכן אָפּשיקן דאָס ביסל געפאַנגענע, קומט אַ באַפעל אויף אַ „פּערעדישקע" און אויך „זאַקוריט". צעטיילט מען ברויט מיט שוואַרצע קאַווע און אַריינציענדיק דעם ריח פון טאַבאַק, זינקט מען אין בענקשאַפט און חלומות.

דער פּולק געפינט זיך ניט אויף דער פאָדערשטער ליניע, דאָך עפנט זיך אָפּט אומגעריכט אַ פראָנט. אָפט פירט מען זיי צו מיט מאַשינען גאָר נאָענט צו דער פאָדערשטער ליניע, — דער פּולק ווערט פאַרוואַנדלט אין אויטאָפּיעכאָטע, אָדער מען שפּאַנט צופוס, אָפט פאַלט מען אַרונטער אַ זייטיקן פייער. טאָר מען טאַקע ניט צופיל רוען, ווייל דאָס אָפּערירן אנטער דער פראָנט־ליניע האָט דעם ציל צו ליקווידירן די מיליטערישע נעסטן פון שונא, ברעכן זיין ווידערשטאַנד, זיינע פאַרפעסטיקע פּאָזיציעס, אויסרוימען די לעצטע רעשטלעך פון דעם שונא. ווייל די ערשטע פראָנט־ליניע, רייסנדיק זיך שטורמיש פאָרויס, האָט ניט דערצו קיין צייט. אַ באַוואָפנטע מיט טאַנקן, קאַטיושעס און מיט גבורה פאַרגיסט די סאָוויע־טישע אַרמיי, ווי אַ ליאַווע, דעם שונאס שטעט און דערפער און רייסט זיך אַלץ נענטער קיין בערלין. אויך יונהס פּולק, שטייט ניט זעלטן קעגן טאַנקן, אונטערן רויש פון „מעסערשמידן", אונטערן האָגל פון בליי, און פאַלט אָפט אַריין אין אַ פינצטערן, אָפּשרעקנדיקן גיהנום, ווי אַלץ כראַקעט, קוויטשעט, ברומט און בילט; צעררייסט, צעפּרעסט דעם מאַרד, און ציטערנדיק פאַרן אייגענעם לעבן שפּרינגט מען אַריין אין די גריבער אין יאַמעס, וועלכע זענען אַנטשטאַנען פון אויפגעריסענע באָמבעס. מען גראָבט זיך איין, אַז בלויז די שפּיצן פון די שטיוול שטעקן אַרויס פון די ערד־וואַלן. אין בלוטיקן געווירבל ווערט אָפט פאַרווישט די גרענעץ צווישן פראָנט־ליניעס. אין הייסן קעסל פון פייער ווייסט מען אָפט ניט ווי און פון וואַנען וועט זיך עפענען אַ נייער פראָנט. אָפט אונטער די פלייצעס, פּלוצים ווערט מען פאַרגאָסן מיט אַ רעגן פון בליי. אָפט טולעט מען זיך אַפילו צו קברים, כדי אונטער די מצבות פון טויטע צו שיצן

דאָס לעבן. עס פאַלן טויטע און פאַרוווּנדעטע, אָט רעדט דער פארוווּנדעטער יערימאָוו פון היץ:

— אָט באַלד וועל איך פאַרלאָזן דעם פראָנט. נאָך דער מלחמה וועט דאָס לעבן זיין פריילעכער, איך וועל ווידער זיין אין מיין דאָרף, כ'וועל איצט זיין ווייכער צום ווייב, ניט זידלען און לאָזן לערנען די טאָכטער וואַליאַ, אפשר וועט זי ווערן אַ דאָקטאָרין?

אָבער יערימאָוו וועט מער צו זיין דאָרף ניט צוריקקומען און וועט זיין ווייב סיי ווי קיינמאָל מער ניט זידלען...

אָבער ווער עס האָט נאָך ניט באַקומען קיין קויל, ווערט אַלץ אינטימער מיטן באַשאַף. טעג, נעכט און חדשים אויף שויס פון דער נאַטור, ווערט דאָס פעלד די היים, דער הימל דער דאַך. דער זעלנער פלוידערט מיט די שטערן, פלירטעוועט מיטן ווינט און ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, ווען די וועלט איז נאָך ניט אויסגעטשוכעט און געגעצט, ווערט דער זעלנער אויפגעריסן פון שלאָף. אונטער רעגנס און שנייען, אונטער היץ און קעלט ביים וויגעלע פון פרילינג, זאַפּט דער זעלנער איין אין זיך די שיינקייט פון דער נאַטור, דעם ריח פון בלי, טרינקט זיך אָן מיטן טרויער פון האַרבסט, מיטן וויסטן געוויין פון די וואָלקנס, מיט דער פאַרבלענדיקער ווייסקייט פון פוכיקן שניי, ווען די אייז־צעפּלעך קאַפּיען מיט בריליאַנטענע קרישטאָל־טרערן. טעג און נעכט מיט דער גרינקייט פון די פעלדער, מיט דער בלויקייט פון הימל, מיט דער סודותדיקייט פון די שטערן, מיטן וואַנדער פון די וואָלקנס, מיטן שווייגן פון די וועלדער, מיט דער בייזקייט פון די ווינטן, מיטן טאָג־טעגלעכן נס ווען דער טאָג ווערט געבוירן, מיט דער מיסטעריע פון דער שקיעה; אונטערן לוסטיקן צווישטשען פון די פייגל; צווישן גרויסן כאָר פון כלערליי אינזעקטן, אונטערן הייזעריקן טרויעריקן גרילן־געזאַנג אין די נעכט. אונטערן געזאַנג אין געהיימע לשונות פון ליבשאַפט און פרייד, וואָס פילט אָן אַלץ וואָס עטעמט און לעבט, ווי עס גייט אָן אויך גרויסע אַרגיעס פון טויט, די גרויזאַמע רציחה און שנאה. ווי עס הוליעט אויסגעלאַסן דער מלאך־המוות, איבער גאָטס שלוהדיקע פעלדער, צעטרעט יעדן געזאַנג פון לעבן, טרייבט אַריין אין בלוטיקע אָפּגרונטן, אין קאָכיקע ווולקאַנישע פייערן און שריפות. צערייסט יונגע לעבנס מיט פיינען און יסורים, פאַרלעשט די שענסטע חלומות, די

זיסטע בענקשאַפטן, צעקאַלעטשעט די מענטשלעכע גופים, רייסט אָפּ שטיקער מענטשלעך לייב און וואַרפט בליענדיק לעבן ווי מיסט אין די קברים. און זיי, די צעמזיקטע, צו וואָס זייער קרעכצן, וויינען? די זין וועט סיווי פאַר זיי קיינמאָל מער ניט שיינען. עס וועלן אַלץ נייע געשטיוול־טע רייען זיך וואַרפן אין גיהנום מיט „אורא״ געשרייען.

אָבער דו מענטש ביסט אַליין דער מלאך המוות. דו אַליין האָסט צעבייזערט דעם הימל און צעריסן די ערד אויף טויזנטער שטיקער. דו, די וווּנדערלעכסטע דערשיינונג; דער נס פון באַשאַף; אַ גרעסערער ווונדער ווי די שטערן, פּלאַנעטן און קאָמעטן, ביסט אויך דער שעפער פון דיינע ווייטיקן און צווייפלונגען; פאַנטאַזיעס און אַנטוישונגען; מיט דיינע פינצטערע אַמביציעס, משוגעתן און נקמה־געפילן; מיט דיינע האָפענונגען און שנאה; מיט דיינע בענקשאַפטן און תאוות, ביסטו דאָס טראַגישסטע באַשעפעניש. וואָס בויט און צעשטערט, וואָס מאָרדעט און לעבט אין פחד פאַרן טויט. דו וועסט פונעם טויט אבער ניט אַנטרינען, וואָס דראָט אויף דיר פון אַלע זייטן און זוכט זיין קרבן. דער גערמיינסקי סוואַלאָטש שיקט דעם טויט פון די האַרמאַטן־לופעס, פון טויזנטער מאַשין־ביקסן און קוילנוואַרפערס. דער טויט קומט פון הימל, פאַרגיסט די ערד, זייעט אַנגסט און פחד, דעקט צו מיט אירע פליגלען בליענדיקע לעבנס. איז טאַקע די ערשטע זעלנערישע פראַגע, נאָך אַן אַנפלי פון „יונקערס״ און „מעסערשמידן״ — דו לעבסט נאָך ברודערקע?

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַז טויטע שווייגן? הערט מען דען ניט זייערע געשרייען אין די פינצטערע נעכט, ווי אַן אימהדיקער פּראָטעסט קעגן פאַרשניטענעם לעבן, אַ מעכטיקע באַשולדיקונג קעגן אַלע רוצחים: די גענעראַלן און פּאָליטיקאַנטן, די הערשערס און דערפינדערס פון אַלע טויט־מכשירים? עס שרייט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אַ יוגנט, אַ געשריי צו די פוסטע הימלען פון וואַנען עס קומט ניט קיין ענטפער. אפשר איז גאָט טויב געוואָרן, אָדער אַנטלאָפן פון די הימלען? איז טאַקע דער מלאך־המוות אַלמעכטיק און וואַרפט אַן אַ שרעק. אויף די זעלנערישע פנימער פאַרציט זיך אַן אייז־קאַלטע פאַראַכטונג צו דער וועלט. פון זייערע מיילער גיסן זיך העסלעכע קללות אָדער שווייגן שפּאָטיש, מיט אַן עקל צו די פאַרעיפושטע מענטשלעכע אינסטיטוציעס, וואָס דינען

דעם מלאך המוות, אינסטיטוציעס, וואָס דער מענטש האָט אַליין באַשאַפֿן, זיך אַליין צו באַגראָבן. מיט זיין גרויסער „חכמה" אַליין זיך צו פֿאַרשקלאַפֿן, אַליין צו גיין צו דער עקידה, אַליין זיך צו טרייבן צום טויט. איז אפשר דער בעסטער טויט, אַ קויל אין שאַרבן? דאָס איז אַ טויט אָן ליידן. אָבער פֿאַרוואָס ציטערט מען פֿאַר דעם וואָס מען קען ניט אויסמיידן? איז דען דאָס לעבן ווערט געלעבט צו ווערן?

דער טויט אָבער שרעקט מיט זיין פּוסטקייט, מיט זיין פֿינצטערניש פֿון די גריבער אַרויס, מיט זיין רעטעניש, וואָס איז טויט? דער סוף פֿון אַלץ, דער אָנהייב פֿון עפּעס אַנדערש, דער פֿאַרלעשער פֿון לעבן? פּיי־ניקט די זעלנער, דער טראַגישער באַוווסטזיין אַז מען איז ניט מער ווי אַ פּונק וואָס קען יעדע מינוט פֿאַרלאָשן ווערן. דאָס גיט אויך ניט קיין רו מיקאַיאַנען און ביים רייניקן די ביקס פֿרעגט ער ביי ניקיטינען:

— זאָג מיר ברודערקע, דו ביסט דאָך אַ גראַמאַטנער, צי איז דאָ אַ „יענע וועלט"?

— אין פֿאַרשטונקענע וועלט איז דיר ווייניק, ווילסטו נאָך אַ וועלט? ניין ברודערקע, די עראָפּלאַנען האָבן אין די הימלען קיין גן־עדן ניט געפֿונען, פֿאַרגעס אַז נאָכן טויט וואַרט דיר אַ סעודה פֿון קרעפּל־פֿלייש. אין דעם אַ גיהנום דאַרף מען ניט זוכן אין די הימלען, מיר האָבן אים געננג אויף דער ערד?

— וואָס לעסטערסטו? עס קען דאָך ניט זיין אַז אַ מענטש זאָל אַזוי סתם בלייבן ליגן אַ פּגר אין פֿעלד צום פֿרעס פֿון די ווערים, אָן אַ שכר פֿאַר אַ געפּטערט לעבן, אָן אַ טרייסט אַז נאָכן טויט וועט זיך אָנהייבן דאָס אמתדיקע לעבן, אַז דאָרט וועט מען זיך טרעפֿן מיטן ווייב און קינדער, מיט „גוטע ברידער", אויסטרינקען אַ „לחיים" און אַפֿילו פֿאַר־בלאָנדזשען, מיט די הענט, אין דעם וויכן בוזעם פֿון מיין שכנטע מאַרוסאַ, וואָס ברוגזט זיך, קלאַפּט איבער די הענט צום סוף פֿאַרמרוזשעט זי די אויגן פֿאַר תענוג. איך פֿרעג דיך: וועלכער מוזשיק וואָלט דען פֿאַר־זייעט זריעה, ווען ער וואָלט ניט געווען זיכער אַז דערפֿון וועט אַרויסוואַקסן ברויט און ווער וואָלט זיך געמאַטערט אויף דער פּאַסקודנער וועלט ווען ער וואָלט ניט געגלויבט אַז אים וואַרט אַ באַלוינונג אויף „יענער וועלט"?

— ווי איך זע פֿעלט דיר מיקאַיאַן אַ שרייפֿעלע אין קאָפּ, דו פֿאַרגעסט

אַז אויף „יענער וועלט" וועסטו האַלטן דעם קאָפּ אין דער ערד און די פּיס אויסגעצויגן צו דער צערקווע און אויב מען וועט אין גן־עדן טיילן פּיעראָזשקעס וועסטו מיט דיין צונג זיך ניט קענען באַלעקן און מיט דיינע שטייפע פינגער וועסטו ניט קענען קריכן צו דיין מאַרוסאַס ברוסטן, וועלכע וועלן אויך זיין ווי שטיקער האָלץ. זעסט דען ניט אַז אַלץ וואָס לעבט איז פאַרמשפּט צום טויט?

— פאַרמאַך דיין ווערעמדיק מויל! מיט מיין פויערישן שכל פאַרשטיי איך אַז אויב אַלץ וואָס לעבט מוז שטאַרבן מוז דאָך אויך פון טויט געבוירן ווערן דאָס לעבן. איז דען ניט דער מענטש ווי אַ געוויקס, וועלכער שטאַרבט אָפּ אין ווינטער און ווערט אין פרילינג צוריק געבוירן? אפשר ווילסטו הערעטיקער אויך לייקענען אַז עס איז דאָ אַ גאָט?

— אַ גאָט, זעסטו ברודערקע, איז זיכער געווען, ווייל ווער וואָלט דען באַשאַפן אַזאַ פאַסקודנע וועלט? די באָלשעוויקעס האָבן אים אָבער פאַרטריבן, ווייל ער איז געווען אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער. זיין אָרט פאַר־נעמט איצט דער טייוול. צו זיין לויב דאַרף מען זאָגן אַז ביי אים זענען אַלע גלייך, ניטאָ קיין פּראָטעקציע, אַלע מוזן גלייך שטאַרבן, אַ זעלנער צי אַ גענעראַל. מיר פּראַוואָסלאַוונע מענטשן האָבן געהאַלטן אונדזער גאָט הויך אין די הימלען ווען די געצנדינערישע געטער פלאָנטערן זיך אַרום אין די שטעט און קאָלכאָזן, גנבענען פון די מאַגאַזינען און מאַכן בייכער די יונגע בתולות, זאָגט ניקיטאַ.

— וואָס האָסטו זיך צעפלוידערט פאַרזשאַווערטער אינטעליגענט! רופט זיך אָן אַרקאַדיע, דער הימל־טיראַן, זיצט ווייטער אויפן הימל און באָדט זיך דאָרט אין די וויסטע וויי־געשרייען, וואָס טראָגן זיך צו אים פון דער ערד, ער זויפט זיך דאָרט אָן מיטן פאַרגאָסענעם בלוט, ווי מיט אַ טייערן וויין. זיין גרעסטער תענוג איז געשאָכטן מענטשן־פלייש. ער פאַשעט זיך אויבן מיט קינ'ס־מתנות און מאַניעט אונדז מענטשן אַריין אין זיין גן־עדן פון וויי־געפיינען.

— גלויבט אים ניט פּראַוואָסלאַוונע מענטשן! דאָס ווילן די יעווריעס פאַרמיאוסן אונדזער קריסטלעכן גאָט, זיי האָבן אים שוין איינמאָל געקרייצט. דעריבער טאַקע האָט אונדזער פאָטערל סטאַלין באַפוילן צוריק צו עפענען די צערקוועס, ווו דער יודאַש טראָצקי האָט אויפן אָרט פון די

הייליקע איקאָנעס אָנגעלייגט יעוורעסקע ביכער. רופט זיך אָן דער זעלנער וואַסקאַ:

— וואָס דערציילסטו מעשיות, קריכט אים אַריין אין מיטן די רייד סעריאָשקאַ, מען זעט דען ניט, ווי עס הוליעט אַרום דער טייוול, זעט אויס אַז דאָס האָט דיין קריסטלעכער גאָט אומזיסט געריסט זיך, אַז דאָס האָט ער באַשאַפן די וועלט, אין דער אמתן האָט די וועלט באַשאַפן דער טייוול.

— אָבער ווי קען אַ זעלנער זיין אָן אַ גאָט, קלאָגט זיך סערגיי. פאַר וועמען זאָל ער זיך באַקלאָגן, זיך אָפּרעדן פון האַרצן, אים בעטן אַז די קויל זאָל ניט טרעפן אים און טאַקע בעטן גאָט ער זאָל אים צושיקן אַ געשמאַקע גערמאַנקע און פאַרוואָס ניט אַ פּאָר גאָלדענע זייגערלעך? ווער אויב ניט גאָט וועט שיצן און זאָרגן פאַרן רוסישן זעלנער?

— צו וואָס אַזוי פיל רעדן וועגן טויט? ווי לאַנג מען לעבט איז דער טויט נאָך ניטאָ און ווען ער קומט, דעמאָלט זענען מיר שוין ניטאָ. אַ שאָד וואָס מען קען ניט דערשיסן דעם מלאך־המוות. אַ סוף זאָל עס נעמען צום טויט! רופט זיך ווער אָן.

אָבער צום טויט נעמט גאָר ניט קיין סוף, זיין געשטאַנק טראָגט זיך צוזאַמען מיטן ריח פון פרילינג און צעבונטעוועט אין געהיים די זעלנערישע געמיטער, קעגן אַלץ און אַלעמען, קעגן גאָט און נאַטשאַלסטווע, עס ווילט זיך פייפן אויפן פּאַטריאָטיזם, אויף דער גאַנצער אומזיניקער מלחמה, דער בעסטער אידעאַל איז גוט זיך אויסצושלאָפן און דאָס איבעריקע זאָל דער טייוול נעמען. וויפל איז דער שיעור צו אַזאַ הינטיש לעבן? בלייבט דער איינציקער טרייסט און די וויכטיקסטע פראַגע אויף די זעלנערישע ליפּן: „ווי ווייט איז נאָך קיין בערלין"?

קיין בערלין איז שוין טאַקע ניט ווייט אָבער דער וועג איז נאָך אַלץ אויסגעפּלאָסטערט מיט טויט און פאַרגאָסן מיט בלוט. עס שווינדלען נאָך אַלץ אין דעם קאָפּ פון די שיסערייען, עס יאָמערט דאָס האַרץ אין די נעכט מיט קאָשמאַרן. פון מידקייט קלעבן זיך די אויגן. און אָט קומט, אויף די פליגלען פון חלום, צו יונהן זיין שטעטל, די מאַמע ווישט מיטן פאַרטעך אירע טרערן, און אָט איז ער גאָר אין דעם היימישן וואַלד, וואָס שמעקט מיט סאָסנע־ריח און פריידלס ליפּן זענען מיטן טעם פון זיסע

מאַלינעס. דער חלום פֿיבערט אויס אים די טייערסטע געשטאַלטן, אָבער עפּעס אַ שטאַרקער אויפֿרייס צערייסט דעם חלום אויף שטיקער, פֿאַר־טרייבט די טייערסטע און יונה קורטשעט זיך אין פֿאַר שרעק. אַ שפּליטער, וואָס איז דורכגעלאָפֿן, מאַכט אַ סוף צו וואַסיליס יונג לעבן און אַ טיף לאָך אין יונהס האַרץ. ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַז מען קען ניט ליב האָבן וועמען פֿון אַן אַנדער פֿאָלק? יונה האָט דאָך ליב געהאַט דעם טייערן רוסישן בחור וואַסילי ווי אַן אייגענעם ברודער. וואַסילי איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פֿון יונהן און פֿאַרמאָגט צוויי העלע ערלעכע אויגן און אַ וואַרעם האַרץ. מיט וואַסילין האָט יונה אַדורכ־געמאַכט אַ שטיק מלחמה, געגעסן פֿון איין מאַנאַשקע, צוזאַמען, אין די טראַנשעען געהאָלומט צו שפּאַנען איבער די בערלינער גאַסן. אַן איינציקער זון פֿון אַ מאָסקווער לערער האָט דער סטודענט און קאָמסאָמאָליעץ וואַסילי, ווי נאָר זיין פֿאָטער איז געפֿאַלן אין שלאַכט, זיך גלייך מאָביליזירט פֿרייוויליק צום פֿראָנט, צו פֿאַרטרעטן זיין אומגעקומענעם פֿאָטער. געטריי זיין פֿאָלק און זיין לאַנד האָט ער זיך געשלאָגן פֿאַר זיין געטרייער מאַמען, פֿאַר זיין באַליבטער מאָסקווע, אַ גרויסער שאָד וואָס אָט דער טייערער בחור איז מער ניטאָ, וואָס ער האָט ניט דערלעבט צו שפּאַנען איבער די בערלינער גאַסן. אַ קליינער שפּליטער האָט אַ סוף געמאַכט צו אַ יונג, פֿריש לעבן. אָבער פֿאַר וועמען זאָל יונה אָפּגעבן זיין לעבן? ער האָט דאָך מער ניט קיין מאַמען, אויך זיין פֿאָלק איז מער ניטאָ.

וואַסילי איז טויט, די מלחמה אָבער גייט אַן ווייטער, נאָר פֿאַר די טויטע איז די מלחמה שוין געענדיקט, די לעבעדיקע גרייטן זיך צו נייע אָנגריפֿן. מוז מען די שטילע מינוטן אויסנוצן פֿאַר אַ דרעמל וואָס ברענגט שטענדיק עפּעס אַ חלום. אָט באַווייזט זיך יונהן, זיין טאַטע, ווו קומט ער אויפֿן פֿראָנט? ער איז אין אַ ווייסן טלית, אָדער גאָר אין תכריכים איינגעהילט. ער ברענגט מיט זיך דעם טוכלענעם ריח פֿון אַלטע ספֿרים, צי פֿון קבֿרים. יונה וויל אים עפּעס פֿרעגן אָדער זאָגן אָבער האַרמאַטן־שאָסן פֿאַרטרייבן דעם טאַטן, אין דעם חלום. די זון נעמט מיט צאַרטקייט לאַשטשען די ערד און יונה טראַכט וועגן זיין שטעטל, ווי אַזוי האָט דאָס אומגליק זיך אָנגעהויבן? אין די טעג ערבֿ־מלחמה האָבן קלוגע יידן געפּסקנט, אַז היטלער סטראַשעט נאָר, ער וועט דאָך ניט

וואַגן אָנצוהייבן אַן אמתע מלחמה. ערשט ווען מען האָט דערהערט די פּאַרצווייפלטע געשרייען — יידן מען קנאַלט! און כאָטש דאָס איז געקומען אזוי אומגעריכט, אַזוי אומגלויבלעך האָט גלייך פאַר אַלעמען געשטעלט זיך די טראַגישע פראַגע — יידן וואָס זאָל מען טאָן? די מאַמע האָט גלייך, מיט טרערן אין די אויגן, געבעטן יונהן ער זאָל אַנטלויפן און געזאָגט: „דו ביסט יונג, דיך וועלן די היטלעריסטן ניט שוינען". אַלע האָבן געהאַלטן אַז דאָס יונגוואַרג דאַרף אַנטלויפן. קעגן אַלטע ווייבער, זקנים און קינדער וועט דאָך היטלער ניט גיין פירן קיין מלחמה. האָט מען יונהן אונטערגעאיילט — אַנטלויף גיך, אַ שאָד יעדע מינוט. די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אַ ברויט, עפּל און אַביסל וועש, דער טאַטע, הייסע ברכות און דוכט זיך אַז אַ הייסע טרער האָט אַ קייקל געטאָן איבער זיין לאַנגער באָרד. זיין שוועסטער האָט עפּעס טרויעריק געשוויגן. די דאָזיקע לעצטע מינוטן פון געזעגענען האָבן זיך איינגעפלאַנצט אין יונהס זכרון, באַגלייט אים אין די לאַנגע חדשים און יאָרן פון וואָגל. אויפן פראָנט, פון בלוט און טויט, מאָלן זיך אים די טייערע געשטאַלטן פון זיינע עלטערן און קען ניט פאַרגעסן זיין, שוין טויט שטעטל מיט אירע געזאַנגען פון לעבן.

די בענקשאַפט און פּיין, נאָך דעם פאַרלוירענעם לעבן, שטאַרקט אין אים דאָס געפיל פון נקמה. ווערן אים די זעלנער היימיש. וואָסילי איז געווען זיין בעסטער אָבער ניט איינציקער פריינד. די סכנה פון טויט, דער ווילן צו זיגן, צו נקמה, שמעלצט צענויף די זעלנער אין איין גרויסע משפּחה. אַפילו די זעלנער וועלכע האָבן אַ פאַרגעניגן צו חוזקן פון יידן איז ביי זיי דער באַגריף ייד, מער אַן אַבסטראַקטער, וואָס מיינט גאָר ניט יונהן, וועלכער איז דאָך אַ גוטער זעלנער און אַ גוטער חבר. די זעלנער זענען פון די פאַרשידנסטע שיכטן, כאַראַקטערן. עס זענען דאָ ערלעכע און כיטרע, פאַלשע און געטרייע, אָבער ווער קען דען אַריינקריכן אין די זעלנערישע נשמות, צי קען דען איין זעלנער פאַרשטיין דעם צווייטן? אָט רוקט זיך צו יונהן צו דער פשוטער קאָלכאָזניק, דימיטרי און דערציילט:

— ווען כ'האָב באַקומען די „פאָוויעסטקע" פון „וואיענקאמאט" צו מאָבילעזירן זיך אין דער אַרמיי, האָב איך גלייך גענומען גרייטן אַ ביסל האָלץ איבערצולאָזן אויף ווינטער, זאָל זיי כאָטש ניט זיין קאַלט. ווען

כ׳האָב זיך שטיל געזעגנט מיט ווייב און קינדער, האָט מיר געשטיקט די טרערן און ניט געקענט, אויך ניט געהאַט אַ סך וואָס זיי צו זאָגן. דאָס ווייב האָט געוואָלט מיר איינפּאַקן, וואָס מער שפּייז און כ׳האָב ניט געלאָזט, מיטן תירוץ, אַז עס וועט מיר זיין שווער צו טראָגן.

וואָס טראַכט אַזאַ דימיטרי אין די שווערע טעג פון מלחמה, אַזוי וייט פון דער היים? שווער אָבער צו גלויבן אַז סטעפּאַן יעפימאָוויטש זאָרגט זיך שטאַרק וועגן זיין משפחה, ערגעץ אין אוראַל, צי זיי זענען ניט הונגעריק? עפּעס איז ער צופיל פאַרנומען מיט לערנען די אַנדערע זעלנער אַנשטאָט צו לערנען זיך אַליין. ער איז כיטרע און שפּילט די ראָלע פון אַן אינטעליגענט וואָס ווייסט בעסער פון יעדן, אַז איינשטיין איז געווען אַ פּרייסישער גענעראַל און אַז קאָפּערניק האָט אַנטדעקט דעם גראַמאָפאָן און ער שטאָלצירט מיט זיין גרויסן וויסן.

אויף דער גאַנצער פראָנט־ליניע גרייפט אָן די סאָוועטישע אַרמיי, מיט אַ ריזיקן אַרטילעריע־פייער, מיט אַ מחנה פון טאַנקן וואָס רוקן זיך ווי צערייצטע שטאָלענע חיות. אויף די פראָנטן פירן אָן די באַרימטע מאַרשאַלן: זשוקאָוו, מאַלינאָווסקי, טאָלבוכין, ראָקאָסאָווסקי און אַנדערע. זייערע נעמען שרייען אַראָפּ פון אַלע צייטונגען. זיי זענען דאָס די העלדן, די גרויסע סטראַטעגן, אָבער וואָס וואָלט געווען פון זייער „גרויסקייט״, ווען ניט די אויסגעהאַלטנקייט און ווילן צו זיגן פון דעם רוסישן זעלנער, וואָס שיסט פון די האַרמאַטן, וואָס גרייפט אָן מיט טאַנקן און טרעט מיט זיינע שטיוול איבער דער פאַשיסטישער פעסט, און שלאָגט די היטלער־ריסטישע בעסטיע?

שרייען פון אַלע פאַנצער־אויטאָס און טאַנקן אַראָפּ די לאָזונגען: „מירן דערשטיקן די היטלעריסטישע בעסטיע, אין איר אייגענער באַרלאָגע״ און כאָטש די בעסטיע פאַרטיידיקט איר פאַרעיפּושטע נעסט קען זי ניט אָפּהאַלטן דעם נצחון־מאַרש פון סאָוועטישן זעלנער, צי קען אָבער זיין אַ מלחמה אָן דער קלוגער סטראַטעגיע פון די מאַרשאַלן און גענעראַלן? און אפשר וואָלט גאָר קיין מלחמות ניט געווען אָן די היטלערס און אָן די סטאַלינס, אָן די אַלע מאַרשאַלן, פּאָליטיקאַנטן און גענעראַלן? אָבער איצט איז דאָ פאַר יונהן גאָר אַן אַנדערער חלום, וואָס גיכער צו שפּאַנען איבער די חורבות פון בערלין און צו פאַרניכטן די פאַרברעכערישע היטלער־

באַנדע. און כאָטש ער איז ניט מער ווי אַ קליין שרייפּעלע אין דער מעכטיקער מלחמה־מאַשין שפּאַנט ער מיט שטאָלץ מיט זיינע צעריסענע שטיוול צווישן די טויזנטער שטיוול און זיין ביקס גיסט מיט פייער. ווי אַן אַלטער פּראַנטאָוויניק שפּירט ער נאָך מיט די אויגן דאָס פאַלן פון די נאָענטע שראַפּנעלן און מיידט זיי אויס מיטן באַוועגן זיך פונעם קערפּער. דאָס שיסן איצט אַן אַרומגערינגלטע גרופּע דייטשן וואָס ווילן זיך אַרויס־באַקומען פון דער קלעם. דאָס געלונגט זיי ענדלעך, איבערלאָזנדיק אַ סך טויטע און אַ סך מאַשין־געווער. אַ דורכלויפנדער שפּליטער רייסט אָפּ אַ שטיקל פליש פון יונהס האַנט. רייסט ער גלייך אָפּ אַ שטיק לייוונט פון זיין העמד און פאַרבינדט די וווּנד. אַ נס, אַ קליינע וווּנד, אָבער נעבן אים ליגט שוין אויסגעצויגן וואַניושאַ אַן באַוועגונג. אָט ניט לאַנג האָט דאָך וואַניושקאַ געפּיבערט מיט דורשט נאָך וואָדקע און נאָכן לייב פון גערמאַנקעס. דאָך איז דער טאָג אַדורך אָן אַ סך קרבנות. די נאַכט איז אַ שטילע, אַ טייל זעלנער כראָפּען אין די טראַנשעען נאָר פון די קוימענס פון די אָפּיצירישע זעמליאַנקעס רייסן זיך אַרויס קליינע פונקען צווישן די פּאַסן רויך. דאָרט שלאָפן ניט די הויכע אָפּיצירן, נאָר טרינקען טיי און קוקן אין די מאַפּעס. אויך אַ טייל זעלנער שלאָפן ניט אין דער פינצטער פאַריכטן די סאָפּיערן עפּעס אַ בריקל, וואָס די דייטשן האָבן אָפּטרעטנדיק אויפגעריסן. די אַרטילעריסטן שטעלן איבער זייערע האַרמאַטן אויף נייע פּאָזיציעס. די טאַנקיסטן באַקומען סנאַריאַדן און שפּייז. און שרייבן אין דער פינצטער בריוו צו די היימען. וואָס ווערט נאָך יעדן אָנגריף אַלץ ווייטער.

מעג יונה שעלטן די היטלער־באַנדיטן און לעכצן נאָך נקמה. ער בענקט אָבער צו די היימישע אַלטע ווערבעס און ווייסע בעריאָזעס. צום קלאַנג פון זיין אַמאָל שטעטלדיק בליענדיק לעבן, צום צאַרטן ציטערדיקן פידל־קלאַנג, צו די ציגאַנקעס די שיינע טעכטער פון די וועלדער, מיט שוואַרצע צעפּ און ברוינע מאַנדל־אויגן, מיט די פּיצעלעך קינדער אויף די הענט ווי קליינע מלאכימלעך. ער בענקט נאָך חוצפּהדיקע פּויערישע שיקסעלעך און צו די פאַרחלומטע יידישע מיידלעך, וואָס האָבן געגאָסן אין זיין האַרץ אַזוי פיל גליק און צעשטורעמט זיין נשמה. וואוהין איז דאָס אַלץ אַנטרונען? ווינקט פון הימל צו אים אַ רעגן־בויגן און ער

קוקט מיט פאַרבענקטע אויגן צום הימל ווען אַרום זעצט קין פאַר זיין מאָרד.

יונה האָט אין דער „פּרץ־ביבליאָטעק" פון זיין שטעטל, ווי אין דער טאַשקענטער ביבליאָטעק, זיך אָנגעלייענט אויך מיט מלחמה־ראָמאַנען, וואָס האָבן דערציילט פון מענטשלעכע יסורים. זיי זענען געווען אַ שרעקלעכע אָנקלאַגע קעגן אָרגאַניזירטן מאַסן־מאָרד, וואָס טראָגט זיך ווי אַ קללה איבער די פעלקער. יענע מלחמות זענען אָבער געווען פרי־מיטיוו אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער, וואָס איז „פּראָגרעסיווער", אכזריותדיקער און ראַפינירטער אין אירע אָרגיעס פון מאָרד, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט מיט דער מענטשלעכער שפּראַך שילדערן און דערציילן. די געניאַלסטע שעפער זענען אוממעכטיק אָט די מלחמה־פאַרבלענדעניש, דעם שוידער, די ווילדקייט און די שנאה, אויפן פּאַפּיר אַרויסצוברענגען אָט די אוממענטשלעכע, ניט רעאַלע מלחמה־ווירקלעכקייט. נאָר די צייטונגס־רעפּאָרטערן קאָנען באַשרייבן מלחמה־קוריאָזן, גלאָריפיצירן, דערציילן פון מלחמה־העלדישקייט. דאָס זענען אָבער פאַלשע, טענדענציעזע אָדער באַנאַלע געשיכטעס פון זיגן און דורכפאַלן, פון דעראָבערטע שטעט און טעריטאָריעס. אָבער וואָס ווייסן אָט די רעפּאָרטערן וואָס עס טוט זיך אויף דער טעריטאָריע אונטערן זעלנערישן שינעל? צי פון גרויס פּחד וואָס פירט אָפּט צו העלדישע טאָטן?

אָט מאַרשירט מען מיט שטאָלץ און מעכטיקן געזאַנג, אַריין אין אַ שטאָט. אַ טויטע שטאָט אָן קינדער. עס פאָרן ניט קיין טראַמווייען, קיין אויטאָס. אָן אַ קלאַנג פון לעבן. די מענטשן אונטער פאַרהאַקטע טירן און פאַרמאַכטע פענצטערס. פון ערגעץ טראָגט זיך אַ געוויין, אַ בריאַזג פון צעבראָכענע שויבן, אַ דונער פון אַן אויפגעריסענעם גראַנאַט. די דייטשן ליגן שטום אין די שטובן, ווי באַגראָבענע אין באַהעלטעניש, ווי מייז אין די לעכער. נאָר די סאָוויעטישע זעלנער שפּאַנען מיט שטאָלץ איבערן ברוק פון דער באַזיגטער שטאָט. זיי צעלייגן זיך איבער דעם ברייטן שטאָטישן פּלאַץ צום רוען. מען צעטיילט די זעלנער שפּייז, קאָנ־סערוון און פּאַפּיראָסן וואָס מען האָט דאָ געפונען אין אַ גרויסן מאַגאַזין. פון די מיליטערישע קיכן טראָגט זיך דער ריח פון קאַשע און פלייש, פון די ראַדיאָ־הילכערס דונערט דאָס באַקאַנטע קול פון מאָסקווער רעדנער

לעוויטע, וועלכער מעלדעט פייערלעך וועגן נייע פאַרנומענע שטעט, דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי. ניט באַמערקט אַפילו ווי די שטאָט רופט זיך, זוכן די זעלנער צו דעראָבערן גאָלדענע זייגערלעך און גאָלדהאַריקע גער־מאַנקעס וואָס האָבן זיך באַהאַלטן. רייסן טייל זעלנער אויף מיט גראַנאַטן פאַרמאַכטע געשעפטן, רייסן זיך אַריין און שטובן. אָט שלעפּט אַ גרופּע זעלנער אַ יונגע דייטשקע און שרייען „היטלער קאַפּוט!״ ביים וואָקזאַל שפּאַנען אויסגעצערטע, אָפּגעריסענע באַפרייטע פראַנצויזישע, האָלענדישע און אַנדערע געפאַנגענע.

פאַרנאַכט פאַרלאָזט דאָס פולק די שטאָט. די ערשטע פראָנט־ליניע האָט ווייט שוין פאַרטריבן די דייטשע אַרמיי. איבערן הימל זשומען אַ פּאָר „מעסער־שמידן״. עס קומט אַ שטילע נאַכט אין נעפּל איינגעהילט. אונטערן אויסגעשטערנטן הימל און פאַרפירערישן צויבער פון פרילינג דערוואַכן בענקשאַפטן און טרוימען און מען ווערט אַנטשלאָפן.

יונה כאַפּט זיך אויף אין אַ וווּנדערלעכן באַגינען אין עפּעס אַ שיטער וועלדל, מיט מורמל לויפט דורך אַ קרישטאָל־קלאָר קוועלעכל. צווישן שושקען פון אַלטע ווערבעס טראָגט זיך אַ גוטמאָרגן שושקעריי פון שוואַלבן און אַ לאָרכן־געזאַנג. פון דער ערד־פייכטקייט קוואָקען אַרויס די זשאַבעס. עס שמייכלט די זון ווי עס וואָלט גאָר אויף דער וועלט קיין מלחמה ניט געווען. טוט יונה וויי די שלווה מער ווי די מלחמה־יסורים. ווער האָט דאָ אַ זיסן פרילינג איבערן לאַנד פון די רוצחים געבערענגט? פאַרוואָס שיינט די זון, פאַרוואָס טרייסלט זיך ניט די ערד און עס ברויזט ניט דער הימל? ניט נאָך אידיליע, בענקט יונה, נאָר גאָרט נאָך חורבן מיט צעהאַקטע שטעט, צעטרייסלטע געביידעס, צעוואָר־פענע גאָטישע קלויסטערס, וואָס זאָלן מיט זייערע שפּיצן זיך ניט רייסן מער מיט גאווה צו די הימלען. אַ קללה זאָל קומען אויף דעם לאַנד, אַ פייער־שפּייענדיקער ווולקאַן זאָל דאָס לאַנד פאַרגיסן מיט לאַוועס פון שנאה. אַלץ פאַרטיליקן און פאַרוויסטן. אַן ערד־ציטערניש זאָל דאָס לאַנד צעטרייסלען, די הימלען אין פינצטערניש איינהילן. מיט אַ יאָמער אָנפילן ניט מיט לאָרכן־געזאַנג. צעשמעטערט זאָל ווערן די דייטשע גאווה, פאַרוויסט זאָלן ווערן די סדומישע שטעט פון די מאָנסטערישע באַנדיטן. אָפּגעווישט זאָל ווערן דאָס מערדער־פאָלק. אָט טראָגט אַ פעלדז אויף

איר שפּיצן־קאַרק אַ קלויסטער, וואָס שטייט אין פאַלשקייט איינגעהילט. זאָל זשע אַ צאָרן און אַ קללה ניט קיין פרילינגס־צויבער, אויף דעם לאַנד זיך אויסגיסן און אויף דעם פאָלק וואָס האָט די וועלט אין אַ שעכטהויז פאַרוואַנדלט!

זאָלן זשע זיין געבענטשט די נקמה־נעמער, די רוסישע זעלנער און אָפיצירן, וואָס האָבן מיליאָנען באַוואָפנט און יונה׳ן געגעבן אַ ביקס אין דער האַנט, כדי צו נעמען נקמה פאַר זיין דערמאָרדעטן טאַטן פאַר זיין געטרייער מאַמען, פאַר זיין פאָלק וואָס איז שוידערלעך דערמאָרדעט געוואָרן. ניין, ניט קיין ליבע־קלאַנג וויל יונה דאָ הערן נאָר אַ מעכטיקע האַרמאַטן־מוזיק.

פאַרפלייצן טאַקע סאָוויעטישע דיוויזיעס דאָס לאַנד פון די רוצחים מיט טויזנטער טאַנקן, מיט פייערדיקער שנאה. מיט שווערע האַרמאַטן פון אַלע קאַליבערס, מיט קאַטיושעס און קוילן־וואַרפערס. זיי באַוואַרפן די שטעט פון די מערדער מיט מיליאָנען גראַנאַטן, באָמבעס און פּאַטראָנען וואָס ווערן צוגעשטעלט פון די ריזיקע פאַבריקן פון מאַגניטאָגאָרסק, טשעלאַבינסק און אַנדערע שטעט. פון די פאַרבינדעטע מלוכות שטראָמען גאַנצע צוגן מיט אַמוניציע און שפּייז פאַר די סאָוויעטישע זעלנער און זיי שיטן מיט פייער איבער די דייטשע שטעט.

די שנאה צו די דייטשן איז באַגלייט מיט אַ ווילדן באַגער נאָך די דייטשקעס. די מלחמה שטעלט צו די זעלנער די גרעסטע שאַנסן צו כאַפּן אַ קויל אין בויך, צו פאַרלירן אַ פוס, אין בעסטן פאַל צו באַקומען אַ בויך־טיפוס אָדער אַ בלוט־שילשול אָבער זעלטן אַ ביסל פאַרגעניגן, זעלטן אַ מעגלעכקייט צו לעשן די מענערישע תאווה. דערפאַר זענען צעהיצט די זעלנערישע פאַנטאַזיעס און פון אַלע זייערע רייד שרייט אַרויס דער צעפלאַמטער באַגער נאָך די גערמאַנקעס. וואַנקאַ איז אַ באַקאַנטער יעגער נאָך דייטשקעס און פאַרמאָגט זיינע סטראַטעגישע מעטאָדן זיי צו פאַנגען און ער רימט זיך פאַר די אַנדערע זעלנער:

—כ׳האָב ניט געקענט מיט איר זיך באַגיין איידל, ווייל כ׳האָב געגאַרט נאָך נקמה און ברוטאַל געריסן איר די קליידער. זי איז גראָד געווען אַ שיינע און געשמאַקע דייטשקע, אָבער ווי מעג מען ליב האָבן אַ שונא? האָב איך זי גענומען מיט כוח, מיטן געפיל פון נקמה, אָבער זי האָט גראָד געקרעכצט פון תענוג. מיין ברוטאַלקייט האָט זי גאָר צערייצט און זי

האָט מיך שטאַרקער געצויגן צו זיך, איז מיין נקמה ערגעץ פאַרפלויגן.

— מיר דאַרפן ניט זיין ברוטאַל, רופט זיך אָן עפּעס אַ זעלנער, זאָלן די געראַנקעס ניט מיינען אַז מיר רוסן זענען אַזעלכע באַרבאַרן ווי זייערע מענער.

— זיי ניט קיין צעגאָסענער יאָלד, מיר האָבן רעכט אַלס זיגער און די געראַנקעס זענען אונדזערע טראָפעען, זאָ פּאָביעדו איבער די געראַנקעס! רופט זיך אָן אַ דריטער.

אָבער ניקיטאַ פאַרטראַגט ניט זייערע רייד און שרייט אויס מיט כעס:

— וואָס פּאַכעט איר סוואָלאַטשעס מיט די צינגער? אין אייערע היימען ציטערן געטרייע ווייבער אָדער באַרישניעס פאַר אייער לעבן, קוקן, מיט האַרצקלאַפּעניש, אויס פון אייך אַ בריוו און איר זולל וסובאַ־ניקעס זוכט פרעכע געראַנקעס צו זינדיקן. וואָס פאַראַ העסלעכע קאָמעדיע איר שפּילט, אייערע שמוציקע פאַרלאַנגען רופט איר אָן נקמה!

— וואָס דרייסטו אַ גיטאַרע ברודערקע? כ'האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן פילאָזאָף, נאָר איצט זע איך אַז אין ווייבערישן פאַך ביסטו גאָר ניט קיין גראַמאָטנער און דו פאַרשטייסט פון דעם ווי אַ וואַסער־טרינקער וועגן וואָדקע. צוליב דעם האָבן מיר געליטן ניט צו פאַרזוכן דעם טעם פון די געראַנקעס?

— מאָלאָדיעץ ברודערקע, רופט זיך ווער אָן, מיט אַ געשמאַקע געראַנקע איז דאָך אַ מצווה, ווען איך האָב הנאה בין איך אויך ניט קיין עגאָיסט, די געראַנקעס זיידענע וועש שיק איך אַפּ מיין ווייב אַ מתנה, זאָל זי דאָרט אויך הנאה האָבן.

— איר סוואָלאַטשעס, ענטפערט זיי ניקיטאַ, איר וועט האָבן גענוג פּראָטעקציע אין גיהנום, דאָרט וועלן קיין אויסגעלאַסענע געראַנקעס אייך ניט פעלן, אָבער אַהער האָט מען אייך געשיקט צו באַשטראָפן דאָס דייטשע פאָלק, פאַר חרוב מאַכן אונדזערע סאָוויעטסקע שטעט, און ניט צו לייגן זיך מיט די געראַנקעס. איר סאָוויעטסקע געראָיען קענט די מעכטיקסטע שונאים באַזיגן אָבער איר זענט אוממעכטיק, צו באַזיגן אייער אייגענער תאווה. ווען היטלער וואָלט אָנשטאָט זיינע צוויפיסיקע אָקסן געשיקט קעגן אייך, זיינע אויסגעלאַסענע געראַנקעס וואָלטן זיי, מיט זייער ווייבלעכן געווער, אייך לייכט מנצח געווען.

— די מלחמה ברודערקע, רופט זיך אָן אַ בלאָסער זעלנער, איז ניט געמאַכט געוואָרן צו פילאָזאָפירן נאָר צו דערשיסן וואָס מער פריצן און וואָס מער צו געניסן פון זייערע ווייבער און טעכטער.

ווער קען משפטן די וואָס האָבן אין לאַנגן גיהנום־וועג פאַרזוכט גענוג פּיין און לייד און ניט קיין טראָפּן געַנוס ? יונה איז אַ פרעמדער אויף אָט דער וועלט פון ברוטאַלער ווילדקייט, ווי אַ זעגל וואָס בלאָנדזשעט איבער אַ צעשטורעמטן ים, זוכט ער ניט מער ווי נקמה איבער די וואַנזיניקע היטלעריסטישע מערדער. עס זאָל אַ סוף נעמען צו זייער בלוטיקע הערשאַפט און אפשר וועט דער סוף פון דער היטלער־טיראַניע זיין אויך אָן אָנהויב פאַר אַ רוסישן פרילינג, פאַר פרייהייט פאַרן רוסישן פאָלק ?

די גרויסע מפּלות האַלטן ניט אָפּ די היטלעריסטישע האָרדעס פון חיהשן סאַדיזם. זיי פאַרוויסטן, אָפּטרעטנדיק, זייער אייגן לאַנד. זיי ראַנגלען זיך אַלץ מיט עקשנות און פאַרציען פאַר פּחד שטעכיקע דראָטן אַרום יעדן ווינאַרט, צעאַקערן יעדן שפּאַן ערד מיט טראַנשעען, זיי וואַרפן אין שלאַכט זייערע געטרייעסטע באַנדיטן, די געפּערלעכסטע געווערן, אָבער קיין זאַך קען מער ניט אָפּהאַלטן דעם מאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קיין בערלין.

אָט שפּאַנט מען אַרויס אויף אַ ברייטן שאָסיי, פאַרלייגט מיט מיליטערישע מאַשינען, טראַקטאָרן, שווערע 34קער טאַנקן, טאַטשאַנקעס מיט שווערע האַרמאַטן און מינענוואַרפערס. עס ליגן אומגעוואָרפענע טעלעגראַפן־סלופּעס, צעריסענע טאַנקן, שטיקער פון „מעסערשמידן" ווי אייזערנע שקעלעטן פון פאַרמבולדיקע חיות.

אויף דער זייט פון שאָסיי באַוועגט זיך אַ לאַנגע מחנה פון דייטשע פּליטים מיט איבערגעשראָקענע אויגן, און מיט ווייסע בענדער אַרום די אָרעמס. זיי שפּאַנען צופוס, טייל אויף וועליסאָפּעדן, אויף וועגענער אָנגעפּאַקטע מיט שטוב־זאַכן מיט קליינע קינדער. צווישן די וועגענער פּלאָנטערן זיך היימלאָזע הינט. אָט טרייבן דורך סאָוויעטישע זעלנער אַ גרופּע דייטשע געפאַנגענע, ווייטער שפּאַנען פּוילישע און אוקראַינישע מיידלעך פאַרשלעפּטע אַהער אויף אַרבעט. נעבן דער זיגערישער אַרמיי גייט דורך אַ דעפילאַדע פון היימלאָזיקייט.

דער שאָסיי פירט אַריין אין אַ נעץ פון צעקלאַפּטע אינדוסטרי־

שטעטלעך. די ערשטע פראָנט־ליניע האָט דאָ איבערגעלאָזט אונטער זיך פאַרברענטע פאַבריקן, פאַרסאַדזשעטע ציגל־ווענט פון וועלכע עס רייסן זיך נאָך רויך און פונקען פונעם זשאַר פון שריפות. איבער די גאַסלעך טרעפט מען איבערגעדרייטע טראַמווייען, אַרויסגעריסענע שינעס, פגרים פון הינט און אַ פגר וואָס ליגט שטייף אויסגעצויגן מיט דער גאַנצער דייטשער ערנסטקייט. אין דעם אַמווינציקסטן צעקלאַפּטן שטעטל צע־לייגט זיך דער שטאַב פון פּולק צוזאַמען מיט אַ פּאָר ראָטעס זעלנער. די אָפיצירן קוואַרטירן זיך איין אין דעם געוועזענעם גאַסט־הויז און לאָזן זיך באַדינען פון יונגע דייטשקעס, פלירטעווען מיט זיי אויף שטום־לשון אָדער זידלען זיי אויף רוסיש. די יונגע דייטשקעס רויטלען זיך גלויבנדיק אַז דאָס מאַכט מען זיי קאָמפּלימענטן. עלטערע דייטשן ווערן געטריבן פון אַ סאָוויעטישן אָפיציר, אָפּצוריייניקן דעם שטח פון מיסט און פגרים און די זעלנער באַקומען אַ באַפעל צו גיין רוען.

פאַלט יונה אַוועק אַ מידער, אין אַ גרויסן זאַל פון אַ פּוסטער פאַבריק צווישן אַנדערע זעלנער, און ווערט גלייך אַנטשלאָפן, אין חלום איז ער ווידער אין זיין שטעטל. ווען ער כאַפּט זיך אויף, טשוכעט זיך אויס פון שלאָף, דערזעט ער זיך אין אַ פרעמד שטעטל, אין אַ פרעמדער וועלט. צי וואָס איז ער אַהער געקומען ? די אַנדערע זעלנער זענען ניט פאַרשלאָפן די נאַכט און זיך באַרייכערט מיט גאָלדענע זייגערלעך, מיט זיידענע פרויען־וועש און מיט דורכגעלעבטע ווילדע פאַרגעניגנס. ווער האָט זיי דען גע־קענט זאָגן וואָס מען מעג און מען טאָר ניט ? אויך ביי טאָג זענען די זעלנער פאַרנומען. דורך אויסגעהאַקטע שויבן פון אַ פענצטער זעט מען אַ זעלנער מיט אַ מאָנגאָליש פּנים, רייסט ברוטאַל די קליידער פון אַ דייטשקע זי ראַנגלט זיך, קאָפּעט אים מיט די פיס, דראַפּעט מיט אירע נעגל און קאַפּיטולירט. אין אַ צווייט פענצטער זעט מען אַ היבש פליישיקע דייטשקע מיט אַ צעהיצט פּנים, מיט ווילד־קעצישע אויגן און צעפלאַמטע האָר גיט זיך אָפּ צו צוויי רוסישע זעלנער אויף אַ בהמהשן שטייגער און אַנדערע זעלנער שרייען אַריין דורכן פענצטער :

— נעמט גוט נקמה ברודערלעך ! זאַ ראָדינו, זאַ סטאַלינאַ !

די חיהשע סצענעס פילן אָן יונהן מיט עקל. ער ווייסט אָבער אַז דאָס האָט דער נאַציזם אַזוי צעווילדעוועט דעם מענטש, און דעם זעלנער

דערשטיקט אַלע מענטשלעכע געפילן. אַפילו די וואָס זענען אין זייער לעבן קיינמאָל קיין געוואַלד ניט באַגאַנגען, האַלטן גאָר ניט פאַר קיין חטא צו פאַרגוואַלדיקן אַ דייטשקע. אפשר שטייט די וועלט פאַרן קבר פון דער ציוויליזאַציע, וואָס שטינקט מיט זינד און טויט? ווער זשע וועט ראַטעווען די ציוויליזאַציע? אַוודאי ניט די קאַסטע אינטעליגענץ וואָס האָט דורות לאַנג געפלעגט דעם קולט צו כוח און גבורה, געפלאַנצט דעם גייסט פון מיליטאַריזם און דעם מענטשלעכן געדאַנק פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנאַטישער וויסטע. אַ שאָד וואָס די אַלע וועלט-פאַרשוואַרצערס, די קלאָונען פון צביעות, וואָס רופן צו הייליקע מלחמות און פרעכע נצחונות פילן אַליין ניט דעם טעם פון ליגן אונטער אַ האָגל פון גראַנאַטן. די וואָס וואַרפן אָן די פעלקער בלוטיקע אָרגיעס און פינצטערע „אמתן" וואָס שמעקן מיט הלשות זיסקייטן און זייערע עוואַנגעליעס מיט קרעמער-געשטאַנק און כבוד-לוסט, וואָס טרייבן די זעגלען פון דער געשיכטע צו פאַרשאָלטענע ברעגעס און פאַראַנקערן זייערע גלויבנס אין בלוטיקע פאָרטן און שפּילן אין פאָקער מיטן מענטשלעכן גורל. קען דען קומען די דערלייזונג פון פילאָזאָפישע סיסטעמען, פון רעליגיעזע פאַרבלענדעניש, דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס אָדער שוידערלעכע רעוואָלוציעס? ווער קען פאַרשטיין די זעלנערישע צווייפנימדיקייט וואָס שרייבן אַהיים צערטלעכע, פאַרבענקטע בריוו צו זייערע ווייבער און באָדן זיך אין עקלהאַפטע פאַרגעניגנס מיט דייטשקעס, זיי שלאָגן ברוטאַל די דייטשע געפאַנגענע און וואַרפן פאַר רחמנות זיי צו שטיקער ברויט און צום פאַרויכערן. אפשר שעפּן זיי פאַרגעניגן. סיי פון ברוטאַליטעט און סיי פון רחמנות?

אַ פאַרצווייפלטער פרויען-געשריי רייסט יונהן אַרויס פון זיינע מחשבות, כאָטש ער ווייסט גוט די באַדייטונג פון אַזעלכע געשרייען און ער דאַרף גאָר ניט אַריינשטעקן זיין נאָז, דאָך לאָזט דער געשריי אים גלייכגילטיק ניט דורכגיין און ער עפנט אַ טיר און דערזעט ווי אַ ווילד-צעיושעטער רוסישער זעלנער מיט חיהשע אויגן, באַפאַלט אַ יונג צאַרט מיידל וואָס צוזאַמען מיט איר מוטער רופן פאַרצווייפלט נאָך הילף, וואָס קען דאָך פון ערגעץ ניט קומען. צינדט זיך אין אים אָן אַ שטאַרקער רחמנות צום שוצלאָזן מיידל און ספּאָנטאַן רייסט זיך אַרויס פון מויל אַ געשריי מיט רוסישע קללות צום כוליגאַנישן זעלנער, וואָס בלייבט

עפּעס מאָדנע דערשטוינט פון דעם וואָס ווער קומט אים שטערן אין זיינע רעכט, וואַרפט ער יונהן אַ פּאָר זידל־ווערטער און זאָגט:

— אַפּילו אויפן פראָנט איז פול מיט די אַבראַשקעס, דאָס קען נאָר אַ יעוורעי זיך אָנעמען פאַר אַ גערמאַנקע!

דאָך לאָזט ער זי אָפּ און פאַרלאָזט מיט כעס די שטוב. ווען יונה בלייבט אַליין מיט די צוויי צעשראָקענע דייטשקעס זאָגט ער צו זיי אויף דייטש:

— דער דאָזיקער רוסישער זעלנער איז אין פאַרגלייך מיט אייערע דייטשע סאָלדאַטן אַן איידלמאַן. די דייטשע באַנדיטן האָבן ניט נאָר פאַרגוואַלדיקט נאָר געמאָרדעט אומשולדיקע פרויען, זקנים און קינדער. רוסישע זעלנער מאָרדן ניט קיין ציווילע מענטשן. אייערע דייטשן האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען פון מיין יידישן פאָלק, דערמאָרדעט מיינע עלטער־ן פאַרגאַזעט אַ מיליאָן יידישע קינדער.

דער נס פון דערלייזונג און די איבעראַשונג צו הערן, פון אַ סאָוויע־טישן זעלנער, וועגן מאָרד פון דייטשן איבער אומשולדיקע פרויען און קינדער, האָט ביידע אַזוי צעטומלט אַז זיי זענען ניט פעיִק געווען, אַפּילו קיין דאַנק אַרויסצושטאַמלען. נאָכמער דער פאַקט וואָס אַ ייד, ווען די דייטשן האָבן, ווי ער זאָגט, כאָטש דאָס איז זיי שווער געווען צו גלויבן, אויסגעמאָרדעט זיין משפּחה, זיין פאָלק, זאָל קומען און ראַטעווען פון שרעקלעכן שאַנד אַ דייטשע טאָכטער. אָבער ווי קענען זיי אים, זייער רעטער ניט גלויבן? איז פאַרגעסנדיק אין דעם אייגענעם אומגליק, וואָס זי האָט נאָר דורכגעלעבט, פרעגט די טאָכטער מיט טרערן אין די אויגן: „איז דאָס מעגלעך מוטער?"

— כ׳האָב שוין לאַנג פאַרדעכטיקט, ענטפערט די מוטער, אַז די היטלעריסטן זענען פעאיק צו די גרעסטע אוממענטשלעכקייטן און גרעסטע פאַרברעכנס, דאַרפן מיר זיין טאָפּלט דאַנקבאַר אונדזער ריטערלעכן זעלנער וואָס האָט אונדז געראַטעוועט פון אַ גרויסן אומגליק און אויך געעפנט אונדז די אויגן, ווייל מען האָט אונדז געהאַלטן אין פינצטערניש, ניט דערציילט דעם אמת. אָבער מיט וואָס זאָלן מיר אים אָפּדאַנקען, איז דען דאָ אַ לוין פאַר אַזאַ ריטערלעכן טאַט?

— עס קומט מיר גאָר ניט קיין דאַנק, ניט קיין לוין, איך האָב בלויז געטאָן אַ מענטשלעכן חוב!

— דער קריג דערשטיקט אָבער יעדע מענטשלעכקייט און דו האָסט געטאָן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, ווייל אַנשטאָט אונדז האַסן האָסטו אונדז געראַטעוועט.

יונה באַמערקט אַז די אײדעלע מוטער און איר שיינע טאָכטער זשעניִרן זיך און פילן זיך אומגליקלעך וואָס זיי קענען אים מיט עפּעס ניט אויפנעמען, זייענדיק אפשר אַליין הונגעריק, לאָזט ער זיך אַוועק אין דער פאַרלאָזטער פאַבריק, ווו ער האָט איבערגעלאָזט זיין רוקזאַק, שלעפּט פון דאָרט אַרויס ברויט, קאַווע און קאָנסערוון, ברענגט דאָס אין דער הונגעריקער שטוב און בעט ביי דער דייטשקע, זי זאָל פאַר אַלעמען צוגרייטן אַ פרישטיק. ווערט די מוטער נאָך מער זשענירט און זאָגט יונהן אַ פאַרשעמטע:

— איז דען ווייניק וואָס דו האָסט אונדז געראַטעוועט פון אַ גרויסן אומגליק, ווילסטו אונדז נאָך שפּייזן, צי האָבן מיר דען דאָס פאַרדינט? נאָך דעם וואָס אונדזערע זעלנער האָבן געטאָן צו אייער אומגליקלעך פאָלק, ווי קענסטו אונדז אַרויסווייזן אַזאַ מענטשלעכע פריינדשאַפט?

אייגנטלעך איז דאָך די דייטשקע גערעכט, וואָס קען איר יונה ענטפערן ווען ער אַליין ווייסט ניט פאַר וואָס ער האַנדלט אַזוי. אָבער ער ענטפערט:

— איך בין געקומען אַהער נקמה צו נעמען פאַר די פאַרברעכנס קעגן מיין פאָלק, איך וועל דעם דייטשן פאָלק קיינמאָל ניט מוחל זיין און ניט פאַרגעסן זייערע פאַרברעכנס, אָבער איר זענט דאָך ניט שולדיק אין דעם, מיר וועט זיין אָנגענעם צו עסן מיט אייך צוזאַמען, איך האָב שוין לאַנג זיך ניט געפונען אין אַ ניט מיליטערישער געזעלשאַפט.

און ביים עסן דערציילט די מוטער מיט אַ צאַרטער שטימע:

— איך בין אַ לערערקע אין דער ראַיאָן שולע, אַ דערצויגענע אויף די הומאַניטאַרע ווערטן פון דער דייטשער קולטור, אויף הערבער, וועלכער האָט געזען אין דער מלוכה אַ ראַק־קראַנקייט וואָס צעפרעסט די קולטור; אויף געטהעס „פּראָמעטעאוס״, וואָס איז אַ מעכטיק געזאַנג צו דער פרייהייט; אויף דער לירישער סאַטירע פון היינע; אויפן ראַפינירטן הומאָר פון בערנע, אויף דער ראָמאַנטישער דיכטונג פון שלעגעל, העלדרין, טיק,

זשאַן פּאָול און אויף דער וועלט־ליטעראַטור. מיין גאָטזעליקער מאַן איז געווען אַ מוזיקער און ביידע האָבן מיר געהערט צום דייטשלאַנד פון פרייען גייסט, וואָס דער נאַציזם האָט אַזוי פאַרשוועכט. איך בין אָבער שטאָלץ וואָס מיין איינציקע טאָכטער איז ניט פאַרסמט געוואָרן פון דער נאַצישער דעמאַגאָגיע, דערפאַר וואַרשיינלעך, האָט דער ליבער גאָט, מיין אַנדזשעלען, צוגעשיקט אַזאַ טייערן בחור וואָס האָט זי געראַטעוועט פון ערגסטן. איך קען זיך אָבער ניט מוחל זיין, וואָס קענענדיק דעם פאַר־ברעכערישן כאַראַקטער וואָס ליגט אין נאַציזם האָבן מיר גאָר ניט געהאַט קיין באַגריף פון דער גרויס און גרויל פון זייערע פאַרברעכן קעגן די יידן.

— איך בין אויך זיכער, גיט צו יונה, אַז נאָך דעם וואָס כ׳האָב אייך דערציילט ווייסט איר נאָך אַלץ זייער ווייניק וועגן די נאַצישע פאַרברעכנס, ניט פון די ליידן פון מיין פאָלק, וועגן זייער שרעקלעך לעבן און שרעקלעכן טויט, אויך איך אַליין ווייס נאָך צו ווייניק וועגן די גרוילן פון אוישוויץ, מיידאַנעק און אַנדערע קרעמאַטאָריומס און גאַז־קאַמערן.

ווען יונה האָט גערעדט, וועגן די שרעקלעכע מערדערייען פון די דייטשן, איז די מוטער געזעסן בלייך און פאַרציטערט און דער טאָכטער האָט אין שרעקלעכן שווייגן, גערונען טרערן פון די אויגן און די מוטער האָט צו איר געזאָגט:

— טייערע אַנדזשעלאַ, מיט טרערן ווען מיר ניט אָפּוואַשן די חרפּה און די שרעקלעכע זינד פון אונדזער פאָלק וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעסטיעס, לאָמיר זיין דאַנקבאַר אונדזער פריינט וואָס ער האָט אונדז דערציילט דעם אמת. אָבער לאָמיר אים ניט האַלטן אין טרויער. ער האָט אין זיין יונג לעבן גענוג געליטן און גענוג שטייט נאָך פאַר אים פאַר דורכצומאַכן אויף אָט דער שרעקלעכער מלחמה. לאָמיר, מיין שאַץ, אין דער קורצער צייט וואָס ער דאַרף זיין אויף אָט דעם פּלאַץ אים פאַרבעטן צו אונדז ער זאָל זיך דאָ גוט אויסרוען.

קען ער דען אָפּזאָגן זייער אויפריכטיקן פאַרלאַנג? ברענגט ער זיינע זעלנערישע מאַנאַטקעס, כאַטש טיף אין אים בונטעוועט קעגן אָט דער מאָדנער פריינדשאַפט מיט דייטשקעס. אָבער די מוטערס איידלקייט און אַנדזשעלעס טרויעריקע אויגן רופן אים צו דער פריינדלעכער שטוב. ביים אָוונט־ברויט, הערט ער זיך איין אין דער מוטערס רייד:

ביי אונדז אין שטאָט האָבן געלעבט אַ סך יידן, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט זענען זיי פאַרשוווּנדן. מיין מאַן האָט געהאַט אַ גוטן פריינד אַ יידישן מוזיקער. ער איז אַוועק קיין תל־אביב, ער האָט שטענדיק געטענהט, אַז יידן דאַרפן האָבן זייער אייגן לאַנד. דער היטלעריזם האָט אָנגעהויבן מיט טעראָר קעגן יידן און איבערגעגאַנגען צום טעראָר קעגן אייגענעם פאָלק, מיט אַרעסטן און מאָרדן זייערע קעגנער און אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די שוואַכע. גרייטנדיק צו געבן דאָס וואָרט די האַרמאַטן, האָבן זיי פאַרשטומט די מענטשלעכע מיילער. זיי איז גאָר ניט שווער אָנגעקומען צו פאַרוואַנדלען דייטשלאַנד אין אַ גרויסן משוגעים־הויז. איך האָב אַמאָל ליב געהאַט מיין פאָלק, איר דיכטונג, איר מוזיק. אָבער וואָס מיר האָבן געהערט פון אונדזער גאַסט, צעטרייסלט מיינע געהירן, כ׳פיל אַן עקל צו מיין פאָלק וואָס האָט פאַרלוירן איר מענטשלעכקייט, איר מאָראַל, איר לאָגיק; וואָס האָט געלאָזט זיך פאַנגען אויף די ווענדקעס פון פינצטערע אידעאָלאָגיעס, גענומען זיך צו וויסטע העצעס און שוידער־לעכע מאָרדן. איצט ווייס איך ווי גערעכט איז געווען דער גרויסער דיכטער היינע, וועמענס געניאַלע ווערק היטלער האָט באַפוילן צו פאַרברענען. איך געדענק אָבער די ווערטער פון זיין ליד:

אַ קלאָג צו דעם פאַלשן פאָטערלאַנד,
אין וועלכן עס בליען שמאָך און שאַנד,
וואָס האָדעוועט ווערעם, פוילקייט און מיסט,
ווי יעדעס בלום ווערט פאַרוועלקט.

איז גוט, אין מיטן פון מלחמה־גרויל, צו זיצן צוזאַמען און פריינטלעך צו שמועסן, גאָר ניט ווי פרעמדע און די ליבע אַנדזשעלאַ שעפּטשעט:

— גאָט איז ניטאָ צווישן דונערן פון האַרמאַטן, ניט צווישן פלאַקער פון שריפהס, נאָר צווישן שטילקייט פון גראָז, צווישן פליטער פון ביימער און פויגל־געזאַנג, דאָרט ווו ערלעכע, שטילע נשמות בענקען נאָך פריינד־שאַפט און שלום.

דערווייל דערמאַנט זיך די מוטער, אַז עס איז שוין שפּעט, אַז דער גאַסט איז מיד און דאַרף דאָך רוען. אויפן פראָנט וואַרט דאָך אים ניט קיין באַקוועמע געלעגערס. יונהן ווילט זיך טאַקע שטאַרק שלאָפן, וואַשט

ער זיך אַרום, די מוטער און אַנדזשעלע ווינטשן אים אַ גוטע נאַכט און אַנגענעמע חלומות. איז אפשר דאָס אַלץ גאָר אַ חלום, דאָס זויבערע און באַקוועמע געלעגער נאָך אַזויפיל חדשים פון שלאָפן אין די טראַנשעען און אַנדזשעלעס זיסער שמייכל?

אין דער פרי גרייט די מוטער אַ געשמאַקן אָנבייסן, איז יונהן אַזוי געשמאַק און נעבן אַנדזשעלען. פילט ער זיין נשמה באַפליגלט. אַ שאָד וואָס ער מוז גלייך נאָך פרישטיק זיך שטעלן צום מיליטערישן אַפעל. ער ווערט אָבער באַפרייט ביז מיטאָג, לויפט ער גיך צוריק צו זיין נעבן דער ליבער אַנדזשעלען, ווייל נאָך מיטאָג ביז נאַכט וועט ער מוזן שטיין אויף דער וואַך, ביים אַריינגאַנג צום שטאַב. לויפן אַוועק די שעהן אין אַנגענעמען שמועסן, ביז ער מוז ווידער אַוועק צו זיין מיליטערישן פליכט.

שטייענדיק מיט דער ביקס אין דער האַנט זענען אַלע זיינע געדאַנקען פאַרנומען מיט אַנדזשעלען. זיי בריען אין מוח און אין אים גייט אָן אַ שווערער געראַנגל און ביטערער וויכוח מיט זיך אַליין:

— צי מעג איך ליב האָבן אַ טאָכטער פון רוצחישן פאָלק?

— האָט דאָך דער גרויסער דיכטער היינע געליבט זיך אין אַ טאָכטער פון אַ תליך, ווען אַנדזשעלעס פאָטער איז דאָך געווען אַ מוזיקער און מסתמא אַן איידעלער מאַן.

— אָבער איר פאָלק זענען דאָך רוצחים, די מערדער פון מיינע עלטערן, פון מיין טייער שוועסטערל. די פייניקער פון מיין פאָלק!

— צי איז דען אַנדזשעלאַ שולדיק אין די פאַרברעכנס פון די היטלער־באַנדעס?

— ביסט דאָך געקומען אַהער צוליב נקמה און ניט צו ליבע! אָט ווי וייט דו לאָזט זיך פאַרפירן פון אַ פאָר שיינע מיידלישע אויגן. אונטער דער מוזיק פון האַרמאָטן חלומט זיך דיר פון ליבע.

ראַנגלען זיך אין אים מחשבות און ספיקות, וואָס צערייסן זיין נשמה צווישן ליבע און שנאה און ער קען אַלץ ניט באַשליסן צי עס איז יושרדיק צו משפטן אַ גאַנץ פאָלק מיט דער אַבסטראַקטער באַשולדיקונג? צי האָט מען דען ניט באַשולדיקט אַלע יידן צוליבן זינד פון איינציקע? זענען דען אַלע דייטשן מערדער? יעדער דייטש האָט דאָך זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער.

— אווו מעג מען פאַרגלייכן? יידן זענען טאַקע ניט געווען פריי פֿון חסרונות אָבער קיין מערדער זענען זיי קיינמאָל ניט געווען, ניט קיין סאַדיסטן. יאָ אַנדזשעלע איז אַן איידעלע פּערל, אָבער צי דאַרף מען זוכן אַן איינציקן פּערל אין דעם ים פון געמיינקייט?

— צי מעג מען אָבער אָפּגעבן אַ קרבן די שענסטע געפילן פאַר דער פראַזע — נקמה?

מען טאָר פאַר קיין געדאַנק ניט אַוועקשטעלן, דעם אויפשריפט: „אַריינגאַנג פאַרבאָטן"! קריכן זיי טאַקע אין אַלע טיפענישן פון מוח און יונה פאַרענדיקט די שעהן פון שטיין אויף דער וואַך, מיטן פעסטן באַשלוס, אַז נקמה איז וויכטיקער פון דער ליבע. צוקומענדיק צו דער טיר פון וווינונג, שטעקט ער שטיל אַריין דעם שליסל, וואָס ער האָט באַקומען פון דער מוטער, ניט אויפצוּוועקן זיי פון שלאָף, אָבער צו זיין איבעראַשונג באַגעגנט ער אַנדזשעלאָס פריינטלעכן שמייכל און הייסע אויגן, וואָס שטראַלן מיט גוטסקייט. אַ פאַרשעמטע פאַרענטפערט זי זיך פאַר יונהן, אַז זי האָט דאָך ניט געקענט גיין שלאָפן ניט צוגרייטנדיק פאַר אים אַ הייסע קאַווע, נאָך שטיין אַזוי פיל שעהן אויף דער וואַך. ווערן צערונען, פון אָט דער גוטסקייט, אַלע אַרגומענטן קעגן דער ליבע און זיינע ליפּן רייסן זיך צו אירע. פאַראייניקן זיך ספּאָנטאַניש און ווען זי פאַרלייגט אירע הענט אַרום זיין האַלדז לויפט אַדורך אַ וואַרעמער שטראָם דורך זיין קערפּער. ווי קען מען ניט ליב האָבן אַזאַ איידעלע נשמה? זי, וואָס האָט ערשט נעכטן אַזוי פאַרצווייפלט פאַרטיידיקט איר אומשולד קלאַמערט זיך איצט מיט ליבע, דאַנקבאַרקייט און גרעסטן צוטרוי אין יונהן, גרייט אים אָפּצוגעבן איר האַרץ, איר נשמה און זיך אין גאַנצן. כאָטש יונה האָט צווישן זעלנערישן געזינדל זיך אָנגעזאָפּט מיט זלזול און פאַראַכטונג צו די דייטשקעס און צום גאַנצן ווייבלעכן מין, פילט אָבער אַ גרויסן רעספּעקט צו אַנדזשעלען, ער וואָס האָט זי געראַטעוועט פון כוליגאַנישע הענט איז צו פאַראַנטוואָרטלעך, ער זאָל זיך צוהערן צום ווילדן רוף פון די אינסטינקטן. אונטערן צאַפּל פון איר קערפּער און דעם ליבע-פיבער גיט די געלייטערטע ליבע אים כוח ניט צו מאַכן זי פאַר אַ קרבן פון צעגליטער תאווה, טרינקענדיק פון זיסן ליבע-געטראַנק, איז ער גובר, האַלט אָפּ אַ נצחון איבער די אייגענע יצרים, זי ניט צו באַשטראָפן פאַר

איר נאַיווקייט און ניט פאַר פריידיקע מינוטן פון גליק. זי שאַצט אָפּ זיין ברודערלעכע געטריישאַפט און באַקומט אים נאָך מער ליב, און אירע ליפּן שעפּטשען אים די ווערטער פון פּאָעט:

דער וואָס גיט זיך אָפּ דער העכסטער ליבע,
היילט זיך קיינמאָל דערפון ניט אויס.

קושט ער אירע ליפּן, איר האַלדז און לייב אונטער די ווייטע עכאָס פון האַרמאָטן־דונער.

אין דער פרי, ביים פרישטיק, עסן אים מיט ליבע אַנדזשעלעס הייסע אויגן און די מוטער מיט גרויס צוטרוי און פריינדשאַפט. פרעגט ווי זיך אַליין:

— ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס מיליאָנען האָבן פאַר דעם לץ היטלער געריטשעט „אורא" אין די גאַסן? דאָס לאָזט זיך דאָך ניט דער־קלערן בלויז מיטן תירוץ פון טעראָר. ניט אַלע האָבן דאָס געטאָן, צוליב פּחד, אָדער צוואַנג. גרויסע מאַסן האָבן דאָך פרייוויליק געדינט דעם טיוול, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נאַצישער דעמאַגאָגיע, פון ראַסן־האַס, באַהערשט געוואָרן פון חיהשער שנאה צו די אומגליקלעכע יידן. היטלער האָט געשפּילט אויף די נידעריקסטע אינסטינקטן, געוועקט שאָוויניסטישע גאווה און געלאָקט די מאַסן מיט דער וויזיע פון רויב. אפשר די באַדערפעניש וועמען צו באַוווּנדערן, צו מאַכן זיך אַ געץ, האָט געטריבן די מאַסן צו דינען דעם מנוול היטלערן? פעלן דען ביי אונדז שקלאַפּישע נשמות, געבוירענע לאָקייען, פאַרברעכערישע טיפּן, אונטערוועלט־העלדן און סתם מערדער, פאַר וועמען היטלער האָט געעפנט די ברייטסטע מעג־לעכקייט? האָט דען ניט די עוואַנגעליע געוואָרנט קעגן פאַלשע דערלייזערס און פאַלשע נביאים וואָס באַווייזן זיך ווי פוקסן, ריטשען ווי לייבן און פגרן ווי די הינט?

אַנדזשעלאַ הערט זיך איין אין די רייד פון איר מוטער און זי פרעגט:

— צי האָבן מענטשן ניט עפּעס בעסערס צו טאָן ווי זיך צו האַסן און שעכטן? די וועלט איז דאָך אַזוי רייך מיט שיינקייטן, מיט ווונדערלעכע קאָלירן, צויבער־טענער, מיט בלומען, מיט פריינדשאַפט. מאַכן דאָך דאָק־טוירים די גרעסטע אָנשטרענגונג צו ראַטעווען אַ לעבן און די מלחמה שיקט אין הורט מיליאָנען צום טויט.

וואָס זאָל ער ענטפערן אויף דער תמימותדיקער און טראַגישער פראַגע? אפשר טרייסטן די מיידלישע נאַיווקייט מיט בלאָנדע צעפּ און הייסע אויגן, אַז דאָס לעבן איז ניט בלויז הבל הבלים, ניט נאָר פאַרן טיוול אַ פינצטערע שפּיל, זי קען זיין אויך אַ שיר־השירים, אין מענטש אַליין איז עס געוועזן, אָנצונדן דאָס האַרץ מיט ליבע־פייער און נעמען דאָס גליק מיט אייגענע הענט. איז דען דער מענטש געבוירן געוואָרן, אַז פינצטערע כוחות זאָלן זיין גליק דערשטיקן און דאָס לעבן זאָל פאַרן טויט זיך בוקן? און אפשר וועט קומען אַ צייט, ווען עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל פאָלגן, וועט אויך ניט זיין ווער עס זאָל קאָמאַנדירן און די מענטשלעכע אָרדענונג וועט ווערט זיין צו עקזיסטירן?

אָבער דערוויל רופט די מלחמה, יונהן צוריק צום רויך און דינאַמיט, צום ריח פון פולווער און בליי. און ביים געזעגענען זיך בעט אים אַנדזשעלאַ מיט פייכטע אויגן — „זאָלסט היטן דיין לעבן טייערער! איך וועל דאָך קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר, אין יענע שווידער־לעכער מינוט, ווען כ׳האָב געבעטן אויף אַ נס, די ערד זאָל זיך עפענען און מיך איינשלינגען. כ׳האָב בעסער געוואָלט דעם טויט איידער די שאַנד און דו ביסט געווען דער נס, ווי אַ לעגענדאַרער ריטער, וואָס האָט מיך געראַטעוועט און באַשיצט, ניט געלאָזט פאַראומרייניקן מיין לייב און נשמה, ניט געלאָזט כ׳זאָל פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטש. און איצט אין דעם בלוטיקן ווירוואַר ווער וועט מיך און מיין מוטער באַשיצן? אָ, טייערער איך וועל מתפלל זיין פאַר דיין לעבן, זאָלסט אַ גאַנצער און געזונטער צוריקקומען צו מיר!"

— צוריקקומען ווי אַן אייגענער צו אַן אייגענער היים, צו די וואָס האָבן דיך ליב און וואַרטן אויף דיר! גיט צו די מוטער.

אַרויסגעריסן פון דער וואַרעמער היימישקייט, נעמט אים די מלחמה אַריין אין אירע בלוטיקע קלעשטשעס, ווידער אין שלאַכט, ווידער באַגעגנט זיך מיטן טויט. לעכצט ער אין חלשות־צושטאַנד, צו אַנדזשעלעס הייסע ליפּן, נאָך איר וואַרעם וואָרט, זיך אָנצוטרונקען מיט איר פרישן אָטעם. נאָר אַ פּלוצעם אויפגעוואַכטע וויזיע, ווי דורך אַ טומאַן, זעט ער זיין טאַטן, וואָס שעפּטשעט אַ קוים הערבאַרע תפילה פון קלאַנגלאָזע ווערטער און זיינע אויגן זאָגן: „צו וואָס שטרעקסטו אויס דיינע הענט נאָך בלינדן

גליק? דו ביסט דאָך פאַרבונדן מיט אַ בלוט־רויטן פאָדעם מיט אַ גאַר אַנדערער וועלט וואָס איז פאַרשוווּנדן".

פאַרשווינדט גיך די זעאונג פון טאַטן צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט נאָך אַנדזשעלען, געבליבן איז בלויז דער וועג פון נקמה. צי וועט ער דען אַמאָל צוריקקומען צו אַנדזשעלען?

ווי דען וועט ער גיין נאָכן נצחון, וואָס וועט ער דען טאָן אויף דער פאַסקודנער וועלט? די אַנדערע זעלנער פאַרשיכורטע פון די נצחונות איבער דער היטלער־אַרמיי און איבער די גערמאַנקעס, צאַצקען זיך מיט די דעראָבערטע זייגערלעך. מיט אָט דעם קליינעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם, מיט דער חכמה, וואָס מיט איר קלאַפּן, מעסט זי די צייט אין וועלכע עס וועגט זיך דער גורל פון מענטש צווישן לעבן און טויט; קלאַפּט מיטן ריטם פון הארץ, אין די פינצטערע נעכט אין די טראַנשעען, אונטער אַנגסט און קאַשמאַרן, אונטער האַפענונגען און בענקשאַפטן צו דער היים, צו ווייב און קינדער. נמאס שוין די בייטש פון באַפעלן, דער שווערער עול און זעלנערישע דאַליע, צו שפּאַנען צווישן טויזנטער זעלנערישע געשטיוולטע רייען, צו טראָגן די ביקס און וואַרפן העסלעכע קללות, ניט שטענדיקט צום שונא, אויך קעגן דעם וואָס מען איז יאָרן געווען געקאַרמעט מיט ליגנס, אַז דער קאַפּיטאַליזם פוילט, גוססט און גאַר געטראָפן שפּורן פון ווילטאָג, ניט קיין נעבעכדיקע רוסישע כאַטעס, נאָר ווילעס אַרומגערינגלט מיט זאַטקייט און בלומען. מעג דער פאָליטרוק לייענען פאַר די זעלנער די וואָרענונג פון דער „פּראַוודאַ", אַז „ניט אַלץ וואָס גלאַנצט איז גאָלד", און רופט זיך ניט איבערצונעמען מיט גלאַנץ פון קאַפּיטאַליסטישן לוקסוס. לאָקט אָבער דעם זעלנער צו גאָלדענע זייגערלעך און גאָלדהאָריקע גערמאַנקעס. דער פאָליטרוק, וואָס האָט אַליין שוין דעראָבערט אַ טוץ גאָלדענע זייגערלעך, לערנט די זעלנער אַז דער „געניאַלער" סטאַלין האָט באַפוילן צו באַפרייען די שמאַכנדיקע פעלקער פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך. ווייסן ניט די זעלנער וועלכער רעזשים איז בעסער, דער קאָמוניסטישער צי דער קאַפּיטאַליסטישער? אפשר טויגןביידע צום טייוול? ביידע באָדן זיך אין בלוט און אין בלאָטע. עסן די זעלנער אַמעריקאַנער קאָנסערוון, רייכערן אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן און גייען באַפרייען די וועלט פון קאַפּיטאַליזם מיט אַמעריקאַנער מאַשין־געווער.

מיט צעריסענע שטיוול און באַוואַקסענע פּנימער רייסט מען זיך אַריין, מיט נצחון געזאַנג, אין עפּעס אַ שטאָט. אויף די רייכע גאַסן זענען פאַרמאַכט די געשעפטן און קאַפעען, די קינאָס און קלויסטערס. עס באַגלייט די זעלנער אַ בילן פון הינט און ווייבערישע בליקן אונטער פאַר־מאַכטע פענצטער, וואָס גאַפן אויף דער געזונטער מענער־ראַסע און הענגען אַרויס ווייסע פלאַכטעס, אַלס צייכן פון קאַפּיטולאַציע. אָבער די זעלנער פייניקט די מידקייט. די דרעקישע מלחמה לאָזט קיין אויג ניט צומאַכן. באַפעלט מען גאָר צו זינגען. פאַרן זעלנער איז די מלחמה גאָר ניט קיין געזאַנג, ניט מיט לידער נאָר האַרמאַטן און מיטן אייגענעם בלוט האָט מען אָפּגעהאַלטן נצחונות. אַ גליק וואָס אויך די אַמעריקאַנער און ענגלישע עראָפּלאַנען באַוואַרפן פון הימל דאָס היטלער־לאַנד, מיט באָמבעס און וואָס זייערע אַרמייען האָבן שוין פאַרנומען רוים און פּאַריז און שלאָגן די היטלער־אַרמיי פון אַלע זייטן. אין איין גרויסן פראָנט מיט די קאַפּי־טאַליסטישע אַרמייען קעגן קאַפּיטאַליסטישן דייטשלאַנד, זיגט די סאָוועטישע אַרמיי. די היטלער־אַרמיי לאָזט איבער טאַנקען, האַרמאַטן און מאַסן טויטע. וווּהין האָבן זיי נאָך צו לויפן? כאָטש עס גרילצן נאָך איבער די קעפּ, די סנאַריאַדן, דאָך פרייד שוין די זעלנערישע הערצער און אַלץ זאָגט אָן דעם סוף, די גרויסע מפּלה פון שונא.

די בשורה אַז בערלין איז געפאַלן און דער שונא האָט קאַפּיטולירט, טרעפט יונהן ניט ווייט פון בערלין. צום פייערן דעם נצחון באַקומט יעדער זעלנער אַ האַלבן ליטער וואָדקע און זיסע פּריאַניקעס, מיט אַ צולאָג, אַ פּאַטריאָטישע רעדע, פון פּאָליטרוק וואָס דאָסמאָל, אין דער גרויסער היסטאָרישער צייט, זענען גאָר ניט לאַנגווייליק זיינע רייד, זיין לייבן־שטימע קלינגט אָפּ מיט אַ טיפן עכאָ אין די זעלנערישע נשמות. ער דונערט מיט זיין קול:

— חברים קאָמאַנדירן און זעלנער, קעמפער פון דער זיגרייכער סאָוועטישער אַרמיי, זין פון רומפולן סאָוועטישן פאָטערלאַנד! דער ענד־גילטיקער זיג איז געקומען! בערלין איז געפאַלן! די היטלער־אַרמיי האָט קאַפּיטולירט! (אַ מעכטיקער „אורא" פאַרהילכט די גאַנצע געגנט) אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער גרויסן באַליבטן פאָלקאָוואָדיעץ, געניאַלן סטראַטעג, פירער פון די סאָוועטישע פעלקער און הויפּט־קאָמאַנדיר־

איבער אַלע סאָוויעטישע מיליטערישע כוחות — גענעראַליסימוס יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין! (דאָ ברעכט אויס נאָך אַ גרעסערער און לאַנג־דויערנדיקער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן), האָט די סאָוויעטישע אַרמיי צעשמעטערט דעם פאַרשאָלטענעם שונא. די מלחמה איז געענדיקט, אויך אייך סאָוויעטישע קעמפער ווארט דאָס פאָטערלאַנד. ווי העלדן וועט איר אַהיימקומען צו אייערע שטעט און קאָלכאָזן, צו אייערע משפחות. דאָס פאָטערלאַנד וועט באַצירן אייערע ברוסטן מיט אָרדערן, זי וועט ניט פאַרגעסן אין די געפאַלענע און היילן די פאַרוואונדעטע און צוריק אויפבויען די שטעט...

אַזוי פליסן זיינע ווערטער. דאָס וואָרט — היים צינדט אָן די זעלנער מיט אַ פרייד, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע וויטיקן. עס פראַלט מיט באַגייסטערטע געזאַנגען. טויזנטער זעלנער זענען מיט איינמאָל באַפרייט געוואָרן פון פחד פאַרן טויט. עס איז באַפרידיקט געוואָרן דער נקמה־געפיל פון דער ריזיקער מאַסע זעלנער פון אַלע שיכטן פון סאָוויעטישן פאָלק. פון שטעט און קאָלכאָזן, פון פראָסטיקן סיביר, ביז די וואַרעמע לענדער פון מיטל אַזיע, הערנדיק דאָס פאַרכישפטע וואָרט — שלום. אָט וועלן זיי אַוועק צוריק צו די היימישע כאַטעס, צו די באַליבטע נאַטאַשעס, טייערע קאַטיעס, צו די פרויען און קינדער.

אָבער דערוויילע ווילט זיך די זעלנער אַ הוליע טאָן איבער בערלין. מסתמא איז דאָך דאָרט געבליבן ניט אויסגעליידיקטע געשעפטן, אין אַזאַ שטאָט פעלט דאָך ניט קיין געשמאַקע גערמאַנקעס. אויך יונהן ציט קיין בערלין. אים ווילט זיך שפּאַנען אויף אירע חורבות און אַ שפּיי טאָן אויף דער רעזידענץ פון די מערדער, ווי דער לץ היטלער האָט געהאַלטן — זיינע וואַנזיניקע רעדעס, געהעצט אומצוברענגען די יידן און געדראָט אויך אַנדערע פעלקער. צום סוף זיך אַליין, צוזאַמען מיט זיין געליבטע אומגעברענגט. ווי נעבעכדיק עס ווערן די „גרויסע העלדן" ווען זיי פאַרלירן זייער מאַכט, ווען עס ווערט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון „גרויסקייט" פון זייערע קאָמענדיאַנטישע פּנימער. וואָלטן די פעלקער פאַרמאָגט אַ ביסל חוש פאַר הומאָר וואָלטן דאָך אַזעלכע קאָמענדיאַנטן און לצים ניט געקאָנט איינרעדן זיך און אַנדערע קיין דיבוק פון „גרויסקייט", און וואָלטן ניט געקענט שפּילן זייערע העסלעכע בלוטיקע קאָמעדיעס.

איצט איז שוין היטלער אַ פּגר. זיינע בילדער וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקן, די בלוטיקע כנופיה איז אַרעסטירט, פאַרשטומט די ראַסן־טעאָריע. צי איז דאָס אָבער דער סוף צו מלחמות, צו פעלקער־שנאה, צו ברוטאַלער הערשאַפט איבער פעלקער? צי וועט דער פאַסקודנער יצר צו מאַכט ניט אויפשטעלן נייע געטער, דורשטיקע נאָך בלוט?

דערווייל איז זיס דער טעם פון נצחון און נקמה. עס ברענט די נעסט פון באַנדיטיזם. פון די בערלינער דעכער רייסן זיך קנוילן פון רויך, ווי פריער אין וואַרשעווער געטאָ. מיט רויטן שוידער שפּיגלען זיך די פלאַמען פון שריפות אין די הימלען, עס פלאַמט די נקמה פאַר די מיליאָנען דערמאָרדעטע יידן און פון אַנדערע פעלקער; פאַרן בלוט און טרערן פון קינדישן אומשולד. זי פלאַמט צוזאַמען מיט די רויטע פענער פון נצחון און ווייסע פענער פון קאַפּיטולאַציע. עס טרעט דער סאָוויעטישער שטיוול איבער דער נאַצישער סוואַסטיקע, איבער דער דייטשער גאווה, וואָס האָט געשפּראָצט מיט שנאה און געטריפט מיט בלוט; זיי טרעטן אויף דעם געוואַי פון וויסטער דעמאַגאָגיע פון רוצחישע באַראָנען און גאַליי־טערס, אויף דער סטאַדע פאַרטעמפּטע סאָלדאַטן; די טרעגער פון דער ברוינער פינצטערניש, די ציוויליזירטע באַרבאַרן, אָנגעזויפּטע מיט בלוט פון מיליאָנען.

אָבער אָנשטאָט דעם גייסט פון פרייהייט בליט דער שוואַרצער מאַרק און די שפּעקולאַציע. צווישן די חורבות קומט פאָר, ביים בראַנדענבורגער טויער, אַ מאָדנער ספּעקטאַקל: סאָוויעטישע זעלנער אויסגעמישט מיט דייטשע שפּעקולאַנטן און דייטשע ווייבער וואָס פאַרקויפן פאַרשידענע אָנדענקונגען, פּרויען־וועש, זייגערלעך. די זעלנער קויפן אַלץ. אָט ווייזט איין זעלנער דעם צווייטן די פאָטאָ פון זיין נאַטאַשען. אַנדערע זעלנער האַנדלען אונטער מיט אַ פּראָסטיטוטקע. איצט קען מען אַ דייטשקע קויפן נאָר פאַר געלט אין די גאַנץ געבליבענע פּאַלאַצן אויף פּאָסטערדאַם פּלאַץ ווי אין די נעכטיקע היטלעריסטישע אינסטיטוציעס אין דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל פּאַנקאָוו, זענען די ביוראָען איצט באַזעצט מיט פאָוויעטישע גענעראַלן און אָפיצירן, אַהערגעשיקטע פון מאָסקווע צו דרעסירן דאָס מערדער־פאָלק, אין אַ נייעם שקלאַפן־גייסט. אָבער פון וואַנען ווייסט דאָס ניקיטאַ אַז זייערע הויכע ראַנגעס און אָרדערן האָבן די דאָזיקע גענערעלער

גאַר ניט פאַרדינט אויף די פּראַנטן קעגן היטלעריזם? איינער פון זיי גענעראַל ב. האָט זיינע אָרדערן דעראָבערט אין דער מלחמה קעגן די אוקראַינישע און טאַטאַרישע פּויערים אין די צייטן פון דער „פרייוויליקער קאָלעקטיוויזאַציע", ער האָט קעגן די אוקראַינישע פּויערים, וואָס האָבן נישט געוואָלט „פרייוויליק" גיין אין קאָלכאָז געשיקט טאַטאַרישע זעלנער און קעגן די טאַטאַרישע פּויערים, אוקראַינישע זעלנער און פון אָט דער געניאַלער סטראַטעגיע זענען גאַנצע דערפער געבליבן בלויז מיט אלמנות און יתומים. דער צווייטער גענעראַל ד. האָט געהאַט באַזונדערע פאַרדינסטן ביי ליקווידירן די פּעאיקסטע און געטרייעסטע סאָוויעטישע קאָמאַנדירן טייל פון זיי, זיינע נאָענטסטע פריינד. וואָסזשע קען זיין נוצלעכער ווי שיקן צו די נעכטיקע נאַציס אַזעלכע גענעראַלן, מיט אַ סך אָרדערן און טונקעלע זכרונות. אָבער ווער איז ניקיטאַ, וואָס פאַראַ זכרונות טראָגט ער אין זיין נשמה? די זעלנער דערציילן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ גרויסע „שישקע", ווען מען האָט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. עס גייען ווערן אים די פאַרשידנסטע לעגענדעס, אַז ער איז געזעסן אין סיביר ווייל ער האָט געהאַט אַ „לאַנגע צונג". פון סיביר איז ער באַפרייט געוואָרן כדי צו גיין אויפן פראָנט, אָבער פאַר קיין זעלנער טויג ער גאָר ניט, פיזיש צו שוואַך. צו גראַמאָטנע, קורצזיכטיק, מיט צופיל שכל. די שווערע מלחמה האָט ער אויסגעהאַלטן נאָר אַ דאַנק די זעלנער, וועלכע האָבן אים רעספּעקטירט און געהאָלפן, ער האָט זיי דערפאַר געשריבן פאַרבענקטע בריוו צו זייערע פרויען און ליבע־בריוו צו קראַסאַוויצעס. פאַר אים האָבן די זעלנער אויסגעגאָסן אַלץ וואָס געקוועלט האָט אויף דער זעלנערישער נשמה און איצט פילט ער אַליין אַ מין פאַסיע אָפּצורעדן זיך פאַר יונגהן פון האַרצן, כאָטש יונה בעט אים ער זאָל בעסער האַלטן די צונג געפאַנגען. ענטפערט ער אים:

— דו ביסט דאָך אַ זאַגראַניטשנע מענטש, וואָס ווייסט דאָך ניט לויפן מסרן אַ חבר. דערפאַר מעג איך דיר זאָגן אַז אָט די אַלע ניכטערע און פראַקטישע אָפיצירן וואָס פאַרפלייצן היינט אַלע מלוכה־אינסטיטוציעס פון דעם „באַפרייטן" דייטשלאַנד זענען אויף די פראָנטן ניט געווען. זיי זענען די בעסטע סטראַטעגן פון חניפה, מסירה און קאַריערע. צום גליק פאַרמאָגט אונדזער פאָלק גענוג ערלעכע, ניט פאַרדאָרבענע און געטרייע אָפיצירן וואָס

האָבן ליב דאָס לאַנד און דעם מענטש. מיט זייער טאַלאַנט און געטריישאַפט האָבן זיי צעבראָכן דעם היטלעריזם, אָבער וואָס וועט ווערן פון זיי נאָך דעם ווי זיי וועלן פאַרלאָזן די אַרמיי? צי וועט זיי ניט בלייבן די איינציקע ברירה צו קאַפּיטולירן פאַרן געפּערלעכסטן שונא — דעם שקר?

די מלחמה איז געענדיקט, מען הערט אָבער ניט די גלאָקן־קלאַנגען פון דער פרייהייט. צי ברענגען ניט, די נייע אַפּאָסטאָלן פון צוואַנג, קיין גרוסן פון סיבירער פרעסט, קיין נייעם פאַראַד פון שקר, אַ נייע עוואַנגעליע פון שנאה, מיט נייע תליה־שטריק און זשאַנדאַרמעריע־גייסט; מיט אַ נייע הערשערישע גאווה. אַ נייעם פּענער־גלאַנץ און מונדירן־שפּראַך, מיט סעווער־נעכט פון ווייסע בערן, מיט אַ נייעם געשטאַנק פון די מלוכה־שטאַלן. אָבער ווו איז דער פעלקער־ענטוזיאַזם, די פרייד־לאַווע פון פרייהייט, וואָס זאָל אָפּשווענקען דעם ליגן און דעמאַגאָגיע פון אַלע בלוטיקע רייכן?

יאָ, די מלחמה איז געענדיקט, אָבער צו וואָס דאַרף מען נאָך די זעלנער? זיי האָבן דאָך שוין אָפּגעשפּילט זייער היסטאָרישע ראָלע. אָנגעשריבן אַ הערלעכן קאַפּיטל אין דער מלחמה קעגן דער היטלער־בעסטיע. אפשר וועט עס שווייגן די האַרמאַטן נעמען דאָס וואָרט די דיפּלאָמאַטן. ווער ווייסט אין וואָס פאַראַ וועלט זיי וועלן אונדז אַריינ־דיפּלאָמאַטעווען נאָך דעם בלוטיקן מבול? צי וועט ניט די וועלט, ווי אַן אינוואַליד שפּאַנען אויף קוליעס און ווייטער זיך באָדן אין לייד און פּיינען, זיך קלאַמערן אין „באַוואָפנטן שלום" און גרייטן נייע אָרגיעס פון מאָרד און דעסטרוקציע? אפשר דערפאַר איילט מען ניט די זעלנער צו שיקן אַהיים?

די סאָוויעטישע זעלנער האָבן גוט באַצאָלט די דייטשן פאַר די ליידן פון זייער פאָלק. פאַר לענינגראַד און סטאַלינגראַד. די ענגלענדער האָבן באַצאָלט פאַר לאָנדאָן. אָבער ווער וועט באַצאָלן פאַר די ליידן פון יידישן פאָלק, פאַר מיליאָנען דערמאָרדעטע און פאַרגאַזטע קינדער? ווער וועט די לעצטע רעשטלעך געראַטעוועטע געבן אַ היים און שענקען זיי אַ רו? אויך יונה האָט זיין פליכט אָפּגעטאָן. ער איז מער קיינעם ניט נויטיק. מען זאָגט אַז עס איז גוט צו זיין אַ פרייער מענטש, צו געהערן צו זיך אַליין, ניט זיין מער אונטער באַפעלן, אָבער וואָס זאָל יונה טון מיט

זיין פרייהייט, וווהין זאָל ער גיין? די רוסישע אָפיצירן טאַנצן שוין מיט דייטשקעס איבערן חורבן פון דריטן רייך. אייגנטלעך איז דאָך יונה פאַרליבט אין אַ דייטשיש מיידל, אויף אים וואַרט דאָך די טייערע אַנדזשעלאַ און איר איידעלע מוטער. אים וואַרט אַ וואַרעמע היים. אָבער יונה וועט אַהין ניט גיין. פאַרוואָס זאָל מען דאָרט אויף אים וואַרטן? דאַרף ער דאָך זיי אָנשרייבן, און זאָגן דעם אויפריכטיקן אמת, צי וואָס זאָל אַנדזשעלאַ אויסווייקן מיט טרערן אירע שיינע אויגן, מיינענדיק, אַז ער איז טויט? שרייבט ער איר:

טייערע אַנדזשעלאַ!

די מלחמה איז געענדיקט, אַוודאי וואָלט איך באַדאַרפט גלייך, איבער די חורבות פון דער פאַרבלוטיקטער ערד, קומען צו דיר. נאָר דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיינע עלטערן, פון מיין פאָלק האָט אויפגעשטעלט צווישן אונדז אַ הויכע וואַנט. מיט מיין גרויסע ליבע צו דיר און שטאַרקע בענקשאַפט, מיט מיין גרויסן רעספּעקט צו דיין איידעלער מוטער קען איך צו אייך ניט קומען. כ׳ווייס אַז דו וועסט דאָס ניט קענען פאַרשטיין, ווייל ניט דו ביסט שולדיק אין די פאַרברעכנס פון דיין פאָלק. אָבער מיר איז ניט דערלויבט צו געניסן פון דעם גליק, וואָס דו קענסט מיר שענקען. איך טאָר דאָך ניט פאַרבינדן מיין צוקונפט מיט דעם לאַנד ווו עס זענען אויסגעוואַקסן די מערדער פון מיין מוטער, פאָטער און שוועסטערל.

אַוודאי קען מען איבערפאַרבן אַ לאַנד פון ברוין אויף רויט, פאַר־טוישן די פענער אויף אַנדערע, ענדערן די היטלער־גאַסע אויף סטאַלין שטראַסע, אָבער מענטשלעכע נשמות קען מען ניט איבערפאַרבן. מעגן זיי איצט זיך קרויינען פאַר סאָציאַליסטן אָבער דעם קין־צייכן וועלן זיי פון זיך ניט אָפּמעקן. די נייע הערשער איבער אייער לאַנד וועלן פונקט ווי די פריערדיקע זיך נויטיקן אין קנעכטישע נשמות און איך וועל צווישן די נעכטיקע רוצחים און קנעכט מיין היים ניט געפונען. אַ שאָד מיין טייערע, וואָס איך קען דיך ניט נעמען אויף פליגלען און מיט דיר אַוועק אין אַ פריי, גליקלעך לאַנד, ווו מען דינט נאָר צו דער געטין פון ליבע. צי ווייסטו ווו דאָס לאַנד געפינט זיך?

איך האָב ניט קיין אַדרעס פון אַזאַ לאַנד. איך האָב אויך ניט קיין אַדרעס ווו צו גיין. כ׳בין אַ בירגער פון וואָגל. אַ מענטש אָן אַ לאַנד, אָן אַ פּאַס, אָן אַ וויזע. אָבער דיך טייערע ווער איך ניט פאַרגעסן, דו האָסט מיך געלערנט אַז אין גרעסטן ים פון געמיינקייט וואַלגערן זיך די איידלסטע פּערל. דו האָסט מיין האַרץ, וואָס האָט געברויזט מיט שנאה, אַנגעוואָרעמט מיט ליבע. דעריבער ווינטש איך דיר דאָס גרעסטע גליק. פאַר מיר אָבער איז די מלחמה נאָך ניט געענדיקט. און כ׳האָב נאָך ניט קיין רעכט אויסצושטרעקן מיין האַנט נאָך גליק. פאַרגעס זשע אין מיר, דו ביסט יונג. איך דאַנק דיר פאַר די שיינע מינוטן וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען און גריס פון מיר דיין איידעלע מוטער, גיב איר איבער מיין דאַנק און מיין באַוווּנדערונג וואָס זי האָט אין דער אוממענטשלעכער היטלער־געזעלשאַפט ניט פאַרלוירן איר מענטשלעכקייט!

מיט די בעסטע ווונטשן — אייער יונה.

ב

אָנשטאָט באַפרייט צו ווערן פון דער רויטער אַרמיי, ווערט יונה, מיט זיין פּולק, אָפּגעשיקט קיין נידערשלעזיע, אויף וועלכע, די פּוילישע מאַכט, האָט גלייך דערקלערט איר „היסטאָרישע רעכט”. געגומען פאַר־טרייבן די דייטשן און ברענגען אַהער די עשאַלאָנען, וואָס האָבן געשטראָמט פון ראַטן פאַרבאַנד, כדי מיט די עלנטע יידן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע משפחות און היימען, צו פאַרפּוילישן די דעראָבערטע דייטשע ערד. וואַרפן די יידן אַראָפּ זייערע צעפליקטע רוסישע קופייקעס, ציען אַרויף אויף זיך געגוצטע אַמעריקאַנער בגדים, וואָס זיי באַקומען אין די ניי־אַנטשטאַנענע יידישע קאָמיטעטן. צי קען מען אָבער אַראָפּוואַרפן פון זיך די איינזאַמקייט און בענקשאַפט צום פאַרשוווּנדענעם יידישן לעבן?

אויך יונה קען ניט, אין דער סאָוועטישער קאַזאַרמע, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אומעט צווישן די זעלנער וואָס בענקען אַהיים און זאָרגן וועגן זייערע ווייבער און קינדער. פּוילן איז דאָך ניט דייטשלאַנד, ווי די העפלעכע דייטשקעס, וועלכע האָבן געערן אויסגעטאָן פאַר אַ רוסישן זעלנער די מייטקעס. זיי די שטאָלצע פּוילישע פּאַניס קוקן דאָך מיט שנאה אויף די מאָסקאָלעס. מוז מען דאָ ליגן אין די קאַזאַרמעס, און חוזקן

מיט ביטערקייט איבערן אייגענעם גורל. דערציילט ווער אַ וויץ וועגן אַ זעלנער וואָס האָט באַקומען אַ בריוו פון זיין געטריי ווייבל מיט אַ בשורה אַז זי האָט אים נאָר וואָס געבוירן אַ זון. וווּנדערט זיך דער זעלנער, ווי קען עס זיין. ער איז דאָך שוין דריי יאָר פון דער היים? אָבער די אַנדערע זעלנער טרייסטן אים אַז זיין ווייב האָט אַוודאי פאַרשוואַנגערט פון זיינע פאַרליבטע בריוו.

אָבער צו וועמען זאָל יונה בענקען? אַוודאי ניט צום לאַנד פון „סאָציאַליזם" מיט איר ברוטאַלן רעזשים פון גייסטיקער נויט און ליגנט, ווו עס איז באַגראָבן יעדער איניציאַטיוו, דער שאַפונגס־גייסט, דער ענטוזיאַזם און דערשטיקט די מענטשלעכע פרייהייט; ווו מען לעבט און מען שטאַרבט אונטער דער בייטש פון באַפעלן. יונה לעבט אין ציטער מען זאָל אים, צוזאַמען מיט זיין פולק, ניט צוריקשיקן אַהין. ווי אַזוי זאָל ער דאָס אויסמיידן?

לאָקט אים אויך ניט צו בלייבן אין פוילן וואָס איז אַ געטרייע קאָפּיע פון רוסישן „סאָציאַליזם". וווּנדערט יונהן וואָס אַ טייל יידן האָבן אַזוי גיך פאַרגעסן און גאָר ניט געלערנט פון דעם חורבן און אומגליק פון זייער פאָלק, ניט פון דער ביטערער דערפאַרונג, וואָס דער ראָטן־פאַר־באַנד האָט זיי ניט געקאַרגט, זיי דערמאָנען זיך אין אָפּגעשטאָרבענע פראַזן, גרייט צו בויען דעם פוילישן סאָציאַליזם אויף יידישע קברים. ווער דערמאָנט זיך אַז אין זיין שטעטל איז ער געווען אַ גאָר גרויסער צעלייגער, קומט אים טאַקע אַ פּאָר בעסערע דזשאַינט־הויזן און פאַרוואָס ניט ווערן אַ דירעקטאָר פון אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַפילו אַ מיניסטער. האָט ער דען ניט געליטן אין די קאַפּיטאַליסטישע טורמעס, פאַרוואָס איצט ניט וואַרפן אַנדערע אין די טורמעס? שווימט מען אַרום אין טויטע דאָקטרינעס און מען שפּאַנט איין די יידישע קלאַסיקער אין דינסט פון דער „פּראָגרעסי־ווער" קולטור, לויבט מען סטאַלינען און פּרצן, שלום עליכם און גאָמולקאַ און מען פאַרגעסט אַז אַרום בושעוועט דער פּוילישער כוליגאַניזם, וואָס שעלט היטלערן פאַרוואָס ער האָט נאָך געלאָזט אַזוי פיל יידן בלייבן ביים לעבן. שיט מען זיך זאַמד אין די אויגן און מען גייט אין לאַנד, ווו ערשט נעכטן האָבן נאָך געטשאַדעט די קרעמאַטאָריום־אויוונס, שאַפן יידישע שולן, אַ יידיש טעאַטער, אַ יידישע צייטונג, אַ יידיש לעבן

אָן יידן. ניין יונה וועט אויף אילוזיעס זיין צוקונפט ניט בויען און שפינט פּלענער ווי פון דאַנען וואָס גיכער צו אַנטלויפן.

אַנטלויפן אויך פון די גייסטיק צעבראָכענע יידן, מיט פיל־פּרצופּדיקע פּנימער, מיט אויגן פאַרצויגן מיט בעלמעס, וואָס זעען ניט חורבות־הויפנס פון ברוכשטיקער, פילן ניט דעם ריח פון פאַרגאָסענעם בלוט, ניט די שנאה, ניט זייער אייגענעם אָפּשוואַכנדיקן אידעאָלאָגישן קוואַטש, אין מיטן דער חרובערווירקלעכקייט. זינגען זיי לויב־געזאַנגען פאַרן גרעסטן הענקער און ווערן אַ שפּילצייג אין די הענט פון די רויטע סולטאַנען, וועלכע בויטיקן זיך נאָך אין דעם „פאַרשיווי זשיד", כדי אים צו שפּייען אין פּנים. נאָר די מאָדערנע מה־יפהניקעס מיט לצים־גלוסט און לעבנס־שקר, צינדן אין זיך אַ פאַלשן ענטוזיאַזם צו פאַלשע געטער. זאָלן זיי בויען זייער וויסטן סאָציאַליזם, אָבער אָן מיר! טראַכט יונה.

די דאָזיקע לייט, די יידישע קאָמוניסטן האַלטן דאָס אַנטלויפן פון פּוילן פאַר אַ דעזערציע קעגן סאָציאַליזם, ווען זייערע פּוילישע „חברים" העלפן גערן דער ציוניסטישער „בריחה" אַרויסצופירן וואָס מער יידן פון פּוילן. כאָטש דער ציוניזם איז פאַר זיי טריף דערלויבן זיי אַ ציוניס־טישע טעטיקייט, אונטער נעמען פון די פאַרשידענע ציוניסטישע פּאַרטייען, זיצן יידן דאָ צייטווייליק און ווער ווייסט פאַר וואָס זיי רייסן זיך דאָ אַרום? אַפילו ווען מען וויל אַנטלויפן קיין אויסטראַליע מוז מען טראָגן אַ מאַרקע פון אַ ציוניסטישער פּאַרטיי. די קאָמוניסטישע רעגירונג מאַכט זיך ניט זען וואָס אונטער די לעגאַלע „פּראָדוקטיוויזאַציע־פּונקטן". אונטער פאַרשידענע קיבוצים באַהאַלט זיך די אומלעגאַלע „בריחה" וואָס פירט אַרויס לעגאַל און אומלעגאַל די יידן פון פּוילן. די מאַכט באַציט זיך צו זיי מיט סימפּאַטיע און גיבן די קיבוצים געווער צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די כוליגאַנישע באַנדעס וואָס לויערן אויף זייער יונג לעבן. ווען די יידישע קאָמוניסטן מרוטשען וועגן דעזערציע און נאַציאָנאַליזם.

אין קיבוץ וואַרט מען אויף דער ערשטער געלעגנהייט אַריבערצו־שפּאַנען די גרענעץ, מען וואַרט אויף דער „בריחה" און דערווייל אַרבעט מען. מען עסט, מען זינגט העברעישע לידער, מען חלומט און מען בענקט צוזאַמען, צום לאַנד וואָס וואַרט אויף זיי. ביי יעדן פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו לויפט מען גיך צו די וואַגאָנען, פון די עשאַלאָנען, אפשר וועט מען טרעפן

אַן אייגענעם, אַ משפּחה, אָדער כאָטש אַ באַקאַנט פּנים? אין די אָונטן האָט יעדער אַזוי פיל צו דערציילן, ווער פון זיי האָט דען ניט געזען דעם טויט פאַר די אויגן? איז גוט צו זיצן צוזאַמען ווי ברודער. אין דרויסן שטייט אַ חבר מיט אַ ביקס און היט זייער יונג לעבן, היט זייער זיסן חלום און שלאָף.

געפינט אויך יונה דעם וועג צום קיבוץ. יונגע יאָטן פון ליגניצער „השומר הצעיר" העלפן אים אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם סאָוויעטישן מונדיר, פאַרברענען זיינע זעלנערישע בגדים און ער קריכט אַריין אין די ציווילע קליידער ווי אין אַ נייער הויט. אין אַ פינצטערע האַרבסט־נאַכט אונטער אַ שטאַרקן רעגן און בייזן געוויטער, אָבער מיט פריידיקן ציטער, שפּאַנט מען איבער ערד און פעלד וואָס רופט זיך גרענעץ און מען ציטערט מען זאָל זיי ניט אַנטדעקן. אפשר האָבן די גרענעץ־וועכטער באַקומען אין האַנט זיי זאָלן גאָר ניט זען און גאָר ניט הערן און ניט שטערן צו פאַרלאָזן דאָס פאַרבלוטיקטע פּוילן און שפּאַנען דעם נייעם לעבן אַנטקעגן.

דער פרימאָרגן טראָגט אים אַנטקעגן אַ ניי לאַנד און דעם שמייכל פון פרייהייט. זינגט אין אים דער געזאַנג פון דער יוגנט, און אויב די פרייהייט איז אַלץ נאָך פאַרשוועכט, וויל יונה פאַר קיינעם ניט זיין מער קיין קנעכט. מער ניט קיין זעלנער, ניט אין מיליטערישן שפּאַן, נאָר אַ פרייער מענטש, ווי פון דאָס ניי געבוירן, כאָטש אויף דער שוועל פון אַ נייעם וואַגל, אָבער מיט איין גרויסער וואַנדער־משפּחה, וואָס אַנטלויפט פון דער פרעמדקייט. צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון זיין דערמאָרדעט פאָלק, וואָס שפּאַנט פון פּוילן, רומעניע און אונגאַרן, איבער גרענעצן און לענדער, צו אַן אייגענער היים.

אין טשעכיע באַוויזט מען קוים דעם אָטעם צו כאַפּן, מוז מען גלייך פאַרלאָזן די פּליטים־באַראַקן. אַ שאָד צו פאַרלאָזן אַזאַ פריינטלעך לאַנד, אָבער אַ נייער שטראָם, פון יידישע יוגנט, לויפט פונעם אייזערנעם קלעם. אַנטלויפן פון „סאָציאַליזם" צו דער פרייהייט.

מוז מען אַריבער קיין עסטרייך אָבער דאָ איז ניטאָ פאַר די פּליטים קיין אַנדער אָרט ווי די נעכטיקע טויט־לאַגערס, ווי עס זענען נאָך פריש די פלעקן פון בלוט, די שפּורן פון די קאַשמאַרע טעג, עס טראָגט זיך נאָך דער ריח פון טויט פון אַלע ווינקעלעך, דאָס זענען דאָך די זעלבע נאַרעס,

ווו עס זענען אויסגעגאַנגען די שקעלעטן, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ אין קאַצעטישע כאַלאַטן צווישן הערלעכע פּאַנאָראַמעס. דאָ האָבן די מערדער געמאָרדעט, די שעכטער געשאָכטן, די פּייניקער געפּייניקט. די גאַסן פון לינץ, זאַלצבורג און גראַץ זענען מיט שיינע דעקמעלער, מיט פאָנטאַנעס, מיט גערטנער, מיט ריינע גאַסן און מיט פאַלשע פּנימער. די עסטרייכער רייכערן אין די קאַפּעען זייערע לולקעס, ווי די אומשולדיקע באַשעפענישן, ווי זיי וואָלטן גאָר געווען די קרבנות פון דער היטלער־אַגרעסיע, ווי ניט זיי האָבן דאָס, מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם, אויפגענומען היטלערן, געגרויסט זיך וואָס ער איז אַן עסטרייכער, אַן אייגענער. נאָך איצט אָנגעגעסן מיט שנאה אָנגעזויפט מיט ביר, זייערע טעכטער פלירטעווען מיט די סאָוויעטישע, אַמעריקאַנער און ענגלישע זעלנער. אָבער פאַר די יידישע פּליטים האָבן זיי ניט קיין אַנדער אָרט נאָר אין די נעכטיקע טויט־לאַגערס. זאָל זשע דאָס שיינע לאַנד ווערן אַ וויסטע און פון יעדן בוים אַ דאָרן, אויף דעם פאָלק פון מערדער זאָל גאָט אויסגיסן זיין צאָרן!

אָבער אויך די עסטרייכישע לאַגערס מוז מען גיך אויסליידיקן פאַרן נייעם שטראָם פון היימלאָזיקייט, וואָס צווינגט דער „בריחה" אַריבערצופירן אַ גרויסע טייל פּליטים, אין די דע.פּי.לאַגערס קיין דייטשלאַנד אָדער איטאַליע.

וואַרט מען אויף די דייטשע וואָקזאַלן לאַנגע שעהן, די באַנען פאַרשפּעטיקן זיך, ווי איז די דייטשע פּינקטלעכקייט? זיי האָבן דאָך פאַרלוירן די פלעגמאַטישקייט, זייער קאַלטבלוטיקייט און דיסציפּלין. ווי ווילדע חיות וואַרפן זיי זיך אויף די אָנקומענדיקע באַנען, רייסן זיך אַריין מיט כוח אין די וואַגאָנעס, מיט זייערע פּעק און טשעמאָדאַנעס. דערזעענדיק אַ ביסל יידן ווערן זייערע פּנימער אָנגעזויערט, עפענען גרויסע אויגן — „פון וואַנען האָט זיך גענומען נאָך אַזוי פיל יידן, ווי איז געווען היטלער? טראַכטן זיי און שלעפּן אַרויס פון די טשעמאָדאַנעס שטיקער ברויט מיט שפּעק און עסן, ווען אַנדערע גלאָצן מיט הונגעריקע אויגן און זאָגן:

— די רוסן און אַמעריקאַנער הונגערן אויס דאָס דייטשע פאָלק!

אין פּליטים־לאַגער, ניט ווייט פון דער שטאָט, שלענגלען זיך שמאָלע געסלעך צווישן הילצערנע באַראַקן. דאָס געסל ווו עס געפינען זיך די שפּייז־ און קליידער־מאַגאַזינען רופן די פּליטים — דאָס רוזוועלט געסל.

ווי אויף הילצערנע בעלקעס דערציילן זיך די פליטים די נייעסן פון די צייטונגען, רכילות פון לאַגער און פון אייגענע צרות. ווער דערמאָנט מיט אַ קרעכץ אַ געשטאָרבן ווייב; אַ קינד וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. דערציילן פון סיבירער פרעסט און קאַזאַכסטאַנער הונגער, און שעלטן די ענגלענדער וואָס לאָזן זיי ניט אַריין אין זייער יידיש לאַנד.

אין דער טונקלקייט לעבן צו פינף ביז צען משפחות אין אַ באַראַק. קראַנקע, צעבראָכענע נשמות. אָט צעהוסט זיך אַ זקן, עס צעוויינט זיך אַ קליין קינד, וואָס זויגט פון אַ מאַמעס דאַרע ברוסטן, ווער שעפּטשעט אַ קאַפּיטל תהילים. אויף טאַבאַרעטקעס פאַרדעקטע מיט אַ צייטונג ליגט ברויט, אָדער עס שטייט אַ שיסל זופּ, אַרום וועלכע עס ראַיעט מיט פליגן. אונטער די בעטן וואַלגערן זיך ליידיקע קאָנסערוון־פּושקעס און שמוציקע וועש.

דאָס זענען עס די וואָס זענען אין טרעבלינקע ניט געווען. בלויז באַלעק איז דאָרט יאָ געווען. ער איז אָבער דער גליקלעכסטער אין באַראַק, ווייל ער האָט נעבן זיך אַ בלאָנדקייט מיט נאַיווע אומשולדיקע אויגן. ער רופט זי חנהלע. עס קומט אָבער ניט לייכט אָן זי אויסצולערנען אַ פּאָר לשון קודש ווערטער. יידן איז גאָר ניט לייכט צו פירן אין באָד אַריין און איר איז ניט לייכט זיך צו פּוצן אין פרעמדע פעדערן.

באַלעק האָט אין טרעבלינקע געהערט צו דער „זאָנדער־קאָמאַנדע", וועמען די דייטשן האָבן באַשטימט זיי זאָלן זוכן גאָלד אין די קליידער פון די פאַרגאַזטע. באַלעק האָט אָבער געחלומט צו געפונען אַ ביסן ברויט אָדער אַ שטיקל צוקער און איינשטעלנדיק דאָס לעבן דאָס אַראָפּ־צושלינגען. האָט אים, אין גיהנום צווישן שטויסן מענטשלעכע ביינער, פרויען האָר און אַרויסגעריסענע גאָלדענע ציינער, צווישן טויזנטער קינדישע שיכלעך און קאָלירטע מיידלישע טיכלעך, באַגלייט דער געשריי פון דערשראָקענע קינדער, מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך נאָך הילף. און ווען אונטער זייערע פיס האָט די ערד געשריגן האָט גאָט אַלץ געשוויגן. ערשט נאָך דער באַפרייאונג האָט באַלעק אין לאַנד פון די מערדערס געפונען אַ גאָלדענעם אוצר, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר מיט וועלכע ער גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און ווען אַלע אין באַראַק שלאָפן, פּיעשטשעט ער זיין אוצר. אָבער יונה איז צופרידן וואָס ער האָט

זיין גאָלד־האָריקער אַנדזשעלען ניט אָוועקגעריסן פון דער רוצחישער ערד, ווי אַ בלום זי איבערפלאַנצן אויף אַ פרעמדן באָדן.

אויף אַ וואַנט פון לאַגער האָבן די פליטים, מיט גרויסע אותיות, אָנגעשריבן: „זכור די זעקס מיליאָן קדושים! פאַרגעס ניט אין די קרעמ־מאַטאָריומס און גאַז־קאַמערס!". די וואָס זענען אין טרעבלינקע געווען וועלן דאָס אפשר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. טייל שרייען נאָך אין די נעכט פון ווייטיק, ווי מען וואָלט זיי נאָך אַלץ געריסן די גאָלדענע ציין מיט אייזערנע צוואַנגען פון די מיילער און קענען זיך ניט באַפרייען פון די קאָשמאַרע זכרונות. ווי קען אַ מאַמע פאַרגעסן ווי די דייטשן האָבן אַרויסגעריסן פון איר הענט דאָס אייניציקע קינד און עס צעשמעטערט פאַר אירע אויגן? די קאָשמאַרן זענען איינגעקריצט אין זייערע נשמות, ווי די לאַגער־נומערן אויף די הענט. דאָך ווילט זיך זיי שטאַרק לעבן. כדי צו אַנטלויפן פון דער איינזאַמקייט, שטיקעווען זיך צענויף פאָרלעך, לעבט מען צוזאַמען און מען בלייבט זיך פרעמד. יעדער טראָגט אין זיך זיין אייגענעם נעכטן. איז אויף וואָס בלייבט זיי צו האָפן?

אפשר איז דער פליטים־לאַגער ניט מער ווי אַ פּרוֹזדור צום „צו־געזאָגטן לאַנד" וואָס וועט זיי אַרויסנעמען פון בעטלערישן לעבן? שלינגען זיי גיריק יעדער נייעס וואָס עס דערגייט פון זייער ווייטער היים. עס שטורעמען אויף זייערע הערצער צוזאַמען מיט די שטורמישע דעמאָנ־סטראַציעס איבער די גאַסן פון תל־אביב, און זיי וואַרטן אויף אַ נס עס זאָלן זיך פאַר זיי עפענען דאָרט די פאַרמאַכטע טויערן.

אין מיטן דער לאַנגווייליקייט, צווישן יאוש און האָפענונג פאָרען זיך אַרום צווישן די פליטים אומגעבעטענע פאַרזאָרגערס, פאַרטיי־מאַכערס, וואָס פאַרמאָגן די גרויסע פעיקייט צו צעבלאָזן סכסוכים, אַריינברענגען צעמישעניש, פאַרשפּרייטן רכילות, פלאַפּלערס וואָס ווילן דווקא אַ ישראל אויף ביידע זייטן פונעם ירדן און רייסן זיך צו בעל־הביתעווען איבער די שפּייז־ און קליידער־מאַגאַזינען פון לאַגער. זיי דעקלאַמירן — „טוב למות למען ארצנו" און לויפן בעטלען וויזעס קיין קאַנאַדע אָדער אויסטראַ־ליע. איז דאָך אַ נס וואָס אין מיטן דעם בעטלער־לעבן איז אויסגעוואַקסן אַזאַ דערשיינונג ווי די קיבוצישע יוגנט. די וואָס לאָזן זיך מיטן „עקסאָדוס" און מיט מעפּילים־שיפלעך, איבער די שטורמישע ימים. ווי אַ לעגענדאַרע

עפּאָפּעע פון געוואַגטקייט, וואָס רייסט זיך צו אַ נייעם אויפגאַנג. שפּינען זיך אין די הילצערנע קיבוצישע באַראַקן אַ פריינדשאַפט און ווילן, צווישן אַ צענויפגעשמאָלצענע יוגנט פון פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע ווייען פּראַוועט מען צוזאַמען פריילעכע עונג־שבתים און עס גיסן זיך פון מיילער לידער פון „אויסגעבענקטע טעג", פון „פאַרבלוטיקטע פּיס", פון „גאַז און פון האַס", און „וווּהין זאָל איך גיין". לידער פון צער און פון צאָרן, פון האָפענונג און פּראָטעסט קעגן דער אכזריותדיקער וועלט וואָס האָט באַרויבט זיי פון יוגנט, דערמאָרדעט זייערע מאַמעס, טאַטעס ברידער און שוועסטערס. טראָגן זיך די לידער מיט הייסער בענקשאַפט ניט צו זיין מער קיין קרבן, קיין וואַגלערס. פלעכטן זיך הענט אין אַ פריידיקן, פלאַמיקן „הורא" און זייער חלום פלאַטערט אונטער ווייס־בלויער האָפענונג, ווי די פאָן איבער די קיבוצישע באַראַקן און צעפלאַמט זייער יוגנט. ווען די זון פאַרגייט אין איר ראָזן קלייד, בענקט זיך צום לאַנד פון גליק, וואָס איז ערגעץ ווייט נאָך ווייט...

מוז מען גאָר ניט מיט פּאַרטיי־פּראָגראַמען זוכן דעם שליסל צו די הערצער פון אַ יוגנט וואָס איז אַרויס פון טויט־לאַגערס, בונקערס, פון וועלדער, פון בלוטיקע פראָנטן, פון אייביקע שנייען, ניט מיט „גאָלדענע גליקן", ווען זייערע פלאַמיקע נשמות בענקען בלויז צו אַ באַשיידן לעבן, וואָס זאָל ניט אַנטוישן. און מיט געזאַנג גייען זיי דעם גורל אַנטקעגן.

עס פעלן אָבער אויך ניט אין לאַגער קיין פאַרדאָרבענע און פאַרקריפּלטע נשמות, נאָר וואָס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַצעטישע שאַנדבגדים האָבן זיי גלייך פאַרגעסן אין אַלע דורכגעמאַכטע קאָשמאַרן, אַרויפגעצויגן אויף די פיס גלאַנציקע שטיוועלעך און אויף די פּנימער אַן אַראָגאַנטישן שמייכל, עלעגאַנט זיך אויסגעפּוצט און אַוועק צו די דייטשע גאַסן פון זויבערקייט און געמיינקייט. צו דער קירכען־שטראַסע ווו עס געפינט זיך די בערזע. אַוועק צו די טריפענע פּרנסות, אַנצופילן די קעשענעס, צו זעטיקן די תאוות, מיט די ווייבער און טעכטער פון זייערע נעכטיקע פּייניקערס און תלינים.

די שטאָט איז מיט אַלטע שלעסער, אַלטערטימלעכע קלויסטערס, אוניווערסיטעט, בורדעלן, און קנייפּעס; אין אַ טעאַטער, גייט אַ קאָמעדיע פון קינאה און פאַרראַט; אין קאַבאַרעטן רייצן האַלב־נאַקעטע טענצערקעס

די עראָטישע אַפּעטיטן פון די זאַטע קרעמערס, באַשעפּטיקטע אויפן פראָנט פון שפּעקולאַציע און שמוגל. זייערע ווייבער האָדעוועט קעץ און דער־ציילן רכילות, פראָפעסאָרן טרינקען ערזאַץ־ביר און דייטשע טעכטער שטעלן אויס זייערע לייבער פאַר ראַסן־שאַנד צו די אַמעריקאַנער נעגערס. די נעכטיקע מערדער מיט פאַרפרוירענע הערצער, וואָס האָבן אָן מיטלייד, אָן רחמנות, אָן שאַנדע, ווי חיות אין מענטשלעכע געשטאַלטן, פּעטלעס איבער אומשולדיקע העלדזער פאַרצויגן, קינדישן חן דערשטיקט, מיידלישן צויבער פאַרגאַזט, מאַמעשע געטריישאַפט פאַרברענט, שפּאַנען אַרום פריי אונטער דער זון מיט פאַרטעמפּטע פּנימער און זאָגן — „מיר האָבן גאָר ניט געוווסט, גאָר ניט געזען, מיר האָבן בלויז אויסגעפירט באַפעלן". היטלער האָט זיי צוגעזאָגט אַ פרעכטיקן זיג און אַ טויזנטיעריקן רייך פון מאָרד. ווילט זיך יונהן פון ווי און צאָרן אַ שפּיי טאָן אין זייערע חיהשע פּיסקעס.

די אַמעריקאַנער זעלנער קוקן אויף די פאַרטעמפּטע דייטשע פּנימער און וווּנדערן זיך:

— זיי די נעבעכדיקע לייט זענען עס געווען אונדזערע געפערלעכע שונאים, פאַר וועמען די וועלט האָט געציטערט? קוק דזשאָן, איבער וועמען מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אונדזערע נצחונות!

— אפשר וועסטו האַרי ביי זיי בעטן אַנטשולדיקונג פאַר וואָס מיר האָבן זיי באַזיגט?

— מען טאָר ניט פאַרגעסן, רופט זיך אָן האַרי, אַז די וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט אַזעלכע אומשולדיקע פּנימער זענען געווען מאַסן־מערדער. זיי שפּילן איצט אויף דעם וווּנדערלעכן טאַלאַנט פון די מענטשן אַלץ גיך צו פאַרגעסן. אַ גליק וואָס ניט קיין לאָבער־קרענץ האָבן דערלעבט די באַנדיטן, וואָס האָבן אומגעבערענגט און צעשטערט אַלץ וואָס האָט געבליט, אַלץ וואָס יונג און שיין. די פעלדער מיט בלוט פאַרגאָסן, די־שטעט מיט צער און טרערן, באַדעקט זייער לאַנד מיט אַ שוואַרצער שאַנד.

די אַמעריקאַנער אָפיצירן און זעלנער זענען אפשר מיט רעספּעקט צו דער מענטשלעכער פרייהייט, מיט מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ערלעכע כוונות. זיי האָבן אויפריכטיק געשטרעבט צו באַשטראָפן דאָס דייטשע פאָלק פאַר אירע פאַרברעכנס און צו באַפרייען די פעלקער

פון אייראָפּע פון פאַשיסטישן יאָך. דאָך האָט נאָכן זיג עפּעס אין זיי זיך געבראָכן. זיי ווילן מער ניט אַהיימקומען די זעלבע וואָס געווען, די מלחמה האָט עפּעס צעדרייט אין די מוחות, עס האָבן געפּלאַצט, איינגעזאַפּטע באַגריפן פון ערלעכקייט, קריסטלעכע מאָראַל. אָט זאָגט פּעדראָ:

ניטאָ אפשר קיין גרעסערער ליגן, ווי דער רוף אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר עפּעס גרענעצן און טעריטאָריעס, די גאַנצע פעלקער־שנאה פאַר־שפּרייטן די וועלכע שפּינען זייער קנוניה קעגן דער מענטשלעכער פריי־הייט. די מלחמות ברענגען נוצן נאָר די געווער־פאַבריקאַנטן און רום די גענעראַלן. פאַר די זעלנער איז בעסער אין אַ בעט מיט אַ געשמאַקע מיידכן ווי אין די פייכטע טראַנשעען.

— גערעכט, זאָגט דושים, ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ דייטשקע איז דער גאַנצער פּאַטריאָטיזם מיר אַרויסגע־פלויגן פון קאָפּ, כ׳האָב געזען אַז זיי זענען די זעלבע וואָס אונדזערע פרויען און כ׳האָב געפילט דעם זעלבן יצר הרע. ווערזשע האָט געשטעלט אַ גרענעץ צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק?

די דייטשן זיצן נעבן קופּלעס ביר, מיט בלוט־באַפלעקטע הענט און ניט פאַרסמטע רייד אין די מיילער. זיי ווילן מען זאָל וואָס גיכער פאַרגעסן זייערע פאַרברעכנס, מען זאָל זיי צוריק אַריינגעמען אין דער משפּחה פון די קולטור־פעלקער. די שוואַרצע נשמות פון די ס.ס.־לייט ציטערן, מען זאָל זיי ניט דערקענען, ניט דער פּיין פון געוויסן נאָר די שטראָף שרעקט זיי, די נאָענטקייט פון דעם ד. פּ.־לאַגער, עס קען דאָך אַ קרבן דערקענען זיין פּייניקער. פון וואַנען האָבן זיך נאָך גענומען די פאַר־פלוכטע יידן? מען האָט דאָך זיי, דוכט זיך אַלע ליקווידירט און אָט זענען זיי ווידער דאָ. נאָר די וואָס האָבן ניט קיין מורא צו זיצן פריי אין די קנייפּעס צעבונדן זייערע צינגער. אָט פּרעדיקט טאַקע אַ גימנאַזיע־דירעקטאָר פאַר אַ ביסל אָנגעזויפּטע דייטשן:

— מיר עכטע דייטשן ווייסן אַז עס גיבט ניט קיין נאָרמאַלע געזעל־שאַפט אָן געהאָרכזאַמקייט, אָן רעספּעקט פאַר דער מאַכט און קירכע, אָן אויטאָריטעט און דיסציפּלין. איז דען מעגלעך אַ גערעכטיקייט אָן ריכטער, אָן פּאָליציי, אָן טורמעס? נאָר די פאַריקטע אַנאַרכיסטן ווילן איינשטעלן אַ געזעלשאַפט אָן מאַכט, אָן אַ גאָט און אָן אַ הערשער. די

רעליגיע איז דאָך אַן אומשאַצבאַרער אינסטרומענט אָנצוהאַלטן די טראַ־דיציעס, דעם קולט צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער גרויסקייט פון דער נאַציע. ווער קען אָפּלייקענען די געטלעכע קראַפט וואָס פירט אָן, מיט דער גרעסטער חכמה, מיטן ריזיקן קאָסמאָס און באַשטימט דעם גורל פון די פעלקער און מענטשן? טרעפן מיר זיך דען ניט אָן, טאָג־טעגלעך, אויף דער מיסטעריע פון איבערנאַטירלעכקייט? אַפילו די הערעטיקער קענען ניט באַווייזן אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט און די גאָטלאָזע באַלשעווי־קעס איז ניט געלונגען אויסצוואָרצלען די רעליגיע, דאָס קריסטנטום ווערט אַלץ מער אימפּאָזאַנטער. רעליגיע, שטאַט, אייגנטום און פאַמיליע דאָס זענען די פיר זיילן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, די לעבנס־קוואַלן פון דער נאַציע, די גרעסטע אידעע פון דער גאָטהייט, ווי דאָס האָט געלערנט אונדזער גרויסער פילאָזאָף העגעל. מיר דייטשן זענען אַן אַריסטאָקראַטיש פאָלק און דערפאַר איז אונדז עקלדיק די יידן־רעפּובליק, וואָס איז אַ שמוציקע מאַכט. זי רייסט אונטער די הערשאַפט פון מאַן איבער ווייב און קינדער, וואָס איז אַ ביאָלאָגיש געזעץ, באַרעכטיקט פון גאָט און פון שכל הישר. די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי פירט צו זנות, ווי קען דען זיין עפּעס העסלעכערס ווי דאָס לייגן זיך פון אַן איידעלער דייטשקע מיט אַ ווילדן נעגער, שמוציקן רוס, באַרבאַרישן טאַטאַר אָדער פאַרשאָלטענעם יודע? ווי קולנגרעבער רייניקן זייערע לאַטאַרנעס, עס זאָלן זיי בעסער לייכטן אין דער אונטערערדישער פינצ־טערניש, אַזוי מוזן מיר אויסרייניקן, אונדזער ראַסע, פון שוואַרצן און שמוציקן קאָפּעטש. ליידער פאַרשטייען דאָס ניט אונדזערע ווייבער און טעכטער, ווייל זיי זינדיקן ניט מיט צופיל שכל.

האָט דען ניט, טראַכט יונה, דער יידיש־דייטשער פּאָעט היינריך היינע, וועלכער האָט אַמבעסטן געקענט דאָס פאַרטעמפּטע דייטשע פאָלק, מיט איר גרויסן רעספּעקט צו דער אייגענער טיפּשות, מיט געשוואָלענע מוחות פון גאווה, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געזאָגט:

— „די דייטשן שעצן זייער יחוס ווי די אַראַבער דעם יחוס פון זייערע פערד און דאָס צוליב דער זעלבער סיבה, ווייל דייטשלאַנד איז פון תמיד די שטאַל פון פירשטלעכע שקאַפּעס“.

און נאָך האָט דער גרויסער פּאָעט געזאָגט:

— „אין די צייטן ווען מיר הילן זיך איין אין דעם פורפור־מאַנטל פון העלדן־בלוט, קומט אַ פּאָליטישער לץ און טוט אָן אונדזערע קעפּ דעם נאַרן־היטל".

האָט אַפילו די מפּלה און דאָס אַראָפּרייסן די מאַסקע פון דעם היטלער־לץ ניט אויסגערייניקט, אין די דייטשע פיליסטער קעפּ, דעם שאָוויניסטישן טשאַד. נאָר די דייטשקעס באַדויערן גאָר ניט דעם קראַך פון דער ראַסן־טעאָריע, וואָס זיי העלפן מיט די אייגענע קערפּערס צעשמעטערן. אָט זאָגט פרוי ליזע צו איר שכנטע:

— היטלער האָט אונדז געפּאַשעט מיט ערזאַץ־פּוטער און ראַסן־געזעצן, ווען די אַמעריקאַנער פּאַשען אונדז מיט שאָקאָלאַד און מיט איי לאַוו יו. אין וואָס נויטיקט זיך דען אַ פרוי אויב ניט אין זאַטקייט און פאַרגעניגנס? אונדזערע מענער האָבן געניטיקט זיך אין קריגס־אַוואַנטורעס און פאַרדאָרבן זייערע מוחות מיט פּאָליטיק פון וועלכן קיין גוטסקייט קומט קיינמאָל ניט אַרויס, דערמיט באַשעפטיקן זיך נאָר אויסוואורפן. די ראַסן־געזעצן האָבן אויסגעטראַכט דומקעפּ, וואָס זענען ניט קיין גרויסע העלדן אין די בעטן. מיר פרויען ווייסן דאָך אַמבעסטן די פאַלשקייט פון דער ראַסן־טעאָריע און מיר האָבן גענוג שכל ניט איבערצולאָזן די אַמעריקאַנער אָפיצירן, ניט די נעגערס און יידן אויפן באַראַט פון די שמוציקע זונות, וואָס ציען פון זיי נאָר אַרויס דאָלאַרן און שטעקן זיי אָן מיט מיאוסע קראַנקייטן.

— גערעכט פרוי ליזאַ. מיר פרויען ווייסן ווי צו זיין גאַסטפריינטלעך צו די פרעמדע, וואָס זענען ניט קאַרג. מיר האָבן דען ניט ליב קיין אַמעריקאַנער שאָקאָלאַד און ציגאַרן? אויך מיר נויטיקן זיך אין דאָלאַרן, מיר שענקען דאָך דערפאַר ניט קיין בייטראַג, נאָר אויפריכטיקע ליבע.

— און איך, זאָגט פרוי מאַרטאַ, בין גענוג פּראַקטיש, צוליב מיין מאַן, זיך ניט אָפּזאָגן פון קיין שום פאַרגעניגנס, וואָס גאָט אַליין שיקט מיר צו. כאָטש כ'האָב ניט דעם מזל פון די וועמענס מענער זענען פון פראָנט ניט צוריקגעקומען, דאָך מיט מיין גראַציע פעלט מיר ניט קיין דערפאָלג און מיין מאַן וועט דאָך ניט פרעגן פון וואַנען איך ברענג אַהיים אַזעלכע גוטע זאַכן ווען פון זיין חודש־פּענסיע קען קוים קלעקן אויף אַ פּאָר פּעקלעך ציגאַרעטן אויפן שוואַרצן מאַרק?

— יאָוואָל, מיט אונדזערע מענער קענען מיר זיך ניט שטאַרק רימען דאָך בין איך געטריי מיין מאַן. אַז עס זענען צו מיר געקומען צוויי אַמעריקאַנער עמ.פּי.־לייט זוכן געוועזענע עס. עס.־מענער, האָב איך מיין מאַן פאַרשטעקט אין דער שאַנק און ניט געשעמט זיך אויסגעטאָן די מייטקעס כדי צו ראַטעווען מיין מאַן. איך בין טאַקע ניט קיין הייליקע אָבער ניט אויסגעלאָסן ווי די שאַרלאַטע וואָס שיקט איר מאַן אין דער קנייפּע און ווען ער קומט צוריק העלפט ער איר אַנטון וואָס דער יודע האָט פון איר אויסגעטאָן. ניט אומזיסט זאָגט זי, אַז די יידן זענען די בעסטע מענער.

— אָבער דער פרעכער לאטע האָט דאָס געגליקט! זאָגט פרוי עלזאַ, וואָס זי האָט איר מאַן שוין לאַנג באַגראָבן. דער נעגער וואָס קומט צו איר איז מער געטריי ווי איר מאַן דער אָפיציר איז געווען. אויך דער נעגער גייט אין געפּוצטע שטיוול, כאָטש ער איז אפשר אין באָסטאָן געווען אַ שיך־פּוצער, אָדער אַ גאַסן־קערער. ער ברענגט דאָך פון דער קאַזאַרמע שפּייז, קאָנסערוון און פּאַפּיראָסן. ער גלאָצט מיט די אויגן צו איר טאָכטער, אָבער כאַפּט זיך צו די גרויסע ברוסטן פון איר מאַמען. דאָס מיידל איז נאָך צו נאַריש, מיט איר פּאַריסן נעזל, די מאַמע טויג בעסער צום נעגער. זיי זענען דאָך הונגעריק נאָך פעטע ווייבער און מען קאָן פון זיי חלשן פון פאַרגעניגן.

אַזוי טענהן זיך אויס די ווייבער, אין דעם לאַנד וואָס איז אַ גייסטיקער מדבר, זייער מאָראַל איז רואינירט, זייער גלויבן באַנקראָטירט. אָבער וואָס זאָלן צווישן זיי טאָן די אומגליקלעכע יידן? צי מעג יונה פאַרטאָכלעווען זיין יוגנט צווישן דייטשער געמיינקייט און צווישן די ברוך־שטיקער פון פאַרוויסטע יידישע לעבנס? ברענט אין אים דער פאַרלאַנג וואָס גיכער פון דאַנען צו אַנטלויפן.

צום גליק איז געשען אַ גרויסער נס. אַ ליכטיקע בשורה געקומען פון לייק־סעקסאַס, אַז דער פעלקער־פאַרבאַנד, האָט נאָך לאַנגע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען באַשלאָסן צו געבן די יידן דאָס רעכט צו אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה. אמת אַ קליינטשיקע, בלויז אַ טייל פון ארץ־ישראל, אָבער אַן אייגענע. ציטערן אויף יידישע הערצער מיט פרייד. די היימלעכע פלאַמען־אויף מיט אַ גרויסער האָפענונג, אַז עס

איז געקומען אַ סוף צום וואָגל. מיט גרויס באַגייסטערונג גרייט מען צו פּאַקן די פּעקלעך און „היידאַ״ אין אייגענעם לאַנד אַריין... אויך יונה איז פול מיט באַגייסטערונג, מיט אַ הייסן דורשט צו אַ ניי לעבן.

גיך איז אָבער פאַרלאָשן געוואָרן די באַגייסטערונג, אַראַבישע באַנדעס זענען באַפאַלן די יידן אין ארץ־ישראל, זיי ווילן ניט דערלאָזן צו קיין יידישע מדינהלע, נאָר בעסער טרייבן די יידן אין ים אַריין, זיי אויסשעכטן און ניט דערלויבן זיי צו לעבן פריי און זיכער. דאָרט זענען אָבער די יידן ניט אין געטאָס און ענטפערן אויף פייער מיט פייער, צאָלן מיט בלוט פאַר בלוט. ווערט דער אַראַבישער אָנפאַל אויף די יידן אין ארץ־ישראל אַ סיגנאַל פאַר די פליטים־יוגנט צו לאָזן זיך צו הילף זייערע ברידער. די ענגלישע מאַכט פאַרמאַכט אָבער פאַר זיי אַלע וועגן, בלאָקירט די פּאָרטן, היטן אויף די ימים, פאַרכאַפּן יידישן מעפּילים־שיפלעך און פאַרשפּאַרן די יידן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין ציפּערן. גייט אָן אין יידישן לאַנד אַ שווערער געראַנגל פאַרן קיום פון פאָלק און אויף די וועגן און ימים גייט אָן אַ געראַנגל פון דער היימלאָזיקייט פאַר אַ היים, אַ קאַמף פאַר דער לעצטער פעסטונג פון דעם דערמאָרדעטן פאָלק. צי קען יונה שטיין אין דער זייט, צי קען ער בלייבן גלייכגילטיק, ווען עס וועגט זיך דער גורל פון זיין פאָלק?

און ווידער פירט די „בריחה״, די יידישע יוגנט אין פינצטערע נעכט, צוריק פון פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד, צו דער עסטרייכישער גרענעץ, איז ניט דייטשלאַנד און עסטרייך דאָס זעלבע? „זאָל זיי ביידע אין דונער פאַרכאַפּן!״, רופט זיך וואָר אָן. דער ציל איז צו קומען קיין איטאַליע. שפּאַנט מען איבער די הויכע אַלפּן, מען טאַפּטשעט אין די טיפע שנייען, שווער די פיס אַרויסצושלעפּן, די הערצער קלאַפּן פון האַפענונג, אויך מיט שרעק, ניט אַנטדעקט צו ווערן פון די איטאַליענישע קאַראַבינערן. פּיניקט די מידקייט, מען שפּאַנט איבער שניי און פראָסט, מיט פאַר־שוויצטע לייבער, אין דער נאַכט אָן אַ סוף, ביז אַ הינט־בילן, זאָגט אָן אַז ניט ווייט איז אַ דאָרף. אַז מען דערשלעפּט זיך אַהין קוים אויף די מידע פיס, עפענען זיך פריינטלעכע טירן, עס טראָגט אַנטקעגן אַ געשמאַקע וואַרעמקייט און זיסער שמייכל פון צוויי חנעוודיקע איטאַליענערינס. זיי דערקוויקט דאָס האַרץ מיט די פרישע זעמל און וואַרעמע מילך. אָבער

די אויגן קלעבן זיך צום שלאָף. צעליגט מען זיך, ווי נאָר אַ פריי אָרט, און מען כאַפּט אַ זיסן אָבער קורצן דרימל. ווי אין חלום קלינגען די מעלאָדישע קלאַנגען פון די גלעקלעך אויף די העלדזער פון די קי, געטריבענע צו דער פּאַשע. אין פּאַרטאַגיקן שיין לאָזט דער מאָרגן־געזאַנג מער ניט שלאָפן. גרייט שטייען שוין גרויסע לאַסט־אויטאָס, וואָס דאַרפן די אומלעגאַלע וואַנדערער אַוועקפירן, ווי געשמוגלטע סחורה, פאַרדעקטע אונטער שווערע ברעזענטער, צו דער שטאָט מילאַנאָ.

אין דעם פּליטים־לאַגער „סקאַלא קאַדארנא" וואָס געפינט זיך אין איינעם אַ גרויסן הויף דערקוויקן זיך די וואָגלער מיט איטאַליענישע מאַראַנצן, טייל פאַרזוכן, אָט דעם גן־עדן־פּרוכט, צום ערשטן מאָל אין לעבן, אַוודאי ניט געפילט דעם זיסן טעם אין די סיבירער אָדער אוראַלער וועלדער, אָבער מער פון אַלץ איז גוט צו פאַרזוכן די מאַגישע קראַפט פון דער פרייהייט, וואָס די יידישע יוגנט האָט איר טעם, קיינמאָל ניט געפילט, אויך ניט פון אַ פריינדשאַפט, מיט וואָס עס טראָגט אַנטקעגן דאָס צע־שמייכלטע איטאַליע. איר חנוודיקע יוגנט, פון שוואַרץ־מיידלישע אויגן ווי ביי ציגיינערינס. דאָס דאָזיקע זינגעוודיק פאָלק האָט אַרויסגעגעבן דעם גרויסן קאַרוזא און געשאַפן די „לא סקאלא" אָפּערע, אָבער געשמאַכט אונטערן שוואַרצן פאַשיזם פון דעם דוטשי, וואָס האָט מיט זיין אָראַטאָריש־אַרטיסטישער קראַפט, געוואָרפן פאַרסמטע ווערטער. דאָ אויף דעם פּלאַץ פון „הייליקן קבר" איז געוועזן דאָס וויגעלע פונעם פאַשיזם, וואָס האָט באַרוואַנדלט דאָס פּרעכטיקע לאַנד אין אַ לעבעדיקן — בית־הקברות.

אומהיימלעכקייט נעמט יונהן אַרום ווען ער שפּאַנט אַריין אין דער מיסטעריעזער האַלב־טונקלקייט פון גאָטס־הייזער, צווישן אַלטע פּרעסקן און פרומע תפילות, באַגלייט מיט אָרגל־טענער. אַרום דער פיגור פונעם דערלייזער, וואָס הענגט ווי אַ מאַרטירער אויף דעם הילצערנעם קרוצי־פיקס, אונטער דער מאַטע ליכט פון קאַנדעלאַבערס, צווישן אייל־בילדער פון דער געטלעכער־פאַמיליע, הייליקע און אַפּאָסטאָלן. די גלעזערנע פענצטער דערציילן דעם גאַנצן תנ"ך און איבערן טונקלנעם גרויסן קלויסטער־זאַל שוועבן אַרום, אין שוואַרצע סוטאַנעס, די גלחישע מאַנ־שאַפט, וואָס האָבן פון הייליקע אַמבאָנעס מיט כהנישע גימענס געבענטשט אַלע בלוטיקע מלחמות, הייליקע אינקוויזיציעס און גערופן צו קניען פאַרן

גרעסטן דעספּאָט, וואָס זיצט אויפן הימלישן טראָן, צווישן דער הייסקייט פון דער זון און קאַלטקייט פון דער לבנה און הערשט איבערן הייסן גיהנום, ווו עס פּרעגלען זיך מיליאָנען זינדיקע, ווערן געבּרענט און גע־בראָטן, דורך בייזע שדים און טייוולאָנים, ווען אין דעם שכנותדיקן גן־עדן פּרעסן די פּויפּסטן, קאַרדינאַלן און אַפּאָסטאָלן דאָס פעטע פליייש פון שור־הבר און זינגען דאָרטן הלל פאַר אַלע וועלט־באַשווינדלערס, וואָס טראָגן דעם קרייץ פון ליבע און די שווערד פון האַס. צי איז דער הימל ניט אַ געטוייע קאָפּיע פון דעם וואָס טוט זיך אויף דער ערד? רייסט זיך יונה אַרויס פון גאָטס־הויז צו דער שיינער שטאָט און פרייען פאָלק, צום מענטשלעכן געזאַנג.

פון מילאַנאָ פירט יונהן די באַן, איבערן לאַנגן וועג קיין רוים און זיינע אויגן בלאָנדזשען איבער די בערגיקע פּייסאַזשן מיט גרינע טאַראַסעס, צווישן שטיינער און בערג, באַזעצט מיט איילבירט און מאַראַנצן־ביימער. לויפט די באַן דורך חורבות פון אַלטערטימלעכע שלעסער, שרידים פון פּאַלאַצן, מיט צעבראָכענע סטאַטועס פון רוימישע געטער מיט אָפּגעהאַקטע הענט, קריסטלעכע נזירים אָן קעפּ, ווייבלעכע גראַציעס מיט אָפּגעהאַקטע נעז. פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז און פאַרשיט מיט גרוז. אונטער אַלטע בית־עלמינס, מיט אייזערנע קרייצן, רוען באַגראָבענע דורות פון פּויערים. שקלאַפן, פּאַטריצער, גזלנים און פּאָליטיקער, די העלדן פון דאַנטעס גיהנום אין מאַסקעס און ראַנגעס, קאָמעדיאַנטן און צאַרן וואָס האָבן אָפּגעשפּילט זייערע ראָלעס.

וויפל ווייטקייט פון צייט און קילאָמעטערס טיילט אָפּ יונהן פון זיין קינדהייט אין קליינעם יידישן שטעטל ביז צו די מויערן פון לעגענ־דאַרן רוים? די רעזידענץ פון בלוטיקע צעזאַרן, קאַטוילישע פּויפּסטן, פון ליכטיקן רענעסאַנס און פון שוואַרצן פאַשיזם. און ווי ווייט זענען די־מויערן פון רוים פון די טויערן פון ירושלים?

זיין געלעגער געפינט יונה אין דעם באַרימטן פילם־צענטער „טשינע־טשיטאַ" הינטער רוים, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, נאָך דער מלחמה, אין אַ פּליטים־לאַגער. שטייט זי פאַרשטומט די פאַבריק פון חלומות, מיט אירע ליבע־אַוואַנטורעס, קאָמעדיעס און פאַרוויילונגען און אויפן אָרט פון פּראָדוצירטע פיקציעס גייט דאָ אָן אַ רעאַלער מאָנטאַזש פון צאַפּלדיקער

ווירקלעכקייט פון עלנט, נויט און היימלאָזיקייט, פון איינזאַמקייט און פּיין. ניט קיין פילם־אַרטיסטן נאָר דאָס לעבן אַליין שפּילט דאָ איר טראַגישע עפּאָפּעע, פון צעבראָכענע לעבנס, צעריסענע משפחות, טרויעריקע קרבנות פון דער אכזריותדיקער מלחמה, פאַרטריבענע פון אייגענע היימען, אַנט־לאָפענע פאַרן פאַשיזם און קאָמוניזם, וואָס פראַווען דאָ זייער עלנט אונטער קאַרטאָנענע דעקאָראַציעס, גיסן אויס זייער ווייטיק אין די פאַר־שידנסטע שפּראַכן. אויסגעהונגערטע גלות־סלאַוון און שעפּסענע פּעלצלעך, פּאָלאַקן מיט בייזע וואָנצעס, גוטמוטיקע גריכן און קראָאַטן, סערבן און אונגאַרן און צווישן זיי די וואָס האָט דעם אייביקן פּאַטענט אויף וואָגל און היימלאָזיקייט. די שארית הפליטה פון אויסגעמאָרדעטן פאָלק, געקומען אַהער פון ווייטן סיביר און קאַזאַכסטאַן, געראַטעוועטע פון אוישוויץ און בוכענוואַלד, אַנטלאָפענע פון פּוילישן כוליגאַניזם און רומענישער שנאה. פון טרויעריקע טייגעס, פון בונקערס און וועלדער דאָ אין דעם ריזיקן צענטער פון חלומות און פיקציעס ווייטער צו שפּילן זייער טרויעריקע דראַמע.

יעדן אינדערפרי לאָזט זיך יונה פון דאַנען אַוועק, מיטן טראַמוויי, צו די רוימישע גאַסן, מיט איר גוטן פאָלק פון ליבע, ווייַן און געזאַנג. דאָס ערשטע כאַפּט ער זיך אַריין אין דעם יידישן פּליטים־רעסטאָראַן צו עסן אַ ביליקן מיטאָג פון ספּאַגעטי אָדער פּאַסטאַ אַסקאַטי און איינ־הערן זיך צו די, וואָס ווייסן אַלץ, וואָס עס הערט זיך אין ארץ־ישראל און ווי עס האַלט מיטן פאַרן אַהין? עס קומען דאָ יידישע פּליטים צו הערן אַ יידיש וואָרט, צו האַנדלען מיט אַמעריקאַנער ציגאַרעטן און שווייצאַרישע זייגערלעך. עס קומען דאָ געראַטעוועטע דערוואַקסענע יידישע קינדער וואָס רעדן פּויליש, עס קומען רומענישע בחורים וואָס גלאָצן מיט די אויגן אויף דעם גאָלד פון די קלויסטערס. איי ווען מען קען אַראָפּ־גנבענען כאָטש אַ גאָלדענעם קרוין פון דער „הייליקער מאַריען״... זענען דאָך אָנגעזאַמלט אין די קלויסטערס ריזיקע אוצרות פון גאָלד און בריליאַנטן. די גלעזערנע שאַפעס, פון דער פּיאָטר־באַזיליקע, זענען מיט פּויפּסטלעכע קליידער פון סאַמעט, אַטלאַס, זייד און בראָקאַט און ביי יונגע בחורים איז דער אַפּעטיט גרויס, עס ווילט זיך נאָר עסן און קיין געלט האָבן זיי ניט. איז אָבער דאָס גאָלד אין רוים גאָר ניט הפקר.

דערפאַר קענען זיי יעדן מיטוואָך אין אַ קלויסטער באַקומען אַ ביסל לירעטעס פאַר שמדן זיך, צו פאַרדינען אויף אַ כשרן מיטאָג אין די פּליטים־רעסטאָראַנען. די גלחים דערקענען אָבער די זעלבע פּנימער וואָס קומען צו אָפט זיך שמדן און די הימלאָזע בחורים פאַרלירן אַ לייכטע פּרנסה.

אָבער יונה בלאָנדזשעט איבער קלויסטערס, מוזעאומס און קאַטאַקאָמבן. ער טרעט איבער באַגראָבענע עפּאָכעס פון צאַרן, אָראַטאָרן און פּאָעטן; פון העןקערס און גלחים; איבער געשיכטע פון אייביקע מלחמות צווישן שבטים און קלאַסן פון ספּאַרטאַקוסעס שקלאַפן־אויפשטאַנד, פון די ערשטע קריסטן און שוידערלעכן פאַשיזם. איבער די חורבות פון „קאָלאָסעאום" שוועבט נאָך די טראַגעדיע פון די אומגליקלעכע גלאַדיאַטאָרן, צעריסענע פון לייבן, פאַר די פאַרגעניגנס פון די הערשער וואָס האָבן צוגעשטעלט די מאַסן „ברויט און פאַרווײַלונג" און אַליין זיך פאַסמאַקעוועט מיטן רויטן־געטראַנק פון צעריסענע לעבנס. „קוואָ וואַדיס"? ווו אַהין גייסטו מענטש? פון שוידער פון אכזריות צום שוידער פון מלחמות!

דאָך זענען די באַרבאַרישע הערשער פון אלטערטום געווען ווייט הינטערשטעליק פון די היינטיקע „פּראָגרעסיווע" און ציוויליזירטע הערשער, וואָס באַגנוגענען זיך ניט מער מיטן בלוט פון עפּעס אַ גלאַדיאַטאָר, זיי נויטיקן זיך היינט אין בלוט פון מיליאָנען, אין בלוט פון גאַנצע פעלקער. זיי באַגנוגענען זיך מער ניט מיטן נאַיווע גלאַדיאַטאָרישע שפּילן. די אַרכי־טעקטן פון אוישוויץ, און פון היראָשימאַ האָבן אַ בעסערע טעכניק, אַפילו פון מלאך המוות אַליין.

קומען יונגע פאַרלעך צו געניסן פון ליבע, צווישן די חורבות פון „קאָלאָסעאום". קומען פון דעם עלטסטן פאַך דאָ האַנדלען מיט ליבע. עס קומט דאָ ברעכן די הייליקייט פון דער פאַמיליע מיט אומלעגאַלער ליבע.

וויגן זיך איבער די רוימישע דעכער לייכטע וואָלקנדלעך, ווי צעשפּרייטע פליגלען פון הימלישע מלאכים, שוועבן איבער די הייזער באַפּוצטע מיט פרעסקן און אָרנאַמענטן פון פאַרשידנסטע תקופות פון סטילן, איבער די סקווערן מיט פאָנטאַנען און מאָנומענטן. איבער דער רייכער ווילי באָרגאַזאַ און פּיאַצאַ פּאָפּעלאָ, וואָס גלאַנצט מיט רייכטום און לוקסוס.

איבער פּיאַצאַ ווענעציאַ טראָגט זיך פון די קאַפּעען דער געשמאַקער ריח

פון עספּרעסאָ, מיט לוקסוס־אויטאָס, די טראָטואַרן מיט ווייבלעכער גראַציע, בויגזאַמע קערפּערס און פלאַמיקע אויגן, באַגלייט מיט מענער עלעגאַנץ. אויף פּיאַצאַ קאַלאַנאַ, אין די פיצעריעס טרינקען טוריסטן קאַווע און אַרום זיי דרייען זיך בעטלערס, פון ערגעץ טראָגט זיך אַ ניגון פון אַ גיטאַרע.

אין די קלויסטערס זענען די הייליקע מאַדאָנעס ענלעך צו דער געטין ווענוס, מיט יצר הרעדיקע בולטע ברוסטן, רונדע היפּטנס און בויגעוודיקע טאַליעס. די גאַנצע ווייבלעכע צניעות פון רייצנדיקע הייליקע, פון ווייבלעכע מלאכים שטראַלט אַרויס געהיימע צוזאָגן מיט הייליקער שכינה. די אָריגינאַלן פון די הייליקע צניעות האָבן די מאָלער מסתמא געפונען אין די זינד־הייזער, צווישן די וואָס פאַר געלט זענען לייכט זיך אויסצוטאָן און לאָזן זיך פּאָזירן פאַר די אייביקייט. כאָטש די זינדיקע אָריגינאַלן פוילן שוין לאַנג אין די קברים, צווינגען נאָך זייער ווייבליכער רייץ די גלויביקע צו בייגן פאַר זייער רייץ די קניען.

אַ ווונדערלעך בילד פון אַ הייליקע מאַדאָנע דערמאָנט יונהן אין דער יונגיטשקער מוטער סאַלטשע פון זיין שטעטל. זי איז געווען אַ לעבעדיקע שיינקייט, מיט מער רייץ, מער אומשולד, מער איידלקייט און הייליקייט פון אַלע הייליקע מאַדאָנעס אין די קלויסטערס און מוזעאומס. איר נשמה איז געווען פון ריינעם גאָלד. מיט וואָס פאַראַ געטריישאַפט זי האָט איינגעפּרעסט, מיט אירע דינע פינגער, אין דער ווייכקייט פון איר ברוסט און דאָס קינדישע פּיסקל האָט גיריק, מיט איינגעצויגענע ליפּן, געזויגן די זאַפטיקייט פון דער יונגמאַמעשער ליבע. זי איז געווען ענלעך, מיט איר זויגעוודיק קינד, צו ראַפאַעלאָס סיסטענישע מאַדאָנע. אָבער זוער וועט קניען, פאַר דער מאָראַלישער ריינקייט פון אָט דער יונגיטשקער סאַלטשען, ווען די צעיור־שעטע היטלער־יונגען האָבן פאַרצוקט צוזאַמען מיט איר פּיצל קינד צוזאַמען מיט טויזנטער יידישע מאַמעס און קינדער?

גאָט איז אומעטום דאָ, אָבער ניט אין די קלויסטערס, האָט ווער געזאָגט בלייבט אפשר צו קניען פאַר לעבעדיקע געטריישאַפט פון צאַפּלדיקע הערצער, פאַר דער שיינקייט פון דער נאַטור, פאַר דער שעפערישער קראַפט פון דער קונסט, פאַרן מעכטיקן הימן צום לעבן. דער קאַטאָליציזם האָט אַמאָל געשטעלט דעם ראָמאַנטיש־עראָטישן פלאַם צום דינסט פונעם גלויבן. היינט איז דער קאַטאָליציזם פאַרמאַטעריאַליזירט און פּראַקטיש און ווי

יעדער מאַכט האַקט זי אונטער די פליגלען וואָס רייסן זיך צום פליען, פון די וואָס קלעטערן צו הויכן און העלפט טרייבן די וועלט צו עולם התוהו.

דער פאַשיזם און די מלחמה האָט איבערגעלאָזט אין איטאַליע אַ טרויעריקע ירושה פון אלמנות, יתומים, קאַליקעס און אַ גרויסן עלנט. די אָרעמע קוואַרטאַלן זענען פול מיט אַרבעטלאָזע מענער, קרעציקע ווייבער מיט געשוואָלענע פיס. די נויט מעקט אָפּ דעם ווייבלעכן חן פון די פנימער. רויבט צו דעם שמייכל פון קינדישע ליפּן. אויך גאַסן האָבן זייער מזל. יעדע גאַס האָט איר נשמה. עס זענען דאָ גאַסן ערנסטע פאַרטראַכטע, אומעטיקע און פריילעכע. פאַטעטישע גאַסן מיט ווייסע הייזער און פויגל-געזאַנג. פאַרבענקטע און פאַרחלומטע גאַסן און קאָקעטיש-אויסגעלאַסענע.

אָט איז אַ גאַס ראַכיטיש בלאַס, מיט איינגעהויקערטע, קבצנישע הייזלעך, מיט אָפענע מיילער און אָנגעשפּיצטע אויערן, קניען פאַר די קלויסטער-שפּיצן, קורטשען זיך פאַר פחד, פאַר די קלויסטער-גלאָקן. בלויז זונטיק זענען גאָטס-הייזער פול מיט מתפּללים. די שענק זענען קיינמאָל ניט ליידיק. דער בית-הקברות, אַרומגערינגלט מיט אייזערנע שטאַכעטן אַן איינגעהילטע אין שטילקייט, איז באַוווינט מיט מער מתים ווי די גאַסן מיט לעבעדיקע. קליין זענען דאָ די מענטשלעכע פאַרלאַנגען, וואָס דאַרף דען אַ מענטשלעך באַשעפעניש מער ווי אַ שטיקל ברויט, אַ גלאָז ווייַן, אַ ווייב מיט אַ צעלאַכט פּנים, אַ געמיש פון ווייבלעכקייט מיט האָניק?

אָבער ווען עס פעלט ווייב און פרייד מוז פאַרשיכורן די לעצטע לירעטעס אין די קנייפּעס.

צווישן נעפּל און פאַפּיראָסן-רויך, צווישן ריח פון ביליקן וויין באַגלייטן שיכורע אויגן יעדן באַוועג פון דער פריילעכער מאַריאַ וואָס שוועבט צווישן די טישלעך, ווי אַ טאַנצנדיקער פלאַם. מיט איר פאַרפירישן שמייכל, מיטן רייץ פון אויסגעשטאַרצטע ברוסטן, וואָס ציטערן אונטער איר אויסגעפאַסטער, קאָלירטער בלוזע, גיסט זי ווייַן אין די גלעזלעך און הייסע גלוסטן אין די הערצער. מיט איר טייוולאָנישע קראַפט פון אַ ווונק מיט אַן אויג ציט זי אַריין די מענער אין דער קרעטשמע און קען אויפהייבן יעדן פון זיין בענקל ער זאָל, ווי אַ היפּנאָזירטער, נאָכגיין אירע טריט, צו אַ פּאָר הילצערנע טרעפּלעך, צו אַ טונקעלנעם צימער, אים אָנשיכורן מיט זינד און אויסליידיקן זיין בייטל. דאָך ווען זיי קומען צו איר

ווידער. זי פאַרמאָגט אָבער אַ גוט האַרץ און שענקט אויך איר רייץ אומזיסט צו אַן אָרעמען סטודענט אָדער אַרבעטסלאָזן מויערער, מיט אַ צולאָג אַ ביסל לירעטעס פאַר אַ קראַנקער מאַמען אָדער הונגעריק ווייב און קינדער. טרינקט מען דאָ ווייַן און מען קוקט מיט פאַרשיכורטע אויגן צו דער טיר איבער טרעפּלעך. אַפילו איר אייגענער אַלטער בעל־הבית ברענגט איר געלט וואָס ער גנבעט ביי דער קאַסע פון זיין ווייב און בעטלט, ליגנדיק שיכור ביי אירע פיס, אַ ביסל פאַרגעניגן ביז זי וואַרפט אים אַרויס.

זענען די בילדער פון לעבן אָפט מער פאַנטאַסטיש ווי פון מאָלערס; מיט מער קינאה, מער זינד, ווי געמאָלענע בילדער; מיט מער אָרעמקייט, מער איינזאַמקייט און מיט מער צער און טרערן. וויפל טרערן פאַרגיסן מאַמעס ווען זייערע זין זענען ניט אַהיימגעקומען פון דער מלחמה? און וויפל זענען דאָ באַעוולטע, וועלכע האָבן ניט צו באַצאָלן פאַרן ווייַן אין שענק און פאַר מינוטיקע פאַרגעניגנס אין די בורדעלן? און וויפל אומגליקלעכע קענען פון זייער ביטערן גורל ניט אַנטלויפן?

ווער ווייסט פאַרוואָס דער גורל פירט יונהן ביי דער נאָז און פאַרפירט אים אַריין אין אַ שטעטל פון אַלטע כאַטעס, וואָס ליגן צופוסנס פון אַ באַרג מיט פוסטע שמאָלע געסלעך אָנגעשטעלטע מיט ליידיקע ווייַן־פעסער. די לופט אָנגעפילט מיט מעלאַנכאָליע. זעלטן טרעטן דאָ פרעמדע פיס, זעלטן קלאַפּט אַ פרעמדער אין אַזאַ מאַסיווע הילצערנע טיר, פון די אַלט־פרענקישע הייזלעך, מיט אָפּגעריבענע גראַווירן און אָרנאַמענטן, ענלעך צו אַלטע קלאַשטאָרן. די צייט, זון און רעגן האָבן געלייגט זייער שטעמפל אויף די הילצערנע הייזלעך און זי איינגעוויגט אין מיסטעריע, ווי עס וואָלטן ניט־געזעענע שדים און געשפּענסטער דאָ אַרומגעבלאָנדזשעט. אָבער צו וואָס האָט דאָ יונה פאַרבלאָנדזשעט, וואָס זוכט ער דאָ, זיין פאַרלוירענע יוגנט, פאַרלוירענעם חלום? פאַרזונקען אין בענקשאַפט, איינזאַמקייט און מחשבות פאַרפּלאָנטערט זיך צווישן זיינע פיס אַ שוואַרצע קאַץ, ער וויל זי פאַרטרייבן נאָר ער דערזעט פּלוצעם, נעבן אַ מאַסיווע הילצערנע טיר, קוקט אויף אים עפּעס אַ ווונדערלעך בילד, ווי פון עפּעס אַ געניאַלן מאָלער, ווער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס בילד פון אַ פּרעכטיקע גראַציע נעבן אַ טיר? קוקט ער מיט נייגעריקע אויגן און אין האַרצן גיט עפּעס אַ טיאַכע. דאָס איז דאָך אַ ווונדערשיין לעבעדיק בילד! וויל ער פון

באַגייסטערונג איר זאָגן אַ פּאָר הייסע ווערטער, נאָר זיין איטאַליעניש איז צו אָרעם, שטאַמלט ער בלויז אויס — „באָנדזשאָרנע מאַדאַם“. אַ שאָד וואָס מענטשן פאַרמאָגן אַזוי פיל שפּראַכן וואָס צעטיילט זיי. אפשר זאָגן זייַנע אויגן, דאָס וואָס דאָס מויל וויל און קען ניט זאָגן. אפשר ווייסט זי וואָס עס טוט זיך אין זיין האַרץ? ציגדן זיך אירע אויגן אָן מיט אַ מאָדנע פלעמל און אויף די ליפּן אַ ווונדערלעכער שמייכל, וואָס מיינט: „איך פאַרשטיי דיך פרעמדער!“ און זאָגט צו אים מיט אַ זינגעוודיקן קול, — פּרעגאָ!“ און עפנט פאַר אים די שווערע טיר. שווימט ער אַריין אין אַ האַלב טונקעלע סודותדיקייט און מיינט אַז דאָס האָט זי אים שלעכט פאַרשטאַנען, געמיינט אַז ער איז דורשטיק און וויל אים געבן וואַסער צום טרינקען. אָבער האָט דאָס גאָר ער אַ טעות, ווייל זי קנעפּלט שוין גיך, און נערוועז, מיט אירע לאַנגע פינגער, איר ווייסע בלוזע און עס צאַפּלט אויף פּאַר זייַנע אויגן צוויי ווייסע, שטיפערישע ברוסטן, אַ ווייס געטאָקטער בוזעם, און ער זעט ווי אין חלום, ווי זי פאַרוואַרפט איר העמד אויפן בילד פון דער הייליקער בתולה, וואַרפט אַ שעלמישן בליק פון נקמה צום פּאָרטרעט פון איר מאַן, וואָס קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט, און זי בלייבט בלויז אין די שיך. אירע אויגן פינקלען מיטן באַפעל — פּרעגאָ, דו מעגסט! דער ריח פון איר לייב, דעם פלוצעם געשעענער ווונדער צעמישן זייַנע חושים, פאַרדרייט דעם קאָפּ און בלייבט ווי פאַרלוירן. ער דערפילט איר טייוולאָנישע ווילדקייט, די ביסן פון איר ווייסע פּערל־ציין און דאָס רייסן זיין טשופּרינע, וואָס גיסט אים אָן מיטן שוידער פון תאווה. אַ דורשטיקער טרינקט ער דעם האָניק פון איר לייב... מיט הייסע אויגן, פאַרגאָסן פון גליק, מיט פאַרשטיקטן געשריי פון ווילדן געגוס, פון נצחון און מיט פייער פון דער נשמה. ווי אַ באַפעלערין און שקלאַפין, שטופּט זי אים אָפּ מיט אַ געמאַכטן ברוגז אָבער ווי אַ נאַשערקע ציט זי אים ווידער צו זיך ביז, שוין גענוג די געגנבעטע פאַרגעניגנס! כאַפּט זי אַראָפּ דאָס העמד פון דער הייליקער מאַדאָנע, שענקט אים אַ לעצטן קוש און שעפּטשעט אין אויער, אַז באַלד דאַרפן קומען איר באַמבינאָס פון דער שולע. עס איז צייט ער זאָל זיך אָפּטראָגן.

בלאָנדזשעט יונה ווידער איבערן שטעטל, מיט אַ צעשטורעמט האַרץ

און צעשויבערטע געדאַנקען, מיט שטאָלץ און מיט אַ פראַגע־צייכן: צי איז דאָס ניט געווען אַ פיבערישער חלום פון זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע? און פאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן, פאַר לאַנגווייליקייט, פאַר גרויקייט פון פאַמיליע־לעבן, פאַר נקמה אין איר מאַן, אָדער גאָר פאַר חוהשער נייגעריקייט צו פאַרזוכן פון פאַרבאָרגענער פרוכט? אַ שאָד וואָס ער וועט קיינמאָל מער איר שוועל ניט איבערטרעטן, קיינמאָל מער ניט טרינקען דעם האָניק פון איר ווייבלעכקייט, וואָס האָט די ערשטע אים אין אַ מאָן פאַרוואַנדלט, פאַרכליניעט מיטן גליק פון מענערלעכן שטאָלץ. שעפּטשען אַרום די אַלטע ביימער, ווי זיי וואָלטן דערציילט זיך רכילות. אַן אויסגעצויגענער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו שניידט דורך די לופט און טראָגט זיך ווי אַ רוף פון דער איינזאַמקייט. פון אַ פענצטער גיסן זיך די סענטימענטאַלע קלאַנגען:

סאַנטאַ לוציאַ, סאַנטאַ לוציאַ...

גייט ער דורך דער סטאַטוע פון גאַריבאַלדין און פאַרלאָזט דאָס מעלאַנכאָלישע שטעטל, מיט אַ שטילע בענקשאַפט נאָך אַ סאַנטאַ לוציאַ. נאָך אַ שטאָלצער לוקרעציע, נאָך אַ לאורא אַ באַגערטע. אפשר וואַרט אים נאָך ערגעץ אַ גליק אַ באַשערטע?

אין דער אייביקער שטאָט איז שוין פאַרלאָשן דער רויש פון טאָג. דער חלום שאַרבט אין דער פינצטערניש, פון געהיימע קאַטאַקאָמבן, צווישן פאַרבאָרגענע קלאַנגען, אומעטיקע קרעכצן פון איינזאַמקייט אַרויס, פון קראַנקע און פאַרלאָזענע. אפשר קלאַפּט דער מלאך־המוות אין אַ טיר? אָדער אין פאַרשטיקטע געשרייען פון ווייען ווערט אַ לעבן געבוירן? אפשר צינדן זיך לייבער אין הייסן גלי פון פאַרווערטער ליבע? אין געראַנגל קעגן שלאָף ראַנגלט זיך די שטאָט אין פיבער, צינדט און פאַרלעשט אירע פייערן. צווישן צעבונטעוועטע קאָשמאַרן בלאָנקעט יונה אַרום צווישן טומאה און קטורת־ריחות. אָט וועקט זיך אַ געשריי פון שטומען שווייגן, פון פאַרגליווערטע ווייטיקן, פון טיפן צער אין מיילער פון שטיינערנע ספינקסן. די שטאָט וואָס האָט פון וועלפן־ברוסטן געזויגן, און פעלקער אונטער איר יאָך געבויגן, איז פאַרזונקען אין פרומען תפילה־שעפּטשען; אין רעטעניש פון לבנה־בלאַסקייט איינ־געהילט, מיט לאַנגווייליקן גענעץ, צווישן געצאַפּל פון טויט און באַ־

שייד פון לעבן, פאַרזונקענע אין זינדיקע פאַרלאַנגען, פון געטלעכן אַפּיום פאַרסמט, צווישן פאַרשטיקטע געשרייען, אונטער פאַרשלאָסענע טירן, אונטער פאַרהאַנגענע פענצטער, אונטער פאַרשלאָסענע הימלישע אויערן, טויב צום געבעט פון פאַרצווייפלטע נשמות, צו פלאַמיקע זיפצן וואָס קייטלען זיך דורך דורות און גייען אויס אויף דער שוועל פון אייביקן זיין, ווער שאַרט זיך דורך ווינד און פּיין, ווי אַ קעניג אָן אַ לאַנד, וואָס לעסטערט אין דער נאַכט און זוכט אַ זינדיקע מאַטראַנע אין דער פינצטערניש צו אַנטרינען?

ביי די טויערן פון רוים וועקט זיך אפשר משיח, רייסט זיך פון די אייזערנע קייטן? עס רופט אים דער געשריי פון זיין אויסגעמאָרדעט פאָלק. פאַרוואָס האָט ער ניט צעריסן די קייטן? פאַרוואָס האָט ער פאַרשפּעטיקט צו קומען, איידער עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די האַק איבער זיין פאָלק, איידער עס איז געגאַנגען צו דער עקידה? אפשר שלאָפט נאָך אַלץ משיח און הערט ניט די קרעכצן פון די רעשטלעך וואָס לעכצן נאָך אַ ווינקעלע אויף דער וועלט, ווי צו שיצן זיך קעגן די סכנות, וואָס לויערן פון אַלע פינצטערנישן, פון נייע רוצחים וואָס קומען פון מדבר?

ליגט יונה אויף זיין אייזערנעם בעטל אין דעם ריזיקן זאַל פון דער „פאַבריק פון חלומות״, פון אַנדערע בעטלעך טראָגט זיך אַ כראָפּען און קרעכצן. אפשר חלומען זיי פון די פאַרלוירענע היימען? יונהן קלעבן זיך די אויגן צום שלאָף און ער קען ניט אַנטשלאָפן. עס מאָלט זיך אים אַלץ די קליינשטעטלדיקע גראַציע, ווי אַ פּרינצעסין פון אַ קינדער־מעשהלע, וועמען ער האָט אויפגעוועקט פון אַ הונדערט יעריקן שלאָף. אַ ווייטער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו הילכט אָפּ מיט אַן עכאָ אין זיין איינזאַמער נשמה. אין מוח רוישט און קלאַפּט, צי וואָס איז דאָס אים געשען? צי וואָס האָט אַ פרעמדע אַנגעפילט זיין נשמה מיט שטאָלץ און מיט בענקשאַפט?

פירט אים דער גורל אַוועק פון דער בענקשאַפט, אַוועק פון רוים. די מלחמה וואָס גייט אָן אין זיין לאַנד צווינגט דער „בריחה״ צו פירן אַהין נייע יונגע כוחות, זוכט זי אַ ברעג פאַר אַ שיף צו פאַראַנקערן. און פירט אַוועק אַביסל היימלאָזע יוגנט צום שיינעם נעאַפּאָל. אָבער ווער

האָט די וווּנדערלעכע שיינקייט פאַרזייעט מיט אַזוי פיל שמוץ און עלנט? אויף די שמאָלע שמוציקע געסלעך טאָלידאָ, פּיאַצאַ דע קאַרטאַ, סאַנטאַ טערזלאַ, מאַראַנאַ און אַנדערע טראָגט זיך אַ געזאַלצענער גע־שטאַנק פון טויטע פיש, עס גייט אָן אַ האַנדל מיט שלימאַקעס, פּלאַנדרעס און אַנדערע ים־פּאַסקודסטווע, צוזאַמען מיט אַ האַנדל און שמוגל מיט טריפה־נע סחורות און מיט טריפהנע פּרנסות. ס׳רוען דאָ ניט די בורדעלן אַפילו אונטערן טאָגיקן שיין. ניט די קנייפּעס פון ביליקן ווייַן. מאַטראָזן פון אַלע נאַציעס, און טוריסטן פון אַלע לענדער פּאַרפּולן די קנייפּעס און בורדעלן. פון ווייטנס קוקט דער וועזווו מיט טרויער, אייַנגעהילט אין אַש־קאַלירן און וואַרפט זייַנע אכזריותדיקע שאָטנס אויף דער פאַר־אומערטער שטאָט, אַ פאַרמשפּטע צו אייביקער שרעק, אין שכנות מיטן טויטן מדבר פון אַש־ליאַוועס אויף דעם ריזיקן קבר פון פּאָמפּעי, איבער וועלכע עס שטייט דער וועזווו ווי אַ געשפּענסט און קאָשמאַר, ווי אַ דראָענדיקע סטיכיע, וואָס קען יעדע מינוט צעבייזערן און אַלץ פאַרוויסטן, ווי דער ברוינער היטלעריזם, האָט מיט אַ לאַווע פון שנאה, אָפּגעווישט דאָס יידישע לעבן און איבערגעלאָזט אַ וויסטן מדבר.

אַוודאי פאַרמאָגט אויך נעאַפּאָל רייכע גאַסן מיט לוקסוס־האָטעלן פאַר רייכע טוריסטן, באַנקירן און עלעגאַנטע קאָקעטקעס, וואָס בענקען נאָך די צייטן פון בעניטאָ, וואָס האָט פאַרקויפט דאָס שיינע איטאַליע און זייַן אייגענער שוואַרצע נשמה צום היטלעריזם. נאָר די איטאַליענישע אָרעמקייט האָט ניט פאַרראַטן און ניט פאַרקויפט זייער כבוד, ניט פאַרקויפט זייער וווילעלכקייט צום פאַרהאַסטן אָקופּאַנט. דערפאַר זענען זיי איצט אַזוי פריינטלעך צו אַלע פרעמדע וואָס קומען דאָ זוכן אַ שוץ, זיי האָבן עס מיט פרייד אויפגענומען די אַמעריקאַנער זעלנער, ווי באַפרייער פון דעם יאָך פון פאַשיזם. ניט געוועזן צו די באַפרייער קאַרג מיט קיין שמייכל, ניט מיט זייער וווילעלכקייט. זיי האָבן ליב ענגלישע ציגאַרן און אַמעריקאַנער שאָקאָלאַד, ווי קינדער האָבן ליב נאַשוואַרג. די די איטאַליענערינס זענען פרומע געליבטע וואָס פאַרדעקן דאָס פּנים פון דער מאַדאָנע זי זאָל ניט זען זייער זינד. זענען זיך מתוודה פאַרן גלח מיט וועמען זיי האָבן געזינדיקט, מיט וועמען זייערע מענער פאַרראַטן. די איטאַ־ליענער זענען די גרעסטע קינסטלער פון מוזיק און געזאַנג. זיי קענען אויך

צוגנבענען ניט נאָר אַ צווייטנס ווייב נאָר אַפילו אַ שיף אין מיטן ים. זיי זענען שלאַנקע און שטאַרקע, זייערע ווייבער אַ ראַסע פון גראַציעס, נאָר די נויט צעפרעסט זייערע פּנימער און פאַרקריפּלט די קערפּערס.

שטייען די שיפן אין פּאָרט אין ענגשאַפט, אַ מאַשט צו אַ מאַשט, פול מיט מאַטראַזן. אָבער אויף די איטאַליענער קען מען זיך פאַרלאָזן. זיי וועלן שוין צושטעלן דער „בריחה" אַ שיף און געפונען אַ ברעג, ווי דאָס אויג פון די ענגלענדער זאָל ניט דערגרייכן. פון וואַנען זיי וועלן ווי „גנבים אין דער נאַכט" אַוועקפירן פון דאַנען אַ ביסל יידישע יאַטן אויף וועמען עס וואַרט דאָס לאַנד. געזעגנט זיך יונה מיטן פריינטלעכן איטאַ־ליענישן פאָלק, מיט ניט געפּאַרבטע, ניט מאַסקירטע נשמות, מיטן זוניקן לאַנד פון ווייַן, ליבע און געזאַנג.

אין מיטן דער נאַכט רייסט זיך די שיף אַרויס פון איר פעלדזיקער באַהעלטעניש און שניידט שוין מיט איר מעסער־נאָז די שוואַרצע ים־כוואַליעס און לאָזט זיך אַן איינזאַמע איבערן חושך און צעברויזטער סטיכיע. דער ים צעבונטעוועט מיט אַן אומגעהויערן אימפּעט און טרייבט די שיף איבערן ווילד־צעברויזטן ים אונטער דער אַלמעכטיקייט פונעם ווינט, ווי עס וואָלט אין דער נאַטור אָנגעגאַנגען אַ וויסטע מלחמה, וואָס שוויבלט און גריבלט, עפנט טיפע אָפּגרונטן, עס הויבן זיך וואַסער־בערג און היילן. כוואַליעס יאָגן זיך, שלינגען איין אַנדערע ירשנען זייער אָרט. ריזיקע זיילן־וואַסער מיט זודיקן שוים עפענען מיילער פון אָפּגרונטן, מיט משונהדיקע געברודער אין מיטן סודותדיקן חושך. עס קלאַפּן די כוואַליעס אין די ווענט פון שיף, ראַנגלען זיך, ווערן געיאָגט און געטריבן און עס שרייט אַרויס פון די ים־טיפענישן צו יונהן:

— וועסט ברודערל פון דיין גורל ניט אַנטלויפן! גאָט האָט דיר געשאָנקען אַ האַרץ מיט פייער פון ליבע, מיט בענקשאַפטן און געטריי־שאַפט וואָס וועט איר פאָלק ניט פאַרראַטן, ניט פאַרלאָזן אין אַ נויט. און ווידער וועסטו מוזן נעמען די פאַרשאָלטענע און געטרייע ביקס אין האַנט און ווערן אַ שומר פון די יידישע קינדער.

אין בויך פון שיף פיבערן אין ענגשאַפט פאַסאַזשירן פון אַלע נע־ונדן, איינגעפּרעסט אויף הילצערנע נאַרעס, וואָגלען איבערן ים פון

חלומות, געטראָגן אויף די פליגלען פון שטורעם, איבער צעברויזטע סטיכיעס, געטריבענע פון ווינט און ווייען צו אַ לאַנד אַ באַשערטן.

אַנטלויפט די שיף פון פאַררעטערישן אייראָפּע און יונה טרייבט די אומעטיקע מחשבות, ווי זלידנע פליגן וואָס זשומען אין די אויערן, מיט בלוטיקע וויזיעס, פון גרויליקע שלאַכטן, מיט אָפּגרונטן פאַרגאָסענע מיט בלוט. עס וויגט זיך די שיף, וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס און יונה וואַקלט זיך ווי אַ שיכור. און אפשר איז די גאַנצע וועלט אַ שיכורע שיף וואָס האָט פאַרלוירן איר רודער?

שלאָפט ניט דער קאַפּיטאַן, עס ראַנגלט זיך די שיף מיט די כוואַליעס און די פּאַסאַזשירן מיט די בייזע חלומות. עס פיבערן די רעשטלעך פון אַלטן שטאַם, אויף היימלאָזע וועגן, אַנטלאָפענע פון שנאה-פלאַם, פליטים אָן אַ וויזע וואָס טראָגן פון מיליאָנען דעם ווײ. שווימט אַ שיף אָן אַ פּאָן אַנטלאָפן פון וויסטע פיינען, צו אַ ברעג צו פאַראַנקערן דאָרט איר מאָרגן.

ג

אַריינגעשוווּמען אין אַ נייער ווירקלעכקייט, צי אין אַ נייעם חלום? אַ שטאָט אויף הויכע בערג און בלויז מיט יידן, מיט יידישע מאַמעס און יידישע קינדער. אַ גליק וואָס אַהער האָט דער היטלער־פּעסט ניט דער־גרייכט. אָבער אויך דאָ הענגט די סכנה. אַלע באַגריסן זיך מיטן שיינעם וואָרט — שלום! אָבער באַלד וועט מען יונהן אָפּשיקן צום פראָנט, צו מלחמה. איז טאַקע דאָס ערשטע עברית־וואָרט וואָס מען לערנט אויס — באין ברירה... מישט זיך פרייד מיט אומרו און מען קאַפּיטולירט פאַרן גורל, כאָטש די נשמה איז פול מיט נייגעריקייט, מיט דורשט צו זען דאָס לאַנד, דערקענען די מענטשן, צו זען ווי מען לעבט. מען דאַרף אָבער וואָס גיכער גיין צו די פעלדער פון טויט.

פירן גרויסע אויטאָס אַוועק אַ יוגנט, נאָר וואָס געקומען אין לאַנד אַריין, צו עפּעס אַ ווייטן גרויסן פּרדס. יונה פאַלט דאָרט אַריין אין אַ געמישטן געזינדל, שווער צו זאָגן אַז דאָס זענען אַלע יידן, אַוודאי אויך ניט קיין זעלנער. אַ געמיש פון סאַברעס, נאָר וואָס אַפּער פון דער מאַמעס פאַרטעך, ארויס פון גימנאַזיעס און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, געוועזענע פּאַר־טיזאַנער, געוועזענע זעלנער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און סתם עולים. וואָס האָבן קיינמאָל קיין ביקס ניט געהאַלטן, מיט „הגנה״־לייט, וואָס האָבן שוין שווערע פייער־פּראָבעס דורכגעמאַכט; אַ יוגנט פון פוילן,

בולגאַריע, רומעניע און מאַראָקאָ. פון זיי דאַרף צונויפגעשמאָלצן ווערן אײן אַרמיי. יונה האָט געקענט גאָר אַן אַנדערע אַרמיי, פון אַן אַנדערן שטייגער. די אַרמיי אין פּרדס איז אפשר ענלעך צו דער, פון דעם רוסישן אָדער שפּאַנישן בירגער־קריג, וואָס ווייסט ניט פון סאָלדאַטסקן גייסט, ניט פון קיין שליפעס, קוים עפּעס אַ צייכן פון אַן אָפיצירישע ראַנגע, ניט מיט פאַריסענע קעפּ, וואָס פאָדערן ניט קיין סאַלוטן, נאָר שטעלן דעם קאַמף־גייסט העכער פון אונטערטעניקייט. די דיסציפּלין אַ באַוווּסטזיניקע, ניט קיין מעכאַנישע. זיי זענען דאָך געקומען אַהער פרייוויליק פון פאַרשידענע לענדער, פרייוויליק אַוועק צו דער „הגנה" און פּלמ"ח, געבערענגט מיט זיך דעם פרייען גייסט און חברישקייט. אַפילו אין דער קליידונג דערקענט מען דעם אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער פון דער אַרמיי. אַ באַוואָפנטע מיט געטריישאַפט, אויך מיט אַבּיסל באַזוקעס, ראַקעטעס, מאַשין־געווער, מאָטאָריזירטע וואַסער־קעסלען און פעלד־קיכן. פון וואַנען האָט דאָס זיך גענומען צו אַ ניי געבוירענער אַרמיי?

אין פּרדס ווערט אָבער גיך צונויפגעשטיקעוועט אַן אַרמיי. אייניקייט נאָך אַן אייניקייט. אין געציילטע טעג פון איבונגען, שטייען אויף, אויפן פּייף — דום! גרייט צום באַפעל, גרייט צו גיין זיך שלאָגן פאַר אַ לאַנד וואָס מען קען ניט, פאַר עפּעס אַן אַבסטראַקטע היים, וואָס איז נאָר וואָס געבוירן, ווי מען פאַרמאָגט נאָך ניט קיין אייגן געלעגער, קיין אייגענעם דאַך, קיין טיר ווו אַנצוקלאַפּן, נאָר בלויז אַ ביקס. און ווידער קומען אָן גרויסע אויטאָס, וואַרפט מען פלינק אַריין די פּעקלעך, די ביקסן און זיך אַליין און היידאַ, געפאָרן! גלאָצט מען מיט די אויגן אויף די פרעמדע פּייזאַזשן און מען טראַכט — צי איז דאָס טאַקע דאָס לאַנד פון מיינע חלומות און האָפענונגען?

ערשט ווען מען שפּרינגט אַרויס פון די אויטאָס און מען דערזעט אַרום די פּיינלעכע פּוסטקייט, אַ צעאַקערטע מיט גריבער, מיט איינגעגראַבענע, איינגעקאַרטשעטע גופים, ווערט גאָר ניט היימלעך אויף דער נשמה. אַ פּייף פון אַ גראַנאַט צעמישט די בלוטן און געדאַנקען, עס רוישט אין קאָפּ דער רעש פון מאָטאָרן פון די אויטאָס וואָס פאַרשווינדן און לאָזן זיי איבער אונטער די פליגלען פון טויט. ערשט ווען עס פאַלט דער באַפעל — פּלוגה זיך איינגראָבן! טיפער! דערפילט יונה די גע־

טריישאַפט פון דער ערד וואָס האָט ניט איינמאָל געשיצט אים פון טויט, אַנטלאָפן אַהער פון וואָגל און הפקר און אַריין אין נייע סכנות, נייע נסיונות, אָבער מיט אַ יוגנט, וואָס באַגראָבנדיק אירע טויטע, שלאָגט אָפּ דעם שונא און בויט אָן אייגענע פרייע היים. דער געדאַנק טרייסט, ליגנדיק צווישן באַוואַקסענע פנימער מיט שטעכיקע בערד, אונטער די קעפּ אַ פּעקל וועש אין די הענט אַן עוזי מיט אַ זאַפּאַס קוילן און מיט אַ גלויבן, אַ האָפענונג. איבער די קעפּ הוזשען קוילן, אַ מידקייט און דורשט אָבער — באין ברירה!

הערט אויף מינוטן דאָס הוזשען פון קוילן, הייבט מען אויף די קעפּ און מען קוקט זיך אַרום איבער דער וויסטע, פון אויסטערלישער שטילקייט, איבער וועלכע עס לויפט דורך אַ הייסער ווינט. די אויסגעקאַרבערטע זאַמד־בערג און אויסגעטרוקנטע ערד איז פאַרזייט מיט ווילדע שטעכיקע דאָרן־פלאַנצן, אונטער די בייכער קריכן אַרום סקאָרפּיאָנען און כלערליי שרצים וואָס באַוועגן זיך מיט אַ סך פיס.

פּלוצים ווערט די שטילקייט איבערגעריסן מיט אַ נייעם האגל פון קוילן. גראָבט מען זיך איין נאָך טיפער. נאָר דער יונגער מ.פ.ניק לויפט אַרום נערוועז צווישן די גריבער און פרעגט:

— צי איז ווער ניט געטראָפן?

וואָס וועט זיין דער סוף פון די שיסערייען? וואָלט מען כאָטש געקענט אויסטרינקען אַ קאַלטן געטראַנק אָדער כאַפּן אַ דרעמל... אַ פּאָר אַנקומענדיקע דזשיפּ וועקן בייגער. צו וואָס זענען זיי געקומען, אפשר גרייט זיך עפּעס? אפשר האָט די מצרים פאַרפּעלט קוילן וואָס עס איז שטיל געוואָרן? קיין זאַך קען יונהן אויפן פּראָנט ניט איבעראַשן, צו אַלעמען איז ער געוווינט. אָבער ניט צו אַזעלכע צוציקעס, די יונגע מפקדים, וואָס ווייסן זיי פון מלחמה?

דאָך הערט מען זייערע באַפעלן: פייער! פייער! און די מצרים ענטפערן מיט פייער. יונהן איז גוט באַקאַנט דער קלאַנג פון בליי, דער רעש פון די ביקסן־שלעסער און דער לעצטער קרעכץ פון פאַרלאָשענע לעבנס. ליגט מען צו עטלעכע זעלנער אין אַ גרוב און אין מוח קריכן אַרום, ווי דזשוקעס, די פאַרשידנסטע מחשבות, עס פלאָנטערן זיך חלומות. קוקט

ער אויפֿן אויסגעשטערנטן הימל און עס שווימט פֿאַר אים אַרויס דאָס געשטאַלט פֿון זיין רבין רב יענקל, מיט דער ווילד־צעפּלאָסענער באָרד, ווי ער קנעלט מיט די חדר־יינגלעך די מעשׂה פֿון חומש, וועגן דער מוטער שׂרה וואָס האָט ניט געקאָנט געבוירן קיין קינדער, האָט זי געבראַנגט, מסתּמא מיט אַ שווער האַרץ, צו איר מאַן אַבֿרהמען איר דינסט הגר, זי זאָל אים געבוירן אַ קינד. און זי האָט אים טאַקע געבוירן אַ זון, ישמעאל. כאָטש שׂרה איז געווען אַ צדיקת איז זי דאָך געווען אויך אַ פֿרוי און געליטן פֿון קינאה. האָט גאָט אויף איר רחמנותגעהאַט און אויך איר, אויף דער עלטער, געשאָנקען אַ זון. ערשט דאַן האָט זיך צעשפּילט אין איר דאָס געפֿיל פֿון נקמה און געפּאָדערט פֿון אַבֿרהמען ער זאָל פֿאַרטרייבן די יונגע דינסט מיט איר פּיצל קינד אין וויסטן מדבר אַריין, אויסגעשטעלט צו שטאַרבן פֿון דורשט. גאָט האָט אָבער גלייך אַרויסגעשיקט אַ מלאך, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט. איצט מאָרדן זיך די אייניקלעך פֿון אַבֿרהמען און פֿון צוויי מאַמעס, אין דעם זעלבן מדבר ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די דאָזיקע טראַגעדיע. אין זעלבן מדבר איז דאָך געשטאַנען דאָס וויגעלע פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער דער ברייטער וועלט און פֿאַרזייט זי מיט חלומות און מיט אירע קבֿרים. איצט נאָכן חורבן טרייבט די שׂנאה, די רעשטלעך פֿון פֿאָלק, צוריק צום אַלטן מדבר, צום לאַנד פֿון חומש, צו שרייבן דאָ אַ נייעם בראשית.

ווען עס דונערן ניט די האַרמאַטן און עס האָגלט ניט מיט קוילן, טיילן זיך די אייניקלעך פֿון אַבֿרהמען און יעקבֿ אָבֿינו מיט פֿאַפּיראָסן און מיט חלומות, דערציילן זיך טשיזבאַטן, מיט ניט געשטויגענע געשיכטעס, רימען זיך מיט העלדישקייט. כאָטש דערפֿאַרענע זעלנער ווייסן זייער גוט אַז די מלחמה איז אַ בלוטיקע שפּיל. די אויסגעפּיעשטשעטע מאַמעס־זינדלעך ווערן פֿון ערשטן זאַלב אויסגעניכטערט פֿון ראָמאַנטישע פֿאַנטאַזיעס וועגן העלדישקייט. דער פּחד פֿאַרן טויט מאַכט אַ סוף פֿון אַלע שוויצערייען. נאָר דאָס כּישוף־וואָרט — אין ברירה גיט כּוח צו קוקן די מלחמה אין די אויגן אַריין. איבערצוטראָגן די בענקשאַפֿטן צו די היימען, צו די מאַמעס צו וועמען מען האָט געהאַט אייביקע טענות. די טאַטעס זענען, דוכט זיך, גאָר ניט אַזעלכע שטרענגע, די ברידער און שוועסטערס, מיט וועמען מען פֿלעגט זיך אַרומרייסן, ווערן ליב און

טייער. אָבער ווער צווינגט זיי זיך מקריב צו זיין פאַרן פאָלק, ווער טרייבט זיי צו דער עקידה?

הערט זיך יונה איין מיט נייגעריקייט אין די סאַברישע רייד. אויך זיי ווילט זיך זיין באַליבט, האָבן דערפאָלג ביי מיידלעך, זענען זייערע לידער אָנגעזאָפּט מיט בענקשאַפט. אונטערן סווישטשען פון קוילן, אונטערן רויש פון ווינטן איבערן מדבר, פלאַטערן זייערע הערצער צו מיידלישע ליפּן. אפשר איז ליבע שטאַרקער פון טויט? פון די וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון ליבע פלאַמט פון זייערע מיילער הייסע ווערטער. אָט זאָגט אורי:

— אויב איך וועל בשלום אַהיימקומען פון דער מלחמה וועל איך ערשט וויסן ווי ליב צו האָבן מיין אורנהלע!

— און איך וועל גלייך חתונה האָבן מיט מיין נחמהלע, אַ שאָד צו פאַרלירן אַ טאָג אָן איר! זאָגט שמואליק.

— דו ווייסט דען וואָס פאַראַ געטריישאַפט עס שטעקט אין מיין שרהלען, וואָס פאַראַ טעם עס האָבן אירע ליפּן? שעפּטשעט נחומקע.

ווייסן דען די באַליבטע מיידלעך מיט וואָס פאַראַ קראַפט זייערע אײדלע נשמות וואַרעמען די ייִנגלישע הערצער און מוטיקן זיי אין די שלאַכטן?

דער מדבר־ווינט וואָס ווייעט איבערן טויזנטיעריקן אומעט, טריקנט אין די העלדזער, בייסט די צינגער, צעפלאַמט די הערצער און צינדט ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט. אָבער ניט שטענדיק מאַכט דער פּחד פאַרן טויט סענטימענטאַל אַמאָל גאָר ציניש, דאַן חוזקן זיי איבערן איי־גענעם פאָלק פאַר וועמען זיי געבן אָפּ דאָס לעבן, פון די ציוניסטישע פּרעדיקערס כאָטש זיי האָבן ליב יעדן שטיין פון דעם לאַנד. איראָניזירן פון די גלות־יידן און זייער גלות־שפּראַך און פלעכטן מיט ליבשאַפט אַריין יידישע ווערטער אין זייער סאַברישן לשון. זייענדיק פאַרליבט, חוזקן זיי פון מיידלישן מין. דערצויגן אויפן תנ״ך, אינטערעסירט זיי מער וואָס עס וועט זיין ווי דאָס וואָס עס איז אַמאָל געווען. זיי זענען ניט רעליגיעז און האָבן ליב די ימים־טובים. אפשר בענקען זיי צו עפּעס אַ גלויבן? אָבער אָן כהנים, אָן פאַנאַטיזם און אָן שנאה, אין אַ גלויבן וואָס זאָל פאַר־בינדן פעלקער אין אַ גרויסע פריינדשאַפט. טראָגן זיי גאָר ניט קיין שנאה צו די אַראַבער, נאָר פילן די גרויסע טראַגעדיע וואָס אָנשטאָט צו אַקערן

און בויען טרייבט זיי דער גורל צו מאָרד און צעשטערונג. די שנאה צו מלחמה שטערט זיי ניט צו זיין גוטע קעמפער און אויך גוטע חברים, ווייל פאַרן טויט זענען דאָך אַלע גלייך, די סאַברעס ווי די נייע עולים, פאַרן מלאך המוות זענען די ספרדישע די זעלבע יחסנים וואָס די אשכנזער, די זעלנער ווי די אָפיצירן. צי וועלן אָבער פאַרן לעבן זיין אַלע גלייך?

אין מיטן גרויל פון מלחמה איז ניטאָ קיין גרעסערער גליק ווי צו געפונען אַ געטרייען חבר. געפינט יונה טאַקע זיין בעסטן פריינד אין דעם אונגאַרישן בחור מאַקס וואָס האָט אפשר מער ווי יונה דורכגעלעבט גרוילן און אכזריות, ווייל ער איז געווען אין אַ לאַגער ביי די דייטשן. ער איז אָבער ניט פאַרווילדעט געוואָרן, געבליבן איידל און פאַרמאָגט דעם גרויסן טאַלאַנט פון אַלעמען באַליבט צו ווערן. אַפילו אין לאַגער האָבן די דייטשע מייסטערס אונטער וועמענס האַנד מאַקס האָט געאַרבעט, כאָטש זיי האָבן געהאַסט די יידן און געהאַלטן זיי פאַר שקלאַפן, אין געהיים אים אונטערגערוקט שטיקער ברויט. ציט אויך יונה צו דעם טייערן בחור וואָס האָט פון זיינע איידעלע עלטערן באַקומען אַ סך ליבשאַפט און אַזאַ גוטע דערציאונג, אַז די געמיינקייט פון דער וועלט האָט אים ניט געקאָנט פאַרדאַרבן. ער איז זיך שמח בחלקו און זוכט אַנדערע צו העלפן, צו ברענגען נוצן. ער איז אַביסל עלטער פון יונהן און זיין גרעסטע שטרעבונג איז צו געפינען אין ישראל אַ באַליבט מיידל, אויפצושטעלן אַ משפחה און לעבן פון ערלעכער אַרבעט.

שטאַרקט זיך אונטער די האָגלען פון פייער די גרויסע פריינדשאַפט צווישן יונהן מיט מאַקסן,ביידע דערציילן זיך פון זייערע שטורמישע נעכטנס, חלומען צוזאַמען פון אַ ליכטיקן מאָרגן, פון שלום און פריינדשאַפט, און ביידען פלאַמט אַ נאַגנדיקע בענקשאַפט נאָך אַ באַליבט מיידל. ביידע זענען דאָך שטאַרק איינזאַם. האָבן ניט קיין מאַמעס וואָס זאָלן איבער זיי ציטערן און מתפלל זיין פאַר זייער לעבן, ווער עס זאָל נאָך זייער טויט טרערן פאַרגיסן, ווער עס זאָל קושן דעם קאַלטן שטיין אויף זייער קבר. אפשר וועלן בלויז שוואַרצע קראָען אויף זייער קבר רוען? דאָס געפיל פון איינזאַמקייט בינדט זיי שטאַרק צוזאַמען. ביידע האָבן געהאַט אַ וואַרעמע קינדהייט, געווען אַרומגענומען מיט ליבע, איצט איז זייער גרעסטער

הלום צו בלייבן לעבן, וואָס וואָלט געוועןביידנס גרעסטער זיג.

בענקען ביידע, נאָך לאַנגע טעג פון באַשיסונגען, אויף אַ רואיקער נאַכט, וואָס זאָל באַשיצן מיט איר חושך. ווען אַנדערע שרייבן בריוו, אונטערן שיין פון לבנה, אָדער כראָפּען שוין געשמאַק, דערציילן זיך ביידע פריינד פון זייער לעבן. אומגעריכט קומט, אַ שטילער באַפּעל, ווי אַ ברומען איבערן מדבר — לזוז! כאַפּט מען פאַרשלאָפענערהייט די ביקסן, פּאַטראָנען און פּעקלעך אויף די פּלייצעס און מען רוקט זיך פּאָרויס. עס טראָגט זיך אַ שושקען־באַפעל — ניט דברן! קריכט מען האַלב איינגעבויגן, מיט געשפּאַנטע נערוון, איינאָטעמדיק די קילקייט פון דער נאַכט און מען טראַכט, וואָס וועט דאָ זיין? פון ערגעץ דערנענטערט זיך גאָר שטיל אַ מיליטערישער דזשיפּ, בלייבט מען שטיין און מען גלייכט אויס די רוקנס. די סאַבּרעס שושקען זיך וועגן עפּעס אַ לעגענדאַרן „זקן״, וועלכער האָט זיך באַוויזן און שפּיצן אָן די אויערן, און אויגן צו די אָפּיצירן וואָס רינגלען אַרום דעם „זקן״.

פאַרשווינדט דער דזשיפּ מיטן „זקן״ פאַלן גלייך באַפעלן און צוויי פּלוגות קורטשען איין זייערע געשטאַלטן, אַ דריטע פּלוגה בלייבט אויפן אָרט צו דעקן זייער צוריקטריט. אפשר וועט דער חושך געבן אַ גוטן שאַנס צו שלאָגן דעם שונא, אים איבעראַשן און צעטומלען? דערקריכנדיק נאָענט צום שונא פאַלט אַ באַפעל — אש! און מען באַרעגנט דעם פאַרשלאָפענעם שונא מיט פייער, מען הערט פון וויטנס דייטלעך די בהלה־געשרייען. דער שונא קומט אָבער גיך צו זיך און ענטפערט מיט אַ ווילדן אַרטילעריע־פייער. ציט מען זיך צוריק אונטער דער דעקונג פון חושך. עס איז דאָך געווען אַ געלונגענער אָנפאַל, וואָס האָט געברענגט דעם שונא אַ גרויסן שאָדן און אַ סך קרבנות און די ישראל־קעמפער בלויז איין פאַרוואונדעטן און מאָדנע גראָד יעקובעק, וועמען מען האָט געהאַלטן, אַז פון אים וועט קיינמאָל ניט זיין קיין אמתער זעלנער, האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און אַרויסגעטראָגן דעם פאַרוואונדעטן פון גרעסטן פייער. ציט מען זיך צוריק מיט דער גרעסטער גיכקייט צו די פּאָזיציעס, איידער די זון וועט לייכטן, וואָס גיכער זיך איינגראָבן אין טראַנשעען נאָך איידער דער שונא וועט זיי באַשיסן. צופרידן וואָס מען האָט די נאַכט שיטער געמאַכט די רייען פון שונא.

פאַרטאָג צעשפּילט זיך די זון מיט אַ סימפאָניע פון קאָלירן, איבערן אומעטיקן מדבר, וואַרפט איר מיסטעריע־ליכט איבער די פאַרגליווערטע זאַמד־קאַראַוואַנעס. מיטן טאָג־טעגלעכן נס פון געבורט. באַלד וועט קומען דאָס טאָג־טעגלעכע פייער איבער די זעלנערישע קעפּ. אָבער דערווייל איז נאָך שטיל, פאָרט אָן אַ טאַנק מיט וואַסער און עס ווערט צעטיילט צוזאַמען מיט ביסקוויטן און צום רזיכערן. לעשט מען קוים דעם דורשט נעמט דונערן דער שונא מיט שווער געווער און פאַרבלוטיקט דעם בלויען באַגינען. מיט אַ שווערן זיפץ — אוי מאַמעלע! געזעגנט אַפּ זיך אַ לעבן און דערציטערט די זעלנערישע הערצער. מיט ליבשאַפט און ציטער באַגלייטן די אויגן די טויטע און פאַרווונדעטע, וועלכע מען טראָגט גיך אַוועק. נאָך די פאַרלאָשענע לעבנס בלייבן ליגן פאַרבלוטיקטע רוקזעק, ניט דערעסענע שטיקלעך ברויט און בריוולעך צו אַ מאַמען אָדער צו אַ געליבט מיידל.

אין מיטן די שלאַכטן קומט פאַר, אונטערן דרוק פון דעם פעלקער־פאַרבאַנד, אַ פייער־איבעררייס און יונה מיט מאַקסן באַקומען אַ געלעגנ־הייט צו באַזוכן תל־אביב. שמייכלט צו זיי די יידישע שטאָט מיט זוניקע בליקן. מיט נייגער און מיט ציטער זוכן זיי מיט די אויגן מיט וואָס דאָס האַרץ מיט פרייד צו דערקוויקן. די שטאָט פאַרמאָגט ניט קיין פּאַלאַצן, קיין פאַנטאַנען און קיין מאָנומענטן, נאָר צופיל קראָמען, צופיל קרעמער. אַ נייער מין יְעהופּעץ. אַ שטיק גלות, מיט מנחם מענדלס, וואָס שוויצן אויף דער בערזע. דערפרייט דאָס האַרץ ווען מען זעט יידישע מויערערס אויף רושטאַוואַניעס. אמתע יידן פאַרשמירטע מיט קאַלך, אָבער דער גרעסטער וווּנדער זענען די יידישע קינדער, די היימישקייט און דער ברייטער ים און בלויער הימל. אָבער אונטער פאַרמאַכטע לאָדנס שטיקט זיך דער טרויער מיט מאמעשע טרערן נאָך געפאַלענע זין, פון ניט געטרייסטע אלמנות און דער צער פון יתומים. די גאַסן מיט פאַרליבטע פאָרלעך און שוואַנגערדיקע ווייבלעך. עס שפּאַנען יידן פון אַלע עקן וועלט, וואָס האָבן אַהערגעבראַכט ווער אַ גלויבן, ווער אַ ביסל געלט, ווער אַביסל איניציאַ־טיוו, ווער בלויז געזונטע הענט.

צווישן תל־אביב און יפו ליגט אין חורבות די אַראַבישע הייזלעך פון מנשיה און עס שטייגט אַרויס דער פּאַלאַץ חסן בעק פון וואַנען די

אַראַבער האָבן באַשאָסן תל־אביב און די שפּיצן פון אַ מעטשעט. צווישן די חורבות פון מנשיה דרייען זיך אַרום מאַכערס פון סוכנות, און אַרום זיי צענדליקער נייע עולים, וואָס זוכן דאָ אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער די מערסטע הייזלעך זענען ווענט אָן דעכער. און ווי עס זענען יאָ דאָ דעכער הענגט אַ שלאָס אויף דער טיר מיט אַן אויפשריפט — „פאַרנומען״. נאָר יידן מיט סמיקאַלקעס נעמען זיך סודען מיט סוכנות־מאַכערס, רוקן עפּעס אַריין אין האַנט פון די פאַרזאָרגערס, רייסן אַראָפּ די שלעסער און ציען זיך אַריין מיטן געזינדל און מיט די בעבעכעס. ווי קען מען ווינען אָן אַ דאַך? אַנדערע רייסן אַראָפּ די שלעסער פון קלייטן און עפענען אויף געוועלבער פון שפּייז און פון קאַלטע געטראַנקען. פון מנשיה שפּאַנען אונדזערע פריינט אַוועק קיין יפו, אויך פון דאַנען זענען די אַראַבער אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט פּוסטע גאַסן און הייזלעך פון צעפוילטן קורקאָר, מיט פּליי און מיט שמוץ. ציען זיך אין זיי אַריין אַ נייער עלנט, געקומען פון פרעמדקייט און וואָגל מיט אַ ברייטן — שלום! שפּאַנען אַריין אין אַ נייעם יאָך, הייבן אָן אַ נײַ לעבן צווישן קרעמלעך און קנייפּעס, צווישן פאַרזשאַווערטן אײַזן, צעבראָכענע אויטאָ־שקעלעטן און ליידיקע בענזין־פּעסער און איבער דער ברייטער גאַס, קלינגען פאַרשײדענע שפּראַכן. צווישן געיעג פון אויטאָס און אויטאָבוסן שלעפּט אַ יידישע קלאַטשע אַ וועגעלע מיט נאַפט, עס טראָגט זיך דער ריח פון געפּרעגלטע מזרח־מאכלים, פון פענצטער און טירן הענגען אַרויס וועש צום טריקענען און פּוכענע קישנס. פון ים טראָגט זיך דאָס קלאַפּן פון די צעברויזטע כוואַליעס.

אפשר וועלן אויך אונדזערע ביידע פריינט דאָ פאַראַנקערן זייער לעבן. דאָ בויען זייער מאָרגן? צוליב דעם טריפט דאָך יידיש בלוט אין דעם מדבר. אָבער פאַרוואָס דרייען זיך אין תל־אביב אַרום אַזויפיל יונגע, געזונטע מענער און נעמען ניט קיין ביקס אין האַנט? פאַרוואָס פאַרזוכן אויך זיי, ניט דעם טעם פונעם פראָנט, וואָס איז אַזוי נאָענט, נאָר זוכן זיך איינצוואָרדענען אין הינטערלאַנד, אויף באַקוועמע פּאָסטנס, אין פריש־געבאַקענע מלוכה־אַמטן, אויף ציווילע און מיליטערישע „דזשאָבן״? ווען אַנדערע פאַרגיסן זייער בלוט זוכן זיי מיסטעריעזע פּראָטעקציעס, באַהאַלטן זיך אונטער „ברייטע פּלייצעס״, צאַצקען זיך אויס מיט בענדלעך פון הויכע ראַנגעס און קוקן אַראָגאַנטיש אויף די אָפּגעריסענע זעלנער וואָס קומען

אַהער אויף געציילטע שעהן פון פראָנט צו אַ מאַמען אָדער אַ באַליבט מיידל. פאַרוואָס איז ניט דאָס גאַנצע פאָלק אויפן פראָנט נאָר די וואָס ווייסן ניט פון שווינדל און חניפה, נאָר די אָנשטענדיקע און ערלעכע, וועלכע טראָגן ניט זייער גבורה אין די פּיסקעס? איז אפשר צעטיילט דאָס פאָלק אין צוויי מחנות: איינע מיט פאַרוואָקסענע פּנימער, צעריסענע כאַקי־קליידער מיט געטרייע הערצער. די צווייטע אויסגעפּוצטע מיט פלינקע צינגער, אינטריגאַנטן און בערזע־שפּעקולאַנטן. די פּאַסקודנע קאַסטע פון פאַלשע פּאַטריאָטן, ליגנערישע דעמאַגאָגן, האַלטן זיך אפשר פאַר דער עליטע און זענען דאָס אָפּפאַל פון פאָלק. שמייסט די דאָזיקעווירקלעכקייט, ווי אַ בייטש און טוט וויי. צי מוז דען אַזוי זיין? דער פראָנט רופט אָבער ביידע צוריק. דער פייער־איבערייס איז איבערגעריסן, ביידע פעלקער וואַרפן זיך ווידער אַריין אין בלוטיקן ווירוואַר. ווידער קוילען זיך ברידער, פאַר וועמענס זינד און וועמענס נוצן? פאַרלאָזן ביידע פריינד די שטאָט פון האָפענונג, מיט אַ גרויסן פראַגע־צייכן, — וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?

שיילט זיך אויס דער באַגינען פונעם נעפל, פאַר די אויגן מאָלן זיך די קאָנטורן פון אַ פאַרלאָזטן אַראַביש דאָרף, אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן קאַקטוס און שטעכיקן אומעט. צווישן נעבעכדיקע הייזלעך שטאַרט אַרויס אַ מעטשעט־טורעם, צווישן אַלטע פּאַלמעס מיט אָפּגעשיילטע קאָרע, צווישן טוכלענעם ריח פון אייזל־אָפּפאַל. צעוויגט זיך פּלוצעם אַ ווירבל־ווינט, צעהוליעט זיך, דרייט זיך ווי אין אַ שדים־טאַנץ, אַרום ווערט פינצטער, די אויגן פאַרגאָסן מיט זאַמד, גראָבט מען איין די קעפּ, ביז דער ווירבל־ווינט פאַרשווונדט, און אַרום איז אַ שטילע וועלט אָן אַ שאָטן, אָן פויגל־געזאַנג, אָן אַ געזאַנג פון לעבן נאָר שטעכיקער דאָרן. פּלוצעם קומט אַ האָגל פון קוילן, ניט וויסנדיק פון וואַנען, אַ בלינדע שיסעריי און ווידער בלייבט דער מדבר איינגעהילט אין טיפן שווייגן.

ניט לאַנג דויערט די שטילקייט. די מצרים, וואָס הערשן איבערן שאָסיי פון אשדוד ביז מגדל, גרייפן אָן מיט האַרמאַטן, טאַנקן און עראָ־פּלאַנען. די לאַגע ווערט גאָר ערנסט. די מפקדים זענען נערוועיש, פאַר אַלעמען איז קלאָר אַז פון דאַנען טאָר מען ניט אָפּטרעטן. מען מוז אויס־האַלטן אויף די פּאָזיציעס כאָטש ביז נאַכט. אַ נס וואָס די מצרים שיסן

איבער די קעפּ. דערווייל קומען אָן אונדזערע האַרמאַטן, עס קומען אויך עטלעכע נייע גדודים, זעט אויס אַז ס'גרייט זיך די נאַכט אויף עפּעס... איז גוט וואָס עס זענען דאָ געטרייע נעכט, די גרויסע האָפענונג פון די שוואַכע.

נאָך אַ גאַנצן טאָג אונטערן הייסן ווינט, פיבערט די נאַכט מיט קילקייט און דערוואַרטונג. אין חושך רוקן זיך די פּלוגות פּאָרויס, ווי גליענדיקע כוואַליעס, באַפליגלט מיט אַ געהיימער קראַפט, מיט אַ געוואַל־דיקן ווילן צו זיגן. ווער גיסט אַריין גבורה אין די יונגע הערצער? פאַלט דער באַפעל — אש! נעמט, פון ביקסן און האַרמאַטן גיסן מיט פייער. די מצרים, אויפגעריסענע פונעם שלאָף, אַנטלויפן אין בהלה. שיסט מען מיט אַ טייוולאָנישע קראַפט, מיט פייער און שוועבל, אויפן אַנטלויפנ־דיקן שונא. יונה באַהערשט פון עפּעס אַ האַלוצינאַציע, ווי ער וואָלט זיך געפונען אויפן פראָנט קעגן די היטלער־אַרמיי, גיט ניט קיין רו זיין ביקס. ער דערהערט אָבער אַ קרעכץ פון אַ באַקאַנט קול, דאָס טייערע געשטאַלט פון מאַקסן פאַלט נעבן אים טויט. פאַרוואָס איז אויף יונהן געקומען דאָס אומגליק? פאַרוואָס האָט ער פאַרלוירן דעם איינציקן, דעם נאָענטסטן מענטש און פריינד? ווידער געבליבן אין גאַנצן פאַריתומט, ווי די ליכט וואָלט זיך פאַר אים פאַרלאָשן, ווי מען וואָלט אַ שטיק פון זיין לעבן אָפּגעריסן. דער באַפעל דערלויבט אָבער ניט צו שטיין, ניטאָ קיין צייט צו באַוויינען. אַ דערשלאָגענער פון מאַקס טויט מוז ער ווייטער לויפן, שיסן און פיבערן מיטן לעכצט נאָך נקמה. דער שונא אַנטלויפט אין בהלה, לאָזט איבער זעלנערישע שיך און ביידאַקעס זיי, פּרווון זיך צו באַפעסטיקן אויף נייע פּאָזיציעס און ווערן ווייטער געטריבן, מען טאָר זיי ניט געבן קיין רו, נאָר גיסן אויף זיי פייער. אָבער פאַר מאַקסן איז די מלחמה געענדיקט, ניט דאָ פאַר אים דער זיג. ווערט יונהס האַרץ פון ווייטיק צעריסן.

מיטן בליץ־טראַפּ פון מאָרגן ווערט די נאַכט ווי אין חלום צערונען. אויך דער שונא איז ווי צערונען, אָבער ניט יונהס ווייטיק. פאַרוואָס מוז אַ מענטש אַזוי אומזיניק אומקומען, פאַר וועלכע זינד? צי וועט בלויז אַ קאַלטער שטיין צודעקן דאָס יונגע, געטרייע לעבן, ווער וועט, חוץ יונהן, באַוויינען דאָס אונטערגעהאַקטע לעבן, וואָס האָט געשפּאַנט דורך

לייד און פּיין? געקלאַמערט זיך אין לעבן מיט ווילן און קראַפט, נאָר דער טויט האָט זיין יוגנט פאַרלאָשן. געפאַלן ווי אַ העלד, געענדיקט זיך אַ געטריי און שטורמיש לעבן. זאָלזשע ניט פאַרגעסן ווערן זיין מוט, ניט דאָס פאַרגאָסענע אומשולדיקע בלוט. כאָטש ער איז מער ניטאָ דאָך זאָל לויכטן זיין געטריישאַפט, דאָס זאָל זיין די טרייסט.

אַוועק אַ נאַכט, געחתמעט מיט בליי און בלוט. אַוועק מיט יונגע לעבנס, אַ נאַכט אַוועק מיט בלוט. ווידער גייט אויף דער טאָג אונטער אַ האָגל פון שראַפּנעלן נאָך אַ נאַכט פון נס און נצחון, אַ נאַכט פון גרויסן צער און ווייטיק נאָך פאַרלוירענע לעבנס. די נאַכט האָט מען געבראַכן דעם שונא און ביי טאָג טרייבט מען אים ווידער. מען פאַרטרייבט אים פון גרויסע שטחים, מען פאַרטרייבט אַ גרויסע סכנה. אויך יונה, אַ פאַרזונקענער אין ווייטיק רוקט זיך פאָרויס מיט זיין גדוד. אַ גאַנצן טאָג אונטער סמאַלען פון דער זון טרויערט ער, אויפן טויט פון זיין חבר. און דאָס האַרץ פלאַמט פון יסורים.

אין פאַרטאָגיקן נעפּל וואַקסט אויס פאַר די אויגן אַ בערגל באַוואַקסן מיט שטעכיקע סאַברעס. אַ פרימאָרגן־ווינטל טראָגט אָן אַ פרישקייט, די זון הייבט זיך אַלץ העכער און באַלד וועט זי ווידער נעמען סמאַלען און פייניקן מיט דורשט. מאָלט זיך פאַר די אויגן אַ מוטנע אָזיערע, פון אַ וואַסער וואָס מען טאָר ניט טרינקען, דערנעבן אַ פאָר בעדואינישעביידלעך, וויגט זיך אויף אַ קעמל, אַ הויכער בעדואינער מיט אַ ברוינע אַבאַיע אויפן קאָפּ, ווי אַ מאַנאַטאָנע מדבר־מעלאָדיע. נעבן די לייוונטענע ביידלעך זיצן בעדואינישע ווייבער, באַהאָנגען מיט קאָלירטע קרעלן און מעטאַלענע רינגען אויף די אויערן און נעז און זויגן פיצלעך קינדער. אַ הויכע בעדואינערין, מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ, וויגט איר בויגעוודיקן קערפּער, אויף אירע באָרוועסע פיס, ווי די לעגענדאַרע שעכאַריזאַדאַ פון „טויזנט און איין נאַכט”. פון אַן אייזל, באַהאָנגען מיט אָנגעפּילטע זעק, טראָגט זיך דער ריח פון בשמים און יונהן דוכט זיך אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צוריק צו די צייטן פון תנ״ך.

אַ שמאָלער שטעג, צווישן מיגירטע פעלדער פירן אַריין אין אַ קיבוץ. דער וואַסער־טורעם און די פאָר ווייסע הייזלעך שיינען אַרויס, ווי אַ מיראַזש פון אַ גרינעם אָאַזיס, אין מיטן דער מדבר־גרויקייט. דער קיבוץ טראָגט

אַנטקעגן די זעלנער אַ קו־מעקען און קינדיש געלעכטער. בחורים מיט צעקראַצטע פיס גראָבן טראַנשעען און בחורות אין קורצע הייזלעך פאַרען זיך אַרום די קי־שטאַלן און הינער־שטייגן. איז דאָס גאָר ניט קיין מיראַזש נאָר אַ נייעווירקלעכקייט, אַ נייער לעבנס־סטיל? לאָזט מען זיך גלייך צום וואַסער, צו לעשן דעם דורשט, און דעם נייגער, קומען גלייך אונטער די גרויסע קעסלען און דער קוטשעוואַטער קוכער צעטיילט די זעלנער דאָס עסן, באַגלייט מיט פריילעכע וויצן. יונהן איז גאָר ניט פריילעך אויף דער נשמה, לייגט ער זיך אַ מידער, אונטער אַ שאָטן פון אַ קיבוציש הייזל, און קוקט אין דער קיבוצישער שלווה. נעבן וואַסער־טורעם שפּאַנט דורך אַ שולמית־געשטאַלט, ווי אַרויס פון שיר־השירים־געזאַנג, ווי אַ שטאָלצע כלה רייצנד־שלאַנג, ווי אַ בוים אין יונגן וואַלד, און ס׳לאַכט איר פּנים מלא חן, די ליפּן ווי מיט זיסן וויין. צוואָס צעפלאַמט זי זיין צעוויטיקט האַרץ?

אין פלמ״חישן לאַגער, נעבן קיבוץ, גרייט מען זיך צו אַ נאַכט־אַקציע און דערווייל פלירטעווען בחורים מיט צוויי היפשע האָלענדישע מיידן. אין דער זייט שרייט אַ טעלעפאָניסטקע אַריין אין טרייבל פון ראַדיאָ־טעלעפאָן:

— האַלאָ, נשר ארבע, האַלאָ! אַראַבישע טאַנקן רוקן זיך אין דער ריכטונג פון קיבוץ!

— האַלאָ! אַראַבישע טאַנקן! האַלאָ נשר ארבע! האַלאָ!...

וועלכע בייזע רוחות ווילן זיך אַריינרייסן און צעשמעטערן די ראָ־מאַנטישע שלווה, דעם לייכט־טורעם פון פרייהייט, דעם קיבוצישן אָאַזיס, וואָס שטייט, אין מיטן מדבר ווי אַ חלום?

באַהאַלט זיך די זון אונטערן רויטן האָריזאָנט אין אַן אומרואיקע שטילקייט, טראָגט זיך פון דער ברייטקייט פון טאָל, אַ פאַרזייעטע מיט אַראַבישע דערפער, ווו צעלייגט זענען אַראַבישע באַוואָפנטע זעלנער מיט האַרמאַטן, מיט טאַנקן. מען זעט דייטלעך, די אַראַבישע פאַסטוכער, וואָס טרייבן אַהיים די שאָף פון די פיטער־פעלדער און די מונדירטע זעלנערישע סטאַדע צעלייגן זייערע ביקסן, גרייטן זיך צום שלאָף. מיטן פאַרשיכורטן חלום פון מאָרד און רויב. שלייפן די יידישע זעלנער זייערע נערוון, פוצן די ביקסן, גרייט זיך צו אַ נייער נאַכט־אַקציע.

ווי נאָר עס פאַרלעשט זיך די רויטע שקיעה און די פעלדער וויקלען זיך איין אינעם מאַנטל פון חושך, וואַרט מען אומגעדולדיק אויף דעם צוריקקער פון די אַרויסגעשיקטע מרגלים און מען קוקט מיט טיפן שווייגן צו די סודותדיקע שטערן.

ווען די מצרים זענען שוין מסתמא פאַרוויגט אין טיפן שלאָף, שאַרן זיך פלוגה נאָך פלוגה, אויף די בייכער, אויף די קניען, שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, ניט אויפצוּוועקן דעם שונא, מיט ציטער די שיין פון דער לבנה זאָל ניט פאַרראַטן, מיט אַ תפילה מען זאָל מצליח זיין. פּלוצעם ווערט די לופט צעריסן פון אַ מעכטיקן „הוראַ”, וואָס צעטומלט דעם שלאָפנדיקן שונא, זיי וואַרפן דאָס געווער, לאָזן איבער האַרמאַטן, טאַנקן, טויטע און אַנטלויפן. יאָגן זיי די יידישע זעלנער, ווי שדים, פאָרויס די מפקדים און רופן: — נאָך מיר! קדימה! צוזאַמען מיט די מצרישע זעלנער, אַנטלויפן די אַראַבער פון די דערפער, איבערלאָזנדיק זייער ערד און הייזער. די יידישע זעלנער, ווי שאָטנס פון לויפנדיקע געשטאַלטן וואַרפן זיך אין שלאַכט, אין מיט זייער גרויסע ליבע צום לעבן מיטן לעכצן צו זיגן. שטאַלץ פון נצחון שרייען אין יונהס האַרץ: די ווערטער:

— פאָלק מיינס, געפּייניקט און פאַרבלוטיקט, צעטרעטן פון פיי־ניקערס שטיוול, געדרודפט און געמאַטערט, שטיי אויף ווי אַ ריטער, קעגן שטורעם און בייזן געוויטער! עס זאָל דער שונא, פאַר דיין גבורה, געבן אַ ציטער. אַרויס אין פאַרמעסטונג, זאָל דער גייסט דיר זיין אַ פעסטונג! אַרויס אין שלאַכט מיט פעסטן מוט, פאַר אַ מאָרגן אָן פּחד, פאַר אַ זיכערן היינט. שטיי אויף צו אַ ניי לעבן און לויכט אויף מיין פאָלק ווי אַ ליכטיקער שטערן!

אַ וווּנדערלעכע נאַכט פון גרויסן זיג, מיט אַ זשומעריי פון מיליטערישע אויטאָס וואָס ברענגען צו אַלץ נייע אַמוניציע און פּראָוויאַנט. אַ שאָד וואָס די נאַכט און די פינצטערניש וועט באַלד זיך פאַרלעשן, ווער דאַרף דען די זון, צוואָס קריכט זי אַרויס פון איר הימלישן געלעגער? דער רוח זאָל אַלץ דאָס נעמען, צי וועלכן טייוול דאַרף מען איצט עסן? מען דאַרף דאָך פריער צונעמען די פאַרוווּנדעטע און טויטע!

בלישטשעט שוין אויף דער טאָג און די מצרים האַלטן נאָך אַלץ אין אַנטלויפן, פון ווייטנס וואַרפן זיי קאָלירטע ראַקעטן, אַ סימן אַז

זיי לעבן נאָך. זייער כוח איז אָבער געבראָכן און מיט גאָר אַנדערע טענער שרייט מען איצט אַריין אין די פעלד־טעלעפאָנען:

— האַלאָ! האַלאָ! מיר רוקן זיך פאָרויס ניט אָנטרעפנדיק קיין ווידערשטאַנד!

מיד נאָך דער שטורמישער נאַכט, אָבער קיינער שלאָפט ניט, מען וואַרט מיט נערוועזער געשפּאַנטקייט אויף נייע באַפעלן, מען שעלט אויף אַלע שפּראַכן און מען טראַכט מיט שטאָלץ, אַז אין הונדערטער יאָרן ארום וועט די געשיכטע דערציילן וועגן אַ העלדישע יוגנט, וואָס האָט איבער זאַמדיקע פליינען געטראָגן די בשורה פון פרייהייט אין דער וויסטע פון דאָרשטיקן מדבר איז אַ היים געבוירן, פאַרן היימלאָזן פאָלק, געעפנט די טויערן פון לאַנד און מיטן בלוט פון אירע העלדן געשריבן געשיכטע.

מיט פורפור־רויטקייט זאָגט אָן דער נייער מאָרגן — אַ שלום! און דעקט אויף פאַר די זעלנערישע אויגן אַ ניי אנטדעקטע ערד. אַזוי ווייט טאַקע דעם שונא פאַרטריבן? קושט מען זיך מיט שטאָלץ און פרייד, אָבער מער פון אַלע פרייד זיך יאסקע, פונקט ווי דעמאָלט ווען ער איז אַ לעבעדיקער אַרויס פון אוישוויץ. גוט איז צו זען די פרוכט פון נצחון אָדער טרויעריק איז אויף דער נשמה ווען מען טראָגט דורך די געפאַלענע.

דער שונא איז ווייט פאַרטריבן געוואָרן, נאָך ביטערע און בלוטיקע שלאַכטן האָט די ישראל־אַרמיי דערגרייכט אַזש ביז אל עריש, אָבער פון דאָרט זיך געמוזט צוריקציען צוליב פּאָליטישע סיבות. די שלאַכטן האָבן יונהן שטאַרק אויסגעמאַטערט. אים ווילט זיך מער שלאָפן ווי טראַכטן. זיינע מידע אויגן וואַנדערן דאָך איבער אַ נייע פּאַנאָראַמע, וואָס שיילט זיך אַרויס פון פאַרטאָגיקן געפעל. אַ משופּעדיקער פעלדז אין געשטאַלט פון אַ ספינקס. פון אונטערן פעלדז שליידערט דער שונא מיט קוילן, וועלכע פליען איבער די קעפּ. די מצרים שפּאָרן ניט קיין קוילן, מען ענטפערט זיי נאָר דאַן ווען מען איז זיכער אַז די קוילן וועלן זיי דערגרייכן. ליגט מען אין די גריבער, צופרידענע מיטן נצחון, מיטן באַוווסטזיין, אַז מען איז מער ניט קיין הילפלאָזע סטאַדע אויסגעשטעלט אויפן טירוף פון בייזע וועלף, ניט קיין פחדנים־מחנה, ניט קיין עדה פון צעשראָקענע לעמער, נאָר אַן אויסגעשמידטער געפּאַנצערטער ווילן פון שטאָלצע מענער, פון אַ קעמפנדיק פאָלק, מיט ליבע צו שלום און גרייטקייט צום קאַמף

פאַר איר פרייהייט.

דער טאָג ווערט אַלץ רייפער, די זון גליט אַלץ שאַרפער, אין די הערצער גליט אַ האָפענונג און בענקשאַפט צו שלום, צו די באַליבטע היימען, צו מאַמעס און ווייבער, צו באַליבטע מיידלעך. ווילט זיך ניט שטאַרבן, נאָר לעבן. די קלעפּ וואָס דער שונא האָט באַקומען צווינגט זיי צו אונטערהאַנדלען און צו אַ וואָפן־שטילשטאַנד מיט דער ניי געבויר־רענער מדינה, וואָס האָט מיט איר העלדישקייט ניט געלאָזט זיך אָפּמעקן פון דער מאַפּע. לייגט מען מיט פרייד אַוועק דאָס געווער און אין דער פאַרטאָגיקער מדבר־קילקייט צעפלאַקערט מען אַ פלאַמיקן קאסטער. מען וואַרעמט די הענט און עס פלאַמען די הערצער פון פרייד, אָבער ווי קען מען גראָד איצט פאַרגעסן אין די געפאַלענע? יעדער געדענקט אַ טייערן נאָמען, אַ נאָענטן געשטאַלט. צי קען יונה פאַרגעסן אין מאַקסן וואָס האָט ניט דערלעבט דעם נצחון און דעם שלום? פלאַקערט דער קאסטער ווי אַ פייער־זייל פאַר די אומגעקומענע העלדן, פאַר די פאַר־לאָשענע יונגע לעבנס. זי פלאַטערט מיטן אָנזאָג אַז יידישקייט מיינט ניט בלויז צער, יסורים און טרערן נאָר אויך שטאָלצער קאַמף פאַר פרייהייט, קאַמף פאַרן לעבן. אַ פריי פאָלק מיינט אָבער אויך יושר, אָנשטענדיקייט און גלייכהייט. מיטן דאָזיקן באַוווּסטזיין פלעכטן זיך קעמפערישע הענט אַרום פייער־פלאַקער און עס הייבן זיך די פיס צום טאַנץ, מיט עכאָ קלינגען אָפּ די ווערטער פון געזאַנג — עם ישראל חי! עם ישראל!...

צוויי מלחמות האָט יונה דורכגעמאַכט אין זיין קורץ לעבן. אין דער ערשטער האָט ער נקמה גענומען פאַרן מאָרד איבער זיינע נאָענטסטע, איבער זיין פאָלק. אין דער צווייטער געשלאָגן זיך פאַרן מאָרגן. אָבער נאָכן זיג דערפילט ער זיך, אין אייגענעם לאַנד איינזאַם אַליין. וווּהין זאָל ער גיין? צי וועט זיך עפענען ערגעץ פאַר אים אַ טיר? צי וועט אַ סוף נעמען צו די פאַרסמטע טעג פון גרויל? פון מאַקס קבר יאָמערט, פלאַמט אַ וויסטער טרויער, אין יונה׳ס מוח איז אַווירבלעניש, אַ זאַווי, ווי זאָל יונה געפונען אַ רו? אין די גריבער אונטערן האגל פון קוילן, האָט יונה געחלומט צו פאַראַנקערן זיין מאָרגן אין אַ קיבוץ, אפשר זאָל ער אַוועק צו פעלדער צעאַקערטע, אונטער הימלען פון שטערן צעגליטע. צו די וואָס שאַפן און בויען אין פרידן, וואָס אַרבעטן און ליבן?

ד

אַ באַפרייטער פון דער אַרמיי לאָזט זיך יונה קיין ירושלים. ער שלינגט אויפן וועג מיט די אויגן די צעלייגטע פּייזאַזשן מיט פּרדסים, מיט פאַרלאָזטע אַראַבישע דערפער פון ליימיקע הייזלעך, די דערוואַכטע פאַרדרימלטע ערד, געוועקט פון דינאַמישן כוח פון בוי. נאָך ניט פאַרלאָשן דעם צער, נאָר וואָס באַגראָבן די געפאַלענע זין און שוין קלאַפּט איבער פּוסטקייטן די קלאַנגען פון האַמערס, דער געזאַנג פון האָרעוואַניע, מיט אַ פאַרעקשנטן ווילן אָנצוטרינקען די וויסטעס מיט וואַסער, מיטן שוויס פון אַרבעט און מיט ליבע. עס שלענגלט זיך דער אויטאָבוס איבער שמאָלע וועגן אַרויף אַלץ העכער, צווישן שטיינערדיקע בערג און נאָדל־ביימער און ער פאָרט אַריין אין דער אַלטער שטאָט פון געשיכטעס און לעגענדעס. שטייט ער פאַר דער שטאָט באַצויבערט, דערהויבן און צעטרייסלט. איז דאָס טאַקע ירושלים? ער דערפילט צו דער שטאָט עפּעס אַ מיסטישע קרובהשאַפט, אָנגעלאָדן מיט געפילן און געדאַנקען. צווישן שטיינערנעם עלנט צעלייגט איבער באַרגיקע הויקערס פון פאַרלאָשענעם נעכטן, ציגדן זיך חלומות פון אַ צעשטראַלטן אויפגאַנג. שאַקאַלן־יאָמער און פאַרשטיקטע תפילות, רייסן זיך ווי געשפּענסטער פון

פאַרשניטענע דורות, פון חורבן־ווײ. ביים קבר אבות פון געשאָכטענעם נעכטן גייט אויף דער נס פון תחית המתים.

כאָטש מען הערט ניט קיין שופרות שאַלן, פּילט זיך דאָך משיחס־ צייטן. בחורים מיט לאַנגע פּיאות און ווייסע זאָקן, פאַרגאַרטלט אין אַ גמרא־ניגון, ווי נאָר וואָס אַרויס פון דער לובלינער ישיבה. חסידים אין זשופּיצעס, אין שטריימלען ווי אַרויס פון קאָצקער רבינס שטיבל, ווי אַזוי זענען זיי אַהער געקומען? תחית־המתים איז דאָ דער גאַנצער גלות אויפגעשטאַנען, מיט גלותדיקע קרעמלעך פון שפּייז, הערינג און קאַלטע געטראַנקען, מיט הייליקע ספרים, טליתים און סעקס־ראָמאַנען. באַגלייט מיט דוד המלכס תהילים־געזאַנגען פירט מען אין מאה שערים אַ כלה אונטער פיר שטאַנגען. און מען האַנדלט מיט פּרוכט און מיט אייער און פון טרויעריקע ווענט שרייען אַראָפּ די כרוזים אַז בתולות און כשרע ווייבער זאָלן טראָגן נאָר לאַנגע צניעותדיקע קליידער. נעבן ווייבער מיט צעקנייטשטע פּנימער, מיטן צער פון דורות פלאַמען צעלאַכטע, צע־ גליטע יונג־מיידלישע אויגן, מיט פאַריסענע שטיפערישע נעזלעך און נאַקעטע קניען וואָס גיסן דעם סם פון פרייד און דעם רייץ פון לעבן. אָבער — ווי האָט דאָ געוווינט בת־שבע און ווי האָט דאָ שולמית געזונגען?

האָט יונה געברענגט דאָ זיין חלום, געשלעפּט אַהער איבער וואָגל און בלוטיקע וועגן און ווי זאָל ער אים אַהין־טאָן זיין יוגנט אין דאָזיקן געוועב פון היימישקייט אויף דער יידישער גאַס יפו? אפשר פאַרמישן זיך צווישן די זעלנערישע כאַקי־בגדים, צווישן ווייבלעך מיט קורצע קליידלעך און טיפע דעקאָלטן, צווישן נזירות אין ברוין פאַרהילטע פון האַלדז ביזן קנאָפּל; צווישן פרומע און קראַנקע, צווישן אתה בחרתנישע גאווה און מנחם־מענדלשע פרנסות, ווי די וויזיע פון דערוואַכונג ווערט אַריינגעשפּאַרט אין דער ענגשאַפט פון פאַרטייאישע און מלוכהשע ביוראָען, וואָס שמעקן מיט עגאָאיזם און קאַריערעס, באַרויבט פון שאַפונגס־גייסט?

וואָס קאָן יונה טאָן אין דער שטאָט פון קלויסטער־גלאָקן, מעטשעטן און קלויזן; פון שטיינערנעם עלנט און צעהיצטע שנאה און הייליקע פאַר־ בלענדענישן; פון הייליקע שטיינער און הייליקע קברים? אין אים ברויזט די יוגנט, צו שלום און פריינדשאַפט געפלאַמט און געוואָרעמט, ניט מיט אור־נעפּל פון שפּוך חמתך געצאָרנט, ניט אין הייליקן שימל געקלאָמערט.

נידערט ער אַראָפּ צו די געסלעך פון נויט. איינגעהילט אין עלנט, הענגט אַ טרעפּן־געסל, און אַ ראַכיטיש קינד, מיט פאַרווײנטע אויגן עסט אַ פאַלאַפעל. אַ מאַמע טראָגט אַהיים פון מאַרק אַ קוישל מיט פאַרפוילטע טאָמאַטן און אויף דעם אַלטן דיקן מויער, וואָס צערײסט די שטאָט אויף צווייען שטייט אַ ירדנישער לעגיאָנער און דראָט מיט זײַן ביקס דורכ־גייענדיקע יידישע ווייבער. ער היט די אַלטע שטאָט מיט די וואַנט פון טרערן, דעם פליגן־זשומען און אייזל־אַפּפאַל, דעם רויך פון נאַרגילעס וואָס שוועבט צווישן חלומות און פאַנטאַזיעס, ער היט גאָטס־הייזער פון אַללאַ און ווי עס הענגט דער דערלייזער מיט צעשפּרייטע הענט צוגע־קלאַפּט מיט טשוועקעס צום קרייץ און פון זיינע אייטער־ווונדן טריפט מיט בלוטיקע שנאה. ווערזשע וועט צעוואַרפן די מויער פון שנאה?

האָבן דען ניט די נביאים, אין די טויערן פון ירושלים, געדונערט קעגן פעלקער־גאווה, קעגן רשעות; קעגן די צעיושעטע אונטערדריקערס, און רויבערס וואָס האַלטן פעלקער ווי וועלף האַלטן שאָף אין די ציינער; קעגן דעם מולך וואָס זוכט נאָר דעם פּרעס און טרונק, בלוט און לייבער צו פאַרצוקן; פאַר וועמען דער יאָמער פון געפּייניקטע איז ביי זיי די שענסטע מוזיק...?

אָבער רשעות קען מען אומעטום געפינען. אומעטום איז דאָ וואַל־שווינדל, אינסטיטוציעס מיט געשוואָלענע אַפּאַראַטן. פאַרשוועכדערישער לוק־סוס, יעדעס פאָלק האָט אירע גנבים, שווינדלערס, מענטשן אָן בושה. צי קען אָבער ישראל זיך דערלויבן צופיל אויסוווּרפן? נויטיקט זיך דאָך ירושלימס ווילדע פּראַכט אין האַרפן־קלאַנג, אין שולמית׳ס ליבע־געזאַנגען. אפשר וועט יונה דאָס געפינען אין דעם אָאַזיס פון באַשיידנקייט און ערלעכער אַרבעט?

איינגעהילט אין אָוונט־גלי איז דער וועג צום קיבוץ. דער חדר־האוכל כמעט ליידיק. ס׳איז שוין נאָך דעם אָוונט־עסן. בלויז עטלעכע קיבוצניקעס זיצן פאַרטיפט איבער אַ צייטונג, איינער איבער אַ בוך און באַמערקן אַפילו ניט יונהן. אָבער פון קיך קומט אַרויס אַ חברטע דערלאַנגט אים עסן און פירט אים דערנאָך אַוועק צו אַ שוואָך באַלויכטענעם באַראַק־צימער מיט דריי בעטן, וואָס איינס איז באַשטימט פאַר אים. אַ מידער דערוואַרט

זיך ניט יונה אויף די צוויי אַנדערע שכנים פון דעם צימער, לייגט זיך אויף זיין נייעם געלעגער און ווערט גיך אַנטשלאָפן.

וואָס האָט אָבער יונהן אַזוי פרי אויפגעוועקט? די נייגעריקייט ווי ער געפינט זיך, צי דער געשמאַקער דאַרפישער ריח? וואַרפט ער אַ בליק אויף די צוויי, נאָך שלאָפנדיקע פרעמדע פנימער, אין די שכנותדיקע בעטן. ער זעט, דורך דעם פאַרטאָגיקן נעפל, אַ פּאָר פרויען־געשטאַלטן איילן צו דער קיך, צום חדר־האוכל. עס קריכן אויך אַרויס איינציקע מענער, איילן, זעט אויס, גיך אָפּצוּועסן און אַוועק יעדער צו זיין אַרבעט. וואַשט זיך יונה אַרום און לאָזט זיך אויך צום חדר־האוכל. אַלץ אַרום איז אים ניי און פרעמד. ערשט ווען די שטולן ביי די טישלעך ווערן אָפּגעליידיקט, דערנענטערט זיך צו יונהן אַ הויכער בחור, שטעלט זיך אים פאָר אַלס דער סדרן־עבודה און פרעגט יונהן, אין אַ סברישן יידיש, צי ער איז מסכים צו אַרבעטן אַלס געהילף ביי צוויי קיבוצישע מויערער, וואָס בויען משפחה־הייזלעך פאַר די חברים פון קיבוץ. איז דען יונהן אַ נפקא־מינה ביי וואָס ער וועט אַרבעטן? דער עיקר ווערן אַ נוצלעכער מיטגליד אין דער קיבוצישער משפחה.

שטייט שוין יונה ביי אַ גרויסן אייזערנעם קאַסטן און מישט צונויף זאמד, קאַלך און צעמענט מיט וואַסער און טראָגט צו דעם פאַרטיקן טיט, צוזאַמען מיט בלאָקן צו די צוויי מויערער. ניט געוווינט צו שווערער אַרבעט, ברעכן די ביינער, דער קאַלך צעפרעסט און מאַכט ווונדן אויף די הענט, דער קערפּער פאַרגאָסן מיט שוויס. דערפאַר עסט יונה דאָס מיטאָג מיט גרויס אַפּעטיט. נאָכן מיטאָג לערנען אים די מויערער ווי לייכער צו אַרבעטן און כאָטש ס'איז אים אַלץ גענוג שווער זיגנט אין אים די פרייד. ענדלעך איז ער מער ניט קיין וואָגלער, ניט קיין זעלנער נאָר אַ מענטש פון אַרבעט. וואָס איז דאָך דער צעמענט וואָס בינדט צענויף מענטשן. דער צעמענט פון דער מענטשלעכער קולטור.

נאָך דער אַרבעט ראַזירט מען און מען וואַשט זיך אין דעם אַלגעמיינעם באָד. אונטערן נעפּל פון פאַרע פירן זיך וויכוחים וועגן פּאָליטיק אָדער וועגן די קיבוצישע קי־שטאַלן. אין חדר־האוכל קומט מען אין ריינע בגדים. די בחורטעס אין געבלימטע קליידער, ביי אַ געמיטלעכע היימיש־קייט. פאַר יונהן זענען דאָס דערווייל פרעמדע פנימער און פרעמדע נעמען,

מאָרגן וועט ער זיין איינער פון זיי. צוזאַמען מיט זיי בויען. אָבער וואָס איז אייגנטלעך דער קיבוץ? אַ געזעלשאַפטלעכער ווערקשטאַט, אַן עקס־פּערימענט, צו אַ בשורה פאַר אַ פריי, אַ גוטוויליק קאָלעקטיוו לעבן, אָדער אַ פעסטונג פון פרייהייט, יושר און גלייכהייט, אַן אויסנוצונג, אַ פּריוואַט־אייגנטום? די מענטשן זענען מיט גאָר ניט אַנדערש פון אַנדערע, אפשר ווייסן זיי גאָר ניט אַז זיי איבעראַנדערשן דעם וועלט־סדר?

נאָכן עסן פאַרוואַנדלט זיך דער חדר האוכל, אין אַ קלוב, ווו מען לייענט צייטונגען, ביכער, ווער שפּילט אין שאָך. אַנדערע פאַרטיפט אין אַ שמועס, און ווער זאָגט:

— וואָס זענען ווערט די שיינע רייד וועגן סאָציאַליזם, ציוניזם, יידן־פראַגע, אויב מיר וועלן ניט מיט אייגענע הענט אויפבויען אַ געזונטע קאָלעקטיווע ווירטשאַפט? עס וועלן ניט העלפן די לערע פון מאַרקסן ניט פון באָראָכאָוון אויב מיר וועלן אַליין דעם סאָציאַליזם ניט פאַרזייען אין עמק, גליל און נגב. מיר מוזן צעאַקערן די ערד, אויב מיר ווילן ניט צעריבן ווערן אונטער די רעדער פון האַס. מיר טאָרן ניט דערטרינקען אונדזערע אידעאַלן אין אַ ים פון פראַזן.

הערט זיך יונה איין און טראַכט — אפשר פעלט אין קיבוץ אַביסל מער יום טובדיקייט, מער פרייד? אפשר דערפאַר וויל צו נאָענט איז דער קיבוצישער בית־הקברות מיט יונגע פאַרשניטענע לעבנס, געפאַלענע אין די שלאַכטן. און אפשר זאָרגט מען דאָ צופיל וועגן נאָך אַ טראַקטאָר, נאָך אַ קו? איז וואָס אויב דער קיבוץ וועט ווערן רייכער וועט דען ווערן דאָס לעבן פריילעכער? צי קען אָבער דער קיבוץ זיין אָן חסרונות ווען קיין מענטש איז דערפון ניט פריי? דאָך זייענדיק אַרומגערינגלט מיט עגאָיזם ווייסט ניט דער קיבוצניק פון שווינדל, ניט פון זאָרג. האָט גאָר אַנדערע פאַראינטערעסירונגען, ווי דער ייד פון שטאָט. ער האָט ליב דאָס לאַנד, לייענט ביכער, אַרבעט געטריי און שטרעבט צו אַ גערעכטער וועלט. אויך די וועלט־פּראָבלעמען זענען אים ניט פרעמד, ניט דער געפאַר פון אַן אַטאָמישער מלחמה. ער אינטערעסירט זיך מיט טעכניק און מיט פּאַרטיי־שטרייטן, און איז שטאַרק פאַרזאָרגט וואָס אין מיליאָנען יאָרן אַרום וועט אונדזער פּלאַנעט ווערן אָפּגעקילט און מענטשן וועלן מער אויף איר ניט קענען לעבן, וואָס וועט דעמאָלט זיין מיטן קיבוץ?

כאָטש מען אַרבעט צוזאַמען, טראַכט און חלומט יעדער באַזונדער. יונה האָט זיינע אייגענע זאָרגן. ער בענקט נאָך אַ גרויסער ליבע און גרויסע פריינדשאַפט, צי וועט אים אַ געליבטע אַראָפּפאַלן פון הימל? איז אויף וואָס וואַרט זיין האַרץ? די חברים פון די משפּחות גייען אַוועק אין זייערע צימערן זיך פרייען מיט זייערע קינדער וואָס קומען פון די קינדערהיימען צו די עלטערן, מיט וועמען זאָל זיך יונה פרייען? כאָטש ער האָט ליב די דאָרפישע שלווה, דאָך פאַרבענקט זיך אים צום שטאָטישן טומל. אפשר וועט ער אין מענטשלעכן המון דערטרינקען די איינזאַמקייט? נעמט ער אַ פּאָר טעג אורלויב און לאָזט זיך אַוועק אין רווישיקן תל־אביב.

אַ פאַרשמאַכטע היץ הענגט איבער דער שטאָט. פון דער רווישיקער און שמוציקער תחנה־המרכזית לאָזט זיך יונה אַוועק צו דער האַנדלס־גאַס אלנבי מיט אירע רייכע געשעפטן. איבער דער גאַס גייט אַן אַ געיעג צו דער בערזע, צו בענק, צום כרמל־באַזאַר, צו אַרבעט און האַנדל אויפן ברוק לויפן אויטאָס, וועלנדיק איינער דעם אַנדערן איבעריאָגן. מענטשן וואָס ווילן אַנדערע איבערשטייגן אין רייכקייט און קאַריערע, יאָגן זיך אין נערוועזן־גאַנג, געפונען ניט קיין רו. קרעמערס וואָס האַנדלען מיט שפּייז און מגרשים, מנחם מענדלס, וואָס פּלאָנטערן זיך אויף דער בערזע און רעדן וועגן סאָציאַליזם, פריש־געבאַקענע מלוכה־פּקידים, מיט פּאַרי־סער נעז, נייע עולים און טוריסטן וואָס גאַפּיען אויף אַ יידישן פּאָליציאַנט, אויף יידישע זעלנערקעס, געוועזענע נאַראָדניקעס, טאָלסטאָיאַנער מיט משיחישע חלומות געקומען דאָ ווערן חלוצים און געוואָרן קרעמערס. גע־וועזענע אַרבעטער, וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט צופוס פון תל־אביב קיין פּתח־תקוה, באַגנוגנט זיך מיט אַ לחמא ברויט און פּאָמעראַנצן, פאָרן איצט אויף לוקסוס פּרייוועטס, פאַרמאָגן רייכע דמיונות און קראַנקע הערצער, פלוידערן וועגן אַ גרויסער עליה און האָבן פיינט די נייע עולים. האָבן פיינט די פרעמקן און וואָלטן געערן די אייגענע אַלטע ווייבער פאַרטוישט אויף יונגערע. פאַרוואָס לויפן זיי און שטעלן זיך ניט אָפּ, צו געבן אַ שמייכל? אויך זייערע ווייבער זענען אַנגעטאָן אין סנאָביזם לויט דער לעצטער מאָדע, מיט געפאַרבטע האָר, געשמינקעוועטע פּנימער און פאַלשן שמייכל. וואָס איז געוואָרן פון פאָלק פון דורותדיקע מאַרטי־רערשאַפט, באַשיידנקייט און געטריישאַפט? אַנטלאָפענע פאַרן טויט

און פרעמדקייט האָבן זיי אויף די וועגן פאַרלוירן דעם ירושה־אוצר פון מאַראַל און דאָ געגומען דינען דעם גאָלדענעם קאַלב. אָבער די יוגנט וואָס בונטעוועט זיך קעגן קרעמערישן מאַראַל, אַנטוישטע אין די ליגנטס פון די רעגירונגען און פּאַרטייען, וואָס זוכן זיי אין דעם שטאָטישן פאַר־דאַרבענעם קלימאַט? פון וואַנען קומט צו אַ יוגנט ברוטאַלע מאַניערן, און באַנאַלע רייד, מיט אַ גרויסן טאַלאַנט צו ציניִשע וויצן, קלינגענדיקע פראַזן מיט לצנישע עפעקטן, וואָס דערטרינקען זייער פוסטקייט אין רעשיקע מוזיק? אפשר זענען שולדיק די לערערס?

קען מען דען זיין אין תל־אביב און ניט גיין צום ים? קוקט יונה צום אולטראַמאַרינעם הימל, די זון רוקט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער צום ים, אַ צעגליטע מיט הייסע קאָלירן פון בענקשאַפט און קושט די צעוויגטע כוואַליעס, די צעשטורמטע סימפאָניע, דעם מעכטיקן געזאַנג. אויפן ברעג קושט אַ זעלנער אַ מיידל. אין די אַרומיקע קאַפעען טרינקען עלטערע מענער ביר און חלומען אין דער איינזאַמקייט, אַ פּאָרל שוויגט און נודיען זיך אין צווייען.

צומאָרגנס לאָזט זיך יונה קיין יפו, ווו עס לעבן די נייע עולים אין פאַרלאָזטע אַראַבישע הייזלעך צווישן שמוץ אין עלנט. פאַר זיי איז דאָס אייגענע לאַנד נאָך אַ שטיף־מוטער. אויף די בענק אויף דער לאַנגער ירושלימער—אַלעע, אונטער דעם שאָטן פון אַלטע, הויכע פּאַלמעס זיצן יידן פון פוילן געוועזענע בונדיסטן, קאָמוניסטן און פועלי־ציוניסטן, וואָס האָבן געברענגט מיט זיך אַהער צוזאַמען מיט זייער עלנט, די פּאַרטיי־פראַזן, שוין לאַנג אָפּגעבלאַקעוועטע, און זיי פירן נאָך די אַלטע, קיינמאָל ניט געענדיקטע, דיסקוסיעס. אָט זאָגט ווער:

— ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין אומעטום ביי דער מאַכט וועט מער ניט זיין קיין מלחמות, וואָס איז דאָך נאָר אין די אינטערעסן פון די געווער־פאַבריקאַנטן.

— איך בין קעגן קאַפּיטאַליזם אָבער דער קאָמוניזם געפעלט מיר אויך ניט, רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— פאַרוואָס געפעלט דיר ניט, ווייל דו ביסט ניט קיין קלאַסן־באַוווּסט־זיניקער פּראָלעטאַריער, צי ווייסטו דען וואָס פאַר דיר איז גוט?

— איך נויטיק זיך גאָר ניט אין דיין קלאַסן־באַוווּסטזיין, איך בין

קעגן דעם מען זאָל מיר שטערן צו טראַכטן ווי איך וויל. איך וויל גאָר ניט חנפענען אייערע פּראָלעטאַרישע פירערס, ניט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטאָרן, וואָס זענען דאָך מיט גאָר ניט בעסער פון די קאַפּיטאַליסטישע.

— און דיין בן־גוריון איז ניט קיין דיקטאַטאָר, וואָס פּאַרא יושר האָסטו אין דער יידישער מדינה? שרייט אויס עפּעס אַ יונגער מאַן אָבער אַ צווייטער ענטפערט אים גלייך:

— אין דעם בונדישן נאָדל־פאַריין אין וואַרשע האָט געהערשט מער יושר, איז דער בונדישער סעקרעטאַר הערשל ה. ניט געווען קיין דיקטאַטאָר איבער זיין ביסל מיטגלידער, האָט דאָרט געהערשט וויניק פּראָטעקציע?

יונה קען גאָר ניט אָפּרייסן די אויגן פון דעם בונדיסט, עפּעס אַ שטאַרק באַקאַנט פּנים, אויך ער קוקט אויף יונהן פאַרוווּנדערט ביז ביידע שרייען אויס צוזאַמען: דאָס ביסטו זאַוול קאַמאַשנמאַכער דאָס ביסטו יונה!

דאָס ערשטע מאָל נאָכן חורבן געטראָפן אַ באַקאַנט פּנים פון זיין שטעטל, האָט דאָך יונה אים אַזויפיל צו פרעגן, אפשר ווייסט ער עפּעס, אפשר ערגעץ וועמען געטראָפן, אַן אייגענעם...? אָבער זאַוול איז אין דעם זעלבן טאָג וואָס יונה אַנטלאָפן פון שטעטל, זיך יאָרן געוואַלגערט איבערן רוסישן עלנט, צוריקגעקומען קיין פּוילן, געזוכט און קיינעם פון זיינע נאָענטסטע אין ערגעץ ניט געפונען. קען מען דען ביי אים זוכן אַ טרייסט? אויך ניט קיין פרישן געדאַנק. ער קלאַמערט זיך אַלץ מיט דער זעלבער געטריישאַפט צו די טויטע און דערמאָרדעטע פאַרטיי־פראַזן, וואָס רוען שוין אין די קברים צוזאַמען מיט די מיליאָנען פון זיין פאָלק. יונהן האָט דער חורבן, די מלחמה, פראָנט און וואָגל אויסגעטועט פון אַלע אַלטע באַגריפן, אַנטלויפט ער פון אַלטע פראַזן, צוריק צו דער דאָרפישער שלווה, מיט פרישע באַגינענס און מחיהדיקע פאַר־נאַכטן, מיט שקיעה פון גאָלד, צום געזאַנג פון די פעלדער, פאַרזייעטע מיט גרינס, מיט זאַפטיקע פרוכטן און פרייע געדאַנקען; צו ערלעכער אַרבעט, פריינדשאַפט און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט. מיט ליבשאַפט צו די תמימותדיקע בהמות, צו די קיבוצישע וואַרשטאַטן פון פרייוויליקער אַרבעט, צום בוי פון הייזער, צום טראַקטאָר דעם אייזערנעם פערד. צו דער ערד וואָס בענקט נאָך פאַרזיי, צום קאָלעקטיוו וואָס האָט פאַרטריבן

דעם מדבר, די בלאָטעס און קדחת און די ערד באַפּאַרבט אויף גרין. דאָרט פּעלט בלויז יונהן אַ פריינדשאַפט מיט אַ וואַרעמע פרויען־נשמה. אָבער אויך אין דער רוישיקער שטאָט, קען מען דען ניט זיין איינזאַם?

אויך אין קיבוץ געפינט ניט יונה קיין נאָענטע פריינדין. מיטביידע רוזקות, רחלען און זיגבען בינדט אים גאָר ניט. כאָטש רחל איז אַ שטיק געטריישאַפט, פאַר אַלעמען ווי אַ מאַמע. אַלס טאָכטער פון פאַרמעגלעכע עלטערן, האָט זי איבערגעלאָזט אַ זאַטע היים און געקומען דאָ טראָגן, אויף אירע מיידלישע פּלייצעס, דעם עול פון באַשפייזן דעם קיבוץ. קיין ציבעלע זאָל אין קיך ניט פאַרפעלן, דאָס עסן זאָל זיין געשמאַק און די העמדער פון די חברים זאָלן זיין פאַרלאַטעט און דאָך מיינט זי אַז זי האָט ניט גענוג דערפילט איר פליכט. ווי ביי אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער אָדער אַ נאָנע פון אַ קלאַשטאָר וואַנדערט קיינמאָל ניט אויף איר נזיריש פנים קיין שמייכל. קיין לאַך. ווי קען מען קושן אַזעלכע קאַלטע ליפּן?

די צווייטע זינע איז דערפאַר, קיינעם ניט געטריי. אַלס יונג מיידל האָט מען זי געבערענגט אין לאַנד אַריין פון אַ יתומים־הויז אין דייטשלאַנד, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. אויסגעהאָדעוועט אין קיבוץ און געבליבן אַ זייטיקע, פאַרמאָגט ניט קיין קרובים, ניט קיין חברטעס, די קיבוצישע בחורות האָבן זי פיינט, אפשר ווייל זי האָט מיט די בחורים צופיל אינטימע סודות? די איינזאַמקייט טרייבט זי אפט אין שטאָט אַריין, די דורכפאָרנדיקע שאָפערן נעמען זי גערן מיט אויף טרעמפּ, ווייל זי האָט ניט מורא פאַר קיין גלעט ניט פאַר עפּעס מער. אָבער יונה וויל גאָר ניט מיט איר האָבן קיין סודות און זוכט ניט איר פריינדשאַפט.

אים ציט גאָר, מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט, צו דער געזונטער ווייבלעכקייט, צו דער נייער עולה פון בעסאַראַביע. אין איר תמימות ווייסט ניט פאַניע, ווי זי ווערט געגעסן פון מענערישע אויגן, אפשר ווייל זי איז צו באַשיידן, צו שטרענג צו זיך און אפשר צו געטריי איר קרענקלעכן מאַן? איז פאַרוואָס פילט יונה גראָד צו איר אַ פאַרווערטן ליידנשאַפטלעכן נייגיר, אפשר אייפערזוכט? אין חג־הבכורים קען פאַניע ניט אויסמיידן עפנטלעך צו טאַנצן. צום תנ״כישן ספּעקטאַקל, זענען אַלע בחורות אָנגעטאָן אין ווייסע בלוזעס. דוד כאַפּט זיך צום אָקאָרדיאָן, גידון צימבלט עפּעס

אויס אַ מעלאַנכאָלישן ניגון. און אַז עס קומען אָן די קינדער, יום־טובדיק באַפּוצט מיט בלומען־קרענץ, צעוויגן זיך די בחורות אין אַ טאַנץ. אָבער יונהס אויגן זענען געוואָנדן נאָר צו פאַניען, וואָס זעט איצט אויס ווי די תנ״כישע רות. אַריינגעצויגן אין ווירבל פון טאַנץ, גאַלוואַניזירט זי מיט דער עלאַסטישקייט פון איר קערפּער, מיט איר מעלאַנכאָלישער שיינקייט, מעכטיק תאווהדיק, צעוויגט די ברוסטן אין די אויגן אַ גיהנום ברענט, מיט יעדן פלי פון איר קליידל אַנטפּלעקט זיך אַ שטיק ווייסקייט פון לייב. מיט די אַנטבלויזטע אָרעמס, ווי געטראָגן אויף פליגלען, טאַנצט זי אויס די לויטערקייט פון איר נשמה, געמישט מיט אַ גופיקער גייסטי־קייט. דערפילט אפשר אַ ברי פון מענערישע אויגן, אויף דער רונדיקייט פון די ברוסטן, רייסט פאַניע אַ פאַרשעמטע איבער דעם טאַנץ, לאָזט אַראָפּ די אויגן און שענקט איר מאַן אַ שמייכל פון געטריישאַפט, אָדער אַנט־שולדיקונג, וואָס זי האָט צופיל זיך דערלויבט און בלייבט זיצן מיט אַ שטאָלצער ערנסטקייט.

אין דער נאַכט שטייט יונה אויף שמירה. אונטער די לייכטע שווימענ־דיקע וואָלקנדלעך, וואָס פאַרשטעלן די שטערן, ליגט אויסגעשפּרייט אַ ברייט דרעמלענדיק לאַנד, פאַרזייעט מיט שיינקייט, עס פינקלען די פייער־לעך פון די אַרומיקע ישובים, אָבער יונהן מאָלט זיך אַלץ פאַניעס געשטאַלט, מיט אירע שוואַרצע אַפּלען אונטער אירע ברוינע ברעמען, אירע צאַפּלדיקע ברוסטן אונטער דער ווייסער בלוזע. אפשר קלאַפּט דאָרט אַ הייס האַרץ? אָבער פאַניע איז אַ פאַרוואַרטע גן־עדן־פּרוכט, וואָס יונה וועט קיינמאָל ניט קושן ווי דער אײדעלער אַנדזשעלען, קיינמאָל ניט באַ־זיצן ווי יענער הייסבלוטיקער איטאַליענישער גראַציע. ווער זשע וועט לעשן זיינע הייסע באַגערן נאָך אַ וואַרעם ווייבלעך לייב און נאָך אַ הייס ווייבלעכער נשמה?

נאָך האַלבע נאַכט־שמירה גרייט זיך יונה גוט אויסצושלאָפן. ער גייט אַפילו ניט עסן דעם אָנבייסן, אָבער אומגעריכט עפנט זיך די טיר און עס שפּרייזט אַריין זינאַ מיט בלומען פון קיבוצישן גאָרטן, וווּ זי אַרבעט. זי פילט זיך דאָ היימיש, געפינט אַ סלאָי, פילט אָן מיט וואַסער און שטעקט אַריין די בלומען. יונהן ווילט זיך שטאַרק שלאָפן, צו וואָס איז זי געקומען? זי וואַרט גאָר ניט ער זאָל דאָס פרעגן און שוין פּלאַנטערט

אין אים אַ נייע פראַגע, פון וואַנען קומט צו דער קיבוצניטשקע אַזעלכע טייערע זיידענע וועש? אין קיבוצישן וועש־מאַגאַזין זענען אַזעלכע ניטאָ. פון וואַנען שמעקט איר קערפּער מיט אַזאַ טייערן פּערפום? אָבער דאָך צינדט ניט איר ליַיב אָן יונהן מיט תאווה. ער טראַכט גאָר וועגן פּאַניען און הערט, ווי אַ פאַרוואָרף, זיינעס רייד:

— נו עס מאַכט ניט אויס, דו ביסט מיד, נאָך דער נאַכט־שמירה. איך וועל קומען אַ צווייט מאָל.

אָבער זינע קומט ניט מער, יונה הערט בלויז וועגן איר פאַרשידענע רכילות. דער קיבוץ איז דאָך ווי אַ קליין שטעטל. דערציילט מען אַז דבורה האָט זיך דערוווּסט עפּעס וועגן איר מאַן מיט זינען, האָט דער שכל איר אונטערגעזאָגט ניט צו מאַכן קיין טומל, זאָלן צינגער ניט האָבן וואָס צו רעדן, זי איז דען די איינציקע, צו וועמענס מאַן די אויס־געלאַסענע מויד קריכט? פּע! וואָס געפינען דען די מענער אין איר?

וואָס צעמענטירט דאָס פאַמיליע־לעבן אין קיבוץ? די פרוי איז דאָ זעלבסטשטענדיק, ליבע דויערט ניט אייביק. בליַיבט אפשר געוווינהייט, געטריישאַפט אָדער פריינדשאַפט? געשעט אויך אַז מען לעבט צוזאַמען כדי ניט אויסצושטעלן זיך אויף לייטיש געלעכטער. זעלדע געדענקט גוט אַז ניט לאַנג צוריק איז געווען גאָר אַנדערש און זי רעדט זיך אָפּ פון האַרצן פאַר איר חברטע עלקען:

— ווען אַלץ אַרום איז נאָך געווען ליידיק און ווילד, מען האָט געגעסן בלויז קוואַקער, צוזאַמען געפּיבערט אויף קדחת און מיט ליידיקע מאָגנס געטאַנצט אַ „הורא״, האָט מען אויך ניט געוווּסט פון מיינס און דיינס. קיינעם איז ניט אָנגעגאַנגען מיט וועלכן בחור מען פאַרקריכט אויפן שייער. אַ בחור איז ניט געווען קיין פּריוואַט־אייגנטום. געבליבן איז פון יענער צייט בלויז שמאַלציקע וויצן און שיינע זכרונות. אָבער דאָס איז געווען גאָר ניט לאַנג צוריק. דער קיבוץ האָט נאָך ניט געהאַט אַזעלכע צעבליטע פעלדער, בלויז געציילטע קי און איין טראַקטאָר, אָבער דאָס לעבן איז געווען ווי פּאָעזיע. די חברים געקומען פון פּראָסטיקן רוסלאַנד, פון האַרבסטיקן פּוילן, אַנטלאָפן פון אוקראַיִנישע פּאָגראָמען, אָדער וויים־רוסישן נויט, האָבן דאָ צעשמעטערט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער, די פאַלשע

באַגריפן פון מאָראַל. אָבער פאַרוואָס האָט מען אַזוי גיך זיך דערשראָקן פאַר דער אייגענער גערוואַגטקייט? עס האָט געטומען זיך אויסדאַכטן, אַז עפּעס איז ניט אָנשטענדיק, ניט לייטיש... אָבער איך האָב זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון צילעס מאַן. ער איז געווען מער מיינער ווי אירער. זיין טיר און זיין האַרץ איז שטענדיק געווען פאַר מיר אָפן. כאָטש צילע איז אַ פאַלשע האָט זי געוווסט מיך איבערצולאָזן אַליין מיט איר מאַן, ביז זי האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט זהבהן, וועמענס מאַן איז מער אויף שליחות אין אויסלאַנד ווי אין דער היים, איז זהבה געוואָרן אַ צו אָפטע אַריינגייערין צו צילען. קיין צנועה איז זי דאָך ניט האָט זי ביי מיר צוגענומען צילעס מאַן. אָבער פאַרוואָס האָט ער מיך פאַרראָטן? איך האָב דאָך אים קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט?

אויך חנה מיינט אַז עס איז ניט ריכטיק, וואָס שלמה נעמט זי ניט אַמאָל אין שטאָט אַריין. אַז ער האָט אַ ווייב איז וואָס? טאָר זי דען ניט מיט אים זיך אַדורכשפּאַצירן איבער דער שטאָט. זיין ווייבל האָט אים דען געקויפט? חנהן אימפּאָנירט זיין אָפּיצירישער מונדיר, זיין אָפּי־צירישע קאַריערע. איז דען אַ חטא צו מאַכן אַ שפּאַציר מיט אַן אייגענעם חבר?

שלמה האָט אָבער ניט קיין חשק צו ווערן אַ העלד אויפן פראַנט פון רכילות און מיידט אויס חנהן, וואָס האָט דאָך אַ מאַן מיט צוויי קינדער. אָבער חנה, מיט איר סאַברישן טעמפּעראַמענט, טראַכט גאָר ניט אַזוי לייכט אים אָפּצולאָזן. פאַרוואָס קומט דאָס איר? וואַרט זי אים אָפּ צו טרעפן אַליין און אירע אויגן בעטן ער זאָל זי כאָטש אַרומנעמען, זאָגן אַ פריינטלעך וואָרט. צי האָט ער פאַרגעסן ווי ער האָט אַמאָל זי געקושט? אפשר ציטערט ער, דער גרויסער העלד, פאַר זיין אויסגעדאַרט ווייבעלע? אָבער אָנשטאָט זי אַרומצונעמען, דערציילט ער איר גאָר אַז עס איז נויטיק צו דעראָבערן דעם חרמון און אַז מיר באַזיצן בלויז אַ קליינעם טייל פון היסטאָרישן ארץ־ישראל. זי רייסט אים, מיט כעס, איבער די רייד און זאָגט:

— דיך איז שווערער צו דעראָבערן ווי דעם חרמון, וואָס פרעדיקסטו מיר ציוניזם? מיך אינטערעסירט דאָס גאָר ניט. איך וויל דו זאָלסט מיך נעמען אין דער שטאָט.

— איך בין געגוג אַקטיוו אויפן פּראַנט פון זיכערקייט און האָב ניט קיין צייט אויף שטויות!

— פּאַר אויסגעלאַסענע חיילות האָסטו מסתמא געגוג צייט נאָר פּאַר מיר ניט! און זי נעמט אים פּלוצעם אַרום, גיט אים אַ ביס אין די ליפּן און אַנטלויפט. און ער שרייט איר נאָך:

— ווילדע קאַץ, וואָס דו ביסט!

די יונגיטשקע לאה האָט גאָר ניט קיין געמיט צו שטויות, אַ טרויער און בושה שרייט אַרויס פון אירע אויגן, ווי מען וואָלט זי געקויפט פּאַר געלט. כאָטש איר בחור איז זייער גוט צו איר, באַדינט זי און פּיעשטשעט. ער איז אָבער צו אַלט צו פּאַרלעשן איר אומעט. כאָטש זי האָט צו אים אַ פּליכט. ער האָט דאָך זי אַרויסגענומען פון בעטלערישן לעבן, פון פּליטים־לאַגער און זי געבראַכט אין זאַטן קיבוץ. אַ געראַטעוועטע פון אוישוויץ האָט זי דעמאָלט געמיינט אַז עס איז מער ניטאָ קיין ליכטיקע וועלט, קיין פריידן און זי אַן עלנטע, אַן איינזאַמע און דערשלאָגענע איז זי געווען גליקלעך, וואָס אַט דער אַלטער בחור, וואָס איז געווען אַ שליח אין פּליטים־לאַגער, האָט גראָד זי אויסגעקליבן. ערשט אין קיבוץ, צווישן יונגע פּאָרלעך, האָט זי דערפילט אַ שאַנדע. ווי זאָל זי נעמען די דרייסט־קייט אים אָפן צו זאָגן, אַז זי וויל מער ניט פּטרן איר יוגנט?

פעלן דען אין קיבוץ מענטשלעכע פּראָבלעמען? צווישן די קליינע דאגות און קליינע שטרעבונגען, צו טוישן די קיבוצישע דירה אויף אַ גרעסערע, אָדער זאָרגן וויפל וועט מען דאָס יאָר אויסטיילן פון תקציב אויף שיך און בגדים, אָדער לאָזן זיך אַריין אין וויכוחים צי מעג אַ קיבוצניק האָבן כסף פּרטי, אָדער פּאַרמאָגן מער ביכער פּאַר אַ צווייטן? פּאַרשטייט ניט יונה פּאַרוואָס ער קען ניט זיין, ווי נח, פּאַרליבט אין זיין אַרבעט, נאָר פילן זיך איינזאַם, אַלץ חלומען און בענקען נאָך אַ געליבטע פרוי? איז ער מקנא נחן וואָס נויטיקט זיך ניט אין ווייבלעכע ליבע נאָר איז מיט זיין גאַנצער נשמה, פּאַרליבט אין די מאַשינען, וואָס ער אַרבעט אויס אָדער פּאַרריכט. נח איז אַלס גאָר יונגער בחור געקומען אין קיבוץ מיט „עלית הנוער" פון דייטשלאַנד און ער גיט אָפּ זיין גאַנצן טאַלאַנט, זיינע „גאָלדענע הענט", וואָס קענען אַלץ מאַכן, אַלץ פּאַרריכטן, זיין גאַנצע געטריישאַפט דעם קיבוץ. ער פּאַריכט די טראַקטאָרן, צעבראָכענע

אַגראַר־מאַשינען און מאַכט פון אייזן־שמעלץ נוצלעכע פאַרן קיבוץ מכשירים.
ער קוקט, ביי דער אַרבעט, קיינמאָל ניט אויפן זייגער, דער וואָרשטאָט איז זיין קעניגרייך, די אַרבעט זיין געליבטע. ער איז די אמתע אָפּלייקענונג, פון אַלע רייד וואָס מערן זיך די לעצטע צייט, אַז עס איז מער ניטאָ קיין אידעאַליזם. מוז מען דען שרייען אויפן גאַנצן קול אַז מען איז אַן אידעאַליסט, כדי ערלעך צו אַרבעטן און בויען דעם קאָלעקטיוו?

לײדער האַלטן זיך פאַר די בעסטע אידעאַליסטן גראָד די וואָס האָבן אַמווינציקסטן ליב צו אַרבעטן. פאַר עפּעס באַזונדערע „פאַרדינסטן" טוען זיי אין קיבוץ גאָר ניט, האָבן אָ באַזונדערע פּריווילעגיע צו בעסערע דירות, עסן ניט מיט אַלעמען אין חדר־האוכל נאָר ביי זיך אין די צימערן. זיי רוישן אָבער אַרום אין דער שטאָט אויף פּאַרטיי־זיצונגען, קאָנפערענצן, פאָרן קיין אויסלאַנד און זייערע נעמען שרייען אַראָפּ פון די צייטונגס־שפּאַלטן. אין דער שטאָט זענען זיי גרויסע „שישקעס" נאָר אין קיבוץ האָט מען זיי ניט ליב.

מיט ביידע שכנים פון זיין צימער בינדט ניט יונהן קיין באַזונדערע פריינדשאַפט, כאָטש ביידע זענען ווי ער איינזאַם. אברהם אַרבעט מיט יונהן ביים בוי. ער איז אַ גוטער פאַכמאַן אָבער אַ גרויסער שווייגער. נאָך דער אַרבעט איז ער פאַרטאָן אין לייענען. דאָס בוך איז זיין בעסטער חבר. ווען אַנדערע זוכן צו פאַרברענגען, צווישן חברים, געפינט ער אין דער געדאַנקען־וועלט זיין רייכטום. אַ שאָד וואָס ער טיילט זיך מיט קיינעם מיט זיין וויסן, ער וואָלט דאָך געקאָנט זיין אַ בעסערער לערער ווי אַ מויערער.

דער צווייטער בערל איז שוין צו באַרעדעוודיק, האָט ליב צו פירן רוישיקע וויכוחים וועגן פּאָליטיק און פּאַרטייען און ער זאָגט צו אברהמען:

— אַ שאָד צו פטרן די טעג אויף לייענען ראָמאַנען, עס איז דאָ אַ וויכטיקערע אויפגאַבע, מען דאַרף העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט אומצו־ברענגען די צעפוילטע קאַפּיטאַליסטישע מאַכט פון אונטערדריקונג און עקספּלאָאַטאַציע. באַזונדער מוזן מיר יידן דערצו צולייגן אַ האַנט כדי צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם אַ סוף צו מאַכן צום אַנטיסעמיטיזם, וואָס בושעוועט אויף דער וועלט.

אָבער אברהם ענטפערט אים:

— האָט דען דיין „זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט" אין ראַטן־פאַרבאַנד ניט אויפגעשטעלט אַ נייע צעפּוילטע געזעלשאַפט, מיט אַ נייעם מעכטיקן אַפּאַראַט פון אונטערדריקונג, מיט מיליטער, פּאָליציי און טורמעס?

בערלען לייגט זיך אָבער ניט אויפן שכל אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז גאָר ניט די פעסטונג פון סאָציאַליזם און יושר און ער טענה׳ט אַז דער קיבוץ ווערט פאַרבירגערט, דערווייטערט זיך פון מאַרקסיזם. אויף יונהן אָבער ווירקן מער די רייד פון דעם קיבוץ־טעאָרעטיקער יצחק טאַבענקין, וואָס זאָגט אין זיינס אַ רעפעראַט:

— דער קיבוץ איז אויסגעוואַקסן פון יסורים־געראַנגל. ער שטאַמט פון די צרות־פינצטערניש. פון צער און סכנות פון אונדזער שוואַכן פאָלק. דערפאַר איז דער קיבוץ די אויסגעשפּראָכענע דערשיינונג פון איבערגאַנג צו אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט און מענטשלעכע באַציאונגען, וועלכע שטאַמען ניט פון עקאָנאָמישן צוואַנג און מוז, נאָר פון וואָלונטאַרן פאָרם פון פערזענלעך־מאָראַלישער פאַרווירקלעכונג. דער וויכטיקסטער טעם פון קיבוץ באַשטיין אין דער געוואַגטקייט צו איבעראַנדערשן און בעסער מאַכן דאָס מענטשלעכע לעבן.

אין דעם קאָכיקן קעסל פון אידעען איז דער קיבוץ גאָר ניט אין הסכם מיט דער „איזערנער" לאָגיק פון מאַרקסיזם. ניט געבוירן געוואָרן ווי קיין „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" נאָר ווי אַ געוואָגטע מענטשלעכע טאַט, פון פרייוויליקן ווילן, זוי ניט די עקאָנאָמיע הערשט איבערן מענטש נאָר פאַרקערט. עס הערשט דער ווילן ניט צו זיין מער קיין קרבן פון היסטאָרישע קאַפּריזן און תוהו ובוהו פון דערשיינונגען, נאָר אַ געצייג פון אייגענעם שכל און ווילן וואָס פאַרמעסט זיך אויסצוהיילן דאָס צעקאַ־ליעטשעטע, פאַרשעמטע און אויסגעמאָרדעטע פאָלק און זאָרגן אַז אירע רעשטלעך זאָלן ווערן פרייע און שטאָלצע מענטשן און ניט קיין קרעמער און מעקלער־פאָלק.

מיטן פלאָנטער פון מחשבות שטייט יונה ווידער אויף שמירה, אונטער קאָסמישן װוּנדער פון אויסגעשטערנטן הימל פון פאַרכישופטער לבנה־שיין, פון ערגעץ טראָגט זיך אַ פאַרפומירטער פאָמעראַנצן־ריח און יונה היט מיט אַ ביקס אין האַנט דעם לייכט־טורעם פון דער פרייהייט און יושר... אין האַלבע נאַכט קומט אַ חבר אים פאַרטוישן. גיט ער אים איבער די

ביקס און שפּאַנט אַהיים דורך די אַלטע פּאַרלאָזטע קיבוצישע באַראַקן, צעפּרעסענע פון חמסינען און רעגנס. אָבער איצט אין דער נאַכט, טראָגט זיך נאָך פון זיי פרייד און יוגנטלעך געלעכטער. אַ יונגט, געקומענע פון פאַרשידענע לענדער פּריוויליק צו אַרבעטן אַ פּאָר מאָנאַטן אין קיבוץ, זיצן נאָך אויף די בעטן און רעדן, אין פאַרשידענע שפּראַכן, זינגען, לאַכן, צימבלען אויף גיטאַרעס און מאַנדאָלינעס אויס די פאַר־שידנסטע מעלאָדיעס, פון די פאַרשידנסטע פעלקער. וואַרפט יונה אַ בליק אין אַ באַראַקיש פענצטער און זעט דאָרט מיידלעך פריש און לויטער ווי די טרוימען, צווישן זיי אַ שוועדישע בלאָנדע מויד, געזונט ווי אַ טראַקטאָר, וואָס זוכט זי אין קיבוץ, אפשר אַ יידישן טראַקטאָריסט? לאָזט זיך יונה אַוועק אין זיין באַראַק, אויף די שפּיץ פינגער, ניט אויפצוועקן זיינע צימער־שכנים און ער ווערט אַליין גיך אַנטשלאָפן.

אין דער פרי ווען אין קיבוץ קערן זיך שוין וועלטן, ליגט נאָך יונה אין אָנגעטועכץ, ער גייט דאָך היינט ניט צו דער אַרבעט. אין חדר־האוכל זענען שוין די טישן אָפּגערוימט, לויפט ער גיך דורך מיט די אויגן די צייטונגס־קעפּלעך, די לעצטע נייעסן וועגן גרענעץ־קאָנפליקטן, טעראָר־אַקטן, פאַרטיי־אינטריגעס. ווילט זיך אים פאַרגעסן פון דעם פּאָליטישן געמויזעכץ און מאַכן אַ שטיקל שפּאַציר, אין דעם פרייען טאָג פון אַרבעט, אַרום קיבוץ. זיך אָנטרינקען מיט די פרישקייט פון פרימאָרגן־לופט, מיטן געזאַנג פון די פעלדער. אָבער, ווי פונעם פאַרטאָגיקן נעפּל, שווימט פאַר אים אַרויס אַ פרעמדע שטאָטישע פרויען־געשטאַלט. ווי קומט זי אַהער? אָבער אויך זי באַמערקט אים און פאַרגיכערט איר טריט גייענדיק אים אַנטקעגן. ווער איז זי און וואָס דאַרף זי פון אים? דערוואַכט אין אים די נייגעריקייט און ווען זי דערנענטערט זיך דערזעט ער פאַר זיך אַ יונגע שיינקייט וואָס פרעגט אים צי ער ווייסט ניט דעם וועג צום קיבוץ, ווו עס געפינט זיך איר איינציק טעכטערל? זיכער ווייסט ער! ער איז דאָך אַליין פון דעם קיבוץ וואָס נוצט אויס זיין פרייען טאָג פון אַרבעט אויף אַ שפּאַציר אין דער געגנט. דערפרייט זי זיך און דערציילט אים:

— איך קום דאָ ניט צום ערשטן מאָל צו מיין טעכטערל, וואָס געפינט זיך אין דעם דערציאונג־אַנשטאַלט פון דעם קיבוץ, איך קען

דעם וועג, נאָר דאָסמאָל אַראָפּגייענדיק פון אויטאָבוס האָב איך זיך מסתמא אין עפּעס פאַרטראַכט, און אַרויף אויף אַ פאַלשער סטעזשקע און פאַרבלאָנדזשעט, ווען דאָרט וואַרט מיין טעכטערל אויף מיר מיט אומגעדולד.

אַוודאי ווילט זיך יונהן מיט איר נאָך לאַנג בלאָנדזשען, דער וועג צום קיבוץ זאָל זיך ציען וואָס לענגער. זי בעט אים אָבער ער זאָל זי פירן אויפן קורצן וועג. מוז מען דורכקרייצן אַ פעלד פון שטעכיקן דאָרן־פלאַנצן. און אויספרעגנדיק אים, פאַר העפלעכקייט, וועגן קיבוץ, דערפילט זי פלוצים אַ שטאַרקן שטאָך אין פוס, וויל זיך אַראָפּבייגן און גיט זיך אַ וואַקל, האַלט זי יונה אונטער, זי זאָל ניט פאַלן. ער בייגט זיך אַראָפּ און שלעפּט אַרויס אַ שטעכיקע נאָדל פון איר פוס. דאַנקט זי אים מיט אַ פריינטלעכן שמייכל און יונהן לויפט דורך זיינע גלידער אַ מאָדנע וואַרעמקייט. עס גיט אים אַ טיאָכקע אין האַרצן, ס׳פאַרדרייט אַזש דעם קאָפּ. וואָס איז פלוצעם מיט אים געשען? אויך זי קוקט אויף אים מיט נייגער — וואָס איז דאָס פאַראַ דזשענטלמענישער קיבוצניק? אָבער פאַר־וואָס האָט יונה פאַרלוירן זיין דרייסטקייט און האַלט זיך אַזוי אומגע־לומפּערט, ווי פאַסט עס פאַר אַ געוועזענעם זעלנער. ווייניק שיינע פרויען האָט ער אין זיין לעבן געזען?

נעבן קינדער־אַנשטאַלט לויפט איר אַנטקעגן מיט פרייד איר קליין טעכטערל, קוים זיך דערוואַרט אויף דער מוטער און זי באַמערקט גאָר ניט אַז די מוטער איז געקומען ניט אַליין. אויך די מוטער האָט אין אים אינגאַנצן פאַרגעסן, אַפילו אָפּצודאַנקען. האָט ער דערפאַר די גע־לעגנהייט זיך צוצוקוקן צו דער האַרציקער באַגעגעניש צווישן די מוטער מיטן קינד און קען ניט אָפּרייסן די אויגן פון דער מוטערס אידעלער שיינקייט און אינטעליגענץ. די מוטער דערמאָנט זיך אָבער גיך אין יונהן, דאַנקט אים און שטעלט אים פאָר פאַר איר טעכטערל, ווי אַ פעטער וואָס געפינט זיך אין זעלבן קיבוץ. דריקט אים ביים געזעגענען די האַנט. ווי קען יונה אָבער זי געזעגענען און מער ניט זען? געפינט ער אין זיך גענוג דרייסטקייט איר פאַרצולייגן, אַז נאָכמיטאָג ביים צוריקפאָרן, וועט ער זי באַגלייטן צום אויטאָבוס, זי זאָל ווידער ניט פאַרבלאָנדזשען. זי נעמט דאָס גערן אָן, דאַנקט אים העפלעך און זאָגט:

— עס איז מיר זייער אַנגענעם צו קענען ווערן פון דעם קיבוץ, ווו מיין טעכטערל געפינט זיך, מיין נאָמען איז וויעראַ און אייערער?

— מיין נאָמען איז יונה, זאָגט ער, אַ צופרידענער, וואָס ער וועט נאָכאַמאָל קענען זי באַגעגענען.

וואַרט ער אויף איר, ווי אויף אַ גרויס געשעעניש. ער באַמיט זיך אַז אין קיבוץ זאָל קיינער ניט באַמערקן זיין פרייד, ניט לייענען פון זיין פנים, וואָס עס טוט זיך אין זיין צעברויזט האַרץ, מיט האָפענונגען, וואָס צעקאָכט דאָס בלוט, פאַרשאַפן פרייד און ווייטיקן. פאַרוואָס זינגט אין אים עפּעס?

ווען זיי טרעפן זיך ווידער באַגעגנט זי אים מיט אַ פאַרכישופטן שמייכל, ווי זי וואָלט פון לאַנג אים געקענט און דערציילט אים גלייך די חכמות פון איר טעכטערל. ער הערט זי שווייגנדיק זי זאָל ניט באַמערקן און ניט חושד זיין אַז ער איז צעטומלט אָדער גאָר פאַרליבט. זי דערציילט אים אַז זי איז געווען אין אוישוויץ, ווייזט אים אויף איר האַנט דעם לאַגער־נומער און זי רעדט ווידער וועגן איר טעכטערל. ווען עס באַווייזט זיך דער אויטאָבוס זאָגט זי:

— יאָ מיין פריינד, איך האָב אַ סך דערציילט וועגן זיך און גאָר ניט געהערט וועגן אייך. איך האָף אָבער אַז ווען כ׳וועל קומען דאָס צווייטע מאָל וועל איך האָבן די געלעגנהייט צו הערן ווי איך לעבט זיך אין קיבוץ.

— יאָ כ׳וועל אומבאַדינגט דאָס צווייטע מאָל אייך אָפּוואַרטן ביים אויטאָבוס איר זאָלט נאָכאַמאָל ניט פאַרבלאָנדזשען, וואָס איז זייער ניט אַנגענעם, אויב איר וועט מיר פריער שרייבן ווען איר קומט.

— יאָ כ׳וועל זיכער אייך שרייבן, אייער נאָמען ווייס איך דאָך, כ׳וויל אייך אָבער בעטן איר זאָלט, אויב איר וועט האָבן צייט, באַזוכן מיין טעכטערל. זי פילט זיך דאָך איינזאַם. צו אַנדערע קינדער קומען פאָטערס, אָבער איר פאָטער געפינט זיך אין אַמעריקע. מיר זענען צעשיידט. ער שיקט איר טאַקע שיינע מתנות. צי קענען אָבער די שענסטע מתנות פאַרטרעטן אַ טאַטן?

ווען דער אויטאָבוס פירט זי אַוועק דוכט זיך יונהן, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס טייערס פאַרלוירן געגאַנגען. אַ וואונדערלעכן אוצר וואָס האָט

פאַרבלאָנדזשעט אין זיינע חלומות, מיטן ריח פון קאַיאָר, מיט דער פריש־קייט פון פרימאַרגנס, וואָס איז שענער פון טרוימען. ער פילט ווי אַן אָנגעגעמע קראַנקייט, ווי אַ ווייטיק פון גליק, וואָס צעוויגט זיין יוגנט, צעברויזט זיך ווי אַ סטיכיע מיט באַנג און מיט אומרו, מיט אָנגעצונדענע געפילן וואָס לאָזן זיך ניט פאַרלעשן, מיט אַ בענקשאַפט, ווי זי וואָלט אים אין אירע נעצן געפאַנגען, אין קייטן פון ליבע געבונדן.

די גרויסע בענקשאַפט צו וויערען טרייבט אים צו אָפטע באַזוכן ביי איר טעכטערל. אפשר וועט אָט דאָס זיסע קינד ווערן די בריק צו איר ווונדערלעכער מאַמען? אָבער אָנשטאָט ווידער צו טרעפן וויערען ווערט ער גאָר גערופן אין דער אַרמיי. עפּעס רודערט זיך אויף דער סירישער גרענעץ. ווער דאַרף דען די פאַרשאָלטענע מלחמות, ווען זיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט דינאַמיט פון ליבע?

צום גליק ווערט גיך אָפּגעקילט דאָס פֿײַער אויף דער גרענעץ און יונה איז צוריק אין קיבוץ. אָטעמט ווידער מיט דער קיבוצישער לופט פון הייסע טעג און שטילע פאַרנאַכטן. אין די פאַרבענקטע וואַרעמע נעכט באַזוכן די קיבוצניקעס איינער דעם צווייטן אין די שטובן. מען פלוידערט אונטער באַלויכטענע פענצטערס, מען דערציילט די נייעסטע וויצן, וואָס טראָגן זיך איבערן לאַנד און צייטונגס־נייעסן. מען טרינקט צוזאַמען טיי און מען שפינט פּלענער פון פאַרגרעסערן און רייכער מאַכן דעם קיבוץ, וועגן נייע אונטערנעמונגען. פון די באַראַקן פון דער אויסלענדישער יוגנט טראָגט זיך געזאַנג און געלעכטער. אויף אַ שמאָלן שטעגל קושט אַ בחור פון קאַנאַדע אַ מיידל פון פּאַריז. אפשר וועט אויך צו יונהן פאַרבלאָנדזשען דאָס גליק?

איז דען ניט אַ גליק צו דערהאַלטן אַ בריוו פון וויערען, מיט אַ בשורה, אַז אין קורצן וועט זי ווידער קומען? זאָגט ער דאָס גלייך אָן איר טעכטערל. אין טאָג פון איר קומען באַפרייט ער זיך פון דער אַרבעט און וואַרט אויף איר מיט אומרו, פרייד און ציטער. מיט אַ צעפּלאַמט האַרץ גייט ער זיין חלום אַנטקעגן.

פון איר האַרציקן שמייכל ווערט אים גוט אויף דער נשמה. איר פריינטלעכע באַגריסונג צעוואַרפט גלייך די באַריערע פון פרעמדקייט. ער פירט זי איבער דער קיבוצישער ווירטשאַפט צו ווייזן דעם קיבוצישן

פאַרמעגן מיט וועלכן ער איז דאָך אַזוי שטאָלץ און זי נייגעריק, עס גייט מיט אויך איר טעכטערל חדוה. ער פירט זיי צו די שעפּסן וואָס דרעמלען און מעלה־גרהן אויף ווייכן מיסטיקן שטרוי און אָטעמען מיט זייערע פעטע בייכער. די קליינע חדוה גלעט מיט ליבשאַפט די געקרייזלטע וואָל פון אַ יונג שעפּסעלע. אַרום ציען זיך גרויסע שטאַלן, ווו מיט מאַשינען ווערן געמאָלקן די קי. ער פירט איר צו די שפּייכלערס און וואַרשטאַטן, צווישן ריח פון בהמות און רעש פון טראַקטאָרן. ער ווייזט איר די פּרדסים, די גערטנער מיט פּרוכטן, בלומען און גרינוואַרג. די קיבוצישע חברים זענען פאַרטאָן אַרויסצוציען וואָס מער נוצן פון דער נאַטור, וואָס מער פּרוכטן פון דיביימער, וואָס מער גרינוואַרג פון דער ערד. פאַר וויעראַן איז דאָס אַלץ ניי און הערט זיך איין מיט נייגער וואָס יונה דערציילט וועגן קיבוץ:

— ווען פאַרשידענע געשווירענע ראַדיקאַלן פלאַפּלען וועגן איבער־אַנדערשן די וועלט, טוט דאָס דער קיבוץ ניט מיט פראַזן, ניט מיט פּלאַקאַטן־רייד נאָר דורך טאָג־טעגלעכע זשמודנע אַרבעט. ווייט פון די שטעט, פון קינאָס, פון שטאָטישע פאַרוויילונגען, פון קאַפעען און טאַנץ־זאַלן, אָן פאַטעטישע פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע נאָר אויף טראַקטאָרן, מיט אַגראַר־מאַשינען, מיט אייגענער געטריישאַפט פאַרבן זיי איבער דאָס לעבן מיט נייעם אינהאַלט, אַ נייעם סטיל; זיי פאַרמעסטן זיך מיט דער הילף פון טעכניק און וויסנשאַפט צו לייזן די אַנגעוויטיקסטע געזעלשאַפט־לעך־ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, ווי צו פאַרטרייבן דעם הונגער, דורך אַן עפעקטיוון אויסנוצן יעדן שטח. דורך שאַפן אַן אָרגאַנישע־אינדוסטריע, וואָס זאָל לינדערן דעם מאַנגל אין רוי־שטאָפן און שפּייז, און דאָס ביי גאַנץ מאַגערע פינאַנסיעלע מיטלען. דער קיבוץ לערנט אויך ווי אַזוי מען קען היינט, אין מיטן דער פאַרדאָרבענער וועלט, לעבן פריי און יושרדיק. דערמיט שפּאַנט דער קיבוץ קעגן שטראָם פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וואָס באָדט זיך אין לוקסוס, נויט און פאַרברעכן.

שמועסנדיק געמיטלעך שפּאַנען זיי צווישן יונגע ביימלעך אַרומגע־רינגלט מיט שמעקנדיקע רויזן־קוסטעס, צווישן וויינשטאָקן וואָס וויקלען זיך אויף דראָטן, צווישן שטאַלן פון וואַנען עס טראָגט זיך דאָס מעקען

פון קי און דער ריח פון מילך; צווישן הינער וואָס רייסן זיך אַרום אין די שטייגן; ווי עס קוראַקעווען די אינדיקעס וואָס חברן זיך מיט די אָראַנאַנטישע שמאַלציקע גענדז; איבער דער בעל־הבתישקייט פון טראַק־טאָרן, קאָמביינען און אַגראַר־מאַשינען און יונה דערציילט וועגן וועגן געראַנגל פאַר וואַסער און מיט חובות, ביז ביידע פירן אַוועק חדוהן צום מיטאָג אין איר קינדער־אַנשטאַלט, און ער פירט אַריין וויערען אין דעם גרויסן חדר־האוכל צום עסן מיט אים צוזאַמען מיטאָג. וואָס גייט אים איצט אָן די נייגעריקע אויגן וואָס קוקן מיט ווונדער, פון וואַנען קומט צום איינזאַמען בחור אַזאַ עלעגאַנטע שיינקייט? ווידער שפּאַצירן זיי צוזאַמען און ער הערט זיך איין וואָס זי דערציילט וועגן איר טראַגישן נעכטן און ער דערציילט איר וועגן זיינע וואָגלענישן און פראַנטן און ווו אייז צעגייט די פרעמדקייט, דער שמועס — אַלץ ווערט מער אינטימער און פריינט־לעכער און זי זאָגט:

— צופאַלן ענדערן אָפט דעם גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע און ניט זעלטן דעם גורל פון איינצלנעם מענטש, אַ צופעליקער זיך אויסגליטשן אויף אַ שאָל פון אַ באַנאַנע, קען ברענגען גאָר ניט אַנגענעמע רעזולטאַטן.

— דערפאַר גליקלעכע צופאַלן, ענטפערט יונה, זענען ווי זיסע נאַשוואַרג, וואָס פאַרזיסט דאָס ביטערניש פון לעבן.

— די זיסע נאַשוואַרג דאָס זענען אונדזערע אילוזיעס, וואָס מאַכן דאָס לעבן דערטרעגלעך און ברענגען ניט זעלטן אַנטוישונג.

— דאָך וויל איך זיך בעסער פאַשען מיט זיסע אילוזיעס איידער מיטן בייז פון קאַלטן שכל, זאָגט יונה.

— גוט איז ווען נשמה ס'איז דורשטיק נאָך... און ווייסט ניט פון לאַנגווייל, זאָגט וויערא.

— גוט איז צו האָדעווען די פרייד אין זיך, גיט צו יונה.

— אין דער גרעסטער טייל מענטשן ליגן באַהאַלטן אוצרות פון גוטסקייט, מוטער־ליבער, ליבע צו קונסט, מוזיק. ניט יעדער מענטש איז דאָך אַ באַנקראָטירט באַשעפעניש.

— איך האָב טאַקע ליב אַ פרוי וואָס איז אַליין אַ שטיק מוזיק מיט פּאָעזיע, גוטסקייט, שיינקייט צוזאַמען, וואָס איז אַליין אַ שטיק אוצר.

— ווי קומט צו דיר אַזאַ געליבטע מיט אַזוי פיל מעלהס? היט זיך

דו זאָלסט זיך גיך אין איר ניט אַנטוישן. זאָגט זי מיט אַ שעלמישן שמייכל, וואָס פאַרדרייט אַזש דעם קאָפּ. אָבער ער ענטפערט:

— ווי קען מען זיך אַנטוישן אין אַזאַ פרינצעסן, וואָס שפּראָצט מיט רייץ און אינטעלעקט, וועמענס ברענענדיקער אומעט פון אירע אויגן אַנטציקן און היפּנאָטיזירן. איר בויגזאַמער קערפּער און צערטלעכע נשמה פּאַסט מער פאַר אַ דיכטערין ווי פאַר אַ וויסנשאַפטלערין.

וויערא פאַרוויטלט זיך און ענטפערט אים מיט איראָניע:

— דו אַליין דעקלאַמירסט ווי אַ געבוירענער דיכטער, וואָס וואָלט מיך אָנגעפילט מיט קינאה צו דיין געליבטע, ווען כ'וואָלט געווען זיכער אַז דיינע געפילן זענען שטאַנדהאַפטיקע. אַזאַ געליבטע איז געווען נאָר אַ בעטריטשע. ווי האָסטו גאָר געגומען אַזאַ פּאָעטישע געליבטע אין די היינטיקע ניט־פּאָעטישע צייטן? אפשר שווימסטו אַרום אין אילוזיעס און דיין געליבטע איז ניט מער ווי אַ דולציניעא, און וועלכע עס ווינט גאָר אַ טריקענע נשמה?

יונהן ווילט איר ראַפינירטע שפּיל. זי וויסט דאָך זייער גוט וועמען ער מיינט אין וועמען ער איז פאַרליבט. ער וואָגט דאָס איר ניט אָפן צו זאָגן, זעצט ער פאָר די ווערטער־שפּיל:

— אויך איך האָב געפונען אַ בעטריטשע, כאָטש מיין ליבע איז אַן איינזייטיקע, ווייל ווי קען אַזאַ ליכטיקע פּרינצעסין ליב באַקומען אַזאַ פּשוטן קיבוצניק ווי מיך?

יונה וויסט אַז אין וויעראַן ווינט ניט קיין טריקענע נשמה נאָר אַן אַטראַקטיווע, אינטערעסאַנטע וועלט וואָס איז פאַר אים נאָך פאַר־מאַכט, אַ וועלט וואָס וועקט רעספּעקט און גלוסט, מיט אַ פּחד זי ניט צו פאַרלירן. דעריבער דערלויבט ער זיך ניט צו פיל רעדן וועגן דער אַבסטראַקטע געליבטע. אויך זי פאַרקערווט דעם שמועס און רעדט, ווי ליב זי האָט איר טעכטערל. צוליב וועמען זי וועט, פון איצט זיין געצוווּנגען אָפּטער צו קומען אין קיבוץ. זי לאָזט אַפילו ניט פאַלן קיין רמז אַז אויך צוליב אים וועט זי אָפּטער קומען און אפשר איז זי אַליין אין דעם זיך ניט חושד?

ערשט ביים געזעגענען זיך, נעבן דער אויטאָבוס־סטאַציע, געשעט, דאָס אַזוי ספּאָנטאַניש, אומגעריכט פאַרביידע, באַגעגענען זיך זייערע

ליפּן. אין דער ערשטער רגע פֿאַרלירן זיך ביידע און ווידער פֿאַלן דאַר־שטיקע צו די ליפּן, זאַפּן דעם הייסן אָטעם, דעם סם פֿון ליבע געגאָסן פֿון מויל צו מויל. ביז זי צעלאַכט זיך מיט אַ טײַוולאַניש־זיסן געלעכטער:

— ניט שיין בחור, ווי מעגסטו פֿאַרראַטן אַזאַ וווּנדערלעכע געליבטע, וואָס דו פֿאַרמאָגסט, מיט עפּעס אַ פּרוי וואָס האָט צופֿעליק פֿאַרבלאָנ־דזשעט אין דײַן קיבוץ? דו ביסט טאַקע ניט שטאַנדהאַפֿטיק, אָבער שוין אויפֿן שוועל פֿון אויטאָבוס הערט זי זײַנע ווערטער:

— זאָרג ניט פּרוי וויערא, כ׳וועל מײַן געליבטע קיינמאָל ניט פֿאַרראַטן!

גייענדיק צוריק פֿון אויטאָבוס, טראַכט יונה — פֿון וואַנען נעמט זיך צו דער, וואָס האָט יאָרן געלעבט אין פּחד פֿאַרן טויט, אַזוי פֿיל הומאָר, לעבנס־לוסט, אַזאַ קאַפּריזנע חנעוודיקייט, אַזאַ עכטע ווײַבלעכ־קייט, ווי קומט צו אַ וויסנשאַפֿטלעכן מוח אַזאַ פֿאָטעישער נשמה?

שלאָפֿט שוין דאָס פֿעלד, עס רוט אַפֿילו דער ווינט. עס שלאָפֿן די קי אין די שטאַלן, די פֿייגל אין די נעסטן, מאַן און ווײַב אין די בעטן, עס שלאָפֿט דער מענטשלעכער עול, נאָר יונהס בענקשאַפֿט שלאָפֿט ניט, ניט דער ליבע־פֿלאַם וואָס וויערא האָט אין אים אָנגעצונדן.

די בענקשאַפֿט טרײַבט אים אַלץ אָפֿטער צו באַזוכן איר טעכטערל, וואָס איז אים געוואָרן אַזוי אייגן און נאָענט. דאָס קינד בענקט נאָך אַ טאַטן וואָס איז ערגעץ ווײַט, און זיך צוגעבונדן צו יונהן, זי דערפֿרייט יעדעס מאָל ווען ער קומט צו איר, ער נעמט זי אויף אַ שפּאַציר און רעדט מיט איר וועגן איר מאַמען. צי ווייסט דען ניט די קליינע אַז אויך ער האָט ליב איר מאַמען? ווילן ביידע אַז איר מאַמע זאָל וואָס גיכער קומען און יונה חלומט ווידער צו קושן אירע ליפּן, כאָטש אַן אינערלעכער אומרו וואָרנט אים ניט צופֿיל מגזים זײַן. אפֿשר זענען אירע קושן ניט מער ווי אַן אויסדרוק פֿון אַ פֿרײַנטלעכן דאַנק פֿאַרן אָפּגעבן זיך מיט איר טעכטערל? אָבער אַ האַרץ איז ניט לײַכט אָפּצונאַרן, פֿילט ער דען ניט די וואַרעמקייט וואָס שפּראָצט פֿון איר. פֿון דער זיסקייט פֿון אירע ליפּן, קען דען דאָס זײַן בלויז אַ חלום, אַן אילוזיע? איז דען איר גיכן קומען ניט קיין באַווײַז אַז אויך זי איז גאָרניט גלײַכגילטיק? אַז אפֿשר שפּאַנט ער אַרײַן אין אַ נײַ לעבן? אָבער ווער ווייסט, וואָס עס קען ווערן פֿון אַזאַ ליבע, ווען וויערא איז מיט דער שטאָט אַזוי פֿאַרבונדן?

קומט וויערא אַלץ אָפטער צו איר טעכטערל, אַלץ אָפטער באַגעגענען זיך זייערע ליפּן. די זון שמעלצט זיך פון גוטסקייט און לאַשטשעט זיין חלום. מיט יעדן טאָג ווערט וויערא אים טייערער, זיין בענקשאַפט אַלץ גרעסער. איר אָפט קומען פאַרטרייבן די ספיקות, דעם אומרו, ער ווערט אַלץ דרייסטער און גליקלעכער, אַלץ מער געפאַנגען פון איר פערזענלעכקייט, פון דעם צויבער פון איר שמייכל, וואָס וואַרעמט זיין גייסט, וואָס טראָגט אַזוי פיל צוזאָגן און וועקט געהיימע פאַרלאַנגען.

אויך ווען ער איז אַליין מיט זיך איז ער אַלץ מיט איר. ער שפּאַנט אין איר שמעקנדיקן גאָרטן. ער שפּרייזט איבער די שמאָלע קיבוצישע שטעגלעך און שעפּטשעט איר נאָמען. די נאַכט פאַרשפּרייט איר כישוף. פון די אָפענע קיבוצישע פענצטער טראָגט זיך אַ געזאַנג פון פאַטעפאָנען. עס עפנט זיך אַ טיר: „גוט אָונט נחמה! „אַזאַ פיינע נאַכט, אַזאַ קיל ווינטל“, זאָגט די לערערין מנוחה און גייט אַריין צו איר שכנה. זי טראָגט אַ לייכט געבלימט קליידל. אין אַנדערע שטובן טרינקט מען טיי און מען דערציילט רכילות. אונטער דעם פאַרהאַנגענעם פענצטער ווינט פאַניאַ מיט איר קרענקלעכן מאַן. יונה האָט קיינמאָל ניט געקענט, אָן אַ האַרץ־ציטער, דורכגיין פאַרביי דאָס פענצטער, ווער האָט אים אַזוי פּלוצים אויסגעהיילט פון די פלאַמיקע געפילן צו פאַניען? איצט ווייסט ער גענוי, אַז נאָר וועגן וויעראַן, האָט ער זיין גאַנץ לעבן געחלומט, נאָר צו איר האָט שטענדיק געבענקט, אַפילו ווען ער האָט זי גאָרניט געקענט. אין וועמען ער האָט אין זיין לעבן געקושט איז דאָס געווען נאָר וויעראַ.

ווי קען אַ פאַרליבטער אָן אָרט זיך געפינען, ווען די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט אַראָמאַט, אָנגעזאַפּט מיט אירע קושן? לאָזט זיך יונה, פאַר בענקשאַפט אַוועק, אויף אַ קורצן אורלויב, קיין גליל. צו דער שיינ־קייט פון די נאַקעטע בערג, אין די בערג מיט נאָדל־ביימער, צו גאָפּן צו די גרינע געוויקסן—דיוואַנעס צופוסנס פון די בערג. דער אויטאָבוס טראָגט אים אַלץ העכער, איבער שמאָליקע וועגן, צו באַרגיקער הויכקייט. עס קרעכצט דער מאָטאָר און דורך די פענצטער רייסט זיך אַריין די גלאַזורענע בלויקייט פון כנרת אין וועלכע עס טובלען זיך די פאַרנאַכטיקע זון־שטראַלן. ווילט זיך יונה טובלען אין דער מוזיק פון פאַרנאַכטיקער שטילקייט און דער געטלעכער שיינקייט, וואָס טראָגט אירע געזאַנגען

צו די הימלישע רוימען. אין דער דיכטערישער וויזיע מיט לויב צו אַלץ, וואָס אונטער דער שליטה פון שיינקייט, מיט פאַרבן־קלאַנגען און אָרקעס־טער־טענער פון דער וווּנדערבאַרע נאַטור־סימפאָניע, וואָס בלאַנדזשעט אַרום און וויגט איין דעם גליל אין פאַרנאַכטיקן באַנג, ווען די פייגל געזעגענען דעם טאָג מיט געזאַנג, ווען די בערג צעקושן זיך מיט די זילבערנע וואָלקנס און די זון טינקט זיך אין ראָזע און ליליע־קאָלירן, און פּירט יונהן אַריין אין דער מיסטעריע פון נאַכט, וואָס שענקט גנאָד צו זיין פאַרליבט האַרץ?

צוגעטוליעט צו די פעלזיקע בערג, אונטער צעדאַווּנטע שטערנס, שלאָפט די שטאָט צפת, אַ פאַרזונקענע אין נסתר, קבלה און שכינה. עס דרעמלען די ראָמאַנטישע געסלעך פון איינגעהויקערטע הייזלעך, איינ־געהילטע אין תכריכים, אין שפּינען־געוועב פון דורות. געבוירענע אונ־טערן לאַסט פון סודות. אויסגעבאַדענע אין פרומקייט. אין דער פינצטער שליידערן זיך, אין הייליקן אַפּשיין, צווישן בית מדרש און חסידישע קלויזן, ניט־זעענדיקע שדים און מזיקים. דער יצר הרע אַליין פאַרשטעלט אין אַ זינדיקע נקבה בלאַנדזשעט אַרום אַ פאַרשייטע איבער די געסלעך פון זוהר, ווי אַ לונאַטיקערין.

ווען דער פרימאָרגן־ליכט פאַרלעשט די נאַכט און רייסט אַראָפּ דעם שוואַרצן שלייער, דעקט זיך אויף דער גאַנצער עלנט פון די געסלעך־לאַבירינט, פון די נידעריקע הייזלעך פאַרגעלטע, מיט פאַרקראַטעוועט פענצטערס, מיט בלינדע, האַלב־אָפענע טירן, אונטער צעבראָכענע שינדל־דעכער, צעקרימטע ווענט מיט אָפּגעריסענעם טינק און צעפוילטן קורקאַר, אונטער פאַרשימלטע הילצערנע בעלקעס, צווישן טוכלענעם־ריח, הענגט די פרומקייט און דער דלות אויף האַלב צעריסענע פאַרקאַנעס טריקנט זיך וועש און יידענעס מיט פאַרטרוקנטע, פאַרמעט־פנימער און געשוואָלענע פיס, סודען זיך שטיל. פלאַכע טרעפּלעך פירן איבער שמאָלע געסלעך, דורך פאַדער־הייזלעך און טונקעלע היף, באַהאַנגען מיט גאַניקלעך, צו האַלב־פינצטערע שטובן. ס׳קוקן אַרויס, פון די פענצטערס, אויסגע־לאָשענע, קאַלטע אויגן. די שטובן ווי לעבעדיקע איבערגעטראָגן פון דער יידישער אָרעמקייט פון פוילישע שטעטלעך, מיט די זעלבע איבערגעדעקטע בעטן, מיט קאָלדרעס פון אויסגעריבענעם פלוש, מיט די זעלבע הינקענ־

דיקע טישן, מיט די זעלבע מעשענע שבת־לייכטער און מיט פּאָרטרעטן פון ווילנער גאָון און באַראָן הירש, מיט די זעלבע מאיר בעל־נס־פּושקעס, מיטן זעלבן קנאָבל־ריח, מיטן זעלבן עלנט, מיטן זעלבן שוסטער פון רייזנס „העמערל, העמערל קלאַפּ", ביי אַן איינגעבויגן פענצטער מיט שפּינוועבס באַצויגן.

איז צפת ניט בלויז מיט קבלה און לעגענדעס, ניט בלויז מיט קברים קדושים און צדיקים נאָר אויך מיט בלוט, מיט טרערן און יסורים אָנגעזאָפּט. ניט זעלטן האָט איבער דער שטאָט פון מיסטיק געפּאַכעט בלוטיקע שווערדן. יידן האָבן דורות לאַנג געליטן פון גוואַלד־טאַטן און געווען קרבנות פון דעם מולך פון מלחמה. איצט איז צפת באַצירט אויך מיט מאָלערישע סטודיעס פון מאָדערנעם אַבסטראַקט. אַ גליק וואָס גאָט איז ניט געווען קיין אַבסטראַקטער מאָלער אַניט, ווער ווייסט, וואָס פאַראַ משונהדיקע וועלט ער וואָלט מיט זיין געטלעכן פענדזל אויסגעמאָלן?

גאָטס וועלט איז דאָך געמאָלן אין קלאַסישן סטיל, נאָר די הייזלעך סורעאַליסטיש, די מיידלעך מיט ברענענדיקע אויגן גאַנץ ראָמאַנטיש און די קיילעכיקע יידענע וואָס שיילט, ביי דער שוועל פון איר הייזל, קאַרטאָפל און דער בחור וואָס לערנט גמרא ביים פענצטער זענען פון ריינעם רעאַליזם.

אַ לעבעדיק רעאַליסטיש בילד, איז אויך דער מאָגערער ייד מיטן אַסקעטישן פּנים, וואָס לאָזט זיך אַריין אין אַ זייטיקן שילעכל, גלייך צום אָרון־הקודש, צו דער תורה קדושה וטהורה, וואָס האָט די שטאָט צפת אויסגעהיטן פון שריפות, ערד־ציטערנישן און מגיפות, גורם געווען נסים ונפלאות און אים בערישן בן יצחקן געשאָנקען פּרנסה בכבוד און בעזרת השם צוויי געראָטענע טעכטער, צו וועלכע עס פעלט אים בלויז נדנים. נאָר דער וואָס לעבט אייביק, וואָס האָט ביז איצט אים פאַרזאָרגט, וועט אים ווייטער ניט פאַרלאָזן. גאָט האָט אָבער געבוירן אויך זינד און יצר־הרע. גרייט מען טאָקע, אין אַ נאַכט־לאָקאַל, צו די נאַכט־טענץ, אַ יונגע טענצערין פּאַרעט זיך אין דער גאַרדעראָבע, זוכט אָנצוטאָן עפּעס צו זיין וואָס מער אויסגעטאָן. אין קיך גרייט מען קאַלטע געטראַנקען צו לעשן די הייסע געמיטער.

אין האַלב־קרעטשמעס, האַלב־רעסטאָראַנען זיצן יידן פון ווייטע שטעט

אַנטלאָפּענע אָהער פֿון חמסינען, פֿון אייגענע ווייבער, קוקן אויף די אויסגעקרומטע הייזלעך, מיט צעבראָכענע גאַניקעס, און טראַכטן — מיט וואָס קען אַ ייד זיך פּאַרוויילן אין צפֿת? אַ פֿאַבריקאַנטל פֿון קינדערישע שפּילצייג קלאָגט זיך פֿאַר אַ צעפֿלויגענעם זשורנאַליסט אויף דער חוצפּה פֿון זיינע אַרבעטער, וואָס פֿאָדערן אַ לוין־העכערונג, איז ער דען מחויב אויפֿצוהאַלטן פֿאַר זיי אַ פֿאַבריק? אַ פֿליישיק, אויפֿגעקומענע גבירטע קרימט מיט דער נאָז, געמיינט אַז צפֿת איז עפּעס אַ ליטישע שטאָט.

אין אַ צווייטן רעסטאָראַן טרינקען אַמעריקאַנער טוריסטן טערקישע קאַווע און לאָדן אָן זייערע פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן אויף די דורכגייענדיקע יידן, מיט לאַנגע פּיאות, שוואַרצע זשופּיצעס, מיט שטריימלען אויף די קעפּ, וואָס שפּאַנען אין צעפּראַלטן גאַנג צו די בתי־מדרשים, פּאַרטיפֿטע אין תורה, תלמוד און ש"ס און וואַרפֿן מיט פּסוקים פֿון די תנאים און אדמורים, פֿאַר די טוריסטן זענען זיי זעלטענע עקספּאָנאַטן, וואָס זיי כאַפּן אויף אין הייליקן לאַנד.

די נייע אויפֿגעבויטע פּענסיאָנען און האָטעלן זענען מיט מאָדערנעם קאָמפֿאָרט און גלאַנצן, מיט זייער נאַכט־ליכט, גלייך צום חרמון. קומען דאָ יידן פֿון דער וועלט און רייכע פֿון ישׂראל מיט זייערע פֿרויען. יידן מיט פֿאַרגעפֿלטע נעכטנס, וואָס האָבן ניט פֿיינט קיין כבוד און קיינעם ניט ליב, גלויבן ניט אין קיין זאַך חוץ אין געלט, קומען קיין צפֿת זיך אָפּקילן פֿון די היצן און פֿירן, ביי אַ גלאָז קאַווע, אָדער ביר געמיטלעכע שמועסן. ביי אַ זייטיק טישל זיצן דריי חשובֿע מענער מיט צוויי פֿרויען און רעדן וועגן היינטיקע און נעכטיקע טעג. דער דינאַמישסטער פֿון זיי איז אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט, וואָס האָט אַמאָל פֿאַרמאָגט אַ פֿאַבריקל אין איז רייך געוואָרן פֿון מאַכן אַ בורא־מאורי־האש. ער איז אויך אַ זשור־נאַליסט וואָס לערנט יידן שׂכל. מען קען טאָקע אַ סך לערנען פֿון אָט דעם פֿעדער־אַקראָבאַט און זשאָנגלער פֿון ווערטער וואָס איז אַ גרויסער מייסטער אַלעמען צו קריטיקירן, אַריינזאָגן ביז אין דער זיבעטער ריפּ. ווער קען אַזוי ווי ער גיסן שוועבל אויף די לינקע און אויף די רעכטע. אויף די רעגירונגען און אָפּאָזיציעס. אויף די חוצפּהדיקע דיקטאַטאָרן און כּאַרפּוילטער דעמאָקראַטיע? ווער פֿאַרדינט דען ניט פֿון אים געשמיסן צו ווערן? שפּאָט ער טאָקע מיט זיין שפּיזיקע פֿעדער פֿון באַנקראָטירטן

קאַפּיטאַליזם און געפּעלשטן סאָציאַליזם, פון פּאַטריאָטיזם און פון דער רויטער פאָן. ער זידלט דעם אַלטע אָפּגעלעבטן דור מיט אירע צעפּוילטע אידעאַלן און דער צעטומלטער יוגנט וואָס זוכט אַן אידעאַל אויף אַ רפואה. דעם פאַרצווייפלטן דור אַן אַ טעם אָן אַ ציל. די אַוואַנטוריסטישע אַנאַר־כיסטן, וואָס לאָדן זיך אויס אין ברוטאַלן טעראָר, אָדער זיי די וועלט־הערשערס פון די געאָרדנטע מדינות, וועמענס צילינדער־פאַרשטייער דעקלאַמירן, פון אַלע וועלט־בינעס, הויכע שלום־אידעאַלן, וווען זייערע געהיים־דינסט קריכט פון דער הויט צו מישן דאָס וועלט־געמויזעכץ און אונטערהייצן בלוטיקע קאָנפליקטן. מיט אַזאַ פּערל־שפּראַך רעכנט ער זיך אָפּ מיט הערשערס און אַנאַרכיסטן, מיטן אַלטן דור און מיט דער יוגנט. ער רעדט וועגן די וועלט־מושלים ווי ער וואָלט ציטירט באַקונינען, וואָס שטערט אים ניט צו זידלען די אַלע וואָס וואָגן זיך צו בונטעווען קעגן די מושלים און ער באַפאַלט זיי מיט אַזאַ מענה לשון ווי: „פאַר־שלעפּטע קרענק, פאַרשייטע חוצפּהניקעס, פאַרשפּעטיקטע ביטניקעס, ניי־ער לינקס פון כאַאָס, היפּעס וואָס זוכן מיט ליכט אַ שטיקל אידעאַל נאָר דער עלטערער דור האָט זיי צוגעגרייט שווילטאַג און אַ גרויסע פייג”. ער מאַכט אויך צו שאַנד און צו שפּאָט אַלע וואָס רייסן זיך נאָך מאַכט, געלט; פון אַלע בענקלכאַפּערס און כבוד־זוכערס פון אַלץ פאַר וואָס ער אַליין איז גרייט זיין נשמה צו פאַרקויפן. זיין קליין ווייבעלע האָלט פאַר איר חוב צו רימען איר „גרויסן” מאַן דעם זשורנאַליסט, ער מאַכט אָבער אַ באַשיידענע מינע און זאָגט צו איר הויך:

— איך האָב ניט ליב, אַז מען רימט מיך, איך נויטיק זיך ניט אין רעקלאַמע!

מאַכט זי אַ באַליידיקטע מינע און ענטפערט אים מיט אַ שטרענגן טאָן:

— איך בין גענוג זעלבסטשטענדיק צו האָבן מיין אייגענע מיינונג, איך בעט מיר ניט צו שטערן אין די רייד!

איר גאַנצע זעלבסטשטענדיקייט באַשטייט בלויז אין רימען איר „גרויסן” מאַן וואָס שפּילט מיט גרויס טאַלאַנט זיין קאָמעדיע.

דאָס צווייטע פּאָרל זענען רייכע רעוואָלוציאָנערן, גרויסע מאַרקסיסטן, וואָס האַלטן זייער „קאַפּיטאַל” אין שווייצאַרישע בענק. זיי זענען אָבער שטאַרקע אָנהענגער פון „קלאַסן־קאַמף”, פון „וועלט־פּראָלעטאַריאַט”. זיי

האָבן אַמאָל געלויבט סטאַלינען און דערנאָך פאַרזיכערט אַז פּרצנס אידעאַלן ווערן פאַרווירקלעכט אין קאָמוניסטישן כינע. זיי טיילן צו אַ פילאַנטראָפּישן שמיכל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און באַקומען דערפאַר אַ שטאַרקן „בראַוואָ”. שלום־עליכם איז ביי זיי אַ „פּראָגרעסיווער” שרייבער זיי פאַרמאָגן אָבער ניט קיין טראָפּן געפיל פאַר הומאָר צו פאַרשטיין ווי פאַלש זיי שפּילן זייער קאָמעדיע.

צווישן ביידע חשובע פאַרלעך זיצט אַן אַלטער איינזאַמער מאַן און שווייגט מער ווי ער רעדט. שוין אין די הויכע אַכציקער, הערט ער קוים, וואָס אַנדערע רעדן און שווימט אין אייגענע זכרונות. אַמאָל האָט זיין נאָמען ברייט געקלונגען צווישן די סאָציאַליסטן אין פוילן. געווען שטענ־דיק עלעגאַנט געקליידעט, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, געפירט אַ שטיקל פלירט מיטן קאָמוניזם, געזוכט אַ טעריטאָריע פאַר אַ יידישע מדינה און צום סוף זיך פאַרליבט אין ציון. אָבער פון די אַמאָליקע צייטן זענען אים געבליבן די שענסטע זכרונות. די יידישע יוגנט אין די שטעטלעך זענען געלאָפן הערן זיינע רעפעראַטן, געהאַט אַ טאַלאַנט צו ר'עדן און באַקומען דערפאַר אַפּלאָדיסמענטן. געהאַט אַ באַזונדערן טאַלאַנט זיך אַליין צו רימען אַריינפלעכטן זיין נאָמען צווישן די וויכטיקסטע גע־שעענישן און גרעסטע פערזענלעכקייטן. ווי ער וואָלט געווען דער „פּעמפּיק” פון דער וועלט און ווי אַלע „גרויסע” מענטשן געהאַט זיינע קאַפּריזן, אָבער סאָציאַליזם און ווייבער האָבן ביי אים פאַרנומען דאָס חשובסטע אָרט אין זיין לעבן. סאָציאַליזם האָט אים צוגעטראָגן כבוד, ווייבער, פאַר־גניגן. האָט ער רעפערירט וועגן פּאָליטיק און ליטעראַטור און געקושט ווייבערישע פיסלעך, וועלכע פלעגן אים באַוואָרפן דערנאָך מיט ברייוו און טענות: — „ווי האָסטו פאַרגעסן אַזוי גיך אין מיר, אין דיינע הייסע קושן און שיינע צוזאָגן?” ער האָט זיך אָבער גאָר ניט געפילט שולדיק און געקושט אַנדערע. ער איז אָבער געווען געבוג געטריי זיין פרוי, ווען ער פלעגט קושן יונגע ווייבלעך אויף דער פּלאַזשע ביי דער ווייסל, אָדער שפּעט אין דער נאַכט אין גערטנערס קאַפע אויף דער לעשנאָ גאַס, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו רימען זיין אייגן ווייב. זי איז טאַקע ווערט געווען אַ לויב, זי איז געווען דאָך געטריי, שווער געאַרבעט, גע־האָלפן אים אין דער פאַרטיי־טעטיקייט און דערצו געווען געבוג קלוג,

ניט אַרויסגעוויזן קיין קינאה, כאָטש ערגעץ טיף האָט מסתמא געשטאָכן אַ ווייטיק.

ער האָט קיינמאָל ניט, ווי אַנדערע פּאַרטיי־פירער, זיך געבלאָזן. צו אַלעמען געווען פריינטלעך און דעמאָקראַטיש, ניט געשעמט זיך צו קושן אַפילו פּראָסטע שניידערקעס, כאָטש זיין ווייב, די דאָקטאָרין האָט דאָס געהאַלטן פאַר ניט היגעניש. זענען דאָס געווען אומפאַרגעסלעכע גוטע צייטן, עס האָט אים ניט געפעלט קיין כבוד, די יונגע ווייבלעך זענען געווען זיס ווי האָניק, געלעכצט נאָך אַ פלירט, נאָך אַ קאָמפּלימענט און נאָך עפּעס מער.

צי דאָס איז געווען אַ קאַפּריזנע אַרטיסטקע אָדער אַ ווייבל פון אַ גוטן פּאַרטיי־חבר. אַפילו אַ בירגערלעך ווייבל איז דאָך אויך ניט טריפה. ווער עס האָט אימפּאָנירט מיט אַ געטאָקטן געשטאַלט, ווער קאָקעטירט מיט אַ פּאַריסן נעזל און פּאַרשנאָרוולט פּיסקל, ווער געוויקלט זיך אין זיידענע קליידלעך. יעדע איז געווען אַ שטיק צירונג. ניטאָ מער די יוגנט וואָס האָט אים אַפּלאָדירט, זיין געטריי ווייב איז געשטאָרבן, די קאַפּריזנע ווייבעלעך אַוועק מיטן אַש. ניטאָ מער דאָס פּוילן, ווי יעדער האָט אים געקענט. אַפילו די נאַכט־וועכטער פלעגן ציען פאַר אים דאָס היטל, ווען ער פלעגט אין די שפּעטע נעכט אַהיים באַגלייטן אַ געליבטע. אַפילו אַ פּוילישער פּאָלקאָווניק האָט מיט אים זיך געחברט, אַ געוועזענער סאָציאַליסט וואָס האָט ניט פיינט געהאַט קיין וואָדקע, און ליב געהאַט פערד און ווייבער. אָבער דאָ אין ישראל ווער קען אים דען? ווער ווייסט דאָ ווער דער אַלטער איז אַמאָל געווען?

זינדיקן דען חשובע מענטשן מיט באַשיידנקייט? זיי מיינען אַז די וועלט איז אַ טעאַטער־בינע און אפשר איז זי גאָר אַ קאָמעדיע פון טעותן? יידן האָבן אַרויסגעגעבן גאונים אויפן געביט פון וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע, אָבער מיט פּאָליטיקערס און פּאַרטיי־עסקנים האָט זיך דאָס יידישע פאָלק ניט וואָס צו גרויסן. אין דער פּאָליטיק עקזיסטירן ניט קיין „גרויסע" מענטשן נאָר גרויסע איינרעדענישן וואָס זענען אָפט מער אומשטערבלעך ווי די אומשטערבלעכע „גרויסקייטן".

דערפאַר איז דאָך די נאַטור אַזוי אויפריכטיק און ערלעך, ווי דאָס האַרץ פון אַ פאַרליבטן. טרייבט יונה אַרויס פון זיין מוח די שלעכטע

געדאַנקען און עס בלייבט נאָר דאָרט בלויז זי זיין געליבטע וויערא.
אַט באַגילטן שוין די זון־שטראַלן די קרויגנען פון די בערג. עס צינדן
זיך אויפן הימל די שטערן און די טויזנטער ליכטלעך פון די אַרומיקע
ישובים. ליכט פון אונטן און ליכט פון אויבן און מיטן אַ קעניגלעכער
זומער־נאַכט. ניטאָ קיין פרי, ניטאָ קיין שפעט, קיין דנאָ, קיין סוף, די
אייביקייט איז ווי אַ ראָד און אַן אָנהייב אָן אַן ענדע און וויפל מיר זאָלן
ניט קלעטערן אויף די הויכן פון שכל וועלן מיר צו קיין שפיץ ניט
דערגרייכן. צי בויען מיר ניט אונדזערע אַבסאָלוטע דאָקטרינעס ווי
שלעסער אין דער לופטן? אונדזער שטאַרקסטע געווער איז די פאַנטאַזיע.
אַפילו די פינקטלעכע מאַטעמאַטיק איז פון איר געבוירן. מיט לאָגיק
אָדער „קלאָרן שכל" קען מען די יסודות פון דער עקזיסטענץ ניט באַ־
נעמען און ניט דערקלערן. אָבער וואָס איז ליבע? אפשר אַ קראַנקייט,
אַ שיכרות, אפשר גאָר אַ פונק פון דער אייביקייט? וואָס איז וויערא?
אַ קלאַנג פון צעזונגענע פאַרנאַכטן, די שמעקנדיקע פרישקייט פון פרי־
מאָרגנס מיט באַטעמטע ליפן און פערל־ציינדלעך. אַ ליבע, קרעפטיק און
הייס־בלוטיק געשטאַלט. וואָס וואָלט יונה געטאָן אָן איר? דאָס מזל האָט
אַזוי אומגעריכט אים געפּאַקט, אַזוי אומגעריכט צו אים פאַרבלאָנדזשעט.
האָט דאָך אַ פוילישער מיסטעריעזער מאַן, אַ מין מעפיסטאָ, צי אַ נביא,
אויף די וועגן פון זיין וואַגל יונהן געוואָרנט אַז ער וועט לייזנשאַפטלעך
ליב האָבן. צי זאָל דאָס יונה באַדויערן, וואָס פאַראַ טעם האָט אַ לעבן
אָן ליבע? צי קען מען באַשטראָפט ווערן פאַר צו שטאַרק ליב האָבן?

איז שטיל די נאַכט איבער צפת ווי אַ געטלעכע תפילה. די מיסטעריע־
זע געסלעך אין נעפל איינגעהילט. אָט גייט דורך אַ לאָמער בעטלער,
אָדער אַ ל"ר־ניק. עס שפּאַנט אַ מויד מיט לאַנגע צעפּ. פון ערגעץ טראָגט
זיך אַ קינדיש געוויין. איילט יונה צו די קרומע שטיגן, ווו עס וואַרט
אויף אים זיין געלעגער. עס שלאָפט שוין דער בעל־הבית, אַ מידער נאָך
אַ טאָג שווערער אַרבעט אויפן בנין. זיין פאַרדאגהט ווייבל איז נאָך
וואַך און רעדט זיך אָפּ פאַר יונהן פון הארץ:

— אַז מען האָט דריי שוועלבעלעך צו קאָרמען מוז מען שווער אַרבעטן.

דער פאַרטאָג וועקט יונהן פון שלאָף און די בענקשאַפט טראָגט אים
מיטן אויטאָבוס צוריק צו זיין קיבוצישער היים. פאַר זיינע אויגן לויפן

אַוועק די באַרגיקע פּאַנאָראַמעס, דער בלויער כנרת, די פלאַכקייטן מיט שלווה, אין ליבע איינגעהילט. אַנטלויפט פון נאַקעטן גליל צו די בערג פון אפרים, צום גלבוע, מיט אירע האַרטע פאַרשטיינערטע ערד צווישן וועלכע עס שפּראָצן אַרויס איינזאַמע פּאַלמעס. אַ חרוב אַראַביש הייזל, ווייטער אַ פּאָר ליימיקע שטיבלעך ווי קברים. מיט אַ סודותדיקן זשומען לויפט דורך דער ווינט, ווו אַהין איילט ער? אין האַרצן לויטערט אַ צאַרט געפיל אַט איז באַלד דער עמק. דאָרט וועט ווידער קומען צו אים זיין געליבטע. ווער איז וויערא, פון וואָס פאַראַ פיינעם מאַטעריאַל איז זי געקנאַטן, וואָס צווינגט אים אַזוי שטאַרק זי ליב צו האָבן? וואָס שטעקט אין איר נשמה, וואָס איז געווען איר לעבן, וואָס איז איר חלום?

אין קיבוץ הערשט אַ גליענדיקע היץ. די בלעטער פון דיביימער גיבן זיך ניט קיין באַוועג. די לופט אַנגעזאַפּט מיט ריחות פון די שטאַלן. די חברים פאַרהאָרעוועט, קוקן אויס אַ פאַרנאַכטיק ווינטל. און יונה קוקט אויס זיין געליבטע. ווען עס פאַלט צו דער אָונט, נעמט דרעמלען דער עמק, נאָר די ליבע איז וואַך.

טייל 2

א

אַ באַפּרייטע פּון אוישוויץ רייסט זיך די יונגע וויעראַ קיין ישׂראל, וואָס איז געווען איר מיידלישער חלום. זייענדיק פּון גאָר יונג אין „השומר־הצעיר". דער פּיין פון אוישוויץ האָט זי געטריבן וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דעם לאַנד פון יידישע קברים. אירע קרובים אין ישׂראל דערוויסנדיק זיך אַז זי לעבט האָבן ניט געשפּאָרט קיין באַמיאונגען, קיין געלט און גלייך זי געברענגט אין לאַנד אַריין.

נאָך יאָרן פון הונגער, פּחד און גרויל דערפילט דאָ וויעראַ דעם גרויסן תענוג פון דער פרייהייט. עס צעבליט זיך ווידער איר מיידלישע רייץ. זי טובלט זיך אָפּ אין ברייטן ים פון תל־אביב, פון אַלע פּאָר־גאַנגענע קאָשמאַרן און טרינקט זיך אָן מיט זון און פרייד. עס ווילט זיך מיט ליבע אַרומנעמען די היימישקייט, די לאַכנדיקע קינדער, די יונגט וואָס טראָגט ניט קיין פּחד אין די אויגן, און אַריינאָטעמען אין זיך די מוזיק פון לעבן. דאָס לאַנד טראָגט אין זיך דעם אומרו פאַר אַ שטורעם. עס גרייטן זיך, דעמאָנסטראַציעס קעגן די ענגלענדער, מיט

פּראָטעסטן קעגן פֿאַרמאַכן די טויערן פֿון לאַנד, פֿאַר די מאַסן יידישע פּליטים, די געראַטעוועטע פֿון חורבן. מיט שפּאַנונג וואָס הערשט אין די יידישע שטובן מיטן פֿאַרשווונדן פֿון יידישע בחורים פֿון די היימען, וואָס גרייטן זיך צו נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט. די דינאַמישע געשעענישן, פֿילט אָן וויעראַן מיט אַ קוואַל פֿון ענערגיע, מיט אַ דורשט צו טעטיקייט. זי, וואָס האָט יאָרן געלעבט אונטערן שאָטן פֿון טויט, פֿילט זיך פֿאַרמשפּט צום לעבן. אָבער מיט אַ נייעם אינהאַלט, מיט נייע צילן. זי איז שטאָלץ צו טראָגן איר יוגנט, ווי אַ קרוין, ניט ווי אַ יאָך. „גוט מאָרגן וויעראַ!‟ טראָגט אַנטקעגן איר פֿאַרדאגהטע קוזינקע. אָבער וויעראַ האָט איבערגעלאָזט אויף יענער זייט וועלט אַלע פּיינען און דאגהס. זי פֿילט זיך מוראדיק פֿריי, אַ באַשטראַלטע פֿון גליק, באַרוישט פֿון אומבאַקאַנטע כוחות, אַ באַנייטע נאָך יאָרן פֿון קאָשמאַרע ליידן, מיט אַן אינערלעכע אויפֿלעבונג. אָבער נאַרישע מויד וואָס דו ביסט! וואָס איז דיין שמחה, האָסטו שוין פֿאַרגעסן אין אַלץ וואָס דיר איז געשען? איז דען גענוג צו זיין לעבנסלוסטיק און אָפּנהאַרציק? אייגנטלעך האָסטו נאָך גאָר ניט דערגרייכט חוץ דיין פֿרייהייט, צי ווייסטו וואָס לעבן איז, וואָס עס וואַרט דיר נאָך אין לעבן?

יאָ, וויעראַ ווייסט וואָס זי וויל. זי האָט אַ געוואַלטיקן ווילן צו לערנען, זיך אָפּגעמען פֿאַר די געפּטרטע יאָרן, זי לערנט פּסיכאָלאָגיע. זי האָט דאָך געזען די ברוטאַלע חיהשקייט און מענטשלעכע דערהויבנקייט, וואָס דרעמלט אין מענטש, וויל זי דערגרונטעווען צו די רעטענישן פֿון דער מענטשלעכער נשמה. צו די געהיימע אָפּגרונטן פֿון האַרץ־קלאַפּנדיקע שרעקן, צו די זאַפּטיקע קוואַלן וואָס רייסן זיך פֿון דער מענטשלעכער נשמה. דאָס איז אַ וויסנשאַפֿט וואָס רעדט וועגן זיך אַליין, וועגן די געפֿילן פֿון האַרץ און די געדאַנקען אין מוח. וועגן די אינערלעכע כוחות וואָס טרייבן און באַוועגן דעם ווונדערלעכן מעכאַניזם — דעם מענטשלעכן גייסט.

איז דען דאָ מער אינטערעסאַנטערס ווי אַריינצודרינגען אין די טיפֿענישן פֿון מענטשלעכע חלומות און זוכן דעם שליסל צום מענטשלעכן לעבן. אָדער לערנען די יסודות פֿון דער מענטשלעכער נאַטור, דערלערנען די גרענעצן און נאָרמעס פֿון מענטשלעכן טראַכטן? אָן פֿאַנטאַזיע

איז אוממעגלעך זיך אַביסל קלאָר צו מאַכן די יסודות פון אונדזער עקזיס־טענץ. אָן דעם דערקענען די פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון אונדזער מוח, איז גאָר ניט מעגלעך קיין וויסנשאַפטלעכע פילאָזאָפיע. די פּסיכאָלאָגיע לערנט אונדז דאָך צו פאַרשטיין די גרעסטע שאַנד פון אונדזער ציוויליזאַציע, דעם היטלעריזם, די טראַגעדיע — אוישוויץ; אויך דעם מקור פון מענטשלעכע פאַרדאַרבנקייט, מאָרד, פאַרברעכן. אפשר האָט וויעראַ אין אוישוויץ געלערנט פּסיכאָלאָגיע מער ווי מען קען דאָס לערנען אין די אוניווערסיטעטן? פּסיכאָלאָגיע איז דאָך אַ פאַרשלאָסענער אוצר, וואָס לאָזט זיך לייכט ניט עפענען, מען מוז לערנען און לערנען דאָס גאַנצע לעבן.

דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, אין מיטן דער נאַכט, קיינער שלאָפט ניט, מען זיצט ביי די ראַדיאָס, מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם ווערט אויפגע־כאַפּט די בשורה אַז דער אונאָ־אַנסאַמבלי האָט באַשטעטיקט דאָס אַנטשטיין פון אַ זעלבשטענדיקע יידישע מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל. ברעכט אויס אַ מעכטיקע שמחה. די מאַסן שטראָמען ספּאָנטאַן אַרויס אויף די גאַסן, מיט התלהבות, מיט גאַסן־מאַניפעסטאַציעס, מיט געזאַנג, מען קושט זיך פאַר פרייד. עס צעפלאַטערן זיך פענער און מען פאַרגעסט אין אַלע זאָרגן און שרעקן, כאָטש די אַראַבישע הערשער דראָען אָפן אַז זיי וועלן מיט געווער אין די הענט ניט דערלאָזן צום געבורט פון אַ יידישער מדינה. זיי קאָנצענטרירן שוין זייער מיליטער, אויך די ענגלישע מאַכט וויל דערצו ניט דערלאָזן. דאָס אַלץ קען ניט פאַרלעשן די שמחה. די התלהבות פאַר־ווישט די מחיצות צווישן מענטשן, וועקט סאָלידאַריטעט און געטריישאַפט און וויעראַ ווערט מיטגעריסן מיטן אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, מיט די צעשטורעמטע מאַסן.

די ענגלענדער, פאַרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זענען צעטומלט, ס'איז ניטאָ מער קיין געאָרדנטע מאַכט, זיי האָפן אַז אין דעם כאַאָס וועלן זיי דערטרינקען דעם יידישן חלום פון זעלבסטשטענדיקייט. עס געשעט אָבער אַז די פרייהייט וועקט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פון דעם כאַאָס, וואַקסט אַרויס די העכסטע אָרדענונג, וואָס שטראַלט אַרויס פון די טיפסטע מענטש־לעכע קוואַלן, ווי מען וואָלט געשטאַנען פאַר אַ נייעם בראשית, פאַרן געבורט פון אַ ניי לעבן, וואָס צעמענטירט דאָס פאָלק. טאַנצנדיק פאַר פרייד פאַרגעסט מען ניט צו גרייטן געווער צום פאַרטיידיקן און מען

מאָביליזירט גלייך די באַוואָפנטע גרופּן פון פּלמ״ח, אצ״ל און לח״י. דער ישוב ווייסט אַז די אַראַבער וועלן ניט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט.

אין מיטן העכסטן ענטוזיאַזם פאַלן די ערשטע אַראַבישע קוילן און און עס הויבט זיך אָן דער אָרגאַניזירטער אָנפאַל און אָרגאַניזירטע מאָרדן. דער ישוב שטעלט זיך אין שוץ פון איר לעבן. אויך וויראַ אָטעמט מיט געטריישאַפט צו איר פאָלק, וואָס רייסט זיך און גרייט זיך צו אַ ניי לעבן.

אין מיטן גרעסטן שטורעם, אין מיטן די גרעסטע איבערלעבונגען פון פאָלק, האָט וויראַ איר פּערזענלעכע איבערלעבונג. אויך זי גרייט זיך צו אַ ניי לעבן, פאַר איר אייגענער זעלבסטשטענדיקייט, פאַר איר פּערזענלעכן גליק, וואָס זוכט אַ וואַרעמע אייגענע נעסט פאַר איר עלנטע נשמה. אויך זי וויל פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן צווישן אייגענע פיר ווענט, מיט אַ געטרייען פריינד. זי איז יונג און פול מיט גלויבן, אַז מיט דעם הויכן אריהן וועט איר באַשערט זיין אַ גליק און זי וועט מער ניט זיין עלנט און אַליין. און אַז מען איז פאַרליבט באַמערקט מען דען די חסרונות פון געליבטן? טראַכט זי ניט צופיל, וואָס האָט זי דען צו פאַרלירן די איינזאַמקייט? און האָט גלייך מיט אים חתונה.

ערשט ווען מען לעבט צוזאַמען שטעלט זיך די מאָדנע פראַגע — פאַרוואָס האָט זי אייגנטלעך אַזוי זיך געאיילט, צי האָט זי אים גענוג געקענט, כדי צו פאַרבונדן מיט אים איר גורל, איר צוקונפט? דאָך האָט זי אים ליב. אריה איז אַן אַרבעטזאַמער אָנפאַנגער אינזשיניער, אַמביציעז און עגאָיסטיש. ער געהערט צו די גליקלעכע וואָס זענען שטענדיק זיכער אין זייער „אמת", ווייל צו זיין ניט זיכער פאָדערט זיך אַ גרעסערע אינטעליגענץ. ער געהערט אויך צו די וואָס שטעלן אין צענטער פון זייער שטרעבן, און העכער פון אַלץ דעם פּערזענלעכן דערפאָלג, אַלס אינזשיניער, פאַר ווען די קאָמפּליצירטע מעכאַניק פון דער מאַשין איז וויכטיקער פון די שענסטע מענטשלעכע געפילן. די קאָמפּיוטערס, די עלעקטרישע מוחות, וועלכע וועלן קענען באַוועגן מיט דער הילף פון עלעקטראָנישע וואַקלאַם־ליכט, און איבערשטייגן דעם מענטשלעכן מוח, זיי וועלן קענען אין איין מינוט דורכפירן צוויי טויזנט אַריטמעטישע אָפּעראַציעס פון פּלוס און מינוס. און מיט אַ גוואַלטיקער גיכקייט דורכ־פירן לאָגאַריטמישע חשבונות, גיכער ווי דער מענטש וועט קענען באַ־

ווייזן צו לייענען די מאַטעמאַטישע רעזולטאַטן. דער קאָמפּיוטאָר וועט ניט, ווי דער מענטשלעכער מוח אין עפּעס פֿאַרגעסן, ווייסט ניט, ניט פֿון קיין קאָפּ־ווייטיק, לײַדט ניט פֿון קיין סענטימענטן. אריה האָט דעם גרעסטן רעספּעקט פֿאַר דער מאַשין. צו וואָס פֿאַרלירן צײַט צו לייענען טאָלסטאָיען אָדער ראָמאַן ראָלאַן? ווי קען ער פֿאַרשטיין וויעראַן, פֿאַר וועמען די מענטשלעכע נשמה איז וויכטיקער ווי יעדער מעכאַנישער אַפּאַראַט אָדער טראַנזיסטאָר? איז אפֿשר דער זיווג צווישן דער מעכאַניק און דער פּסיכאָ־לאָגיע אַ ניט געלונגענער און ניט קיין גליקלעכער? קענען דען די באַ־ציאונגען צווישן צוויי מענטשן זײַן מעכאַניש? אויב וויעראַ לערנט, כּדי צו דערגיין צו עפּעס אַן אמת, איז אריהס וויכטיקסטע שטרעבונג צו דער־גרייכן מאַטעריעלן דערפֿאָלג און קאַריערע. פֿאַרוואָס האָט דאָס וויעראַ פֿריער ניט באַמערקט דעם ווײַטן מהלך צווישן ביידנס גייסטיקע וועלטן? וויעראַ קען זיך אויך ניט דערנענטערן צו זײַן משפּחה, וועלכע לעבט אין אַ גייסטיקע געפֿאַנגעניש. זייערע שמועסן דרייען זיך שטענדיק אַרום מאַטעריעלע נוצן. זײַן שוועסטער, אַ ניט קלוגע טאָכטער, מיט גראָבע בעק, וואָס האָט באַקומען, פֿון איר שווער, אַ שטיק מאָגערע ערד, וואָס מען קען ניט פֿאַרזייען, ניט פֿאַרפּלאַנצן, האָדעוועט זי, צווישן די קאַקטוס־קוסטן, הינער און בינען און מער ווי וועגן הינער און בינען קען מען מיט איר ניט רעדן. לויט זיי דאַרף אַ ווײַב ניט זײַן צו קלוג, ניט צו געלערנט, נאָר קענען גוט באַקן און קאָכן איז פֿאַר זיי וויעראַס לערנען, בלויז אַן אָנשטעל, אַ שוויץ, ווילט זיך וויעראַן, אין זייער געזעלשאַפֿט, נאָר גענעצן און אַפֿילו צוליב שלום־בית מיט אריהן קען זי זיך ניט אַרײַנשפּאַרן אין זייער וועלט פֿון ענגע געדאַנקען. האָט זי ניט געפֿונען קיין משפּחה־וואַרעמקייט נאָר פֿאַרלוירן איר זעלבסטשטענדיקייט. דערצו איז אריהן פֿרעמד איר טראַגישער נעכטן. אַ געבוירענער אין לאַנד פֿאַרשטייט ער גאָר ניט די טראַגעדיע פֿון זײַן פֿאָלק, ניט וואָס עס טוט זיך אין זײַן פּרויס נשמה. אַז עס איז ניטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך ווערט די ליבע־שיכּרות צערונען, ווי אַ פֿאַרטאָגיקער נעפּל. און וויעראַ טרוימט שוין וועגן אייגענער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס פֿאַרטראָגט ניט אַפֿילו אַז אַן אייגענער מאַן זאָל דיקטירן ווי אַזוי צו לעבן.

כאָטש אריה איז שטאָלץ מיט זײַן קלוג און געלערנטע פֿרוי, איז

ער אָבער צו עגאָסטיש זיך צו באַפרייען פון זיין מענלעכע גאווה און זי איז מיט אַ צו זעלבסטשטענדיקן געדאַנק ער זאָל קענען איר אַנוואַרפן זיין ווילן, זיך אַרט לעבן. אָבער די דינאַמישע געשעענישן אין לאַנד, דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה, דער אַראַבישער איבערפאַל, רוקן אָפ די פּערזענלעכע רייסענישן און אַז אריה ווערט מאָביליזירט איז וויעראַ איינציקער באַגער ער זאָל גיך צוריקקומען אַ גאַנצער. לעבט זי אין אומרו פאַרן גורל פון פאָלק, מיט דערוואַרטונג אויפן נצחון, אַז אריה זאָל אַהיימקומען, דאַך ווען זי גייט אַריין אין די הויכע חדשים פון שוואַנגערן, ווערן אַלע אירע געדאַנקען פאַרנומען מיט דעם, וואָס עס צייטיקט זיך אין איר שויס, דאָס אייגנס וואָס זי טראָגט אין זיך, פאַרשיכורט איר נשמה. די לעבנס־זאַמען צעברויזן אין איר די מוטער־ליבע צו דעם וואָס איז נאָך ניט געבוירן וואָס ליגט נאָך אין דער מוטער־שטייג. דאָס רייסט זי אָוועק פון אַלע אַנדערע געדאַנקען און, דוכט זיך, אַז עס פאַר־שווינדן אַלע אונטערשיידן מיט אריהן, אַלע טענות, ער איז דאָך אויך דער שותף צו דעם וואָס וואַקסט אין איר מוטער־טראַכט.

געשעעט אָבער אַז נאָכן וואַפנשטילשטאַנד מיט די אַראַבישע מדינות, נאָך אריהס אַהיימקומען פון פראָנט קען אפילו די פרייד פון דעם געבוירן זייער קינד ניט פאַרייניקן צוויי ווייטע פון זיך וועלטן, צוויי אַנדערע כאַראַקטערן. טרייסט זיך וויעראַ מיטן וווּנדערלעכן געפיל פון אַ מאַמען, צו איר זויגעוודיקע פּיאַוקעלע, זי באַגייסטערט זיך מיטן קינדס ערשטן שמייכל, ערשט ציינדל, ערשטן וואָרט — מאַמע. אָבער וואָס מער פאַרליבט אין דעם קליינעם באַשעפעניש אַלץ פרעמדער ווערט איר אריה, וואָס מיטן באַזיצן אַן אייגן קינד וויל ער נאָך מער זען אין זיין ווייב אַ פּריוואַט־אייגנטום, ווען וויעראַ, וויל אַלץ מער געהערן צו זיך אַליין ווייל עפּעס איז פאַראַן אין אים אַזוינס וואָס זי קען מיט אים ניט לעבן. איז פאַרוואָס האָט זי זיך פרייוויליק געפענטעט? ווערט איר גרעסטע שטרעבונג צוריק צו טראָגן איר אייגענעם נאָמען, האָבן איר אייגענעם איך. דאָס פאַמיליע־לעבן האָט נאָר דעמאָלט אַ ווערט ווען דאָס איז אַ בונד פון ליבע און געטריישאַפט און ווערט שעדלעך ווען די ליבע פאַרשווינדט. דאַן טאָר מען זי קינסטלעך ניט אויפהאַלטן. אויב דער פאַמיליע־בונד איז פריער געווען פאַר איר אַ גליק, וואָלט וויעראַ איצט

גליקלעך געווען זיך דערפון צו באַפרייען. איר ברויזנדיקע נאַטור שטיקט זיך איצט אין דעם פאַמיליע־לעבן, ווי אין אַ טורמע. און וויפל עס איז שלעכט די איינזאַמקייט איז דאָך ערגער ווען צוויי פאַרביטערן זיך דאָס לעבן. זי פאַרטראַגט מער ניט אריהס אָנגעבלאָזענע מענער־גאווה, די שטייפע טרוקנקייט, ווען זי אַליין שפרודלט מיט לעבן, מיט אַן אוצר פון לײדנשאַפט, מיט נייגעריקייט און באַגייסטערונג. איז צוואָס מאַכן דעם אָנשטעל? די ליבע איז דאָך שוין צעשטויבט. קען דאָך ווייטער אַזוי ניט אָנגיין. זי מוז וואָגן אים זאָגן קלאָר און אָפן — גענוג! מיר פּאַסן זיך ניט איינער פאַרן אַנדערן און מוזן זיך צעשיידן. און זי זאָגט אים טאַקע:

— וואָלט ניט געווען גלייכער אריה מיר זאָלן זיך צעשיידן, ווי צוויי גוטע פריינד, ווייל וואָס פאַראַ זין האָט פאַרצווזעצן דאָס וואָס לאָזט זיך ניט פאַרזעצן?

— צעשיידן? דיר איז דאָס לייכט צו זאָגן. וואָס פאַר אַ נייער קאַפּריז איז דאָס?

— מעגלעך אַז דאָס איז מיין שולד, מיין כאַראַקטער איז ניט צו־געפּאַסט צו אַ פאַמיליע־לעבן. איך געפין ניט קיין טעם אין אַ צוזאַמענלעבן וואָס גיט ניט קיין גליק.

— וואָס רעדסטו? דו פאַרגעסט אַז איך בין דיין מאַן און זאָרג פאַר דיר און פאַר דער צוקונפט פון אונדזער קינד? עס קען דאָך צווישן אונדז זיין אַלץ גוט, ווען דו זאָגסט זיך נאָר אָפּ פון דיינע קאַפּריזן. פאַר־געס ניט אַז כ׳האָב פליכטן צו דיר און אונדזער קינד!

— איך באַפריי דיך פון אַלע פליכטן פאַר מיר און דעם קינד!

— און וואָס וועלן זאָגן מיינע עלטערן, פריינט און משפחה?

— וואָס גייט מיך אָן וואָס אַנדערע וועלן טראַכטן אָדער זאָגן? מיר דאַרפן טאָן וואָס איז נוצלעך פאַר אונדז ביידע. מיין חטא וואָס כ׳האָב ניט געהאַט גענוג דערפאַרונג און אַזוי לייכט חתונה געהאַט. דערפאַר האָב איך רעכט דאָס מבטל צו מאַכן. פאַרוואָס זאָלן מיר צוויי דערוואַקסענע ניט קומען צו אַ הסכם, אַז פרעמדע זאָלן ניט דאַרפן זיך אַרייננמישן אין אונדזערע פּריוואַטע ענינים, מיר מוזן דאָך ניט מאַכן איינער דעם צווייטן קיין צרות?

— מיר האָבן דאָך חתונה געהאַט צוליב ליבע און דאָס לייגט אויך אויף דיר געוויסע פליכטן. די צעשיידונג וועט דאָך שווער טרעפן אין מיין גוטן נאָמען.

— כ׳באַדויער וואָס דו צווינגסט מיך דיר דאָס צו זאָגן, אַז כ׳האָב קיינמאָל דיר ניט צוגעזאָגט קיין אייביקע ליבע. אויך דו טראָגסט דאָך די שולד וואָס אונדזער ליבע איז געווען אַזאַ קורצע. און איצט האָב איך דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען מיין לעבנס־וועג.

אריה טראַכט אָבער אַנדערש, ער איז חושד אַז דאָס ווען זיך צעשיידן מיט אים איז מסתמא צוליב אַן אַנדערן מאַן. דער חשד באַ־ליידיקט נאָך מער זיין מענערישער גאווה און מיט מער עקשנות זאָגט ער אָפּ צו געבן איר אַ גט. ער איז זיכער אַז דאָס שטיין מיט איר אונטער די פיר דרענגער גיט אים דאָס גאַנצע רעכט איבער איר און דעם קינד. אַפילו ניט זייענדיק רעליגיעז איז ער צופרידן צו געניסן פון די רעליגיעזע געזעצן וואָס שטייען אויף דער זייט פון זיינע מענערישע רעכטן.

איז וויעראַן גאָר ניט לייכט צו דערגרייכן איר פרייהייט אַן דעם פיינלעכן אַריינמישן פון דיינים, אַן אַ משפט אין וועלכע אַלטע יידן, מיט אַלטע השגות, וואָס זענען מער בקי אין די קליינע אותיות ווי אין די געזעצן פון לעבן, וואָס נעמען זיך די רעכט אַריינצוקריכן אין די נשמות פון יונגע מענטשן, און ניט רעספּעקטירן זייערע אינטימע געפילן. אפשר דערפאַר שפּילן זיך אָפּ, צווישן די ווענט פון רבנישן בית־המשפּט, טאָג־טעגלעך, טרויעריקע טראַגעדיעס מיט קרבנות פון די פאַרעלטערטע, אָפּגעלעבטע חתונה־געזעצן.

וויעראַ איז אָבער ניט גרייט פאַרצווזעצן איר ניט־געשמאַקע פאַמיליע־לעבן. איר גייט ווייניק אָן וואָס די מאָראַל־פּרעדיקער וועלן איר פאַר־וואַרפן אַז זי נעמט צו לייכט די פליכטן צום קינד, וואָס נויטיקט זיך אין אַ טאַטן. זי ווייסט זייער גוט אַז פאַר איר קינד איז גאָר ניט געזונט דערצויגן צו ווערן אין אַן אומגעזונטער פאַמיליע־אַטמאָספער. נאָר זי אַליין וועט זאָרגן פאַר איר קינד און ווען עס וועט אַביסל עלטער ווערן וועט זי עס אַריינגעבן אין אַ קיבוצישן דערציאונגס־אַנשטאַלט. צי זענען דען די מאַמעס טאַקע די פאַסיקע דערציערינס פון זייערע קינדער?

ווערן דען ניט אין נאָרמאַלע היימען דערצויגן די קינדער גאָר ניט ווי מען דאַרף?

צווינגט וויעראַס עקשנות דאָך אריהן, ער זאָל סוף כל סוף זי אָפּגעבן, און מיט באַליידיקטער גאווה פאַרלאָזט ער דאָס לאַנד. אַלס פּעאיקער אינזשיניער, מיט גרויסע אַמביציעס, געלונגט אים צו עפענען אין וואַ־שינגטאָן אַ ווערקשטאַט פון עלעקטרישע מכשירים. ער איז דאָרט מצליח, ווערט רייך און איז ניט קאַרג צו שיקן, פאַר זיין טעכטערל חדווה, ווערט־פולע מתנות. טרינקט וויעראַ ווידער זיך אָן מיטן טעם פון דער פרייהייט, און איז מער ניט קיין קרבן פון אַ דורכגעפאַלענעם פאַמיליע־לעבן.

די פרייהייט פאַרזיכערט אָבער ניט ווידער פאַרשקלאַפט צו ווערן צו די אייגענע צעברויזטע געפילן. דאָס מאָל צערודערט איר האַרץ אַ מאַן מיט אַ קלוגן פּנים, ברייטע נאָז און מיט אַ ברייטן קוק אויפן לעבן. אַ מענטש מיט פרייער האַלטונג און געזונטן הומאָר. אַ ניט־פאַרמאַסקירטע נשמה, וואָס ווייסט ניט פון באַנאַלע רייד, ניט פון זעלבסטבאַרימעריי, נעבן וועמען מען קען זיך ניט לאַנגווײַלן. איז מען אָבער דען פריי זיך אויס־צוקלויבן אַ פריינד לויט דעם אייגענעם ווילן? איז דען אַזוי פשוט וועמען אויפריכטיק צו זאָגן: — קום לאָמיר זיין פריינד? אַוודאי קען מען דאָס ניט זאָגן צו אַ מאַן וואָס האָט אַ ווייב און אַ קינד, כאָטש דאָס האַרץ גייט אויס פאַר אים. מוז וויעראַ פאַרבייסן די ליפּן און רעזיגנירן. און עס בלייבט דער דאָקטאָרין פון נשמות צו פענטן איר אייגענע צעברויזטע געפילן.

וויעראַ איז אָבער גאָר ניט איינזאַם. ניט איין מאַן איז ניט־גלייכגילטיק צו איר ווייבלעכן רייץ, און זוכן יעדע געלעגנהייט זי צו באַגלייטן אַהיים, נאָך אַ רעפּעראַט, צו פאַרבעטן אין טעאַטער אָדער אויף אַ גוטן פילם. זי האָט געגוג חברטעס און גוטע פריינד און זאָרגט זיך גאָר ניט וועגן אַ באַגלייטער. זי פאַרברענגט מיט וועמען עס איז איר אָנגענעם און אינטערעסאַנט. אפשר איז דער פרייער פאַרקער צווישן געשלעכטער מער לאַגיש ווי צו פענטען זיך אין פאַמיליע־קייטן, דאָס פאַרזיכערט אפשר מער סעקסועלע גלייכגעוויכט. דאָך וואָלט בעסער געווען אַ גרויסע ליבע און גרויסע פריינדשאַפט. איז דען דאָס לייכט צו געפינען?

איז אַ גליק וואָס וויעראַ איז פאַרליבט אין דער פּסיכאָלאָגיע און

זוכט צו דערקענען ניט דעם קינסטלעכן, נאָר דעם אמתן ממשותדיקן מענטש. ליידער פאַרנעמט זיך די פּסיכאָלאָגיע מער מיט בשותפותדיקע, צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען, וואָס זעט דעם מענטש נאָר אין ליכט פון דער געזעלשאַפט און פאַרטושט דאָס פּערזענלעכע. אמת אַז דער „האָמאָסאַפּיענס" האָט די זעלבע פיזישע, כעמישע און אַפילו פּסיכישע געמיינזאַמע אייגנשאַפטן, דאָך זענען ניט בנמצא קיין צוויי מענטשן וואָס זאָלן זיין גלייך פּאָטענציאַנעל אַנטוויקלט. כאָטש דער מענטש איז אַן אוניווערסאַל באַשעפעניש טרעט ער אָבער אַרויס אין לעבן מיט זיין גאַנץ אינדיווידועלער באַזונדערקייט. איז אפשר נויטיק די פּסיכאָלאָגיע זאָל מער באַלייכטן דאָס אינדיווידועלע, וואָס איז די ערשטע אייגנשאַפט פון מענטש? וויעראַן אינטערעסירט מער אַ פּסיכאָלאָגיע פון „איך", וואָס קומט מער צום אויסדרוק אין די נייע שטרעמונגען, ווי אין דעם: עקזיסטענציאַנאַליזם, פינימאַנאַלאָגיע ווי אין דעם מעטאָד פון גייסטיקע טעראַפּיע, מיט זייער ווילן צו דערקענען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אין אַלע שטופן פון זיין לעבן. דעריבער האָט וויעראַ ליב זיך איינצוהערן, וואָס דאָס לעבן דערציילט, צו די מענטשלעכע שמועסן. קען מען דען פון לעבן ניט לערנען אַזוי ווי פון ביכער?

טרעפט מען וויעראַן, אין די אָוונטן, ביי אַ גלאָז קאַווע אויף דיזנגוף אין אַ קאַפע אַרומגערינגלט מיט חברטעס און פריינד. מען שמועסט וועגן פּאָליטיק, מען דערציילט שפּאַגל נייע וויצן אָדער רכילות. די פרויען כאַפּן אינסטינקטיוו אַ בליק אין אַ שפּיגעלע, געבן אַ פאַרב די ליפּן. די איינזאַמע מענער עסן מיט די אויגן די פאַפירענע סעקס־שיינקייטן אין די אויסלענדישע אילוסטרירטע זשורנאַלן.

ביי אַ זייטיק טישל זיצן צוויי, שוין ניט קיין יונגע מענער, פאַרטיפט אין אַ שמועס. געטראָפן זיך אין תל־אביב, נאָך יאָרן פון צעשיידונג. ביידע האָבן געהאַט אַמאָל די זעלבע גלויבנס, אילוזיעס און אַנטוישונגען. געהערט אַמאָל צו די זעלבע אומלעגאַלע קרייזן, ביידע געזעסן אין די פּוילישע תפיסות, געהאַט געמיינזאַמע חברים און חברטעס, וואָס פלעגן אַליין אונטערהונגערן און זיי אַריינשיקן פּעקלעך שפּייז אין די טורמעס. ביידע האָבן געחלומט וועגן צעפלאַקערטע פענער, צעשטורמטע מאַסן, צעזונגענע הימנען. די יידישע גאַסן אין פּוילן זענען געווען פול מיט

אַ יוגנט, וואָס פּלעגט, אין די אָוונטן, פאַרפּלייצן די טראָטואַרן פון די שטעט. יונגע שניידערס, גערגריוועטע שוסטערס, בייטאַרינס, שטריקערס און זאָקנמאַכערס האָבן געטראָגן אין זיך דעם גרויסן חלום פון איבער־אַנדערשן די וועלט, זיי האָבן געשמאַק געהונגערט און דעקלאַמירט רעוואָ־לוציאָנערע פּאָעמעס. בלאָנדע יידישע מיידלעך האָבן געשליפן זייערע ציינגלעך פון זייער אַקצענט, צו קענען אָנגיין פאַר אמתע שיקסעס, אַוועק אין פאַבריקן וועקן דעם פאַרשלאָפענעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף, אויף די מערק געריפן די פּויערים ניט צו צאָלן דער מלוכה קיין שטייערן. די סודותדיקייט און ראָמאַנטישקייט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָט געלאָקט צו זיך די בעסטע יוגנט, וואָס האָבן געפּטרט די שענסטע יאָרן אויף הייסע וויכוחים איבער די סאָוויעטישע פּיאַ־טילעטקעס, וועגן כינעזישן גאָמידאַן אָדער צי דראָט אַ געפאַר פון אַ „טערמידאָר" פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבן געחלומט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ „מאַסן־מענטש".

געווען איך אַן אַנדער ראָמאַנטישקייט, וואָס האָט אויף אירע אויס־פלוגן אין די פּוילישע וועלדער געחלומט וועגן די בערג פון גליל, ביי די ברעגן פון דער ווייסל געטרוימט וועגן ירדן און זייערע יונגע נשמות זענען געפלויגן צום לאַנד פון שיר־השירים. דער „קלאַסן־קאַמף" איז ביי יידן געווען שטאַרקער ווי ביי אַלע פעלקער, כאָטש יידן האָבן ניט געאַרבעט אין גרויסע פאַבריקן און ניט פאַרמאָגט קיין פאַבריקס־פּראָלע־טאַריאַט, האָט דאָס אָבער גאָר ניט געשטערט די יידישע שוסטערס אָדער שניידערס צו פירן פאַרביטערטע שטרייקן און קאַמפן קעגן זייערע „עקס־פּלאָאַטאַטאָרן" וואָס האָבן זעלטן אַליין פאַרמאָגט מיט וואָס „שבת צו מאַכן"...
די יידישע יוגנט האָט פאַר דער געטריישאַפט צו זייער חלום באַצאָלט אָפּט מיט לאַנגע יאָרן טורמע, ניט זעלטן מיטן טויט. די „גליקלעכע" וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן דאָרט אין לאַנד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פאַרזוכט דעם שוידער פון דער „סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט" אין די קאַלטע סיבירער וועלדער צווישן די ווייסע בערן. רעדן טאַקע אַזעלכע צוויי געבטיקע קאָמוניסטן זיך אָפּ, איינער פאַר אַנדערן, פון האַרצן. איינער זאָגט:

— איך בין אַהין געקומען אין מיטן גרויסן טראַסק, פון די „פּיאַטי־

לעטקעס" עלעקטראָ־סטראָיען, מאַגניטאָגאָרסק און דניעפּראָסטרוי, ווען מען האָט פאַרבונדן ימים מיט נאָר ווען מאַכן אַ ביסל דערטרעגלעך דאָס מענטשלעכע לעבן, האָבן די פאַרטיי־פירער ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן. האָבן שרייענדיקע לאָזונגען אין די אומצאָליקע אַרעסטן פאַר־מאַכט דאָס מויל פון פאָלק, וואָס האָט געשיכורט, געשאָלטן, געציטערט פאַר דער גע.פּע.או־לייט און געגעסן געוואָרן פון אומעט, לייז און וואַנצן. עפּעס האָט געשטונקען פון אָט דעם ברוטאָלן סאָציאַליזם. די רויטע סול־טאַנעס האָבן דערשטיקט יעדן מין אַפּיקורסות, און באַפוילן זייערע „הויף־פּאָעטן" צו זינגען ליב־געזאַנגען צו סטאַלינען. אָבער וואָס ווייני־קער עס איז געוואָרן שפּייז און גרעסער דער הונגער, אַלץ מער האָבן די צייטונגען צעשמירט זיך וועגן דער „גליקלעכער סטאַלין־עפּאָכע, ווי מען לעבט אַלץ בעסער און פריילעכער". ווען עס האָט ווי אַ מגיפה געשאָטן זיך מיט אַרעסטן און דערשיסונגען, האָב איך אויף אַ פאַרזאַמלונג פון מיין פאַבריק גערופן די אַרבעטער זיי זאָלן זיך פרייען, וואָס מען אַרעסטירט און מען דערשיסט די סאַבאָטאַזשניקעס, די שונאים פון פאָלק. האָבן די אַרבעטער געפּאַטשט „בראַוואָ" וואָס די פאַררעטער באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָב איך אויך באַקומען מיין „פאַרדינטע" שטראָף. ווען מען האָט מיך אַרעסטירט בין איך געווען זיכער אַז דאָס איז אַ טעות און מען וועט מיך גלייך באַפרייען, אָבער דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט געפּאָדערט איך זאָל אים באַווייזן, אַז כ׳בין אין פוילן ניט געווען קיין פאַררעטער, ניט געדינט אין דער דעפענ־סיווע, ניט געווען קיין טראָצקיסט און ניט געשיקט געוואָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד אַלס שפּיאָן. מיט וואָס האָב איך דאָס געקאָנט באַווייזן? ערשט אין די טורמעס און פאַרשיקונגען האָב איך פאַרשטאַנען אַז אַ טעות האָב איך געהאַט און כ׳בין ניט דער איינציקער וואָס איז אומשולדיק אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן. ווען מען האָט מיך נאָך יאָרן באַפרייט פאַר פעלן באַווייזן פאַר מיין שולד, האָב איך גוט פאַרשטאַנען מיין שולד, וואָס כ׳האָב געדינט צו אַ פאַלשן גאָט און צום פאַלשן סאָציאַליזם.

— אויך איך בין באַפרייט געוואָרן פון סיבירער לאַגער, זאָגט דער צווייטער, נאָך אַכט יאָר פּיין. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער פּוילישע פאַרטיי. ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין דעם „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" פוילן

האָב איך, אַלס געטרייער קאָמוניסט, גאָר ניט דערציילט פון מיינע לײדן. צו וואָס זאָלן די שונאים פון קאָמוניזם זיך פּאַטשן אין די בייכער? כ'בין געווען זיכער אַז סטאַלין האָט גאָר ניט געוווּסט וואָס זיינע גע.פּע.או.־לייט טוען אָפּ. כ'האָב ניט געוואָלט צוליב מיינע עוולות אַרונטעררייסן דעם פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי. כ'האָב באַשלאָסן אויסצומעקן און פאַרגעסן אַלץ וואָס ס'איז געשען. אין פּוילן האָב איך געקאָנט ווערן אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק אָדער קאָאָפּעראַטיוו, כ'האָב דען ווייניק געליטן פאַרן קאָמוניזם? האָב איך צוגעשטעלט אַ פּלייצע צו בויען דעם „פּוילישן סאָציאַליזם". ערשט ווען אויך אין פּוילן האָט מען זיך מער ניט געניטיקט אין די „אַבראַמאָוויטשעס" און מען האָט גענומען זוכן אויף אונדז חטאים, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דער גאַנצער רוסישער, ווי דער פּוילישער סאָציאַליזם איז ניט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש.

— זאָג זשע מיר יעקב, פאַרוואָס איז די פּוילישע קאַפּיטאַליסטישע דעפּענסיווע, מיט אַלע אירע פּייניקונגען און טורמעס ניט געלונגען אונדז מאַכן פאַר אויס קאָמוניסטן און די קאָמוניסטישע מדינות איז דאָס לייכט געלונגען?

— ניט לייכט שלמה קענען מענטשן זיך געזעגענען מיט אַ גלויבן, פאַר וועלכן זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע בעסטע יאָרן, געליטן, געפוילט אין טורמעס און ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ געשמאַק ווייב, קיין נחת פון קינדער, ניט קיין פאַרגעניגנס. מיר האָבן געוואָלט רק איבעראַנדערשן די וועלט. מיר זענען דאָך פאַרפאַלענע מענטשן, פאַרמשפּטע, ביזן טויט, צו בלאָנדזשען אין די פאַרנעפּלטע הימלען פון באַנקראָטירטע „איזמען". — וואָס פאַרא אידעאַלן באַהאַלט זיך דען היינט אונטערן שיינעם וואָרט — סאָציאַליזם? אין וועלכן מיר קלאַמערן זיך נאָך אַלץ?

— גערעכט יעקב, מיר זענען געוווינט צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון עפּעס אַן „איזם". טייל פון אונדז האָבן, נאָך דער אַנטוישונג זיך אָנגעכאַפּט אין דער רעליגיע, געוואָרן פרום, גייען אין שול, פאַסטן יום־כיפור אָבער קיין פונק פון גלויבן, קיין פונק פון הייליקייט קען זיך צו זייער נשמה ניט צוקלעבן, דאַוונען זיי אין אויסגעבאַרגטע טליתים און זיצן אין שול ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. אַנדערע זענען געוואָרן סופער־ציוניסטן און בוקן זיך פאַר אַלטע שטיינער און הייליקע קברים.

זיי האָבן געטוישט די פּאַרטיי זיי זענען אָבער געבליבן די זעלבע פּאַנאַ־טיקער, זיי זענען געוואָרן סטאַליניסטישע ציוניסטן. אַנדערע גאָר, נאָכן אַרויסשליידערן זיי פון דער פּאַרטיי, נאָכן שפּייען זיי אין פּנים, בענקען נאָך אַלץ און האָפן אַז מען וועט זיי נאָך צוריקרופן. דאָרט אין פּוילן זענען זיי געוואָרן גרויסע „שישקעס", אין ישראל זענען זיי בלויז נאַכט־וועכטער און זיי פּרעגן מיט ראַפינירטער־נאַיווקייט — וואָס איז דער קאָמוניזם שולדיק וואָס סטאַלין אָדער גאָמולקאַ האָט אים פאַרראַטן? זינגען טאַקע אַזעלכע פּאָעטן: „מיר וועלן אונדזערע אַלטע לידער ניט פאַרשעמען"...

— איז אפשר ניט אין פּאַרטייאישן שפּאַן קען מען צו אַן אמת דערגייך, ניט מיטן איינהילן זיך אין אַ פּאַרטייאישן טלית. נאָר אויף די טריט פון באַשיידנקייט און פּשוטקייט, ערלעכקייט און גוטסקייט? אַ, הייליקע באַשיידנקייט ווי מיר האָבן קעגן דיר געזינדיקט און ווייט פון דיר אַנטלאָפן!

טרעפט וויעראַ, אין דער קאַפע „כסית", אַן אוצר פון טיפן, וואָס קענען דינען פאַר סקולפּטאָרן אַלס מאָדעלן, פאַר שרייבער אַ קוואַל פון אָריגינאַלן, טשודאַקעס, טשעקאָווע און גראָטעסקע העלדן פאַר דערציי־לונגען און ראָמאַנען, פאַר פּסיכאָלאָגן אַן אָפן בוך צו לערנען די מענטשלעכע אויפפירונגען. מען טרעפט דאָ באַוואָקסענע מענער, געקומען אין לאַנד נאָר צייטווייליק און זיצן שוין לאַנג יאָרן אין דער זעלבער קאַפע, אויף דער זעלבער שטול, מענטשן וואָס שווימען אַרום, אין דעם לאַנד פון חמסינען, ווי פיש אין וואַסער; מנחם־מענדלס, אומרואיקע, נערוועזע, וואָס מען טרעפט זיי אויף די בערזע, אויף קאָנצערטן, אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, אָדער פירן משוגע־נערוועזע זייערע פּרייוועטס, מאַכן עקסי־דענטן, ווזנען אין ווילעס, האָבן ניט ליב צו אַרבעטן, ווערן רייך איבער נאַכט און קלאָגן זיך, אַז מען לאָזט אין דעם לאַנד ניט לעבן. אָט קלאָגט זיך אַזאַ בייכיקער פּרעזעס פון אַ טוץ געזעלשאַפטן:

— וואָס קען משטיינס געזאָגט היינט אַ כלל־טוער אָפּשפּאָרן חוץ אַ האָרץ־פּעלער?

און דאָך האָט ער אָפּגעשפּאָרט חוץ ווערט־פּאַפּירן און אַ לוקסוס־ווילע צו זיין אַלטע פרוי אַ יונגע געליבטע. אוודאי איז עסקנות ניט

קיין לייכטע פּרנסה. מען דאַרף דערצו חוץ טאַלאַנט, זיין האַרט, שטייף און פאַרעקשנט. מען דאַרף פאַרמאָגן אַ ווייכע צונג און האַרטע ציין אייַנצובייסן יעדן קעגנער. מען דאַרף אויך זיין געבוירן צו שטיין שטענדיק ביי דער מזרח־וואַנט און שטענדיק זיצן ביי אַ פּרעזידיום־טיש. מען מוז דערצו גאָר ניט זיין קיין גרויסער חכם. פאַרקערט נאַרישקייט אימ־פּאָנירט אָפט שטאַרקער, אַ נאַריש וואָרט קלינגט דיפּלאָמאַטישער, דערצו אַז מען איז אַ ביסל צעטראָגן איז דאָס זייער נוצלעך פאַר אַ וויכטיקן עסקן.

דאָס פאָלק גיט שטענדיק אָפּ כבוד די וואָס פעדערן זיך אין „גרויס־קייט" אָדער טראָגן גענעראַלסקע שליפעס, וואָס שפּיגלען אַרום זיך לע־גענדעס. אַלטע פרויען פאַרליבן זיך גלייך אין אַזעלכע „העלדן" און פאַרזיכערן אַז אָט דער פאַרמאָגט עפּעס... נאָר ווי צו אַזאַ „העלד", ווען ער גליטשט זיך אויס און ווי אַ זייפן־בלאָז פּלאַצן די לעגענדע, דערמאָלט באַרעדן אים די וויבער און פרעגן נאַיוו: „וואָס האָט מען דען אין אים געזען אַזעלכעס?...

אָט טענהט זיך אויס אַן אויסגעפּוצטער מאַן, ענלעך צו אַן אַקטיאָר אָדער זינגער און איז גאָר אַ פּאַרטיי־עסקן:

— איך וועל מיינע פּראָגרעסיווע אידעען קיינמאָל ניט פאַרראַטן כאָטש איך וועל, צוליב עפּעס פאַרעקשנטע פּרינציפּן, זיך ניט אָפּזאָגן פון מיין וויכטיקן פּאָסטן, וואָס קען חלילה אַריינפאַלן אין די הענט פון עפּעס אַ לא יוצלח. בטלנים וועלן דאָך קיינמאָל ניט שטייגן אויפן לייטער פון מלוכהשקייט.

— ביסט טאַקע אַ חברה־מאַן, ענטפערט אים פּיוול, ווייל דו האָסט מיט דיין פּראַקטישן שכל פאַרשטאַנען צו ווערן אַ סאָציאַליסט און ווי אַ מענטש פון פּראָגרעס האָסטו דערצו גאָר ניט צוגעלייגט. ליידער פאַר־מאָגט ניט דאָס פאָלק דעם קלאָרן פאַרשטאַנד צו דאַנקען די וואָס נעמען אויף זיך די שווערע טירחה צו פאַרזאָרגן דאָס פאָלק, וואָס האָט גאָר ליב צו פּלוידערן וועגן גלייכהייט און גערעכטיקייט, ווי מענטשן וואָלטן גאָר געבוירן געוואָרן צו זיין גלייך. זיי ווייסן גאָר ניט ווי אָפּצושאַצן דעם גרויסן פאַרדינסט פון די פירערס און פאַרזאָרגערס וואָס באַפרייען דאָס פאָלק פון דעם קאָפּדאַרעניש צו טראַכטן. יעדער ייד מיינט אַז ער קען זיין אַ מיניסטער און זיי פאַרגעסן אַז ניט יעדער האָט די פעיקייטן

צו זאָרגן פאַר אַנדערע און דאָס ערשטע זיך אַליין צו פאַרזאָרגן. די וועלט מוז דאָך זיין צעטיילט אויף פליכטן. איין טייל דאַרף האָבן די פליכט צו אַרבעטן, צו צאָלן שטייערן, צו גיין אין מיליטער און די אַנדערע דאַרף האָבן די פליכט צו לעבן אַ גוטן־טאָג. אָן דעם וואָלט מען דאָך געקאָנט שטאַרבן פון לאַנגווייל. דאָס איז דאָך דער געזונטער יסוד פון דער געזעלשאַפט, ווייל אין גרונט פון אַלע ווויילטעטיקייטן ליגט דער עגאָאיזם, פון אַלץ וואָס דער מענטש האָט ליב איז דאָס ערשטע זיך אַליין. דערצו האָבן עסקנים גאָר ניט פיינט קיין פרויען, און אַרומצו־טראָגן זיך מיט אַ בויך אידעען ווי מיט פאַלשע בריליאַנטן.

פייוול איז אַ מייסטער פון אַריינזאָגן, דאָך האָט מען אים ליב פאַר זיין הומאָר און וויצן, געמישט מיט רוסישע קללות. ער חנפהט קיינעם ניט, האָט ניט קיין רעספּעקט פאַר שרייענדיקע נעמען פון מלוכה־מענער. ער קען זייערע אַלע שוואַכקייטן און חטאים און שטעלט זיי אויס אויף חוזק. ער אַליין איז אַ שטיקל פּאָעט, אַ שטיקל אַקטיאָר, אַ מענטש פון באָהעמע, אָבער ערלעך און אַ גוטער חבר. כאָטש ער איז גאָר ניט קיין עם־הארץ און קען גוט עברית איז ער דאָך געבליבן אַ בוי־אַרבעטער און איז דערמיט גאָר שטאָלץ. ווען ער באַווייזט זיך אין דער קאַפע ווערט גלייך פריילעך, נאָר די פּאַרטיי־עסקנים האָבן אים פיינט פאַרוואָס ער האָט ניט קיין רעספּעקט פאַר זייער אָרדענונג, פאַר זייער פּאָליטיק.

דעם שוואַכן מין גייט ווייניק אָן פּאָליטיק און פּאַרטייען, דאָס איז ניט אין זייער געשמאַק. אַלטע פרויען האָבן ליב צו שרייבן מאָדערנע לידער און צו דערציילן רכילות.

די יינגערע פרויען זענען שטאַרק פאַרנומען אין די ביוטא־סאַלאָנען, טריקענען אונטער הייסע לאָמפּן, די האָר, שמירן די פּנימער מיט כלערליי קרעמען, פאַרבן, שאַמפּאָס, פּערפומען, מאַכן מאַסאַזשן, אין דעם עקשנות־דיקן געראַנגל צו פאַרווישן פון פּנים די צייכנס פון עלטער; זיי זענען פאַרנומען מיט מעסטן קליידער, שפּילקעס, בראַשקעס, טייערע שטיינער. שטייען אָפּ לאַנגע שעהן ביי שפּיגלען, ביי די שוי־פענצטערס פון געשעפטן פון קליידער און שיך, שטודירן די פרייזן און נייע מאָדעס, בלייבט זיי צו ווייניק צייט צו פאַרנעמען זיך מיט די אייגענע קינדער אָדער לייענען אַ בוך, חוץ דעם קאָך־בוך פון וואַנען זיי לערנען די חכמה דורך דיעטעס

צו היטן די פיגור. דערצו זענען זייערע מוחות פאַרנומען מיט „ער" און „זי" — געשיכטעס, וואָס זיי הערן זיך אָן אין די קאָפּעען.

די מאַדאַם לוסטיק האָט מיידלווייז געשטרעבט חתונה צו האָבן פאַר אַ דאָקטאָר, אויך איר בחור האָט געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר, ער איז אָבער דורכגעפאַלן ביי אַלע עקזאַמענס, ביז זיין פאָטער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט, איצט ווייסט די מאַדאַם לוסטיק, אַז אַ סוחר פאַרדינט מער פון אַ דאָקטאָר. דאָך וויל זי אַז איר זון, זאָל דווקא ווערן אַ דאָקטאָר. זי אַליין איז אַ שטאַרק נייגעריקע. ציטאָר מען דען ניט וויסן וואָס עס טוט זיך ביי אַנדערע? פרעגט זי טאַקע איר חברטע:

— דו מיינסט אַז איר מאַן פירט מיט דער געלער מויד בלויז אַן אומשולדיקן פלירט?

— דאָס ווייס איך ניט, כ'בין אָבער זיכער אַז חוץ זיין אייגענער פרוי פאַרנאַכלעסיקט ער ניט קיין איין לייטיש ווייבל.

— און וואָס זאָגט צו דעם זיין פרוי?

— וואָס קאָן זי זאָגן? עס איז דאָך פון איר געוואָרן אַ שמאַטע.

— אַ וווּנדער, אַז אַ מאַן ברענגט אַהיים די ריחות פון פרעמדע פּערפומען, אָנגעזעטיקט מיטן לייב פון געבוירענע קאָקעטקעס.

רעדן אויך, ניט־יונגע אַלמנות, וועגן מענער און שידוכים. איינע וואָס האָט פון איר מאַן געירשנט אַ פאַבריקל זאָגט צו דער צווייטער.

— איך פאָר ניט קיין צפת, אַהין פאָרן נאָר אַלטע יידן און יאַכנעס מיט געשוואָלענע פיס. מיינע אַרבעטער אַרבעטן גענוג שווער איך זאָל זיך קענען דערלויבן צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

די צווייטע אַלמנה האָט אויך געירשנט אַ שיינע ירושה און גוטע פּרנסה. זענען איר פינגער מיט בריליאַנטענע רינגלעך און דער האַלדז באַהאָנגען מיט גאָלד, נאָר דאָס פּנים איז אַלט, צעקנייטשט און פאַרוויאַנעט, דער קערפּער אומגעלומפּערט. דאָך רעקלאַמירט זי זיך אין דעם שידוכים־ווינקל פון אַ צייטונג, אַז: „אַ שיינע אַלמנה זוכט אַ רעפּרעזענטאַטיוון מאַן מיטן צוועק צו הייראַטן". אָבער צו דער אַנדערער אַלמנה, זאָגט זי:

— איך טראַכט גאָר ניט חתונה צו האָבן, ווייל וואָס קען מען משטיינס געזאָגט דערלעבן פון די היינטיקע מענער? כ'זאָל ניט זינדיקן

מיט די רייד זיי זענען גאָר קיין מענער ניט. זיי זוכן בלויז אויסגעלאַסענע קאָקעטישע ווייבלעך, ניט אַזעלכע ווי איך.

דערנעבן קוקט, אַן אויסגעפּוצטע, אויסגעשמינקעוועטע אין אַ שפּי־געלע. איר פּנים פלאַמט, אונטער אַ ראָזע קאַפּעליושל. זי האָט ניט לאַנג צוריק געגעט זיך מיטן צווייטן מאַן. פעלן איר דען מענער? זי האָט זיך גראָד ניט וואָס צו פאַרקלאָגן, איר פאַרדריסט בלויז אויף אַ ווייבל, וואָס קען גאָר ניט באַשטיין פאַר וואָס זי חברט זיך מיט איר מאַן, וואָס איז זי שולדיק אַז ער האָט זי ליב?

אויך אַ פרומע אלמנה איז ניט גוט צו זיין אַליין, קאָן זיך ניט דערצידירן חתונה צו האָבן פאַר אַן אַלטן און זיין פאַר אים אַ דינסט, קיין יונגער זוכט דאָך איר ניט. כאַפּט זי זיך פאַר איינזאַמקייט אַריין אין אַ קינאָ, צו אַ פילם, וואָס אַלע לויפן זעען אָבער וואָס איז דען דאָ צו זען? עס גייט אָן אַ חלשות. אַזאַ אומפאַרשעמטקייט, עס שלאָגט צו דער גאַל. אָבער פאַרוואָס אַוועקנעמען די אויגן פון עקראַן, האָט זי דען ניט באַצאָלט, ווי אַלע אַנדערע, פאַר אַ בילעט? שפּייט זי אויס, פוי און קוקט נייגעריק אויף דעם זינדיקן פילם.

אָבער די יונגיטשקע מוטער, מיט אירע צוויי טעמיקע קינדער, דאַרף דאָך זיין גליקלעך. זי זעט דאָך גאָר אויס ווי אַ יונג מיידל. די נאַטור האָט איר ניט געקאַרגט קיין שיינקייט און טעם. ראָיעט אַרום איר מיט יונגוואַרג, ווי אַרום דער מלכה פון אַ בינשטאָק. פון אַלעמען באַליבט. אָבער איר אייגענער מאַן שלעפּט זיך אַרום מיט אַ מיאוסע מויד און פאַרסמען דעם האָניק פון איר לעבן. אָ ווי שווער עס איז צו זיין גליקלעך.

פעלט דען פּרויען דאגהס: וואָס פאַראַ קלייד זיך צו מאַכן, דאָס מעבל צו טוישן און רעדן וועגן מאָדעס, דיעטעס, זאַלץ־בעדער און צוקער־קראַנקייטן. אַנדערע האָבן נאָך גרעסערע דאגהס. אָט קלאָגט זיך אַ פרוי פאַר אירס אַ חברטע:

— ווען מיין מאַן איז געשטאָרבן האָב איך געמיינט אַז די וועלט גייט מיר אונטער, כ׳האָב אָבער געזען אַז אַנדערע אלמנות זענען גאָר ניט פאַרלוירן. האָב איך זיך אויך געפּונען אַ מאַן. אַז כ׳האָב אים דערציילט ווי מיין פאַרשטאָרבענער מאַן האָט מיך ליב געהאַט האָט ער מיר פאַר־

זיכערט אַז ער האָט מיך נאָך ליבער. דערנאָך האָט ער מיר אויסגעזאָגט אַז ער האָט אַ פרוי און מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט זי אָפּגטן. אָבער דערווייל האָט ער טויזנט תירוצים: דירה, קינדער. ווער ווייסט צי ער פאַראַט מיך ניט מיט זיין ווייב, צו וואָס דאַרף איך זי פּאַר אַ שותפטע?

— לאָזט מען אים לויפן!

— דאָס איז דיר לייכט צו זאָגן! זיין כלבטע קוקט דאָס נאָר אויס. זי פאַרגעסט אַז ער קומט דאָך ניט צו מיר שפּילן אין קאָרטן און איך האָב זיך צו אים שוין צוגעוווינט.

— אויב אַזוי וואָס גייט דיר אָן וואָס ער האָט אַ פרוי? אַנדערע פרויען סמאַטשקען זיך מיט פרעמדע מענער און טוען נאָך ערגערס. זאָל ער האָבן אַ ווייב, עס וועט פאַר דיר אויך קלעקן.

נאָר איר לעבן איז אָן רייץ, לאַנגווייליק, אָן האָפענונג, אָן פאַרגעניגנס, ווער האָט דען איר אַמאָל ליב געהאַט? אַפּילו ניט איר אייגענער מאַן. אויך זי האָט אים פיינט געהאַט, כאָטש קיינער האָט דערפון ניט געוווּסט. ווען ער איז געשטאָרבן איז איר געווען אַ חרפה פאַר שכנים, ניט געקענט אַרויס־ברענגען קיין טרער, האָט זי צוליב מענטשן געווישט די טרוקענע אויגן דאָך מיט אים יאָרן געלעבט צוזאַמען, געהאַט קינדער. אָבער קיין אמתער מאַן איז איר ניט געווען באַשערט. נאָר פון פילמען אָדער געלייענט אין אַ ראָמאַן, קיינמאָל פון קיין אייגן שטיקל ראָמאַן ניט פאַרזוכט. גייט טאַקע אויס דאָס האַרץ נאָך אַ מאַן, ווען איר חברטע, די נארישע יענטע, באַגנוגנט זיך ניט וואָס זי האָט. זי איז גאָר אייפערזיכטיק וואָס ער האָט אַ פרוי, געהערט אַ מעשה?

פאַר אַן אַנדערע עלנטע אלמנה האָט אומגעריכט אויפגעשיינט דאָס מזל און וואָס וואָלט זי ניט געטאָן דאָס גליק זאָל פון איר ניט אַנטלויפן? און זי דערציילט מיט טרערן אין די אויגן:

— איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אַז מיר קאָן געשען אַזאַ גליק, אַזאַ עלעגאַנטער, יינגערער פון מיר און אַריסטאָקראַטיש, איידעלער מאַן זאָל זיך אַזוי שטאַרק צו מיר צוקלעבן, מיר מאַכן אַזעלכע קאָמפּלימענטן און גלייך מיט מיר ווערן אַזוי היימיש, ווי ער וואָלט מיך שוין געקענט יאָרן, ווייל וואָס בין איך דען? סך הכל אַן אָרעמע אלמנה, ניט קיין

יונגע, ניט קיין שיינקייט, האָט מיך טאַקע געפרייט פון דעם גליק וואָס איז מיר ממש אַראָפּגעפאַלן פון הימל, מיר קומט דען ניט? בין איך דען ווייניק יאָרן פאַרשוואַרצט געווען מיט אַ קראַנקן מאַן? וואָס בין איך ערגער פון אַנדערע? מעג דאָך מיר אויך זיין באַשערט אַן איידעלער עלעגאַנטער מאַן.

— איז ער צו מיר געוואָרן אַזוי צוגעלאָזן אַז ער האָט זיך אַפילו ניט זשענירט צו בעטן בײַ מיר איך זאָל אים געבן אַ הלוואה אַ פּאָר הונדערט ל״י, אַוודאי פאַר עפּעס אַ וויכטיק געשעפט, אַזאַ עלעגאַנטער מאַן פירט דאָך מסתמא גרויסע געשעפטן? האָב איך מיר דערפרייט, וואָס ער איז שוין מיט מיר אַזוי היימיש און געגעבן אים מיין ביסל, פון יאָרן אָפּגעשפּאָרט געלט. פאַרוואָס ניט? ער וועט דאָך דאָס געלט ניט אויפעסן? אַ שאָד וואָס פון דעמאָלט איז ער פאַרשוואונדן. אפשר ניט געהאַט מיר אָפּצוגעבן און געשעמט זיך? אַזאַ נאַר, מיר גייט דען אין דעם געלט? האָב איך אים געזוכט און ענדלעך געפונען אין עפּעס אַ דירה בײַ אַן אָרעמער אַלמנה, אָבער אַלץ עלעגאַנט אָנגעטאָן און ער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס געלט אָפּצושיקן מיט דער פּאָסט. איך האָב אים דען געזוכט צוליבן געלט? איך האָב אים אָבער מער אין ערגעץ ניט געפונען און דאָס געלט האָט ער מיר קיינמאָל ניט אָפּגעשיקט. אָבער ניט פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט וויינט מיין ביטער האַרץ, נאָר פאַר מיין פאַרלוירענעם גליק און פאַרלאָשענעם מזל.

אַ סך טרויעריקע געשיכטעס דערציילן זיך איינזאַמע אלמנות, אין די אָוונטן אין דעם גן־מאיר, אָדער בײַ אַ קערטל אין אַ שטוב בײַ אַן אלמנה. זיי זענען דאָך אַמאָל געווען יונג, אפשר אויך שיין, אָדורכגעלעבט שווערע יאָרן, אויסגעהאָדעוועט קינדער, האָבן שוין אייניקלעך, פון זאָרגן האָבן זיך אויסגעקריצט טיפע קנייטשן אויף זייערע פּנימער. וואַרפט מען די קאָרטן און מען רעדט וועגן קראַנקייטן און מען חלשט נאָך חתונה האָבן פאַר עפּעס אַן אַלטן ייִד. מעג זיין אַ שטעקן אָבי אַ מאַן, ווייל אויף דער עלטער איז ניט גוט צו זיין אַליין, אין דער איינזאַמקייט פּייניקט דער יצר הרע אַפילו אַ באָבען. קען מען אין קאָרטן פאַרשפּילן אָדער געווונען אָבער אין לעבן קען מען זעלטן געווונען.

אַוודאי זענען דאָ אויך ייִנגערע און פריילעכע אלמנות, וואָס קענען

נאָך פון לעבן נעמען און געבן. דערציילט אַזאַ יונגע אלמנה מיט איראָניע, וואָס איר איז געשען:

— וואָס קען מען מאַכן אַז מען האָט אַ שלעכטע שכנטע, וואָס זוכט מיט מיר נאָר זיך קריגן? עס איז געגוג איך זאָל אַרויסהענגען, אַביסל וועש דורכן פענצטער צום טריקענען און זי זאָל אויפהייבן אַן אַלאַרם, ווי מען וואָלט זי געשאָכטן, הלמאי מיין וועש האָט פאַרגאָסן אַ ביסל איר וועש, וואָס האָט זיך געטרוקנט אונטער מיין פענצטער. נאָר איינמאָל, ווען כ׳האָב געריכט זיך אַז זי וועט אַרויס מיט איר מענה־לשון, איז זי גאָר געפאַלן אויף אַ חכמה און מיר אַרויפגעשיקט איר מאַן, ער זאָל מיר מאַכן אַן אמתן מי־שברך. אַז ער האָט אָנגעקלאַפּט און איך האָב אים געעפנט די טיר, און ער האָט מיך דערזען, ניט צו פיל אָנגעטאָן, האָט ער פאַרגעסן צו וואָס זיין פרוי האָט אים אַרויפגעשיקט און גאָר גענומען מיר מאַכן קאָמפּלימענטן, מיך אַרומגענומען. מער האָט מיר ניט געפעלט, אַז זיין מכשפה זאָל מיך טרעפן אין די אָרעמס פון איר מאַן, האָב איך אים גאַנץ איידל געזאָגט: — איך פאַרשטיי אַז מען האָט אַ אַ ווייב אַ קרומע בריה, איז גאָר ניט קיין ווונדער... אָבער איך וויל ניט אַריינפאַלן אין איר גרויסן פּיסק, ווי כ׳וואָלט איר עפּעס שולדיק געווען. אָבער מיין טיר איז פאַר אַ גוטן שכן שטענדיק אָפן. אָבער ניט איצט, ווען דיין מכשפה ווייסט ווו דו ביסט: פון דעמאָלט אָן, ווען זיין פרוי איז פאַרנומען מיט שטריקן, איז ער, ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביי מיר פאַרנומען, אַז מען האָט אַ שלעכטע שכנטע איז דען ניט אַ מצווה הנאה צו האָבן פון איר מאַן?

דאָס לעבן האָט, זעט אויס, געגוג צו דערציילן, אויך ניט פריילעכע געשיכטעס, מיט צרות פון פאַמיליע־לעבן, וואָס איז גאָר ניט קיין גרויס גליק און ווערט צעריסן פון גטן, פאַרראַטן, פון זינד, פאַרשוועכט פון פּראָסטיטוציע. אַרום חתונות און גטן פאַרען זיך טויזנטער שדכנים, אַד־וואָקאַטן, רבנים, דיינים, וואָס איז פאַר זיי אַ גוטע פּרנסה. די פרוי איז פאַר זיי אַ סחורה. פאַר יונגע און שיינע צאָלט מען העכערע פּרייזן. טייל פאַרקויפן זיך פאַר שיינע קליידער, פאַר אַ ברילאַנט, אַ פוטער, פאַר אַ דירה אָדער פאַר געלט. די מענער קויפן זייער געזעצלעכע רעכט איבער דער פרוי. איז דאָס פאַמיליע־לעבן ניט ווייניקער אוממאָראַליש,

ווי די פּאָליטיק, די מענער זענען אָבער צו עגאָיסטיש, די ווייבער צו פּחדניש צו צעברעכן די אינסטיטוציע פון שקר. די פאַמיליע וואָס דאַרף ווערן די פעסטונג פון גליק, ווערט אָפט אַן אומגליק, זי ווערט דער קבר פון דער ליבע און פירט צו סעקסועלע קאָרופּציע. נאָר די וואָס געפינען אין דער פאַמיליע פריינדשאַפט און ליבע דאַרפן זיך אין איר קלאַמערן, ווייל אַן פריינדשאַפט איז די פאַמיליע אַ פאַרבלענדעניש.

אָבער וואָס איז ליבע? אוודאי ניט בלויז פּריה ורביה, נאָר עפּעס וואָס ברענגט גליק אָדער ליידן. אפשר אַ געפיל וואָס פילט אַן אַלע איברים מיט אַ געהיימער זיסקייט און דאָס האַרץ מיט סודותדיקער פרייד. מען זעט דאָ דאָס לעבן אין ליכטיקע פאַרבן, אָדער ליבע איז גאָר אַליין זיך צו באַטריבן, אַ זיסע איבערלעבונג, וואָס נעכטן אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט און מאָרגן שוין געוועלקט, געוויאַנעט אָדער ענדיקט זיך מיט אַן אומזיניקע חתונה? און אפשר איז דאָס אַ ברענענדיקער פאַקל, דאָס פלאַמענדיקע פייער פון באַשאַפונגס־פּראָצעס. די סטיכיע פון לעבן, וואָס סטימולירט די קונסט, די קראַפט פון שעפערישקייט, קראַפט פון אונדזער אונטערבאַוווסטזיין און היילט ווי באַלזאַם? זי איז די הויפּט־טעמע פון אַלע ליטעראַרישע זשאַנערן פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער, זי ווערט באַזונגען אין טויזנטער ראָמאַנען, פּאָעמעס, טראַגעדיעס, דראַמעס און לידער, וואָס זענען אין אַלע דורות געשאַפן. אַנדערע אָבער לייקענען איר פּאָזיטיוון ווערט און האַלטן זי פאַר אַ ליידנשאַפט וואָס האָט ניט קיין רעאַליטעט. פּלאַטאָן האָט פאַרזיכערט אַז עס איז ניטאָ קיין גרעסערע אָפּנאַרערישע זאַך ווי די ליידנשאַפט פון ליבע. קאַנט האָט געהאַלטן ליבע, פאַר אַ קרענקלעכע דערשיינונג. שאָפּענהאַוער האָט מער פון אַנדערע פילאָזאָפן זיך באַצויגן ערנסט צו דער ליבע און געהאַלטן אַז יעדע פאַרליבעניש האָט אירע וואָרצלען אין דעם סעקס־אינסטינקט און כאָטש זי איז שעדלעך, ווייל זי רויבט אָוועק אַ העלפט פון די מענטשלעכע כוחות, רייסט אונטער ערנסטע באַשעפטיקונגען, דאָס געזונט, צעשטערט טיפע פאַרהעלטענישן, צערייסט שטאַרקע פאַרבאַנדן, פאַרוואַנדלט אָפט אַ געטרייען אין אַ פאַררעטער, טרייבט אַפילו צו זעלבסטמאָרד, דאָך שפּילט זי אַ וויכטיקע ראָלע, ווייל די ענד־ציל פון יעדער ליבע־שפּיל, צי דאָס איז קאָמיש צי טראַגיש, איז זי דאָס וויכטיקסטע פון אַלע צילן פון מענטש־

לעבן לעבן, ווייל דורך איר ווערט דערגרייכט דאָס שאַפן פון קומענדיקע דורות.

לויט פרוידן איז דער הויפּט־ציל פון לעבן דאָס דערגרייכן באַפרי־דיקונג. סעקס איז דער הויפּט־גורם פון דער מענטשלעכער דערהויבנקייט. דאָס דערשטיקן די סעקסועלע באַדערפענישן טרייבן צו ברוטאַליטעט און פאַרברעכן. וויעראַ איז גאָר ניט מסכים מיט פרוידן, אַז די ביאָלאָגישע פליכט פון דער פרוי דערלויבט איר ניט צו סעקסועלע און אינטעלעק־טועלע גלייכבאַרעכטיקונג. דער מאַן איז אפשר סעקסועל מער אָנגרייפעריש, אָבער די פרוי מער ליידנשאַפטלעך. זי איז אָבער מסכים, אַז די ליבע איז דער אייביק־געטלעכער שאַפונגס־פּראָצעס, דער יסוד און דער סוד פון לעבן. זי דינט פאַר די געדאַנקען אויסצושפּרייטן זייערע פליגלען. אָן דער ליבע וואָלט די גאַנצע עקזיסטענץ געווען אַ פּוסטער רוים. די ליבע שענקט די שענסטע מינוטן, אָבער ווי ווען זי אַנטוישט. און וויעראַ ווייסט פון איר דערפאַרונג, אַז די ליבע ברענגט אויך ליידן און ווערט אויס־געשטעלט אויף שאַנד און טרערן. ווי צו די וואָס האָבן זיך מקריב געווען אויפן מזבח פון דער ליבע, די „מיידל־מוטערס" וואָס האָבן געבוירן „אומ־לעגאַלע" לעבנס און געוואָרן די קרבנות פון אונדזער פאַלשער מאָראַל, כאָטש סעקסועלער געניס קען גאָר ניט זיין אַנטימאָראַליש, ווייל זי איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור, נאָר די מענטשלעכע געזעצן זענען נאַריש.

אמגעטרייעסטן דינט דער ליבע די ליטעראַטור און פּאָעזיע. זיי האָבן צוגעשטעלט די וווּנדערלעכסטע פרויען געשטאַלט און די שענסטע ליבע־געפילן: שעקספּירס „אָפעליאַ", „די קאַמעליען־דאַמע", די פרויען פון שניצ־לערס ראָמאַנען, טאָלסטאָיס: „אַנאַ קאַרעני‌נאַ", אַנאַטאָל פראַנס „טייאיס", ראָמאַן ראָלאַנדס העלדן: אַנעטקאַ און סילוויאַ, קנוט האַמסונס „וויקטאָ־ריאַ". אויך דאָס לעבן האָט צוגעשטעלט גרויסע פרויען־געשטאַלטן ווי די געטלעכע ראַשעל, די לעגענדאַרע טענצערין איזאַדאָראַ דונקאַן. די פרייהייטס־קעמפערינס און אַריסטאָקראַטקעס פון גייסט: פּעטראָווסקאַיאַ, לואיזאַ מישעל, ראָזאַ לוקסעמבורג. וואָס האָבן געדינט מיט זייער גע־טריישאַפט דעם פאָלק און די גרויסע אַרטיסטינס, וואָס האָבן אָנגעצונדן מיט פייער די מענערישע הערצער. אויך די טויזנטער קראַנקן־שוועסטערס, די ווייסע מלאכים אין די שפּיטעלער, די לערערינס, די דערציערינס פון

קינדער. אַ שאָד וואָס מעכטיקע כוחות רייסן אַרונטער די פליגלען ביי די פרינצעסינס פון גייסט, פון די ראָמאַנטיש פרויען־נשמות, מיטן טריומף פון דער מיטלמעסיקייט און סנאָביזם.

ברויזט דאָס לעבן צווישן דערהויבנקייט און שפלות, און דאָס לאַנד פיבערט מיט יצירה און רעוואָלט, וואָס דערלאָזט ניט צום זיג פון דער לאַנגווייליקייט, ניט צו פאַרשטיינערן דעם גייסט. די פערמאַנענטע שאַ־פונגען, דער שאַפונגס־פּראָצעס, דער רעשיקער בוי, די טראַגעדיעס פון איבערפלאַנצן זיך אויף נייעם באָדן, די סכנות פון מלחמה. דאָס זיסע און ביטערע מאַכן קאַלירפול דאָס לעבן, ווייל יעדער טאָג מוז פון דאָס ניי דעראָבערט ווערן, קיין זאַך אין דעם לאַנד איז ניט סטאַביל, ניט זיכער. ניט אין דער ווירטשאַפט, ניט אין דער קולטור. אומעטום שטייט מען פאַרן כסדרדיקן בראשית. אין דער אַטמאָספער פון געדריקטע און דער־הויבענע שטימונגען, אין דער פסיכישער ניט־גלייכגעוויכט, איז דאָך אַ נס וואָס עס זענען ניטאָ צופיל פסיכיש קראַנקע, ניט קיין סך אַלקאָהאָלי־קער, אָבער די גרויסע רעטעניש פאַר דער פסיכאָלאָגיע איז — פון וואַנען אין די שווערסטע מינוטן פאַרן פאָלק, וואַקסט אויס אַזאַ גרויס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף? וואָס איז דען די אויפגאַבע פון דער פסיכאָלאָגיע, אויב ניט, מיטן טיפן דער־קענען דאָס לעבן און די רייכע גאַלעריע פון פאָלקס־געשטאַלטן, צו דער־מונטערן די שוואַכע נשמות, העלפן די וואָס ליידן, די באַעוולטע וואָס וואַלגערן זיך אין די אָפּגרונטן פון נויט, עם האַרצות און קענען זיך, אָן אַ הילף, ניט אַרויסדראַפּען פון די טיפעניש פון מאַטעריעלער און גייס־טיקער נויט. קען מען נאָר מיט גוטסקייט דינען דעם פאָלק, דעם יידישן קינד און דער יוגנט וואָס זענען ווי בלאָנדזשענדיקע שטערן.

אָט די פליכטן פירט אַוועק דער פסיכאָלאָגין וויעראַן צום צענטער פון מענטשלעכע אָפּגעשטאָנענקייט, צום אָפּגרונט פון מענטשלעכן נויט, צו די נייע עולים, וואָס מען האָט באַזעצט אין די שמאָלע טונקעלע געסלעך צווישן די חורבות פון אַראַבישע הייזלעך פון מנשיה און יפו. אין הייזלעך פון קרישלענדיקן טינק און צעפרעסענעם קורקאָר, ווי פאַמיליעס מיט קינדער לעבן אויס זייערע טעג צווישן מיסט, שטשורעס און ווערעם. אויף

די געסלעך נעבן מעטשעטן, קלויסטערס, שמוציקע קאַפּעען און זינד־הייזלעך דרייען זיך אַרום, אין די אונטן, פאַרדעכטיקטע פאַרשווינדלעך פון טונקעלע פּרנסות. פרייליינס אין בויגעוודיקן־גאַנג מיט פּאַפּיראָסלעך צווישן די געפאַרבטע ליפּן, מיט וואַסערדיקע פאַרשלאָפענע אויגן אונטער געפאַרבטע ברעמען. מיט פאַרטעמפּטע בליקן. אין אָפענע הייף צווישן צע־וואָרפענע ווענט טריקנט זיך וועש און קינדער מיט בלאַסע פּנימער שפּילן זיך אין מיסט. פון דעם זייגער־טורעם אויף דער בוסטרוס גאַס הויבט זיך אָן אַ לאַבירינט פון אונטערערדישע שמאָלע גענג, שטיגלעך און געסלעך, ווי עס גייט אָן אַ לעבן פון טומאה, צווישן וויסטן הפקר, נויט און שמוץ, אָרעמקייט און זינד, ווו די זון קוקט קיינמאָל ניט אַריין, ווי אַלץ אָטעמט מיט טוכלענעם ריח וואָס שלאָגט אַרויס פון די אַלטע פייכטע געביידעס, אונטער וועלכע עס ראַיעט מיט קינדער. ניט ווייט איז אויך דער „וואַנצן מאַרק" ווו מען האַנדלט מיט אַלטע שיך, שמאַטעס, אייזנס, אַראַבישע כלים, אַלטע מעבל, מעשענע טעפּ. און אַלץ אַרום אָטעמט מיט שמוץ און פליגן־זשומען, צווישן וועלכע עס צאַנקט דאָס לעבן פון די ניי־געקומענע יידן פון די פאַרשידנסטע לענדער, מיט די פאַרשידנסטע שפּראַכן, אָן האָפענונג, אָן פריינדשאַפט.

פון אַלטן יפו פירט דער וועג דורך דזשעבעליאַ קיין בת ים. ווו עס וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, אויס נייע, הויכע געביידעס, אַרומ־גערינגלט מיט רושטאָוואַניעס, ווו מען גיסט בעטאָן, מען גיסט אויס פון אַספאַלט נייע גאַסן. אין די אונטן צינדן זיך נייע לאַמטערנעס, נייע ליכט אין די וויטרינעס פון נייע געשעפטן.

און סוף פון בת־ים שטייען הילצערנע און בלעכענע באַראַקן פאַר נייע עולים, אין איילעניש אויפגעשטעלטע מעברה. אַ צייטווייליקייט וואָס ציט זיך אָן אַ האָפענונג און אָן אַ סוף, ווו מען זינקט אַלץ טיפער אין נויט און שמוץ. אָט שפּאַנט דורך אַ פרוי אַליין, אַ מענטשלעכע חורבה, וואָס טראָגט אויף זיך מוטער־פליכטן פאַר זעקס קינדער, וואָס שפּילן זיך אין שמוץ, פאַר אַ מאַן אַ שיכור, וואָס וואַלגערט זיך אין אַלע מיסטן און דער יאוש אַרום פאַרשפּרייט זיינע פליגלען. נאָך די נאַכט, נאָכן הייסן חמסין, פאַרדעקט די באַראַקישע שאַנד. פון ווייטנס לאָכן די שטאָטישע מויערן מיט זייער ליכט, מיט חלומות פון „גאָלדענע גליקן", פון די „אילוזיע־

פּאַבריקן". מיט ריח פון אַדיקאַלאָן און טאַנץ־מוזיק נאָר אין דער מעברה בילט אַ הינט צו דער לבנה, אַ מאַמע וויגט־איין מיט טרערן איר קינד. און דער צער שוועבט אין דער נאַכט אין חושך פאַרשמאַכט.

אין דעם גרויסן מיסטקאַסטן פון לעבן זענען אַריינגעוואָרפן יידן פון פאַרשידנסטע עלנט, נויט און אָפּגעשטאַנעקייט. פּיזישע קאַליקעס, אַלטע, גייסטיק־קראַנקע און צעבראָכענע נשמות. אין די אונטן שפּילן מענער, ביי די שוועלן פון זייערע באַראַקן, אין שעש־בעש, און ביינדלעך. יינגערע שפּילן אין קאָרטן און לאָזן זיך אין פינצטערע נעכט צו גניבהס. אַנדערע לאָזן זיך גאָר פרי אין דער שטאָט אַריין רייניקן די גאַסן, צו די בייע געביידעס גיסן בעטאָן. ווייבער לאָזן זיך אַוועק צו באַדינען אין רייכע שטובן. איבער דער מעברה טראָגט זיך, אַ גאַנצן טאָג דער פאַרעיפּושטער געשטאַנק פון די עפנטלעכע קלאָזעטן און פאַרשטאָפּטע קאַנאַליזאַציעס. ראַנגלען זיך דאָ מאַמעס, באַוואָרפענע מיט קינדער, מיט דער נויט. אין טרויעריקע באַראַקן לעבן פאַרשידנסטע טיפּן, מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן און אויפפירן, מיט פאַרשידענע געוווינהייטן און אַרט לעבן.

אָט איז מזל אַ תמימותדיק ווייבעלע פון תימן, קיילעכיק ווי אַ פּעסל, וואָס פאָדערט ניט קיין סך פון לעבן נאָר דאַנקט, דעם אין הימל, פאַרן מזל וואָס ער האָט איר געשאָנקען, וואָס איר פעלט קיינמאָל ניט קיין אַרבעט. עס זענען דאָ ברוך־השם געגונג רייכע ווייבער וואָס ווילן דווקא אַז מזל זאָל זיי באַדינען, ווייל זי איז ערלעך, פרום, געהאָרכזאַם און אַרבעט פאַר ביליק. דערצו האָט זי קיינמאָל צו קיינעם ניט קיין טענות אַפילו ניט צו גאָט, וואָס האָט גאָר פרי פון איר צוגענומען איר מוטער. דער פאָטער איז דערנאָך ערגעץ אַנטלאָפן און זי איבערגעלאָזט ביי אַ באָבען וואָס האָט געוואַשן איר קאָפּ, געלאַטעט אירע קליידלעך. צו זעקס יאָר האָט שוין מזל געמוזט פאַרדינען איר ברויט, וויגנדיק אַן אַנדער קליין קינד. צו פערצן יאָר האָט די אַלטע באָבע, זי בעזרת השם חתונה געמאַכט פאַר אַן אַלטן יידן, וואָס האָט ניט ליב געהאַט צו אַרבעטן נאָר צו טרינקען אַראַק און צו געבן קלעפּ זיין יונג ווייבל. אָבער זי האָט דעם אַלטן געטריי געפלעגט, געשפייזט און פאַרזאָרגט מיט אַראַק צום טרינקען. מיטן אַלטן קראַנקן מאַן און מיט צוויי קינדער איז מזל אָנגעקומען אויף די „פליגלען פון אַדלערס", קיין ישראל. איז ווער

גליקלעכער פון איר? קיין אַרבעט ברוך השם פעלט איר ניט, אַ באַראַק ווו צו וווינען האָט זי אויך. לעבט זי דאָ ווי אַ פּריצעטע. אפשר דערפאַר האָט זי גאָט באַשטראָפט און דערטרינקען איר זון ביים באָדן זיך אין ים? האָט זי דען טענות צו גאָט? ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען. מעג מען דען פון גאָט צופיל פאַרלאַנגען? און אַז איר אַלטער מאַן איז געשטאָרבן האָט זי אים באַגראָבן. דערפאַר האָט זי בעזרת השם אויסגעגעבן איר טאָכטער און האָט פון איר און די אייניקלעך אַ סך נחת. צוויי געראָטענע אייניקלעך, און מזל פאַרגעסט קיינמאָל ניט צו ברענגען זיי קיין צוקערלעך צום נאַשן. איר טאָכטער איז דאָך אַ גוטע נשמה, אַז מזל מאַכט איר די ספּאָנדזשע, וואַשט אויס די וועש, פאַרגעסט ניט די געטרייע טאָכטער זי מכבד זיין מיט אַ גלאָז טיי און פאַרגעסט אויך ניט צו באָרגן ביי דער מאַמען אַ פּאָר פונט פון איר אָפּגעשפּאָרטן פאַרדינסט. זי פאַרגעסט אָבער בלויז אָפּצוגעבן. אַ וווּנדער, בלי עין־הרע אַזאַ באַלעבאַטישקייט? אַ גוטע טאָכטער ברוך השם. האָט אַ מאַן אַ פאַרדינער. און מזל האָט פון איר אַ סך נחת.

אַנדערע ווייבער אין דער מעברה האָבן אַ סך טענות — פאַרוואָס די אשכנזער האָבן פאַרכאַפּט אַלע שענסטע דירות אין דער שטאָט און זיי אַריינגעשטופּט אין די באַראַקן. פאַרוואָס מען צווינגט זיי צו שיקן זייערע קינדער לערנען אין די שולן. זאָגט אַ מוטער: — „איך בין קיינמאָל ניט געגאַנגען אין קיין שולע איז וואָס, האָב איך ניט חתונה געהאַט? האָב איך ניט בעזרת השם זעקס קינדער? אַנדערע האָבן טענות וואָס די אשכנזער זענען אַלע דאָקטוירים, אינזשינירן און זייערע מענער מוזן רייניקן די גאַסן. אַשכנזער יושר.

וויעראַן קומט ניט לייכט אָן צו איבערצייגן די מאַמעס אַז עס איז בעסער צו שיקן די קינדער אין די שולע איידער זיי זאָלן זיך אַרומפּלאָנטערן צווישן די שמוציקע באַראַקן, וואָס קענען זיי דאָ פון די עלטערן אויסלערנען.. רויכערן, טרינקען קאָניאַק, שפּילן אין קאָרטן? די קינדער האָבן דאָ שוין צופיל אויסגעלערנט. זיי ווייסן דעם סוד צו וואָס עס קומען, אין די אָוונטן, צוויי חיילים צו אַ באַראַק מיט אַ דזשיפּ און נעמען ערגעץ אַוועק אַ יונג מיידל און ברענגען זי צוריק ערשט פאַרטאָג. זיי ווייסן צו וואָס עס קומט אָן עלטערער קבלן צו דעם יונגן ווייבל פון

זיינס אַן אַרבעטער און ווען ער קומט פאַרהענגט דאָס ווייבל דאָס פענצטער. זיי ווייסן נאָך אַ סך סודות זיי ווייסן אָבער ניט וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. עס ווילט זיך גיין אין אַ קנייפּע אָדער אין אַ קינאָ, אָבער ווי זאָלן זיי נעמען דערצו געלט? אַז מען פּרובירט גנבענען באַקומט מען קלעפּ אין דער משטרה, ערגער זענען די מאַמעס טרערן. אויך די מיידלעך ווילן זיך ניט חברן מיט קיין גנב כאָטש זיי ווילן די יינגלעך זאָלן זיי פירן אין קינאָ. איז פון וואַנען זאָלן זיי נעמען געלט?

ווער וווינט דאָס אין די אַלע שמוציקע באַראַקן און וואָס קומט פאַר אונטער זייערע פאַרמאַכטע טירן? וויעראַן ווילט זיך אַריינדרינגען אין דער סאַמע טיפעניש פון אָט דער נויט. זי קוקט אַריין אין די פאַרשידנסטע פיזיאָגנאָמיעס וואָס ווערן אויסגעפאָרעמט פון די כאַראַקטערן. די קנייטשן אויפן פנים דערציילן פון די ליידן און זאָרגן פון די מוטערס פאַר זייערע קינדער. אַנדערש זענען די פיזיאָגנאָמיעס פון פאַרברעכערס, אַנדערע פנימער פון נאַטירלעכער גוטסקייט. אויף אַ טייל שטערנס איז אויסגעקריצט דער הונגער, אָט איז אַ פנים פון אַ פּראָסטיטוטקע, פאַרטעמפּט און פאַריאושט. אָט איז אַ פנים פון אַן אַרבעטסלאָזן, אַן איבעריקן מענטש. וואַרפן פרעמדע צרות אַ שאָטן אויף איר אייגענעם געמיט. וואָס קען זי טאָן פאַר אָט די מענטשן? זי האָט פאַר זיי אַ פריינטלעכן שמייכל און אַ גוט וואָרט, וואָס קען אַ סך געבן? מיט גוטסקייט וואָלט מען דאָ געקאָנט אַ סך אויפטאָן.

אָבער וואָס קען זי העלפן אַן איינזאַמען אשכנזער וואָס געפינט ניט קיין אָרט אין לעבן? אַליין אַ שטיק נערוו, מיט ניט דערגרייכטע, דער־שטיקטע אַמביציעס און טיפע אַנטוישונגען וואָס וואַרפט נאָר קללות אין דער וויסטער וועלט אַריין. נאָר געציילטע זענען דאָ אין די באַראַקן אשכנזער. איינער וואָס לעבט מיט אַ פרוי און קליין יינגעלע. ער האָלט זיך פאַר אַן אינטעליגענט, ווייל ער האָט אויסגעלערנט פּויליש ביי די פּוילישע פּויערים, וועלכע האָבן ניט געוווּסט, אַז ער איז אַ ייד און אין דער היטלער־צייט געפּאַשעט זייערע חזירים, געגאַנגען אין קלויסטער און נאָך דער מלחמה חתונה געהאַט פאַר אַן עלטער פון אים מיידל פון זיין שטעטל, וואָס האָט געהאַט אַ גאַר אַנדערע פאַרגאַנגענהייט. ביים אויס־ברוך פון דער מלחמה איז זי אַלס „חברטע״, אַנטלאָפן צו די סאָוויעטישע

„חברים". דאָרט שווער געאַרבעט און גוט געהונגערט. נאָך דער מלחמה איז זי צוריקגעקומען אין „סאָציאַליסטישן" פּוילן און אַוועק אַרבעטן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און אויף פּאַרזאַמלונגען געפּאַטשט בראַוואָ ווען מען האָט נאָר דערמאָנט דעם נאָמען פון סטאַלין, אָדער גאָמולקאַ. אין קאָאָ־פּעראַטיוו האָט זי באַקענט אַ פּוילישן „חבר" אַן אַלמן מיט קינדער, איז זי אַוועק צו אים „וווינען". געאַרבעט, באַדינט דעם „חבר" מיט זיינע קינדער, ביז ער איז אַמאָל אַהיימגעקומען אַ פאַרזויפּטער און דערלאַנגט איר קלעפּ און מיט „וואָן זשידאָווקאַ דאָ פּאַלעסטיני", האָט ער זי אַרויסגעטריבן פון שטוב. איז זי טאַקע אַוועק קיין פּאַלעסטינע און דאָ חתונה געהאַט מיטן בחור פון איר שטעטל.

דער דריטער אשכנזער איז אַ טשעכישער בחור מיט זיין פּערסישע פרוי. אין דער צייט פון היטלערן האָט ער, ווי אַ געיאָגטע חיה, געוואַנ־דערט איבער סלאָוואַקישע דערפער, געבעטלט ברויט ביי די פויערים און געציטערט מען זאָל אים ניט דערקענען אַז ער איז אַ ייד. שפּעטער געווען אין דער פּאַרטיזאַנקע און געקומען קיין ישראל. כאָטש ער קען אַפילו זיך ניט אונטערשרייבן, חברט ער זיך מיט „אינטעליגענטן" פון פּוילן. אוןביידע בינדט אַ געמיינזאַמער סוד. יעדן מוצאי־שבת, ווען מען איז ניט מיד נאָך דער אַרבעט, לאָזן ביידע זיך אין שטאָט אַריין צו געניסן פון געקויפטע ליבע.

באַדיערט אַ יונגער בחור פון טריפּאָלי, פאַר וואָס ער איז ניט געבוירן געוואָרן קיין אשכנזער, ווייל ער איז שטאַרק פאַרליבט אין אַ מיידל פון פּוילן, אָבער אירע עלטערן האַלטן אַז דאָס איז אַ חוצפּה אַז אַ פרענק זאָל וועלן זייער טאָכטער פאַר אַ פרוי. טוט ער אַלץ נושא־חן צו זיין ביי אירע עלטערן. אַרבעט שווער און פאַרדינט גוט. די ליבע גיט אים כוח צו די גרעסטע אָנשטרענגונגען. ער גרענעצעט זיך אָפּ פון זיין ספרדישער סביבה אָבער דאָס אַלץ העלפט ניט, מען רימט אים טאַקע, אַז ער איז אַ „שטילער, ערלעכער בחור, אָבער פאָרט אַ פרענק!".

נאָר חוץ אויף עדהס איז דאָס פאָלק צעטיילט אויף פּאַרטייען. עס איז שווער אונטערצושיידן וואָס עס טיילט איין פּאַרטיי פון די אַנדערע. אַלע זייערע עסקנים זענען געקנאָטן פון זעלבן טייג. מיט די זעלבע

חסרונות, די זעלבע גרינגשעצונג צום פאָלק, צום פשוטן מענטש. דער זעלבער מאַנגל אין אידעישקייט, דער זעלבער גײַציג נאָך קאַריערע און כבוד. די זעלבע ביוראָקראַטישקייט. איז וועלכע פּאַרטיי בעסער? פאַרזאָרגן זיך טאַקע „פּראַקטישע" מענטשן מיט ביכלעך פון עטלעכע פּאַרטייען. מען קאָן דען וויסן פון וועלכע פּאַרטיי מען קען האָבן מער נוצן?

אויך די אונטערוועלט נויטיקט זיך אין אַ פּאַרטיי־ביכל. זיי דינען דער פּאַרטיי מיט מעסערס און שטאַרקע הענט קעגן פּאַרטייאישע קעגנערס. דערפאַר שיצט זיי די פּאַרטיי אויב זיי פאַלן אַריין, צוליב עפּעס אַ קרימינעלן חטא, אין דער פּאָליציייאישער נעץ. נאָר די אשכנזישע אונטערוועלט איז ניט אַוועק אין די מעברות נאָר באַזעצט אין די רײַכע קוואַרטאַלן פון די שטעט. די וואָס זענען געווען אין פּוילן טרעגערס און פּורמאַנעס אָדער געהאַט זינגד־הײַזלעך, אין די געטאָס געווען פּאָליציאַנטן, נאָך דער מלחמה אין דײַטשלאַנד געהאַנדלט מיט וואַלוטע, געשמוגלט און געמאַכט געלט פון טריפהנע פּרנסות, זענען אין ישראל געוואָרן גאָר חשובע לײַט, בכבודיקע גבירים, שותפים צו גרויסע ביזנעס און גרויסע שפּעקולאַציעס. אויף די בערזע פון די ערשטע, אין שול ביי מזרח־וואַנט אין די פּאַרטייען גיט מען זיי אָפּ כבוד.

נאָר פּשוטע ערלעכע מענטשן ווערן זעלטן געשעצט, פון קיינעם ניט באַמערקט. ווען מען גייט דאָס אָן וואָס אין דער שמוץ פון דער מעברה געפינט זיך אַן אײַדעלע אינטעליגענטע פאַמיליע פון טערקיי? זיי זענען דאָ ווי אַראָפּגעפאַלן פון אַ צווייטן פּלאַנעט. אין זייערע ציכטיקע קליידער פּאַסן זיי גאָר ניט צו דעם אַרומיקן שמוץ. אויך זייער באַראַק האָבן זיי אַליין אויסגעקאַלעכט און שטייט עפּעס אַנדערש צווישן די שמוציקע באַראַקן. אויף זייערע פּנימער רוט די אײַדלקייט, פון זייער אָרעמקייט שרײַט אַרויס די פּײַנקייט. זייערע קינדער גוט דערצויגן, צו אַלעמען העפלעך און פרײַנטלעך. קלאָגן זיך פאַר קיינעם ניט. האָבן צו קיינעם קיין טענות, ווערן זיי פון אַלעמען רעספּעקטירט, אָבער ניט פון דער ביוראָקראַטיע וואָס האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן אין אָט דעם מיסטקאַסטן פון לעבן, ווער ווייסט זיי פון דאַנען אַרויסנעמען? באַפרײַנדעט זיך ווייראַ מיט אָט דער אײַדעלער משפּחה, זי קען זיי אָבער מיט גאָר ניט העלפן. זי וויל זיך גערן אויך באַפרײַנדן מיט די אַנדערע משפּחות. זי האָט דעם

בעסטן ווילן זיי צו העלפן, צו ראַטעווען זייערע קינדער פון דער גייס־טיקער נויט, אָבער זייערע מאַמעס קוקן אויף איר מיט חשד און אפשר מיט קינאה פאַר איר שיינקייט, העפלעכקייט און אינטעליגענץ. פון וואַנען זאָלן זיי וויסן מיט וויפל אָנשטרענגונג זי האָט דעראָבערט איר וויסן. וואָס ווייסן זיי וויפל מאָל וויעראַ האָט אין איר יוגנט געזען דעם טויט פאַר אירע אויגן? נאָר די פרויען פון דער מעברה זעען אין איר די פריווילעגירטע אשכנזרין און דאָס איז איר גרעסטער חטא. עס זענען דאָ מענטשן וואָס זענען גרייט אין זייער נויט צו באַשולדיקן די גאַנצע וועלט אָבער קיינמאָל ניט זייער אייגענער פוילקייט, ניט זייער אָפּגעשטאָ־נענקייט. אָבער וויעראַ איז זיי אַלץ מוחל און זאָרגט פאַר זייערע קינדער.

אָבער וואָס קאָן וויעראַ טאָן פאַר דער אומגליקלעכער פערסישער פרוי וואָס איז נאָך מער אומבאַהאָלפן פון אַ קינד. אַ קינד קען וויינען שרייען אָבער זי וואַרפט זיך אונטער איר גורל צוזאַמען מיט איר טעכטערל, וואָס איז ווי זי פאַרטעמפּט. איר מאַן זכריה האָט אין ישראל דאָס מזל צוגע־שפּילט. מיט זייערע „גאָלדענע הענט״, פאַרדינט ער אַ סך געלט ביים מאָלן און קלעפּן טאַפּעטן אין רייכע דירות פון תל־אביב. ער האָט אויך אַ באַזונדערן מזל צו די רייכע קליענטקעס זייבע, וואָס דרייען זיך אַרום אין די שטובן אין געבלימטע פּיזשאַמעס און מיט קאָקעטישן שמייכל קוקן זיי פאַרגאַפט אין זיינע ווייסע ציין וואָס גלאַנצן אַרויס פון זיין ברוינלעכן פּנים. די דרייסטערע רופן אים אַריין אין שלאָף־צימער, ער זאָל זיי פאַר־שפּילעווען דעם ביוסטנהאַלטער. נאָך דרייסטערע רופן אים אין וואַנע אָפּצוריייבן אַ פּלייצע און אים דאַרף מען קיין סך ניט בעטן. איז צו וועלכן טייוול האָט ער אַהער געבראַכט זיין פאַרשליאַכעט און פאַרטמטע פרוי מיט זיין פאַרטעמפּט טעכטערל? קאַרגט ער זיי געלט צום עסן, אָבער ניט קיין קלעפּ. ער איילט זיך אָבער זי ניט אָפּצוגטן, ווייל עס איז אים אַ שאָד צו צאָלן מזונות.

איר רומענישע שכנטע קען אָבער ניט פאַרליידן קיין עוולה און האָט רחמנות אויף דעם פערסישן ווייבל, זי שענקט עסן איר טעכטערל און דעם ווייבל אַן אַלט קליידל און טענהט אַריין אין איר אויער:

— ווי איז געהערט געוואָרן אַז אַ מאַן זאָל אַ ווייב ניט געבן קיין פּרנסה. דו טויגסט ניט צו אים, וואַרט לאָמיך אים נאָר טרעפן, וועל

איך אים ווייזן ווי זיך צו באַגיין מיט אַ פרוי און קינד, פאַרלאָז זיך אויף מיר!

פאַלט זי אַריין אין אַן אָונט, אין דער שכנטעס באַראַק, ווי אַ געוויטער. עפנט אויף זכריהן אַ גרויס מויל און דאָס פּערסישע ווייבל, מיט איר טעכטערל שטייען אין קיך, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם פון שרעק ביז זי וואַגט אַ בליק צו טאָן וואָס עס טוט זיך דאָרט און הערזעט ווי איר מאַן רייסט שוין אַראָפּ דאָס העמד פון דער שכנטע, וואָס צעשרייט זיך צו איר אַ צעהיצטע:

— וואָס קוקסטו ווי אַ גולם? טו מיר גיך אויס דעם ביוסטנהאַלטער, ווייל דיין מאַן וועט אים צערייסן!

— שטייט די פּערסישע פרוי אומבאַהאָלפן און ווי היפּנאָטיזירט, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ביז די רומענישע שכנטע פאַרלאָזט איר באַראַק, זאָגנדיק צו איר מיט אַ שפּאָטישן שמייכל:

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט אַז דו האָסט אַזאַ גוטן מאַן. האָסט געזען ווי ער האָט מיך ליב?

— אין אַ פּאָר טעג אַרום פאַרטרייבט דאָס רומענישע ווייבל איר אַלטן מאַן מיט וועמען זי איז געקומען פון רומעניע און נעמט אַריין אין איר באַראַק דעם שכן יחזקאלן, צוזאַמען מיט זיינע צוויי פּערסישע דיוואַנעס. די רומענישע האָט אָבער ווייטער רחמנות אויף זיין ווייבל און טעכטערל, זי גיט זיי עסן און זי זאָגט צו איר:

— דאַרפסט זיין צופרידן וואָס כ'האָב דיר צוגענומען דיין מאַן, ווייל ביי מיר וועט ער ניט קריכן צו די שמוציקע זונות און ניט צו די רייכע אויסגעלאַסענע פרויען. פאַר מיר וועט ער אויך ניט זיין קאַרג. אַזאַ מאַן איז ניט פאַר דיר, כאָטש דו האָסט אים געבוירן אַ ממזר. זאָרג זיך ניט איך וויל אויך פאַר דיר זאָרגן, ווי אַ שוועסטער. איך דאַרף דאָך דיך האָבן דו זאָלסט באַדינען דיין מאַן און אויך מיר. איך בין שטענדיק געוויינט מען זאָל מיך באַדינען, אין רומעניע האָב איך געהאַט צוויי דינסטן.

דאָס רומענישע ווייבל געדענקט זייער גוט ווען זי איז אַליין געווען אַ דינסט ביי קאַפּריזנע מאַדאַמען, פאַרוואָס זאָל זי איצט ניט שפּילן די ראָלע פון אַ מאַדאַם און קאָמאַנדעווען איבער אַ דינסט, דערצו ווען זי האָט פאַר זיך אַזאַ פאַרטעמפּט נאָכגיביק ווייבל, ביי וועמען זי האָט

צוגענומען איר מאַן, פאַרוואָס ניט איר אַביסל מאַטערן, וואַרפן איר אַ פּאָר גיפטיקע ווערטער און קאָמאַנדעווען איבער איר? יחזקאל טאָר טאַקע מער ניט שלאָגן זיין ווייבל, אָבער זי אַלס אַ פרוי מעג דאָך איר געבן אַ קניפּ עס זאָל בלייבן אַ בלויער צייכן. זאָל זי פילן אַז זי האָט איבער זיך אַ מאַדאַם, אַ באַלעבאָסטע.

אָבער אַז די רומענישע פאַרשוואַנגערט, מוז זי דאָך געפונען אַ מאַן פאַרן פּערסישן ווייבל, זי זאָל קאָנען חתונה האָבן פאַר יחזקאלן און געבוירן אַ לעגאַל קינד. זי טאָר זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פון אַ דינסט. גייט זי אַוועק צו אַ רומענישע שדכנטע, וואָס באַקענט זי מיט אַן אַלטן ייד פון וואַרשע. זי זעצט זיך קעגנאיבער אים, פאַרשאַרצנדיק הויך דאָס קלייד, און זאָגט צו אים:

— איך האָב פאַר דיר אַ פּערסיש ווייב, יונג און אַ בריה, אַן אמתע מציאה. דו וועסט פון איר ניט האָבן קיין קאָפּדאַרעניש, וואָס דאַרף דען אַ פרענקיניע מיט אַ ממזרקע?

— אַז זי איז אַ יונגע וועט זי דען מיך וועלן? פרעגט דער וואַרשעווער.

— איך פרעג זי דען? זי איז מיין דינסט און איך וועל זי חתונה מאַכן פאַר וועמען איך וויל. זי וועט זיין דיין ווייב און מיין דינסט, האָסט פאַרשטאַנען?

— אַוודאי האָב יאָך פאַרשטאַנען, יאָך בין אַ וואַרשעווער!

און אַהיימקומענדיק זאָגט זי צו דעם פּערסישן ווייבל:

— איך האָב שוין פאַר דיר אַ מאַן אַן אמתער אשכנזי, וואָס וועט דיך ניט שלאָגן נאָר דיך פּאַשען מיט דיין מויד. איך ווייס וואָס פאַראַ מאַן איז פאַר דיר גוט, פאַרלאָז דיך אויף מיר. איך וועל שוין זאָרגן אַז יחזקאל זאָל דיך אָפּגטן. זעסט ווי איך בין גוט צו דיר? דערפאַר וועסטו נאָך דער חתונה מיך ווייטער באַדינען. איך דאַרף דיך האָבן, איך בין ניט געוווינט צו זיין אָן אַ דינסט.

דוכט זיך וויערן אַז זי לייענט דאָסטאָיעווסקיס אַ ראָמאַן, וואָס שפּינט זיך צווישן די באַראַקן. נאָר אַזאַ גרויסער שרייבער־פּסיכאָלאָג האָט גע־קאָנט אַריינקריכן אין די נשמה־טיפעניש פון די קינדער פון דער נאַטור, מיט זייערע מיסטיש־סאַדיסטישע נייגונגען, פון פּאַטאָלאָגישע טיפּן פון זינדיקע, און פּאַסיוו קאַפּיטולירטע, קרבנות פון גורל, פאַרמשפּטע צום

ליידן, אונטערטעניקע צו אַנדערע און אייביק פאַרשקלאַפטע צו די אייגענע אינסטינקטן. נאָר אַ דאָסטאָיעווסקי וואָלט געקאָנט באַלייכטן די דראַמע, וואָס שפּינט זיך צווישן די צוויי פרויען־שכנטעס, ווי איינע איז באַהערשט מיט אַ ליידנשאַפט פון טייוולאַנישן דעספּאָטיזם, מיט אַ סאַדיסטישער הנאה צו דערנידעריקן, צו פאַרשעמען, צו הערשן און פאַרשקלאַפן דער צווייטער, די דערשלאָגענע, קאַפּיטולירטע, אונטערטעניקע, שוואַכע און רויע נשמה.

לויט די פעלקער און טיפן פסיכאָלאָגיע, קעמפן אין מענטש צוויי טענדענצן: די ערשטע וואָס שטרעבט צו הערשן, אונטערדריקן, ווי־טאָן, וואָס איז אַ סעקסועלע אומנאַרמאַלקייט, וואָס מען רופט — סאַדיזם. מען קען דאָס אויך אָנרופן יצר צו הערשאַפט, צו ווערן אַ לידער, אַ דיקטאַטאָר; אַ דעספּאָט. די צווייטע דאָס איז דער פאַרגעניגן געפּייניקט צו ווערן פון אַ געליבטן, צו זיין אַ קנעכט פון גאָט אָדער זיינס אַ פאַרטרעטער אויף דער ערד, צו אַ פירער, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ בענקשאַפט נאָך אַן „אייזערנער האַנט", וואָס זאָל פירן, אויסלייזן, באַשטראָפן. די פסיכיאַפּאַטאָלאָגיע רופט אָן די דאָזיקע טענדענץ, וואָס זיצט אין יעדן פון אונדז, אין אַ טייל שטאַרקער אין אַנדערע שוואַכער—מאַזאָכיזם. מען קען דאָס אויך באַצייכענען ווי אַ פרייוויליקע שקלאַפעריי. דיביידע פרויען פון די דאָזיקע באַראַקן געהערן צו די עקסטרעמע טיפן פון די ביידע קרענקלעכע טענדענצן. די דראַמע וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די באַראַקן צווישן ביידע ווייבער איז אפשר אַ מיניאַטור פון דער מענטשלעכער דראַמע אָדער מענטשלעכער טראַגעדיע? פון הערשער און באַהערשטע.

אָבער נאָר די מעכטיקע טרייב־קראַפט, פון גייסטיק־ערלעך קאַכנדיקער אימפּעט, פון גליענדיקן ענטוזיאַזם, מיט יוגנטלעכער ענערגיע, קאָן צובונדן וויעראַן צו דעם אייטער־שטיקנדיקן פלאַץ פון מענטשלעכן אָפּפאַל, צו דעם קעניגרייך פון נויט, פון גייסטיקע אינוואַלידן, פּראָסטיטוטקעס, סאַדיסטן, מיט עראָטיש־קראַנקע פאַנטאַזיעס. צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך ערלעכע, פשוטע גאָטס־קינדער, וואָס קענען ניט מיט אייגענע כוחות זיך אַרויסרייסן פון דעם דאָסטאָיעווסקישן גיהנום. און וויעראַ מוז געפינען אין זיך דעם גרויסן כוח דאָ אָנצוגיין מיט איר רעטונגס־אַרבעט?

דערפֿאַר געפֿינט וויעראַ איר גייסטיקן אָפּרו, אין דער גרויסאַרטיקער דירה פֿון איר חברטע זעלדע, אויך אַ פּסיכאָלאָגין. זי טרעפֿט דאָ שרייבער, קינסטלער, געזעלשאַפֿטלעכע־טוערס. צווישן וועלכע עס פֿאַרעט זיך אַרום די גוטמוטיקע זעלדע מיט אירע קיילעכיקע ראָזע באַקן. מיט אירע סאָלידע געלאַסענע רייד. זי שטעלט דאָ קיינעם ניט פֿאָר. יעדער איז דאָ היימיש און יעדער איז, אַז צערעמאָניעס זיך אַליין מכבד מיט אַ קאַלטן געטראַנק, מיט זיסן קוכן. מען קומט דאָ עפּעס דערציילן, עפּעס זאָגן, עפּעס הערן און מען פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין וויכוחים. דאָס לאַנד איז דאָך ווי אַ לאַבאָראַטאָריע פֿון געדאַנקען מיט גייסטיקע ראַנגלענישן. דער הייסער אָטעם פֿון געשעענישן: דער עליה־שטראָם, די בלוטיקע גרע־נעץ־אינצידענטן. דער אַראַבישער טעראָר און די מלחמות, שטעלן צו גענוג אַנגעווייטיקטע, ברענענדיקע טעמעס וואָס צעשטורעמען די געמיטער. קאָן מען דען זיין גלייכגילטיק צו אַזעלכע טראַגישע פֿראַגן ווי למשל: צי מעג מען נעמען ביי די דייטשן די פֿאַרגיטיקונגס־געלטער? אַ פֿראַגע אויף וואָס עס איז שווער צו ענטפֿערן, נאָך שווערער צו שווייגן. עס מאַטערט און טוט וויי. שווער צו דערשטיקן דעם אייגענעם געוויסן און צו זיין טאָלעראַנט צו די מיינונגען פֿון אנדערע. ווער איז דאָ גערעכט? דער פּעדאַגאָג מיראָן זאָגט:

— מיט די שילומים־געלטער ווילן די דייטשן אָפּוואַשן פֿון זיך די שולד פֿאַר זייערע שוידערלעכע פֿאַרברעכנס קעגן יידישן פֿאָלק און עפֿענען פֿאַר זיך די טירן צו דער קולטור־וועלט. אָפּמעקן פֿון זיך דעם קין־צייכן. צי דאַרפֿן מיר זיי אין דעם העלפֿן?

— מיר נויטיקן זיך אָבער, זאָגט דער סאָציאָלאָג יוריס, אין די דאָזיקע געלטער אויפֿצובויען אונדזער לאַנד, וואָס איז דאָך די היים פֿאַר די היטלער־קרבנות. אַוודאי איז דאָס טמאה און פֿאַרבלוטיקט געלט. צי איז אָבער מאָראַליש און לאָגיש, דאָס צוגערויבטע יידישע געלט, איבערלאָזן אין די הענט פֿון די מערדער און רויבער?

אפֿשר האָבן די דייטשן, מיטן צוּוואַרפֿן אַביסל געלט פֿאַר די היטלער־קרבנות, געטאָן מיט דער כוונה צו צעהיצן די יידישע געמיטער און פֿאַרסמען זייערע נשמות? טראַכט וויעראַ, און זי דערמאָנט זיך אין דעם לעצטן בליק פֿון איר מאַמען, ווען מען האָט זי געטריבן צום קרע־

מאַטאָריום, און וויערא פרעגט זיך אַליין: — וויפל דייטשע מאַרק איז ווערט אַ געהרגעטע מאַמע? ניין, איך וועל פאַר מיין דערמאָרדעטער מאַמען קיין געלט ניט נעמען!

אַ צווייט מאָל טרעפט וויערא אָן אויף אַ וויכוח, אַ ניט ווייניקער טראַגישער. דאָ האַנדלט זיך ניט אין מיליאָנען אומגעקומענע, נאָר ווי־אַזוי זאָלן לעבעדיקע מער ניט אומקומען צוליבן סיכסוך מיט די אַראַבישע שכנים, וואָס ווילן אומברענגען ישראל? די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם וואָס די אַראַבער באַוווינען דאָס לאַנד און די יידן מוזן דאָ קומען, ווייל אויך זיי דאַרפן אַן אייגן לאַנד, ווי אַלע פעלקער. ווו איז דער אויסוועג? די מלחמות קענען נאָר ברענגען חורבן, אַלמנות און יתומים פאַר ביידע צדדים. אפשר לעבן צוזאַמען, שליסן אַ בונד, צעשמעטערן די שנאה? דאָס וואָלט דאָך געווען פאַר ביידע פעלקער דאָס לאָגישסטע. אָבער פון ווען טוען די הערשער און פּאָליטיקער דאָס וואָס איז נוצלעך און לאָגיש? בלייבט צו לעבן אויף אַ ווולקאַן און זיך היצן אין הייסע וויכוחים. דער אַמביציעזער שלמה, וואָס איז אַ קאַלירפולע פּערזענלעכקייט, היצט זיך קעגן אַנגעכמורעטן שמואלן, אַן עלטערער מאַן, אַ ביסל פאַנאַטיש. וואָס לעבט, זעט אויס ניט אין לוקסוס. און ווען איינער רעדט וועגן אַנט־קעגנשטעלן דעם אַראַבישן נאַפּט דעם יידישן מוח, רעדט דער צווייטער וועגן אַ כוח איבערצוצייגן די אַראַבער אַז קיין מלחמה וועט זיי ניט ברענגען קיין נוצן.

ברענגען אויך די וויכוחים קיין נוצן, ווייל אויב די מענטשלעכע נאַרישקייט נעמט אָן פאַר ליבער זיך קעגנזייטיק אויסצומאָרדן איידער צו לעבן אין שלום, ווען די אויפגאַבע פון די פּאָליטיקער פון ביידע פעלקער איז קלאַמערן זיך אין דער שנאה, אַרום הייליקע קברים און הייליקע שטיינער, ווען נאָר דאָס מענטשלעכע לעבן איז גאָר ניט הייליק נאָר הפקר. ווען צווישן ביידע פעלקער שטייט אַ וואַנט פון שנאה און טרערן, וואָס קיינער וואַגט ניט אומצוּוואַרפן, איז אפשר גלייכער פאַר וויעראַן צו אַנטלויפן פון דער פּאָליטיק צו דער ליטעראַטור. צי גריבלט זיך דען ניט דער שרייבער, פונקט ווי דער פּסיכאָלאָג אין דער מענטש־לעכער נשמה? אויך די שרייבער מאַטערט דאָס רעטעניש פון מענטש־לעכער אויפפירונג, זיין צוויי־פּנימדיקייט און זיי קאָנען ניט מוחל זיין

גאָט וואָס ער האָט אויסגעקנאָטן פון ליים און בלאָטע, דאָס ניט־שטאַנד־האַפטיקע באַשעפעניש, מיט אַ ברודיקער נשמה און אים באַפוילן — פריה ורביה! ער האָט אָבער דערזען זיין ניט־געראָטענע באַשעפעניש, האָט ער עס גלייך געוואָלט דערטרונקען אין אַ מבול, ער האָט אָבער הרטה באַקומען, געראָטעוועט נחן און צוגעזאָגט קיינמאָל מער קיין מבול ניט צו מאַכן. צי וועט ער אָבער האַלטן וואָרט און ניט דערטרונקען אין אַ מבול פון בלוט, בלייבט אַ גרויסע פראַגע־צייכן. אָבער דערווייל טוט דאָס קאָמישע באַשעפענישל, וואָס איז ניט מער ווי אַ טוריסט, מיט צייט־ווייליקע וויזע אויף דעם ערד־פּלאַנעט, אַלץ צו קאָנקורירן מיט גאָט און זוכט אויס מיט זיין „גאונישן שכל” אַזעלכע ראַפינירטע מיטלען, וואָס גאָט אַליין פאַרמאָגט ניט, אַליין זיך אומצוברענגען.

מעגלעך אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין מינוטן פון לאַנגווייל, אָדער ער האָט אין זיין איינזאַמקייט אין די הימלען געגויטיקט זיך אין וועמען אויף דער ערד, וואָס זאָל אים זינגען הלל און אַפּלאָדירן זיין ניט־געלונגען ווערק, פאַר וועלכן עס קומט אים גאָר ניט קיין נאָבל־פּרייז. ער וואָלט דאָך געקאָנט מיט דער זעלבער אָנשטרענגונג שאַפן אַ מער ליטישע וועלט, ווי דער מענטש זאָל ניט אייביק טראָגן אויף זיך די שטראָף פאַר די מינוטיקע פאַרגעניגנס פון זייערע עלטערן. אַזוי טענהן זיך אויס די שרייבער און ווער רופט זיך אָן:

— ליטעראַטור איז טאַקע דעם באַשאַפערס גרעסטער קאָנקורענט, כאָטש זי שאַפט בלויז פיקציעס און איז ניט פעיק, ווי גאָט, אַריינצובלאָזן אין זיי קיין רוח החיים. דאָך זענען ליטעראַרישע געשטאַלטן, וועלכע בלאָנדזשען אַרום אין דמיון, אָפט מער ממשותדיק, ווי גאָטס געשטאַלטן, וועלכע ווערן גיך פאַרגעסן, ווען העלדן פון ראָמאַנען, דראַמעס און טראַגעדיעס, לעבן איבער דורות. שוין הונדערטער יאָרן ליבן זיך נאָך אַלץ ראָמעאָ און דזשוליאָ, דאָן קיכאָט שלאָגט זיך נאָך אַלץ מיט די ווינט־מילן, האַמלעט הערט ניט אויף צו צווייפלען, און מנחם־מענדל שדכנט צענויף צוויי כלות. אפשר איז ליטעראַטור גאָר אַ שדכנטע צווישן דמיון און ווירקלעכקייט?

עס זענען דאָ שרייבער, רופט זיך אָן אַ צווייטער, וואָס טראָגן צו דעם לייענער מיאוסע רכילות, שעפּן זייערע טעמעס פון אוממאָראַלישע

זומפן. פירן אַריין אין דער ליטעראַטור גראַבקייט און אויסגעלאַסנקייט, אַזאַ ליטעראַטור דאַרף מען פאַרווערן.

— ווי מעג מען פאַרווערן? גאָטס-וועלט איז דאָך אויך פול מיט פאַרדאַרבנקייט און פאַרברעכן. די שרייבער שעפּן דאָך זייערע טעמעס פון גאָטס-וועלט וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט זינד, טומאה און געמיינקייט. ווי אין אַ שונד-ראָמאַן אויב מען קען ניט קאָנפיסקירן גאָטס-וועלט קען מען אויך ניט דיקטירן אַ שרייבער וואָס צו שרייבן, רופט זיך אָן אַ דריטער.

— גאָט האָט אפשר ניט באַשאַפן די וועלט פאַר די מענטשלעכע נוצן נאָר פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן. האָט ער פאַרגעסן איינצופירן אַ ביסל יושר און טוט אָן די מענטשן צרות. געשאָנקען זיי 70 שפּראַכן זיי זאָלן זיך אַרומרייסן און איינער זאָל דעם צווייטן ניט פאַרשטיין. ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך הומאָר, ביים אַרויסציען די יידן פון מצרים, אָדער מיטן שופר-בלאָזן אומגעוואָרפן די מויערן פון יריחו. וויניק שפּיצלעך האָט ער אָפּגעטאָן זיין געטרייען קנעכט אברהמען? געלאָזט אים זינדיקן מיט זיין פרויס דינסט הגר און ווי אויף אַ וויץ געהייסן אים פירן זיין איינציקן זון צו דער עקידה. און וואָס האָט ער געטאָן דעם גאָטספאַרכטיקן יוהבן און צום גאַנצן פאָלק ישראל, וואָס ער האָט פאַר גרויס ליבע געשיקט זיי צו דער שחיטה, צו די גאַז-קאַמערן און קרעמאַטאָריעס? רופט זיך אָן דער ערשטער, אָבער אַן אַנדערער ענטפערט אים:

— איך בין ניט גאָטס אַדוואָקאַט, איך מיין אָבער אַז אייערע באַשולדיקונגען קעגן גאָט זענען צו איינזייטיקע. פעלן דען אויף דער וועלט גוטסקייט און שיינקייט? וויפל פּאָעטישקייט לעבן אין שוועבנדיקע וואָלקנדלעך, אין אַ פאַרבענקטן טויבן-וואָרקען. אין כישוף פון באַגינענס, און פויגל-געזאַנג, אין גילדענעם זונען-גלי, קינדישן חן, מיידלישן רייץ און דער שיינקייט פון בלומען? פעלן דען העראָישע מעשים פון מענטשן וואָס געבן אָפּ זייער לעבן פאַר הויכע אידעאַלן, פאַר דער וויסנשאַפט און פאַר מענטשלעכן נוצן? גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן בחירה חופשית, אַליין צו באַשטימען צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס. איז גאָט גאָר ניט שולדיק וואָס דער מענטש האָט ליבער צו טאָן שלעכטס?

— אויך אין דער ליטעראַטור פעלט ניט, רופט זיך אָן אַ פערטער,

קיין הומאַניטאַרע שפּער, וואָס שווימען ניט אין דער מיטלמעסיקייט פון דער מענטשלעכער־סטאַדע. נאָר שלעכטע שרייבער מיינען אַז עס איז ניט זייער פליכט צו רופן בעסער צו מאַכן די וועלט, ווייל די היינטיקע איז דאָך אין קעגנזאַץ צו יעדער לאָגיק. דער גוטער פּאָעט איז דאָך ווי פּראָמעטעאוס דער גנב פון פייער. וואָס צינדט אָן מיט זיין פאַקל די פלאַמיקע פאַנטאַזיעס און שעפּט פון די קוואַלן פון אומרואיקע עמאָציעס, וואָס שטרעבט אַז דער שכל זאָל ניט זיין קיין שטראָף. ניט דינען צו זעלבסט־פאַרשקלאַפונג, אַז דאָס לעבן זאָל ניט זיין קיין ביזנעס נאָר אַ מעכטיקער געזאַנג פון דערהויבונג. ליטעראַטור דאָס איז דאָך דער בונט קעגן „קלאָרן שכל” פון קרעמערישער פּראַקטישקייט, וואָס רייסט אַרונטער די פאַלשע מלבושים פון זעלבסט־שווינדל, פון אַבערגלויבנס און קאָנווענציאָנעלע ליגנס. זי שענקט אונדז אַ נביאישן אַרעאָל פון רוח־הקודש, אַ קאַרנאַוואַל פון אומשטערבלעכע סימפאָניעס. זי איז דער „זינג־פויגל” פון קאָסמישן געזאַנג.

אפשר זענען זיי גערעכט ? טראַכט וויעראַ, איז דאָך אַ ליטעראַטור, וואָס איז ניט הומאַניסטיש, אָן באַדייטונג. ווייל זי העלפט ניט דעם מענטש צו באַזיגן אין זיך דעם טייוול און לאָזט אים פאַרלירן דעם שייכות צווישן שכל און יושר. נאָר גרויסע שרייבער אָדער גרויסע מומחים פון גייסטיקע קראַנקייטן קענען דערגרונטעווען זיך צום שורש פון דער היינטיקער גייסטיקער צערודערונג און זיך פונאַנדערקלייבן אין דעם וואַנזיניקן ווירוואַר, וואָס טראָגט דעם שאַנד־נאָמען וועלט־פּאָליטיק. נאָר אַ הומאַניטאַרע ליטעראַטור קען אפשר העלפן צוימען די ווילדע אַפּעטיטן פון דער צעיושעטער ציוויליזאַציע, וואָס דורשט נאָך בלוט, פאַרסמט די לופט, פאַרפּאַסקודיעט די טייכן און ימים און שטייט אויפן שוועל פון אייגענעם באַנקראָט און זעלבסטמאָרד.

וויעראַ באַמערקט אויך אַז די ווערק פון געוויסע שרייבער, זענען אָפט מער געלונגען פון זייערע מחברים. די וואָס האָבן אַ גרויסן טאַלאַנט צו שרייבן האָבן ניט שטענדיק טאַלאַנט צו לעבן. זייערע העלדן שטייגן זיי אָפט איבער מיט ליידנשאַפט, קענען בעסער ליבן, ווייסן בעסער דעם טעם פון גענוס ווי די אַלט־בחורישע פאַרלאָשענע נשמות פון געוויסע שרייבער אָדער פּאָעטן. זייערע פּעדזשרס קענען אָנצינדן ביי די לייענער

די פלאַמיקסטע פאַנטאַזיעס. די הייסטע תאוותס, אָבער ניט אין זייער איי־גענע נשמות. זיי קענען זייערע העלדן אַריינפירן אין די ליכטיקסטע גן־עדנס, אין די טיפענישן פון גיהנומס, ווו זיי אַליין האָבן קיינמאָל ניט געוואַגט קיין פוס אַריינשטעלן. אַוודאי זענען דאָ שרייבערס וואָס זענען אַליין די העלדן פון זייערע ראָמאַנען. עס זענען דאָ אַנדערע פאַר וועמען די וועלט איז זייער פאַרשטעלונג און פאַנטאַזיע, וואָס טראָגן די וועלט אין זיך, אַנדערע שפּאַנען אין דער זייט פון דער וועלט, אָדער זענען אויף איר בלויז אַיינזאַמע געסט. ס'איז אפשר גוט צו לייענען זייערע ביכער, הערן זייערע רעפעראַטן, אָבער אין דער געזעלשאַפט פון אַ טייל שרייבער איז אָפט זייער לאַנגווייליק, ווייל זיי רעדן נאָר וועגן זיך, אָנערקענען בלויז זיך אַליין. די פאַרשידענע „פרנסה־שרייבערס" שלעפן די לייענער־וועלט ביי דער נאָז. הייבן אויף אַזאַ טומל וואָס צווינגט זייערע נעמען ניט אַראָפּצולאָזן פון די צינגער. זייער ציל איז בלויז צוטראָגן סענסאַציעס, וועקן עפעקטן. ליטעראַטור איז אָבער ניט קיין פּראָפעסיע, ניט קיין פרנסה, נאָר אַ שליחות. גרויסע שרייבער האָבן ביי זייער לעבן ניט געטראָגן קיין לאָבער־קרענץ, נאָר געטרודפט געוואָרן פון הערשערס, פיליסטערס און סנאָבן. אָפט געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און די לאַסט פון נויט.

נאָכן גרויסן יידישן חורבן, קענען ניט ראַטעווען דאָס פאָלק פון אַ גייסטיקן חורבן, ניט די פּאַרטייען, ניט די פּאָליטיקער, נאָר אַ הויך־גייסטיקע ליטעראַטור. וויערא טרעפט אָבער אָן אַ פּאָר יונגע העברעאישע פּאָעטן, וואָס באמיען זיך צו זיין אָריגינעל און מאָדערן, זיי שלייפן און פוצן יעדעס וואָרט, יעדן זאַץ אָבער ניט זייערע געדאַנקען. צי ווילן זיי אויספוצן די ליטעראַטור לויט דער לעצטער מאָדע פון פוסטקייט ? פון מויל פון אַן אַראָגאַנטיש פּאָעטל הערט וויערא ווערטער פון ביטול צו די קרבנות פון יידישן חורבן וואָס שוידערט זי אויף. מיט אַן אומגעלומ־פּערטן פאַרגלייך פון „דאָרטן" אין די געטאָס און לאַגערס ווו מען איז געגאַנגען „ווי שאָף צו דער שחיטה" און דעם „דאָ" ווו מען האָט העלדיש געקעמפט און געשלאָגן דעם שונא און געזיגט. דאָס שרעקלעכע עם־הארצות, שיט זאַלץ אויף די נאָך־ניט פאַרהיילטע וואונדן, פון וויעראָס נשמה. מיט וועלכע רעכט נעמט זיך דער אַראָגאַנטישער בחור צו משפּטן די גע־

שוואָלענע, גוססדיקע שקעלעטן פון זקנים, פרויען און קינדער, די שאָטנס פון מענטשן צעפּרעסענע פון הונגער און עפּידעמיעס? וואָס פּאַראַ גיבור וואָלט ער געווען אויף זייער אָרט? וואָס פּאַראַ משונהדיקער פּאַרגלייך צווישן, די פּאַרשקלאַפּטע אומבאַוואָפנטע יידן, די פּאַרמאַכטע אין די געטאָס און לאַגערן מיט די פרייע יידן אין ישראל? וואָס פּאַראַ נאַרישער פּאַרגלייך צווישן דער מעכטיקסטער היטלער־אַרמיי אין דער וועלט מיט די פּרימיטיווע אַראַבישע אַרמייען? די פּאַרשוועכונג פון די קדושים, דער־וועקט אין איר קאָשמאַרע זכרונות און טיפע ווייען, שטויסט אַריין וויעראַן צוריק אין איר טראַגישן נעכטן, אין דעם לאַבירינט פון עולם התוהו, אין דעם אימהדיקן תהום פון גיהינום, ווו אַרומגעשפּרייזט האָט די טייוו־לאָנישע קראַפט פון רשעות, ווו דער מלאך־המוות האָט געפּראַוועט זיין בלוטיקע הערשאַפט, איבער צום טויט פּאַרמשפּטע שקעלעטן איינגע־וויקלטע אין שמאַטעס, וואָס האָבן געוויינט אין די נעכט אויף זייערע הילצערנע פּריטשעס. ווי אַלמעכטיק האָט געהערשט די פּאַלקע פון בלאָק־עלטסטן, דער צאַפּל פּאַר קלעפּ און דער חלום פון ברויט, וואָס האָט געמאַכט אַפילו גלייכגילטיק צו דער סעלעקציע, ווייל דער טויט איז געווען די אויסלייזונג פון אַלע איבלען פון לעבן, דער לעצטער ווונטש פון שטומע נשמות. איז אונטער די הילצערנע באַלקנס, מיטן אויס־היכן די נשמות געקומען די לעצטע באַפרייאונג. ווי האָט וויעראַ געקענט דאָס אַלץ צוזען און דורכלעבן? אפשר ווייל איר מאַמעס לעצטע ווערטער: „ראַטעווע זיך טאָכטער! דו ביסט יונג, דו דאַרפסט נאָך לעבן!" האָט איר געגעבן דעם כוח. די ווערטער האָבן זיך איינגעקריצט אין איר מוח, באַגלייט זי אין אַלע סכנות, אין די שוידערלעכסטע מינוטן. דער גייסט פון דער געטרייער מאַמען האָט געוואַכט איבער איר לעבן. ווי קען זי פּאַרגעסן די מאַמעס אויגן, דעם טייערן טאַטן, איר ליבע שוועסטער, די איידעלע בלומטשע? געווען אַליין ווי אַ בלום און ליב געהאַט בלומען. אירע אויגן ווי דער הימל בלוי, ווער האָט אָפּגעשוירן אירע גאָלדענע לאָקן? נאָר איר גאָלדענעם חלום האָבן די מערדער ניט געקענט ביי איר צורויבן, וואָס איז געווען ריין ווי די פּאַרטאָגיקע לופט. אין פיבער פון היץ האָט זי געשעפּטשעט, אַז זי הערט שאָפּענס מוזיק, אַז זי זעט בלויע מאַרגאַריטקעס און הערט דעם רויש פון ווינט ווי פידל־טענער.

וואָס פּאַראַ זיסן חלום האָט זי מיטגענומען מיט זיך, אויסגייענדיק פון טיפוס ? דער טויט האָט די מיידלישע אײדלקייט, מיט אַ זיסן קוש, אויסגעלייזט פון אַלע פּיינען. צי זענען דאָס די בלומטשעס געגאַנגען ווי־שאַף צו דער שחיטה ?

אָנגעהויבן האָט זיך דער גרויל נאָך אין געטאָ, שוין דאָרט זענען אויסגערינען די קוואַלן פון טרערן. אויף די געטאָ־געסלעך האָט פון געשוואָלענע לייבער געטראָגן זיך דער ריח פון פוילעניש. דער טויט האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע פאַרשימלטע פענצטער־לעכער. מענטשלעכע שקעלעטן האָבן צווישן בערג מיסט געזוכט אָפּפאַל פון שפּייז פאַר זייערע גוססדיקע גופים. פאַרחלשטע האָבן געחלומט וועגן ברויט אָדער אַרישע פּאַפּירן, ווי אַ פּאַפּירענע בריק צום לעבן. אָפּט האָט מען אין בהלה געפּאַקט זיך צו גיין אין לאַגער, מיט דער האָפענונג אַז דאָרט וועט מען געבן מער ברויט. פון וואַנען האָבן זיי געקענט וויסן אַז דאָרט וואַרט זיי דער טויט ? אָפּגענאַרט האָט מען זיי פאַרשלעפּט אין דעם שרעקלעכן גיהנום. די דייטשן האָבן ברוטאַל זיי געטריבן, די פּאָלאַקן באַגלייטן זיי מיט חוזק־בליקן. אין לאַגער האָט זיי באַגעגנט דער שטיקנדיקער ריח פון טויט און עס האָט געטרייסלט דאָס לייב אין קאָנוווּלסיעס. אָבער וואָס ווייסן די אַראָגאַנטישע בחורים, וואָס שרייבן מאָדערנע לידער, וועגן מאַמעס וואָס האָבן געטוליעט צו זיך קינדישע שקעלעטלעך אויף זייערע קני, מיט הענטלעך ווי ביינדלעך און מיט פינגער ווי שפּענדלעך, מיט אויגן הונגעריקע פלאַמענדיקע, פאַרגאָסן מיט טרערן, אָדער וועגן מאַמעס וואָס האָבן געוויגט שוין טויטע קינדער ?

ווער זשע וועט אויסשרייען דעם יאָמער פון לייד, דעם וויטיק פון פאַרשטיינערטע מיילער, פון צעקאַלעטשעטע נשמות און געפּייניקטע לייבער, דעם לעצטן ציטער פון מיידלישן צויבער וואָס איז געוואָרן אַש, פון קינדישן חן אַ פאַרברענטן ?... טראָגט זיך נאָך דער געשפּענסט פון אוי־שוויץ איבער דער ערד, מיט מענטשלעכע ביינער, ווו עס ליגט בלומטשע, די גאָלדענע רויז, וועמען ס'איז אין גאַנצן 11 יאָר געווען. אפשר באַלייכט אַמאָל דעם מאַסן־קבר אַ תחית־המתימדיקער אויפגעשטאַנענער שטערן ? אַ ניין! זיי זענען ניט געווען קיין העלדן, נאָר יעדער זייער טאָג פון געראַנגל פאַרן לעבן איז געווען די גרעסטע גבורה. מיט אַ צעוויייטיקטע

נשמה פאַרלאָזט וויעראַ די שרייבערישע געזעלשאַפט. דערלויבט ניט, דאָס־מאָל קיינעם זי באַגלייטן אַהיים. וואַנדערט אַליין איבער די שוין האַלב־פוסטע גאַסן, אונטער אויסגעשטערנטן הימל. זי וואַרפט אין שטוב אַראָפּ פון זיך די קליידער און וואַרפט זיך אויפן געלעגער. די שטוב איז דער מקום־מקלט צו אַנטלויפן פון מענטשן. צו בלייבן מיט זיך אַליין, אפשר וועט קומען מיטן שלאָף דער סוף צו דיליידן? ניין זי געפינט זיך גאָר אין אוישוויץ. מען וואַרפט אַריין אין איר בלאָק אַ צעבלוטיקט, צעשלאָגן מיידל, כמעט אַ קינד, וואָס פרעגט גוססדיק אין פיבער: „מאַמעלע צי טוט דער טויט וויי?

דער קאַשמאַר פון אַן אוישוויצער נאַכט, שטיקט וויעראַן אין האַלדז צום וויינען, עס לאָזט איר ניט שלאָפן אויך די שרעקלעכע פראַגע:

— ווי האָבן די יידן אין דער וועלט און אין ישראל געקאָנט באַרמאָל גיין יעדן טאָג צו דער אַרבעט, עסן, פאַרברענגען, זיך ווילן, ווען דאָרט האָט מען געמאָרדעט און געברענט זייערע שוועסטערס און ברי־דערס. פאַרברענט, פאַרגאַזיקט קליינע קינדער. צי האָבן זיי טאַקע דאָס ניט געוווּסט? ווו זענען געווען די פירער פון דער גרויסער ציוניסטישער באַוועגונג, די רבנים, די פירער פון „בונד", פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי ווייניק געטאָן צו ראַטעווען, פאַרוואָס, פאַרוואָס? איז דען דאָ אַ תירוץ פאַר די ישראל־יידן אַז אויך זיי האָבן געליטן פון אַראַבישע פּאָגראָמען, פון דער ענגלישער מאַכט און אַראַבישע האָרדעס. זיי זענען דאָך אָבער געווען פריי, ניט פאַרמאַכט אין קיין געטאָס, פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן אויף די גרוילן פון אוישוויץ?

נאָך דער נאַכט פון קאַשמאַרן און ביטערע מחשבות וועקט דער בלאַסער טאָג־ליכט אויף וויעראַן צום לעבן. די פליכט און די ליבע צו איר טעכטערל, וואָס געפינט זיך אין קיבוצישן דערציִאונגס־אַנשטאַלט צעטרייבט דעם יאוש. דער געבורט פון נייעם טאָג, לייטערט אויס אין אין מוח ווישט אויס די טרערן. דער שטורעם וואָס איז דורכגעלאָפן דורכן האַרץ, ווי דער נעפּל, פאַרשווינדט און ליכטיק ווערט אויפן געמיט, פון די קייטן פון נעכטן באַפרייט, צום לעבן דערוואַכט די בענקשאַפט צו איר קליין באַשעפעניש דערמאָנט אַז ניט לאַנג צוריק איז זי דאָך

אַליין אַ קינד געווען. איינגעזאַפּט אין זיך די ריחות פון פּוילישן פּרילינג, פון בעז און יאַסמין. די זון האָט געגלעט אירע בעקלעך. דאָס זויבערע קוועלעכל האָט דערקוויקט איר נשמה. די היימישע געסלעך האָבן גע־שפּראָצט מיטן געזאַנג פון דער יוגנט, די טרוימען געשוואומען ווי דער רויך פון די קוימענס, איבער די נידעריקע שינדל־דעכער. דער זומער איז געווען מיטן טעם פון מאַלינעס, קאַרשן, ווײַנשל, פּאַזשאָמקעס און יאַגדעס. מיט ריח פון פריש געשניטן היי. דער האַרבסט האָט געשמעקט מיט מע־לאַנכאָלישע פּאַוזיע און געשפּילט אויף די סטרונעס פון איר מיידלישער נשמה. דער ווינטער שימערירט מיטן זילבער פון פוכיקן שניי. די לינדע פרעסטלעך געקנייפּט אירע בעקלעך און צעוואַרעמט דאָס בלוט. פון די אייז־צעפּלעך האָט געטריפט, ווי מאַמעשע טרערן פון נחת. די פריילעך שטיפנדע מיידלעך, אויפן וועג אַהיים פון דער שול, באַוואַרפן זיך מיט שניי און געלעכטער. זענען די קינדער געפּיעשטשעט געוואָרן פון דער נאַטור און פון די מאַמעס. ווי אַן עלטערע שוועסטער האָט וויעראַ געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ דאָס מוזיניקל בלומטשען און אויף איר האַנט איז זי אויסגעוואַקסן אין אוישוויץ. ווער האָט אָפּגעמעקט דעם נעכטן, דער־טרינקען די פּיינען און זכרונות־טומאַנעס, ווי פּאַרלאַשענע פּייערס? נײַע גרויסע ליבע צו איר אייגן באַשעפּענישל ברויזט אין איר האַרץ־באַהעלטע־ניש און אויב אַ פּאַרמשפּטע צום לעבן, מוז זי דאָך פון איר שעפּן מיט פולע עמערס. איר טעכטערל איז דאָך זשענדע צו מאַמעשע־ליבע און זי אַליין איז זשעדנע צו ווערן געליבט און ליב צו האָבן.

בלייבט אויפצושטיין צוזאַמען מיטן טאָג, אָפּשאָקלען זיך פון די גרויל־קאָשמאַרן פון פינצטערן נעכטן און ציטערן איז זיך קוואַליקן וויטאַליטעט, ענערגיע־שטראָם און ברויזנדיקן ווילן צו שפּרייזן איבער אַלע שטערונגען, איבער אַלע וויטיקן און אָנפילן דאָס דורשטיקע האַרץ מיט נײַגעריקייט נאָך וויסן. וואָס קען וויעראַ נאָך מער פּאַרלאַנגען פון לעבן נאָך יאָרן פון וויסטע פּיינען?

לערנען, מיינט אָבער ניט זיך אָפּצוזאָגן אַרומגענומען צו ווערן פון מענערישע אָרעמס און דערשטיקן די ווייבלעכע פּאַרלאַנגען וואָס ברויזן אין בלוט. זי איז דאָך ווייט פון אַסקעטיזם נאָר מיט אַן איבערפלוס פון ליבע, וואָס שפּראָצט פון איר ניט־אויסגעשעפּטן קוואַל; מיט לעבנס־

פרייד, מיט גייסטיקן פייער, מיט דורשט נאָך געַנוס; וואָס האָט נאָך יאָרן פיגנצטערע איבערלעבענישן, פון שוידער און פאַרצווייפלונג צעבליט זיך מיט געזונטע באַגערן נאָך גייסטיקע און קערפּערלעכע פאַרגעניגנס.

צי וואַלגערט זיך דען ליבע אויף די גאַסן און די פרייד אויף אַלע שוועלן? דאָס לעבן איז גאַנץ קאַרג מיט צושטעלן פאַרגעניגנס, איז וויעראַ אַנגענעם די אָפּטע וויזיטן פון הער זעלצער. צוזאַמען מיט בלומען ברענגט ער אַריין אַ גוטע שטימונג און אינטערעסאַנטע שמועסן. ער האָט ווי וויעראַ ליב ליטעראַטור, וואָס איז דאָך אין די הײַנטיקע טרויעריקע צייט דאָס ליכט פאַר די מענטשן. זי ברענגט דעם אמת פון אַ לאַא־צע אַז דאָרטן ווו געשטאַנען זענען מיליטער־לייט, וואַקסט אויס דערנער און אָסקאַר ווײַלד האָט דאָך געוווּסט אַז פון דערנער קען מען קיין ווײַנטרויבן ניט רייסן. כאָטש וויעראַן איז קאָמיש וואָס אַזאַ ערנסטער, אינטערעסאַנטער און עלטערער פון איר מאַן קוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן. זי איז אים מכבד מיט אַ געשמאַקע קאַווע און קאָן זיך גאָרניט פאַרוואַרפן אַז מיט איר אויפפירונג קען זי ווײַ־טאָן זײַן שטיל צניעותדיק ווײַבל. זאָך פילט זי פאַר איר זיך שולדיק. אפשר ליידט יענע פון אײנזאַמקייט און וואַרט, מיט צעריַיצטע נערוון, איר מאַן זאָל אַהיימקומען פון דער פסיכאָלאָגין?

וויעראַ קען גוט זעלצערס ווײַבל נאָך פון אושוויץ. זי ווייסט אויך אַז ניט קיין ליבע בינדט זי מיט איר ערנסטן מאַן. בלויז אײנמאָל אין לעבן איז זי געווען פאַרליבט. דאָס איז געווען אין טויטן־לאַגער. זי האָט ניט געקאָנט איר געליבטן, קוים אַ פּאָר מאָל געזען אויף מינוטן, זײַן פּנים, געפילט אָבער זײַן הייסן בליק און אים שרעקלעך ליב באַקומען. ער פלעגט ביי געלעגנהייטן, ווען מען פלעגט די פרויען דורכפירן צו דער אַרבעט, איר צוואַרפן אַ שטיקל פון זײַן אָפּגעשפּאָרטע נאָרמע ברויט. זי האָט זיך געשעמט צו קוקן אים אין די אויגן נאָר אין די נעכט, אויף דער הילצערנער פּריטשע, וועגן אים געחלומט, וואָס האָט פאַרלייכטערט אירע ליידן. קורץ פאַר דער באַפרייאונג, האָט מען אים ערגעץ אַוועק־געפירט. האָט נאָך דער באַפרייאונג געוואַרט אויף אים, געזוכט, ער איז אָבער ווי אַריין אין וואַסער, ניט דערלעבט, זעט אויס די באַפרייאונג. זי איז אָבער געבליבן געטריי זײַן אָנדענק. צו איר מאַן האָט זי גרויס

רעספּעקט, איז אים געטריי אָבער ליב געהאַט האָט זי, נאָר יענעם, ווען זי האָט קוים געקענט.

אָבער וואָס זאָל וויערא טאָן אַז די, וואָס איז שטילער ווי אַ טויב, זאָל אומזיסט איר ניט חושד זיין און ניט אומזיסט ליידן. האָט זי דען ווייניק אין לעבן געליטן? צי קען אָבער וויערא פאַרווערן דעם הער זעלצער צו קומען? אייגנטלעך בינדט דאָך מיט אים בלויז פריינדשאַפט און אינטערעסאַנטע שמועסן. אָבער ווי קען דאָס פאַרשטיין די שטילע פרוי?

טרעפט זי איר גאַנץ צופעליק אין גאַס. איר טרויעריק פנים צע־בונטעוועט אין וויעראַן אַ פּראָטעסט קעגן זיך אַליין. אייגנטלעך דאַרף זי דאָך האָבן פאַרשטענדעניש פאַר דער געליטענער און איר ניט ווי־טאָן. דערנענטערט זי זיך צו איר, און אַנשטאָט איר אויפצוקלערן, רייסט זיך פון איר מויל ספּאָנטאַניש אַרויס די ווערטער:

— גוט וואָס כ׳האָב דיך געטראָפן, כ׳וויל דיך בעטן זאָלסט איבער־געבן דיין מאַן, אַז אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל צו מיר מער ניט קומען, ווייל כ׳בין איצט שטאַרק פאַרנומען כ׳וועל דיר דערפאַר זיין זייער דאַנקבאַר.

נאָך די ווערטער דערפילט וויערא אַ שטאַרקע דערלייכטערונג, ווייל זי אַליין וואָלט דאָס אים ניט געקאָנט זאָגן און דערמיט אויך אַראָפּגעוואָרפן אַ שטיין פון האַרץ פון דעם שטילן ווייבל אוןביידע געזעגענען זיך מיט לייכטערע געמיטער.

וויעראַ מיידט אָבער ניט אויס קיין מענער. ביי איר חברטע זעלדען באַקענט זי זיך מיטן אינזשיניער אָסקאַר. אַן ענלעכער טיפּ ווי איר געוועזענער מאַן אריה, מיטן זעלבן דראַנג צו מאַטעריעלע דערפאָלגן און קאַריערע, דערצו אָבער אַ גרויסער ווייבערניק. זיין פרוי האָט מיט אים חתונה געהאַט מער צוליב זיין רייכער וווינונג און טייערע מעבל, ווי צוליב אים. איז ביי איר ניט קיין נאָווינע וואָס אַ מאַן האָט צו זיין פרוי צו אַ צווייטע. פון איר אייגענער דערפאַרונג איז איר געווען קאָמיש ווען די פרוי פון דעם אַדוואָקאַט, ביי וועמען זי האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרקע, פלעגט זיך דענערווירן, וואָס איר מאַן קומט אַזוי שפּעט אַהיים פון דער ביוראָ. זי האָט געמעגט פאַרשטיין אַז ווען איר מאַן האָט אַ יונגע סעקרעטאַרקע, וועט ער זיך דאָך ניט איילן אַהיים צו זיין אַלט

ווייב און אַז ניט צוליבן קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשין קויפט מען דער סעקרעטאַרקע טייערע מתנות. איז דאָס פּאַר איר נאַטירלעך, וואָס אויך איר מאַן פאַרמאָגט אַ געליבטע. זי טרייסט זיך אָבער, וואָס יענע איז בלויז אַ צוגאָב, וואָס געניסט בלויז פון פאַרגעניגנס, ווען זי געניסט פון איר מאַנס רייכטום און ווערט דאָך אויך פון אים ניט פאַרנאַכלעסיקט.

ווען וויערא באַקענט זיך מיט אָסקאַרן, פאַרגעסט ער אין גאַנצן אין זיין פרוי און אין דער געליבטע און גיט אָפּ איר זיין יעדע פרייע צייט. ער פירט זי מיט זיין אויטאָ צו דער אַרבעט, אויף אויספלוגן איבערן לאַנד. וויערא האָט אַלס פסיכאָלאָגין דערקענט דאָס קאָמפּליצירטע צוזאַמענלעבן פון געשלעכטער און דעם ליגנט פון פאַמיליע־לעבן, זי ווייסט אויך וואָס עס בינדט אָסקאַרן מיט זיין פרוי, פילט זי דעריבער גאָר ניט קיין שום שולד לגבי איר. זי טראַכט אויך ניט פון זיין ווייב אים צונעמען, ניט מיט אים זיך סטאַביל צו פאַרבונדן. אפשר בלויז צו באַפרייען איר קערפּער פון די עלעמענטאַרע נויטן. מיט קערפּערלעכע סימפּאַטיע, מיט דערגרייכטע ווייבלעכע נצחונות, אָבער אָן טיפע פריינדשאַפט, אָן גייסטיקע קרובהשאַפט.

זיין פרוי אָבער, וואָס פלעגט זיין געליבטע באַגעגענען מיט פאַלשער חניפה און העפלעכן שמייכל, דערפילט אַז די נייע געליבטע פון איר מאַן איז גאָר ניט קיין צולאָג, און זי אַליין איז אַפילו מער ניט קיין צולאָג, צו זיין נייער געליבטע. און עס דראָט גאָר ערנסט, זי זאָל איר מאַן אין גאַנצן פאַרלירן. באַשליסט זי, צו זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט זיין נייער געליבטע. און מיט גוטע רייד אויף איר ווירקן, זי זאָל ניט צורויבן איר מאַן און זי קלינגט אָן צו איר:

— איך אַנטשולדיק זיך וואָס איך קלינג צו אייך, איך בין די פרוי פון אָסקאַרן, איך ווייס אַז נאָר ביי אייך קאָן איך אים טרעפן, איך דאַרף עפּעס וויכטיקס אים איבערגעבן.

— אייער מאַן קומט טאָקע צו מיר אָפט, אָבער גראָד איצט איז ער ביי מיר ניטאָ.

— וועט איר אפשר ניט זיין אין כעס ווען כ׳וועל ביי דער געלעגנ־הייט אייך עפּעס בעטן?

— פאַרוואָס זאָל איך זיין אין כעס, איר האָט דאָך מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן.

— איך וויל אייך זאָגן אַז איך האָב גאָר ניט קעגן דעם וואָס מיין מאַן פאַרברענגט ביי אייך, איך בין אַ מאָדערנע פרוי און ניט אייפער־זיכטיק. איך וויל אייך אָבער בעטן איר זאָלט ווי אַ פרוי ווירקן אויף מיין מאַן אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן אַז ער האָט אויך אַ פרוי. איר קענט דאָך זיכער אויף אים ווירקן און איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר. איך האָף אַז דאָס וועט אייך גאָר ניט שטערן אַז ער וועט אויך ניט פאַרגעסן אין זיין פרוי.

— איך אַליין פאַרגעס גאָר ניט אַז אָסקאַר האָט אַ פרוי און איך טראַכט גאָר ניט פון אייך אים צוצורייסן. אָבער ווי אַ פרוי צו אַ פרוי וויל איך אייך זאָגן, אַז ווי לאַנג איך וועל מיט אייער מאַן זיין אין נאָענטע באַציאונגען, וועל איך זיך מיט אייער מאַן מיט קיינעם ניט טיילן, אַפילו ניט מיט זיין אייגן ווייב.

— אָ, איך וויל גאָר ניט ביי אייך צונעמען מיין מאַן, איך דערלויב זיך אייך דאָס צו בעטן, ווייל איך בין שוואַנגער און די מענער, נעבן אַ שיינער געליבטע, פאַרגעסן דאָס לייכט.

דערהערנדיק, אַז זיין פרוי איז שוואַנגער, האָט דאָס וויעראַן אויפ־געקאָכט, ווי האָט זי דאָס געקענט זיך דערלויבן?

באַשליסט זי: — ווייטער ניט! אפשר גאָר ניט באַדאַרפט אין גאַנצן מיט אים זיך אָפּצוגעבן, ניט נאָכגעבן די בענקשאַפט נאָך אַ מאַן און באַ־פרייען זיך פון די אומגעצוימטע תשוקות וואָס מאַכן דעם מענטש פאַר אַן עובד צו דער טיראַניע פון זיין גוף, פאַרשקלאַפט אים צו די צעבושעוועטע אינסטינקטן, וועלכע ווילן זיך ניט אונטערוואַרפן דעם באַפעל פונעם שכל. באַשליסט זי ארויפצווינגען אויף זיך אַ מאָראַלישע דיסציפּלין, ווייל אין געראַנגל צווישן אינסטינקט און מאָראַל מוז ניט שטענדיק זיגן דער יצר הרע. איז גוט וואָס דאָס צעשיידן זיך מיט אָסקאַרן גייט דורך אָן קאָמפּליקאַציעס. אויב פון אריהן האָט וויעראַ געירשנט אַ זיס טעכטערל, זענען די קורצע באַציאונגען מיט אָסקאַרן נאָר אַן עפּיזאָד וואָס לאָזט ניט איבער אַפילו קיין בענקשאַפט. נאָר

צופרידן וואָס זי האָט ניט דערלאָזן זיך אַראָפּפירן פון די רעלסן פון אויפריכטיקייט און אָנשטענדיקייט.

דאָס פאַרבלאָנדזשען אויפן וועג צום קיבוץ, ווו עס געפינט זיך וויעראַס טעכטערל, גיט וויעראַן אַ שטויס צו אַ נייעם סאָרט לעבן. יונהס ערלעכקייט פאַרשטאַרקט אין איר דעם ווילן ווייטער צו שפּאַנען אויף די וועגן פון פשוטקייט און ערלעכקייט. מען קען דאָך זיין אויך געליבט און געצערטלט, מען קאָן בענקען נאָך זאַפטיקע מענערישע ליפּן און ניט אַריינשווימען אין געשלעכטלעכע פאַלשקייט. פאַר יונהן איז דאָך ניט טייער בלויז איר גוף, ער האָט אַ טיפן רעספּעקט פאַר איר פּערזענלעכקייט און דערפון זיין נאָך־יונגלישע ניט אָנגרייפערישקייט, וואָס פאַרשווערכט ניט די געליטערקייט פון זיין ליבע.

זייענדיק אַליין פאַרליבט, איז גאָר ניט קיין ווונדער מיט וואָס פאַראָנייגיר, פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע וויעראַ באַציט זיך צו דער סאָלידער און ערלעכער פסיה, וואָס האָט אומגעריכט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ ליבע מיט אַ פרעמדן, צופעליקן מאַן, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ גרויסער ליידנשאַפט און אַ תל געמאַכט צו אַלע אירע איינגעוואָרצלטע באַגריפן וועגן דער הייליקייט פונעם פאַמיליע־לעבן, אַנגעצונדן אין איר די הייסטע באַגערן צו זיין געליבט, צו ווערן געצערטלט. און זי דערציילט וויעראַן מיטן גרעסטן צוטרוי און אָפנהאַרציקייט, ווי אַזוי דאָס איז איר פּלוצעם געשען, וואָס עס טוט זיך אין איר האַרץ־טיפעניש. ווערזשע קען אַזוי זיך איינהערן אין מענטשלעכע רייד ווי אַ פּסיכאָלאָגין? הערט וויעראַ מיט גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, וואָס פסיה דערציילט:

— ווי אַזוי איז דאָס מיר געשען, וואָס איך אַ געטרייע פרוי צו מיין מאַן, אַ מוטער פון געראָטענע קינדער, זאָל זיך דערלויבן צו פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט, אין מיינע פליכטן, און זיך דערלויבן אַזעלכעס מיט אַ פרעמדן, וואָס איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך וועל דאָס וואַגן. דאָס ליגט גאָר ניט אין מיין כאַראַקטער, ניט אין מיין דערציאונג וואָס כ׳האָב באַקומען. איך קען זיך אַליין ניט דערקענען, כ׳בין דאָך קיינמאָל ניט געווען קיין קאָקעטקע, ניט געזוכט קיין מענער דעם קאָפּ צו פאַרדרייען און דאָך איז דאָס מיר געשען. כ׳בין צווי וואָכן געווען ווי היפּנאָטיזירט, געלעבט ווי אין אַ חלום און געוואָלט

דאָס זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. געשראָקן זיך צוריקצוקוקן צום אַלטן גרויען טאָג־טעגלעכן.

— דערקענט האָב איך אים אין דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט מיך געפירט צוריק פון ניו־יאָרק, ווו כ'בין געווען צו גאַסט ביי מיין ברודער. אויפן וועג צוריק קיין ישראל. לויטן טשאַרטער־פּראָגראַם איז מיר געבליבן צו זיין צוויי וואָכן אין ענגלאַנד. איך האָב אין לאָנדאָן קיינעם ניט געהאַט, האָט מיך געשראָקן, אַ פרוי אַליין, צו פאַרברענגען אין אַ פרעמדער שטאָט. צום גליק האָט איינער פון די פּאַסאַזשירן, וואָס איז נעבן מיר געזעסן אין עראָפּלאַן, מיט וועמען כ'האָב געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן, מיר געהאָלפן פון עראָפּאָרט אַרויסצוטראָגן מיינע וואַליזעס און כ'האָב גלייך דערפילט אין אים אַ פריינד. ווען אַלע פּאַסאַזשירן זענען אַוועק יעדער אין זיין וועג בין איך ניט געבליבן אַליין. ער איז געווען נעבן מיר. דאָס ערשטע האָט ער, ווי אַ דזשענטלמען גענומען זאָרגן וועגן אַ האָטעל ווו אַוועקצולייגן די וואַליזעס און ווי איבערנעכטיקן, און כ'האָב באַקומען צו אים דעם גרעסטן צוטרוי. אין האָטעל האָב איך געוואָלט מיין צימער זאָל זיין נעבן זיינעם, צו פילן זיך אין דער פרעמד זיכער און היימלעכער. עס זענען אָבער געווען בלויז צוויי פרייע צימערן, איין צימער אין פּאַרטער, דער צווייטער אויפן דריטן שטאָק, איז דאָס פאַר מיר געווען ניט היימלעך, ווי מעג איך אַ פרוי אַליין, זיין ווייט פון אים, צווישן אפשר פאַרדעכטיקע טיפּן? ער האָט באַמערקט מיין אומרו און מיט איידלקייט מיך אַ פרעג געטון צי איך בין ניט קעגן דעם צו נעמען אַ געמיינזאַמען צימער? איך האָב נאָך ניט געוווסט זיין נאָמען אָבער שוין געהאַט צו אים אַזאַ צוטרוי, און כ'בין מסכים געווען, אַבי ניט צו זיין אַליין אין אַ פרעמדן האָטעל. מיר איז גאָר ניט געגאַנגען אין דעם וואָס דאָס וועט מיך קאָסטן נאָר אַ העלפט, געפרייט האָט מיך, ניט צו זיין אַליין. ערשט אַריינקומענדיק אין צימער האָב איך דערפילט זיך שרעקלעך ניט־אַנגענעם און שוויגנדיק מיט אַ שווער האַרץ גענומען אויספּאַקן מיינע וואַליזעס און די קליידער אַריינהענגען אין דער שאַנק. אָבער זיין סאָלידע האַלטונג האָט באַרואיקט מיין געמיט און כ'האָב אים גענומען ווייזן די מתנות וואָס איך פיר פאַר מיין מאַן און קינדער. ער האָט אין זיין איידלקייט פאַרשטאַנען, אַז כ'דאַרף זיך, וואַשן

און איבערטועז, האָט ער פאַרלאָזט דעם צימער און געוואַרט ביז כ׳וועל אים רופן. אַן אָפּגעוואַשענע אין אַ פריש קלייד האָב איך אים אַריינגערופן און ער האָט גערימט מיין קלייד, געמאַכט מיר אַ דעליקאַטן קאָמפּלימענט. וועלכע פרוי האָט דען ניט ליב קיין קאָמפּלימענט? האָב איך דערפילט אין אים אַ פריינד און מער ניט חרטה געהאַט וואָס כ׳בין מיט אים אין איין צימער. נאָכן ברענגען אונדזערע זאַכן אין אָרדענונג, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן דעם ערשטן שפּאַציר איבער דער שטאָט. נאָכן אָפּעסן אַ לייכטע קאָלאַציע אין דעם נאָענטסטן רעסטאָראַן, האָבן מיר נייגעריקע שפּאַצירט איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט. אונטערן אָוונט־שיין, מיט די באַלויכטענע וויטרינעס, קאָלירטע נעאָ־רעקלאַמעס און די גאַסן־לאָמ־טערנעס איז געווען אָנגעטאָן אויף דער שטאָט אַ ראָמאַנטישער חן. ער ווי אַ דזשענטלמען האָט מיך לייכט געפירט ביים אָרעם איבער די פרעמדע גאַסן און מיר איז געווען גוט, וואָס כ׳בין ניט אַליין. מיר האָבן אָבער ניט געוואָלט דעם ערשטן אָוונט צו ווייט פאַרקריכן פון אונ־דזער האָטעל און זיך גלייך צוריקגעקערט צו אונדזער האָטעל־צימער. דאָ ערשט האָב איך ווי צום ערשטן מאָל באַמערקט דאָס איינע בעט און צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטון, ווי וועלן מיר ביידע שלאָפן? און געשעמט זיך צו קוקן אים אין די אויגן, ניט געוווסט וואָס צו טאָן. אויך דאָסמאָל האָט ער פאַרשטאַנען וואָס מיך שרעקט און ער האָט גלייך אַראָפּגענומען איין מאַטראַץ פון ברייטן בעט, צוגעגרייטן פאַר זיך אַ געלעגער אויף דער פּאָל. אָבער אָנשטאָט זיך צו באַרואיקן האָט זיך אין מיר צעבונטעוועט דער געפיל פון יושר. מיט וועלכע רעכט זאָל ער שלאָפן אויפן פּאָל, איז דאָס ניט קיין דערנידעריקונג? ער האָט דאָך גלייך ווי איך באַצאָלט פאַר אַ באַקוועם געלעגער. האָט זיך ספּאָנטאַן פון מיר אַרויס־געריסן די ווערטער:

— ניין איך וויל ניט איר זאָלט זיך לייגן אויפן פּאָל! דאָס בעט איז גענוג ברייט!

ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, אַוועק אין טואַלעט זיך אָפּ־וואַשן און מיר געגעבן די געלעגנהייט זיך אויסצוטוען. האָב איך זיך פאַרדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט אויף עפּעס שרעקלעכעס וואָס עס קאָן געשען, ניט געקאָנט זיך שענקען

וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. אָבער ער איז אַריינגעקומען, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען, געמיטלעך, אונטערגעפּייפט אַן אַריע פון אַן אָפּערע. אָבער מיר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער האָט זיך געלייגט אין בעט אָפּגערוקט פון מיר, מיך ניט צו באַליידיקן, זיין ניט אָנגרייפע־ריש, האָט מיך שטאַרק באַרויִקט, און ביים זאָגן אַ גוטע נאַכט! האָב איך פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט, ניט קענענדיק זיך באַהערשן, זיך צוגעבויגן צו אים און געגעבן אים אַ קוש אין שטערן, איך בין דען פון שטיין? אָבער ער האָט מיך אַרומגענומען און געענטפערט מיט אַ סך קושן, איז מיר דערפון געוואָרן אַזוי גוט אַז כ'האָב גאָר ניט געוואָלט פון אים זיך באַפרייען, גאָר פאַרגעסן אַז ער איז אַ פרעמדער. מיין מאַן האָט דאָך שוין לאַנג מיך ניט געפּיעשטשעט, קיינמאָל מיך ניט גערופן מיט אַזעלכע צערטלעכע נעמען ווי ער, ניט אַזוי הייס מיך געקושט. איז ער מיר געוואָרן דער נאָענטסטער מענטש אין דער וועלט און גאָר ניט געפילט פאַר קיין זינד זיך צו טוליען צו אים, ניט באַמערקט פון ווען מיר זאָגן זיך — דו. ניט באַדויערט וואָס עס איז געשען, ניט געהאַט צו אים קיין פאָרוואורף, איך אַליין מיט מיין נאַריש האַרץ, האָב דאָך אים אַלץ דערלויבט, מיט חשק און געפילט אַ גרויסע פרייד און שטאָלץ, וואָס איך קען אים שענקען אַזוי פיל פרייד און גענוס.

ווי האָב איך געקענט פאַרלירן יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זיך באָדן אין זינד אין אַזאַ שטורמישע נאַכט און אויפשטיין ווי נאָך אַ זיסן חלום אָן חרטה, אָן רחמנות אויף זיך? צי איז דאָס וואָס מען רופט ליבע אָדער בין איך געווען שיכור? אָבער כ'האָב זיך פאַר אים גאָר ניט געשעמט. נאָר די ערשטע פראַגע וואָס כ'האָב אים געשטעלט, איז געווען — צי האָסטו מיך נאָך ליב? און ווידער זיך געטוליעט צו אים.

גלייך נאָכן פרישטיק, האָבן מיר ווי אַ פאַרליבט פּאָרל זיך געלאָזט וואַנדערן איבער דער פרעמדער ריזיקער שטאָט, געשפּאַנט איבער אירע גאַסן פון מיטלאַלטערלעכע הייזער, קירכן און פּאַלאַצן. פון דער סטראַנד־גאַס געלאָזט זיך איבער די שיינע אַלעען מיט פאָנטאַנען און אַריין אין אַ פּאַרק מיט שטיינערנע סטאַטועז פון גריכישע און רוימישע געטער, מיט היסטאָרישע דענקמעלער און פּרעכטיקע בלומען. מיר האָבן נייגע־

ריקע געשפּאַנט איבערן הייד־פּאַרק, צום קעניגסטאָן גאָרטן, צום ראָד־זשער פּאַרק, באָטאַנישן און זאָאָלאָגישן גאָרטן. געשפּאַנט איבערן האַרץ פון לאָנדאָן צום טראַנספּאַלגער־פּלאַץ מיט איר נעלסאָן דענקמאָל און די מאַסן טויבן וואָס פּאַרפּלייצן דעם פּלאַץ, אַריין אין דער גאַסן־אַרטעריע מיט פּראַכטפולע אַלייען ביז צום מיטלאַלטערלעכן וועסטמינסטער קאַ־טעדראַלע מיט איר רייכער געשיכטע, מיט היסטאָרישע און רעליגיעזע דענקמעלער. ווייטער צום פּאַרלאַמענט, שפּאַצירט ביי דער טאַמיזע און כ׳בין פּאַרליבט געוואָרן אין דער שטאָט פון פּאַרקן און בלומען און דער עיקר אין מיין טייערן פריינט מיט וועמען כ׳בין גרייט געווען צו וואַנדערן ביז עק וועלט. אויך ער איז געווען פריילעך, פול מיט הומאָר און מיר געשושקעט די צערטלעכסטע ווערטער. מיר געזאָגט אַז נעבן מיר פילט ער זיך מיט אַ סך יינגער און איך האָב פאַרגעסן אין מיין היים און מיינע פליכטן. פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט און נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקלעך, ווי דעמאָלט.

מידע זענען מיר אַריין אין אַ פּאַרק זיך אָפּצורוען נאָכן לאַנגן שפּאַציר, זיך פאַרקליבן אין אַ שטיל ווינקעלע, פאַרשטעלט מיט ביימער, אַרומגערינגלט מיט בלומען. ער האָט מיך געזעצט אויף זיינע קני. מיך הייס געקושט, אַז עס איז מיר וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער. בין איך געווען די גליקלעכסטע און אפשר די אומגליקלעכע, ווייל עס האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק אַז אין געציילטע טעג וועל איך דאָס גליק פאַרלירן. האָב איך געפילט אַ שטאַרקן דראַנג אויסצוגיסן פאַר אים מיין האַרץ און געגומען אים דערציילן פון מיין טרויעריקן נעכטן, ווען כ׳בין נאָך אַלס יונג מיידל, ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַנטלאָפן מיט מיינע עלטערן קיין ביאַליסטאָק, ווו עס זענען געווען די רוסן. אין ביאַליסטאָק זענען מיר געווען הימלאָז, הונגעריק און דאָך גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די בלוטיקע נעגל פון די נאַציס. אָבער אויך ביי די רוסן האָבן מיר ניט געלעקט קיין האָניק און צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידישע פאַמיליעס פון פוילן, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, זענען מיר אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן צום פּראָסטיקן סיביר. דאָרט איז מיין פאָטער צעקוועטשט געוואָרן, פון אַ פאַלנדיקן בוים אין וואַלד.

ביים האַקןביימער. דערנאָך האָט מען מיך מיט מיין מוטער אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער. מיר איז דעמאָלט קוים געווען 16 יאָר און די אומ־מענטשלעכע נאַטשאַלניקעס זענען געווען צו מיר מאָדנע גוט. מיר געגעבן לייכטע אַרבעט אין לאַגער שפּיטאָל, מיר געשאָנקען צוגאָב־טאַלאָנען אויף ברויט און זופּ. מיין מוטער איז נאָך געווען יונג און שיין האָבן די נאַ־טשאַלניקעס זי באַזאָרגט מיט אַרבעט אין קיך. זענען מיר טאַקע ניט געווען מער הונגעריק און אין געהיים געהאָלפן אַנדערע פרויען. די זאַטקייט האָט אָבער אויסגערונדיקט אונדזערע פּנימער און לייבער און מיר האָבן געפילט אַ סכנה אין דעם וואָס די נאַטשאַלניקעס זענען צו אונדז צו גוט און זאָרגן צו שטאַרק פאַר אונדז. ווען אין לאַגער איז מען טאָג־טעגלעך אויסגעגאַנגען פון הונגער, עפּידעמיעס, פּייניקונגען און פון שווערער אַרבעט האָבן מיר געאַרבעט לייכט און געווען זאַט, מער פון אַלץ האָבן מיר געלעבט אין פּחד פאַרן גרעסטן סאַדיסט, דעם בריגאַדיר סמירנאָוו, וועלכער פלעגט זידלען די אַרעסטאַנטינס מיט די העסלעכסטע קללות מיט וואָס די רוסישע שפּראַך איז אַזוי רייך, נאָך דערזעענדיק אונדז פלעגט איבער זיין חיהשן פּנים אַרויפשווימען אַזאַ גיפטיקער שמייכל, אַז אונדז פלעגט דורכלויפן אַ שוידער דורכן לייב. האָבן מיר אַרויפגעצויגן אויף זיך די שמוציקסטע שמאַטעס, ניט געוואַשן די פּנימער און געלעבט אין ציטער. אוודאי האָבן זיך געפונען אויך נאַטשאַלניקעס מיט אַ שטיקל האַרץ, זיי האָבן אָבער געמוזט זייער מענטש־לעכקייט האַלטן אין טיפער קאָנספּיראַציע. אין אָט דעם קאַטאָרזשנע־לאַגער, צווישן אומגליקלעכע, פאַרלאָשענע נשמות וואָס זענען אַמאָל געווען מענטשן מיט אַלע גלייך, האָב איך געפּטרט יאָרן פון מיין יוגנט. אין מיר האָט אַלץ זיך געבונטעוועט קעגן דעם כוח וואָס האַלט מענטשן פאַרשפּאַרט, אין פּחד, קעגן די וועלכע קענען זיך דערלויבן צו טאָן מיט אַנדערע וואָס נאָר זיי גלוסט זיך, צו פּייניקן און דערנידעריקן. ווער גיט זיי די רעכט דערצו?

אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער האָט מיין פריינד איבערגעריסן מיין טרויעריקע דערציילונג און דערמאָנט אַז עס איז די העכסטע צייט צו גיין עסן מיטאָג, און מיך אַריינגעפירט אין אַן איטאַליענישן רעסטאָראַן, באַשטעלט געפּרעגלטע פיש. אַרום טישלעך האָבן שווייגנדיקע ענגלענדער

געטרונקען ביר, געשפילט אין שאָך אָדער, מיט גרויס אינטערעס געלייענט אין די צייטונגען די רעזולטאַטן פון פאַרשידענע פוטבאָל־מעטשן און פערד־געיעגן. געגעסן די געשמאַקע פיש, איז מיר געווען אויך געשמאַק אויף דער נשמה, נאָר עפעס אַ יונגע ענגלענדערין, וואַרשיינלעך אַ סטודענטקע, האָט פון שכנותדיקן טישל ניט אַראָפגעלאָזט פון מיר קיין אויג און צעשטערט מיין גוטן געמיט. וואָס האָט זי געזען אין מיר? אפשר האָט זי, ווי אַ פסיכאָלאָגין אַראָפגעלייענט פון מיין פנים מיין גאַנצן אַוואַנטוריסטישן ראָמאַן אין וועלכן כ׳האָב זיך אין דער פרעמדער שטאָט פאַרפלאָנטערט? און אפשר איז זי מיך גאָר מקנא געווען? אירע נייגעריק־ברענענדיקע אויגן האָבן געגאָסן אין מיר אומרו און געביסן מיין געוויסן.

ווי נאָר מיר האָבן ווידער געשפאַנט איבער דער רייכער אָקספאָרד־גאַס, איז מיר צוריק געוואָרן גוט אויף דער נשמה. מיט אַ צוויי שטאָקיקן אויטאָבוס זיך אַוועקגעלאָזט צום בריטישן מוזעאום ווו עס געפינען זיך די גרעסטע אוצרות פון מענטשלעכן געדאַנק און מענטשלעכער קולטור. דערנאָך זענען מיר אַוועק צום מאָנומענט פון דעם אַלבערט מעמאָריאַל, ווו עס געפינט זיך אויך דער אַלבערט־זאַל וואָס קען אין זיך אַריינגעמען צען טויזנט מענטשן. דאָ געפינט זיך אויך דער אוניווערסיטעט און דער היסטאָרישער מוזעאום, דערנאָך צום קעניגזאַן מוזעאום, ווי ס׳הייבט זיך אָן דער פיקאַדילי, דער צענטער פון דער פאַרווײַלונגס און זינד־אינדוסטריע, מיט אירע טעאַטאָרן, קינאָס, קאַבאַרעטן און זינד־הייזער. מיט אירע הפקר־מיידלעך, וואָס לייגן פאָר דורכגייענדיקע מענער געהיימע פאָרשלאָגן פון באַצאָלטע פאַרגעניגנס. די פיקאַדילי פירט צום שיינעם גרעו־פאַרק ביז צום קעניגלעכן פאַלאַץ. דער וועטער איז געווען צו אונדז זייער פריינטלעך, די גאַסן פאַרפלייצט מיט שפאַצירנדיקע און טוריסטן. אין דער שטאָט פון אייביקע רעגנס, האָט די זון צו אונדז ליבלעך געשמייכלט. טוריסטן האָבן איבער די גאַסן געקוקט אין די מאַפעס און מיר האָבן, נייגעריקע, געשלונגען, מיט די אויגן, די שיינקייט פון דער הויפט־שטאָט פון דער בריטישער אימפעריע, וואָס האָט אַמאָל אויסגעשפרייט אירע לייבן־לאַפעס איבער אַ העלפט פון דער וועלט. היינט געהערט די אימפעריע צו דער געשיכטע, ווי אַ יורד מגדולות, פאַרנעמט

זיך איצט די ענגלענדער ניט מער מיטן נאַציאָנאַלן ספּאָרט פון הערשן איבער אַנדערע, נאָר מיט פערד־געיעגן, פוטבאָל־מעטשן, הינער־דועלן, מיט האָדוועען הינט, קעץ און בלומען און מיט האַלטן לאַנגווייליקע רעדעס אין פּאַרלאַמענט און לאָרדן־הויז, און מיט ליבן זיך אונטער די פרייע הימלען אין די לאָנדאָנער פּאַרקן. האָבן אויך מיר, מידע פון לאַנגן וואַנדער, זיך אויסגעזעצט אויף אַ באַנק אין אַ פּאַרק. די בראָנזענע פיגור פון גריכישן גאָט אַמאָר האָט געקוקט אויף מיר מיט אַן איראָנישן שמייכל, אפשר ווייל אים איז געלונגען אַריינצושיסן אין מיין האַרץ זיין גיפטיקע פייל פון ליבע? דערנעבן האָט אַן עלטערע פרוי געשטריקט עפּעס אַ סוועטער און געקוקט אויף מיר מיט פאַרדעכטיקטע בליקן. אָבער מיין פריינד האָט מיך פאַרוואָרפן מיט די זיסטע רייד און מיט אַזאַ ליבן שמייכל וואָס מאַכט פאַרגעסן אין אומרו און ספיקות און כ׳האָב זיך געטו־ליעט צו אים, זיך געלאַשטשעט ווי אַ פאַרליבט מיידל.

מיטן דערנענטערן זיך פון אָוונט האָט דער הימל זיך גיך פאַרוואָלקנט און מיר האָבן זיך אַנגענומען ביי די הענט און געאיילט צו אונדזער האָטעל־צימערל, פאַרבענקטע צו אַ מחיהדיקע נאַכט. אויפן וועג האָבן מיר איינ־געקויפט ברויט, ווורשט און פרוכטן צו מאַכן קאָלאַציע. צו עסן צוזאַמען און ווי נאַשערס צו טרינקען דעם זאַפט פון אונדזער ליבע. ווען כ׳בין געגאַנגען זיך אויסטאָן, צום שלאָף, האָט ער דאַסמאָל אין גאַנצן פאַרגעסן צו פאַרלאָזן דעם צימער און איך האָב פאַרגעסן זיך פאַר אים צו שעמען, אַפילו די ליכט ניט פאַרלאָשן. אַמאָל וואָלט איך דאָך געשטאָרבן פון בושה און דאָ איז געשטאָרבן מיין בושה, בין איך טאַקע געוואָרן אַזוי אויסגעלאַסן? איך האָב דאָך פאַר מיין אייגענעם מאַן זיך אַזוי ניט אַנטבלויזט. אפשר האָב איך אין געהיים געוואָלט ער זאָל באַוווּנדערן מיין לייב, געוואָלט ער זאָל מיך פּיעשטשען און צערטלען. אין דרויסן האָט דער רעגן גע־קלאַפּט אין די פענצטער, געבליצט און געדונערט אין מיין האַרץ האָט אויך געשטורעמט און כ׳האָב געבאָדן זיך אין תאווה, אַ שטאָלצע וואָס כ׳קען אים אַנשיכורן מיט גליק.

צו גיך זענען אַוועקגעשווומען די גליקלעכע טעג און די נעכט פון הייסע קושן און שטורמישע פאַרגעניגנס. די לעצטע געמיינזאַמע מינוטן האָבן פאַראומערט אונדזערביידנס גליק. די צייט שווימט אַוועק און ווער

מער זיך ניט אומקערן. ווי זאָלן מיר זי איינהאַלטן ניט לאָזן אַוועקגיין? כ׳האָב שטענדיק געמיינט, אַז ליבע האָבן אויסגעטראַכט די ראָמאַנען־שרייבער און דאָ בין איך אַליין געוואָרן אַ העלדין פון אַן אַוואַנטוריסטישן ראָמאַן. כ׳האָב אַמאָל געהאַלטן דאָס פאַרראַטן אַן אייגענעם מאַן מיט אַ צווייטן פאַרן גרעסטן פאַרברעכן, וואָס נאָר פאַרדאָרבענע פרויען קענען זיך דערלויבן און דאָ גאָרניט געפילט קיין שולד, געוואָלט אַזוי אייביק ליגן אין די אָרעמס פון מיין געליבטן און אייביק טרינקען פון דעם גיפטיק־זיסן קוואַל פון דער זינדיקער ליבע.

ערשט אין דער היים, אין ישראל, זיך אויפגעוועקט פון פאַרכישופטן חלום, בין איך געשטאַנען פאַר דער גרויזאַמערווירקלעכקייט, דערפילט דעם באַדייט פון דעם וואָס כ׳האָב אָפגעטאָן און דאָך קען איך ניט זיך צוריק־קערן צום לעבן אָן אַ טעם. צו דער קיך צום קאָכן און באַקן. עס זענען מיר פרעמד געוואָרן די ווייבלעכע פליכטן צום מאַן און קינדער. וואָס פאַראַ גליק איז דאָס פאַמיליע־לעבן? עס זענען צערונען געוואָרן די מוטער־פליכטן, אַלץ איז ניט מער ווי אַ גרויסע לאַנגווייליקייט, כ׳בין מער ניט די פסיה פון נעכטן, דאָס געטרייע ווייב און מוטער. עס שטיקט מיך די לאַסט פון די פליכטן, ווען די פליכט צו דער ליבע איז וויכטיקער און טייערער. דאָך ציטער איך, אַז מיין אויפפירונג קען ברענגען שאַנד אויף מיין נאָמען. און מיין ליבע קען מיר ברענגען יאוש און ליידן. ווער ווייסט וואָס דער גורל שפינט פאַר מיר?

פאַרן געזעגענען זיך מיט מיין פריינד, נאָכן אָנקומען אין לאַנד, נאָכן הייסן צעקושן זיך, האָבן מיר אָפּגערעדט צו טרעפן זיך, אין אַ פאָר טעג אַרום, אין אַ תל־אביבער קאַפע. האָב איך מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויפן טאָג אים ווידער צו טרעפן. מיט אומרו זיך געפרעגט צי וועט ער טאַקע צו מיר קומען? צי וועט ער ווייטער מיך אַזוי ליב האָבן? ווען כ׳האָב אים דערזען איז צערונען געוואָרן מיין צווייפל. פון דער קאַפע זענען מיר אַוועק אין אַ האָטעל און אונדז איז ווידער געווען אַזוי גוט. ס׳האָט דערמאָנט אונדז דעם האָטעל פון ווייטן לאָנדאָן. אָבער עס האָט געמאַטערט די פראַגע, צי מיר וועלן שטענדיק זיין פאַרמשפט אויף אומלעגאַלער ליבע, זיך מוזן אויסבאַהאַלטן מיט אונדזערע געפילן? די גאַנצע צייט וואָס מיר קענען זיך האָט מיין פריינד, צוליב איידלקייט, ניט

דערמאָנט מיר זיין פרוי און איך האָב געציטערט צו פרעגן, געוואָלט פאַרגעסן, ווי זי וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט, ניט געוואָלט, אַז איר שאָטן זאָל פאַרשטערן אונדזער גליק. אָבער איצט קען מען ניט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, פון זיין פרויס עקזיסטענץ? מיין פריינד וועט מסתמא פאַר איידלקייט באַהאַלטן, פאַר זיין פרוי, אויך מיין עקזיסטענץ. צי קאָן איך זיך באַגנוגענען מיט געהיימע טרעפונגען און אומלעגאַלע פאַרגעניגנס? איך האָב רחמנות אויף זיין פרוי, כ'וויל איר קיין שלעכטס ניט טאָן, וויל ניט צעברעכן איר לעבן, איך האָב דאָך קיינמאָל קיינעם ניט באַעוולט. איך קען זיך אָבער פון אים ניט אָפּזאָגן, איך האָב אים ליבער ווי אַלץ אין דער וועלט און וויל ער זאָל זיין נאָר מיינער. קען איך ניט פאַרטראָגן אַ צווייטע זאָל זיך נעמען רעכט צו אים? ער איז דאָך נאָר מיינער, איך וויל אים האָבן אין גאַנצן פאַר זיך.

וויערא, אַליין אָנגעצונדן מיט פלאַמיקער ליבע, פילט צו פסיהן אַן אינסטיקטיווע סימפּאַטיע, פאַרשטייט אַמבעסטן איר נשמה־אויפברויז. דאָס פייער וואָס אַ פרעמדער האָט אָנגעצונדן אין האַרץ, איז ניט לייכט צו פאַרלעשן, איר נשמה ווערט צעריסן צווישן איינגעבוירענער ערלעכ־קייט, צניעות און געטריישאַפט אין דער צעפלאַקערטער ליבע. וואָס קען וויערא איר עצהן? בלייבט בלויז צו טרייסטן זי ווי אַ שוועסטער:

— איך פאַרשטיי דיך פסיה, אַ סך בעסער ווי דו פאַרשטייסט זיך אַליין. דיין געליבטער וועט, ווי אַ מאַן, צווישן דיך און זיין פרוי און פאַמיליע אויסקלויבן דיך. זיין פרוי וועט מיט איר ווייבערישן חוש גלייך דערפילן אַז אַן אַנדערע, אַ שענערע און אינטערעסאַנטערע האָט זיך אַריינ־געקליבן אין האַרץ פון איר מאַן. זי וועט אָבער בעסער מסכים זיין צו ווערן פאַרנאַכלעסיקט אײדער אין גאַנצן אים צו פאַרלירן. זי וועט שלום מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט. אַוודאי איז איר ניט מקנא צו זיין אָבער דו קענסט מיט גאָרניט איר העלפן. קאָנסט אויך ניט העלפן דיין מאַן. אַ גליק וואָס ער איז צופיל פאַרטאָן מיט זיינע פרנסה־ענינים. פאַרשאַף זשע אים ניט קיין אומזיסטע ווייטיקן. ער איז דאָך ניט שולדיק וואָס דיין האַרץ גייט אויס נאָך אַן אַנדערן וואָס קען דיך בעסער ליב האָבן איז גלייכער ער זאָל דערוויל פון גאָר ניט וויסן און דו פאַרנאַכלעסיק ניט דיין ליבע און פרוביר גוט אויס דיין פריינדס געפילן, איידער איר וועט

גרייט זיין צו אַ געוואַגטן פּלי, איידער איר וועט גרייט זיין צו צעברעכן אונטער זיך אַלע בריקן.

— זאָג זשע מיר טייערע דאָקטאָרין, פרעגט פּסיה, איך האָב דאָך אַ מאַן, אַ שטוב מיט קינדער און האָב פיינט שקר, איך וויל ניט אַנהענגען קיין שאַנד אויף מיין נאָמען, ניט אויף מיין פאַמיליע. איך וויל ניט פאַר־אומרייניקן מיין געוויסן. ניט ווערן קיין אָביעקט פאַר מיאוסע רכילות און ליגן אין פרעמדע מיילער. איך קען זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פון מיין געליבטן, וואָס אַן אים האָט מיין לעבן גאָר קיין זין ניט. איז ווי קען איך אַנגיין מיט מיין ליבע און ניט שפּילן זיך מיט פייער?

— אומזיסט מאַטערסטו דיין געוויסן טייערע. ערשטנס איז ליבע ניט קיין שאַנדע. אַזוי ווי דו קענסט ליב האָבן איז אַ גרויסע זכיה. דיין ליבע איז אַן ערלעכע און ריינע, דו האָסט ניט פאַרקויפט דיין נשמה. נאָר די צייט וועט אַלץ קלאָר מאַכן, אַלץ פאַרהיילן.

— אָבער אַזאַ לעבן איז דאָך ניט ערלעך, ניט מאָראַליש. ווי פּאַסט דאָס פאַר מיר? איך שעם זיך פאַר זיך אַליין.

— מאָראַליש מיינט האַנדלען לויט די אייגענע געפילן. ניט מאָראַליש איז צו לעבן מיט ווּעמען מען האָט ניט ליב. יעדע ליבע איז מאָראַליש, טרינק זשע דערוויל פון דעם ליבע־קוואַל. דו האָסט דערצו די פולע רעכט. דיין מאַן האָט ניט פאַרשטאַנען ווי דיך צו ליבן. ניט געוווסט ווי דיין האַרץ קען ליב האָבן און גייט אויס נאָך ליבע.

קענען דען וויעראַס רייד אַראָפּקייקלען דעם שווערן שטיין פון פּסיהן האַרץ? זיי קענען אָבער זי טרייסטן. וויעראַ איז דאָך איר אויפריכטיקע פריינדין, וואָס וואָלט זי אַן איר געטאָן, פאַר וועמען וואָלט זי אויסגעגאָסן איר האַרץ, ווער וואָלט זי אַזוי פאַרשטאַנען ווי וויעראַ?

אָבער אויך וויערא שפּאנט מיט בענקשאַפט צו יונהן איבער איר געסל און פרעגט זיך אַליין: פאַרוואָס האָט זי אים אַזוי שטאַרק ליב, ווי קיינעם ביז איצט? צי ווייסט זי דען אַלץ וועגן אים, צי קען זי אים גענוג גוט? אַ לינד ווינטל טראָגט אַן דעם ריח פון פאַמעראַנצן־בלי. דער אָוונט צע־שפּרייט אירע פליגלען. עס צעלייגט זיך איבער דער שטאָט די געבענטשטע שטילקייט, די קרעמער פאַרמאַכן די קלייטן, מיט רעש פאָרט אָן אַן אויטאָבוס. עס שטייגן אויס אַ ביסל פּאַסאַזשירן, פאַרשווינדן אין די

זייטיקע געסלעך. ערגעץ אונטער אַ פּענצטער ברומט אַ פאַרשטיקטער צער, ערגעץ בליט אַ צאַרטע בלום, אַ לעבן ערגעץ וועלקט. אין דער לופטן הענגען קלאַנגען פון ניט געשטילטע בענקשאַפטן, און אפשר איז דאָס סתם אַ פאַרכישופטער דמיון, פון אַ פרילינגס־טאָג, וואָס פאַרגייט ווי אַ חלום און לאָזט נאָך זיך איבער אין האַרצן בלויז אַ וויי? די לבנה איז מעלאַנכאָליש און בלאַס, מיטן זיפץ פון רחמנות איבער דער פאַר־שלאָפענער גאַס. עס צינדן זיך די לאַמטערנעס און וואַרפן אַ מיסטיש ליכט איבער שטומע שאָטנס פינצטערע. אַ קליינטשיקע פרוי טראָגט דורך, מיט גאווה, איר גרויסן בויך, ווי זי וואָלט דאָרט משיחן געטראָגן. צווישן קלייטן פון פרויען־וועש, גרינס און פרוכט שטייט אַ קיאָסק פון אַן אָרעמער אלמנה. בייטאָג קומען דאָ בוי־אַרבעטער פון די שכנותדיקע געביידעס צו לעשן זייער דורשט מיט אַ פלעשל מיץ, פאַרביסן מיט אַ סענדוויטש. קינדער גייענדיק צוריק פון דער שול קויפן דאָ פאַר פּיאַסטערס, זיסע נאַשוואַרג. צווישן די שוין פאַרמאַכטע קלייטן וואַרפט די אלמנה טרויעריקע בליקן צו די העל־באַלויכטענע פענצטערס און פון איר פאַרלאָשן פנים שרייט אַראָפּ דער צער פון עלנט און איינזאַמקייט.

אין איר אַליינקייט צינדט ניט וויעראַ אָן די ליכט און קוקט נאָר אַ פאַרבענקטע, דורכן פענצטער, אין געסל אַריין. אויף דער קעגאיבער־דיקער טעראסע, איבער וועלכע עס פלעגט אייביק הענגען דער אומעט און די טונקעלע ליכט פלעגט פרי פאַרלאָשן ווערן, רייסט היינט אין די אויגן אַ העל־פריילעכע ליכט, וואָס באַלייכט דעם, שכן, וואָס שפּילט מיט זיין נייער פרוי, אויף דער טעראַסע, אין קאָרטן. איר געבלימטער שלאָפראָק פאַסט קוים אַריין אין זיך איר היפשן גוף, פּלאַצט אפשר פון איר ברייטן געלעכטער? אַלץ אין דעם שכנס שטוב אָבלט גאָר ניט נאָך זיין ניט לאַנג פאַרשטאָרבענע פרוי. ניט איר מאַן, ניט דאָס מעבל וואָס זי האָט איינגעקויפט פאַר איר שוויס. אַוודאי ניט די פרעמדע וואָס האָט זיך אין איר שטוב ברייט און באַקוועם צעשפּרייט. איבער אַלץ געלייגט איר האַנט, פאַרטריבן דעם חושך און דעם אומעט מיט איר געלעכטער, אַז דער פאַרשטאָרבענערס מאַן האָט אַזש פאַרגעסן נאָך איר צו טרויערן. ווייל די אַנדערע טראָגט אים צו אַ שמייכלדיק פנים און רייצנדיק געשטאַלט. כאָטש די פאַרשטאָרבענע איז געווען אַ גרויסע בריה. אַלע אירע יאָרן שווער

געהאָרעוועט אין דער פאַבריק און אין דער היים און געשפּאָרט געלט. אַ קליינע דירה פאַרטוישט אויף אַ גרויסע, דאָס אַלטע מעבל אויף נייע, מאָדערנע און געלייגט געלט אין באַנק אויף לעת הצרה. געאַרבעט אין אַ שאָקאָלאַד־פאַבריק און גאָר ניט געהאַט קיין זיס לעבן. דער זייגער פלעגט זי גאָר פרי אויפרייסן פון שלאָף און דער עול האָט זי געטריבן צו דער אַרבעט. די מידקייט האָט אין אָוונט זי געטריבן פרי צום שלאָף. זי האָט זיך ניט פאַרגינען קיין שמייכל, קיין פאַרגעניגן. אויסגעהאָדעוועט אַ טאָכטער, וווינט זי נאָך דער חתונה ערגעץ ווייט. זי איז געווען שטענדיק פאַרזויערט, פאַרביטערט, דער זאָרג איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר צעקנייטשט פּנים. פלעגט איר מאַן קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, זיך גוט אויסגענעצן און פון נודנעקייט גיך איינדרימלען.

דאָס נייע ווייבל איז דערפאַר גאָר ניט קיין בריה, גראָד אַ פוילע, האָט ניט ליב צו אַרבעטן נאָר גוט צו עסן. דאָך באַדויערט ער גאָר ניט וואָס דער גורל האָט אים זיין אַלטע פרוי פאַרטוישט אויף דער נייער, וואָס אַרבעט ניט אין קיין שאָקאָלאַד־פאַבריק נאָר נאַשט שאָקאָלאַד, קויפט זיך שיינע קליידער, ספּאָנדזשע מאַכט פאַר איר אַ תימנקע און זי גייט אַלע שבת־אָוונט אין יידישן טעאַטער. האָט דען ניט זיין פרוי שווער געאַרבעט און געשפּאָרט זי זאָל זיך קענען אַלץ דערלויבן ? שפּילט זי איצט מיט אים אין קאָרטן און געווינט. אויך ער האָט געוווּנען אַ געשמאַק ווייב און זיינע אויגן עסן זשעדנע איר אויסגעפּאַשעטן קערפּער, וואָס פלאַצט שיער ניט אַרויס פון איר געבלימטן שלאָפראָק און איר הויכן בוזעם וואָס טרייסלט זיך און קוועלט אַרויס צוזאַמען מיט אירע נאַקעטע אָרעמס און עס לאַכט איר מויל און אויגן מיט אַ פריילעכן געמיט.

אין אַ דערנעבנדיקער וווינונג לעבט אַן אַלט, זייער אַלט פּאָרל, ביידע אפשר שוין נאָענט צו די ניינציקער. זעלטן באַוויזט זיך אויף זייער טעראַסע אַ טאָכטער מיט אַן אייניקל, וואָס צעשטיפּט זיך און פאַרשווינדט. ביידע זענען אַליין מיט זיך. זי, קוים גייענדיק אויף די פיס, רוימט און פוצט און ער לייגט אָפּט אַרויס שטויסן ביכער אויף דער טעראַסע צום לופטערן. ער נעמט יעדעס בוך אין האַנט מיט אַזאַ פּיעטעט און ליבשאַפט, ווי אַ טייערן אוצר. יעדעס בוך פאַראייביקט דאָך אַ שטיק נעכטן, שטיקער פון לעבן און אויב עס געפינט זיך נאָר ווער

עס באַגייט זיך מיט ליבשאַפט צום בוך איז דאָך נאָך דאָ פאַר וועמען צו שרייבן ביכער.

אונטער יעדן פענצטער לעבן מענטשן געקומענע פון אַן אַנדער לאַנד, רעדן אין אַן אַנדערער שפראַך. פאַר וועמען איז דאָס לעבן אַ פינצטערער חלום, ווען אַנדערע שפּאַנען דורכן לעבן מיט אַ שמייכל און ליד. ווער איז פון ערשטן טאָג פון זיין קומען פאַרליבט אין דעם לאַנד און ווער, מיט צעווייטיקטע הערצער, און אייביקע טענות, וואָס מוזן אויסהערן אָפּט אַזעלכע ענטפערס פון ותיקים:

— ווען איך בין געקומען אין לאַנד אַריין האָט מען מיר גאָר ניט געגעבן. כ'האָב זיך געגעבן אַ גוזלט, דורכגעמאַכט הונגער, קדחת און זיי די גייע עולים קומען צום גרייטן, וואָס מען גיט זיי איז ווייניק. איך בין געקומען האָב איך קיינעם קיין טובות ניט געטאָן, פון קיינעם גאָר ניט געמאָנט, ניט געוועזן ביי וועמען צו פאָדערן, ביי די ענגלענדער? אויב ישראל געפעלט אייך ניט פאָרט אייך געזונטערהייט צוריק אין אייער „שיינעם״ פוילן.

— זע נאָר ווי ער גרויסט זיך דאָס מיט זיין ישראל! ענטפערט מען אים צוריק.

אין אַ שטוב פון אַ רייכן סוחר און בערזע־שפּעקולאַנט הערשט, אין אַ מיטן מיטוואָך, אַזאַ אומעט ווי אין אַ חושכדיקן יום־כיפּור־טאָג און דער מאַן רעדט מיט צאָרן צו זיין פרוי:

אָט האָסטו דעם רעזולטאַט פון דיין דערציאונג. אַנדערע האָבן נחת פון קינדער און דיין זון פאַרשרייבט זיך גאָר אין אוניווערסיטעט אויף פילאָזאָפיע, און דיין טאָכטער וויל גאָר חתונה האָבן מיט אַ מוזיקער. דערלעבט אַ שיינעם תכלית.

אין אַ טייל שטובן זענען נאָך ניט אויסגעפּאַקט די וואַליזעס, אפשר וועט מען דאַרפן ווייטער פאָרן? האָט מען דען געפונען די „גאָלדענע גליקן?״ דערווייל ווערט אַ קינד געבוירן, אָפּגעשטאָרבן אַן אילוזיע. אויס־געלערנט דאָס ערשטע עברית וואָרט — סבלנות, באַקומען די ערשטע אַרבעט. באַוויזן זיך עפּעס אַ פריינד און מען קאָכט זיך שוין אין פּאָליטיק וועלכע פּאַרטיי איז בעסער, וועלכער פירער איז קלוגער?

דער פרוי זאָפיע גייט ווייניק אָן פּאָליטיק. אַ קאַפּריזנע דאַמע,

שטאַמט פון פוילישן פּאָמערן. כאָטש שוין לאַנג אין לאַנד, רעדט נאָך אַלץ דייטש אָדער פויליש. איר געפעלט ניט ישראל, עס זענען דאָ צופיל שנאָרערס. אין בידגאָשטש איז זי דאָך געווען אַ גאַנצע פּריצטע, געהאַט אַ דינסט און אַ פּיאַנאָ און דאָ וואָס האָט זי? איר מאַן איז געשטאָרבן און זי איבערגעלאָזט אַליין. טענהט זי פאַר איר שכנטע:

איצט וועל איך חתונה האָבן נאָר פאַר אַ גביר, כ׳זאָל קענען ווי לייטישע פּריצן טראָגן אַ בריליאַנט אויפן פינגער. גענוג געפירט אַ קבצניש לעבן! אָבער ווו זאָל זי נעמען דעם גביר?

צי מעג די פּסיכאָלאָגיע אַריינשטעקן איר נאָז, אַריינקוקן אין פרעמדע פענצטערס און טירן, אַריינקריכן אין מענטשלעכע נשמות, אין די הונטער־קוליסן פון לעבן, אין יעדן ווינקעלע ווו עס צאַפּלט אַ מענטשלעך האַרץ, ווו עס שפּינען זיך מענטשלעכע דראַמעס, דערציילונגען און ראָמאַנען? דאָס קליינע לענדעלע איז אַרומגערינגלט מיט ברייטע מדבריות און מיט גיפטיקער שנאה. מיט ברייטע אָפּגעשטאַנענקייט, מיט לעגענדאַרע אוצרות פון נאַפט, מיט האַרעמס, פלעגמאַטישקייט, פאַנאַטיזם און צע־גליטע פאַנטאַזיעס. אַרום דעם קליינעם לענדעלע וועקט זיך דער מזרח־ספינקס פון טויזנט־יעריקן שלאָף, מיט נערוועזן אויפברויז, קאָנוולסיע־רוגז — להשמיד ולהרוג. מיט קרומע שווערדן קעגן פאָלק וואָס איז אַרויס פון אוישוויץ און לעבט פון נסים און ווונדער. מיט לעגענדעס פון פּלמ״ח, אונטער היצן פון חמסינען. צווישן איין מלחמה און דער צווייטער ליבן זיך פאַרלעך, האָבן חתונה, געבוירן קינדער, גטן זיך, שטאַרבן. צווישן טויט און לעבן שפּילט מען אין קאָרטן, מען שפּעקולירט אויף דער בערזע, מען דינט אין מיליטער און מען קויפט צעטלעך פון מפעל הפיס. אפשר וועט מען אויך געווינען, פאַרוואָס מעגן אַנדערע רייך ווערן? רייך איז דאָס לאַנד מיט די פאַרשידנסטע טראַגעדיעס, מיט מאַ־ראַנצן־ריח, מיט קינדישן געלעכטער און מיטן טעם פון פרייהייט. ערגעץ אין מדבר שטייען יונגע פאַרשטויבטע יאַטן נעבן פאַנצער־אויטאָס און טאַנקען. נאָר וואָס אַרויס פון די גימנאַזיעס, נאָר וואָס דערפילט דעם טעם פון אַ מיידלישן קוש און זיי האָבן שוין אויף זייער יינגלישן געוויסן צעקלאַפּטע באַזעס פון שונא, פאַרכאַפּטע סאָוויעטישע טאַנקן מיט אַראַ־בישע אויפשריפטן. פון וואַנען זייער מוט און געטריישאַפט, די פאַראַנט־

וואָרטלעכקייט און פּליכט צו פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד. צו שיצן זייערע מאַמעס און שוועסטערס און פּיצעלעך קינדער? צו שיצן די יידישע פּענצ־טערס און טירן אונטער וועלכע עס שפּינען זיך לעבעדיקע ראָמאַנען?

אַוודאי איז ניט לייכט צו זיגן אויף די פראָנטן, איז דען לייכט צו זיגן אין לעבן? יעדער מוז דאָך פירן זיין אייגענע מלחמה קעגן די פיינען און איבלען פון לעבן און זעלטן געניסן פון די פּרוכטן פון נצחון. יעדער מענטש האָט אויף די פראָנטן פון לעבן, זיין ספּעציפיש געווער: חכמה, טאַלאַנט, ניט שטענדיק זיגן שטאַרקע הענט, אויך אַ זיסער שמייכל אָדער אַ שיין פּנים זענען אַ נוצלעך געווער אין די לעבנס־שלאַכטן. מען זאָגט אַז לעבן איז ניט מער ווי אַ שפּיל, דאַרף מען דאָך דאָס לעבן קענען שפּילן מיט טאַלאַנט. צי דערציילן אָבער די מענטשן וועגן זיך דעם גאַנצן אמת? אָדער באַהאַלטן עפּעס, נאַרן אַליין זיך אַפּ' אַמווינציקסטן איז דער מענטש פּעיק צו זעלבסטקריטיק. מוז די פּסיכאָלאָגיע געפינען די מיטלען צו פאַרשטיין דעם מענטש און אים דערקענען, לייזן די פּראָ־בלעמען פון באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש און היילן זיינע קראַנקייטן.

שווער צו היילן אַזעלכע טיפן וואָס האָבן קיינעם ניט ליב, צו גאָר ניט קיין אינטערעס, מיט קליינע פאַרלאַנגען, נויטיקן זיך ניט אין פרייהייט, אָן כאַראַקטער, אָן בולטע אייגנשאַפטן. מלחמות און רעוואָלוציעס גייט זיי ווייניקער אָן ווי דאָס וואָס זיי וועלן מאָרגן עסן אויף פרישטיק. זיי קוקן אויף דער וועלט מיט אויסגעלאָשענע אויגן, האַלבע מתים וואָס שטאַרבן אין זיך אַליין, פוילן ווי די בלעטער אין האַרבסט, באַ־גנוגענען זיך מיט זייער קאַנצעלאַריע־אַרבעט. שווימען אין אַ ים פון פּאַפּירן' צווישן טויטע ציפערן?

מיט וואָס זאָל די פּסיכאָלאָגיע טרייסטן דער מאַדאַם בלייפעלד מיט אירע זאָרגן, וואָס ניט לאַנג צוריק איז זי נאָך געווען יונג, פול מיט לעבן און איצט גנבעט זיך ביסלעכווייז אַריין אין איר די אַלטקייט? דערצו פאַרדריסט דאָס וואָס איר שכנטעס קלייד איז צופיל דעקאָלטירט און זי קאָקעטירט, האַלט זיך צו פריי מיט פרעמדע מענער, ווען זי מאַדאַם בלייפעלד איז גאָר ניט זיכער צו איר מאַן איז איר געטריי.

אַוודאי איז דאָ נאָך אַן אַנדערע וועלט פון רייכע סאַלאָנען און

וויליעס, פון גרויסע גבירים׳ חשובע מלוכה־לייט מיט זייערע נודנע ווייבער. דאָס זענען פאַרמאַכטע פעסטונגען, וואָס גלאַנצן פון דרויסן מיט לוקסוס. אָבער אינעווייניק איז אומעטיק און לאַנגווייליק. איז דאָך בעסער אַריינצוקוקן אין פּראָסטן געזונטן לעבן, פון ערלעכע מענטשן, וועמענס נעמען עס שרייען ניט אַראָפּ פון די צייטונגס־קעפּלעך.

אַזאַ פּשוטע איז וויעראַס שכנטע ליזאַ. אין איר נשמה איז אַזוי ציכטיק ווי אין אירע צימערן. זי פאַרמאָגט ניט צופיל חכמה דערפאַר אַן ערלעך האַרץ, וואָס זייענדיק נאָך אַ דייטשיש מיידל, האָט זי עס געשאָנקען צו אַ יידישן בחור, וואָס איז היינט איר מאַן מיט וועמען זי איז אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד גלייך נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, קיין ארץ־ישראל. ער האָט געברענגט אין לאַנד אַריין איניציאַטיוו און טאַלאַנט די געטריישאַפט און זייער טאָכטער איז אַן אמתע סברה.

אין הייסן לאַנד פון חמסינען היט די משפחה אָפּ, מיט דייטשער פּינקטלעכקייט׳ צו צינדן פרייטיק די שבת־ליכט, דאָס עסן מיטאָג צו דער צייט, אָוונט־רו און לאָזן ניט דורך קיין שום מוזיקאַלישן קאָנצערט.

אויך די שכנטע רבקה איז ניט קיין קאָמפּליצירטע נשמה, צו באַשיידן פאַר אַ העלדן פון אַ ראָמאַן. אַן טומל, אַן זעלבסט־רעקלאַמע, העלפט זי די נייע עולים זיך איינוואָרצלען אין לאַנד. זי טוט דאָס שטיל אַן אַ לוין, זוכט ניט פון קיינעם קיין לויב נאָר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל׳ ווי אַ נאַטירלעכער פליכט, לערנט זי זיי עברית און העלפט זיי זיך אַרויספּלאָנטערן פון דעם ביוראָקראַטישן לאַבירינט. ווען איר מאַן דער אויטאָבוס־שאָפער איז אייביק אין כעס, שטענדיק נערוועאיש. נאָר די ליבע און רעספּעקט צו זיין פרוי גיט אים דעם כוח, אין דער היים, צו צוימען זיינע נערוון וואָס ער לאָזט שפּעטער אויס צו די פּאַסאַזשירן. ווער ווייסט צו גאָט איז אַ גוטער שדכן, וואָס ער האָט זיי צוזאַמענגעפּאָרט?

ווער האָט צוזאַמענגעפּאָרט דאָס ספּאַנטאַנישע מיידל מיט אַ גוטער נשמה מיטן באַהעמישן יונג? די ערשטע חדשים האָבן זיי געלעבט צווישן זיך בשלום און צופרידן. אָבער ווען ער איז אַוועק אין דער אַרמיי, איז צווישןביידן עפּעס קאַליע געוואָרן׳ און דאָס צוליב אַ חילת, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער לעבן. האָט ער אָנגעהויבן זעל־

טענער צו קומען אַהיים אין די אורלויבן, האָט זי אויך ניט אַרויסגע־טריבן פון איר שטוב אַ חייל וואָס האָט אָפּטער אָנגעהויבן צו איר קומען. אַזוי זענען אַוועק צוויי יאָר ביז ביידע האָבן זיך מוחל און דאָס פּאָרל לעבט ווייטער בשלום. זיי פאַרמאָגן נאָך ניט קיין קינדער, דערפאַר האָבן זיי אַ גרויסן הונט, וואָס ווייזט יעדן פרעמדן זיינע שאַרפע ציין און חלשט פון זיינע בעלי־הבתים אַ פריינטלעכן גלעט. ווען ער באַקומט אָבער אַ שטויס, באַליידיקט ער זיך, גיט אַ ווורטשע און איז שטומערהייט מוחל. ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך אין אַ הינטישער נשמה?

עס זענען דאָ אויך מענטשן מיט הינטישע נשמות, נשמות אין פּאָליצייאישע מונדירן, נשמות ווי אַ טשעק־ביכל, נשמות מיט פּאַריסענע נעז און דיפּלאָמאַטישע צינגער. אָבער אויך נשמות ווי פייגל אין גן־עדן, ווי סאָלאָווייען וואָס זינגען צו די שטערן. זענען נשמות צווישן זיך אַזוי ווייט פאַרשידן און אַנדערש איז זייער לעבן. ביי וועמען איז דאָס לעבן אויסגערונען ווי אַן אַלט אויסגעליידיקטער ברונעם. ביי אַנדערע רוישט עס ווי אַ טייך, ווי אַ קוואַל מיט וואַסער שטענדיק רייך. אויב געגליכן צו אַ טייך איז דאָס לעבן איז אָפט צעבראָכן אויף איר די בריק, די יאָרן וואָס שווימען אַוועק קומען קיינמאָל מער ניט צוריק. גאָר אַנדערש דורכגעשפּאַנט דאָס לעבן האָבן צוויי איינזאַמע מענטשן, כאָטש ביידע געבוירן אין דער זעלבער שטאָט לאָדזש אין פּוילן, האָט יעדער גאָר אַנדערע זכרונות. משה האָט ווי אַן אַלטער בחור באַקענט, אויפן לאָדזשער באַלוט, אַן אָרעם מיידל מיט קרומע פיס און פאַרהוי־קערטע פּלייצע אָבער אין זיינע אויגן איז זי געווען שיין ווי די וועלט. האָט ער זי פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר, איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס, געקוקט אין די פענצטער פון די רייכע געשעפטן און איר מכבד געווען מיט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער — „אַ קאַלטס און אַ גוטס״. ביידע האָבן ניט געהאַט קיין סך זיך וואָס צו זאָגן, אויך קיין סך ניט באַוויזן זיך צו זאָגן. קוים זיך באַקענט האָט שוין היטלער אָנגעזאָגט אַ מלחמה. משה האָט געגלויבט די זשורנאַליסטן, די אַלץ־ווייסערס, וואָס האָבן פאַר־זיכערט אַז די מלחמה קען ניט לאַנג דויערן, ווייל היטלערן וועט ניט סטאַיען קיין בענזין פאַר זיינע טאַנקן און עראָפּלאַנען. איז ער „דערוויל״ אַנט־

לאָפּן קיין ביאַליסטאָק, ווו עס האָט שוין געהערשט די סאָוויעטן. דאָרט איבערצוּוואַרטן די מלחמה, און זי איז געבליבן איבערוואַרטן די מלחמה ביי איר מאַמען אין לאָדזש. די מלחמה האָט זיך אָבער פאַרצויגן אָן אַ סוף און ער האָט געמוזט ווייטער לויפן, וואָגלען און הונגערן איבער די פאַרשידנסטע סאָוויעטישע שטעט און קאָלכאָזן, ער האָט אָבער אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן זיין מיידל, וואָס ער האָט קוים געקענט. אין וויטן וואָגל, כאָטש מער ווי אַ גלאָז סאָדע־וואַסער האָט ער איר ניט געשאָנקען, האָט ער זי באַטראַכט פאַר אַן אייגענע. האָט אים געפּייניקט דאָס געוויסן וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזט ביי די היטלער־באַנדיטן. ווער ווייסט צי זי האָט בכלל געטראַכט מיט אים זיך צו פאַרבינדן, זיך געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענטקע, ווען ער איז סך־הכל געווען אַן אָרעמער שניידער־יונג און זי האָט גערעדט נאָר פּויליש, אָבער אין משהס פאַנטאַזיע האָט זי שוין געהערט צו אים, אין דער פאַנטאַזיע האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, אין זיין פאַנטאַזיע איז זי געווען די שענסטע און קלוגסטע און ווי נאָר ער וועט צוריקקומען קיין לאָדזש, וועט ער מער מיט איר זיך ניט שיידן. ווען ער איז אָבער נאָך יאָרן צוריקגעקומען, האָט ער אין לאָדזש געטראָפן גאָר ווייניק געראַטעוועטע יידן און איר צווישן די לעבעדיקע ניט געפונען. האָט ער געטרויערט נאָך איר טויט און געבליבן געטריי איר אָנדענק, אַפילו נאָכן טויט, זי מיט קיין אַנדערע ניט פאַרראַטן. געבליבן אַן איינזאַמער אלמן נאָך אַ פרוי וואָס ער האָט ניט באַזיצט, געטרויערט נאָך אַ פאַרלוירענעם חלום, נאָך אַ לעבן וואָס ער האָט ניט געלעבט און בלאָנדזשעט אַרום אין די אָוונטן אַן איינזאַמער איבער די גאַסן פון תל־אביב אָדער זיצט אַן איינזאַמער אין אַ קאַפע ביז שפּעט אין דער נאַכט. איז אויב אַ לעבן איז געגליכן צו אַ בוך, איז אין זיין בוך ניטאָ וואָס צו לייענען.

אין דער קאַפע טרעפט זיך משה מיט זיין לאַנדסמאַן בערל, וועמענס לעבן איז אַ שפּאַנענדיקער און שטורמישער ראָמאַן, פול מיט די פאַרשידנסטע איבערלעבענישן און דערפאַרונגען, וואָס דאָס לעבן האָט אים ניט געקאַרגט. וויעראַן קומט ניט אַן לייכט אים צו באַוועגן צו דערציילן, כאָטש ער איז שוין גאָר ניט יונג, ווילט זיך אים נאָך ניט מתוודה זיין פאַר איר, ניט מודה זיין ווי פאַר אַ ריכטער. ווען

אַנדערע זענען גערן זיך מודה אין חטאים, וואָס זיי זענען קיינמאָל ניט באַגאַנגען, איז בערל נאָך ניט גרייט צו טאָן ווידוי, אפשר דערפֿאַר מעג אים וויערא מער גלויבן ווען איר געלונגט אים צו באַוועגן ער זאָל דערציילן.

— אָנגעהויבן האָט זיך מיין שטורמיש לעבן מיטן אַנטלויפֿן פֿון פּוילן קיין פּאַריז. פֿאַרפּלאָנטערט אין עפּעס אַ פּאָליטישן חטא, האָב איך ניט געוואָלט גיין זיצן אין אַ פּוילישער טורמע, אויך האָט זיך אונטערגערוקט די צייט פֿון גיין דינען אין דער פּוילישער אַרמיי, צו וואָס כ׳האָב אויך ניט געהאַט קיין חשק, בין איך אַוועק קיין פּאַריז. געוועזן זיכער אַז דאָרט וואַרט מיך דאָס גליק. די שיינע און רייכע שטאָט האָט מיר אָבער צוגעטראָגן הונגער און היימלאָזיקייט. ניט געקענט די שפּראַך, ניט געפֿונען קיין אַרבעט, ניט געהאַט קיין רעכט דאָ צו לעבן, ניט צו אַרבעטן, די באַקאַנטע אויף וועמענס הילף איך האָב געהאָפֿט זענען אַליין געווען אויף צרות. איז מיר געשען אַ גליק, וואָס דרעמלענדיק, נאָך אַ רעגן אויף אַ באַנק, אויף דעם ברייטן בולוואַר דע קליש, צווישן פֿלאַץ בלאַנש און פּיגאַל, וואָס האָט געקאָכט מיט לעבן, מיט האַנדל און מיט זינד, ווען מיר אויף דער נשמה איז געווען ביטער, ניט גע־ווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט זיך צוגעזעצט צו מיר אַ פֿראַנצויזיש מיידל, גאָר ניט קיין שיינע. זי האָט דערזען אויף מיר דעם עלנט, אויף מיר רחמנות געהאַט און אַוועקגעפֿירט אין אַ נאָענט שמאָל געסל, נעבן דעם פּיגאַל און מיך אַריינגעפֿירט אין אַ שטוב ווו כ׳האָב גלייך דערפֿילט, דעם ריח פֿון זינד. איך האָב גלייך פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַרא פֿאַך זי האָט. כ׳בין אָבער געווען צו הונגעריק איך זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון עסן, וואָס זי האָט מיר דערלאַנגט און פֿון דער געטריישאַפֿט מיט וואָס זי האָט מיר מכבד געווען. געוואָלט מיך אָנזעטיקן ניט נאָר מיט ברויט, נאָר אויך מיט איר ליבע. איר געטריישאַפֿט האָט שטאַרק אויף מיר געווירקט. איך לייד אָבער פֿון אַ קראַנקייט פֿון עקל צו לייגן זיך מיט אַ ניט שיינע. זשאַנעט האָט זיך אָבער ניט באַליידיקט און איך בין געבליבן אין דער זינדיקער שטוב, ווו דען האָב איך געהאַט צו גיין? איך האָב דאָ געפֿונען ניט בלויז אַ נאַכטלעגער, אויך מער ניט געוווּסט פֿון הונגער. איך האָב דאָ געלערנט פֿראַנצויזיש צוזאַמען מיט די אומבאַ־

קאַנטע סודות פון זינדיקן לעבן, אין וועלכן עס האָט געלעבט די גרויסע געטריישאַפט און גוטסקייט זשאַנעט. זי האָט ניט געהאַט קיין אייגענע קליענטן, זייענדיק ניט קיין שיינע האָט זי געמוזט האָבן אַ שיינע שותּפטע קריסטינע, האָט מען זי גערופן, וועמען קיין קליענטן האָבן קיינמאָל ניט געפעלט. זשאַנעט איז אָבער זי ניט געווען מקנא נאָר געווען אויך איר געטריי, כאָטש קריסטינע איז געווען שלעכט און פאַלש און אָפט גע־קריגט זיך מיט זשאַנעטן וואָס זי האַלט אויס אַ פרעמדן מאַן, ווען מענער זענען דאָך אייגנטלעך נאָר צום אויסצונוצן. זשאַנעט איז אָבער מיר געבליבן געטריי און פאַר געטריישאַפט געזאָגט צו איר שותּפטע קריסטינע: „פאַרוואָס וואַרעמסטו ניט אָן דעם בחור? אָבער אויפריכטיק, ניט אַזוי ווי פאַר געלט”. כאָטש איך בין געווען צוגעבונדן און דאַנקבאַר זשאַנעטן האָב איך גערן געלייגט זיך מיט קריסטינען... און זשאַנעט איז מיר אויך דאָס מוחל געווען. דאָ פלעגן אויך אַראָפּקומען פון מאָנטמאַרט, מאָלער צו מאָלן קריסטינען אַ נאַקעטע אָדער האַלב נאַקעט. עס איז אויך געקומען אירמאַ דאָס ווייב פון אַ מלוכה־אַנגעשטעלטן, וואָס האָט ניט פאַר נויט פון זינד פאַרדינט אויף קליידער און אויך דאָ מיט איר געליבטן פאַרראַטן איר מאַן. זי איז געווען זייער אויסגעלאַסן און זשאַנעט האָט זי ניט ליב געהאַט. צו קריסטינען פלעגן קומען רייכע קליענטן. איינמאָל האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אַ רייכע דאַמע און מיט כעס און מיט אַ גרויס מויל באַפאַלן קריסטינען פאַרוואָס זי נעמט אַוועק איר מאַן, „דאָס איז דאָך, האָט זי געטענהט, „מיין מאַן און קיינער האָט צו אים ניט קיין רעכט!”. אָבער קריסטינאַ האָט זיך ניט פאַרלוירן און גע־ענטפערט: „ער איז טאַקע דיין מאַן אָבער מיין קליענט און ער באַצאָלט מיר, איך שענק אים גאָר ניט אומזיסט”. איז די מאַדאַם פון כעס איבער־געגאַנגען צו חניפה. געקושט קריסטינעס הענט און די פיס און געבעטן רחמנות, זי זאָל ניט אויפנעמען איר מאַן. זשאַנעט איז שוין גרייט געווען רחמנות צו האָבן, אָבער קריסטינע האָט געהאַט פאַרגעניגן צו נעמען נקמה אין דער רייכער מאַדאַם און געזאָגט: „דאַרפסט מיר דאַנקען וואָס איך שענק דיין מאַן פאַרגעניגן!”. אָבער איך האָב געבלאָנדזשעט איבער די יידישע געסלעך פון בעלווילער אָרעמקייט, איבער דעם „פּלעצל”, וואָס האָט געשפּרודלט מיט יידישער נויט און מיט הייסע וויכוחים.

— עס איז דאָך געווען אַ צייט ווען איבער אייראָפּע האָט זיך געטראָגן דער געשפּענסט פון פאַשיזם. אין פּוילן האָבן געבושעוועט די סטודענטישע פאַשיסטלעך און געדראָט די יידן מיט „לאַנגע מעסערס", אָנשטאָט צו קעמפן קעגן פּאָגראָמען און שחיטות קעגן יידן, האָט די פּוילישע רעגירונג געזאָרגט פאַר אַ „הומאַניטאַרע שחיטה" איבער די אָקסן. און דערמיט אָפּצושעכטן דעם יידישן האַנדל. איבער דייטשלאַנד האָט טריומפירט דער ראַסן האַס און דער רוף צו אַ הייליקער מלחמה קעגן יידן און מאַרקסיזם. היטלער האָט געריטשעט דורכן ראַדיאָ און אויף מיטינגען, אַז די יידן מאַכן אומגליקלעך די וועלט און דאָס וועלט־יידנטום גרייט אַ מלחמה, אַז דער ווערסאַלער טראַקטאַט, וואָס האָט ביי דייטשלאַנד צוגערויבט דאַנציק, שלעזיע און פּאָמערן איז אַ יידיש פאַר־ברעכן. אָבער אין די קאָפּעען פון שאַנס עליזיי, האָט מען געטרונקען פראַנצויזישן שאַמפּאַן און פראַנקרייך איז ניט גרייט געווען צו שטאַרבן צוליב דאַנציק. פראַנקרייך האָט דאָך פאַרמאָגט אַ מאַזשינאָ־ליניע. און ווען עס האָט געברענט דער רייכסטאַג און אין מאָסקווע האָט געבלוטיקט נאָך אַלץ דאָס מעסער פון דער „סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט", איז די יידישע יוגנט אין פּאַריז געווען פאַרקאָכט אין פּאַרטיי־שטרייטן. עס האָבן זיך געהאָסט בונדיסטן מיט ציוניסטן, קאָמוניסטן מיט טראָצקיסטן, די „פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס". עס האָבן ניט געפעלט קיין עקזעמפּלאַרן פון מנחם־מענדלישע־רעוואָלוציאָנערן, מיט פאַנאַטיקער, וואָס זענען דאָך דער יסוד פון אַלע פּאַרטייען און אויך די באַגרעבער פון אַלע אידעען.

— אַז עס איז אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע איז די רעגירונג פון „פאָלקס־פראָנט" אין פראַנקרייך געבליבן נייטראַל. אָבער די פּאַריזער אַרבעטער זענען גאָר ניט געווען נייטראַל, און איבער די פּאַריזער קווארטאַלן האָט געטראָגן זיך דער רוף: „געווער פאַרן שפּאַנישן פאָלק!, עראָפּלאַנען פאַר דער שפּאַנישער רעפּובליק!". דער בירגער־קריג אין שפּאַניע האָט אויפגעוועקט ביי די אַרבעטער דעם גייסט פון דער פּאַריזער קאָמונע. און ווען איבער פּאַריז האָבן אָנגעהויבן דורכגיין יידישע יאַטן פון פּוילן צוהילף דער שפּאַנישער רעוואָלוציע, האָב איך פאַרשטאַנען אַז אויך פאַר מיר איז געקומען די צייט זיך אַרויסצורייסן

פון דעם שאַנד־הויז און אַוועק אויף אַ וועג פון נוצלעכן לעבן פאַר דעם אידעאַל וואָס האָט אַמאָל באַלויכטן מיין יוגנט. און כ׳בין אַוועק קיין שפּאַניע.

די בעסטע זין פון אַלע פעלקער זענען געקומען העלפן דעם שפּאַנישן פאָלק קעגן דעם איבערפאַל פון דעם היטלעריסטיש־מוסאָלינישן פאַשיזם, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די פאַשיסטישע באַנדעס פון גענעראַל פראַנקאָ באַפאַלן דאָס שפּאַנישע פאָלק. די יאַטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרייהייטס־אַרמיי האָבן דאָ ניט געזוכט קיין אַוואַנטורעס, ניט קיין מעדאַלן, ניט געחלומט צו ווערן העלדן, זיי זענען געקומען אויפן רוף פון אַ פאָלק וואָס וויל פריי לעבן. די אַרמיי איז ניט געווען איינהייטלעך מונדירט, אָן מיליטערישע אָפּצייכענונגען נאָר בלויז פאַרטיי־עמבלעמען, טייל האָבן געטראָגן שפּאַנישע מאַנטעס (קאָמבינעזאָנען). דאָס וואָס פאַראייניקט אַלעמען איז דער מיליטערישער פאַסיק מיט אַ רעוואָלווער, אין דער זייט, און דער „סאַלוט״. דאָס ערשטע שפּאַנישע וואָרט וואָס יעדער פרעמדער האָט זיך אויסגעלערנט. ניט געווען קיין ראַנגעס, קיין רעספּעקט פאַר טיטלען, די העכסטע אויסצייכענונג איז געווען — חבר. דאָס איז געווען דער סטיל פון קעמפערישן אַנאַרכיזם וואָס האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף דעם פרייהייטלעכן גייסט פון שפּאַנישן פאָלק און באַווירקט אויך אויף די פרעמדע פרייוויליקע. דער גייסט וואָס האָט צעטריבן די מאַכט פון שוואַרצן קאַטאָליציזם, פאַרמאַסטן זיך אין אַ מעכטיקן קאַמף קעגן פאַראייניקטן פאַשיזם. און איך האָב מאַרשירט אין דער פרייהייטס־אַרמיי. באַגריסט פון די שיינע דולצינעאַס מיט ברוינע פּנימער און פאַרכישופטע שוואַרצגליענדיקע אויגן. געשפּאַנט מיט דער אַרמיי פון די „דאָן קיכאָטס״, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן די ווינטמילן וואָס האָבן צעשפּרייט זייערע פינצטערע פליגלען איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין אַ הייסן זומער־אָוונט האָב איך מיט פאַרגעניגן געשפּאַנט איבער די גאַסן פון באַרצעלאָניע. די פּרעכטיקע הויפּט־שטאָט פון קאַטאַלאָניע. ביים גרויסן פּלאַץ נעבן ים איז געשטאַנען דער הויכער דענקמאָל פון קאָלומבוסן און אין ים די שיף מיט וועלכע ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע. אָבער אויך איך האָב דאָ אַנטדעקט אַ נייעם סאָרט מענטש, וואָס האָט מער פון אַלץ ליב זיין פרייהייט. איך האָב געזען דאָס דינאַמישע פאָלק,

וואָס פֿאַרפֿלייצט די ברייטע ראַמבלאַ גאַס פֿון ים ביז דעם פּלאַץ קאַטאַלאַניע באַזעצט אַלע בענק און שטולן פֿון אָרעמען פֿריילעכן פֿאָלק, וועלכע האָט געפֿירט דאָ הייסע וויכּוחים, אויף אַלע ווענט פֿון דער שטאָט זענען געווען מיט אַנאַרכיסטישע לאָזונגען און פֿון די פֿענצטער אַרויס האָבן געפֿלאַטערט די שוואַרץ־רויטע פֿענער פֿון די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, די סע־ענע־טע. דאָ האָבן די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן דעם קלויסטער מאַנ־סידראַט פֿאַרוואַנדלט אין אַ הויז פֿאַר טובערקולאָזע און די גענעראַלן און די סעניאָרן פֿון די פּאַלאַצן זענען אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט די פֿאַר־ברעכער און מאַטשאַרניקעס פֿון דעם אונטערוועלט־קוואַרטאַל „כינעזישע שטאָט״.

האָב איך ליב געהאַט צו קריכן איבער די קנייפּעס, וואָס זענען געווען באַקלעפּט מיט רעוואָלוציאָנערע אַנאַרכיסטישע לאָזונגען און מיט קאַרי־קאַטורן איבערן פֿאַשיזם. מען האָט דאָ געטרונקען ביליקן ווײַן און אין די פֿאַרשידנסטע שפּראַכן געפֿירט הייסע וויכּוחים. כ׳האָב געטראָפֿן דאָ מענטשן פֿון די פֿאַרשידנסטע פֿעלקער, אויך יידן פֿון די פֿאַרשידנסטע לענדער און כ׳האָב אין דעם געמיש פֿון פֿעלקער געפֿילט זיך גאָר היימיש. די אַנאַרכיסטן זענען, זאָגט מען קאָסמאָפּאָליטן, אָבער די קאַטאַלאָנער ווי די באַסקן האָבן ליב זייערע אייגענע שפּראַכן און זייער זעלבסט־שטענדיקייט. איך האָב געטראָפֿן אַ פּאָרל: ער אַ קאַטאַלאָנער, זי אַ באַסקין האָבן זיי זייער קינד געלערנט ביידע שפּראַכן, חוץ דער שפּאַנישער שפּראַך. איך האָב קיינמאָל ניט געוווּסט וואָס איז אַזוינס אַנאַרכיזם. איך ווייס עס נאָך ניט איצט. כ׳האָב אָבער אין ערגעץ ניט געפֿילט זיך אַזוי היימיש און אַזאַ חבֿרישקייט ווי צווישן זיי. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען קיין שפּאַניש און אַוודאי ניט קיין קאַטאַלאָניש, כ׳האָב אָבער ליב געהאַט צו קוקן אין זייערע הייסע אויגן אויף אַ מאַסן־מיטינג אויף דעם פּלאַץ רעאַלי, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט הייזער און אויסגעזען ווי אַ ריזיקער הויף, איבער דער צעשטורעמטער מאַסע האָבן געפֿלאַטערט זייערע רויט־שוואַרצע פֿענער. איך האָב אָבער געמוזט גיך פֿאַרלאָזן באַרצעלאָנע און אַוועק צום פֿראָנט, וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען, קען מען דען דאָס דערציילן? ווי לאַנג קען מען מיט העלדישקייט גיין קעגן האַרמאַטן, וואָס האָט דעם פֿאַשיזם ניט געפֿעלט, ווען מיר האָבן ניט

געהאַט געגוג אַמוניציע, ניט קיין עראָפּלאַנען, ניט קיין טאַנקען? אָבער דאָס ערגסטע וואָס די שפּאַנישע און די אויסלענדישע קאָמוניסטן האָבן געוואָלט דעם שפּאַנישן פאָלק, וואָס האָט ליב די פרייהייט, אַנוואַרפן אַ נייעם צוואַנג. דאָס פאָלק, וואָס האָט ניט געוואָלט קיין פאַשיסטישע דיק־טאַטור האָט דאָך ניט געלאָזט זיך אָנטון אויך קיין קאָמוניסטישע דיק־טאַטור. האָבן די ברודער־שנאה, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַריינגע־ברענגט ניט וויניקער געבראָכן דעם גייסט פון שפּאַנישן פאָלק, ווי פראַנקאָס האַרמאַטן. ווען די קאָמוניסטן האָבן געהעצט קעגן די אַנאַר־כיסטן און טראָצקיסטן, האָבן די פאַשיסטישע סעניאָרן דערלויבט די מאָו־רישע באַנדעס צו פאַרגוואַלטיקן די שפּאַנישע טעכטער און געשריגן: „אריבּ עספּאַנאָ!". און טויזנטער פרייהייטס־קעמפער, די בעסטע זין פון די פעלקער האָבן אויף די שפּאַנישע פעלדער פאַרלוירן זייערע לעבנס. ווען עס איז געפאַלן די לעצטע פעסטונג פון פרייהייט — באַרצעלאָנע, בין איך צוזאַמען מיט טויזנטער שפּאַנישע און אויסלענדישע קעמפער אַריבער די פראַנצויזישע גרענעץ.

— אָבער וואָס האָב איך געהאַט צו טאָן אין פּאַריז נאָכדעם, ווי כ'האָב געזען, ווי עס איז דערשטיקט געוואָרן דער גרויסער חלום פון פרייהייט. דער סוף פון דער שפּאַנישער רעפּובליק האָט געשטאַרקט די פראַנצויזישע רעאַקציע. דער סאָציאַליזם איז דאָ נאָך איר חטא פון נייַ־טראַליזם, געווען פאַראַליזירט. דער קאָמוניזם האָט ווייטער געפּאַשעט זיך מיט חוצפּה און געזייעט שנאה. איז ביי וועלכן פלאַם האָב איך געקאָנט וואַרעמען מיין נשמה? בין איך צוריק אַוועק צו זשאַנעטן. זי אַליין איז מיר נאָך געבליבן געטריי און געפרייט זיך מיט מיין קומען. און איר זינדיקע שטוב האָט זיך גאָרניט געענדערט. קריסטינע האָט געהאַט נאָך מער קליענטן. די רייכסטע מענער פון די רייכע גאַסן זענען צו איר געקומען און אירמע האָט געהאַט נייע געליבטע, געווען נאָך מער אויסגעלאַסן און פרעך. האָט זשאַנעט מיר געהאָלפן זיך איינאָרדענען אין אַ מעבלירטע מאַנסאַרדע. איך האָב זשאַנעטן קיינמאָל ניט ליב געהאַט ווי אַ פרוי, קיינמאָל זי ניט באַלוינט פאַר איר געטריישאַפט. זי איז מיר אָבער ליב געווען ווי אַ געטרייע שוועסטער. בין איך צו איר אָפט געקומען, נאָר זיך געלייגט מיט קריסטינען און אַפילו מיט אירמען.

— האָב איך טאַקע, אויך אין דער צייט פון דער היטלער אינוואַזיע, נאָר ביי איר געזוכט שוץ און נאָר זי האָט געראַטעוועט מיין לעבן, מיך אויסבאַהאַלטן צווישן דער אונטערוועלט, צווישן די ענגע געסלעך פון פיגאַל. ווען די פראַנצויזישע אינטעליגענץ און פראַנצויזישע פּאָליציי האָט קאָלאַבאַרירט מיטן אָקופּאַנט איז די אונטערוועלט געבליבן געטריי דעם פאָלק. זיי און די אָרעמקייט האָבן אַרויסגעוויזן זייער מענטשלעכקייט. שפּעטער בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּאַריזער אונטערגרונט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און צום סוף אַריינגעפאַלן אין אַ דייטשן לאַגער אין עסטרייך. ווו עס איז אין מיטן גרויסן הויף געשטאַנען. צום באַשטראָפן אַן אַרעסטירטן, אַן אויסגעצאָסענע פיגור פון אַ מענטש פון בעטאָן, ווו מען האָט דעם באַשטראָפטן אַריינגעשטופּט, און דאָרט ניט געקאָנט באַוועגן מיט קיין שום איבר, ניט דרייען מיטן קאָפּ. אָט דער בעטאָנענער קאָרצער איז געשטאַנען, ווי אַ סימבאָל פון דער גרויסער דערפינדונג פון דער מענטשלעכער אַכזריות פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אין דער גאַנצער צייט פון מיך שטורמישן לעבן האָב איך געחלומט פון אַ רואיק געמיטלעך לעבן, דאָס וואָס מען רופט אַ קליינבירגערלעך לעבן, צו האָבן אַן אייגענער היים אַן אייגענע פרוי און קינדער און ווי נאָר כ׳בין נאָכן סוף פון דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פּאַריז האָב איך גלייך חתונה געהאַט מיט אַ יונגע און שיינע פרוי, אַ געראַטעוועטע פון אַ טויט־לאַגער, וואָס האָט פאַרלוירן איר מאַן אין אַ לאַגער. איך האָב דערמיט געוואָלט אַ סוף מאַכן צום מיין באַהעמיש־אַוואַנטוריסטיש לעבן. אָבער עפּעס האָט דער גורל דאָס ניט געוואָלט. מיין פרוי, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איר שיין פּנים איז געווען בלויז אַ מאַסקע איבער איר מיאוסער נשמה. זי האָט מיר געמאַכט אַ סך צרות, זי איז אָבער געווען אַ קראַנקע און גיך געשטאָרבן. נאָך איר טויט האָב איך זיך ערשט דערוווסט ווי פאַרדאָרבן און פאַלש זי איז געווען. האָב איך ניט געטרויערט נאָך איר טויט און גיך חתונה געהאַט מיט אַ שיינער אלמנה. זי איז געווען אַ געלערנטע פרוי אָבער קאַרג און עגאָיסטיש, וואָס האָט קיינעם ניט ליב געהאַט נאָר זיך אַליין. האָט דאָך ניט געהאַט קיין זין מיט איר צו לעבן צוזאַמען און בין גליקלעך געווען וואָס איך בין פון איר פּטור געוואָרן.

— זייענדיק אַנטוישט אין ווייבלעכן מין און ניט געפונענדיק קיין

גליק אין פּאַריז בין איך אַוועק קיין ישׂראל. אָבער אויך אין ישׂראל איז מיר געווען צו אײנזאַם און געבענקט נאָך אַ באַליבטע פרוי און טאַקע גע־פונען, אַן אײדל, אָרעם מײדל וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן. אויך זי האָט מיך געוואָלט. זי איז אָבער געווען אַן אײנציקע טאָכטער און געהאַט אַ זײער פרומען טאַטן, וועלכער האָט אומבאַדינגט געוואָלט אַז זײן טאָכטערס חתן זאָל גײן מיט אים אין שול אַרײן און מען זאָל אים אויפרופן צו דער תורה. בין איך אָבער אַ גרויסער עם־הארץ און צוליב דעם פאַר־לוירן אַ גרויסע אײדלקײט, אפשר אַן אוצר מיט וועלכע כ׳וואָלט געקאָנט לעבן גליקלעך. האָב איך געבענקט נאָך איר און גיך חתונה געהאַט מיט אַ שײנער פרוי, אַ גרושה אָבער צומאַרגנס נאָך דער חופּה האָב איך שוין באַדויערט, ניט געהאַט מיט איר וואָס צו רעדן. זי איז געווען נאַריש און אָפּגעשטאַנען. האָב איך גענומען חלומען זי גיך פּטור צו ווערן. איז ניט בעסער די אײנזאַמקײט אײדער אַזאַ לאַנגווײליקײט, אַן טעם? האָב איך איר געגעבן געלט און גיך זיך באַפרײט פון דער פאַמיליע־תפיסה.

— איך האָב אָבער בשום אופן ניט געקענט זײן אַלײן. ווי אַ בײער אין דעם לאַנד האָב איך ניט געהאַט קײן געזעלשאַפט, קײן קרובים און באַקאַנטע. צו קײן פאַרטײ געהער איך ניט, די העברעאישע שפּראַך איז מיר געווען נאָך פרעמד, איז ווי האָב איך געקאָנט זײן אָן אַ פרוי, מיט וועמען איך זאָל קאָנען אַ וואָרט אַרויסרעדן, צו גײן מיט איר שפּאַצירן האָט מיך די אײנזאַמקײט געטריבן צו זוכן און באַקענט זיך מיט די פאַרשידנסטע פרויען אין וועלכע איך פלעג זיך גיך אַנטוישן, געציטערט זיך ווידער ניט פאַרפלאָנטערן אין אַן אומזיניקן פאַמיליע־לעבן, מיט עפּעס אַ לאַנגווײליקער פרוי. איך בין אָבער ניט פון דעם טיפּ, ווי מײן לאַנדסמאַן משה, וואָס באַגנוגנט זיך מיט אַן אויספּאַנטאַזירט ווײב. איך קען זיך ניט באַגנוגנט צו זיצן אין אַ קאַפע און נאָכקוקן די דורכגײענ־דיקע פרעמדע שײנע פרויען. איך האָב געגעוויטיקט זיך אין אַן אײגענער לעבדיקער פרוי, צו זעטיקן מײנע מענערלעכע פאַרלאַנגען. און עס איז מיר געשען. דער גורל האָט מיר צוגעשיקט אַ יונגע און געשמאַקע פרוי, וואָס נאָר אין חלום האָב איך געקאָנט זיך פאַרשטעלן, געווען אַ פרײלעכע, אַ שײנע, אַ געזונטע און אַ רײנע ווי גאָלד. זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חסרון, זי איז געווען ייִנגער פון מיר מיט גאַנצע 16 יאָר. זי איז אַלס

אַ נייע עולה פון בעסאַראַביע געווען ביי אַ ברודער, אָבער ניט געלעבט גוט מיט דער ברודערס פרוי. האָב איך זי אַריינגענומען צו זיך, נאָר געשעמט זיך מיט איר חתונה צו האָבן, ווייל זי האָט אויסגעזען ווי מיינס אַ טאָכטער, ניט ווי אַ פרוי. עס איז מיר אָבער געווען מיט איר וווּנדערלעך גוט. נאָך קיינמאָל האָב איך ניט פאַרמאָגט אַזאַ געשמאַקע פרוי. מיט קיין שום פרוי איז מיר ניט געווען אַזוי גוט ווי מיט איר און דאָס לעבן אַזוי זיס. ביי טאָג האָב איך געגאַסן פון אירע געשמאַקע מאכלים ביי נאַכט פון איר געשמאַקער ווייבלעכקייט. זי האָט אָבער עקשנותדיק געפאָדערט פון מיר איך זאָל שטעלן מיט איר אַ חופה אָבער איך האָב זיך געשעמט דאָס צו טון פאַר מענטשן, ווי מעג מען מיט אַזאַ יונגע, צי וועט מען ניט פון מיר חוזקן? זי האָט אָבער ניט געוואָלט לעבן מיט מיר אָן אַ חופה און אין אַ העלן טאָג האָט זי מיך איבערגעלאָזט און פאַרשווּנדן. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען וואָס כ'האָב פאַרלוירן, פאַרשטאַנען די נאַרישקייט פאַרוואָס איך האָב מיט איר ניט חתונה געהאַט. דאָס וואָלט דאָך זי נאָכמער צו מיר פאַרבונדן. דער שכל האָט אָבער פאַר־שפּעטיקט און כ'האָב זיך פאַרלוירן. האָב איך לאַנג געפילט ווי זי פעלט מיר. אָבער אין קורצן האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער. מיט אַ לערערין וואָס האָט ליב געהאַט יעדן צו לערנען, באַזונדער מיך, איר מאַן, אָבער ניט זיך אַליין. אויך מיטן דאָזיקן ווייב בין איך גאָר ניט געווען גליקלעך. דערפאַר איז געווען גוט וואָס זי האָט געהאַט אַ געשמאַקע חברטע. בין איך געווען צופרידן וואָס איר חברטע מאַשע פלעגט אָפט קומען צו מיין פרוי. זי האָט געהאַט אַן עלטערן מאַן, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט נאָך אין רוסלאַנד, פשוט צוליב הונגער, ווייל ער האָט געהאַנדלט אין רוסלאַנד אויפן באַזאַר און פאַרדינט אַ סך געלט און זי מיט איר מוטער האָבן שטאַרק געהונגערט. נאָך דער מלחמה איז זי צוזאַמען מיט איר מאַן געקומען קיין ישראל. אויך דאָ איז אים אַלס פעיקן סוחר געגאַנגען זייער גוט. געעפנט אַ געשעפט און זיין יונגע פרוי האָט פאַר לאַנגווייל געלייענט ראָמאַנען, ביז זי האָט אַליין זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ ראָמאַן. געטראָפן עפעס אַ יונגן בחור פון איר שטעטל האָט מאַשע אים פאַרגעשטעלט פאַר איר מאַן ווי אַן אָפגעפונענעם קוזין. און זי האָט דעם בחור געפאַשעט מיט די בעסטע מאכלים און

מיט הייסע קושן און גאָר ניט געקאָנט זיך מיט אים שיידן, ביז איר מאַן האָט איינמאָל זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט, אין מיטן אַ שבתדיקן נאָכ־מיטאָג־דרעמל, און אויפן וועג צום בית־הכסא האָט ער געטראָפן זיין פרוי זיצן אויף די קני פון איר „קוזין" אַזוי פאַרטון, אַז זיי האָבן אים גאָר ניט געהערט און ניט באַמערקט. האָט ער גלייך אַרויסגעטריבן דעם „קוזין" און זיין יונג ווייבל געשאָנקען אַ פּאָר געזונטע קלעפּ. האָט זי זיך באַליידיקט, ברוגז געוואָרן און געפּאָדערט פון אים אַ גט. אָבער דער שכל און אויך איר מוטער האָבן איר אונטערגעזאָגט, אַז עס איז גאָר ניט קיין חכמה זיך אָפּצוזאָגן פון אַ רייכן מאַן. האָט זי אים איבער־געבעטן און ער האָט איר מוחל געווען. האָט איר מאַן ווידער געמאַכט געלט און זי פאַר לאַנגווייליקייט ווייטער געלייענט ליבע ראָמאַנען. דער־ווייל האָט איר מאַן זיך פאַרשולדיקט אין די שטייער־אַמטן און ביי די הורט־סוחרים און גאָר ניט געהאַט קיין חשק צו באַצאָלן און ווייל ער האָט געהאַט אַ ברודער אין ניו־יאָרק האָט ער באַשלאָסן צו פאַר־קויפן זיין געשעפט, פאַרלאָזן ישראל און אַוועק קיין אַמעריקע. צוליב די חובות האָט מען אים אָבער ניט אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט זיין משפּחה איז ער אַוועק אַליין און איבערגעלאָזט זיין יונג ווייבל מיט אַ קליין טעכ־טערל, מיט דער זיכערקייט אַז ווען ער וועט ניט זיין, וועט זיין פרוי לייכטער דורכקומען מיט די שטייער־אַמטן און מיט די סוחרים און ניט באַצאָלנדיק די חובות וועט זי גיך קומען צו אים קיין אַמעריקע. האָט זי טאַקע געקאָנט ווייניגן, אַז דער מאַן איז פון איר אַוועק, איבערגעלאָזט אָן געלט מיט אַ קליין טעכטערל. און מיט טרערן פּטור געוואָרן פון אַלע חובות. כאָטש איר מאַן האָט זי באַוואָרפן מיט בריוו זי זאָל גלייך צו אים קומען האָט זי זיך גאָר ניט געאיילט. פון אָנהייב געווען פאַרנומען מיט פאַרמיטלען צווישן איר שכנטע מיט איר מאַן און זיך אַליין איבער־געצייגט אַז אַלץ וואָס איר שכנטע באַשולדיקט איר מאַן איז אַ גרויסער ליגנט. ערשטנס ווי קען ער זיין אַ קאַרגער ווען ער האָט מאַשען געברענגט טייערע מתנות? און אַוודאי איז אַ ליגנט אַז ער איז גאָר ניט קיין מאַן, וואָס אַ שלעכט ווייב קען אַלץ אויסטראַכטן. ווען כ'האָב געהערט מאַשען זיך באַקלאָגן פאַר מיין פרוי אַז עס איז שווער פאַר אַ פרוי צו זיין אַליין, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף זי ניט לאָזן אַליין און

אַוועק צו איר אין אַ שבת נאָך מיטאָג. כ׳האָב זי געטראָפֿן אָנגעטאָן אין געבלימטער פּיזשאַמע און דערזעענדיק מיך האָט זי גלייך געשיקט איר טעכטערל זיך שפּילן אויפֿן הויף מיט די קינדער. מיך האָט זי אויפֿן מרפסת מכבד געווען מיט אייז־קרעם און מיט אירע ליפּן, ניט רעכענענדיק זיך אַז די שכנטעס קענען דאָס באַמערקן. און אפשר האָט זי גראָד געוואָלט זיי זאָלן דאָס זען? אָבער ווען כ׳בין מיט איר אַריין אין שלאָף־צימער האָט זי מיט ווייבלעכער ראַפֿינירטקייט גענומען זיך מיט מיר דינגען געטענהט: „וואָס עפּעס פּלוצעם, אין מיטן העלן טאָג זיך אויסטוען? עס איז דאָך ניט עסטעטיש". האָב איך איר געענטפֿערט אַז וואָס עס איז עסטעטיש ווייס איך בעסער. אָבער ביז כ׳האָב איר ניט צוגעזאָגט אַז ביז זי וועט ניט אַוועק קיין אַמעריקע וועל איך זיך ניט צורירן צו מיין פֿרוי, ווייל עס איז דאָך ניט היגעניש איך זאָל זיך לייגן מיט אַ צווייטע, דאַן האָט זי מיר פֿאַרזיכערט אַז ווען כ׳וואָלט ניט געווען דער מאַן פֿון איר בעסטער חברטע וואָלט זי מיך גאָר ניט אַריי־בערגעלאָזט איבער איר שוועל. אַז זי איז געווען פֿאַרנומען מיט מיר האָט זי שוין ווידער ניט געקאָנט פֿאָרן צום מאַן. זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען אין די קינאָס און פֿאַרברענגט מיט איר ביז שפּעט אין די נעכט, ווייל עס פֿלעגט דויערן ביז זי האָט איינגעשלעפֿט איר טעכטערל. נאָך לאַנגע חדשים, ווען זי האָט מער ניט געקענט אָפּשלעפּן דאָס פֿאָרן, בין איך געבליבן מיט איר אַ גאַנצע נאַכט און אין דערפֿרי זי באַגלייט צום עראָדראָם און ביים געזעגענען אויף צו־להכעיס איר מאַנס משפּחה, וואָס זענען געקומען מיט איר זיך געזעגענען, האָט זי לאַנג מיט מיר זיך געקושט.

— אַזוי איז, זעט אויס שוין מיין מזל, מעגלעך אַז כ׳האָב געהאַט צופֿיל דערפֿאַרונג מיט פֿרויען. האָבן טאָקע פֿרויען געטענהט אַז כ׳האָב ניט קיין מזל צו פֿרויען און מענער זענען מיך מקנא געווען וואָס כ׳האָב שוין געהאַט אַזוי פֿיל ווייבער, אָבער איך בין זיך גאָר ניט מקנא געווען, ווייל די וואָס כ׳האָב באַגערט האָב איך לייכט פֿאַרלוירן און מיט די וועלכע איך האָב געוואָלט פֿון זיי פּטור ווערן איז דאָס מיר ניט אָנגעקומען לייכט.

— און איצט כאָטש איך בין שוין אַלט און איינזאַם בין איך דען

ניט דורשטיק נאָך אַ פרוי? אָבער איך האָב דאָך די באַן שוין פאַרשפּע־טיקט, שוין מיט די יאָרן צו ווייט פאַרפאָרן. אַוודאי געשעט נאָך אַז מען טוט אַ זינדיק, אָבער עס איז שוין ניט דאָס. אָט איז מיר געשעען אַז די וואָס קומט צו מיר מאַכן צוויי מאָל אין וואָך ספּאָנדזשע האָט אַביסל צו הויך פאַרשאַרצט איר קליידל און אַז כ׳האָב דערזען אירע געזונטע, קיילעכדיקע און פליישיקע קניען האָט דאָס מיר אַביסל פאַר־דרייט דעם קאָפּ און כ׳האָב געמוזט זי פרעגן:

— צי פאַרדינט דיין מאַן אַזוי ווייניק אַז דו מוזט איבערלאָזן דיינע קליינע קינדער און גיין אין פרעמדע שטובן מאַכן ספּאָנדזשע?

— מיין מאַן פאַרדינט גראָד זייער גוט, אָבער ער פּטרט זיין געלט אויף שמוציקע זונות און אויסגעלאַסענע פרויען און איך מוז אַרבעטן צו שפּייזן מיינע קינדער.

— פון וואַנען ווייסטו אַז ער קריכט צו פרעמדע ווייבער און זונות?

— איך ווייס אַפילו צו וועמען, ער אַליין רימט זיך פאַר מיר מיט זיינע דערפאָלגן און מיט זיינע פאַרגעניגנס מיט פרעמדע פרויען.

— קענסטו דאָך אים באַצאָלן מיט דער זעלבער מטבע. אַזאַ פרוי ווי דו וועט דען ניט געפונען קיין מענער?

— אָבער איך בין דאָך ניט קיין אויסגעלאַסענע זונה, זאָגט זי און ווישט די טרערן.

— ווייַן ניט שושנה, אין בעט איז יעדע פרוי אַ זונה, מיט וואָס ביסטו ערגער פון אַנדערע?

— ערגער? איך בין גאָר ניט פון יענע פרויען וואָס ליגן אין בעט ווי אַ שטיק האָלץ, פון מיר האָט אַ מאַן פאַרגעניגן. אָבער איך טו דאָס ניט אומזיסט, פון וואַנען וועל איך נעמען צו שפּייזן מיינע קינדער?

— איך מיין גאָר ניט אומזיסט! זאָגט ער און נעמט קנעפּלען איר קלייד.

— אשכנזער זענען גוטע מענער, זאָגט זי, זיי שלאָגן ניט די פרויען און זענען צו זיי ניט קאַרג. נאָר די אַשכנזישע פרויען זענען שלעכטע, זענען שטענדיק חושד. ווי מען וויל פון זיי עפּעס אָוועקגנבענען. איך בין דאָך אַן ערלעכע, אַפילו ווען כ׳לייג זיך מיט אַן עלטערן מאַן באַ־שווינדל איך אים ניט, נאָר זאָרג ער זאָל האָבן פאַרגעניגן.

— ווי איר זעט, מיין ליבע, דאָקטאָרין, איז מיין לעבן געווען אויס־

געפלאָסטערט מיט אַוואַנטורעס, דערפאַלגן און דורכפאַלן. ניט זעלטן ווען די פרייד האָט אַריינגעלאַכט אין מיין אויער, האָט טיף אין האַרצן געוויינט דער טרויער. זייער זעלטן פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אמתן לעבן און אמתער ליבע. איך האָב שטענדיק געבענקט נאָך אַ פרידלעך און רואיק לעבן און ניט געפונען, שטענדיק געזוכט אַן אידעאַלע פרוי און ניט געפונען און איצט ווען עס פייפן שוין אין מיין אויער די האַרבסט־ווינטן ווייס איך ניט צי כ'האָב צופיל געלעבט, צי מיין לעבן פאַרשפעטיקט?

זאַמלען זיך אין וויעראַס מוח־מאַגאַזין אַ סך מענטשלעכע געשיכטעס. זי באַקענט מענטשלעכע טיפן וואָס פּלאָנטערן זיך און בלאָנדזשען אַרום צווישן דער ברוטאַלקייט פונעם לעבן. טיפן, אַרויס פון חורבן. צעבראָכענע נשמות מיט הייסע באַגערן. אַרויסגעוואַקסן פון בית עולם־ווייען, פון טראַגישע אל מלא רחמימס, מיט קראַנקע הערצער און קראַנקע נשמות, וואָס האָבן געוואַרט אויף משיחן, געגלויבט אין מאַרקסן אָדער הערצלען און געטראָגן איבער דער וועלט זייערע חלומות און ווונדן, אין פּעדלערישע זעק, געוואַגלט צווישן בלוט און שייטערס אין די הערצער דינאַמיט. ביי איינציקע זענען נאָך די פלאַמען ניט פאַרלאָשן. עס גליען נאָך אין זייערע פונקען פון געוואַגטע געדאַנקען, אַ בענקשאַפט צו אַ נייעם באַגינען. אַלט אין יאָרן מיט יונגע נשמות. זייערע בשורות ניט געבלאָזן דורך שופרות, זייערע געדאַנקען שרייען ניט אַראָפּ פון די ציַיטונגס־קעפּלעך. כאָטש די דעספּאָטיע לייגט אירע לאַפּעס אויף יעדן פרייען געדאַנק קענען זיי אָבער ניט פאַרלעשן דאָס קליינע שוועבעלע וואָס קען אין פונקען זיך צעפלאַמען. צי מעג מען דען פרייע געדאַנקען פאַרקויפן אויף טומלענדיקע ירידים?

מעג דאָך וויעראַ מיט דרייסטקייט אַריינקוקן אין אַלע ליכטיקע ווינקעלעך, ווי אין פינצטערע לעכער. זיך איינהערן אין טראַגישע קאָמעדיעס, אין דער פּראָזאישער טאָג־טעגלעכקייט, אין זינגענדיקער פּאָעטישקייט, אין אַלץ וואָס וויינט אין די לאַבורינטן פון מענטשלעכן לעבן, אין אירע בריליאַנטן־גרובן פון געטריישאַפט. און די זינדיקע אָפּגרונטן און שעפּן פון די ברונעמס פון לעבן און פון ביכער, וואָס וואָגן אַראָפּצורייסן די זיידענע שלייערס פונעם שקר.

וויעראַ אַליין איז דאָך אַזאַ בוך. דער אוישוויצער גיהנום האָט ניט

דערשטיקט איר הייסע נשמה, ניט פאַרטונקלט איר גייסט. זי ברויזט מיט יוגנטלעכן פייער, מיט צאַרט ווייבלעכע געפילן, מיטן הונגער נאָך וויסן און דורשט נאָך ליבע. צי קען זי פאַרמאַכן די טירן פאַר איר אייגן ברויזנדיק האַרץ? האָט דאָך גאָט זי באַשאָנקען מיט אַזעלכע געפילן, דעם דורשט פון ליבע ניט צו קענען מער שטילן, און פון ליפּן זאָל געטלעכער נעקטאַר זיך גיסן און זי זאָל טרינקען און אַלץ דורשטן צום יונהס מויל דעם זיסן. ווייל צום קעניגרייך פון גליק קען מען שפּאַנען נאָר זאַלבע צווייט, און אויב ליבע פאַראייניקט, טאָר מען פאַרן גורל ניט זיין מער צעשיידט. און טראָגן דעם פריידיקן געזאַנג, דעם ליכטיקן געמיט, וואָס זאָל באַפליגלען דעם טראָט פון דעם גאַנג.

צי מעג זי אָבער דעם באַשיידענעם ערלעכן בחור דעם קאָפּ פאַרדרייען און אים אַרויסשלעפּן פון זיין קיבוצישער נעסט, ווו עס איז אים גוט און וואַרעם? זי אַליין קען דאָך אין קיבוץ ניט זיין איר באַשעפּטיקונג, אירע פאַראינטערעסירונגען זענען געבונדן מיט דער דינאַמישקייט פון דער שטאָט, ווען ער איז געבונדן מיט דער דאָרפישער שלווה? זי קען זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פון זיין וואַרעמער נשמה, ווי קען זי זיין אָן אים? ווען עס ציט מיט מאַגנעטישער קראַפט, ווען עס בריט דאָס האַרץ פון ליבע, געטראָגן אויף אָדלערישע פליגלען. ווי קען זי די קלאַנגען פון אַ מעכטיקער סימפאָניע אין זיך דערשטיקן? ניין! עס קען קיינער ניט פאַרלעשן דעם פלאַם וואָס דער יונג האָט אין איר אָנגעצונדן. זי קען אים דרייסט איצט זאָגן:

— קום מיין טייערער, לאָמירביידע פון היינט שפּאַנען צוזאַמען. צו וואָס שווימען באַזונדער אין דעם ים פון בענקשאַפט. לאָמיר צוזאַמען שפּרייזן דורכן פייער פון לעבן, דורך אירע פריידן אוןליידן! קום געטרייער, ס'איז אין מיין האַרץ אַ שטורעם, קום וואָס גיכער, קום דו טייערער צעבלאָזן שטאַרקער דאָס פייער.

אָבער גראָד ווען אַזעלכע ווערטער ברענען אין האַרצן, ווען אים ווילט זיך הערן פון איר די הייסע רייד מוז ער אויסהערן, מיט שטוינונג, גאָר אַנדערע ווערטער:

— מיין טייערער, איך מוז דיך געזעגענען אויף דריי מאָנאַטן. עס האָט זיך מיר אומגעריכט געמאַכט אַ גרויסע געלעגנהייט צו פאָרן קיין

אַמעריקע, כ׳האָב באַקומען אַ סטיפּענדיע אויף אַן ערנסטן קורס פון פּסיכאָלאָגיע. צי מעג איך דורכלאָזן אַזאַ איינמאָליקע געלעגנהייט?

קוקט זי מיט געצונדענע אויגן אויף דעם טרויער וואָס איז אים דורכגעפלויגן און זי גיט צו:

— איך לאָז דיר איבער מיין איינציק טעכטערל. דריי חדשים איז ניט קיין אייביקייט. זיי וויסן אַז ווען מיינע פיס וועלן טרעטן אין מערב וועט מיין הארץ זיין מיט אייך אין מזרח, ווי עס האָט געזונגען אַמאָל דער גרויסער פּאָעט. מיין טרייסט דאָרט וועט זיין אַז אויך דו וועסט צו מיר בענקען, אויך מיין טעכטערל. איך לאָז זי איבער אין דיינע געטרייע הענט און ווען כ׳וועל צוריקקומען וועל איך דיר אַ גרויסן סוד אויסזאָגן!

אָבער נאָר ווער ס׳איז פאַרליבט ווייסט דעם טעם פון צעשיידונג. ווען די לעצטע מינוטן זענען צו קאַרג זיך אָנצוטרינקען מיט די הייסע קושן. נאָכן אָפּרייסן זיך פון עראָפּלאַן פון דער ערד כאַפּט גלייך וויעראַן אַרום דער אומרואיקער געפיל פון אייננזאַמקייט. זי פליט דאָך אַוועק אין אַ ווייטער פרעמדקייט; איבערגעלאָזט אונטער זיך אַ גרויסע האָפענונג, די טייערסטע, די הייסע ליבע־פלאַמען. אין די ערשטע מינוטן פון צע־שיידונג טרוימט זי שוין, צו זיין ווידער מיט זיי צוזאַמען.

ב

אַריינגעפלויגן, מיט דער ריזיקער לופט־שיף אין אַ נייער וועלט ווי אין אַ חלום. צווישן אַ געלויף פון באַנען איבער אייזערנע בריקן, צווישן הייזער פון רויטן ציגל ווי קאַזאַרמעס אָדער פאַבריקן, אין טייוולאָנישן אימפעט, אין שווינדלעניש געיעג, ווי געטריבן פון בייזע רוחות. מיט צערייצטן גערויש און געיעג. איבער צעגליטן אַספאַלט לויפן אויטאָבוסן און אויטאָס איבער די בריקן, איבער עוועניוס און סיטיס. אין צעפראַלטן גאַנג. שפּאַנען קערפּערס מיט פאַריסענע אָדער געבויגענע קעפּ, אַ מענטשן־שטראָם פון פאַרשידענעם עלטער, געשלעכט, קאָלירן און ראַסן, זקנים און קינדער, צעהיצטע לייבער, מיט דערשטיקטן אָטעם, אַ גייענדיקער מענטשן־וואַלד אין הייס־פּולסיקן, געשפּאַנט־נערוועזן גאַנג צו די אָפיס, בענק און ביזנעס. שוואַרצע פּנימער איילן צו פאַבריקן און קניפּעס. געל־פּנימדיקע כינעזער גייען געמיטלעך מיט אַסקעטיש־פילאָזאָפישן שמייכל, עס שפּאַנט דער דור הבלגה פון מאָדערנעם בבל.

וויערא לאָזט זיך מיט שטיגן אַראָפּ צום בויך פון דער ערד און ווערט פאַרטומלט פונעם געוואַי פון די אָנקומענדיקע און אַנטלויפנדיקע טרייִנען (באַנען) פון דער סאַבווי, וואָס לויפן קיין ברוקלין, בראָנקס,

מאַנהעטן און קווינס. די וואַגאָנען אָנגעשטופּטע מיט מידע־נערוועזע פּנימער, אָן אַ שמייכל. די טריינען לויפן אין חושך, מיט געבריל, איבער פינצטערע טונעלן, איבער אומענדלעכע שטרעקעס, וואַרפן אַרויס אָדער שלינגען איין, אויף יעדער סטאַנציע, מאַסן מענטשן אין געלויף און געשטויס, פון הייסן יולי־אָטעם.

שפּאַנט ווערע איבער די גאַסן פון רויטן ציגל, פון מרה־שחורהדיקן טרויער. פון פענצטער הענגען אַרויס לייטערס, פון שטאָק צו שטאָק צו קענען, אין פאַל פון אַ שריפה, אנטלויפן. פייערלעשער־אויטאָס לויפן דורך מיט אַ יאָמער־סיגנאַל, הימל עפן זיך! פון די צייטונגס־קעפלעך שרייען אַרויס די לעצטע נייעסן פון פּאָליטישן שאַנטאַזש, מאָרד און רויב און היצן אָן די נערוון מיט אומרו און שרעק.

אויפן איסט־בראָדוויי זענען נאָך ניט אַלע יידישע אותיות אָפּגעמעקט פון די אַמאָל יידישע קראָמען, ישיבות, און לאַנדסמאַנשאַפטן. זיי שרייען אַרויס ווי אַ זכר פון אַמאָל שפּרודלדיקן יידישן לעבן. אין אַ געוועזענער רעדאַקציע פון אַ יידישער טאָג־צייטונג פאָרען זיך אַרום יונגע כינעזער, אין אַ אין אַ פאַרלאָזענער יאַטקע אונטערן אויפשריפט „גלאַט כשר" שמייכלט אַ פלייש־קע פאַרטאָריקאַנערין. אַרומגערינגלט מיט פּרעמדקייט שטייט איינזאַם דאָס הויכע הויז פון דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג „פאָרווערטס" וואָס האָט צענדליקע יאָרן געשפּייזט דעם יידישן עמיגראַנט, אין דעם „גאָלדענעם לאַנד", מיט יידישע צרות און אַמע־ריקאַנער בלאָפן. אין אַ זייטיק געסל באַמערקט ווערע אַ יידיש קרעמל, אָן איינציק געבליבענע אויף דער אַמאָל יידישער גאַס וואָס שמעקט מיטן יידישן ריח פון שמאַלץ־הערינג און אייער־קיכלעך. אַ יידישע דיקע יידענע רעדט אין מאַמע־לשון או דערלאַנגט ווערען אַ גלאָז מילך מיט אַ זעמל. לעשט ווערע איר הונגער אָבער ניט דעם נייגער צום פולס פונעם לעבן. אַ נייגעריקער ייד, דערהערט אַז ווערע איז פון ישראל, צינדט זיך אין אים אָן דאָס פּינטעלע ייד און ער פרעגט:

— וואָס הערט זיך אין ישראל? און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, דערציילט ער גלייך:

— איך אַליין בין אַ ציוניסט און וואָלט זיך שוין לאַנג באַזעצט אין ישראל נאָר מיך איינציקער זון האָט מיר אָנגעטאָן אויף טערקיש און

חתונה געהאַט פּאַר אַן אירלענדערין. איז ווי קען איך איבערלאָזן מיינע אייניקלעך און אַוועק קיין ישראל?

אַ ברייטער עוועניו מיט כינעזישע געשעפטן פירן אַריין וויעראַן אין דעם באַרימטן וואָלסטריט מיט אירע גיגאַנטישע הייזער פון גלאָז און מאַרמאָר וואָס רייסן זייערע העלדזער מיט גאווה צו די וואָלקנס. דאָ געפינט זיך דער נערוון־נעץ פון דער אַמעריקאַנער פינאַנס־אָליגאַרכיע, די אַלמעכטיקע הערשאַפט פון דאָלאַר; די בענק, פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, רייזע־ביוראָס און די אָפיסן פון דער מעכטיקער אינדוסטריע, האַנדל, בוי. עס איז מיטאָג־צייט און פון די אָפיסן און בענק לאָזט זיך אַרויס אַ שטראָם פון טויזנטער מיידלעך און יונגע פרויען צו די רעסטאָראַנען, אויף גיך מיט עפּעס צו לעשן דעם הונגער. איילן איבער די שמאָלע גאַסן פלינקע סעקרעטאַרקעס, מאַשין־שרייבערקעס, סטענאָגראַפיסטקעס, באַנק־אַנגעשטעלטע אַ יונגע אַרמיי פון 18 ביז 35, שלאַנקע קערפּערס און געטאַקטע פיס. אַ דעפילאַדע פון שיינקייט און חן, מיט געפאַרבטע פּנימער און פאַרביקע קליידלעך, איידעלע פיגורן מיט הויכע בוזעמס, קאָקעטקעס און שעמעוודיקע, אַראָגאַנטע און סענטימענטאַלע, חוצפּהדיקע און קאַפּריזנע, וואָס שטייען צום דינסט פון דאָלאַר, די גרויסע פאַפּירענע פיקציע אין די הענט פון די הערשער איבער נאַפט און שטאָל, איבער דער פּאָליטיק און מאָראַל, פאַרשקלאַפטע צום ברוטאַלן כוח פון דאָלאַר, מיט וואָס מען קען קויפן כבוד און פאַרגעניגנס, הייזער, ערד און בריליאַנטן, געלט און אַקציעס, וואָס זענען דאָס מעכטיקע געווער פונעם טייוול, וואָס בינדט דעם מענטשלעכן גורל צו דער בערזע, וואָס מאַכט רייך און באַרויבט; געלט, דער ברוטאַלסטער טיראַן געפּאַשעט פון מענטשלעכן שווייס און בלוט. דער צינדער פון תאווה, צו באַטרוג און פאַרברעכן, וואָס צעטיילט די וועלט אויף עלנט און לוקסוס. געלט די גרעסטע קללה, דער באַגראָבער פון די שענסטע חלומות, וואָס האָט דעם מענטשן, דעם זיגער איבער דער נאַטור פאַרוואַנדלט אין דעם אומגליקלעכן שקלאַף צו דער פאַפּירענער פיקציע.

יעדער טריט איבער דער מעכטיקער שטאָט, אַלץ וואָס איר אויג כאַפּט אויף איז פאַר וויעראַן אַ גרויסע איבערלעבונג, זי אָטעמט מיט דינאַמישן פולס מיטן מעכטיקן געזאַנג פונעם לעבן. זי הערט די פאַר־

שידנסטע קולות און הייזעריקע קלאַנגען, און פאַרשטיקטן אָטעם, וואָס טראָגט זיך פון גרינער געמיטלעכקייט, פון צעווײלטן בראָדווײ; פון די רוישיקע רעקלאַמעס, פון העל־באַלויכטענע קינאָס, טעאַטערס און קאַבאַרעטן, צו וועלכע עס שטראָמען פאַרליבטע פּאָרלעך, גימנאַזיע־שי־לערס, יונגע ווייבלעך. איבער די גאַסן סמאַטשקען קינדער דעם אייז־קרעם, מענער טרינקען פון בלעכענע פושקעס קאָקאָ־קאָלאָ, פון די צײַ־טונגס־קיאָסקן שרײַען אַראָפּ בילדער פון ווייבלעכע נאַקעטקייט און איבער אַן אַריינגאַנג אונטער רויט ליכט הענגט אַן אויפשריפט: „נאָר פאַר מענער!".

אויף די בענק פון טיימס סקווער זיצן אַ פּאָר עלטערע פרויען מיט שטאַרק געשמינקעװעטע פּנימער, עפּעס אַ קריפּל, אַ פּאָר דעגענעראַטן און קרעציקע ברואים פון וועמענס אויגן עס שרייט אַרויס די איינזאַמקייט, געמישט מיט פּרימיטיװוקייט, ברוטאַלקייט און תאוה. אויף די זייטיקע גאַסן זענען די רייכע געשעפטן מיט דאַמען־קליידער, ביזשוטעריע, שאָ־קאָלאַד און דאַמען־וועש. אַ מידע פון אַ גאַנצן טאָג שיינען פאַרגייט די זון אונטער הויכע געביידעס איינגעהילט אין שטומען שווייגן. איבער דער גאָס צינדן זיך די גאַז־לאַמטערנעס. די נעאָ־ליכט אין די געשעפטן גיסט זייער קאַלירטע ליכט איבער קערפּערס איינגעהילטע אין זייד און פּער־פומען, באַגלייט מיט מענער אין שוואַרצע צילינדערס. עס לעשן זיך ביסלעכווייז מאַטע ליכט, עס רויטלען זיך, גרינען און גליען אין האָפּנונגס־לאָזן פּלאָטער, עס לעשן זיך די רוישיקע געשפּענסטער פון אילוזיעס. די פּוסטקייט צעלייגט זיך איבער דער מעטראָפּאָליע פון לוקסוס און עלנט, הילט זי איין אין נאַכטיקער אימה און ציטער פאַר כוליגאַנישע מעסערס, און וויערא לאָזט זיך, מיט באַדויער, וואָס זי טאָר ניט שפּאַצירן אין דער נאַכט, מיט גיכע טריט צו איר ביליקן האָטעל.

צומאָרגנס הערט זיך שוין וויערא איין אויף דער אוידיטאָריע, מיט גרויס בייגיר, אין די רייד פון דעם לעקטאָר, אַ באַרימטער פּסיכאָלאָג מיט אַ לעבעדיק פּנים און לעבעדיקער שפּראַך, זיין פּנים באַלויכטן מיט גלויבן. זיינע רייד מיט בליציקע געדאַנקען, וואָס גליען מיט ליבשאַפט צום מענטש. ער אַנטוויקלט פאַר די צוהערער נייע דרייסטע אידעען, געשטיצט אויף רייכע דערפאַרונגען און דערגרייכונגען, דעראַבערטע פון אַ סך יאָרן, פון די אַלטע צייטן ביז דער נייעסטער אַנטוויקלונג פון דער

פסיכאָלאָגיע. ער מאַכט קיין שום אַלטע טעאָריעס, קיין שום פאַרגאַנגענע לערעס און געדאַנקען, ניט מבטל נאָר טראַגט צו נייע ציגל צום גרויסן בנין פון דער וויסנשאַפט. ער אַנטוויקלט פאַר די צוהערער אַ פּאָעטישע וויזיע פון אַ גרויסער רעוואָלוציע אין אונדזער טראַכטן, אין אַלע אונדזערע באַגריפן וועגן דער עקזיסטענץ, וועגן מענטש און נאַטור, וואָס וועט דערהויבן די חשיבות פון יחיד, פון וועמען עס איז דאָך אָפּהענגיק דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט. פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענ־לעכקייט איז אָפּהענגיק אונדזער באַנעמען די רעאַליטעט פון אונדזער עקזיסטענץ, וואָס איז איינגעהילט אין סודותדיקייט און אין סתירות.

די וויסנשאַפטלעכע מעגלעכקייטן צו דערקענען די נאַטור און דעם מענטש זענען גאַנץ באַגרענעצטע. עס איז ניט גענוג די הילף וואָס זי באַקומט פון אָבסערוואַציע און אַנאַליז, אויך ניט פונעם „קלאָרן שכל". זי מוז דעריבער אָנקומען צו דער אינטואיציע, צום פאַרשטעלונגס־קראַפט און פאַנטאַזיע אָן וועלכע די וויסנשאַפט וואָלט זיך ניט גערוקט פאָרויס. איינשטיין האָט דעם דמיון געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק, פאַר דער וויסנ־שאַפט, אָן איר וואָלט זי ניט דערגרייכט צו די הויך אַנטוויקלטע שיטות פון וואַרעמקייט, גאַז, עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזום און אַנדערע. דעמאָקריט האָט שוין מיט פינף טויזנט יאָר צוריק דערגאַנגען צו דער טעאָריע פון אַטעמען אָן וועלכע עס איז וויסנשאַפטלעכע פאַקטן און אָבסערוואַציעס, מיטן כוח פון דמיון קען מען אפשר זיך גיכער דערנענטערן צו וועלכן עס איז אמת צווישן די קאָמפּליצירטסטע דערשיינונגען. אויך אין דעם תוך פון מענטש טרעפן מיר זיך אָן מיט אַזעלכע מיסטישע כוחות, ווי: היפּנאָז, טעלעפּאַטיע, סוגעסטיע, אינטואיציע וואָס מיר פאַררעכענען צום זעקסטן חוש. דאָס זענען דערשיינונגען וואָס מיר קענען ניט דערקלערן אָבער אויך ניט אָפּלייקענען, ניט איגנאָרירן. עס איז שווערער צו דערקענען דעם מענטש ווי די ווייטסטע פּלאַנעטן. מיר לעבן אין אַ וועלט פון וווּנדער און דער מענטש איז דער גרעסטער וווּנדער. אָבער דאָס וואָס זעט אונדז היינט אויס פאַנטאַזיעס וועט אפשר מאָרגן זיין גאַנץ פאַרשטענדלעך...

פרויד האָט אַנטפּלעקט, אַז דאָס נשמה־לעבן פון מענטש איז אַ פונקציע פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, פון די עקזיסטירנדיקע

קולטור מיט אירע אינסטיטוציעס. דער שייכות צווישן יחיד און דער געזעלשאַפט שפּיגלט זיך אָפּ אין דער נעווראָזע, וואָס ווערט באַווירקט פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פון געזעצן, באַרענעצונגען, באַפעלן, וואָס האַלטן דעם יחיד אין פּערמאַנענטער שפּאַנונג. דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט איז ניט געלונגען אָנצוהאַלטן די גייסטיקע געזונטהייט פונעם יחיד, ווייל די הערשנדיקע אינסטיטוציעס באַפרידיקן ניט די מענטשלעכע שטרעבונגען און צווינגען דעם יחיד צו געבן אַ קרבן זיינע גייסטיקע און אַנדערע תאווהס, וואָס וועקט אין אים דעם בונט קעגן דער קולטור בכלל. די פּסיכאָ־אַנאַליטיק קען העלפן דעם קראַנקן נאָר דורך געפינען אַ קאָמפּראָמיס מיט די באַגרענעצונגען וואָס עס בויט אויף די געזעלשאַפט, זי קען אָבער ניט באַפרייען דעם קראַנקן פון דער אילוזיע אַז ער קען אָפּווייכן פון דער ווירקלעכקייט. ווייל עס איז אוממעגלעך צו ליקווידירן די קולטור און גיין „צוריק צו דער נאַטור". דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן איז דאָך אַ פאַרטיידיקונגס־בונד קעגן דער אכזריות פון דער נאַטור. עס בלייבט אַלזאָ צו רעפאָרמירן די קולטור, ווי־ווייט מעגלעך צופּאַסן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס צום נוצן און גליק־זעליקייט פון מענטש, דערמיט אויסמיידן דאָס אַנטלויפן פון יחיד פון דער ווירקלעכקייט און דאָס באַהאַלטן זיך אונטער וועלכע עס איז אילוזיע. לויט פרוידן איז די רעליגיע אַן אילוזיע און אַ וויכטיקער גורם וואָס פּענטעט דעם כוח פון שׂכל. זי איז דער גרעסטער שונא פון וויסן און אַ סכנה, ווייל זי קען מיט איר געוואַלטיקן כוח און מעגלעכקייטן באַהערשן דעם מענטשלעכן גייסט. די צוקונפט פון מענטש איז אָפּהענגיק פון דער אַנט־וויקלונג פון זיין שׂכל און פאַרשטאַנד. רעליגיעזע השפּעה און רעליגיע ווירקט ניט ווייניק אויף דעם נערוועזן צושטאַנד פון מענטש.

עס איז דעריבער ניט מעגלעך קיין סאָציאָלאָגיע, ניט קיין פּעדאַגאָגיק אָן דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט דער פּסיכאָלאָגיע. אין זיין קריטיק איבער דער געזעלשאַפט און איבער רעליגיע באַווייזט פרויד, אַז אַ געזעלשאַפט געשטיצט אויף צוואַנג און באַגרענעצונגען ווירקן אויף די נערוועזקייט און נערוועזע קראַנקייטן, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון אונדזער קראַנקער געזעלשאַפט און קראַנקער קולטור.

די סאָציאָלאָגן און עקאָנאָמיסטן זעען נאָר די עקאָנאָמישע אומגלייכ־

קייט וואָס צעטיילט די מענטשן אין פּריווילעגירטע און באַעוולטע. דער פּסיכאָלאָגיע איז באַקאַנט אַ סך אַנדערע אומגלייכהייטן ווי: פיזישע, גייס־טיקע, קולטורעלע, וואָס קענען גליקלעך אָדער אומגליקלעך מאַכן, אַרויס־רופן קאָנפליקטן און קעגנזאַצן צווישן מענטשן און פעלקער. אויך פעיקייטן און טעמפּעראַמענטן האָבן זייער ווירקונג אויפן מענטשלעכן גורל. פּסיכאָ־לאָגיע צעטיילט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אויף פיר הויפּט טעמפּע־ראַמענטן: כאָלכישע (וואָס רעגן זיך לייכט אויף) סאַנגווינישע (וואָס ציי־כענען זיך אויס מיט אַ סך האָפענונגען) מעלאַנכאָלישע און פלעגמאַטישע. פאַרשטענדלעך אַז אָט די אַלע טעמפּעראַמענטן טרעטן אַרויס ביי יעדן מענטש אין פאַרשידנסטע מדרגות.

דער מענטש קען קיינמאָל ניט פאַרשווייגן די פראַגע: „ווער בין איך?" ער קען זיך אָבער ניט געבן דערויף קיין גענוגנדיקן ענטפער. דער מענטש, איז עגאָצענטריש. ער זעט זיך ווי דער צענטער פון אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום. פאַקטיש איז דער מענטש, אין דער חיות־וועלט, אַ גאַנץ באַזונדערע באַשעפעניש, מיט גאַנץ באַזונדערע אייגנשאַפטן, מיט אַנדערע יצרים און פעיקייטן. מעגלעך אַז זיינע פיזישע שוואַכקייטן האָבן געצוווּנגען אים צו אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן אין דער מלחמה פאַרן עקזיסטענץ. אָבער וואָס עס אינטערעסירט דער פּסיכאָלאָגיע איז צי דער מענטש קען ווערן אַ ראַציאָנאַל פריי באַשעפעניש?

דער מענטש קען ניט לעבן אַליין נאָר אין אַ געזעלשאַפט, וואָס פענטעט אים, קעגן וועלכע ער רעוואָלטירט און קאַפּיטולירט, און כדי אָפּצוהיטן זיין אידענטישקייט נעמט ער צוהילף זיין שכל, קוראַזש און דמיון. דאָס מאַכט אים אָבער צו באַגערן צופיל מאַכט און פאַרגעניגנס און צו באַצאָלן אַ צו טייערן פּרייז פאַר זיינע דערגרייכונגען אויף יעדע פון די געביטן. זיינע האַנדלונגען ווערן דיקטירט פון דעם אונטערבאַוווסטזיין ווי עס ווינט דאָס גוטע און אַגרעסיווע און רחמנות, דאָס שעפערישע און צעשטערערישע, וואָס פאַרשקלאַפט אים צו די אייגענע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן, ווי צו די דערנידערנדיקע באַדערפענישן פון זייער קערפּער.

אַוודאי האָט פרויד געזינדיקט מיט שאַפן דאָגמאַטישע טעאָריעס גע־שטיצט אויף איינציקע פאַקטן, דאָך האָט אים די פּסיכאָלאָגיע צו פאַר־דאַנקען וואָס ער האָט אַריינגעקוקט אין אַזעלכע טיפענישן פון דער נשמה

ווי קיינער האָט פריער דאָס ניט געוואָגט צו טאָן. אַ דאַנק אים וועלן די וואָס זענען אין אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען בלויז עקאָנאָמישע סיבות, וואָס אַלע היסטאָרישע געשעענישן דערקלערן מיט דער הילף פון „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", מוז ווערן מער באַשיידענער. פאַר אַזעלכע דערשיינונגען ווי דער היטלעריזם, סטאַליניזם, מאָסקווער פּראָצעסן, רייכס־טאָג־שריפה, אוישוויץ און אַלע אַנדערע טראַגישע געשעענישן, ווי דער העסלעכער קאַמף פאַר מאַכט און אַלע פּאָליטישע אינטריגעס דאַרף מען זוכן דעם באַשייד מער אין דער פּסיכאָפּאַטיע ווי אין דער עקאָנאָמיע. נאָר די פּסיכאָפּאַטיע קען ענטפערן און געבן דעם דיאַגנאָז פאַר דער קראַנקייט פון „גרויסקייט מאַניע", אויף וועלכע עס האָבן געליטן די „גרויסע" מענטשן פון ראָבעספּיער, נאַפּאָלעאָן, ביז היטלער און סטאַלין און דערקלערן זייער וואַנזיניקע טאַטן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין זייערע קראַנקע מוחות.

אויך די טעאָריע פון מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, פון אַלפרעד אַדלער, העלפט צו געפינען אַן ענטפער אויף אַ סך פּסיכישע קראַנקייטן, באַזונדער דעם גרויסקייט שגעון פון די באַרימטע פעלקער־מושלים און דיקטאַטאָרן, וואָס האָבן דערגרייכט זייער מאַכט, איבער פעלקער, מער צוליב זייערע חסרונות ווי צוליב מעלות. נעוראַטישע טיפּן וועלכע ווייסן ניט פון רחמנות און גוטסקייט, האָבן די גרעסטע שאַנסן אויסצוּוואַקסן אין „געניאַלער פירער". די פאַנאַטישע קאַטוילישע אינקוויזיטאָרן, ראָביספּיער, סען זשוסט, לענין און סטאַלין זענען געווען נעוראָטיש קראַנקע גייסטער וואָס זענען גרייט געווען פאַר „גערעכטיקייט" אַ וועלט אומצוברענגען, אַזעלכע זענען עס אַלע „אידעאַישע" באַנדיטן וואָס מיט דער הילף פון טעראָר, מאָרד און פאַרברעכן ווילן „גליקלעך" מאַכן די וועלט. די נאַ־ציישע באַשולדיקטע אויף דעם „נירענבערגער פּראָצעס" און אויך אייכמאַן האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען אין וואָס אייגנטלעך מען באַשולדיקט זיי. זיי האָבן ניט באַגריפן זייער חטא, ווייל זיי זענען געווען גייסטיק קראַנקע און ווי „געניאַלע" גענגסטערס. זענען זיי צוליב זייערע גרויסע פעיקייטן צו אָרגאַניזירן די ראַפינירטסטע מעטאָדן פון מאַסן־מאָרד, באַטראַכט געוואָרן פאַר נאָרמאַל.

עס איז ניט לייכט צו געפינען די גרענעץ צווישן גייסטיק קראַנקע

און „געזונטע“, ניט ווייניק ליידן אויף נעוורּאָטיע אָדער זענען פּסיכאָפּאַטן, ניט ווייניק מוזן פאַרן שלאָף אַראָפּשלינגען פּילן צו באַרויקן זייערע נערוון. יעדער פינפטער מענטש איז אַ נעוורּאָטיקער אָדער פּסיכאָפּאַט. געהערט דען ניט כיטרעקייט נאָך געלט, גוזמאדיקע כבוד־זוכעריי אָדער סעקס־ווילדקייט צי גייסטיקע קראַנקייטן?

די פּסיכאָפּאַטיע האָט זיך אָבער נאָך ניט באַפרייט פון דעם סטאַנדאַרטן צוגאַנג פון באַשטימען דעם דיאַגנאָז פון אומנאָרמאַלקייט, וואָס שטיצט זיך אויף דעם טעות, לויט וועלכן אַ סטאַנדאַרט־נאָרמאַלער מענטש דאַרף זיין: עגאָאיסטיש, אַמביציעז, קאַריעריסטיש מיט אַן איבערגעטריבענער זיכערקייט אין זיך און באַטראַכט יעדער ניט קאָנוועציאָנעלער אַרט פון אויפפירונג, דאָס טראַכטן אַנדערש אָדער אַנדערש אויפנעמען די ווירקלעכקייט, יעדן קאָנפליקט צווישן דעם „איך“ אין דער סביבה, ווי אַ סימפּטאָם פון אומנאָרמאַלקייט, אָדער ווי אַ סימן פון שגעון. עס איז אָבער בכלל אַ ספק צי מיר האָבן רעכט צו פּסקענען ווו עס הייבט זיך אָן די גרענעץ פון אומנאָרמאַלקייט. ווער ווייסט פאַרוואָס מלחמה־העצערס, פּרעדיקערס פון ראַסן־האַס און אַפילו געלערנטע וואָס באַשעפטיקן זייערע קראַנקע מוחות אויסצוגעפינען שרעקלעכע מאָרד־מכשירים, אַלע וואָס זוכן צו באַפרידיקן זייערע ברוטאַלע יצרים ווערן גאָר ניט באַטראַכט פאַר גייסטיקע קראַנקע און ניט פאַרשפאַרט אין קיין משוגעים־הייזער? זענען דען די „הויך געשעצטע“ דיקטאַטאָרן, גענעראַלן און מלחמה־סטראַטעגן אין דיפּלאָמאַטישע צילינדערס, וואָס באַוואָפענען די פעלקער מיט האַרמאַטן און מיט שנאה, וואַרפן אָן אַן אימה, אַ מין אַלגעמיינע הידראָפּאָביע, ניט מער געפערלעך פאַר דער געזעלשאַפט ווי עפּעס אַן אומגליקלעכער מעלאַנכאָליקער, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט? איז דען ניט קיין געזעלשאַפט וואָס טאָלערירט מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפט?

דערפאַר קען דאָך ניט די פּסיכאָלאָגיע, וואָס וויל בעסער מאַכן דעם מענטש, בלייבן גלייכגילטיק צו דיקטאַטאָרישע, מיליטערישע און צוואַנג־רעזשימען, ווייל זיי צעטרייסלען ניט נאָר דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן נאָר אויך דעם נערוועישן גלייכגעוויכט פון דעם יחיד. ליידער שפּאַנט ניט היינט די פּסיכאָלאָגיע אין די פאָדערשטע רייען צו פאַרבעסערן די

מענטשלעכע געזעלשאַפט. עס זענען דאָ פּסיכאָלאָגן וואָס מיינען אַז דאָס איז גאָר ניט זייער אויפגאַבע.

עס איז אַוודאי איבערגעטריבן די מיינונג פון געוויסע פּסיכאָלאָגן אַז עס עקזיסטירט גאָר ניט קיין נאָרמאַלע מענטשן, נאָר בלויז פאַרשידענע דרגות פון נטיות צו נעוראָטיזם און פּסיכאָפּאַטיע, לויט זיי איז יעדער מענטש אין אַ געוויסער מאָס ניט נאָרמאַל. מען קען דאָך אָבער זאָגן פונקט פאַרקערט, אַז נאָרמאַלקייט איז אַן ענין פון דרגות. אויב נעוראָטיזם דריקט זיך אויס אין איבערגעטריבענער אייגנליבע, אין עקשנות, אין ניט רעכענען זיך מיט קיין שום זאַך, באַשטייט דאָך נאָרמאַלקייט אין בשותפותדיקע טעטיקייט צווישן באַוווסטזיין און דעם אונטערבאַוווסטזיין. ווען מען האָט געפרעגט פרוידן: — „וואָס דאַרף טון אַ נאָרמאַלער מענטש ?" האָט ער געענטפערט אַז : „ער דאַרף ליב האָבן און אַרבעטן". אויב אַזוי האָבן מיר דאָך אַ געוואַלטיקע מערהייט פון נאָרמאַלע מענטשן וועלכע פאַרמאָגן די וויכטיקסטע עלעמענטן פון אַ מענטשלעכער פערזענלעכקייט ווי : לעבנס־קראַפט, יצר, געפיל, פאַנטאַזיע, פאַרשטענדעניש און ווילן. פון אַן אַנטוויקלטער פערזענלעכקייט האָבן מיר די רעכט צו פאָדערן : דאָס אויפנעמען בוצלעך די ווירקלעכקייט, זיין אין שלווה מיט זיך אַליין, אויך מיט אַנדערע און מיט דער נאַטור, צו קענען זיך קאָנצענטרירן אויף פּראָבלעמען, האָבן אַ געפיל פון אחריות, אַ געפיל צו פּרטיות, ניט זיין גייסטיק מיט באַגרענעצטע האָריזאָנטן, האָבן אַ געפיל פון חברשאַפט און סאָלידאַריטעט, אַ מאָראַלישע פאַרשטענדעניש, אַ חוש פאַר הומאָר, און כוח פון שעפערישקייט. אָבער ניט שטענדיק קענען מיר מקנא זיין אַ נאָרמאַלן און ניט שטענדיק דאַרפן מיר באַדויערן אַ גייסטיק־קראַנקן, ווייל אין זיין גייסטיקן צושטאַנד פאַרווירקלעכט ער אָפט די שענסטע חלומות און רעאַליזירט זיינע פאַרלאַנגען, פאַרוואָס זאָלן מיר אים ניט לאָזן שווימען אין זיין וועלט פון אילוזיעס ? לעבן דען זיך גייסטיק געזונטע מענטשן ניט אויס אין אילוזיעס ?

אויב די פּסיכאָפּאַטיע וויל היילן דעם קראַנקן, מוז זי גוט דעם מענטש דערקענען און דאָס ערשטע דורך אויספאָרשן די מענטשלעכע געהירן און נערוון, ווו עס געפינט זיך דער גאַנצער קאָמפּליצירטער מעכאַניזם, פון וואַנען עס פּיקן זיך אַרויס אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען, אַלע זיינע

געדאַנקען און געפילן, ווי עס ליגט באַהאַלטן דער אונטערבאַוווסטזיין, ווי דער שכל ראַנגלט זיך מיט די געפילן. די פּסיכאָלאָגיע לערנט אַז עס איז ניט אמת אַז ווען דער מענטש ווערט געבוירן איז זיין מוח אַ Tabula rasa. אין מענטשלעכן מוח זענען אַנגעזאַמלט ערופּאַציאָנען, וואָס זענען די ירושה־איינגעשאַפּטן און דערפאַרונגען פון דורות, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פון מענטש נאָך איידער ער איז געבוירן. אין מוח ווערט דעשיפ־רירט די געהיימע צייכנס פון די חושים. אין די נערוון ליגן פאַרבאָרגן די אינסטינקטן, רעפלעקסן און אימפּולסן. דער מוח און די נערוון שאַפן דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן מעכאַניזם וואָס מיר רופן אַן נשמה. זיי צוזאַמען מיט דער סביבה און דערציאונג געשטאַלטיקן דאָס אויס די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, שלייפט אויס זיין אויפנאַם־פעיקייט, די פאַרשטעלונגס־קראַפט, דעם געפיל פון פרייד, טרויער, רעוואָלט, דעם געפיל פאַר שיינ־קייט, מוזיק, פּאָעזיע. ווי אויך דער יצר פון רשעות, סאַדיזם און פאַלשקייט.

וואָס מער מען לערנט וועגן מוח, אַלץ מער ווערט מען באַהערשט פון באַוווסטזיין פון דעם ווונדער פונעם באַשאַף, און מיר באַקומען אַ הומאַניטאַר עסטעטישע באַפרידיקונג אַנשטאָט דעם געפיל פון נישטי־קייט און אומזין פון אונדזער עקזיסטענץ. אָבער דאָס געהערט דאָך צו דער פיזיאָלאָגיע, כאָטש זי איז גלידשוועסטער פון דער פּסיכאָלאָגיע איז זי אָבער אַ באַזונדערער געביט פאַר פאָרשונג, וואָס מוז אינטערע־סירן יעדן פּסיכאָלאָג, ווייל אין מוח ליגן באַהאַלטן די רעטענישן פון אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען. פאַר וויעראַן שטייט אויך די אויפגאַבע צו באַקענען זיך, כאָטש טיילוויז מיט די געדאַנקען פון די נייעסטע לערעס און דערפאַרונגען פון אַזעלכע מאָדערנע פּסיכאָלאָגן ווי: אייזנאַך, ליאַם הודסאָן, דייויד מאקקלילאנד, ברענדבענט, נואַם כומסקי, הענרי טאַיפעל, ניקו טינבערג, ר. ד. לאַיינג, לעאָפּאָלד־לעווענטאַל, ניל מילער, לעאָן פעסטבערג און אַנדערע. אפשר וועט ווער פון זיי אויפדעקן דעם שלייער פון די פאַרבאָרגענע סודות און באַלייכטן די אומבאַקאַנטע פינצ־טערנישן אין וועלכע עס באַוועגן זיך אונדזערע מיטאָסן און דמיונות פון בלוט און ליידנשאַפט? יונג האָט געגלויבט אַז נאָר דורך די מיטאָס קענען מיר דערגיין צו עפּעס אַן אָביעקטיוון אמת, ווייל אונדזער שכל איז צו באַגרענעצט צו באַנעמען די אומבאַגרענעצטקייט פון אונדזער

וועלט. אפשר וועט די וויסנשאַפט קיינמאָל ניט ענטפערן אויף די פראַגן — וואָס איז דער מענטש, פון וואַנען, וווּהין און נאָך וואָס? ווער ווייסט פאַרוואָס דער מענטש איז געבענטשט אָדער פאַרשאָלטן געוואָרן מיט שׂכל? אפשר איז דער מענטש ניט מער ווי אַ ביאָלאָגישער טעות, אָדער אַ וויץ פון דער נאַטור, אָדער גאָר אַ לאָגיש באַשעפעניש. אַ סינטעז פון סתירות, אַ געצייג פון העכערן ווילן אָדער אַ געשטאַלט פון שאַרפער טאָפּלטקייט, אַ תּוהו ובֿוהו פון אינסטינקטן, ליידנשאַפטן און קאָנפליקטן. אַ באַשעפעניש געבוגדן אין קייטן פון „קלאָרן שׂכל" און מאָראַל, אָדער גאָר אַ טייל פון אור־כאַאָס. אַ מיקראָסקאָפּישער צימצום פון דער קאָס־מישער אומענדלעכקייט, אָדער אַ טונקעלער פּלאַנעטער פון קושיות און רעטעניִשן, אַ פאַרפּלאָנטערטער קנויל פון זכרונות, פאַנטאַזיעס און שטי־מונגען, אַ געמיש פון באַדערפעניִשן וואָס זוכט אַ באַפרידיקונג, אַ שורש פון וועלט־אַל, ווי דער יחיד איז ניט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער קאָלעקטיווער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אָדער גאָר ניט מער ווי אַ סך הכּל פון פליכטן לגבי אַנדערע מענטשן? און אפשר איז דער מענטש אַ סינטעז פון דעם אַלעם צוזאַמען?

צו קענען מיר דען זיין זיכער אַז די אידעע פון באַשאַף איז אַ פולקאָמע און געראָטענע, אפשר איז זי גאָר אַ ניט געלונגענער עקספּע־רימענט פון דער העכערער קראַפט, אַן וועלכן פּאָזיטיוון ווערט, אַן אַ רעאַלן אינהאַלט? אפשר איז דער מענטש גאָר אַ ניט־שטאַנדהאַפטיק באַשעפעניש אָן אַ ציל, בלויז אַ דערשיינונג, אָדער אפשר גאָר דער גרעסטער נס, דער קרוין פון וועלט־יצירה? ווייל אויב די אידעע פון באַשאַף איז אַ לאָגישער, טאָר דאָך ניט די מענטשלעכע געזעלשאַפט זיין איר קרומער שפּיגל...

די אויפגאַבע פון דער פּסיכאָלאָגיע איז גאָר ניט צו ענטפערן אויף דער פראַגע וואָס איז דער מענטש, נאָר ווי אַזוי איז דער מענטש און פאַרשן זיינע האַנדלונגען, ליידנשאַפטן און יצרים, וועלכע זענען ניט ביי יעדן גלייך. די רעפערן באַרייכערן וויעראַן מיט אַן אוצר פון געדאַנקען זי פילט זיך אָבער ניט היימיש צווישן דער גרופּע פּסיכאָ־אַנאַליטיקער, כאָטש מיט געוויסע זייערע געדאַנקען איז זי מסכּים, געפעלט איר אָבער ניט די צו גרויסע גוזמא וואָס זיי שרייבן צו דער ראָלע

פון סעקס אויך דעם אודיפוס־קאָמפּלעקס און עלעקטראַ. זי קען ניט אָננעמען אַלץ פון זייערע טעאָריעס וועגן סעקס־קאַלטקייט, חלומות, פּאַטאָ־לאָגישן געווין, די טעאָריעס וועגן לאַכן אין חלום, שלאָפלאָזיקייט, נעוראָ־זיע, פּסיכאָזיע? זי צווייפלט צי זיי שאַצן ריכטיק אָפּ די באַדייטונג פון הומאָר, געלעכטער, וויץ, פאַרוויילונג, געזאַנג, טענץ, פּאָעזיע און אַלץ וואָס מאַכט דאָס לעבן אָנגענעמער, רייכער, אינטערעסאַנטער און בעסער? צי מען קען מיט דער הילף פון אַנאַליז גליקלעכער מאַכן דעם מענטש? ווער וועט דען אויספאָרשן די סודות און די ראָלע פון אַ מענטשלעכן שמייכל? צי וואָלט וויערא געקענט ליב האָבן אַ מאַן וואָס קען ניט לאַכן? אויב פון אַלע אַבסטראַקטע לערעס און אלע וויסנשאַפטלעכע דערפאַר־רונגען דאַרף געמאַכט ווערן פּראַקטישע אויספירן, מאַטערט וויעראַן די פראַגע צי קען מען האָבן נוצן פון דעם מעטאָד פון אַנאַליז?

בענקט טאַקע וויערא נאָך יונהס, כמעט קינדישן געלעכטער, נאָך זיין וווּנדערלעכן שמייכל. בענקט צו איר קליינער שטיפערקע. וויפל זי וויל ניט פאַר זיך אַליין מודה זיין ווי שטאַרק זי האָט אים ליב און ווי שטאַרק זי בענקט, קען זי דען דאָס באַהאַלטן אין איר בריוו? און זי שרייבט אים די הייסע ווערטער:

טייערער יונה!

ערשט אין דער ווייטער פרעמד פיל איך ווי ווייט דו און מיין טעכטערל פעלן מיר. עס פעלט מיר דיין ערלעכע געטריישאַפט, איך בענק נאָך דיר און נאָך דער קליינער שטיפערקע און בין דיך מקנא וואָס דו קענסט זי יעדן טאָג זען. איך צווייפל גאָר ניט אַז דו זעסט איר אָפט, ווייל זי איז דאָך איצט אַזוי איינזאַם ווי איר מוטער. און אַזוי שטאַרק צו דיר צוגעבונדן. זי האָט דיך ליב באַקומען און נויטיקט זיך אין ליבע ניט ווייניקער ווי איר מוטער.

ביי מיין גרויסן אינטערעס צו אַלץ וואָס איך לערן, וואָס איך זע און הער דאָ, אַלץ וואָס איז מיר אַזוי ניי און אינטערעסאַנט, דאָך צייל איך די טעג צו זיין ווידער מיט אייך צוזאַמען. איך טרייסט זיך אַז דו וועסט מיר פאַרגיטיקן פאַר אַלע מיינע טעג און נעכט פון בענקשאַפט. איך טרייסט זיך אויך מיט דער האָפענונג אַז אויך דו בענקסט דאָרט

צו מיר, איצט פיל איך ווי שטאַרק איך בין מיט דיר פאַרבונדן.

איך שיק דיר אַ גרוס פון דעם גרויסן אַמעריקע וואָס איז פאַרשיכורט פון דער מעכטיקער וויזיע פון עלעקטרי, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, וואָס שטרעבט דעם מענטשלעכן שכל, געוויסן און געפילן צו מעכאַניזירן, דאָס לאַנד פון ביזנעס און דאָלער, איר געלט־אָליגאַרכיע נויטיקט זיך גאָר ניט אין די אוצרות וואָס ליגן אין די מענטשלעכע הערצער, נאָר די אוצרות פון גאָלד אין די בענק און וואָס ליגן אין דער ערד. די פסיכאָלאָגיע איז פאַר זיי אויף אַזויפיל אַ נוצלעכע לערע אויף וויפל זי העלפט מער ראַציאָנעל צו עקספּלאָאַטירן, זי נוצט אויס דעם מעטאָד פון סוגעסטיע פאַר קאָמערציעלע צוועקן צו רעקלאַמירן זייער סחורות, וואָס שרייען אַראָפּ פון אַלע ווענט, צייטונגען, קינאָס, שרייען אַריין אין די אויגן און אויערן, אַז אין חלום דערמאָנט מען זיך צו טרינקען נאָר קאָקאַ־קאָלאַ און וועלכע אַפּפּיר־מיטלען איינצונעמען, מיט וועלכע עראָ־פּלאַנען צו פליען, אין וועלכע בענק דאָס געלט צו האַלטן. די צייט איז דאָ געלט, ליבע אַ גוטע ביזנעס, דאָס קויפן פּלעצער אַ היסטעריע, אויף אַקציעס אַ בהלה און דאָס לאַנד פיבערט ווי אין קדחת נאָך לעגענ־דאַרע ריווחים אין שווידער פון עקסטאַז פאַרן מעכטיקן דאָלער.

בענק איך נאָך אַביסל באַשיידנקייט און ערלעכקייט, נאָך דעם לאַנד פון גאָלדענעם באַגינען און טרוים וואָס גיכער צו אייך צו קומען. געדענק אַז כ׳האָב דיר צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל אַהיימקומען האָב איך דיר אַ גרויסן סוד צו זאָגן. אָבער דערווייל שיק איך אייך דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג — מיין ליבע און געטריישאַפט, וואָס כ׳וועל אייך ביידן ברענגען אַ מתנה. אָט דעם אוצר וועל איך אייך שענקען. איך שיק דיר מיינע הייסע קושן. גיב איבער אַ טייל פון זיי צו מיין און אונדזערע טייערע חדוהן פון איר מוטער און פון דיר. ווייל דו ביסט מיר דער טייערסטער און נאָענטסטער אויף דער וועלט.

דיין וויעראַ.

וואָס גייט דען וויעראַן אָן דער קדחת פון דער בערזע? זי פיבערט מיט איר ליבע צו יונהן און צו איר איינציק טעכטערל און בענקענדיק צו זיי פלאַמט זי אויך מיט נייגעריקייט צו אַלץ וואָס אַרום איר, כאַפּט

אַלץ אויף מיט די אויגן און קריצט אַלץ איין אין מוח. אַוודאי איז זי גאַרניט גלייכגילטיק צו דעם וואָס עס טוט זיך ביי די אַמעריקאַנער יידן. דערפאַר גייט זי אַ צופרידענע צו אירס אַ ווייטע קרובה, וואָס מאַכט פאַר איר אַן אויפנאַמע מיט פאַרבעטענע געסט.

זי קומט אין אַ גרויסאַרטיקער וווינונג, מיט ווערטפולע אַנטיקן אין גלעזערנע שאַפעס און בילדער אויף די ווענט. די טישן מיט פיינע מאכלים: פליישן, סאַלאַטן, פרוכטן, קאַלטע און שאַרפע געטראַנקען. עס זענען פאַרזאַמלט אַביסל יידישע אינטעליגענץ, קרובים און באַקאַנטע פון דער משפחה, וואָס זענען געקומען באַקענען זיך מיט וויעראַן, דעם גאַסט פון ישראל. יידן מיט גוטע פאַסטנס און פרנסות, וועמענס מאַרך איז קאַנצענטרירט אויף ביזנעס, פירן דאָ אַ גאַנץ געמיטלעכן שמועס. וויעראַ קען ניט זייערע נעמען, זי איז אָבער נייגעריק, וואָס זיי זאָגן און הערט זיך איין אין דעם שמועס:

— אונדזערע עלטערן זענען געווען נאַיוו, ערלעך געטריי זייערע יוגנט־אידעאַלן, דעם סאָציאַליזם אָדער ציוניזם.

— גויים פאַרשיכורן זיך מיט וויסקי, יידן מיט „איזמען".

— אונדזערע עלטערן, מיין דאָקטאָר, האָבן פאַר סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן אָפּגעגעבן זייערע יאָרן, אָבער זייערע קינדער געהערן צום דור פון אויסגעהוילטע נשמות.

— מיינע עלטערן האָבן געגלויבט, אַז די זון פון פרייהייט וועט אויפשיינען פון מזרח, פון דאָרטן וועט קומען משיח, אָבער דאָס איז געווען אַ פאַלשער משיח, דערפאַר זענען מיר קינדער פון צווייפל און אַנטוישונג.

— אויך מיר זוכן אַ משיח אין די אוניווערסיטעטן און ווערן צעפרעסן פון אַסימילאַציע. אַנשטאָט צו ווערן אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער, ווערן מיר אויס פאָלק. מיר צעשווימען זיך אין דער פוסטקייט פון אַמעריקאַניזם און איר אימיטאַציע־קולטור. מיר געהערן צו דעם דור וואָס מאַכט דעם לעצטן סך־הכל מיט טויזנט־יעריקער עקזיסטענץ. מיר זענען דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אַ רומפולער געשיכטע.

— אויב אַזוי דאַרפן מיר זיך באַזעצן אין ישראל און דאָרט פאַר־זעצן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, דאָרט פלאַנצן אונדזער גאָרטן.

— ס׳איז געגוג מיין ליבע בעסי, וואָס מיר העלפֿן ישראל. איך בין אַ גוטע ציוניסטקע, שוין דריי מאָל געווען אין ישראל אָבער פֿון אַמעריקע וועל איך זיך ניט אָפּזאָגן. ישראל איז אונדזער שטאָלץ אָבער אַמעריקע אונדזער לאַנד.

אַ יונגע סימפּאַטישע פֿרוי וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן רופֿט זיך פּלוצעם אָן:

— זאָגט מיר איך בעט אייך, מיט וואָס בין איך אייגנטלעך אַ יידישע, ווייל מיינע עלטערן האָבן גערעדט יידיש? רעליגיע גייט דאָך מיך ניט אָן, מיין שפּראַך איז ענגליש, כ׳בין איינגעוואָרצלט אין אַמעריקאַנער לעבן, אין איר קולטור, כ׳בין געווען טעטיק אין קאַמף קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, געקעמפֿט קעגן דיסקרימינירן די שוואַרצע, פֿאַר דער עמאַנציפּאַציע פֿון דער פֿרוי ווילט איר נאָך, איך זאָל אויך זאַמלען געלט פֿאַר ישראל? צי וועל איך דערמיט ווערן אַ יידישקע? איז ווייניק וואָס כ׳בין ערלעך, האָב ליב מוזיק און ליטעראַטור, מוז איך אויך ליב האָבן ישראל?

— זייער שלעכט, מיסיס קלאַראַ, פֿאַרוואָס קערט איר זיך אָפּ פֿון אייער פֿאָלק? אויך איך בין אַ גוטע אַמעריקאַנערין און דאָך געטריי מיין פֿאָלק און האָב ליב ישראל. מיט וואָס זענען מיר ערגער פֿון די, וואָס שעמען זיך ניט מיט זייער שוואַרצער הויט, פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיך שעמען מיט אונדזער רייכער קולטור און געשיכטע? מען מוז גאָר ניט לעבן אין ישראל צו זיין אַ שטאָלצער ייד.

אַ זשורנאַליסט, אַ תּלמיד חכם, האָט די גאַנצע צייט איראָניש געשמייכלט, וואָס האָט געהאַט שכל צו פֿאַרטוישן זיין אַלטע פֿרוי אויף אַ יינגערע, רופֿט זיך אָן:

— אויך איך וועל ניט פֿאַרטוישן אַמעריקע אויף ישראל, כאָטש כ׳בין אַ גוטער ציוניסט. מיר יידן זענען דאָך אַ וועלט־פֿאָלק און יעדער ייד האָט רעכט צו לעבן ווי אים איז בעסער און באַקוועמער. אויך ישראל איז פֿאַראינטערעסירט אַז אין אַמעריקע זאָלן זיין אַ סך יידן, וואָס זאָלן זי שטיצן.

— ווי קען איך אַוועק פֿון אַמעריקע, אַז כ׳האָב צוויי אירלענדישע שנירס? ביידע גייען אויס פֿאַר אַ שטיקל יידישע פֿיש, וואָס איך קאָך

פאַר זיי. אייניקלעך האָבן זיי מיר צוגעשטעלט וואָס אַזעלכע איז גאָר ניט בנמצא. זאָל איך זיי, אין מיצקע דערינען, איבערלאָזן און אַוועק קיין ישראל?

נעבן וויעראַן זיצט אַ חשובער ניט־יונגער מאַן, אַביסל טויבלעך, וואָס האָט דערלעבט אַ סך כבוד פון זאַמלען געלט פאַר ישראל, און רופט זיך אויך אָן:

— איך וואָלט שוין לאַנג געווען אין ישראל, נאָר מיין פרוי פאַר־טראַגט ניט קיין היצן. פאַרוואָס זאָלן מיר ניט הערן פון אונדזער גאַסט אַ גרוס פון ישראל, וואָס מיר אַלע האָבן דאָך אַזוי ליב?

ווענדן זיך טאַקע אַלע אויגן צו וויעראַן, מיט דערוואַרטונג. אַוודאי ווילט זיך איר בעסער שווייגן, נאָר ווי זאָל זי ניט זאָגן אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער וועגן איר לאַנד, ווען אַלע וואַרטן פון איר דאָס צו הערן? און זי זאָגט:

— איך דאַנק אייך פאַר דער פיינער אויפנאַמע און פאַרן כבוד, וואָס איך נעם דאָ אָן ניט פאַר מיר נאָר פאַר מיין לאַנד. איך בין דאָ אַהער געקומען נאָר אויף אַ קורצער צייט צום לערנען. איך בין ניט קיין ציוניסטקע, נאָך אַן אָפּגעראַטעוועטע פון אוישוויץ, ווו כ'האָב יעדן טאָג געזען דעם טויט פאַר מיינע אויגן. אַ באַפרייטע פון גיהנום בין איך גלייך אַוועק קיין ישראל, ווייל כ'האָב ניט געוואָלט מער זיין אין ערגעץ קיין פרעמדע, און ישראל איז געוואָרן מיין אמתע היים. איך בין ניט גרייט צו פאַרטוישן מיין אָרעם קליין לענדעלע פאַר דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט, ווייל אויך די אָרעמקייט איז מיינע. איך מיין ניט וועמען צו געבן עצות, איך וועל קיינעם ניט שלעפּן ביי דער פּאָלע און רופן — קום קיין ישראל! יעדער דאַרף טון לויט זיין אייגענעם שכל און אייגענעם ווילן. מיר איז דאָ גוט, ווייל כ'בין דאָ צייטווייליק און בענק נאָך ישראל.

נאָך די פּאָר קורצע ווערטער כאַפּט זיך ווער שוויגנדיק צו אַ קאַלטן טרונק, צום פאַרבייסן, ווייבער כאַפּן אַ בליק אין אַ שפּיגעלע, גיבן אַ שמיר, מיט פּודער די נאָז, אַ פאַרב די ליפּן, נאָר איינע רייסט איבער דאָס שווייגן און פרעגט:

— זאָגט מיר מיסיס וויעראַ, וואָס טראַכט איר וועגן אַמעריקע?

וואָס וויערא טראַכט? אין דער קורצער צייט האָט זי באַמערקט צופיל לײדיקע הערצער, צופיל קאָרופּציע, היפּאָקריזיע, פאַרברעכן און כוליגאַ־ניזם, צופיל צעביזנעוועטע. איר איז אָבער אָנגענעם צו פאַרברענגען מיט מענטשן, מיט יידן. מוז זי דאָך ניט יעדן ליב האָבן, ניט זיין מיט יעדנס מיינונג איינשטימיק. אַפילו צו די וואָס מען פילט אינסטינקטיוו אַן אַנטי־פּאַטיע מעג מען אויך שענקען אַ פריינדלעכן שמייכל. האָט זי אויך אַ פריינטלעכן שמייכל פאַר אַמעריקע און זי ענטפערט:

— וואָס קען דען אַ גאַסט זאָגן וועגן אַט דעם מעכטיקן לאַנד, וואָס איך קען נאָך אַזוי ווייניק? מיר זעט אויס אַמעריקע זייער אינטערעסאַנט. איך מיין אַז מען קען דאָ געפונען אַ סך גוטס און אָנגענעמס, איך האָף אַז אַמעריקע באַשטייט ניט בלויז פון אַזעלכע פאַר וועמען דער מאָגן איז וויכטיקער ווי דער מוח, די קעשענע וויכטיקער פאַרן האַרץ, אַז ניט אומעטום הערשט דער פאַרגליווערטער ביזנעס־גייסט, און ניט פאַר יעדן איז דער דאָלער זיין גאָט. יידן ביישטייערן מסתמא ניט ווייניק אויך אויפן געביט פון קולטור, פאַר דעמאָקראַטיע און פרייהייט, וואָס איך שעץ מער פון אַלץ אין אייער לאַנד. איך פיל זי דאָ אין דער לופט, ווייל וועד איז נאָך אַזוי גיריק צו פרייהייט ווי דער, וואָס האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון שקלאַפעריי און דעספּאָטיע? דעריבער לחיים! אַמעריקע איז אַ ווונדערלעך לאַנד, ווו עס איז זייער גוט צו זיין אַ גאַסט. אין יעדן לאַנד, ווי יעדן מענטש איז דאָ וואָס צו לויבן און וואָס צו טאַדלען. אָבער נאָר מיין אייגן לאַנד, האָב איך רעכט דאָס שלעכטע צו קריטיקירן, קיין אַמעריקע בין איך געקומען בלויז צו לערנען און לערנען קען מען דאָ אַ סך.

— אויך איך האָב ליב די פרייהייט! רופט זיך אָן אַ יונגער פּסי־כאָלאָג, איך בין אָבער אַ שונא דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם!

אָבער אַ פרוי שושקעט וויעראַן אין אויער:

— ווען עס וואַרט פון אַ רייכן טאַטן, אַ גרויסע ירושה און מען לעבט אין אַ וווינונג פון אַכט צימערן און מען האָט צו אַ ווייב אַ צולאָג אַ צווייטע, קען מען דען ניט זיין קיין שונא פון קאַפּיטאַליזם?

אָבער הויך זאָגט זי:

— ווען מען זיצט אַרום אַ טיש, מיט אַזעלכע פֿיינע און געשמאַקע מאכלים, ווי קען מען ניט זיין קיין שונא פֿון קאַפּיטאַליזם? מיין טייערער אין אַמעריקע וועט קיינמאָל ניט זיין קיין סאָציאַליזם, ווייל די יידישע יוגנט וויל בעסער זיין פּראָפעסאָרן אײדער פּראָלעטאַריער און די גויאישע יוגנט נויטיקט זיך מער אין טענץ, דזשאַז, בחורות ווי אין סאָציאַ־ליסטישן יושר.

אויך וויעראַ מיינט אַז פֿאַר זיי די אינטעליגענטן, בייכיקע דאָקטוירים, ביזנעס־לייט, די פּרויען און רייכע אלמנות, וועלכע רייכערן און פּלוידערן, אויך ניט פֿאַר די פּרעזידענטן פֿון אַ טוץ געזעלשאַפֿטן, ניט פֿאַר די קעסט־קינדער פֿון די ציוניסטישע באַוועגונג, איז סאָציאַליזם אַ וואַזשנער ביזנעס. אפֿשר איז דאָ אָן אַנדער אַמעריקע פֿאַר וועמען סאָציאַליזם וואָלט געווען נוצלעך? אפֿשר זענען נאָך דאָ רעשטלעך פֿון געטריישאַפֿט, וועלכע קלאַמערן זיך נאָך אַלץ אין די אַלטע אידעאַלן, וועלכע האָבן שוין אויסגעהויכט זייערע נשמות? עס איז נאָך דאָ ווייבערישע גוטסקייט וועלכע זאַמלען געלט פֿאַר ישראל. אפֿשר זוכן זיי אַ טרייסט פֿאַרן פֿאָלקס־אומגליק, פֿאַרן ברענענדיקן נאַציאָנאַלן וווּנד, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרהיילן? כאָטש טייל טראָגן זייער יידישקייט ווי אַ לאַסט, ווי אַ פֿלאַנטער פֿון וועלכן אַפֿילו דער ציוניזם קען זיי ניט אַרויספּלאָנטערן דעם יידישן חורבן, וואָס איז טיפֿער ווי די טעאָריעס, פֿון וועלכן מען קען ניט אַנטלויפֿן. אפֿשר נאָר אַ גייסטיקע דערוואַכונג קען זיי גייסטיק באַנייען. אָבער פֿון וואַנען זאָל דאָס קומען? אוודאי ניט פֿון די גבאים און פּאָליטיקאַנטן וואָס האָבן געהאַלטן שיינע רעדעס אויף חתונות, באַגלייט מיט דזשאַז־טענער, מיט גרויסע טעלער פֿלייש, ווען עס האָבן געברענט די געטאָס. ווען מען האָט קינדער פֿאַרגאַזט אין די קרעמאַטאָריעס, ווען פֿון פּוילן האָט זיך געטראָגן דער אימהדיקער געשריי ראַטעוועט! ווען די לעצטע ניט־פֿאַרברענטע יידן, זענען אויסגעגאַנגען אין יסורים, זיך נאָך געהוידעט אויף תליות, האָבן אין די „דזשאָאינט"־ביוראָס, בייכיקע פּרעזידענטן געשמייכלט צו יונגיטשקע סעקרעטאַרקעס, ביי שרייב־מאַ־שינען און גערעדט וועגן מופֿים, געגרייט בעלער, ווי מען האָט גוט געגעסן, גוט געטאַנצט און גערופֿן — „שפּענדט געלט פֿאַר די אומגליק־לעכע יידן פֿון יוראָפּ!" ווו איז געווען דער יידישער געשריי, דער

פראָטעסט? גלייכער ניט צו פרעגן. די אַמעריקאַנער יידן האָלטן דאָך פאַר נאָרמאַל דאָס אַנטלויפן פון דער אַרבעט צו די בערזעס, דאָס אַנט־לויפן פון סאָציאַליזם, פון קאָמוניזם, פון אַלע אידעאַלן, פון דער גוססדיקער וועלטלעכקייט, פון דער רעליגיע, וואָס קען מער ניט וואַרעמען. זיי קענען אפשר ניט אַנטלויפן פון דער יידישער טראַגעדיע אין אייראָפּע, וואָס גריבלט, טיף, רייסט אויס טיפע לעכער אין הערצער — ווו זענען זיי דעמאָלט געווען, וואָס האָבן זיי געטאָן צו העלפן? ווער ווייסט וווּהין וועט גיין דאָס יידישע לעבן, ווען אַלע „איזמען" זענען באַנקראָט, ווען דער איינציקער אידעאַל איז געבליבן דער דאָלער?

אין וויליאַמסבורג און אין אַנדערע קוואַרטאַלן פון ברוקלין, אויס־געמישט מיט שוואַרצע אָטעמט דאָס יידישע לעבן, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן אין פוילן און ליטע. די פרומקייט שטערט ניט די יידן צו זיין גוטע סוחרים און קרעמערס; די נעגערס און טריפּאָליטאַנער שטערן ניט צו שפּאַנען איבער די גאַסן אין לאַנגע פּאות מיט גמרה'ס אונטער די אָרעמס, צו די שולן און ישיבות, צום חב"דער אָדער בעלזער רבין, דאָרט צו מאַכן אַ כוסה, זינגען זמירות און כאַפּן אַ טענצל. דאָ לעבט נאָך די יידישע שפּראַך, אַפילו קינדער שפּילן זיך אויף יידיש. אין מיטן טומל פון דעם עולם הזה, וואָס איז דאָך בלויז אַ פרוזדור צום עולם הבא, זענען פרומע יידן פאַרפאַרעט אין זייערע „גראָסערן", „סטאָרס", כשרע יאַטקעס און כשרע רעסטאָראַנען, ווייל אויב משיח וועט קומען וועט מען אויך אָן אַ טשעק־ביכל ניט שטיין ביי דער מזרח־וואַנט, אויך די וואָס וואַרטן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע זאָרגן אַז אין טשעק־ביכל זאָלן וואַקסן די דאָלאַרן. אָבער די פרוממע ווי די ניט־פרומע האָבן מורא אַרויסצולאָזן זייערע טעכטער פון די שטובן.

אין די ניט־פרומע שטובן איז ניטאָ וואָס עס זאָל צעמענטירן די משפחה. די טאַטעס פאַרבּיזנעט, די מאַמעס אין די ביוטי־סאַלאָנען, די זיידעס און באָבעס אין די אַלטע־היימען, ווערן קראַנק די משפחות און קראַנק איז דאָס יידישע לעבן. וואָס האָט דאָ אַ שניידער פון אַ קליין יידיש שטעטל פון פוילן, וואָס האָט דערלעבט אין אַמעריקע אַז זיין זון זאָל ווערן פראָפעסאָר, צו זאָגן זיין זון, ווען ער טרעפט אים, מער ווי — האַלאָ הערי?! און וואָס האָט אַ באָבע צו זאָגן איר אייניקל, ווען

זי מיט איר מאַן האָבן אַלס „פּראָגרעסיווע" זייער גאַנץ לעבן, געפּרעדיקט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די שוואַרצע און דאָס אייניקל האָט גענומען צו ערנסט זייערע רייד און האַלט גאָר ניט פאַר קיין בושה, צו לעבן מיט אַ נעגער? אָבער פאַר די „פּראָגרעסיווע" זיידעס און באָבעס איז דאָס אַ שרעקלעכע טראַגעדיע, אַן אומגליק.

פעלן דען אומגליקן ביי יידן? ווי לאַנג איז דען, ווען די פרויען אין פּתח־תקווה זענען זי מקנא געווען, וואָס אַ מיליאָנער איז געקומען פון אַמעריקע, מיט איר חתונה געהאַט, און זי גענומען אין „גאָלדענעם־לאַנד" אַריין? אַזאַ מזל!

איצט קלאָגט זי פאַר וויעראַן:

— וואָס האָב איך דערפון וואָס ער איז רייך און האָט געלט. ער טראַכט דען מיר עפּעס אָפּצושרייבן? צי וואָסזשע דאַרף איך זיין אַן אומזיסטע דינסט ביי אַן אַלטן קראַנקן מאַן און צום סוף בלייבן ווי אויפן וואַסער. צוליב דעם האָט ער מיך אַהערגעבראַכט?

אויך אַנדערע יידן זענען געקומען פון ישראל דאָ זוכן „גאָלדענע גליקן" און באַגעגנט אַ גאַנץ־שווער לעבן. פייניקט די חרטה און מען טרייסט זיך — נאָר מאַכן אַ ביסל געלט און היידאַ צוריק! אָבער וויפל הייסט דאָס אַביסל געלט? אַ קיבוצניק געקומען דאָ נאָר אויף אַ קורצע צייט, האָט זיך פאַרליבט אין אַ ניו־יאָרקער מיידל, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט זי צו ברענגען אין זיין קיבוץ, אָבער איר מאַמע וויל זיך גאָר ניט געזעגענען מיט איר איינציקער טאָכטער, מוז דער קיבוצניק אַריין אין איר פאָטערס ביזנעס און פאַרגעסן אין קיבוץ. די יורדים פון ישראל רעדן אין אַמעריקע רק עברית, האָבן פיינט די גלות־יידן, אַנדערע באַשמוצן, אין דער פרעמד, זייער יידישע היים, אפשר צו פאַרשרייען דעם אייגענעם געוויסן?

אָבער פאַרוואָס בענקט אַזוי וויעראַ צו איר היים, צו אירע טייערע? מיט בענקשאַפט לאָזט זי זיך אַוועק צו איר ביליקן האָטעל־צימערל. טומ איבער איר קליידל און לאָזט זיך צום רעסטאָראַן עפּעס אָפּעסן. עס איז נאָך פרי, די טישלעך שיטער באַזעצט. עפּעס אַ פּאָרל, ער, זעט אויס, אַ דיפּלאָמאַט פון אַן עקזאָטיש לאַנד, זי אַן אַמעריקאַנערין, טרינקען אויס צו גלעזער וויסקי, פאַרבייסן און לאָזן זיך אַוועק אין האָטעל־צימער.

אפשר דערנאָך זיך מער ניט צו קענען? אָן אַנדער פּאַרל, בײדע אַמעריקאַ־נער, זי אַ סך ײנגער פון אים, מיט שײנע האָר פון מעש־קאָליר, עסט ניט דרײסט און פרעגט אים מיט עפּעס אַ נערװעישער שטימע און ער ענטפערט:

— פאַרװאָס מאַטערסטו מיך דאַרלינג, װאָס גײט דיך אָן מײן פרוי? כ׳האָב דען מיט איר חתונה געהאַט פאַר ליבע?

— דאָס הײסט דו האָסט זי אַפּגענאַרט?

— דאָס איז שױן דאַרלינג אַ גוזמא, צו װאָס זיך באַנוצן מיט דראַס־טישע װערטער, זאָג בעסער װאָס פאַראַ מתנה דו װילסט כ׳זאָל דיר קױפן?

— װי ברוטאַל דו ביסט! דו װילסט מיך האַלטן פאַר אַ צולאָג צו דײן פרױ?

— װאָס פאַראַ צולאָג? אַ געליבטע איז דאָך װיכטיקער װי אַ װײב און דו ביסט דאָך דער קװאַל פון מײן גליק?

— און װאָס איז פאַר דיר דײן װײב?

— אַ דערמאָן מיך ניט אין איר. דו צװינגסט מיך דיר זאָגן, אַז זי איז מיר אַ גרױסע לאַנגװײל.

— אָבער איך האָב פאַר איר מורא, עס דוכט זיך מיר אַז זי שפּיאָנירט מיך נאָך און אַט װאַקסט זי אױס נעבן מיר.

— דו דאַרפסט אין גאַנצן אין איר פאַרגעסן!

— װי קאָן איך פאַרגעסן אַז דײן גאַנצער פאַרמעגן װעט זײן אירס און װאָס װעט מיר בלײבן, פאַר מײן געטרײשאַפט צו דיר? אפשר, בלױז אַ בריליאַנטן רינגל, אַביסל זכרונות און נעמען פון האָטעלן?

צומאָרגנס שפּאַנט װיעראַ איבער די רײכסטע גאַסן פון מאַנהעטן, די לעקסטאָן און מעדיסאָן עװעניוס מיט אירע רײכע געשעפטן. אױף מעדיסאָן סקװער, אונטער די בראָנדזענע דענקמעלער פון די באַרימטע מענער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, זיצן אױף בענק די אױסגעשפּיגענע פון לעבן, אײנזאַמע זקנים פאַר װעמען די צײטונגען זענען זײערע אײנציקע פאַרבינדונגען מיט דער װעלט, פון מאָרד, פאַרראַט, פאַרברעכן, ערד־ציטערנישן, שריפות, סענסאַציעס און בלאָפן, צוזאַמען מיט אַ טרער פון רחמנות, זאַפּן זײ אײן דעם שטויב פון דער גאַס, מיט ריחות פון גאַזאָלינען, װאָס לאָזט פון זיך אַרױס טױזנטער דורכלױפנדיקע מאַשינען. זיצט אַ

זקנה, מיט סימנים, פון אַמאָל שטאָלצער שיינקייט, אויך פאַר איר איז שוין דורכגעלאָפן דאָס לעבן. געווען אפשר אַן אַרטיסטקע אַ וואָדעוויל־זינגערין, געהאַט אפשר אַ סך דערפאָלג, געליבטע, פאַרערערס, געווען געוויקלט אין זייד, גאָלד און זינד, געלאַכט, געקושט און מענער דעם קאָפ פאַרדרייט, פאַר געלט און טייערע מתנות געטיילט חסדים. געווען אפשר אַ קאָקעטקע, אַ צעפּיעשטשעט וויב, געבאָדן זיך אין פּערפומען, וואָס איז פון דעם אַלעמען געבליבן? פאַרנעפּלטע זכרונות, אַ פאַרקנייטשט פּנים. קוקן אירע מאַטע אויגן אויף דעם געלויף פון אויטאָס און טראַכט וועגן אירע אַנטלאָפענע יאָרן. דערנעבן קוקט אַ קריפּל אויף דורכגייענדיקע שיינע פרויען, ווער ווייסט וואָס ער טראַכט? דער סאָבוויי וואָרפט וויעראַן איבער פון דעם רייכן קוואַרטאַל צום האַרץ פון אָרעמקייט. עפּעס אַ סקווערל ווי אויף צעטראָטענעם גראָז וואַלגערן זיך לײדיקע פלעשער און בלעכענע פּושקעס פון קאָקאַ־קאָלאַ. אונטער אַ פּאָר אָפּגעדאַרטעביימער זיצן עלנטע זקנים מיט פּחדנישע אויגן, פרויען מיט געשוואָלענע פיס. אָפּגעריסענע לײדיקגייערס, האַלב שיכורע, איבעריקע מענטשן און איבער אַ קנייפּע שרייען אַראָפּ די גרויסע אותיות — „טרינקט ביר גלייך פון פאַס״!

וויעראַ הויבט אָן צומאַרגנס איר לאַנגן שפּאַציר פון אוניווערסיטעט־קוואַרטאַל, ביים וואַשינגטאָן סקווער. מען האָט איר אָנגעזאָגט אַז עס איז אַ סכנה פאַר אַ פרוי צו גיין אַליין איבער געוויסע געגנטן פון דער שטאָט. זי זעט אָבער ניט קיין שום סיבה זיך צו שרעקן. אויף די בענק פונעם סקווער, אַרום דעם מאָנומענט פון וואַשינגטאָנען, זיצן געמיטלעך יונגע מאַמעס מיט קינדער, אַ שוואַרץ פּנים גענעצט פון לאַנגוויל. נאָר אין דער קאַפע נעבן סקווער טרינקען פאַרדעכטיקטע טיפּן גלעזלעך וויסקי. פון דאַנען הויבט זיך אָן די באַרימטע פינפטע עוועניו. מיט אירע האָטעלן, רייכע געשעפטן, רעסטאָראַנען, דער באַרימטער ראָקפעלער צענטער. אַ גרויסע קירכע, די שטאָטישע ביבליאָטעק. וויעראַן אינטערעסירט מער די מענטשלעכע פּנימער זוי די מעכטיקע הייזער. צי זענען זיי שפּיגלען פון דער נשמה אָדער מאַסקעס צו פאַרשטעלן, וואָס דאָרט טוט זיך? פּנימער אָנגעגאָסענע מיט גוטסקייט, מיט האַרציקן שמייכל? פּנימער בייזע מיט שנאה, וואָס דערציילן פון איינזאַמקייט, פון ביטערניש פון לעבן, אַ פּנים פון אַ געמיינעם וואַגאַבונד מיט פאַרשיכורטע אויגן אָנגעגאָסענע מיט

פרעכקייט, פון אומגליקלעכע, געפאַלענע. פנימער פון פאַרליבטע, פאַר־חלומטע. דאַמעס מיט רייצנדיקע בליקן און קאָלירטע קליידער, קינדער ווי גייענדיקע בלומען פון מענטשלעכן גאָרטן, וואָס גייען צוריק, מיט פרייד, פון די שולן.

די גאַס פירט וויעראַן אַריין אין דעם יידיש וויסנשאַפטלעכן־אינסטי־טוט, אַן עלטערע, אינטערעסאַנטע פרוי שווימט אַרום צווישן די אוצרות פון יידישע ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט. וואָס זענען אַמאָל דערשינען אָדער דערשיינען נאָך איצט. זי קען אַלע נעמען פון יידישע שרייבער, געדענקט אַלע זייערע ביכער. די גאַנצע רייכקייט פון דער שפּראַך, וואָס זי האָט איינגעזויגן פון איר מאַמעס ברוסט, האָט זי געפּיעשטשעט ביז איר שוין גרויען קאָפּ. די שפּראַך אויף וועלכער מילאָנען האָבן געחלומט, געשפּייזט די פאַנטאַזיעס און מיט איר וואָרט אויף די ליפּן אומגעקומען. שטייט דער אינסטיטוט ווי אַ נר תמיד, אַן אוהל שם פון אַמאָל שפּרודלדיק און אונטערגעגאַנגען רייך לעבן אויף דער רייכער גאַס פון ניו יאָרק.

די בענקשאַפט נאָך איר איינציק טעכטערל לאָזט וויעראַן ניט גלייכ־גילטיק דורכגיין דורך אַ קונסט־גאַלעריע. עס ציט זי דאָרט אַריין אַן אויסגעשטעלט קינדיש קעפּל, אַ גלי פון קינדישע אויגן וואָס וועקט אויף אַ מאַמעשע צעפּלאַמטע בענקשאַפט. שפּאַנט זי צווישן ווענט באַהאַנ־גענע מיט קאָמפּאָזיציעס פון פרייד, צער, רחמנות, פאַנטאַזיעס און לע־גענדעס. אַ פּיקטיווע פאַרגליווערטקייט צעהאַנגענע אויף ווענט אויס־געקנאָטענע פיגורן דורך קינסטלערישע הענט און שעפּערישער פאַנ־טאַזיע. שטומע פיגורן וואָס ווילן רעדן, גיין און קענען ניט, כאָטש זיי וועלן אפשר איבערלעבן זייערע שעפּערס. דאָס קינדישע קעפּל צע־טרייסלט וויעראַס געמיט, צעפּלאַמט איר בענקשאַפט צו איר איינציק טעכטערל, צו יונהן. עס שווימט פאַר איר אויף זיין שמייכל און צעוואָרעמט איר פאַנטאַזיע. זי דערמאָנט זיך יעדעס וואָרט פון זיינע בריוו. ער איז קאַרג מיט ווערטער, מען קען אָבער מיט ווייניק ווערטער אַ סך זאָגן. זענען דען ניט מענטשן פון הויכן מאָראַל און שטאַרקע געפילן אויך שטאַרק באַשיידן? דער באַוווסטזיין אַז דאָרט וואַרט אויף איר יונה און דאָרט בענקט צו איר חדוה, מאַכט איר ווייניקער איינזאַם אין דער

פרעמדקייט, צווישן די וואָלקן־קראַצערס און רייכע געשעפטן. דאָס פילט זי אָן מיט אַ טומאַן פון געפילן, מיט שטראָמען פון ליבע, מיטן דורשט צום לעבן.

מיט אַ לייכטן גאַנג שפּאַנט זי איבער דעם יוניאָן סקווער צווישן די מאָנומענטן פון וואַשינגטאָן, לינקאָלן און גענעראַל לאַפיעט. אויף אַט דעם סקווער זענען אַמאָל פאָרגעקומען שטורמישע מיטינגען און דעמאָנ־סטראַציעס. די מוטיקע אַנאַרכיסטקע עמאַ גאָלדמאַן האָט דאָ מיט איר אָראַטאָרישער קראַפט אָנגעצונדן די הערצער פון די ניו־יאָרקער אַרבעטער. גערופן זיי צום קאַמף פאַר אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. געווען אַמאָל אַ שטאַרקע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג וואָס האָט געמאַכט ציטערן די מושלים, קיסריאים, טיראַנען און אונטערדריקער. פאַר אירע אידעאַלן זענען פשוטע מענטשן און גרויסע גייסטער געגאַנגען מוטיק צו דער תליה. אַ גייסט פון העראָיזם און מאַרטירערטום האָט באַלויכטן די גלוי־ביקע אין אַנאַרכיזם. אָבער וואָס איז אַזוינס אַנאַרכיזם? אפשר ווערן אירע הויכע אידעאַלן היינט באַוווּסטזיניק פאַרקריפּלט, באַשמוצט דורך אירע קעגנער? צי קען דען אַ ווונדערלעכע פרייהייט־וויזיע געלויבט ווערן דורך פיליסטערס און קאַריעריסטן, וועלכע פאַראומרייניקן די וויזיע פון סאָציאַליזם? צי קענען פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקאַנטן, מלחמה־העצערס און שנאה־צינדערס לויבן אַ באַוועגונג וואָס איר נעגירונג צו מאַכט, הערשאַפט, עקספּלאָאַטאַציע און אונטערדריקונג איז דער הויפּט קוואַל פון איר וויזיע. געפינט דען ניט יעדע מאַכט אַ שונא קעגן וועמען צו העצן? ליגט דען ניט אין יעדע מאַכט אַ פאַרברעכערישער שטאָף, וואָס שטויסט צו בלוט־פאַרגיסונגען און מלחמות? וויעראַ קען צו ווייניק די אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפיע, אירע געדאַנקען, נאָר זי פילט עפּעס אַ מאָדנע נייגעריקייט צו אָט דער מיסטישער באַוועגונג, וואָס איז אַזוי נאָענט צו די פּסיכאָלאָגישע אמתן וועגן מענטש, מעגלעך אַז מען קען אַ סך ביי פּרודאָן און אַלפרעד אַדלערן לערנען אַנאַרכיזם. אָבער פאַרוואָס זאָל זי ניט לערנען אויך ביי באַקונינען, קראָפּאָטקינען און אַנדערע? אפשר וועט זי ביי זיי געפינען אַן ענטפער, וואָס מאַטערט, וועגן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן? איז איר דען ניט נאָענט דער דראַנג צו מענטשלעכער פרייהייט, צו דער עמאַנציפּאַציע פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט,

וואָס סיי דער אַנאַרכיזם און סיי די פּסיכאָלאָגיע וויל דערגרייכן? דערווייל איז פון דער פרייהייט געבליבן בלויז די איינזאַמע שטיינערנע פיגור אויפן אינדזל, ווי אַ יונג־פרוי האַלט דעם פאַקל פון פרייהייט אין האַנט. זי טראָגט דעם פאַקל איבערן ים פון פאַרברעכנס. אַ שטיינערנע פיגור פון דער פאַרשטיינערטער פרייהייט און אַ פאַקל אָן פייער. ווו זענען די לעבעדיקע מענטשן וואָס זאָלן טראָגן אָנגעצונדענע פאַקלען פון פרייהייט?

וואַנדערט וויעראַ איבער דער פרעמדער וועלט, פרעמדע גאַסן; איבער דער פינפטער, צווייטער און זעקסטער עוועניו, איבער איסט־בראָדוויי, איבער דער קאָלאָמבוס עוועניו, אומעטום זוכט זי דעם מענטש. אָט לייכט אויף אַן אינטערעסאַנט מיידליש פּנים. ווי אַזוי לעבט זי, וואָס טראַכט זי? און זיי די אַלע מידע, אַנטוישטע פּנימער; די מענטשן מיט ליבע, פרייד, שרעק און טרויער? ווער וועט דאָס לעבן באַלייכטן מיט פרייד און פאַרטרייבן די שרעק פון דער מענטשלעכער נשמה? אַ מידע זעצט זיך וויעראַ אויף אַ באַנק, אַ דאַמע נעבן איר פרעגט איר עפּעס אין אַ שלעכטן ענגליש און באַלד צערעדן זיךביידע אין אַ היימיש געשמאַקן פּויליש. עס געדויערט גאָר ניט לאַנג און וויעראַ ווייסט שוין אפשר צופיל וועגן אָט דער פרוי, וואָס האָט, זעט אויס ניט פיינט צו רעדן. זי איז אַ טוריסטקע פון „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" פּוילן און לעבט אין דער אַמאָל דייטשישער שטאָט צאָפּאָט ביים באַלטישן ים. איר מאַן איז אַ וויכטיקער פּאַרטיי־מאַן און זי אַרבעט אַלס אָנגעשטעלטע אויף דער פּאָסט. פון אירע פאַרדינסטן דערלויבט זי זיך איר אורלויב צו פאַרברענגען אין אויסלאַנד. געווען שוין אין קאָמוניסטישן בולגאַריע און אין „פּראָגרעסיוון" מצרים, ווו זי האָט געזען די פּיראַמידן, די ספינקסן און די פאַרדעקטע פּנימער פון די מצרישע פרויען. איר טעכטערל לאָזט זי איבער ביי איר בעסטער שכנטע. מען זאָגט סיווי אַז איר טעכטערל איז אין גאַנצן ענלעך צו דער שכנטעס מאַן. איצט וואַרט זי אויף אַ ייִדישן מאַן פון קראָקע, מיט וועמען זי האָט זיך ניט לאַנג צוריק באַקענט. ער רעדט אַ גוטן פּויליש. פאַרשטענדלעך אַז פאַר איר קוזינקע וועט זי זאָגן אַז זי איז אַוועק אין קלויסטער, זי וועט דאָך ניט דערציילן דער פאַנאַטישער קאַטאָליקין, אַז זי איז מיט אַ פרעמדן ייד אַוועק אין אַ האָטעל.

וויערא וויל גאָר ניט שטילן איר נייגער און לאָזט זי איבער כדי אין דער נאָענטסטער קאַפע אויסטרינקען אַ גלאָז קאַפע, פאַרביסן מיט אַ סענדוויטש, צו שטילן איר הונגער. שוין דורכגעשפּאַנט אַזוי פיל גאַסן, זיך אָנגעהערט מיט אַ סך געשיכטעס. צי קען זי שוין גוט דאָס רעטעניש — אַמעריקע? די מעכטיקע אימפּעריע פון ווילדן געיעג פון בוי און צעשטערונג, פון רייכטום און עלנט. פון ליכט און נעפּל, פון מיסטישע חלומות און אכזריותדיקע פאַרברעכנס, פון מיליאָנען איינזאַמקייטן וואָס ווערן דערטרונקען אין דער מעכטיקער מענטשן־מאַסע? שוין דורכגעשפּאַנט די יידישע, כינעזישע און שוואַרצע קוואַר־טאַלן, שטייט זי ביים אַריינגאַנג צו סענטראַ־פּאַרק, נעבן דער שטיי־נערנער פיגור פון דער מצרישער קעניגין קלעאָפּאַטראַ, פאַר וועמענס שיינקייט און חכמה עס האָבן געבוקט זיך רוימישע צאַרן. דער גאָלדענער טאָג טראָגט איר אַנטקעגן אַ לירישע שיכרות, אַ ליבלעכער שמייכל און אַ פאַרבענקטער וואָרקען פון טויבן. ווי גוט וואָלט דאָ געווען צו שפּאַצירן מיט יונהן צווישן די פאַרליבטע פאָרלעך, ווי חדוה וואָלט זיך געפרייט מיט די טויבן, וועלכע קריכן אַזוי דרייסט אויף מענטשלעכע נעז און שטערנס, און זי וואָלט דאָ געגאַשט אייז־קרעם. טיפער אין פּאַרק הערט זיך דאָס ברומען פון אַ לייב אין זיין אייזערנער שטייג. ער לויפט הין און צוריק און אַלע אַנדערע חיות ברומען אויס זייער בענקשאַפט צו דער דזשונגל־פרייהייט און שנאה צום מענטש וואָס באַרויבט זייער פרייהייט און האַלט זיי פאַרשפּאַרט. נאָר די מאַלפּעס שפּרינגען און שטיפן, מאַכן גרימאַסן ווי זיי וואָלטן געחוזקט פון מענטש, און זאָגן: „קוק מיך גוט אָן, איך בין דיין שפּיגל".

אָבער ניט פון חיות דראָט אַ סכנה נאָר פונעם מיט־מענטש, צו וועלכן מען טאָר ניט האָבן קיין צוטרוי. צעלייגט זיך נאָר די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט, נאָכן הייסן טאָג, ווען עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק אַריינזאַפּן די פאַרנאַכטיקע קילקייט. מוז מען אין בהלה פאַרלאָזן דעם פּאַרק, איבער־לאָזן די גרינע געמיטלעכקייט, די פריינטלעכע טויבן, עס נעמט אַ סוף צום קינדישן געלעכטער, צום שושקען זיך פון פאַרליבטע פאָרלעך. צום שמייכל פון גוטמוטיקע זקנים; פאַראומערט בלייבן די ביימער, די ווייסע שוואַנען אין דער קלאָרער אָזיערע, די שיינע סטאַטועס פון

די גריכישע געטינס, די חיות אין די שטייגן. פאַרשטומט בלייבט דער גרויסער נאַטור־ווינקל אין מיטן רוישיקן ניו־יאָרק, פאַרציטערט פאַרן כוליגאַנישן מעסער.

פון גרויסן אויסגעליידיקטן פאַרק איז בלויז אין איין ווינקל פאַרזאַמלט מענטשן, אין אַ לאַנגער רייע נאָך בילעטן, ביים פאַרק־טעאַטער, צום שעקספּיר פעסטיוואַל. ווי זאָל וויעראַ ניט זען שעקספּירס „יוליוס צעזאַר" ? שעקספּיר איז דאָך דער גרויסער מענטשנקענער און זיינע דראַמעס ווערן קיינמאָל ניט אַלט, ווייל אייביק זענען זיינע טעמעס פון ליבע, קינאה, גאווה, און ווי לאַנג פעלקער וועלן זיך האַסן, פאַרלעך וועלן זיך ליבן, פּאָליטיקער אינטריגירן און מושלים וועלן פאַר זייער מאַכט און כבוד טרייבן פעלקער צו בלוטיקע מלחמות, וועלן שעקספּירס דראַמעס מסתמא בלייבן לעבעדיק און פריש. דער גרויסער פּסיכאָלאָג שעקספּיר האָט גוט געקענט דעם גרויסקייט שגעון פון די „גרויסע" מענטשן און דעם „אמת" פון זייערע רייד. אין זיין דראַמע „יוליוס צעזאַר" רייסט ער אַרונטער די מאַסקע פון די הערשער, פון דער פּאָליטיק און פּאָליטיקער. זיינע טיפן זענען אוניווערסאַלע. פון אַלע צייטן, ביי אַלע פעלקער גייט דאָך אַן דער געראַנגל פאַר מאַכט און הערשאַפט פון איינציקע מענטשן איבער גאַנצע פעלקער. אומעטום גייט דאָך אַן די אומגעזעטיקטע תאווה נאָך מאַכט. דער אייביקער קאַמף צווישן ליכט און פינצטערניש, גוטס און שלעכטס, איידלקייט און ברוטאַלקייט. שעקספּיר לערנט צו צווייפלען אין דער „גרויסקייט" פון די „גרויסע", אָבער ניט אין דער מענטשלעכער גוטסקייט, ערנטלעכקייט און געטריישאַפט. ער דעקט פאַר אונדז אויף דעם גאַנצן מעכאַניזם פון אינטריגעס פון די פּאָליטיקער. מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט שוין שעקספּיר געוווּסט אַז הינטער „היסטאָרישע" נעמען, אָדער באַרימטע מלחמה־העלדן, באַהאַלטן זיך אָפט גאַנץ נישטיקע ברואים. ניט זעלטן איז אַ „באַרימטע פּערזענלעכקייט" ניט מער ווי אַ פּשוטער טיפּש אָדער אַ לעכערלעכער קאָמעדיאַנט. הונטער די קוליסן פון „היסטאָרישע" געשעענישן גייען אָן פּערזענלעכע אַמביציעס, פאַר עגאָאיסטישע צילן. די דראַאָבערער פון דער מאַכט זענען אָפט געניאַלע שווינדלערס און שאַרלאַטאַנען.

שעקספּיר ווייזט ווי אונטערן פּאַטריאָטיזם, פעגער, הימנען און מלו־

כהשע סימבאָלן באַהאַלט זיך דער צביעותדיקער פּאַראַד פון דעמאַגאָגיע און קליקע־אינטערעסן, וואָס טראָגט זיך פון דער בערזע ביז צו די העכסטע פּאָליטישע כוחות פון דער מדינה. די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון די „אַקטיאָרן" אויף די פּאָליטישע בינעס, שפּילט אַ ניט־קליינע ראָלע אין דער דאָזיקער שפּיל. אָט וואָס שעקספּיר זאָגט אונדז, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע הערשערס:

— ער דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל / קערט ער זיך אום מיטן רוקן / פאַרייסט די נאָז ביזן הימל / און שפּאַנט איבער די טרעפּ וואָס האָבן אים דערהויבן.

אויף אַ צווייטן אָרט זאָגט ער:

— פאַרוואָס זאָל צעזאַר ניט זיין קיין טיראַן / עלנטער, ער וואָלט קיין וואָלף ניט געווען / ווען די רוימער וואָלטן ניט געווען קיין שאָף / קיין לייב, ווען זיי וואָלטן ניט געווען קיין לעמער /.

אפשר וואָלט היטלער ניט געווען קיין „פירער" ווען די דייטשן וואָלטן ניט געווען קיין אָקסן? טראַכט וויערא, „גרויס" זענען נאָר יענע וואָס זענען אַרומגערינגלט מיט קאַרליקעס.

ניט בלויז אויף דער סצענע, אונטערן ליכט פון פּראָזשעקטאָרן, נאָר אויך אין טונקעלנעם זאַל, אויף די פּנימער פון פּובליקום שפּילן זיך אָפּ דראַמאַטישע אויסדרוקן, מיט אָנגעשטרענגטע בליקן צו דער בינע, וואָס כאַפּן אויף די ווערטער פון די אַרטיסטן, ווי דער טעאַטער וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט די הונטערקוליסן פונעם לעבן.

צומאָרגנס אין אָוונט געפינט זיך וויערא אין זעלבן סענטראַ־פּאַרק אויף אַ קאָנצערט אונטערן פרייען הימל. די שטילקייט פונעם פּאַרק, די שטערן אין הימל, דער כישוף פון דער נאַכט גיסן זיך צענויף מיט די ווונדערלעכע טענער, וואָס גיסן זיך אַרויס פון די פאַרשידנסטע אינ־סטרומענטן וואָס באַגלייטן אַ פרויען סאָפּראַן, וואָס זינגט אויס, באַקאַנטע אָפּערע־אַריעס. מיט דער פלינקייט פון בויגעוודיקע פינגער כישופט עפּעס אַ פרוי אויס, אויף די ווייסע קלאַווישן פון אַ פּיאַנאָ די איידלסטע שטימונגען פון פרייד און פון אומעט, ענטוזיאַזם און מעלאַנכאָליע, וואָס גיסן זיך גלייך אין דער נשמה אַריין.

נאָך אַ קורצן איבערייס צעגיסט דער אָרקעסטער, מיט צעברויזטע

אַקאָרדן פון בעטהאָווענס פינפטער סימפאָניע, וואָס פירט אַריין אין קודש קדשים פון דער מענטשלעכער נשמה, מיט אַ טיטאַנישער שטרעבונג צו פרייהייט, מיט ווײ־געשרייען פון געפּייניקטן מענטש און זיין פּחד פאַר סאָציאַלע קאַטאַקליזמען. עס צעגיסן זיך שטורמישע טענער, דערנאָך ליידנשאַפטלעכע מאָטיוון פון צערטלעכע ליבע־מעלאָדיעס. אָט צעשרייט זיך דער אָרקעסטער מיט פּראָטעסט קעגן רשעות און באַלד גיסט זיך, ווי ווײַן, טענער פון ראָמאַנטיש, נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך ליבע און גליק.

טיפער אין פּאַרק, אויף אַ צווייטער עסטראַדע, טראָגן זיך, ווי אַ שיכורע וואַקכאַנאַליע, דזשאַז־טענער מיט פּרימיטיווע נעגערישע געזאַנגען, באַגלייט מיטן ריטשען פון טרעמבאַל, מיט געוויין פון קלאַרנעט און סאַקסאָפאָן, מיט דזשין, דזשין פון פּויקן, מיט אַ געוויי און אַ ציינער־קריצעריי, מיט געפּילדער און קלאַנגען־מהומה, מיט אַ שאַלן פון פאַרשייטע, אויסגעלאַסענע גיהנום־קלאַנגען, מיט אַ ריטשען, ווי פון אַ צערייצטן, געפּאַנגענעם לייב, מיט צעגליטער תאווה און ברוטאַלן באַגער נאָך דער לייביכע, דאָס איז דער געשריי פון אַ באַליידיקטער ראַסע, וואָס גליט נאָך נקמה פאַר אַ פּירהונדערט־יעריקער שקלאַפעריי. אונטער די צעווילדעטע טענער טאַנצט אַ שוואַרץ־ווייסער עולם, מיט ווילדן טעמפּאָ, מיט רעש און אויסגעשרייען, שוואַרצע שיך־פוצערס מיט ווייסע פּראָסטיטוטקעס, טאַנצן אויס זייער דורשט נאָך עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט דערגרייכן, פון ניט געזעטיקטע נשמות וואָס הערשן אין דער נאַכט איבער די פּוסטע גאַסן פון ניו־יאָרק, וואַרפן אָן זייער פּחד, פאַרטרייבן דאָס לעבן אונטער שלעסער, פּענטען די מענטשלעכע פרייהייט פון באַוועגן, זייענדיק אַליין פאַרשקלאַפט צו די אייגענע טונקעלע יצרים.

אויך די בעסערע יוגנט בונטעוועט זיך ווער ווייסט קעגן וואָס, קעגן וועמען? אָנגעהויבן זייער בונט קעגן קאָנסערוואַטיזם, פּורעניזם, קעגן דער משפּחה, פּאַטערלאַנד, קעגן קאַריערע און ראַסן־דיסקרימינאַציע, אַ בונט וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם טאַנץ, אין דער קליידונג. מיידלעך פון גוטע היימען האָבן זיך אָנגעטאָן וואָס פּשוטער, געקייעט מאַסטיק, געטאַנצט ראָקן־ראָל און זיך פריי איבערגעגעבן צו בחורים. די בחורים האָבן געשמירט די האָר מיט שמן, געטראָגן דזשינן־הויזן און

געריטן אויף מאָטאָציקלען מיט איבערגעטריבענער גיכקייט. צום סוף שלום געמאַכט מיט די עלטערן, געזוכט אַ גוטן פּאָסטן, און חתונה צו האָבן דווקא מיט אַ בתולה פון אַ רייכער היים און צו מאַכן אַ קאַריערע. דאָס איז געווען דער סוף פון בונט און זיג פון דעם „אַמעריקאַנער חלום״...

אָבער אין דער קונסט האָט דער בונט זיך ניט גיך געענדיקט. אָט באַמערקט וויעראַ, אין דעם ניו־יאָרקער מוזעאום פאַר היינטצייטיקער קונסט, אַ סורעאַליסטיש בילד וואָס וועקט אין איר מאָדנע געדאַנקען. דאָס איז אַ בילד פון סאַלוואַדאָר דאַלי מיטן נאָמען „עקשנות פון צייט״, ווי איבער אַ גרויסן פוסטן שטח, ווי אַ סימבאָל פון דער אויסגעשטאָרבענער ערד, זעט מען אונטערן האַריזאָנט צווישן הימל, ים און סקאַלעס אַ ביין פון עפּעס אַ מיטאָלאָגישער חיה, אַרום איז אויסגעשטעלט מאָדנע אָפּגע־ריבענע קעשענע־זייגערס, וועמענס ציפער־בלאַט, מיט אָפּגעריבענע ציפערן פון די שעהן, ווייזן, די שטייענדיקע ווייזערס, אויף פאַרשידענע אַנדערע שעהן, פון דער אָפּגעשטאָרבענער צייט. די זייגערס דערמאָנען פון אַ לעבן וואָס איז אַמאָל געווען אויף דער ערד, וואָס איז אָפּגעווישט גע־וואָרן צוזאַמען מיט דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. צי איז אָט דער פוסטער טויט טאַקע די אמתע וויזיע פון היינטיקן מענטש וואָס שפּרייזט מיט זיינע זיכערע טריט, מיט זיין „געניאַלן שכל״ גלייך צום אָפּגרונט? אויך פּיקאַסאָס „גורניקאַ״ שטעלט פאַר דעם זיג פון דער דעסטרוקציע איבער דער פרייהייט.

וואָס איז געשען? האָט דאָך די קונסט און די גרויסע קינסטלער פון רענעסאַנס געשפּראָצט מיט אַ געוואַלטיקן אָפּטימיזם, צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע קינסטלער פון אימפּרעסיאָניזם אויסגעפונען אַז דער מענטש איז הערלעך, אין געשטאַלט פון גאָט. האָט דען ניט אַן אַמערי־קאַנער קוואַקער, מיט דער הילף פון אַ לאַטאָוויעץ, צוגעגנבעט ביי גאָט דעם דונער? האָבן דאָך טייל קינסטלער געזען אין מענטש אַ פּאַטעטישע נשמה, אַנדערע אַ דיאַלעקטישע. צי האָט דאָס אוישוויץ צעקאַלעטשעט די מענטשלעכע נשמה וואָס קען מער ניט אויסשרייען ווי גאָרקי — „מענטש דאָס קלינגט שטאָלץ״?!

ווי קען וויעראַ לעבן אונטערן איינדרוק פון אונטערגאַנג — וויזיעס ווען איר גריזשעט די בענקשאַפט נאָך איר געליבטן, נאָך איר איינציק

קינד, איר זיס טעכטערל, וואָס דאַרף דאָך איצט אַריינשפּאַנען אין לעבן? טאָקע צוליב איר טעכטערל מוז וויערא מאַכן אַ רייזע קיין וואַשינגטאָן. זי מוז דאָך ברענגען אריהן, איר געוועזענעם מאַן, אַ גרוס פון זיין טעכטערל, זי קען דאָך ניט אָפּזאָגן זיך פון אַט דער פליכט. עס איז דאָך אויך זיין טעכטערל. אויב ער קען זי ניט זען נעבן זיך, זאָל ער כאָטש זען איר אויף פּאָטאָס, וואָס וויערא האָט געברענגט מיט זיך. איז דען מאָראַליש אין גאַנצן פון אים צורויבן זיין טעכטערל?

די טרעפונג איז גאָר ניט קיין דראַמאַטישע. ביידע זענען ווייט פון זיך מיט זייער כאַראַקטער, שטרעבונגען, לעבנס־סטיל. אריה האָט דאָ דערגרייכט זיין ציל, איז רייך געוואָרן, פאַרמאָגט אַן אייגענע פאַבריק פון עלעקטרישע אויסאַרבעטונגען און בענקט גאָר ניט קיין ישראל, כאָטש ער בענקט צו זיין טעכטערל און קויפט פאַר חדוהן ווערטפולע מתנות. וויערא לאָזט אים איבער אַ סך פאָטאָגראַפיעס פון זיין טעכטערל און ביידע געזעגענען זיך ווי צוויי פרעמדע. וויערא באַשליסט אָבער אויסצונוצן די געלעגנהייט און בלייבן אויף אַ פּאָר טעג אין דער הויפּט־שטאָט פון אַמעריקע. ווער פון איר ניו־יאָרקער משפחה האָט איר מיטגעגעבן אַן אַדרעס אין וואַשינגטאָן, ווו זי קען אַ פּאָר נעכט איבערנעכטיקן.

שפּרייזט וויערא איבער די ברייטע לופטיקע גאַסן, ווו עס געפינט זיך דאָס ווייסע הויז, דער סענאַט, די אַמבאַסאַדעס פון צענדליקע מדינות, ווו עס שפּינען זיך אַלע וועלט־אינטריגעס, מלוכה־איבערקערעניש, ווו דער שפּיאָנאַזש־דינסט פאַרשפּרייט אירע לאַפּעס אין אַלע טיילן פון דער וועלט און פאַרקאָכט אַלע „קאַשעס" פון דער וועלט־פּאָליטיק. ווי אויף דיפּלאָמאַטישע באַנקעטן, צווישן שווילטאַג און לוקסוס, ווערט געוויגן דער גורל פון פעלקער, דער גורל פון מלחמה און שלום. דיפּלאָמאַטן זענען זיך מכבד מיט טייערע ציגאַרעטן, מיט פאַלשע קאָמפּלימענטן. רעדן וועגן קולטור־שותפות און געוועד־ליפערונג. אין אַ שפּראַך פון טויב־שטומע, מיט ניט־דערזאָגטע ווערטער פון געשפּאַנטע צינגער, מיטן שמייכל פון האַלב־פאַרמאַכטע מיילער. אפשר גרייט מען דאָ ווי אין אַנדערע הויפּט־שטעט די וויזיע פון שטייענדיקע זייגערס פון אָפּגע־שטעלטן לעבן אויף דער ערד?

אָבער דערווייל באַזאָרגן די רייכע געשעפטן מיט כל־טוב, מיטן

גרעסטן לוקסוס די מיט שוואַרצע פּנימער געאַרעמטע מיט ווייסע לײדיס, די מאַטראָזן און אָפיצירן. דערווייל הערשט דאָך שלום אויף דער וועלט. די דיפּלאָמאַטן אָבער שלאָפן ניט. שטענדיק געפינט זיך אַן אָרט אויפן גלאָבוס ווו עס גיסט זיך בלוט און עס קלאַפּן די האַרמאַטן. איז קיינמאָל ניט לאַנגווייליק אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט. עס גייען אָן קאָנפערענצן, מען שליסט און מען ברעכט אָפּמאַכן. עס זענען אויך ניט אַרבעטסלאָז די פאַרברעכער ניט די זשורנאַליסטן, וואָס טראָגן צו יעדן טאָג די נייעסן פון מאָרד און רויב אין וועלכן עס באָדט זיך די שטאָט פון שווילטאָג. האָבן דאָך די זעלבע צייטונגען געשוויגן ווען מען האָט אין אוישוויץ פאַרגאַזט און דערשטיקט יונגע לעבנס, און די דיפּלאָמאַטן האָבן געטאַנצט אונטער די קלאַנגען פון לײדנשאַפטלעכע טאַנגאָס. האַלב באַטרונקענע, מיט זייערע ווייבער, מיט ספּעציאַליסטקעס פון געלעכטער און גרינגן געמיט, וואָס זענען אַלעמאָל פאַרבעטן געוואָרן פון אַן אַנדערן צום טאַנץ, איז דען דיפּלאָמאַטן אָנגעגאַנגען וואָס ס׳קומט פאָר אין אוישוויץ ווו מען פאַרגאַזט לעבעדיקע מענטשן?

איצט איז דאָך וויערא ניט אין אוישוויץ נאָר אין וואַשינגטאָן, טרייבט איר די נייגעריקייט צו באַזוכן אַ פּאָר רייכע האָטעלן באַזעצט מיט אַמעריקאַנער און אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. וויעראַ איז גענוג שיין עלעגאַנט געקליידעט, רופט זי דעריבער ניט אַרויס קיין אויפמערקזאַמקייט. קען זי זיך צו אַלץ צוקוקן און הערן די רייד פון דיפּלאָמאַטישע פרויען אין דעם גרויסן האָטעל־זאַל. זיי באַגריסן זיך מיט אַ טיפן נייגן, העפלעכן שמייכל, מיט אַ העפלעכן קאָמפּלימענט. זיי רעדן וועגן מאָדעס, בילדער־אויסשטעלונגען און מוזיק־פעסטיוואַלן. יעדער מאָן אין אַ מונדיר, יערער וויכטיקער פּערזאָן, יעדער באַקאַנטער נאָמען, יעדער נייער שטערן אויפן דיפּלאָמאַטישן הימל איז זיי באַקאַנט און וועגן יעדן האָבן זיי עפּעס צו זאָגן. קומט אַריין אַ פרוי זאָגט שוין איינע צו דער צווייטער:

— אָט די לײדי האָט אירע דערפאָלגן ביי מענער נאָר צוליב איר הויכן ביוסט, מעגלעך אַז זי האָט עפּעס אַ סוד מיט דעם דיפּלאָמאַט צו וועמען זי שמייכלט?

— דער מוז אָבער זיין זייער פאַרזיכטיק, ווייל ער האָט געהאַט אַ ניט־אָנגענעמען דורכפאַל, ער האָט זעט אויס אַ שוואַכן באַגריף וועגן

פרויען. פונדעסטוועגן וואָלט איך גערן מיט אים זיך באַקענט.

— אָ איך קען אים, ער איז פריער געווען אַ גענעראַל, אַ קלאַסישער טיפּ פון אַן אָפיציר אָבער צו פרויען ניט אַנגרייפעריש.

— כ'מיין אַז צו שיינע פרויען איז ער גאָר ניט גלייכגילטיק. כ'בין נייגעריק צי האָט ער ניט ווען אין דער זייט, זיין פרוי איז דאָך גאָר ניט קיין אינטערעסאַנטע אין איר ליליאַ־קלייד איז זי גאָר אָן טעם.

— ווייל, מיין מיסיס, נאָר די סעקרעטאַרקעס קענען זיך היינט דערלויבן עלעגאַנט אָנצוטאָן, ווייל זיי דערלויבן זיך אויך לייכט אויס־צוטאָן פאַר זייערע באָסן, זיי זענען אַלע חוצפּהדיק, קאָקעטיש און צו אינטים מיט זייערע באָסן.

אַן עלעגאַנטע דאַמע רייסט איבער זייער שמועס און פרעגט:

— האָט איר ניט געלייענט אין דער צייטונג וועגן אַ סעקרעטאַרקע, וואָס האָט אָנגעקלאָגט אַ רייכן באַנקיר און געפאָדערט פון אים אַ גרויסע סומע אַנטשעדיקונג פאַר ברעכן זיין צוזאָג אָפּצוגטן זיין פרוי און מיט איר חתונה צו האָבן? פון בײדע צדדים זענען אַרויסגעטראָטן די בעסטע אַדוואָקאַטן און עדות, איינער וואָס האָט אַליין געזען די סעקרעטאַרקע, אין אַ האָטעל־צימער, אָנגעטאָן בלויז אין די שטעק־שיך אין דער געזעלשאַפט פונעם באַנקיר.

אַנדערע פרויען דערציילן פון עראָטישע סענסאַציעס, וואָס אין די צייטונגען איז פאַרווערט צו שרייבן אָבער אויף ווייבערישע מיילער איז דאָך ניטאָ קיין צענזור. אָט דערציילט איינע, וועגן אַ באַקאַנטן דיפּלאָמאַט:

— נאָך לאַנגווייליקע אונטערהאַנדלונגען וועגן הלוואות, אינוועסטיציעס, וועגן הילף פאַר הונגעריקע אין אינדיע, וועגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, מוז ער דאָך אָנטשפּאַנען זיינע נערוון, ער וועט דאָך ניט זוכן קיין פאַר־געניגן ביי זיין אייגן ווייב. אָבער מיט דער אַנדערער מוז ער זיך באַנוצן מיט דער קונסט פון דיפּלאָמאַטיע, זיינע באַגערן און אירע קאַפּריזן האָבן אים געקאָסט אַ ברילאַנטן רינגל, אָדער אַ טייערן פוטער, פרויען זענען דאָך שטענדיק גיריק נאָך ווערטפולע מתנות. ביי אַ געשעפט פון ביזשוטעריע צינדט זיך הייסער דאָס פרויען־בלוט ווי אין בעט. האָט זי אפשר ריכטיק געטענהט: „ווי פּאַסט דאָס פאַר אַזאַ וויכטיקן דיפּלאָמאַט, אַז זיין געליבטע זאָל ניט טראָגן קיין ברילאַנט אויפן פינגער, צי וואָס

זאָלן מענטשן דיך באַרעדן אַז ביסט אַ קאַרגער פאַר אַן אייגענע געליבטע?״ אַוודאי וואָלט ער געקענט זי פאַרטווישן אויף אַן אַנדערע, מיט מער שכל, מיט מער איינפלוס. אָבער אויך אַנדערע זענען דען פילאַנטראָפּקעס? זי אָבער קומט גוט אַדורך מיט זיין פרוי, זי דאַרף פון איר גאָר ניט קיין דערלויבעניש.

אייגנטלעך צו וואָס דאַרף וויערא זיך צוהערן וואָס עס פּלאַפּלען און פּלוישן ווייבער?

די מענער דיפּלאָמאַטן מוזן אַפילו אין דער פראַגע פון פרויען זיין זייער דיסקרעט. זיי רעדן וועגן דער דיפּלאָמאַטיע, היטן ניט בלויז מילי־טערישע, נאָר אויך אינטימע סודות. זייערע טעמעס זענען גאָר אַנדערע, זאָגט איין דיפּלאָמאַט צום צווייטן:

— די באַדינגונגען אויף דער וועלט פאַרבעסערן זיך כסדר. אַט קום איך פון אייראָפּע, כאָטש עס הערשן דאָרט נאָך די באַנאַלע פּאָליציאַישע רעזשימען געפעלט מיר אָבער דער אייראָפּעאישער טאַקט און אָרדענונג און זייער רעספּעקט צו אַריסטאָקראַטישע מאַניערן.

— די קונסט פון דער דיפּלאָמאַטיע ליגט אין טאַקט און עלאַסטישקייט. מען מעג נאָכגעבן דעם צווייטן צד אָבער אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן אין די אייגענע אינטערעסן. ביי אונטערהאַנדלונגען מוז מען גענוי קענען די אַמביציעס פון די וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון די מדינות.

— די פליכט פון דער דיפּלאָמאַטיע איז דינען דער מדינה, כאָטש צווישן איר און די אונטערטאַנען ליגט אַ גרויסער תהום. מעגן די הערשער איבער פעלקער כסדר רעדן וועגן דעמאָקראַטיע ווייסן זיי אָבער גוט אַז דאָס נוצלעכסטע מיטל פון הערשאַפט איז די בייטש. אין יעדן רעזשים הערשן די שטאַרקע איבער די שוואַכע. קיין שום מאַכט קען זיך ניט דערלויבן אָפּצושאַפן די אומגלייכקייט, דאָס איז ניט מער ווי אַ פּוסטע פראַזע. ווייל דערמיט וואָלט זי דאָך באַדאַרפט אָפּשאַפן זיך אַליין.

ביי אַן אַנדער טיש פירן צווישן זיך צוויי מענער אַ הויכן שמועס און דער ״ונגערער זאָגט מיט נערוועזן קול:

— צוליב דעם האָב איך געענדיקט דעם אוניווערסיטעט נאָכצופּלאָפּלען, אין דעם פאַרשאָלטענעם וואַשינגטאָן, ווי אַ פּאַפּוגע אַלע פריש־געבאַקענע ליגנס פון די דיפּלאָמאַטישע קוכן און דינען די אינטערעסן פון אַנגע־

פרעסענע בהמות? אפשר ווילסטו אויך איך זאָל אויך חתונה האָבן מיט עפּעס אַ נאַרישער טאָכטער פון אַ רייכן מנוול, וואָס זאָל מיר געבוירן פאַרטעמפּטע קינדער און צום סוף, אַז כ׳וועל אַלט ווערן, זיך קענען באַרימען, אַז כ׳האָב געדינט און געחנפנט אַ ביסל מיזאַנטראָפּישע מלוכה־לייט און ניט געוווּסט צו וואָס כ׳האָב געלעבט? פּאָליטיק איז נאָר צום געלעכטער, ניטאָ אין דעם קיין ערנסטקייט נאָר בלויז שווינדל. איך וועל זיך זוכן אַ מער סאָלידע באַשעפטיקונג ווי דיפּלאָמאַטיע.

— מיינסטו טאַקע ערנסט זיך אָפּצוזאָגן פון יעדער האָפענונג אויף אַ לייטישע קאַריערע?

— לייטישע קאַריערע? דאָס מיינט דאָך זיין אונטערטעניק צו די קאַרפּן־קעפּ פון פאַרסמטע מוחות. דינען די סאַטראַפּן פון דער קאָמערציע און פּאָליטיק, וועלכע קויפט און פאַרקויפט גאַנצע פעלקער. באַצווינגט און וואַרפט אָן אַ פּאָליטיק און עקאָנאָמיע פון גרעסטן אומזין. פּאָליטיק, פאַרברעכן און זנות דאָס איז דאָך די „הייליקע דרייאייניקייט״ פון אייער פאַרדאָרבענער קולטור. די פּאָליטיק פון וואַשינגטאָן, מאָסקווע און אַנדערע הויפּט־שטעט איז די הערשאַפט פון חוצפה, ליגנס און פּלאָפּלערײַ. אַ גרויס פאַרבלענדעניש, וואָס פאַרשפּרייט אַ סך פּחד און ווייניק האָפענונג. לאָמיר בעסער עפּעס אויסטרינקען, צי איז נאָך אין פלעשל עפּעס געבליבן? לאָמיר פאַרגעסן אין דער פינצטערער שפּיל פון דער דיפּלאָמאַטיע!

ביי די פרויען פירן זיך נאָך אַלץ די שמועסן אויף די זעלבע טעמעס און איינע זאָגט צו אַ צווייטער:

— איך מוז דאָך ניט יעדן מאָן ליב האָבן, ווער טראַכט וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן? איך בין גענוג געטריי מיין מאַן און זע גאָר ניט קיין שלעכטס אויב אַ צווייטער קויפט מיר מתנות.

— אַ צווייטער קויפט דאָך ניט אומזיסט, דאָס הייסט דו פאַרקויפסט זיך?

— רוף דאָס אָן ווי דו ווילסט, יעדע פרוי האָט רעכט אויף אירע סודות. פאַרוואָס קומט מיר ניט קיין מתנות און פאַרגעניגנס?

— מיינסטו אַז אַ פרוי וואָס האָט נאָר איין קליענט וואָס צאָלט מיט מתנות איז דען ניט קיין פּראָסטיטוטקע?

— איך מוז דיר זאָגן אויפריכטיק, אַז איך האָב ליב ווען מען באַלוינט מיר. דאָס הייסט אַז איך בין דאָס ווערט, פאַרוואָס זאָלן מענער האָבן אומזיסט פאַרגעניגן?

— מיך וואָלט געעקלט זיך צו לייגן מיט אַ פרעמדן מאַן, וואָס באַצאָלט מיר אַפילו מיט גאָלד.

— ווייל דו פאַרשטייסט ניט ווי נוצלעך עס איז פאַר אַ פרוי צו האָבן נעבן איר מאַן אַ געליבטן. דאָס גיט פאַרגעניגן און מיין מאַן שטערט דאָס ניט. אויב דאָס מאַכט אים אייפערזיכטיק וועט ער דאָך מיך מער ליב האָבן.

די שאַרפע ריחות פון די געטראַנקען, די שאַרפע עלעקטרישע ליכט און אפשר די ווולגאַרע רייד, פאַרשיכורן און פאַרוויגן אין אַ לייכטן דרימל און דוכט זיך ווער שושקעט וויעראַן אין אויער:

— וואָס פאַראַ קאָמיש באַשעפעניש'ל איז דאָס דער מענטש. אַ גע־קנאָטענער פון פלייש און בלאָטע, וואָס בויט זיינע שלעסער אין די הימלען, נאָר די בלאָטע שלעפּט אים צוריק צו דער ערד. ער גרויסט זיך אַלס האַר פון דער וועלט, אין דער אמתן איז ער ניט מער ווי אַ מאַריאָנעטקע אין די הענט פונעם גורל וואָס פירט אים ביי דער נאָז. אומזיסט זיין מוח־אַקראָבאַטיק, מיט זיינע אַלע טעאָריעס און פילאָזאָ־פיעס, דער גורל לאַכט פון אים אין די פויסטן. איין קליין באַקטעריעלע קען אַ סוף מאַכן צום גרעסטן חכם, גרעסטן העלד און מעכטיקן הערשער און אַוועקשיקן, ווי אַ געשמאַקן מאַלצייט פאַר די ווערעם.

ווער שושקעט דאָס וויעראַן אין די אויערן, אפשר דער זעלבער דראַ־מאַטורג און אַקטיאָר שעקספּיר, דורכן מויל פון זיין דענישן פּרינץ? וואָס דרייט ער אַ ספּאָדיק מיט זיין פילאָזאָפיע פון טויט? צי רויבט ניט די שרעק פאַרן טויט צו די הנאה פון לעבן? און אפשר איז דער טויט די איינציקע אָן ספּיקותדיקע ווירקלעכקייט, אויך די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט און גלייכהייט, וואָס קיין רעוואָלוציע האָט ביז איצט נאָך ניט פאַרווירקלעכט? דעם מלאך המות קען דאָך קיינער ניט אונטער־קויפן מיט כאַבאַר. ניטאָ ביי אים קיין פּראָטעקציעס, קיין פּאַרטיי־חכמים, קיין מיליאָנערן. איז צו וואָס דער אומזיניקער געיעג נאָך גאָלד, געלט און כבוד ווען דער סוף פון „יעדן פעטן ביסן" איז דאָך דער טויט? איז דען ניט דער עגאָאיזם דאָס גינסטיקע פעלד פאַר אַלע פאַרברעכנס, וואָס

שפּרייט אויס אירע פֿאַרדאַרבענע הענט איבער דער בערזע, פּאָליטיק און זנות; איבער גניבה, עקספּלאָאַטאַציע און קאָרופּציע, איבער אַלע געיעגן נאָך פֿאַרפּירערישן געווינס צו וועלכן עס רופט די מאָדערנע ציוויליזאַציע וואָס איז אַליין שוין פֿאַרמשפּט צום טויט. איז אפשר גערעכט שעקספּיר וואָס האָט מיט הונדערטער יאָרן צוריק געוווּסט אַז דאָרטן ווו עס פֿאָרן זיך דיפּלאָמאַטן און מיליטער־לייט מוזן אויסוואַקסן דערנער און אָסקאַר ווײַלד האָט געוווּסט אַז פֿון דערנער קען מען קיין ווײַנטרויבן ניט רײַסן. איז דען ניט די ליטעראַטור ווי פּראָמעטעאוס, דער גנב פֿון פֿײַער?

דער טאָג וועקט ווירעאַן אויף צוריק צום לעבן, רײַסט אַרויס פֿון אַלע חלומות. מאַכט פֿאַרגעסן אין אַלע ביטערנישן, פֿאַרשריבענע אין איר לעבנס־בוך, פֿאַרגעסט אין מלחמה, געטאָ און לאַגער, אין די טויט־שרעקן, אין גרויזשענדיקע קאָשמאַרן. אויסגעטרונקען אַ ביסל פּלוימען־זאַפֿט און אָפּגעשוואָנקען אין מוח די אַלע, אין דער נאַכט אָנגעהערטע העסלעכקייטן, פֿון געמיינקייט און פֿאַרראַט, איז צו וואָס טראַכטן וועגן טויט ווען דאָס לעבן טראָגט צו אַזוי פֿיל שיינקייטן און צאַפּלט מיט אַזוי פֿיל ליבע, וואָס ברויזט אין איר האַרץ? אָנגעפּילט מיט גליק און בענקשאַפֿט אין איר אָנגעצונדן האַרץ, שיקט זי אַוועק אַ גרוס מיט דער האָפֿענונג — „צו אײַך מײַנע טײַערסטע וועל איך אין קורצן קומען צוריק".

אָבער דערווײַל געפֿינט זיך ווירעאַ אין דעם קעסל־געמיש פֿון פֿעלקער און ראַסן, צווישן קולטור און פֿאַרברעכן. צווישן די גרעסטע וויסנשאַפֿטלעכע דערגרייכונגען און גרעסטן באַנקראָט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס זוכט דאָס לעבן אין שנאה צו דערטרינקען. די אייגענע חסרונות זעט מען נאָר ביי דעם ייד אָדער נעגער. אָבער ווו איז דאָס אַנדערע אמעריקע, אַ ניט פֿאַרשיכורטע אין ביזנעס, וויסקי און שנאה? דאָס אַמעריקע וואָס האָט געירשנט גרויסע ערלעכקייט פֿון אירע ערשטע פּיאָנערן, אַנטלאָפֿענע אַהער פֿון דעספּאָטיעס. דאָ, איבער די ברייטע פּרעריעס, צו פֿאַרזייען די פֿרייהייט און די שטעט פֿאַרוואַנדלען אין פֿעסטונגען פֿון גייסט. דאָס אַמעריקע וואָס האָט געירשנט פֿון אירע דרייסטע דענקערס גרויסע געדאַנקען, פֿון דעם דיכטער דזשאָן מילטאָן, וואָס האָט דער ערשטער זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר פֿרייען וואָרט און פֿרייע פּרעסע, פֿון רישאַרד פּרעס דער קעמפֿער פֿאַר דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט,

וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט פונעם יחיד. פון אַזעלכע באַדייטנדיקע דענקערס ווי: טאָמאַס דזשעפערזאָן, אַבראַהאַם לינקאָלן דער באַפרייער פון די שקלאַפן, פון דיכטער־פילאָזאָף עמערסאָן, טאָרא און אַנדערע וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די דעספּאָטיע פון יעדע מאַכט איבערן מענטש און געוווּסט אַז יעדע רעגירונג איז קאָרומפּירט און אַז די בעסטע רעגירונג איז די וואָס הערשט ניט.

ליידער זענען די גרויסע געדאַנקען פאַרגעסן געוואָרן און אַנשטאָט דער פרייהייט בושעוועט פאַרברעכן, גענגסטערס וואַרפן אַן אַ פּחד און שפּרייטן אויס זייערע לאַפּעס איבערן הונדערט און צוואַנציק מיליאָניקן פאָלק, אַ פאַרשקלאַפּטע צו דער מעכטיקער געלט־אָליגאַרכיע, צו דער פּאָליטיק און פאַרברעכן, ווי ריכטער ווערן געמשפּט פאַר שווינדל און אַדוואָקאַטן זענען די מיט־שותּפים פון זייערע גענגסטער־קליענטן. ווי אַ 14 יעריק יינגל ווערט געמשפּט פאַר פאַרגוואַלטיקן, ווי רוצחים דרייען זיך אַרום פריי. ווערזשע וועט פאַרזיכערן אַז אָט דאָס מעכטיקע לאַנד, געבויט אויף פרייהייט, זאָל ניט אַריינפאַלן אין אַ פינצטערן באַרבאַריזם?

אָט דעם געפאַר ווילן פאַרמיידן אַ גרופּע יונגע ראַדיקאַלע פּסיכאָלאָגן. זוכנדיק איבערצואַנדערשן דאָס מענטשלעכע לעבן. אַזאַ בחור זאָגט צו וויעראַן:

— די לערעס עקספּאַרטירטע פון מאָסקווע אָדער פּעקינג זענען ניט פאַר אונדז. אויך ניט די מיסטישע לערע און עקזאָטישע גלויבנס פון טיבעט, אינדיע, געמישטע מיט סאָציאַלע פּאַטענטן, וואָס ווערן געפּרע־דיקט דורך אַמעריקאַנער פּראָפעסאָרן, אויך ניט דער רוף צו געוואַלד און טעראָר, אויך ניט די שנאה צווישן דורות קען ראַטעווען אַמעריקע. דאָס קען טון נאָר די פּסיכאָלאָגיע. נאָר זי קען מיט אירע מאָדערנסטע דערגרייכונגען ענדערן די מענטשלעכע אויפפירונגען און אַפילו דאָס מענטשלעכע טראַכטן. מיט די מיטלען פון מוח־אָפּעראַציעס, קען מען ליקווידירן אין מענטש — אַגרעסיווע, פאַרברעכערישע און סאַדיסטישע נייגונגען, און דערמיט אויך אָפּגעשטאַנענקייט, שאַפן אַ נייע בעסערע געזעלשאַפט.

— אָבער ווער וועט פאַרזיכערן, פרעגט וויעראַ, אַז די הערשער איבער אַלע מאַטעריעלע אוצרות, איבער דער וויסנשאַפט, איבער די

מאָרד־מכשירים און איבער דער דערציאונג וועלן ניט, מיט דער הילף פון די ביהייוועריסטן, וואָס האַלטן זיך פאַר די אמתע וויסנשאַפטלער, אויסשפרייטן זייער הערשאַפט אויך איבערן מענטשלעכן מוח, צורויבן ביים מענטש זיין ווילן, ענדערן זיין טראַכטן און אים פאַרוואַנדלען אין אַן „אַבעררײַסע" פון פאַרטעמטע גולמס?

דער דאָזיקער פרווו פון געוויסע פסיכאָלאָגן צו ענדערן די מענטשלעכע אויפפירונג שטאַמט פון דעם אַמעריקאַנער פסיכאָלאָג ב. פ. סקירנער, וואָס האַלט אַז דער מענטש איז אַ מאַשין און דער מענטשלעכער מוח באַשטייט פון שרייפלעך וואָס יעדע פון זיי טראָגט אין זיך די פאַרשידנסטע אייגנשאַפטן, ווי: אַגרעסיע, פחד, הונגער און אַלע אַנדערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע גענעטישע אייגנשאַפטן, וואָס מען קען מיט דער הילף פון מוח־אָפּעראַציע ענדערן. ב. פ. סקירנער נעגירט בכלל דאָס מענטשלעכע אין מענטש און אַנערקענט ניט קיין יתרון — אדם מן הבהמה און האַלט פרייהייט פאַר אַן אילוזאַטאָרישן געפיל. ניטאָ, לויט אים, קיין פרייער ווילן. צי וועט דאָס איבערגעבן דער מעדיצין די רעכט צו ענדערן די מענטשלעכע אויפפירונג און די ראָלע פון פעדאַגאָגיק ניט פאַרוואַנדלען זי אין אַ מין געהיים־פּאָליציי, וואָס וועט מיט דער הילף פון עלעקטראָדעס, סמים, כעמישע מעדיקאַמענטן און מוח־אָפּעראַציעס אונטערוואַרפן דעם מענטש ניט בלויז אונטער דער דעספּאָטישער מאַכט פון דער וויסנשאַפט נאָר אויך אונטער דער דעספּאָטישער מאַכט פון דער פּאָליטיק און פון פּאָליטיקער? דאָס וואָלט געווען דער סוף פון סוועריענעם מענטש, דער לעצטער אַקט פון דער מענטשלעכער קולטור, איר קללה און אונטערגאַנג.

וויעראַ האָט, אין די ראַמען פון איר קורס אויך געהאַט די מעגלעכ־קייט צו זיין אַנוועזנד ביי פסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן. אויף איינע פון זיי זעט זי ווי שטאַרק עס איז אַנטוויקלט ביי מאַלפּעס דער אינסטינקט פון הערשאַפט און אונטערטעניקייט. אין דער קלאַטקע דערואַבערט דער מאַלפּע־מנהיג זיין אַבסאָלוטע מאַכט, מיט דער הילף פון פיזישן כוח, און נעמט זיך די גרעסטע פּריווילעגיעס. אין אַ שטייג פאַר זיבן מאַלפּעס פאַרכאַפּט דער מנהיג פאַר זיך אַ דריטל פון דער שטייג־טעריטאָריע, וועלכע די אַנדערע מאַלפּעס טאָרן ניט איבערטרעטן. אויך פון דעם עסן געניסט ער אַממערסטן און די אַנדערע מאַלפּעס וואַרפן זיך אים אונטער

אָן ווידערשטאַנד. זעט אויס אַז דער יצר פֿון הערשאַפֿט און אונטערטע־ניקייט איז אַ ירושה־קראַנקייט פֿון חיהשן און פּרימיטיוון צושטאַנד פֿון וועלכן דער מענטש האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַפֿרייט..

עס איז צו באַוווּנדערן ווען אַלץ אויף דער וועלט ענדערט זיך, עס אַנטוויקלט זיך די וויסנשאַפֿט, נאָר די פּאַרקריפּלטע מענטשלעכע אינסטיטוציע פֿון הערשאַפֿט בלייבט. די פּאָליציי, מיליטער און טורמעס דינען אַלע רעזשימען. דער זעלבער צאַרישער טשינאָווניק דינט אויך דעם דעמאָקראַטישן רעזשים און דעם סאָציאַליסטישן. גאָגאָלס „רעוויזאָר" וויל אַלץ ניט שטאַרבן.

נאָכן פּאַרענדיקן דעם קורס בלייבט וויעראַן צו זיין אַ צווייי וואָכן אין אַמעריקע און זי לאָזט זיך אַוועק קיין לאָס־אַנדזשעלעס, די שטאָט פֿון לעגענדאַרן האָליווּד, די גרויס־אינדוסטרי פֿון חלומות, וואָס פֿאַר־פּלייצט די וועלט מיט אירע פֿילמען פֿון סעקס און פֿאַרברעכן, ווי דער אייביקער צווילינג. אויך אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט וויעראַ אַ ווייטע משפּחה וואָס האַלטן פֿאַר זייער פֿליכט צו ווייזן וויעראַן אַלע וווּנדער פֿון זייער שטאָט: דעם האָליווּד, דעם גריכישן טעאַטער, מוזיק־זאַלן, דעם באַרימטן אין דער וועלט דיסנילענד. אַפֿילו דער בית־הקברות איז דאָ מיטן גרעסטן לוקסוס און אויך דאָ הערשט אַ גרויסע הערארכיע און גרויסע צעטיילונג אויף אָרעם און רייך, די רייכע ליגן באַגראָבן אין גרעסטן לוקסוס צווישן מאַרמל און בלומען. אָבער די לעבעדיקע ווערן פֿאַרסמט פֿונעם קאָפּעטש פֿון די פֿאַבריקן און מיליאָנען אויטאָס.

אין אַן אויסגעשטערנטן אָוונט געפֿינט זיך וויעראַ אין דעם האָליווּד־באַל, אַ ריזיקער אַמפּיטעאַטער אונטערן פֿרייען קאַליפֿאָרניער הימל, אויף אַ קאָנצערט פֿון אַ גרויסן אָרקעסטער מיט אַ כאָר פֿון 150 כאָריסטן וואָס פֿירן אויס בעטהאָווענס ניינטע סימפֿאָניע, דעם מעכטיקן הימן פֿון פֿרייד, פֿאַר שלום און פֿעלקער־פֿאַרברידערונג. ווי מעכטיק עס קלינגען וויעראַן אין די אויערן די ווערטער פֿון שילערס אָדע צו דער פֿרייד — „אַלע פֿעלקער זענען ברודער". די מוזיק וועקט אַ הייסן דראַנג צום לעבן און צו שטאָלצער מענטשלעכקייט. עס גיסט אַריין אין דער נשמה, מיט גע־היימע טענער־שפּראַך, דעם ליבע־פּלאַם.

וויעראַס משפּחה אין לאָס־אַנדזשעלעס זענען פֿון גורל אויך ניט

געפּיעשטשעט געוואָרן. פון פּוילן זענען זיי אַוועק קיין פראַנקרייך, פון וואַנען אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע, זענען זיי אַנטלאָפן קיין שפּאַניע, פון דאָרט קיין פּאָרטוגאַל און ווייטער קיין קובאַ און צום סוף זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. זענען זיי שטאָלץ מיט זייער שטאָט און מיט „זייער" אַמעריקע און נאָכן ווייזן וויעראַן אַלע וווּנדער פון דער שטאָט פירן זיי וויעראַן, מיט זייער אויטאָ, אַוועק איבער די וויכטיקסטע און שענסטע ערטער פון לאַנד. פון הייסן לאָס־אַנדזשעלעס קומען זיי אָן אין קאַלטן סאַן־פראַנציסקאָ, מען זאָגט אַז זי איז די שענסטע שטאָט אין דער וועלט, וואָס שטייט אויף הויכע בערג נעבן שטילן אָקעאַן. די שטאָט קען זיך טאַקע גרויסן מיט איר שיינקייט, מיט אירע געשמאַקע געפּרעגלטע פיש און רייכע געשעפטן, מיט איר לאַנגע גאָלדן־בריק, מיט אירע יאַפּאַנישע און כינעזישע קוואַרטאַלן, מיט איר לוקסוס און אירע אָרעמע קוואַרטאַלן אָנגעשטופּט אין ענגשאַפט מיט נעגערס, פּאָרטאָרי־קאַנער, מעקסיקאַנער און ווייסע פאַרשטויסענע שיכורים, נאַרקאָטיקער, רויכערער פון נאַרוואַנאַ, פראָסטיטוטקעס און ראַפינירטע פאַרברעכערס. צווישן זיי אַ יוגנט פון פּראָטעסט וואָס האָט באַזעצט דעם ערכאַוזש קוואַרטל פון דער שענסטער שטאָט. בחורים און מיידלעך אַנטלאָפענע פון רייכע היימען, וואָס זוכן אין דער אָרעמקייט דעם זין פון לעבן. ווי די ערשטע קריסטן פאַרנעמען זיי זיך מיט בעטלעריי. אָבער נאָר אויף היינט אָפּצועסן, זיי פאַרזאָרגן זיך קיינמאָל ניט אויף מאָרגן. צעלייגט אויף די טראָטואַרן, ניט־דערנערטע, פאַרשיכורטע פון כאַשיש און נאַרקאָטיקס, ליגט אויף זייערע פּנימער אויסגעגאָסן אַ תמימותדיקע גוטסקייט. ווי די עוואַנגעליע חוזקן זיי פון די „אויסגעקאַלעכטע קברים". די כבוד־זוכערס און האָבן פיינט די פיליסטערס פון גראָשענדיקער קרעמערישקייט, דעם נשמהלאָזן מאַטעריאַליזם, ווי דעם טוכלענעם ריח וואָס טראָגט זיך פון יעדער אָרטאָ־דאָקסיע. אָט צימבלט אַ דערוואַקסענער בחור אויף אַן אינסטרומענט, אַן איינטאָניקן ניגון, און אַרום אים באַוואַקסענע פּנימער, ווי דער גריכישער פילאָזאָף יאַגאַנעס, וואָס איז אפשר געווען דער ערשטער היפּי, אָדער ווי די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן, ווי מאַרקס און באַקונין. זיי אָבער פּרעדיקן ניט קיין פּאַרטיי־פּראָגראַמען, זיי זענען ניט קיין מיסיאָנערן פון גלויבנס, ניט קיין אַגיטאַטאָרן. זיי ווילן קיינעם ניט באַפרייען נאָר אַנטלויפן פון

דעם יאָך פון דער געפּעלשטער ציוויליזאַציע. זיי פאַרמאָגן ניט קיין אידעאָלאָגיעס, קיין פּאַרטיי־נוסחאות, נאָר האָבן פיינט מיליטער, קאַזאַרמעס און מלחמות. טראָגן אָבער ניט קיין שנאה צו מענטשן, ניט צו אַנדערע פעלקער, ווילן ניט מאָרדן און ניט דערמאָרדעט ווערן צוליב גרענעצן און טעריטאָריעס. זיי ווילן ניט אַרבעטן, כדי וועמען רייך צו מאַכן, ניט צו פּראָדוצירן קיין מאָרד־מכשירים און האַלטן בכלל די אַרבעט פאַר גרעסטער שקלאַפעריי. זיי ווילן ניט געבוירן קיין קינדער ניט צוצושטעלן די גענעראַלן קיין האַרמאַטן־פלייש. זיי האָבן פיינט דיסציפּלין און ווילן ניט מושטרירן זייערע קערפּערס און נשמות. זיי לעבן לויטן אייגענעם ווילן און שכל, שטערן אָבער קיינעם ניט צו זיין אַנדערש אָדער טראַכטן אַנדערש ווי זיי. דערמיט זענען זיי די טאָלעראַנטסטע ברואים. זיי ציען אויף זיך אָרויף די משונהדיקסטע בגדים. קרוע־בלוי, באָרוועסע, שמוציקע אָבער אָן ליגנס, אָן צביעות. זיי זענען אָבער ניט קיין נזירים, קיין אַסקעטן, זאָגן זיך ניט אָפּ פון קערפּערלעכע פאַרגעניגנס. קויפן אָבער ניט קיין ליבע פאַר געלט.ביידע געשלעכטער לעבן פריי מיט וועמען זיי געפעלט. די פרויען פאַרקויפן ניט זייערע קערפּערס. נאָר גיבן זיך איבער אָן אויסרעכענונג, מיט דער גרעסטער האַרציקייט. זיי ווידמען זיך בעסער דער ליבע און סעקס ווי דינען דער שנאה און מלחמות. זיי זענען ניט קיין דערשלאָגענע, קיין פאַרביטערטע נאָר פרידלעכע, העפלעכע, וואָס גלויבן ניט, אַז דאָס גליק ליגט אין מאַטעריעלן באַזיץ, נאָר אין מענטש גופא, אַז רייכטום שענקט ניט קיין פרייד און היילט ניט פון קרענק. רייכע קענען זיין מער אומגליקלעך פון בעטלערס. פאַר די ביטניקעס איז די גאַנצע וועלט זייערס. אומעטום איז זייער היים. זיי אינטערעסירן ניט קיין מלוכה־גרענעצן, האָבן ליב אַלע פעלקער און ליב דאָס לעבן.

מען קען מיט זיי ניט מסכים זיין, אָבער צי מעג מען פון זיי חוזק? ווער איז דען זיכער, אַז ער ווייסט גענוי ווי אַזוי צו לעבן? פאַר דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע זענען זיי אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג. זייער לעבנס־סטיל איז אַ שטומער פּראָטעסט קעגן דער פאַרקריפּלונג פון אונדזער קולטור; אַ פּראָטעסט קעגן דער קאַפּיטולאַציע פון מענטש־לעכן שכל פאַר די פינאַנס און בלוט־מאָנסטערס, וועלכע באַרויבן דעם מענטש, באַגזלען די וועלט, פאַרסמען די לופט, טייכן און ימים מיט

פסולת, דעם הימל מיט רויך און מיט קאַפּעטש און דעם מענטשלעכן מוח מיט שאָוויניסטישן טשאַד, וואָס איז דאָך ערגער פון סמען און נאַרקאָטיקס; דאָס איז דער פּראָטעסט קעגן פאַרייניקטן פראָנט פון פּאָליטישן שקר, פינאַנס־קאָמבינאַטאָרן און גענגסטערס, וואָס האַלטן דעם מענטשלעכן גורל אין זייערע בלוטיקע לאַפּעס; אַ פּראָטעסט קעגן ווולגאַרן מאַטעריאַליזם, וואָס שטעלט צו, אין הורט, די פעלקער נאָר לייד און פּיין, אָן אַ טראָפּן פרייד, אָן אַ שטראַל פון האָפענונג, אַז מאָרגן וועט זיין בעסער און פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין אַ שרייפעלע פון דער פאַרזשאַווערטער מאַשין, די מענטשלעכע געזעלשאַפט וועלכע קען זיך ניט באַפרייען פון אירע גענגסטערישע פאַרזאָרגערס, וואָס שטויסן צו אַן אַטאָמישער צעשטערונג. זיי רופן אויך ניט צו רעוואָלוציעס, ווייל מיט ימים פון בלוט קען מען ניט בעסער מאַכן די וועלט. אַנטלויפן זיי פון דער ציוויליזאַציע אין זייער אייגענער וועלט פון חלומות און כימעריעס. זייער אַפּגעריסענער הילוך איז אַ מין ווידערשפּעניקייט, אַ צו־להכעיס, ווי זיי וואָלטן דער וועלט אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

די „עפנטלעכע מיינונג" האַלט די ביטניקעס פאַר אַן אויסגעגליטשטע, פאַרבלאָנדזשעטע יוגנט, זיי שטייען אָבער גייסטיק און מאָראַליש העכער פון יענע יוגנט־באַוועגונגען, מיט מושטרירטע געדאַנקען און סטאַנדאַרטע פראַזן, מיט ריינע העמדער אָבער מיט שמוציקע נשמות, וואָס זענען אין פּוילן באַפאַלן יידישע מאַמעס מיט פּיצעלעך קינדער, אין דייטשלאַנד געפּרעדיקט „ראַסן רייניקייט" און געריטשעט „הייל היטלער", אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַלע קאָמוניסטישע לענדער געזונגען אַ לויב צו סטאַלינען און ליבע צו דער ביקס. די היפּיס נויטיקן זיך ניט אין מונדירן, ניט אין ראַנגעס, שטרעבן ניט צו ווערן קיין זיגער, קיין העלדן, קיין מערדערס. זיי האָבן מער פון אַלץ ליב די פרייהייט. צי זענען דען זיי די אויסגעגליטשטע אָדער די וועלט אין וועלכער זיי לעבן איז אַן אויסגעגליטשטע?

דאָך קען וויעראַ ניט פאַרשטיין פאַרוואָס זאָל אַ געזונטער פּראָטעסט זיך וואַלגערן אין די רינשטאָקן, צי קען מען טאָקע נאָר מיט שמוציקע הענט אָפּוואַשן דעם שמוץ פון דער וועלט? פאַר וואָס מוזן זיי אויסשטעלן עפנטלעך אויף די גאַסן דאָס אינטימע, וואָס דאַרף זיין באַהאַלטן

אין חדר חדרים? פֿאַר וואָס זאָל אַזאַ יוגנט ניט אויסדריקן זייער פּראָטעסט מיט קאָנסטרוקטיווע טאָטן, מיט פּראָדוקטיווע נוצלעכע טעטיקייט. שאַפֿן קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן, געשטיצט אויף גלייכהייט און יושר; אויף סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף און ניט אויף בעטלעריי? צי איז ניט דער וועג פֿון קיבוץ, וואָס יונה האָט אויסגעקליבן מאָראַלישער, שענער, נוצלעכער און לאָגישער?

געפֿעלט אויך ניט וויעראַן די מעטאָדן וואָס עס באַנוצן דאָ די פֿעמיניסטקעס אין קאַמף קעגן דער דיסקרימינאַציע פֿון דער פֿרוי. אַוודאי דאַרפֿן די פֿרויען האָבן די זעלבע רעכט ווי די מענער. צוליב דעם דאַרף די פֿרוי זיך בעסער באַוואָפֿענען מיט וויסן, ווי מיט קאָקעטירן מיט ראַדיקאַלע פֿראַזן און בלייבן פֿאַרשקלאַפֿט צו קאָנסערוואַטיווע פֿאָראורטיילן. קען מען דערגרייכן די פֿרייהייט מיט דער צעלאָזענער פֿרייהייט פֿון די חושים? אַנשטאָט אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך די ביוסטנהאַלטערס, דאַרף מען קודם כל אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די אָבערגלויבנס און באַפֿרייען זיך פֿון קאָנווענציאָנעלע ליגנס.

פֿון סאַן־פֿראַנציסקאָ, די שטאָט פֿון שיינקייט, פֿאָרן זיי צוריק קיין דרום צו דער אַלטער שטאָט סאַן־דיעגאָ מיט איר ריזיקן זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואָס וועקט אין וויעראַן אַ סך רעיונות. די פֿאַרשפּאַרטע חיות דערמאָנען, אַז גאָר ניט לאַנג צוריק, איז זי אויך ווי אַ חיה געווען פֿאַרשפּאַרט אין אוישוויץ צוזאַמען מיט טויזנטער מענטשן. מעגן דאָך מענטשן זיך קרויגען מיט חיהשע נעמען, ווייל זיי פֿאַרמאָגן דאָך חיהשע אייגנשאַפֿטן; זענען כיטרע ווי פֿוקסן, נאַריש ווי אייזלען, פֿאַלש ווי קעץ, געטריי ווי הינט. זענען דאָך דאָ חיות אַנגרייפֿערישע און חיות אונטערטעניקע, וואָס פֿאַרמאָגן דעם טאַלאַנט פֿון חניפֿה. אָט דערלאַנגט וועד דעם בער אַ נאַש און ער טאַנצט פֿאַר אים אַ מה־יפֿת. חיות קענען ווי מענטשן, וויינען, בעטלען און שטיפֿן, וויסן פֿון מוטער־ליבע. אפֿשר דערפֿאַר האָבן מענטשן געגלויבט אין גלגול פֿון נשמות. האָבן דען ניט די היטלערס, מענגעלעס, אייכמאַנס און טויזנטער אַנדערע נאַציס, פֿאַרמאָגט חיהשע נשמות? און אפֿשר טאָר מען גאָר ניט באַליידיקן די חיות פֿאַרגלייכנדיק זיי צו די נאַציס?

די חיות זענען דאָך אונדזערע שכנים אויף דער ערד און מיר וויסן זייער ווייניק וואָס עס טוט זיך אין זייערע נשמות. מיר דאַרפֿן זיך אפֿשר

אויסלערנען זיי צו פאַרשטיין און ליב האָבן. ווי מעגן מיר זיי מאָרדן און עסן זייער פלייש? אפשר מיטן מאָרד איבער חיות הויבט זיך אָן דער מאָרד איבער מענטשן?

דער גרעסטער שאָדן פאַרן מענטשלעכן געדאַנק איז דער פּרווו אַריינצופירן די דאַרוויניסטישע דזשונגל־פילאָזאָפיע אין דער סאָציאָלאָגיע, וואָס באַרעכטיקט און זעט אין דעם מענטשלעכן לעבן אַ גרויסן שלאַכט־פעלד פון ווילדן קאָנקורענץ, פון אייביקע מלחמות. ווי כל דלים גבר, ווער עס האָט בעסערע ציין רייסט אָפּ אַ בעסערן ביסן, ווער עס האָט האַרמאַטן קען מאָרדן און רויבן? אַזאַ פילאָזאָפיע מאַכט ווונדן אין מענטש־לעכן גייסט, צעבלוטיקט זיין מאָראַל. זי האָט עקזיסטירט אין ספּאַרטאַ, מען האָט געטויט קראַנקע און שוואַכע קינדער, כדי עס זאָל אויסוואַקסן אַ דור פון גיבורים, אפשר ווילן די היינטיקע ספּאַרטאַס אויסהאָדעווען אַ דור פון גענגסטערס?

עס איז קלאָר אַז דער מענטש האָט, ווי יעדע חיה, ביאָלאָגישע אייגנ־שאַפטן און פיזישע נויטווענדיקייטן פון זיין מענטשלעכן עקזיסטענץ, ער פאַרמאָגט אָבער אינטעלעקטועלע באַדערפעניש, שטרעבונגען און ווילן. זיינע האַנדלונגען ווערן דיקטירט ניט פון עפּעס מעכאַנישע געזעצן, ניט בלויז פון עקאָנאָמישע סיבות נאָר אויך פון זיינע אינסטינקטן, אימפּולסן, ליידנשאַפטן, שטימונגען, קאַפּריזן. דעריבער זענען אַזעלכע מיסטישע טעאָריעס ווי העגעלס דיאַלעקטיק און מאַרקסנס און העגעלס „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" ניט מער ווי האַר־שפּאַלטעריי, וואָס האָט מיט דער ווירק־לעכקייט אפשר גאָר ניט צו טאָן. ניט שטענדיק קומט אין דער מענטשלע־כער געזעלשאַפט פאָר דער אַנטוויקלונג פון פּרימיטיוון צום העכערן. ניט זעלטן האָבן מיר געהאָט אין דער געשיכטע אַ גאַנג אויף צוריק. צי זענען מיר זיכער אַז די תקופה פון אוישוויץ איז ווייניקער באַרבאַריש פון דער באַרבאַרישער תקופה? ווען העגעלס אַ תלמיד האָט אויפמערקזאַם געמאַכט זיין פּראָפעסאָר אַז די פאַקטן שטימען ניט מיט זיין טעאָריע האָט העגעל, מיט דער גאַנצער דייטשער ערנסטקייט געענטפערט אַז אויב אַזוי טויגן ניט די פאַקטן. די לעבעדיקע פאַקטן צעשמעטערן אָבער די קלוגסטע טעאָריעס. ווי קען מען רעדן וועגן „געשיכטלעכע נויטווענ־דיקייט" ווען מענטשלעך לעבן האָט געררויכערט זיך אין מתים־טאָלן? נאָר

די פּסיכאָלאָגיע קען אַריינקוקן אין די פינצטערע קוואַלן פון היסטאָרישע אומגליקן, ווי מלחמות, פּאָגראָמען, פאַשיזם, סטאַליניזם און אַלע מאַסן משוגעתן, וואָס זענען ווי אַ פּסיכישע מגיפה, ווי ווירקלעכקייט מיט פאַנ־טאַזיע פלאָנטערן זיך צוזאַמען.

פון דער חיות־וועלט לאָזט מען זיך צוריק קיין צפון און מען פאָרט אַריין אין דער וועלט פון שטיינער און בערג. אין דער שטאָט אוטאַ איז נאָך די נאַטור־שיינקייט פון דער ציוויליזאַציע ניט פאַרשוועכט געוואָרן, איז געבליבן דער נאַטור־וווּנדער פון קאַלירטע בערג פון וואולקאַנישער לאַווע, מיט זיין מאַיעסטעט דער גראַנד קעניאָן, ווו מיליאָנען דורות און עפּאָכעס רוען אין דער שטומער וועלט צווישן יאַדלעס־ביימער, צווישן באַרגיקע שיפּוען. אַ קרעאַציע פון שיינקייט צווישן פאַרגליווערטע געאָלאָ־גישע עפּאָכעס פון מיליאָנען אייביקייטן. אַן אויסגעקאָוועטע פון דער נאַטור־סטיכיע; פון קאַטאַסטראָפעס, ערד־ציטערנישן, וואולקאַנישע רע־וואָלוציעס, אויסברוכן און נאַטור־בונטן, פון כאַאָס אויסגעשטאַלטיקט, במשך פון דער לאַנגער קאָסמישער געשיכטע, פון אונדזער פּלאַנעט; אויסגעמייסטערטע שטיין־געשטאַלטן, פון דעם נאַטור־סקולפּטאָר, ריזיקע סטאַטועס פון מאַרמאָר, קיזל, גראַפיט, פון איידלשטיינער און קריסטאַלן מיט אַבסטראַקטע, קוביסטישע און סורעאַליסטישע געשטאַלטן, ראָמאַנטי־שע אימאַזשן, פון קדמונים־שטיינער, גראַנדיעזע מאָנומענטן, שטיינערנע מאָנסטערס צו שרעקן און צו פלעווען און שטעלן דעם מענטש מיט זיין ניט געזעטיקטן בייגער, אומבאַהאָלפן, אין זיין נעבעכדיקער עקזיסטענץ פאַרן מעכטיקן קראַפט פון באַשאַף, פאַרן קאָסמישן וווּנדער.

האָט אָבער דער מענטש, דעם גאַנצן כאַאָס און תוהו ובוהו, מיט אירע אַלע קאָסמישע דימענסיעס, אַריינגעשפּאַרט אין ענגע דעטערמע־ניסטישע געזעצן פון דורך אים אויספאַנטאַזירטע מאַטעמאַטישע פאָרמולן. פון אַלע נאַטור־עקסידענצן און ווילד־צעברויזטע סטיכיע, געמאַכט אַ שפּייז פאַר זיין מוח־אַקראָבאַטיק, פאַר זיין מעטאַפיזיש אַבסטראַקטן טראַכטן. כאָטש ניוטאָן האָט שוין באַמערקט אַז דאָס וואָס מיר רופן „נאַטור־געזעצן״ זענען אייגנטלעך ניט מער ווי פאָרמולעס, וואָס דער מענטש שאַפט זיך, כדי זיך קלאָר צו מאַכן געוויסע נאַטור־דערשיינונגען. דער מענטש האָט אויסגעטראַכט געזעצן, טעאָריעס און היפּאָטעזעס, כדי זיך אַרויסצופּלאָנ־

טערן פון גרויסן כאָאָס פון דערשיינונגען, אין וועלכן ער וויל איינשטעלן אַ געוויסן סדר. דאָס האָט דער מענטש, מיט זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע, אויפגעבויט רעליגיעס, פילאָזאָפיעס, וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען און ווי אַ מוטיקער שווימער, מיט פלינקייט פון זיין גייסט, געלאָזט זיך שווימען צווישן ספערעס און ספירות, און מיט אַ ליכטל זוכט ער אַן אמת אין דער פינצטער פון מיסטעריעס פון רוים און צייט. און צום סוף קען ער גאָר ניט דערגייך צו קיין טאָלק אין דעם גרויסן געפּלאָנטער פון אייגענע רעיונות.

אָט גיט זיך אַ צעבונטעווע די נאַטור, עס פּאַרגעפּלט זיך גיך דער הימל און גלייך צעבושעוועט זיך אַ ווילדער הוראַגאַן, דער ווינט וויקלט זיך, דרייט זיך אין אַ רונד. אָט רייסן זיך דורך דונערן צווישן בליצן. עס קאַכט און קרעכצט און פילט אַן די ערד מיט ציטער פאַר דער צעבייזערטער סטיכיע. שטייען זיי באַהאַלטן, מיטן אויטאָ אונטער אַ דאַך, וואָס שיצט און מען וואַרט ביז עס וועט זיך אויסלויטערן דער הימל וויפל איז דער שיעור דער הימל זאָל אַלץ וויינען און וויינען? ענדלעך לאָזט מען די מאַשין לויפן איבער די וועגן צווישן אָפּגעוואַשענע בערג.

מעג די נאַטור זיך ווי ברוגזן און כעסן, קען זי ניט שטערן דעם שטערבלעכן אַריינפּלעכטן זיין שכל אין דעם קאָסמישן וווּנדער און ווערן אַ מיט־שותף צו דער געטלעכער יצירה. ער האָט דאָך אויסגעבויט די גראַנדיעזע שטעט, אַריינגעבליקט אין דער שטערן־וועלט, אַריינגעקראָכן אין בויך פון דער ערד, צאַפּט פון דאָרט וואַסער און שעפּט פון דאָרט אוצרות: נאַפט, גאָלד, קוילן און אייזן. ער האָט ביי די וואָלקנס צוגעגנבעט דעם דונער און באַלייכט דערמיט, אין די נעכט, זיינע הייזער, טרייבט די רעדער אין די פאַבריקן און פאַרמעסט זיך צו פליען צו דער לבנה און שטערנס. און דאָך ווען די גאַנצע נאַטור פאַלט כורעים צו זיינע פיס, שטייט די מענטשלעכע זשעני אומבאַהאָלפן קעגן זיין אייגענעם יצר פון צעשטערונג. קעגן דער שעדלעכקייט פון זיינע אַמביציעס, קעגן די אינסטינקטן וואָס פאַרפירן דעם שכל.

וויערדאַ פאַרזונקען אין מחשבות און איר קוזין טרייבט דעם אויטאָ איבער אַ וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע פון אוראַלטע משופּעדיקע בערג־רינגען, וועלכע שלענגלען און קייטלען זיך אויף דעם גאַנצן וועג. די שפּיצן

רייסן זיך צו די הימלען. אָט איז דער „קאָלאָראַדאָ ספּרינג" און די שיינ־קייטן פֿון „גאַרדען אוף גאָדע", איבער איר די בערג־שפּיצן פאַרייניקט דורך הענגענדיקע בריקן. ווייטער הייבט זיך אָן אַ ברייטע גרינע פּלאַכ־קייט מיט איר מאַגישער קראַפט פֿון האַרמאָנישער און לירישער שיינקייט, איבער וועלכע עס פּאַשען זיך סטאַדעס מיט שאָף און דער גאַנצער אַרום איז פאַרגאָסן מיט פרישקייט פֿון פאַרבן־ריח און קאָליר־סימפאָניע. איז דען אַלץ וואָס בליט און אָטעמט, דער רעזולטאַט פֿון גרויסער חכמה פֿון באַשאַף אָדער בלינדער צופאַל? אפשר גאָר אַ צופעליקער כעמישער צענויפגוס פֿון אַטאָמען און מאָליקולן אָדער אַ בלינדע קאָמפּאָזיציע פֿון עלעקטריש־מאַגנעטישע כוחות? אָבער ווי קען מען פילאָזאָפירן ווען פֿון אַלע זייטן ווינקט די שיינקייט און שלווה, וואָס צעברויזט און צערייסט דאָס האַרץ פֿון בענקשאַפט אַרומצונעמען צו ווערן פֿון יונהס שטאַרקע מענערישע אָרעמס און זיך אָנטרינקען מיטן זאַפט פֿון הייסע קושן, ווען עס צאַפּלט איר מוטער־האַרץ צו איר איינציק טעכטערל?

אין אָוונט קומען זיי אָן קיין לאַס־וועגאַס, וואָס שטייט, אין מיטן נעוואַדאַ־מדבר אַ פאַרגאָסענע מיט אַ ים פֿון ליכט, וואָס פאַרבלענדט די אויגן. אין די האָטעל־זאַלן גייט אָן אַ פאַרבלענדעניש פֿון האַזאַרד. טויזנטער מענער און פרויען פֿון יעדן עלטער, פֿון אַלע קאָלירן שטייען מיט געשפּאַנטע נערוון און געשפּאַנטע בליקן אַרום די לאָטעריע־טישן, אַרום די צענדליקער מזל־מאַשינען, דורשטיקע נאָך געלט. דאָס האָבן, אין מיטן מדבר, אַ באַנדע גענגסטערס, קאָמבינאַטאָרן און דורכ־געטריבענע שאַרלאַטאַנעס אויפגעשטעלט אַ מעכטיקע גרויס אינדוסטרי פֿון שווינדל און באַטרוג. אַנשטאָט צוצושטעלן דעם רעוואָלווער צום שליף פֿון אַ קרבן, ליידיקן זיי דאָ אויס די קעשענעס, אין גאַנצן לעגאַל, ביי טויזנטער מענטשן, אָן צו ריזיקירן מיט טורמע, אָן פחד פאַרן געזעץ; די מזל־מאַשינקעס ראַבירן צו מיליאָנען דאָלאַרן פֿון נאַיווע וואָס וואַרפן אָפּט אַריין זייער לעצטן דאָלאַר, פאַרשפּילן אפשר זייער לעצטע אילוזיע רייך צו ווערן.

אין מיטן דער אַרגיע פֿון האַזאַרד גייען אָן, אין אַנדערע זאַלן, אָרגיעס פֿון פאַרוויילונג. עס טרעטן אַרויס האַלב נאַקעטע זינגערינס און עס טאַנצן פאַרלעך פלינק און געשיקט, עס רוישט און קרעכצט די דזשאַז־

מוזיק, עס ריטשען די דזשונגל־אינסטרומענטן, עס גיסט זיך שאַמפּאַן אין געמיש פון שווייס און אַדיקאַלאָן, מיט חוצפה און אַראַגאַנץ פלעכטן זיך פיס אין שדים־טאַנץ. אויב עס שלאָפט דער מזל שלאָפן אָבער ניט די זונות. אַרום די האָטעלן פאָרן אַרום אויף לוקסוס־אויטאָס און כאַפּן אויף קליענטן פאַר זינדיקע פאַרגעניגנס.

איז אפשר דאָס גאַנצע לעבן אַ לאָטעריע־שפּיל פון מזל און צופאַלן, ווי מיט איין דריי פון דער מזל־מאַשינקע קען אַ מענטש רייך ווערן אָדער פאַרלירן זיין לעצטן דאָלער, פאַרלירן זיין געזונט און זיין לעבן? איז אפשר אויך די מענטשלעכע געזעלשאַפט, ווי די נאַטור אויף סטיכיעס און קאַטאַסטראָפעס, אויף מלחמות, רעוואָלוציעס און אויף מזל אויסגע־שטעלט, זוכן אפשר די חכמים אומזיסט וויסנשאַפטלעכע געזעצן פאַר דער געשיכטע ווען פעלערן און אינצידענטן קענען ענדערן דעם גורל פון גאַנצע פעלקער און דעם גאַנג פון דער געשיכטע? וואָס איז דען געשיכטע אויב ניט דער קאָלעקטיווער זכרון פון אַ פאָלק אָדער פעלקער? אָבער דער מענטש איז ניט בלויז אַ קנויל פון זכרונות. ער לעבט ניט בלויז מיט דעם „וואָס ס'איז געווען" נאָר אויך דערמיט „וואָס עס וועט זיין". ער איז פול מיט אַספּיראַציעס, ער רייסט זיך צו פליען אין די הימלען, ער קען זיך אָבער ניט באַפרייען פון די גלחישע נעצן און קניט פאַר לצים וואָס קרוינען זיך פאַר הערשער וואָס פאַרוואַנדלען די לענדער און אַ גרויסן לאַס־וועגאַס, ווי מען באַרויבט און באַגזלט לעגאַל און געזעצ־לעך די פעלקער פון זייער פרייהייט, ווי די הערשנדיקע גענגסטערס זאָרגן די געשיכטע זאָל כסדר זיך וויקן אין דעם בלוט פון מיליאָנען.

האַנדלט זיך טאַקע גאָר ניט אין דערקלערן אַזוי אָדער אַנדערש די געשיכטע נאָר צו געפונען דעם גרויסן בעזעם אויסצוקערן פון די מענטשלעכע מוחות די פאַלשע באַגריפן און דעם גרויסן ליגן אַז אַנדערש קען עס ניט זיין; אויסקערן אַלע „איזמען" וואָס האָבן געדיענט אויס פּראָ־פעסיאָנעלע פּאָליטיקאַנטן, די קאַסטע מיליטער־לייט און דעם גאַנצן פּאָ־ליטישן שאַנטאַזש, וואָס גלייבן אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן איבער אונדז צו הערשן, צו פּרעזידענטעווען און אונדז פאַרנודיען מיט לאַנגווייליקע רעדעס אין די פּאַרלאַמענטן; און אַ בעזעם וואָס זאָל אויסקערן די אַלע וואָס לייגן זייערע פאַרבלוטיקטע לאַפּעס אויף אונדזער גורל.

ניט שולדיק זענען בלויז די וואָס באַשווינדלען נאָר אויך די גייציקע נאָך געלט. אָט שטייט ביי אַ מזל־מאַשין אַן אַלטער קראַנקער מאַן, אַ זיכערער קאַנדידאַט פאַר יענער וועלט, אויף וועמענס נאַז עס שוועבט שוין דער טויט נאָר זיינע אויגן גלאַנצן נאָך מיט גיריקע בליקן און די הענט ציטערן אויפצוכאַפּן דעם גרויסן געווינס. ווער ווייסט וואָס ער וועט טאָן מיט זיינע דאָלאַרן אויף יענער וועלט? גלאַצן כיטרע פרויען, באַיווע נעגערס צו די מזל־מאַשינען און לאָזן זיך גוטוויליק באַשווינדלען, אַזוי ווי מיליאָנען לאָזן זיך גוטוויליק פאַרשקלאַפן פון די היטלערס און אַנדערע לצים, זיי זענען ניט קיין קלענערע פּאַיאַצן פון די געטער פאַר וועמען זיי קניען, פון וועמען זיי לאָזן אָבער זיך פאַרשקלאַפן; זיי זענען די קרבנות אָבער אויך די מיט־שותפים פון גרויסן שאַנטאַזש.

פאַרטאָג ווען די שטאָט שלאָפט נאָך אַ מידע, נאָך דער לאַנגער נאַכט פון שווינדל און זינד, פאַרלאָזן זיי לאַס־וועגאַס און דער אויטאָ לויפט שוין איבער אַ ברייטע וויסטעניש, איבער ריזיקע פוסטע שטחים צי איז טאַקע די וועלט נאָך אַזוי ליידיק? וויעראַס קוזין און זיין פרוי, דערציילן פאַרנדיק, פון זייערע דוכגעלעבטע צרות, פון אַלע סכנות און טויט־שרעק וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אַנטלויפנדיק פון דעם היטלער־פעסט ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אָבער וויעראַ טראַכט, מיט וויפל בלוט מוז איר פאָלק באַצאָלן פאַר יעדן שפאַן ערד ווען די וועלט איז נאָך אַזוי ליידיק?

פון הייסן מדבר לויפט דער אויטאָ אַריין אין אַ גרינער וועלט. די פעלדער פאַרזייעט מיט גרינער שיינקייט. מיט פּרעכטיקע נאַטירלעכע פאַרקן, די נאַטור אַליין איז דאָ דער גערטנער און דער אַרכיטעקט. די שיינקייט פאַרכישופט דאָס אויג און פרייט דאָס האַרץ, ביז מען פאָרט אַריין אין אַ שטעטל, באַוווינט פון דער סעקטע מורמאָנען, וואָס גלויבן אַז יעזוס האָט דאָס זיי צוגעזאָגט דאָס הייליקע לאַנד ציון. זיי האַלטן זיך טאַקע פאַר אָפּשטאַמיקע פון עפּעס אַ ווייסע אינדיאַנישע ראַסע, וועלכע האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט אַזש פון ארץ־ישראל, ווי אַ טייל פון די פאַרלוירענע צען שבטים. פאַרמאָגן זיי דאָ זייער אייגענעם ים־המלח און אַ ציון־פאַרק און וואַרטן דאָ ביז משיח וועט זיי ברענגען צוריק קיין ארץ ישראל. אָבער דערווייל ווערן זיי רייך פון שלייפן די

קאַלירטע שטיינער וואָס די נאַטור שטעלט זיי צו, פאַרקויפן עס צו די רייכע טוריסטקעס און בענקען מער, נאָך די צייטן ווען זיי האָבן געהאַט אַ סך ווייבער, ווי צום לאַנד ציון. דער אויטאָ בלייבט שטיין ביי עפּעס אַ הילצערנעם באַראַק, ווו עס געפינט זיך אַ גרויסער רעסטאָראַן, דאָ עפּעס אָפּצועסן און באַטראַכט די פאַרשידענע שיינע שטיינער מיט וואָס דאָס שטעטל איז דאָ רייך.

אָפּגעגעסן און איבערגענעכטיקט אין דעם קליינעם שטעטל, אין אַ ניט טייערן האָטעל, נעמט זייער אויטאָ, גאַר פרי, ווייטער לויפן איבער דער פאַרשיכורטער שיינקייט, מיט וווּנדערלעכע קאָלירטע שטיין־בערג. דורכגעפאָרן פּרימיטיווע אינדיאַנישע דערפער. אָפּגעשטעלט זיך ביי עפּעס אַ בענזין־סטאַציע, באַזאָרגט זיך מיט בענזין און געפאָרן ווייטער, אַ גאַנצן טאָג איבער דער ווילדער שיינקייט, ביז דער הימל נעמט זיך טונקלען. דער אויטאָ שלענגלט זיך אויף איבער די שמאָלע וועגן אין די בערג, אָלץ העכער. די נאַכט צינדט אָן אירע שטערן־בריליאַנטן, פון הונטן איז אויסגעשפּרייט אַ ים פון ליכטיקע פונקען־פלעמלעך, פון אויבן מיט מעכטיקע שטערן־קאַנדעלאַבערס וואָס באַשטערנען דעם וועג צום שפּיץ פון באַרג, ווו עס וואַרט אויף זיי אַ העל באַלויכטענער האָטעל פאַר די טוריסטן און וואַנדערער. קומענדיק פון הייסן טאָל אַרויף צום קאַלטן שפּיץ־באַרג וואַרעמט מען די געפרוירענע ביינער, ביים הייסן קאַמין, אין דער פּראַסטיקער נאַכט. די טישן פון גרויסן עס־זאַל זענען באַזעצט מיט טוריסטן, די קעלנער און קעלנערינס זענען סטודענטן פון שכנותדיקן קאָלעדזש, וואָס נאָך דער קאָלאַציע וואַרפן זיי פון זיך אַראָפּ די ווייסע קעלנערישע פאַרטוכער און פאַרוואַנדלען זיך אין אַרטיסטן וואָס פאַרווײַלן די טוריסטן מיט פריילעכע סקעטשן, מיט טענץ און געזאַנג. זיי פירן אויס מיט טאַלאַנט די אַלע פונקציעס כדי צו פאַרדינען אויף לערנען.

עס שלאָפט נאָך די נאַכט אָבער די טוריסטן וועקן זיך פון שלאָף, ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם זונען־אויפגאַנג אין די קאָלאָראַדער בערג. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צום מזרח פון וואַנען עס דאַרף זיך אַרויסדראַפּן דער טאָג. אַט שיילט זיך אויס אַ העלער פלעק, ווען דער נעפּל ווערט צערונען אין דער נשמה אַ חלום נורט, וועקט זיך דער באַגינען צום נייעם טאָג־געבורט. קיין מענטשלעך וואָרט פאַרשוועכט ניט די הייליקע מינוט

פון דעם טאָג־טעגלעכן נס פון געבורט, ביז אַ בליץ־טראַפּ זאָגט אָן די בשורה פון אויפגאַנג, ווי עס צינדט זיך דער טאָג. אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס מורמלען אין תפילה־שעפּטשען פון אַ גרופּע פרומע מורמענער וואָס קומען ביים זונען־אויפגאַנג, מיט זייער גלח, וואָס טראָגט ניט קיין באַזונדערע קליידונג, אָבער ער לייענט זיי, פון תהילים צו דער־מאָנען גאָט אין זיין צוזאָג זיי צוריקצוקערן קיין ציון. צי מיינען זיי אויף ערנסט צו פאַרלאָזן אַמאָל דאָס רייכע אַמעריקע?

וויערא קערט זיך טאַקע צוריק קיין ציון, אין דעם לעצטן אָוונט אין דער פּרעמדקייט זיצט זי אין אַ גרויסער הילצערנער האַלע, אויפן סאַמע ברעג פון שטילן אָקעאַן, מיטן געפּיל פון דאַנק צום לאַנד, ווו זי האָט אַ סך געלערנט. כאָטש זי האָט זיך ניט געטראָפן מיטן אמתן אַמעריקאַנער, מיטן פּשוטן מענטש, וואָס שטייט אויף אין שחר צו דער אַרבעט און אין אָוונט דערטרינקט ער זיינע זאָרגן אין וויסקי, די מענטשן ערלעכע און נאַיווע וועמענס חלומות וועלן קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. זיי וועלן ביזן טויט זיך טרייסטן, אַז אין פרייען אַמעריקע קען אויך אַ שטיוול־פּוצער ווערן אַ באַנקיר און אַפילו אַ פּרעזידענט. אָבער דער שוועלטאָג און די נויט בלייבט אַלץ דער סיאַמער־צווילינג פון דער „אַמעריקאַנער טראַגעדיע".

לעקן די ים־כוואַליעס די הילצערנע ווענט פון דער גרויסער האַלע. מען דערלאַנגט פרישע, געשמאַקע, געפּרעגלטע פיש גלייך פון די נעצן. אונטער דער פּורפּור־רויטקייט פאַרגייט די זון אויף די פאַרבענקטע ים־כוואַליעס וויגט זיך אַ זעגל, צינדט פרייד און בענקשאַפט אין וויעראַס האַרץ אַ פאַרגאַסענע מיט ליבע. זי טרוימט וועגן יונהן אין האַרץ גליט דאָס באַנג, ווי אַ זיסער פרילינג־געזאַנג. ביידע האָבן דורך שטורעם פון בלוטיקע טעג, דורך פייער וואָס אַלץ האָט צעשטערט, זיך געטראָפן און פאַרייניקט זייערע הערצער, איז ביידן אפשר דאָס פאַרלוירענע גליק ווידער באַשערט? מאָרגן פליט זי אָפּ דורך ניו־יאָרק קיין פּאַריז ווו זי וועט זיין בלויז איין וואָך און פון דאָרט אַריינפליען גלייך אין די אָרעמס פון איר געליבטן און אויסקושן פאַר דער גאַנצער צייט איר איינציק טעכטערל.

קוקט זי צום לעצטן מאָל אויף דעם סטיכישן געיעג פון די אויטאָס.

אויף זייער ווילדן געלויף איבערןברייטן אַספּאַלט, איבער די מאַסיווע בריקן און דאַמבעס. זיי צעשפּרייטן זיילן פון שטויב און קאַפּעטש. צע־פליען זיך איבער שליאַכן, צו ווייטע שטעט און סטאַציעס. שלינגען אײַן צייט און מהלך, צעגיסן דעם ריח פון גאַזאָלינען און לויפן איבער כאַאָס פון סדומישע שטעט פון פיליסטערישן מאַראַל, דאַן קיכאַטישן חלום און קרעמערישע השגות. וואָס שאַצט אָפּ דעם ווערט פון אַ מענטש לויט דעם וואָס ער פאַרמאָגט און ניט לויט דעם וואָס ער איז, וואָס פאַר־שרייט יעדן רוף נאָך יושר פאַר אַן אויטאָפּיע און פאַרגעסט אַז דער ערשטער אוטאָפּיסט איז געווען דער זון פון די געטער פּראָמעטעאוס, וואָס האָט די מענטשן געשאָנקען דריי מתנות: דאָס פייער, דעם בונט און די פריי־הייט. איז אַדיע אַמעריקע! זי פליט אַהין ווו עס וואַרטן איר הייסע קושן און זיסער שמייכל, וואָס וועט פאַרהיילן אַלע וווּנדן פון האַרצן. איז וואָס גיכער אַריבערצושווימען דעם אָקעאַן פון בענקשאַפט.

ווען דער שטאָלענער אָדלער רייסט זיך אָפּ פון דער ערד און טראָגט זיך איבערן ברייטן אַטלאַנטיק, אויף די פליגלען פון האָפענונג צום נייעם לעבן. זינגט איר האַרץ און זי שפּינט חלומות און פּלענער, כאָטש עס מאַטערט זי נאָר איין האַרבע פראַגע: — צי מעג זי אָוועקרייסן יונהן פון קיבוץ, פון זיין גרויסער משפחה און אים צובינדן צו זיך אין גאַנצן? ניין ער וועט דאָס ניט באַדויערן, זי וועט אים דערפאַר מיט אַ גרויסער ליבע און געטריישאַפט באַלוינען.

ב

פּאַריז טראָגט וויעראַן אַנטקעגן אַ פֿריינטלעכן שמייכל. אָנקומענדיק אויפֿן פּלי־פּלאַץ ארלי דאַרף זי דאָך דאָס ערשטע זיך פּאַרזאָרגן מיט אַ געלעגער און ווו אירע וואַליזקעס אַוועקצולייגן. באַקומען אין אינפֿאָר־מאַציע־ביוראָ אַן אַדרעס פֿון אַן אכסניה ווו מען רעדט דייטש, ווייל קיין פֿראַנצויזיש קען זי דאָך ניט, קומט זי אָן צו אַ סימפּאַטישער פֿאַמיליע, וואָס לעבט פֿון אַ פּאָר מעבלירטע צימערן פֿאַר סטודענטן און געסט פֿון אויסלאַנד, לאָזט דאָ וויעראַ איבער אירע וואַליזקעס, קויפֿט אַ מאַפּע פֿון דער שטאָט און לאָזט זיך אַוועק איבער די פֿרעמדע גאַסן. זי געפֿינט זיך אין האַרץ פֿון פּאַריז אין איר שענסטער געגנט, די סיטי, וואָס איז אַן אינדזל און מיטן טייך סען. די געגנט איז רייך מיט מלוכהשע אינסטיטוציעס, מיט גערטנער. די פּאַלאַצן מוזעאומס באַצירט מיט אָרנאַמענטן פֿון נאַקעטע מלאכים, מיט ווענוס, פּסיכעס, דאַפֿנעס, עלפֿן און וואַלקיריעס, מיט טאַנצנדיקע באַיאַדערעס. שפּאַנט זי איבער דער מעטראָפּאָליע פֿון קונסט און געשיכטע און גייט אַריין אין דער באַרימטער נאָטערדאַם קאַטעדראַלע וועלכע איז פֿון דער רעוואָלוציע צעשטערט און דערנאָך צוריק אויפֿגעבויט געוואָרן, ווו נאַפּאָלעאָן איז

געקרוינט געוואָרן פאַר דעם קייזער פון פראַנקרייך. אָבער מער ווי נאַפּאָלעאָן דער מאָסן־מערדער. אינטערעסירט וויעראַן הוגאָס געשיכטע וועגן „גלאַקנציער פון נאָטערדאַם", דער פיזיש מיאוסער הויקער קוואַזימאָד וואָס איז געווען באַשאַנקען מיט די איידלסטע געפילן פון רחמנות, מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבע צו דער אָרעמער יתומה עסמעראַלדאַ, וואָס איז דורך שלעכטע מענטשן גערודפט געוואָרן. מעגלעך, אַז צווישן די אַלע בילדער פון תנכישע געשטאַלטן, צווישן די סקולפּטורן פון הייליקע איז ער, דער גלאַקנציער געווען דער הייליקסטער. ניט ווייט פון נאָטערדאַם, איז דער יוסטיץ פּאַלאַץ און ווייטער ביים ברעג פון דער סענע זענען די באַרימטע „בוקעניסטן" וואָס פאַרקויפן בילדער און אַלטע ביכער אין ווערמענס פאַרשטויבטע בלעטער וואַלגערט זיך פראַנקרייכס שטורמישע געשיכטע, מיט אירע האַלב נאַרמאַלע קעניגן און אויסגעלאַסענע קעניגינס מיט פאַרברעכער אויף טראָנען, און מיט צעשטורעמטע מאַסן, מיט די יאַקובינער און סאַנקוליאָטן. אַט ראַיעט אַרום דער סטאַטוע פון קעניג הענרי דעם צווייטן אַ מתנה טויבן. פון דאַנען שפּאַנט וויעראַ אַריבער די בריק אָרלעאַנס צו דער פּוילישער ביבליאָטעק און דער אַדאַם מיצקעוויטש־מוזעאום, ווו עס געפינען זיך אויך דאָקומענטן פון דעם לעבן פון שאָפּענען. ווייטער איז דער באַרימטער ליוווער. אָבער וויעראַ וועט דאָך דעם ערשטן טאָג דאָרט ניט אַריינגיין, זי וויל פריער זען די שיינקייטן פון דער שטאָט, דעם פּרעכטיקן טיולער גאָרטן מיט אירע סקולפּטורן און בלומען. גלייך איז דער באַרימטער פּלאַץ קאָנקאָרד מיט אירע וווּנדערלעכע פאָנטאַנען און דענקמעלער, ווו געשטאַנען איז די בלוטיקע גילאָטינע וועלכע האָט אין נאָמען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט געהאַקט די קעפּ פון ברידער. אין נאָמען פון גאָט פון שכל האָט דער מאָראַליסט ראָבעספּיער, וועמען מען האָט ניט געקענט קויפן פאַר געלט, ניט מיט חניפה, האָט געשיקט טויזנטער אויף דער גילאָטינע, צווישן זיי זיינע נאָענטסטע חברים: דאַנטאָן, הערבערט און קאַמיל דעמולין. שטייענדיק פאַר דער גילאָטינע האָט דער לעבנסלוסטיקער דאַנטאָן, וואָס האָט געהאַסט יעדן גראַשנדיקן מאָראַל און גוט פאַרשטאַנען אַז נאָך אים וועט קומען די רייע פאַרן עסקעטישן מאָראַליסט האָט ער געזאָגט צום תליין, ווען יענער האָט געוואָלט בינדן זיינע הענט מיט צוויי רימענס:

„גענוג איינע! די צווייטע באַהאַלט פאַר ראָבעספּיערן!" מוז דען יעדע רעוואָלוציע זיך אָנהייבן מיט באַפרייערישע אידעאַלן און מיט העראָיזם און ענדיקן מיט אַ שרעקלעכער טיראַניע?

אָנגעזאַפּט זיך מיט איינדרוקן און שיינקייטן פון פּאַריז לאָזט זיך וויערא מיטן מעטראָ צוריק צו איר געדונגענעם צימער, זיך אָפּרוען און דורכשלאָפן די ערשטע נאַכט אין דער וווּנדערלעכער שטאָט. אָבער וואָס לאָזט איר ניט שלאָפן, די נאָענטקייט צו דער היים, די בענקשאַפט צו די איינדרוקן? קוקט זי מיטן דער נאַכט דורכן פענצטער אין דער גאַס אַריין. די לאַמטערנעס באַליכטן די שמאָלע שלאָפנדיקע הייזער, איינגע־הילטע אין אַלטקייט און לעגענדעס, העראָישקייט און טראַגעדיעס, פון שטורמישע רעוואָלוציעס, מיט לעגענדעס וועגן מיראַבאָ, וואָלטיער, רוסאָ, ראָבעספּיער, דאַנטע. עס האָבן דאָך אין די געסלעך געלעבט די העלדן פון וויקטאָר הוגאָ, פון זאָלאַ און באַלזאַק. פון דאַנען האָט דאָס באַוווּלטע פּאַריזער פאָלק געלאָזט זיך, מיטן געזאַנג פון דער „מאַרסיליעזע" צו שטורמען די באַסטיליע, פּראָקלאַמירט די קאָמונע און געשפּינען איר גרויסן חלום פון פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט, וואָס איז ניט איינמאָל ברוטאַל געטראָטן געוואָרן דורך קאָלומנעס זעלנערישע שטיוול. דער הייסער גייסט פון פרייהייט האָט געשוועבט איבער די אַלטע שמאָלע געסלעך פון די אָרעמע קוואַרטאַלן. און אפשר שוועבן נאָך איבער זיי די לעגענדעס פון יענע העראָישע טעג? אַ שאָד וואָס די רעוואָלוציעס האָבן פאַרגאָסן מער בלוט ווי געשאָנקען גליק. זיי האָבן געטוישט די רעזשימען, געטוישט די אַלטע הערשער אויף נייע, געבליבן איז די אַלטע נויט, די זעלבע שקלאַפעריי. אפשר דאַרף מען אָנהייבן די רעוואָלוציע אין די מענטשלעכע מוחות איידער מען שטעלט באַריקאַדן אויף די גאַסן?

אין דער פרי טרעפט וויעראַ, אין דער אכסניה ביים אָנבייסן, אַן אײדל מיידליש־פּנים אין וויעראַס עלטער, ניט שטענדיק זענען פּנימער שפּיגלען פון דער נשמה, זיי קענען אויך זיין מאַסקעס, אָבער וואָס טוט זיך אין דער נשמה פון אָט דעם בלאָנדן מיידל מיט די גרויסע בלויע אויגן? פאַר העפלעכקייט מוז מען דאָך, עסנדיק ביי איין טיש, אויסרעדן אַ פּאָר ווערטער אפילו מיט אַ פרעמדער. וויעראַ קען ניט קיין פראַנצויזיש קען אָבער דאָס מיידל אויך דייטש. צי איז זי ניט אַמאָל אַ דייטשקע?

וויעראַן וואָלט גאָר ניט געווען אַנגענעם צו עסן ביי איין טיש מיט וועמען פון אַט דעם מערדישן פאָלק. אָבער ווי קען מען זיין ניט העפלעך צו אַזאַ סימפּאַטישע איידלקייט? איז נאָך אַ פּאָר ווערטער ווייזט איר וויעראַ דעם לאַגער־נומער אויף איר האַנט און שטעלט זיך פאָר אַלס אַ יידישע. דאַן לאָזט דאָס דייטשע מיידל אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט מיט פייכטע אויגן: איך שעם זיך וואָס כ׳בין אַ דייטשקע. איך שעם זיך וואָס מיין פאָלק האָט געטאָן צו די יידן! די טרערן און די אויפריכטיקע רייד רופן אַרויס צו דער דייטשקע אַזאַ סימפּאַטיע, אַז וויעראַ קען זיך ניט באַהערשן און גיט איר אַ קוש און ביידע צעקושן זיך ספּאָנטאַניש, ווי צוויי שוועסטער.

— אָבער פון וואַנען ווייסט זי וואָס דייטשע זעלנער און עס. עס.־לייט האָבן געטאָן קעגן יידן? די מערדער שרייען אַז זיי האָבן גאָר ניט געוווּסט און גאָר ניט געזען? פרעגט איר וויעראַ און דאָס מיידל דערציילט איר גלייך איר געשיכטע:

— איך האָב געלעבט אין אַ שטעטל ניט ווייט פון בערלין מיט מיין מוטער, אַן אַלמנה. מיין פאָטער איז געווען אַ מוזיקער און איז פרי געשטאָרבן. אין מיטן גרויל פון דער מלחמה, ווען עס איז אַריין צו אונדז די סאָוויעטישע אַרמיי האָט מיך אַ רוסישער זעלנער געוואָלט פאַר־גוואַלטיקן אָבער צו מיין גליק איז ווי אַ נס, אויף מיין און מיין מוטערס געשרייען, אַנגעלאָפן אַ יידישער זעלנער, פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און מיך אָפּגעראַטעוועט פון דער שרעקלעכער שאַנד. חוץ וואָס ער האָט מיך געראַטעוועט איז ער געווען צו אונדז אַזוי פריינטלעך, אונדז געהאָלפן מיט שפּייז ווען מיר זענען געווען אַזוי שרעקלעך הונגעריק. מיט אונדז זיך באַפריינדעט. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט דעם גאַנצן אמת, וועגן די דייטשע פאַרברעכנס, פון זייער סאַדיזם און מאָרד־גרוילן. ווי זאָל איך ניט גלויבן אַזאַ טייערן ריטערלעכן בחור, וועלכער האָט מיך געראַ־טעוועט פון גרעסטן אומגליק? בין איך אים געבליבן אויפן גאַנצן לעבן דאַנקבאַר, און כ׳וועל אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס אַנשטאָט מיך צו האַסן ווי אַ טאָכטער פון דעם פאָלק וואָס האָט אומגעבראַכט זיינע עלטערן און זיין פאָלק האָט ער ווי אַן אמתער ריטער מיך געראַטעוועט? פון דעמאָלט אַן האָב איך באַקומען אַן עקל צו מיין פאָלק און שעם זיך צו

זיין אַ דייטשקע. נאָכן ענדיקן די מלחמה האָב איך מיט מיין מוטער פאַר־לאָזט מזרח־דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין דיסעלדאָרף און פון דאָרט געקומען קיין פאַריז צו שטודירן די פראַנצויזישע שפּראַך. איך לעב דאָ פון אַ קליינע סטיפּענדיע און בענק נאָך צוריק קיין דייטשלאַנד נאָר צו מיין גוטער מוטער. איך וויל אַז אויך זי זאָל דאָ קומען. איך האָב דאָ אַ געליבטן, אַ יידישן סטודענט. ווען מיר ביידע וועלן ענדיקן דאָס שטודירן און זיך איינאָרדענען אין פאַריז וועלן מיר אַראָפּברענגען אַהער מיין מוטער. איך וויל ניט אַז זי זאָל זיין אין דייטשלאַנד. איך האָס מיין פאָלק. מיך וווּנדערט פאַר וואָס מיין יידישער בחור קען מיך אַלס דייטשקע ליב האָבן. מיך וווּנדערט אויך אַז דו וואָס האָסט אַזויפיל פון דייטשן געליטן קענסט זיין צו מיר אַזוי העפלעך און אַזוי גוט ווען איך אַליין קען זיך ניט מוחל זיין וואָס כ׳בין געבוירן אַ דייטשקע ?

אויסהערנדיק די געשיכטע, וואַקסט נאָך מער אין ווייראַן די סימ־פּאַטיע צו דער דייטשקע, זי דריקט איר האַנט און זאָגט :

— קיין מענטש טאָר זיך מיט זיין פאָלק, ניט שעמען, נאָר מיט די פאָלקס־פאַרדאַרבער. די היטלער־מגיפה איז גאָר ניט קיין ריין דייטשער פּאַטענט. קיין פאָלק איז גאָר ניט באַוואָרנט צו ווערן אַ קרבן פון אַ וואַנזיניקן דיקטאַטאָר, וואָס איז דאָך דער עקסטרעמער אויסדרוק פון יעדער מאַכט, זי קען אַרויסוואַקסן פון יעדן פאַנאַטיזם, פון יעדער שנאה. דער היטלעריזם איז געווען אַן אַנשטעקנדיקע מגיפה און געקענט דערפירן אַ גאַנץ פאָלק צום גרעסטן שגעון, צו די גרעסטע פאַרברעכנס. אָבער די וואָס זענען ניט אָנגעשטעקט מיט די דאָזיקע באַצילן קענען דאָך זיין צווישן זיך די בעסטע פריינד. איז דען פאַראַן אַ גרעסערע זאַך ווי פעלקער־פריינדשאַפט ? פרייט מיך וואָס דו האָסט אַ יידישן געליבטן און נעם אויך צו מיין פריינדשאַפט, ווי רופט מען דיך ?

אַנדזשעלאַ, ענטפערט זי, און ביידע שליסן מיט קושן זייער פריינדשאַפט.

ווי צוויי שוועסטער שפּאַנען שוין ביידע פריילעכע איבער דעם וווּנ־דערלעכן פאַריז. אַנדזשעלאַ וועלכע קען גוט די שטאָט, פילט זיך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים, זי רעדט פראַנצויזיש און האָט ליב פאַריז. כירט זי ווייראַן דאָס ערשטע אַוועק אויפן מאָנטפּאַרנאַס צום קבר פון גרויסן ייד און דייטשן פּאָעט היינריך היינע, וואָס האָט אַמבעסטן געקענט

די פינצטערנישן פון דער דייטשער נשמה. אַ סך דייטשן וועלן אים קיינמאָל ניט מוחל זיין וואָס ער האָט געשריבן אין זיין „דייטשלאַנד אַ ווינטער־מעשהלע" אַנדזשעלע איז אָבער פאַרליבט אין זיין פּאָעזיע. זיי באַזוכן אויך די קברים פון די פראַנצויזישע שרייבערס: אַלעקסאַנדער דיומאַ, סטאַנדאַל און שאַרל באדלער און פון בית הקברות לאָזן זיי זיך איבער אַלטע, שמאָלע געסלעך אַרויף צום שפּיץ פון מאנטמאר, ווו צענדליקער מאָלערס מאָלן דאָ די שיינקייטן פון פּאַריז און פאַרקויפן פאַר טוריסטן. דערנעבן איז דער קלויסטער סאקרא מיטן גרעסטן קלויסטער־גלאָק, פון אויבן זעט מען די גאַנצע שטאָט פּאַריז אין איר גאַנצער שיינקייט. צוריק גייען זיי איבערן פּיגאַל און בולוואַר קלוש, דער צענטער פון פּאָרנאָגראַפיע, סעקס־פילמען און פראָסטיטוציע, ווי אין זייטיקע געסלעך שטעלן זונות אויס זייערע גרויסע ברוסטן רעקלאַמירנדיק זייער באַרוף... און וויערא כאַפּט אויף מיט די אויגן, ווי אַ פילם־אַפּאַראַט דאָס ברוטאַלע לעבן, וואָס שפּראַצט אויף די גאַסן.

אויף די שפּאַצירן איבער דער שטאָט בינדט זיך אַלץ שטאַרקער די פריינדשאַפט צווישן ביידע. אַנדזשעלאַ דערציילט וועגן איר יידישן געליבטן דזשעק און וויערא וועגן איר בחור יונה און ווי צוויי שוועסטערס פרייען זיי זיך מיטן גליק פון דער צווייטער. וויערא דערציילט איר וועגן ישראל און אַנדזשעלאַ קען זיך ניט באַפרייען פון דער שולד־געפיל. זי קוקט אָפט מיט טרויעריקע אויגן אויף דעם לאַגער־נומער אויף וויעראַס האַנט און זי פרעגט איר:

— ווי קענסטו זיין צו מיר אַזוי פריינטלעך? אייגנטלעך דאַרפסטו דאָך מיך האַסן אַלס דייטשקע, מיר האָבן דאָס פולשטענדיק פאַרדינט.

— ווי קען מען דיך האַסן ווען דו ביסט אַזוי ערלעך און איידל, ווי קען מען דיך ניט ליב האָבן? דו ביסט דען שולדיק פאַר די מערדערייען פון די נאַציס? מיר איז באַקאַנט אַז אין אוישוויץ זענען געווען אויך פאַר־שפּאַרט אַ גרופּע דייטשע פרויען, געקומען זענען זיי פון ראַווענסבורגער לאַגער, ווייל זיי זענען אַלס ביבל־פאַרשערס געווען קעגן היטלעריזם און זיך אָפּגעזאָגט אין לאַגער צו אַרבעטן כדי ניט צו העלפן די היטלע־ריסטן אין דער מלחמה. זיי האָבן אויך געפירט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. זיי די איידעלע דייטשקעס זענען אויפגעשווידערט געוואָרן זעענדיק וואָס

די היטלעריסטן טוען קעגן די יידן אין אוישוויץ. אַ סך פון אַט דער רעליגיעזער סעקטע זענען דורך די נאַציס אומגעבראַכט געוואָרן. גייענדיק צום טויט האָבן זיי אויסגעשריגן זייער ווײ־געשריי קעגן דעם מאָרד איבער יידישע קינדער. זענען אויך זיי געווען הייליקע נשמות אומגעקומען צוזאַמען מיט די יידישע קדושים.

הערט אַנדזשעלאַ זי אויס מיט דאַנקבאַרקייט און וויערא דערקענענדיק גוט אַנדזשעלאַן פרעגט זיך אַליין — צי קען מען דען משפטן דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, איז דאָך מסתמא צווישן זיי געווען אויך אַזעלכע אומשול־דיקע און איידעלע הערצער ווי אַנדזשעלאַ? האָט דען צווישן יידן געפעלט קאַפּאָס וואָס האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן די היטלעריסטן אומברענגען זיי־ערע אייגענע יידישע ברידער? זענען דען די פּאָלאַקן, אוקראַינער און לעטן געווען בעסערע צדיקים ווי די דייטשן?

אַנדזשעלאַ ווייזט וויעראַן דאָס שענסטע וואָס פּאַריז פאַרמאָגט און אין אָוונט פירט זי איר אין אַ קאַפע אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, צו באַקענען מיט איר יידישן בחור דזשעק. שפּאַנען ביידע צו דעם רוישיקן בולוואר סען מישעל, און דאָ אין אַ קליינער קאַפע טרעפן זיי דעם הויכן שלאַנקן יידישן בחור וואָס גלייך נאָכן באַקענען זיך, דערציילט ער וויעראַ די געשיכטע פון זיין לעבן:

— מיינע עלטערן האָבן אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע, פאַרן דעפּאָרטירט ווערן מיך אַלס צען־יעריק קינד, איבערגעגעבן צו אַן אַנשטענדיקער פראַנצויזישער פאַמיליע און אַליין זענען זיי ערגעץ אומגעקומען אין אַ לאַגער. די פראַנצויזישע פאַמיליע האָט מיך געהאַלטן ווי אַן אייגענעם זון, מיך געלאָזט לערנען און איך בין דערצויגן געוואָרן צווישן פראַנצויזן, געשפּילט זיך מיט פראַנצויזישע קינדער, זיך אָנגע־זאַפּט מיט דער פראַנצויזישער קולטור און פראַנצויזיש איז מיין שפּראַך. כ׳האָב אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיינע עלטערן און איך בענק נאָך אַ יידיש לעבן. אפשר אַז כ׳וועל ענדיקן שטודירן וועל איך מיט אַנדזשעלאַן, אַוועק קיין ישראל און דאָרט לעבן אין אַ קיבוץ.

אָבער וואָס ווייסט דזשעק וועגן ישראל און וועגן קיבוץ? דערציילט זי וויעראַ וועגן ישראל און וועגן קיבוץ. זי דערציילט זיי וועגן יונהן וואָס לעבט אין קיבוץ און אַלע דריי פילן זיך היימיש און ביי אַ גלאָז קאַווע

ווערט געבוירן אַ גרויסע האָפענונג, אַז אַלע וועלן זיך טרעפן דאָרט אין ישראל און לעבן אין גרויס פריינדשאַפט. דערווייל גיט זיי וויערא איר אַדרעס אין ישראל און זאָגט צו צו שרייבן און אָנהאַלטן מיט זיי אַ בריוולעכע פאַרבינדונג.

צומאָרגנס איז אַנדזשעלאַ געווען פאַרנומען איז וויערא אַליין אַוועק צום לוווער. געוואַנדערט איבער די זאַלן און באַוווּנדערט די בילדער פון פראַגונאַר, פוסאַן, וואַטאַ, בושאַס, זשאַן גלאַד, דעלא טורעס „מוטער־ליבע" און דע לאַ קרואס „קאַמף פאַר פרייהייט" ראַפאַעלאס „מאָנאַ ליזאַ", בילדער פון דער מצרישער, גריכישער און רוימישער קונסט פון רעליגיעזן כאַראַקטער און דאָרפישן לעבן און די גאַלעריע פון באַרימטע פאָרטרעטן פון אַדל־לייט פון אַזעלכע מאַלער ווי רובענס, גאָיאַ, דוד, און די סקולפּטורן פון מיכאַל אַנדזשעלאַ. און ווידער אַוועק צו די לעבעדיקע בילדער פון דינאַמישן לעבן, ווי די לעבעדיקע מאָנאַ ליזאַס טראָגן אייליק זייערע געפּאַקטע פּיסלעך איבער די שטיגן פון די מעטראָס, שפּאַנען אין די פּאַרקן, שפּילן זיך מיט זייערע קינדער אין די גערטנער. די קונסט און דאָס לעבן אין איין הייסן ריטם געפלאָכטן: דער גלאָקן־קלאַנג, דער ביימער־רעש, דער געיעג פון באַנען און אויטאָס, דער געזאַנג און הייסער צאַפּל פון לעבן מיט אירע באַזאַרן, קאַפעען, טעאַטערס און קאַבאַרעטן. די שאַנז עליזיי, די מוזעאומס און פּאַלאַצן, די מאַרעלן־קירכע, בורבאָנען־פּאַלאַץ, דער אייפל־טורעם און טריאומף־טויער. דער לאַטייניש קוואַרטאַל, די סען און אירע בריקן. דער לוקסנבורג גאָרטן און אַלע אַנדערע פּאַרקן און גערטנער איז דאָס ניט קונסט? איז דאָס ניט אַ קעניגרייך פון שיינקייט? און די מיסטעריעזע אַלטע געסלעך מיט אירע רייכע געשיכטעס און לעגענדעס און דער געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע איז דאָס ניט קונסט? קונסט מיטן געצאַפּל פון לעבן כאָטש דאָס פאָלק וואָס האָט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם געשריגן — זאָל לעבן די פרייהייט! האָט אויך געקענט שרייען „הוראַ" דעם גרויסן לץ אויפן טראָן נאַפּאָלעאָן דעם דריטן.

דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אַ סך שטורעמס דורכגעלעבט, אַ סך הערלעכקייט און אַ סך בזיונות און אַלץ געבליבן דאָס זעלבע פאָלק, דאָס זעלבע פּאַריז. אָבער ווו זענען די פּאַריזער יידן? נאָר רעשטלעך זענען געבליבן פון אַמאָליקן פּאַריזער יידנטום. צאַנקט דאָ און גוססט

אַ יידיש לעבן. מען טרעפט זיי אַביסל אויף אַרום בולוואַר דע רעפּובליק. אַ פּאָר יידישע קרעמלעך אויף דעם „פּלעצל״ אַביסל יידן דרייען זיך אויף בעלוויל און פרעגט זיי בחירם מיט וואָס זיי האַנדלען? געבליבן די מערסטע אַלטע לייט, צעוויטיקטע נשמות, עלנטע, וואָס לעבן פון די דייטשע גוטמאַכונגס-פּענסיעס. לעבן דערפון וואָס מען האָט זייערע מענער אָדער ווייבער און קינדער אַרויסגעשלעפּט פון די שטובן און זיי אויס־געמאָרדעט. זיי ווערן באַלוינט פאַרן האַלטן זיי אין די גיהנום-לאַגערס, פאַר איבערייסן דעם פּולס פון אַמאָל שפּרודלדיקן עמיגראַנטישן-לעבן, וואָס איז געווען רייך מיט נויט, חלומות און געטריישאַפט. געבליבן איז דערפון אַ שטיינערנע מצבה פון „אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער״ און מצבות אויף די בית הקברות מיט יידישע אויפשריפטן.

ניטאָ מער אויפן „פּלעצל״ די כשרע יאַטקעס, די רעסטאָראַנען מיט כשרע קישקע און טשאָלנט. ניטאָ די „לינת הצדק״, ניט די שוויץ־בעדער און ניט די שוויץ-וואַרשטאַטן ווו מען האָט געשוויצט ביי פּרעסן הויזן און ביי דאַמען-טאַשן. עס וווינען מער ניט אין די מעבלירטע צימערן קיין איינזאַמע יידישע עמיגראַנטן פון פּוילן און רומעניע. יידישע ווייבער מאַכן מער ניט קיין „קאָמיסיאָנען״. ניטאָ קיין יידן וואָס זוכן אַרבעט און שלאָפן אונטער די בריקן. עס פירט מער קיינער ניט די אייביקע דיסקוסיעס וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. עס זענען דאָ אַביסל קרעמ־לעך פון געקומענע יידן פון אַלזשיר, זיי זענען פעיקע קרעמער אָבער קענען ניט חלומען און ניט שרייבן קיין פּאָעזיע. נאָר געציילטע יידן פון פּוילן האַלטן דאָ אונטער דעם זשאַר פון געשטאָרבענע אידעאַלן, פון דער דערמאָרדעטער „מאַמע לשון״. גיט ווער אַרויס אַ בוך אין יידיש איז ניטאָ וועמען צו פאַרקויפן. עפּנט מען אַ יידיש קינדערהיים זענען ניטאָ קיין יידישע קינדער. טראָגן זיי זיך אַרום מיט בענקשאַפט און האַרץ־קראַנקייט, מען הונגערט נאָך אַ יידיש ליד און מען באַגלייט אַ געשטאָר־בענעם צום בית הקברות, מען זאָגט קדיש נאָך אַ מאַמען אָדער טאַטן, מען שפּאַלט געשטאָרבענע פּאַרטייען. פּאָעטן, וואָס האָבן נעכטן געזונגען אַ לויב צו סטאַלינען, ווינקען מיט אַן אויג קיין ישראל, קרוינען זיך פאַר „פּראָגרעסיווע״ און ווילן ניט אַלץ פאַרשעמען זייערע נעכטיקע לידער. יידן וואָס האַנדלען מיט וואַלוטע פּרעדיקן „קלאַסן-קאַמף״, אַזעלכע וואָס

האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט האַלטן זיך פאַרן אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַ־ריאַט. נעכטיקע סטאַליניסטן ווערן הייסע ציוניסטן און פאַרטיידיקן די בונדישע טעאָריע פון אַ „וועלט־פאָלק" — כדי ניט צו טראָגן די פליכט צו באַזעצן זיך אין ישראל. זיי שרייען זאָל לעבן ישראל און בלייבן לעבן אין פאַריז. ווער וועט זיי אויסהיילן פון האַרץ־קראַנקייטן און דאָס קראַנקע יידישע לעבן, וואָס קלאַמערט זיך אין זייער איינזאַמקייט אין דער פרעמדקייט?

וואָס צווינגט אַ פרוי וואָס איז שוין גענוג דורכגעגאַנגען אין לעבן, צו קלאַמערן זיך אין פאַריז? דערציילט זי וויעראַן ווער עס האָט זי געראַטעוועט פון טויט:

— איך בין אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע געווען אויס־באַהאַלטן אין די שמוציקע געסלעך פון 20־טן אַראַנדיסמען. דורך פראַנ־צויזישע שיכורים, גנבים, פּראָסטיטוטקעס און שוואַרץ־אַרבעטער. זיי האָבן אויסבאַהאַלטן אַ ביסל יידן, וואָס דאָס איז גאָר ניט געווען לייכט, ניט זעלטן האָט דער טויט געפּאַכעט איבער אונדז. מיר זענען געווען אַממערסטנס יידישע פרויען, וועמען עס איז שווער געווען צו דערקענען אַז מיר זענען יידישע, דאָך האָבן מיר זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין נאַסע קעלערס. עס האָבן אונדז געהיטן און געשפּייזט שיכורע קאַנסער־זשענס, פּשוטע און פּראָסטע מענטשן. זיי זענען געווען צו ווייניק „אינ־טעליגענט" צו פאַרראַטן פראַנקרייך, צו פאַרראַטן אומגליקלעכע פרויען. אין זיי האָט נאָך געפלאַמט אַ פונק פון מענטשלעכקייט. זיי האָבן דאָס אויך אונטערגעשטיצט די רעזיסטענץ־באַוועגונג. פאַרשפּרייט אומלעגאַלע אויפרופן, צייטונגען, פאַרכאַפּט געווער ביי די דייטשן, זיך באַוואָפנט און שפּעטער געהאָלפן באַפרייען פאַריז, פאַרטרייבן און נקמה נעמען אין די דייטשן. ביז היינט בין איך געבליבן מיט די ווייבער פון דער אָרעמקייט און אונטערוועלט אין דער האַרציקסטער פריינדשאַפט. וואָס שפּינט זיך פון יענע טראַגישע פינצטערע טעג זיי זענען שוין צו אַלט מיך צו באַזוכן, זיי פאַרגעסן אָבער ניט, אין מיין איינזאַמקייט, מיר אָנצוקלינגען, פרעגן וואָס איך מאַך און צי איך נויטיק זיך אין עפּעס? צי קען מען דען גוטס־קייט, ניט לייכטער געפונען צווישן די אָפּגעשטאַנענע, דערנידעריקטע, ווי ביי די „קולטור־מענטשן?".

אָבער פון וואַנען אַזאַ גוטסקייט אין דער אײדעלער אַנדזשעלען? זי שטאַמט דאָך ניט פון דער אָפּגעשטאַנענקייט, איר פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער מוזיקער, איר מוטער אַן אינטעליגענטע לערערין און זי אַן אינטעליגענט מיידל? אין אָוונט נעמט זי ווידער וויעראַן אין אַ קאַפע זיך צו טרעפן מיט איר געליבטן יידישן בחור. וויעראַ איז אויפריכטיק צופרידן וואָס אַנדזשעלאַ איז גליקלעך מיט איר ליבע, מיט איר דזשעקן, און וואָס ער האָט געפונען אַזאַ טייער מיידל אין זיין איינזאַמקייט. אַלע דריי פירן צווישן זיך אַ פריינטלעכן שמועס אָבער דאָסמאָל ניט וועגן זיך, און דזשעק זאָגט:

— אין די עלטערע קלאַסן פון גימנאַזיע בין איך געווען באַצויבערט פון קאָמוניזם, דער ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מיר אימפּאָנירט מיט זיין העראָישן קאַמף קעגן היטלעריזם. ערשט אין אוניווערסיטעט האָב איך אָנגעהויבן אַנדערש צו טראַכטן. די ברוטאַליטעט פון סטאַלינען האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז שוין דער מאַרקסיזם איז געבויט אויף אַ גרויסן טעות. היינט ווייס איך אַז די מאַכט פון קאָמוניזם האָט די זעלבע חסרונות וואָס יעדע מאַכט און אַז די סאָציאַליסטישע פּאָליטיקאַנטן זענען פּונקט ווי די רעליגיעזע כהנים פאַרפּאַנצערט מיט דאָגמעס און אָבערגלויבנס, דאָ אין פּאַריז איז דאָך געבוירן געוואָרן דער באָנאַפּאַר־טיזם. נאַפּאָלעאָן איז געווען דער גייסטיקער פאָטער סיי פון היטלעריזם סיי פון סטאַליזם. ער האָט דאָס דער ערשטער געוואָלט איינפירן די „סטאַ־טיסטיק פון מאָראַל" וואָס זאָל אינפאָרמירן די מאַכט וועגן די פאַרבאָרגנסטע געפילן און געדאַנקען פון די בירגער. ליבע האָט ער געהאַלטן איז שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט. ער אַליין האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעליידיקט האַרץ, געווען אַ שונאַ פון מענטש און אַ פיינט פון דער מענטשלעכער פרייהייט.

— דער קאַפּיטאַליזם, רופט זיך אָן וויעראַ, וועגעטירט אין איר סופּערלוקסוס, דער קאָמוניזם איז פאַרזונקען אין דעספּאָטיע,ביידע זענען גייסטיק צעפרעסן, ביידע ווילן מאַכן דעם מענטש פאַר אַ צולאָג, אָדער אַ טייל פון דער מאַשין, דאָס אייל וואָס זאָל טרייבן די מאַשינען דאַרף זיין די שנאה. ביידע זענען אָבער ניט פעיק צו געפונען אַ ראַדיקאַלע ליזונג פאַר דעם מאַנגל אין דערנערונגס און ענערגיע־מיטלען; ניט צו דער מאַסן־נויט, פון די אָפּגעשטאַנענע לענדער, ניט צום גייסטיקן עלנט

ניט דעם פאַנאַטיזם וואָס קען אָפּשוועַנקען די גאַנצע ציוויליזאַציע צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם. אָבער ביידע מעכטיקע בלאָקן אַנשטאַט צו לינדערן די נויט פון זייערע אייגענע און פון די אָרעמע לענדער געפינען דעם איינציקן אויסוועג אין פאַרגרעסערן זייערע מיליטערישע בודזשעטן.

— דער קאַמף צווישן קאַפּיטאַליזם, זאָגט דזשעק, און קאָמוניזם גייט ווייטער אָן, כאָטש דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרלוירן זיין אַנגרייפערישקייט און דער קאָמוניזם זיין אידעאָלאָגיע. אין ביידע רעזשימען הערשט אומ־באַגרענעצט די נשמהלאָזע און פּרינציפּלאָזע ביוראָקראַטיע, וואָס נויטיקט זיך ניט אין קיין אידעאישן קאַמפּאַס. איר וויכטיקסטער ציל איז דינען דער מאַכט.

— אָוודאי גיט צו וויערא, קען אונדז ניט באַגייסטערן דער סאָציאַ־ליזם פון ברוטאַלן צוואַנג אָבער אויך די מערב־דעמאָקראַטיע איז ניט פון בעסטן מין פון געזעלשאַפטלעכער חכמה. די שוואַכקייט פון דער דעמאָקראַטיע איז וואָס זעלטן איז די מערהייט גערעכט. איז דען ניט היטלער געקומען צו דער מאַכט אויף אַ דעמאָקראַטישן וועג? וועט אויך די דעספּאָטיע פון דער מערהייט ניט אויסלייזן דעם מענטש פון עלנט און אונטערדריקונג און אויך דער אויטאָריטאַטיווער מאַרקסיזם וועט ניט דערלייזן די וועלט.

— דער מאַרקסיזם, זאָגט אַנדזשעלאַ, איז אויסגעוואַקסן אין דייטשלאַנד. די מערסטע דייטשע פילאָזאָפיעס האָבן געפּרעדיקט געהאָרכזאַמקייט און רעספּעקט צו דער מאַכט און צום שטאַט. די קנעכטישע אייגנשאַפטן פון די דייטשן גייט געפּאָרט מיט גאַוודיקע מאַניערן און העזהדיקע שטייפ־קייט פון אירע אָפיצירן. דער פּאָעט הילדערינג האָט געשילדערט אין דייטשן פּנים די זינד פון איר קולט צו מאַכט און כוח. הערדער האָט געזען אין דער מדינה אַ ראַק־קראַנקייט וואָס צעפרעסט די קולטור־אַנט־וויקלונג פון דער געזעלשאַפט און ווי אַ קאָסטבאַרע מאַשין וואָס קוועטשט צענויף מיט דער הילף פון איר ברוטאַלער קראַפט. די מערסטע דייטשע פילאָזאָפן האָבן ניט כאַראַקטעריזירט דעם דראַנג צו פרייהייט. קאַנט האָט געהאַלטן דאָס בונטעווען זיך קעגן דער מאַכט פאַר אַ שווערן פאַרברעכן, אַפילו דאַן ווען די מאַכט באַגייט טיראַנישע מעשים דאַרף

דער בירגער בלייבן געהאַרכזאַם. פיכטע האָט אין זיין „פאַרנונפטע שטאַט״ פאַרגעלייגט אַזוי אַרומצוריגלען דאָס לעבן, אַז די בירגער זאָלן צו יעדער צייט פילן די השגחה פון דער מאַכט. ער האָט געוואָלט פאַרזיכערן דעם מאַטעריעלן וווּל פון פאָלק אויפן חשבון פון זיין אינדיווידועלער פרייהייט. ער איז געווען דער ערשטער טעאָרעטיקער פון „מלוכה סאָציאַ־ליזם״, די נאַציס האָבן אין אים געזען זייער נביא, אָבער אויך העגעל האָט געשטרעבט צו אַ פּאָליצייאישער קעניגלעכער שטאַט און פון זיין פילאָ־זאָפיע איז אויסגעוואַקסן סיי דער מאַרקסיזם סיי דער נאַציאָנאַל סאָציאַליזם.

— די דייטשן האָבן גערעדט מיט פאַראַכטונג וועגן אַזעלכע „אוטאָפּיעס״ ווי: וועלט־פרידן, ברודערלעכקייט, מענטשלעכקייט און פרייהייט. ווען די פראַנצויזישע פילאָזאָפן זענען געווען הומאַניטאַר. דידרא האָט דרייסט דערקלערט אַז די נאַטור האָט קיינעם ניט געשאַנקען די רעכט צו גע־וועלטיקן איבער אַנדערע און זי האָט ניט געבוירן קיין הערן און קיין דינער, זאָגט דזשעק.

און דאָך ליגט די גלייכהייט און פרייהייט באַגראָבן צוזאַמען מיט אַלע רעוואָלוציעס, מיט דרייסיק טויזנט דערשאָסענע קאָמונאַרן אין דעם מאַסן קבר פון פער לאשעז. עס ליגט דאָ אויך פראַנקרייכס גרויסע גייסטער, קעמפער און דענקער, שרייבער, מוזיקער און דיכטער, אויך פּאָליטיקער מיט זייערע באַרימטע געליבטע. ווער קומט דאָ אויף זייערע קברים לייגן בלומען? דאָ ליגט דאָס טראַגישע געשטאַלט פון אָסקאַר ווײַלד, אויך פון אַלעקסאַנדער דיומאַ דער פאָטער און זשאָן אָפנבאַך. אויך אין פּאַנטעאָן ליגן די גייסטער וואָס געהערן צו דער אייביקייט, דער גרויסער דענקער, שרייבער, סאַטיריקער און דראַמאַטורג וואָלטיער, וואָס האָט ניט ליב געהאַט קיין יידן און געפירט מיט זיי געהיימע געשעפטן. געווען אַ שפּעקולאַנט און פּראַצענטניק, גייציק נאָך גאָלד און געלט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַסקעט און געפירט אַ ברייט צעלאָזן פאַרשווענדעריש לעבן. געווען אַ שונא פון די פּעדאַלן און געשיכורט אין די קרייזן פון דער פאַרדאַרבענער אַריסטאָקראַטיע. געשלאָפן מיט גראַפינעס און פּרינצעסינס. געחוזקט פון די הערשער און געחנפעט די קיסרים. געפירט אַ „פילאָזאָפישן״ פלירט מיט דער אויסגעלאַסענער רוסישער צאַרין יעקאַטעריִנאַ די גרויסע. אונטערגעריסן די מאַסקע פון דער רעליגיע און גלחים, זיך אָנגענומען פאַר

פּערזענלכע פרייהייטן, פאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט. פאַרוואָרפן פראַנקרייך מיט ראָמאַנען, און שאַרפע סאָציאַלע טראַקטאַטן, מיט דראַמעס און פילאָ־זאָפישע ווערק אונטער די פאַרשידנסטע פסעוודאָנימס. כאָטש ער האָט פאַרלייקנט אַז ער איז זייער מחבר דאָך האָט דער קלויסטער אַפילו, נאָך זיין טויט, געצייטערט פאַר זיין גיפטיק וואָרט. ער האָט מיט זיינע פרייע געדאַנקען גייסטיק צוגעגרייט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אָבער אַליין אַ גרויסער ציניקער. האָט אפשר דער רעוואָלוציאָנער און קאַטאָוועס־טרייבער געלייגט אויך זיין צביעותדיקן שטעמפּל אויף דעם קרומען שפּיגל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ?

אין פּאַנטעאָן ליגן אויך באַלזאַק, וויקטאָר הוגאָ, ז׳אַן זשאַק רוסאָ דער באַגרינדער פון פּאַרלאַמענטאַריזם און דעמאָקראַטיע. דער אַפּאָסטאָל פון פּריוואַט־אייגנטום און קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ כאָטש ער האָט גע־פּרעדיקט, אַז די פּרוכט פון דער ערד געהערט אַלעמען און די ערד צו קיינעם ניט. ער איז אויך געווען דער איינספּיראַטאָר פון דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע. דערפאַר זענען וויקטאָר הוגאָ, און עמיל זאָלאַ ניט געווען קיין פאַלשע נביאים נאָר גרויסע מענטשן־קענער, קעמפער פאַר רעכט און פרייהייט פון מענטש.

צוזאַמען מיט אַנדזשעלאַן באַזוכט וויעראַ דעם מוזעאום פון די אימפּרע־סיאָניסטן ווו עס זענען אויסגעשטעלט די בילדער פון מאַנע, רענואַר, פּיסאַראָ, סיזאַן, וואַן גאָך, גאָגען, טולוזע לוטריק און אַנדערע. זיי האָבן געמאָלן גרויסע בילדער מיט געוואָגטע פאַרבן, לויט אַ פרייער טעכניק געשטיצט מער אויף אינטואיציע, ווי ליכט שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע. זיי האָבן די פרוי אויסגעטאָן נאַקעט און געוויזן די שיינקייט פון דעם קערפּער. דעם קולט פון נאַקעטקייט אפשר געירשנט פון דעם רענעסאַנס.

שפּאַצירןביידע פריינדינס איבער די ברייטע בולוואַרן פון מאָנטפּאַר־נאַס, מיט אירע העל־באַלויכטענע רייכע געשעפטן, רעסטאָראַנען און קאַפעען באַזעצט דורך קינסטלער, שרייבער, זשורנאַליסטן, סטודענטן, פּאָליטישע עמיגראַנטן און פאַרשידענע פרויען. דאָס איז די פּאַריזער דיזנגאָף גאַס. אָבער אין אַ סך ברייטערן פאַרנעם, רייכער און פאַרביקער. אַ שאָד וואָס וויעראַ קען ניט קיין פראַנצויזיש, זי זאָל זיך קענען דורכמועסן מיט די מענטשן פון פאָלק. און אפשר זענען אומעטום די זעלבע מענטשן,

מיט די זעלבע שטרעבונגען און חלומות? אין געציילטע טעג האָט זי ליב באַקומען די שטאָט מיט אירע הייזער, מיט קרומע דעכער וואָס ענדיקן זיך מיט אַ מאַנסאַרדע אונטערן דאַך, ליב באַקומען דאָס שטיפעריש, אפשר לייכטזיניק פאָלק וואָס האָט צוגעשטעלט דער וועלט גרויסע שרייבערס און גרויסע געדאַנקען, קינסטלערס און פּאָעטן. אַ פאָלק פאַרליבט אין מאָלעריי, מוזיק, זוניק און בלומען; קינסטלער פון עסן און פון קושן זיך אַפילו עפנטלעך אין די גאַסן, אין מעטראָ. צו וואָס זיך צו שעמען מיט געפילן פון ליבע? זיי האָבן אָבער ניט ליב די פרעמדע. קוקן מיט ברוגז אויף פרעמדע וויסע, שוואַרצע צי ברוינע פנימער, וואָס פּלאָנטערן זיך איבער זייערע שיינע גאַסן. זיי האָבן אָבער ליב אַז פרעמדע זאָלן פאַר זיי אַרבעטן. ווייל זיי האָבן אַליין ניט ליב קיין שווערע און ניט אָנגענעמע אַרבעטן. טרעפן ניט, די וואָס זענען געקומען אַהער זוכן ברויט און פרייהייט, קיין פריינטלעכן שמייכל. עס לויערט אויף זיי דער פּאָליציייאישער חשד און שטענדיקע אָבלאַוועס, ווו עס געשעט ערגעץ אַ מאָרד, אַ רויב, ווערן די קאָלירטע פנימער מאַסנווייז אַרעסטירט. די איינציקע וואָס האָבן צו די פרעמדע אַ וואַרעם האַרץ זענען אפשר די פּאַריזער זונות. פאַר זיי זענען די פאַרביקע פנימער אפשר די בעסטע קליענטן. איז אַ שאָד וואָס אָט די שיינע שטאָט הייבט אָן קאָנקורירן מיט די אַמעריקאַנער שטעט מיט פאַרברעכן, די פעיקסטע פּאָליציי קען אָבער דאָס ניט ליקווידירן, די איינציקע רפואה דערצו איז אביסל גלייכהייט. אָבער די גלייכהייט איז אויך אין פּאַריז ווי אַלע שיינע חלומות שוין לאַנג געשטאָרבן.

כדי אַביסל צו פאַרווילן וויעראַן האָט דזשעק געקויפט פאַר אַלע דריי בילעטן אויף אַ פאַרשטעלונג אין דער באַרימטער פּאַל באַרזשע וואָס געהערט צו די פּלאַים פון פּאַריז, וואָס טוריסטן האַלטן פאַר אַ חוב צו באַזוכן. אויך דאָ ווי אין דער אימפּרעסיאָניסטישער מאָלעריי הערשט די קולט פון נאַקעטקייט. וויבלעכע שיינקייט געמישט מיט טענץ, מוזיק און געזאַנג. אויב נאַקעטקייט איז שיין איז נאָר ווען זי איז טאַקע שיין. ווען דאָס שענסטע קלייד ווערט די נאַקעטקייט אין עראָטיזם פאַרייניקט זיך מיט קונסט. ווען ווייבלעכע ברוסטן און פּוכיקע קערפּערס פאַרייניקט מיט מוזיק און דעקאָראַציע, מיט ליכט־עפעקטן און טאַלאַנט, פּרויען־

סאָפראַן און קערפּער־רייץ צונויפגעגאָסן אין אַ ווונדערלעכן ספּעקטאַקל. די פראַנצויזישע עסטעטיק דעמאָנסטרירט אומעטום אין דער מאָלעריי, אַרכיטעקטור, אין דער ליטעראַטור, טעאַטער און פילם, די פרויען־נאַ־קעטקייט. איז דאָס אפשר דער סימבאָל פון פראַנקרייכס געשמאַק. אפשר דינט פראַנקרייך צו די געטין פון ליבע, ווענוס דע מילא? נאָכן שיינעם ספּעקטאַקל באַגלייט דזשעק ביידע חברטעס צו זייער אכסניה קושט אַנדזשעלאַן און צום געזעגענען גיט אויך וויעראַן אַ קוש!

גרייט זיך שוין וויעראַ צו געזעגענען מיט פּאַריז. מיט אירע שיינע פאָנטאַנען, מיטן סען, מיט די פּאַרקן, מיטן אייפל־טורעם, מיטן באָלאָנער וואַלד, מיט אַלע סקווערן, מיטן פלאַץ שאַטלא און דעם פלאַץ פון דער באַסטיליע, מיטן לוקסענבורג־גאָרטן און מיט די טרויעריקע רעגנס איבער דער פריילעכער שטאָט. נאָר די וואָס זי האָט די אַלע טעג געזוכט מיט די אויגן, ראָמאַן, ראָלאַנדס „פּאַרכישופטע נשמה”, האָט זי אין ערגעץ ניט באַגעגנט. אַנעטאַ די מוטער אָן אַ מאַן, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן, אַזוי פיינט געהאַט שקר און צביעות, ווו איז זי די טייערע אַנעטקאַ? דערפאַר האָט זי דאָ געפונען אַנדזשעלאַן, דאָס טייערע דייטשע מיידל וואָס האָט איר געלערנט אַז מען טאָר קיין פאָלק ניט פיינט האָבן, אַפילו ניט דאָס דייטשע פאָלק, ווייל אין יעדן פאָלק זענען דאָ פאַר־ברעכער און אין יעדן פאָלק זענען דאָ פערל. איז ביים געזעגענען זיך מיט אַנדזשעלאַן איז ביי ביידע געבליבן אַ האָפענונג, אפשר וועלן זיי זיך טרעפן אין ישראל?

אין איר לעצטן טאָג אין פּאַריז, איז געווען יום כיפור. אַ טרויעריקער טאָג פאַר די פּאַריזער יידן. שוין ערב יום־כיפור זענען די רעשטלעך גע־ראַטעוועטע מיט די פענער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, אַוועק צום בית־עולם אָפּגעבן כבוד די דערמאָרדעטע קדושים, געצויגן זיך איבער די גאַסן אַ טרויעריקע דעפילאַדע פון איינזאַמקייט און עלנט, פון פאַרלאָזענע און פאַרלוירענע מענטשן. אין טאָג פון יום־כיפור זענען פול די פאַר שולן, ווו יידן זוכן דעם טאָג צו זיין צוזאַמען, פריער אין שול, טייל אין די דערנעבנדיקע קאַפעען. נאָר אַ טייל פאַסטן מיטן געפיל פון סאָלידאַריטעט מיטן פאָלק, מיט איר אומגליק.

געזעגנט זיך וויעראַ מיט דער פרעמדער וועלט, וואָס איז דורכגעלאָפן

פֿאַר אירע אויגן ווי אַ צאַפּלדיקער פֿילם און וועט איר אפֿשר באַגלייטן ווי אַ פֿאַרנעפּלטער חלום. דער עראָפּלאַן רייסט זיך אָפּ פֿון דער ערד פֿליט אַריין אין די הימלען. אָט באַלד פֿליט זי אַריין אין די אָרעמס פֿון איר געליבטן. אָבער ניין, ליבע טאָר ניט זיין בלויז ווילדע סטיכיע, וואָס צעפֿלאַמט און פֿאַרלעשט זיך. נאָר באַגלייט מיט אַ דויערנדיקער פֿריינדשאַפֿט און געטריישאַפֿט, וואָס פֿאַרשענערט דאָס לעבן. נאָר גע־ציילטע שעהן און יונה וועט צו איר געהערן.

3 טייל

א

מיט גרויס שפּאַנונג וואַרטן יונה מיט חדוהן, אויפן לודער פּלי־פלאַץ, אויף וויעראַן. ער האַלט זי ביים הענטל און זי איז ניט ווייניקער אומגעדולדיק פון אים, וואָס גיכער צו זען איר מוטער. די בענקשאַפט האָט זיי ביידן צו פרי אַהערגעטריבן און זיי מוזן דערפאַר לאַנג וואַרטן. דער זייגער רוקט זיך גאַר פּאַמעלעך און אין יונהס מוח מישן זיך האָפע־נונגען און ספיקות. וויעראַס בריוו זענען געווען מיט בענקשאַפט און אים דערמוטיקט אָבער ער ווייסט מער וועגן זיין אייגענער בענקשאַפט און פון זיין ליבע, וואָס קען אַזוי וויי טאָן, פון וועלכע מען קען ניט אַנטלויפן, זי פאַרפירט אין איר לאַבירינט, דאָס לעבן ווי אין אַ נעפּל צעפליסט זיך, די געפילן ווערן שטאַרקער פונעם שכל. צי וואָלט אים אָבער בעסער געווען ווען ער וואָלט ניט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט? עס וואָלט דאָך זיין האַרץ מיט פוסטקייט געווען אָנגעפילט. כאָטש ער ער איז קעגן דער ליבע אומבאַוואָפנט דאָך זאָל זי געבענטשט זיין מיט אירע ווונדן, בענקשאַפט, פיינען און באַגערן, מיט אירע אייגענע זיסע ווייטיקן, וואָס האָט דאָך מיט פרייד באַפליגלט זיינע טעג און כיט ראָז באַפאַרבט זיין וועג. זי די נשמה פאַעטישע צאַרטע וואָס האָט געשאַנקען

אים דעם שמייכל פון גן־עדן און מיט ליבע־גיפט זיין בלוט צעשטיפט. אבער צו ליבע דארף ער דאך אויך האפענונג אויף א תכלית צו זיין מיט איר צוזאמען, צו דערטרינקען זיין פארבענקט הארץ אין איר שוימיקן שויס. ווי קען אבער וויערא, וואס איז פארבונדן מיט דער דינאמיק פון דער שטאט פארבינדן זיך מיט אים אין קיבוץ? ווי קען ער זיך איינ־ארדענען אין דער שטאט, אז חוץ א פארליבט הארץ פארמאגט ער גאר ניט? ער קען זיך אבער וויטער ניט באגנוגענען מיט אירע קורצע באזוכן אין קיבוץ און אויסגיין פון בענקשאפט. חדוה רייסט אבער איבער זיינע מחשבות מיט פארשידנסטע פראגן. אויך איר איז ניט לייכט אזוי לאנג צוווארטן.

ענדלעך זאגט אן דער רמקול די בשורה אז דער עראפלאן פון פאריז איז אנגעקומען. נעמט קלאפן יונהס הארץ און די קליינע חדוה שפרינגט פאר פרייד. עס געדויערט אבער נאך געגוג צייט און יונה קען ווייטער זינקען אין מחשבות. טראכטן ווי אזוי וועלן זיי באלד זיך באגעגענען, וואס וועט ער איר זאגן? און אט דערזעט ער דאס אויסגעבענקטע גע־שטאלט, איר ליכטיקן שמייכל און דערפילט אירע הייסע ליפן. עפעס א מאדנע פריילעכע, א גליקלעכע, זי קען זיך גאר ניט זאט אנפרייען מיט יונהן און חדוהן. ווען חדוה באווארפט די מוטער מיט פראגן באשטעלט יונה א טאקסי, לייגט ארויף וויעראס שווערע וואליזעס. אפשר האט וויערא גאר פארגעסן אז ער דארף צוריקפארן אין זיין קיבוץ און זי הייסט אים זיך זעצן ביים שאפער און פארן מיט זיי צו איר אהיים? אוודאי, מיט אזעלכע שווערע וואליזעס, וועט ער דאך זי ניט לאזן פארן אליין, ער וועט בלויז זיי ארויפטראגן צו איר אין שטוב און גלייך אוועק צו זיך אין קיבוץ. עס איז דאך שוין געגוג שפעט. פארנדיק ווערט די קליינע חדוה ניט מיד צו שטעלן דער מוטער פראגן און דערציילן געשיכ־טעס און יונה קען אומגעשטערט שוויגן און שווימען אין א טומאן פון געפילן און געדאנקען. אפשר פארט ער אריין אין א נייעם קאפיטל פון זיין לעבן?

ער פילט זיך אין איר וווינונג שטארק זשעגירט. צום ערשטן מאל אין דער היים פון זיין געליבטע. קוקט ער נייגעריק אויף די יועגט, אויפן מעבל און די בילדער וואס דערציילן וועגן איר פיינעם געשמאק.

ווי שווער עס וועט אים זיין זי איצט צו פאַרלאָזן און אַוועק צוריק צום קיבוץ, צו זיין אַליינקייט און דאָרט מיט בענקשאַפט וואַרטן ביז זי וועט ווידער קומען באַזוכן איר טעכטערל און פרייען זיך מיט אים.
ער דערמאָנט זיך אַז פאַרן אַוועקפאָרן, האָט וויעראַ אים צוגעזאָגט אַז נאָכן צוריקקומען, וועט זי אים אַ גרויסן סוד דערציילן, וואָס איז דער סוד, צי זאָל ער זי פרעגן? ניטאָ אָבער קיין צייט, עס ווערט שפּעט און ער דאַרף דאָך צוריקפאָרן אין קיבוץ. אָבער וויעראַ הייסט אים גאָר אויסטאָן דעם מאַנטל און פילן זיך היימיש, ווי ביי זיך אין שטוב. צי ווייסט זי דען וואָס עס טוט זיך איצט אין זיין הארץ? זי טראַכט גאָר ניט וועגן געזעגענען זיך און בעט אים גאָר ער זאָל איר העלפן אויספּאַקן אירע וואַליזעס, ווי קען ער אָפּזאָגן און דערמאָנען אַז ער דאַרף שוין צוריקפאָרן? אויך חדוה גייט גאָר ניט אָן וואָס ער דאַרף צוריקפאָרן און זי קוקט פאַרגאַפט מיט צעשטראַלטע אויגן אויף די מתנות וואָס איר פאָטער האָט איר געשיקט פון וואַשינגטאָן און גרויסט זיך מיט זיי פאַר יונהן. צי קען יונה איבערייסן איר פרייד און פלוצעם אַוועק? ער פרייט זיך דאָך אויך מיט חדוהס פאַרגעניגן. ווייטער פּאַקט וויעראַ אויס אַ פּאָר אירע קליידער, וואָס זי האָט געקויפט אין אַמעריקע, און פרעגט יונהן צי זיי געפעלן אים. צום סוף נעמט זי אַרויס אַ פּאָר נייע מענער־העמדער און קאָלירטע קראַוואַטן און זאָגט מיט אַ נאַטירלעכער פּשוטקייט:

— דאָס איז פאַר דיר יונה!

— פאַר מיר? פרעגט ער פאַרחידושט.

וויעראַ גיט אים אָבער ניט קיין צייט זיך צו וווּנדערן, ניט צו דאַנקען, נאָר כאַפּט גיך אַרויף אויף זיך אַ מאַנטל און זאָגט צו ביידע:

— אָט ברענג איך גלייך אַרויף פון קרעמל אַביסל שפּייז, מיט קאַווע און איך וועל אייך צוגרייטן אַ גוטע קאָלאַציע, איר זענט דאָך שוין זיכער גוט הונגעריק און איך אויך!

— אַ קאָלאַציע? טראַכט יונה, זי פאַרגעסט דאָך אַז עס איז שוין די העכסטע צייט פאַר מיר צוריקצופאָרן, נאָך אַביסל און עס וועט שוין ניט זיין קיין אויטאָבוס צום פאָרן אין קיבוץ. אָבער וואָס קען ער טאָן? וויעראַ איז דאָך שוין ניטאָ, ער האָט ניט צו וועמען צו רעדן. ווי קען דאָס זיין וואָס זי האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אַז די צייט שטייט

ניט און אַז ער דאַרף צוריקפאָרן? ווען חדוה רימט זיך אַלץ פאַר יונהן מיט אירע מתנות, טראַכט יונה וועגן די מתנות וואָס ויערא האָט אים געבראַכט. האָט זי טאַקע דאָרט אין אים ניט פאַרגעסן? אָבער וואָס וועט ער טאָן מיט די העמדער אין קיבוץ, דאָרט באַקומט דאָך יעדער זיינע העמדער פון קיבוצישן בגדים־מאַגאַזין און אַלע העמדער געהערן דאָך צו אַלעמען? דערווייל קומט אַן ויערא מיט אַ קוישל שפּייז און מיט אַ פריידיק פּנים, נעמט זיך פּאָרען אין קיך און צוגרייטן די קאָלאַציע, איז ווי קען יונה צעשטערן איר פרייד און פּלוצעם זיך געזעגענען און זי איבערלאָזן? טראָגט זיך פון קיך דער געשמאַקער ריח פון קאַווע, וואָס רייצט דעם אַפּעטיט און יונה איז דאָך טאַקע גוט הונגעריק. ויערא האָט אַלץ ווי פאַרגעסן אַז ער דאַרף אַוועק און פאַרענדיק זיך אַרום דער קאָלאַציע איז צעפלאַמט איר פּנים און זי שיינט מיט אַלע חנען, עס שטראַלט איר פּערזענלעכקייט, איר ווייבלעכער רייץ. וואָס איז זי אייגנט־לעך מער: אַ פלינקע באַלעבאָסטע, אַ פּסיכאָלאָגין, אַ פעמיניסטקע אָדער אַ טייערע געליבטע? גיסט זי קאַווע און עס גיסט זיך אין זיין נשמה אַריין אַ וווּנדערלעכער געפיל, אויך מיט אומרו, אַז באַלד וועט ער אַוועק צו זיין איינזאַמקייט און אַליינקייט. אַט ווערט דאָך גוט שפּעט. אָבער ויערא איילט זיך גאָר ניט און דערציילט ביים עסן פריילעכע עפּיזאָדן פון איר רייזע און די קליינע הערט אויס מיט נייגער, אָבער יונה טראַכט אַז ער וועט מוזן בלייבן נעכטיקן אין תל־אביב אין עפּעס אַ ביליקן האָטעל און פאַרטאָג אַוועק אין קיבוץ. זעט אויס אַז ויערא ווייסט גוט וואָס עס גריזשעט יונהן אין מוח און זי פרעגט אים מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— וואָס ביסטו יונה אַזוי צערודערט, דו פרייסט זיך גאָר ניט וואָס כ׳בין געקומען?

זי וואַרט אָבער פון אים ניט קיין ענטפער און זאָגט צו איר טעכטערל?

— דו ווייסט חדוהלע, דער פעטער יונה וועט היינט ניט צוריקפאָרן אין קיבוץ, ער וועט בלייבן היינט מיט אונדז! אמת יונה?

זי וואַרט אָבער ווידער ניט אויף קיין ענטפער און פאַרעט זיך שוין ווידער אין קיך, ברענגט פון דאָרט נאָך קאַווע, נאָך ברויט, נאָך קעז. יונהן בלייבט שטעקן דאָס עסן אין האַלדז און ער טראַכט — צי איז

דאָס מעגלעך, צי האָט ער גוט געהערט, אפשר האָט ער ניט פאַרשטאַנען? אָבער די קליינע פּאַטשט מיט אירע הענטלעך פון פרייד און זי פרעגט אים:

— אמת פעטער יונה דו בלייבסט טאַקע מיט אונדז?

איז וואָס קען ער ענטפערן? אַ גליק וואָס וויעראַ פאַרעט זיך אין קיך און זי זעט ניט ווי עס האָבן צעשפּילט זיך אַלע פאַרבן אויף זיין פּנים, פון איבעראַשונג צי פון גליק? ער שווייגט אַ צערודערטער און עס וועקט זיך אין אים דער עכאָ פון פאַרהוילטע געזאַנגען, וואָס האָבן אַזוי וווּנדערלעך באַגלייט אַלע זיינע האָפענונגען און חלומות. אָט שטייט ער פלוצעם פאַר אַ פאַנטאַזיע וואָס ווערט אַ ווירקלעכקייט. ער פילט אַז דאָס פאַרוואָרפט אויף אים וויעראַ אירע גאָלדענע נעצן און ער שווימט אין טומאַנען פון גליק. וויעראַ זעצט זיך אַוועק אַ צעשטראַלטע ביים טיש און זאָגט:

— איר ווייסט ניט טייערע, ווי איך האָב צו אייך געבענקט, ווי גוט איז מיר צו זיצן מיט אייך צוזאַמען ביי איין טיש. ווי האָסטו געקענט יונה טראַכטן אונדז היינט צו פאַרלאָזן, האָסט פאַרגעסן אַז כ׳האָב דיר צוגעזאָגט, אַז ווען כ׳וועל צוריקקומען האָב איך דיר אַ גרויסן סוד צו דערציילן?

— כ׳האָב גאָר ניט פאַרגעסן טייערע, כ׳בין אויך גליקלעך צו זיין מיט דיר צוזאַמען!

זיצן אַלע דריי ווי איין גליקלעכע משפּחה, איינגעהילט אין אַ זיסער היימישקייט. חדוה קען אַלץ פאַר פרייד ניט פאַרמאַכן איר פּיסקל און האָט דער מאַמען אַזוי פיל צו דערציילן און יונה זינקט אַ גליקלעכער אין אייגענע צעהיצטע מחשבות. ער קוקט אויף וויעראַן און טראַכט — וויפל טעם ליגט אין אָט דעם שיינעם פּנים, וויפל האָפענונג שטראַלט אַרויס פון אירע אויגן און ווי שיין זיי זענען. אין זיין מוח ברענט די פראַגע — וואָס פאַראַ גרויסן סוד וועט די טייערע אים דערציילן?

ביי חדוהן, שוין אַ מידע פון דער איבערלעבונג און פון דער פרייד, קלעפּן זיך שוין די אייגעלעך צום שלאָף און וויעראַ זאָגט צו איר:

— גיב אַ קוש אוצרל דעם פעטער יונה אויף אַ „גוטע נאַכט"! און זי פירט איר אַריין אין איר קינדערצימער און יונה בלייבט וואַרטן אויף וויעראַן מיט אַ שטורעם אין האַרצן. עס דויערט ניט לאַנג און זי שטייט

פאַר אים אין איר גאַנצן רייץ, אַזאַ ליבע, אַזאַ טייערע, אַז ער קען זיך ניט באַהערשן און ער פאַלט צו צו אירע ליפּן און דערפילט דעם גן עדן־ריח פון איר קערפּער. זי זעצט זיך אַוועק אויף זיינע קני און שעפּטשעט אים אין אויער:

— אַט איצט וועל איך דיר דעם גרויסן סוד דערציילן — איך האָב דיך ליב, שטאַרק ליב!

און ביידע נעמען זיך ליידנשאַפטלעך אַרום און פאַרייניקן זייערע ליפּן. איז דאָס פאַר ביידע זייער העכסטער לוין פאַר אַלע זייערע ליידן, פאַר געפּטרטער יוגנט, פאַר איינזאַמקייט, וואָגל, פאַר אַלע דורכפאַלן און אַנטוישונגען, פאַר פאַרשפּילטע חלומות.

ווען וויעראַ נעמט גרייטן דאָס געלעגער, אין דעם שלאָפצימער ציטערט אין אים די פראַגע — ווי וועט ער שלאָפן. ער זעט דאָך ניט ניט מער ווי איין בעט? פאַר וויעראַן איז עס גאַנץ נאַטירלעך, ווי דען וועט ער שלאָפן אויב ניט מיר איר? דאָס שטעקט אים אָן מיט קוראַזש און צינדט אָן איז די העכסטע באַגערן. זי שענקט אים אַ צעשטראַלטע איר קרעפטיקן, רייצנדיקן קערפּער. מיט צעברויזטע געמיטער. צוויי צעשטורעמטע נשמות און צעגליטע לייבער פאַרייניקן זיך אין ליבע־שטורעם, באַגלייט מיט צערטלעכקייטן און ליבע־לאַסקעס ביז וויעראַ ווערט אַנטשלאָפן מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף איר פּנים. יונה קוקט מיט גרויס ליבשאַפט אויף דער וואָס האָט אים געשאָנקען דעם שוימיקן תענוג, מיטן טעם פון קאַיאַרן, ווי אויף אַ געטין מיט רויזן־ריח, מיט ליפּן וואָס דערקוויקן. ווי וועט ער דען קענען מיט איר זיך צו שיידן? אַ זיסע וואַרעמקייט שלאָגט פון דעם קערפּער וואָס ליגט פאַר אים ווי אַ דעראַבערטע קעניגין: לייביכע אין ווענעמס זיסקייט ער האָט זיך געבאָדן, אָנגעשיכורט מיט איר געשמאַקער ווייבלעכקייט און ווערט אַ גליקלעכער אויך אַנטשלאָפן.

ווען זיי עפענען פאַרטאָג די אויגן, קוקן זיך ביידע אָן ווי אין אַ חלום, ווי קומען זיי ביידע אין איין בעט? אָבער גליקלעכע נעמען זיי זיך ווידער אַרום מיט אַ נייעם צערייצטן הונגער נאָך ליבע. שמעלצן זיך צענויף אין איין גייסטיק־קערפּערלעכן פאַרגעניגן. ווילט זיך זיי גאָר ניט פאַרלאָזן דאָס בעט נאָך זייער גליקלעכער חופּה־נאַכט, אָן חופּה־שטאַנגען, נאָר מיט די ריינסטע געפילן, ניט איינגעהילט אין נעפּלען פון

ליגנט, ווי צוויי ערלעכע הערצער וואָס קיין זאַך קען זיי מער ניט צעשיידן. עס גלאַנצן צו אים אַ פּאָר גליקלעכע גליענדע אויגן פון דער שענסטער כלה, וואָס לייכט מיט גוטסקייט און געטריישאַפט.

נאָך אַזאַ נאַכט אַ צעוויגטע. אַ פאַרכליניעטע פון ליבע, ווילט זיך גאָר ניט פאַרלאָזן דאָס בעט וואָס האָט זיי צום ערשטן מאָל אַזוי הייס פאַרייניקט. אָבער די מוטער־פליכט צו איר טעכטערל רייסט וויעראַן אַרויס פון בעט. זי דאַרף דאָך צוגרייטן דעם אָנבייסן, קען מען דען זיין זאַט בלויז פון ליבע? אויך יונה שטייט אויף מיט פאַרנעפּלטע געדאַנקען. אַן אויסגעניכטערטער פון גרויסער שיכרות שטייט דאָך פאַר אים נייע פליכטן, עס וואַרט דאָך אויף אים אַ ניי לעבן. ער מוז זיך דאָך אָפּגעבן אַ חשבון וואָס מיט אים איז פלוצעם געשען, ווי ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם שפּרודלדיקן שטראָם וואָס האָט דערקוויקט זיין גאַרעניש, זיין דורשט צו וויעראַן. אָט איז ער פלוצעם געוואָרן דער זיגער וואָס האָט איינגענומען אַ באַסטיליע. דערגרייכט צו די צוגעזאָגטע הימלען. אוודאי איז אים נאָך ניט קלאָר ווי אַזוי דאָס וועט זיין, ווי וועט ער זיך שיידן מיטן קיבוץ, ווי ער האָט געפונען זיין היים, ווי עס האָט צו אים פאַרבלאָנדזשעט זיין גליק? איין זאַך איז אים קלאָר אַז מיט וויעראַן וועט ער מער זיך ניט צעשיידן. טרייסט אים אויך וויעראַ מיט די לאַשטשנדיקע ווערטער:

— דאגהע ניט טייערער. אַזאַ חברהמאַן ווי דו, וועסט אויך אין דער שטאָט ניט פאַרפאַלן ווערן!

אוודאי האָט ער איצט פאַרן טייוול מער ניט קיין מורא. נישקשה דער גורל וועט אים נעמען אונטער זיינע פליגל, פאַר וויעראַן איז ער גרייט די שווערסטע קלעצער צו שלעפּן, דעם גרעסטן עול צו טראָגן און טויזנט מאָל איר פּיסקל אויסקושן. איצט איז זי דאָך אין גאַנצן זיינע, זי געהערט צו אים. איז וואָס גייט אים אָן ביי וואָס ער וועט אַרבעטן, ווען טייערער פאַר אַלץ איז אים איצט די גרויסע פריינדשאַפט וואָס האָט זיי צוזאַמענגעגאָסן.

אָבער די קליינע חדוהן, כאָטש זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט יונה זאָל בלייבן, קוקט דאָך אויף אים און אויף וויעראַן מיט גרויס נייגער און ווער ווייסט וואָס פאַראַ פאַרנעפּלטע מחשבות בלאָנדזשען אַרום אין

איר קליינעם מוח? זי וויל אפשר פרעגן פאַרוואָס איז איר טאַטע ניטאָ, זי פרעגט אָבער — פאַרוואָס האָבן אַנדערע קינדער אַ סבתא און זי ניט?

די איבערקערעניש וואָס איז פּלוצעם געקומען אין זיין לעבן האָט אַלץ צעמישט, און ער דאַרף אַלץ אָנהייבן פון דאָס ניי. ער מוז איצט זאָרגן פאַר וויעראַן, אויך פאַר חדוהן, וואָס וועט מער ניט צוריקגיין אין קיבוצישן דערציאונגס־הויז, אויך זי נויטיקט זיך אין אַ וואַרעמער היים, אין אַ משפחה. דאָס זיין צוזאַמען וועט יונהן לייכט מאַכן די שווערסטע אַרבעט און זיס מאַכן אַפילו די זאָרגן. גוט איז צו געפונען אין אַ פרוי אַן אמתן פריינד און גוט איז צו זיין נוצלעך וועמען מען האָט ליב.

פליסן שוין יונהס טעג צווישן רעש פון בוי, צווישן האַמער־געזאַנג, צווישן ציגל און בלאָקן, ווי פון שטאָקן און שטאָקן וואַקסט אויס אַ בנין. איז גוט צו אַרבעטן מיטן געפיל אַז נאָך דער אַרבעט וואַרט אים אַ וואַרעמע היים, אַ געטרייע פרויען־נשמה, אַ וואַרעם האַרץ מיט הייסע ליפּן. אין שטוב העלפט ער וויעראַן אין דערווירטשאַפט, ווייל אויך זי קומט דאָך פון דער אַרבעט און ביידע טוען אַלץ צוזאַמען. איז וואָס איז דען נויטיק כדי צו זיין גליקלעך? גענוג די טעריטאָריע פון צוויי און אַ האַלבן צימער, אַ געשמאַק ווייב, אַ געמיינזאַם בעט און צוויי ברייטע הערצער, איז גוט ווען צוויי פרייע מענטשן פאַרשקלאַפן זיך פרייוויליק און יעדער רעספּעק־טירט די פרייהייט פון צווייטן, ווי ביידע זאָרגן אַז זייער געמיינזאַם לעבן זאָל ניט וויסן פון קיין לאַנגווייל, נאָר זאָל זיין פריידיק און אינטערעסאַנט.

דערפאַר אַז עס שפּילט אַן אינטערעסאַנטע דראַמע גייען ביידע אין אָוונט אין טעאַטער און ליגן דערנאָך אַרומגענומען און רעדן וועגן דער מיסטישער פאַרבינדונג צווישן די אַרטיסטן און פּובליקום, ווי אַזוי עס געלונגט אַ גוטן אַרטיסט אָנצורעגן די צושויער צום טראַכטן, זיי קענען ניט בלויז די ווערטער, נאָר אויך מיט אַ רמז, מיט מימיק רעדן צו דער קאָלעקטיווער נשמה פון פּובליקום. וויפל מאַטעריאַל פאַר געדאַנקען גיט איבסענס דראַמע „דער שונא פון פאָלק״, ווי איבסען דערציילט וואָס פאַראַ צרות עס איז אויסגעשטאַנען אַן ערלעכער, טאַלאַנטפולער דאָקטאָר, אין אַ קליין נאָרוועגיש שטעטל, ווייל ער האָט געוואָגט צו וואָרענען די קראַנקע פּאַציענטן וועגן דער שעדלעכקייט פון דעם היילוואַסער פון דעם שטעטל־דיקן קור־אָרט. די „שטאָט־פּאַטריאָטן״ מורא האָבנדיק צו פאַרלירן זייערע

איינקונפֿטן און ניט וועלנדיק אינוועסטירן קיין געלט אויף צו פֿאַריכטן די וואַסער־לייטונג, האָבן זיי באַוואָרפֿן דעם ערלעכן דאָקטאָר מיט זידלערייען און מיט שטיינער, געהעצט קעגן אים ווי אַלס „שונא פֿון פֿאָלק״, ווען די אייגנטלעכע שונאים פֿון פֿאָלק זענען זיי אַלײַן געווען. איז דאָס קליינע נאָרוועגישע שטעטל אייגנטלעך דער שפּיגל פֿון דער וועלט, ווי די ערלעכקייט שטייט איינזאַם קעגן פֿאַלשן פּאַטריאָטיזם, וואָס פֿאַרסמט די מוחות און פֿאַרשקלאַפֿט צום ליגנט. זענען איבסענס דראַמעס נאָך הונדערט יאָר אַלץ אַקטועל, ווייל עס איז נאָך ניט געשטאָרבן דער ליגנט, עס לעבט נאָך די פֿאַרטומלטע געזעלשאַפֿט מיט איר בירגערלעכע מאָראַל. איז גוט ווען אַ טעאַטער באַנוצט זיך ניט מיט באַנאַלע עפֿעקטן אַרויסצורופֿן ביליקע טרערן אָדער ביליק געלעכטער אין די אינטערעסן פֿון דער טעאַטער־קאַסע און זי קאַליעטשעט ניט די דיכטערישע קראַפֿט פֿונעם דראַמאַטישן שטאָף. איז גוט ווען די סצענע ווערט אַ טריבונע פֿאַר אויסצושרייען דעם ווײ פֿון דעם באַלײַדיקטן מענטש און צו וואָרענען די האָפֿענונגען פֿון די באַעוולטע.

אויך וויעראַס און יונהס צוזאַמענלעבן איז דאָך רייך מיט דראַמאַטישן שטאָף. ווער האָט דען אויסגעטראַכט אַז ליבע איז אַ צייטווייליקער פֿלאַם וואָס לעשט זיך און פֿאַרגייט? פֿאַר זיי ביידע איז דאָס אַ העכערע מדרגה, מיט בשותּפֿותדיקע בענקשאַפֿטן, ליידנשאַפֿטן, וואָס זוכט פֿון זעלבן קוואַל נייע דעראָבערונגען, נייע גלוסטונגען, נייע רייצן, נײַע תאוות און נייע אויך גייסטיקע פֿאַרגעניגנס. ווי קענען פֿאַרלאָשן ווערן די גלוסטונגען פֿון דאָסניי זיך אָנצושיכורן מיט נייע צערטלעכקייטן, מיט אַ צעוויגטן ים פֿון ליידנשאַפֿטן, מיט באַנייטע באַגערן? אַוודאי איז זייער ליבע געוואָרן אַ מער געזעצטע, אַ געלייטערטע, מיט קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדענישן און באַריי־כערט מיט נשמה־אוצרות. קען דאָך פֿון אַזאַ געטריי צוזאַמענלעבן, די ליבע ניט אויסרונען ווי פֿון אַ געלעכערטן עמער. וויעראַ קען פֿון יעדער זאַך אַרויסבאַקומען דאָס שיינע און מאַכן זייערע שמועסן אינטערעסאַנט. ביידע מיידן אויס דאָס קליינלעכע און עגאָאיסטישע, אַז קיין זאַך זאָל ניט פֿאַר־טונקלען זייער פֿריינדשאַפֿט, ווייל אויב ליבע איז אַ קונסט מוזן ביידע זאָרגן זי זאָל ניט פֿאַרלאָשן ווערן.

איז וואָס איז אייגנטלעך גליק אויב ניט דאָס דערגרייכן צו וואָס מען

האָט געשטרעבט? און ביידע האָבן דאָך דאָס דערגרייכט, בלייבט זיי צו זאָרגן פאַר דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט פון חדוהן. וויעראַ האַלט פאַנוצלעך ניט צו פאַרטושן אין איר טעכטערלס באַוווּסטזיין די עקזיסטענץ פון איר פאָטער, וואָס געפינט זיך ערגעץ ווייט און שיקט איר אָפּט מתנות, אויך ניט דעם פאַקט וואָס כאָטש ער איז איר טאַטע, בינדט אים גאָר ניט מער מיט איר מאַמען. אויך יונה פאַרמאָגט גענוג טאַקט חדוה זאָל אין אים ניט פילן קיין שטיף־פאָטער נאָר אַן אמתן פריינד און ער ווייזט איר אַרויס די גרעסטע וואַרעמקייט. איז אים וויעראַ דאַנקבאַר און ביידע באַמיען זיך ניט צו באַשווערן חדוהס קינדישע נשמה מיט קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. וויעראַ דערציילט איר קינדער־מעשהלעך און יונה קויפט איר אילוסטרירטע קינדער־ביכעלעך און ביידע דערציען איר ליב צו האָבן דאָס שיינע און ערלעכע און עס שפּינט זיך זייער לעבן ווי אין אַ וואַרעמער היימישער נעסט.

כאָטש יונה האָט צוליב זייער צוזאַמענלעבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ איז ער אָבער גייסטיק געבליבן מיטן קיבוץ געבונדן, ער איז ווייטער איבערצייגט אַז דער קיבוץ איז דער בעסטער פאָרעם פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און בעסטער סיסטעם פאַר דער מענטשלעכער צוקונפט. דער קיבוץ באַפרייט דעם יחיד פון דער זאָרג פאַר מאַטעריעלער עקזיסטענץ און פון דער קאָנקורענץ צווישן מענטש און מענטש, אויך פון קינאה און טרייבט ניט צו שווינדל און פאַרברעכן. אינטערעסירט זיך יונה ווייטער מיטן קיבוצישן לעבן. אויך וויעראַן שטערט ניט זייער צוזאַמענלעבן אין איר אַרבעט, ניט איר אינטערעס צו דער פּסיכאָלאָגיע. ביידע האָבן ליב אַ סך צו לייענען, אין ביידע פלאַמט דער נייגער צו אַלץ וואָס דאָס לעבן דערציילט, אין ביידן וואַכט דער אינסטינקט צו פרייהייט און צו דער אידעע פון גלייכהייט, וואָס שטעקט זיי אין בלוט. כאָטש זיי זוכן דאָס ניט אויסצולאָדן אין דער אומריינקייט און קרומע וועגן פון פאַרקריפּלטער פּאַרטייאישקייט. אין איר טעטיקייט אַלס פּסיכאָלאָגין באַמיט זיך וויעראַ, באַזונדער צווישן דער אָרעמקייט, צו היילן אַלע שווערע פּראָבלעמען מיט גוטסקייט, דאָס מיינט ניט אַז זי רופט ניט צו קעמפן קעגן די וועלטבאַשווינדלערס מיט גלאַטיקע צונגער, וואָס שלייפן זייערע ווערטער ווי פאַלשע ברילאַנטן, קעגן דעם הערשנדיקן אַראָגאַנץ, וואָס פאַרוואַנדלען

די וועלט איז אַ קרעטשמע־גן־עדן, קעגן די אַלע קלאָונען פון צביעות און שקר וואָס רופט צו מלחמות און פרעכע נצחונות. דאַוונט אויך ניט יונה אין קיין פּאַרטייאישן „מנין" און זאָגט ניט נאָך אָמן, ער שפּינט זיינע געדאַנקען בעסער איינזאַם איידער צו זינגען הלל צום שקר געמיינזאַם.

איז אָבער די וועלט און דאָס לאַנד פאַרזונקען אין שטיקנדיקן טומל און דער מענטש צווישן פאַרגעניגנס און צער, פרייד און יאוש, צווישן פאַרלוירנקייט און שרעק־געפילן. איז ווי זאָלן זיך אויפפירן יחידים וואָס ווילן ניט זיין קיין געצייג אין די הענט פון דער בלינדער סטיכיע? נאָר שפּאַנען אין זייער אייגענעם ערלעכן גאַנג, ניט ווערן קיין פּאַרלאָ־שענער פייער, נאָר זיין אַ סאָלאָ־געזאַנג און אַליין זיך אויסטרעטן אַ סטעזשקע אין לעבן, מיטן אייגענעם דמיון באַלויכטן, צו האַלטן מלחמה מיט זיך אַליין און ניט מיטמאַכן קיין פעלקער און ראַסן־שנאה, ניט פאַרשיכורן זיך מיט פאַנאַטיזם און ניט מיטן טרוקענעם נשמהלאָזן מאַ־טעריאַליזם, פון געפּענטעטע באַגריפן און ניט ווערן פאַר פרעמדע קאַפּריזן אַ ליאַלקע וואָס זאָל מיט זייער גורל זיך שפּילן. ניט מיט רעזיגנאַציע נאָר מיט דינאַמישן אימפּעט צו רייסן זיך, ווי די מלאכים פון יעקבס חלום אויף די שטאַפּלען פונעם לייטער, אָנגעשפּאַרט צום הימל, צו די ליכטיקע שטערן צו שפּאַנען.

אָבער ווי קאָן מען שפּאַנען צו די שטערן ווען וואַנזיניקע קאָמעדיאַנטן אויף טראָנען טרייבן, ווי אַ דולע מאַנשאַפט פון שיכורע מאַטראָזן, די זעגלען פון דער וועלט צו בלוטיקע פּאָרטן, וואָס קאָן חלילה זייער רואיקע נעסט צו צעשטערן און די געליבטע צעשיידן. צוריבן ביז וויעראַן איר שטאַרקן מאַן מיט דער הייסער נשמה, טרייבן אים צו נייע שלאַכטן און צו אַ נייער מלחמה? לעבט דאָך דאָס לאַנד אין כסדרדיקע מלחמה־שטימונגען און שוואַרצע כמאַרעס פאַרציִען זיך אָפט איבערן בלויען הימל. פאַרסמט דער אומרו און ביטערניש די זיסקייט פון זייער צוזאַמענלעבן. טוליעט מען זיך נאָך שטאַרקער איינער צום צווייטן. אין דרויסן שפּילט דער אומעטיקער רעגן אויף די האַרץ־סטרונעס. איז אין ים פון ביטערניש ווערט דאָס בעט אַ וואַרעם אינדזל פון פריינדשאַפט. אַמאָל, גרייטנדיק זיך צום שלאָף, דערמאָנט זיך וויעראַ פּלוצעם אין עפּעס און פרעגט יונהן:

— דוכט זיך אַז כ'האָב דיר גאָר ניט דערציילט ווי שטאַרק כ'האָב אין פּאַריז זיך זיך באַפריינדעט מיט אַ ליב־סימפּאַטישער דייטשקע, די אײדלקייט אַליין? דאָס דייטשע מיידל איז אַפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ יידישן זעלנער, האָס האָט ניט געלאָזט זי פאַרגוואַלדיקן פון אַ רוסישן זעלנער און פון דעמאָלט איז זי אַ פריינדין פון יידישן פאָלק.

— ווי הייסט זי די דייטשקע? פרעגט יונה.

— אַנדזשעלע איז איר נאָמען?

— ווי קומט אַנדזשעלע קיין פּאַריז?

— וואָס דו קענסט זי? פרעגט וויערא מיט שטוינונג.

— יאָ איך בין געווען דער זעלנער וואָס האָט זי געראַטעוועט, כאָטש כ'האָב דערצו גאָר ניט געהאַט קיין רעכט, די ניט־געשריבענע געזעצן האָבן דערלויבט די סאָוויעטישע זעלנער, אין די ערשטע שעהן אין יעדן ניי־פאַרנומענעם אָרט, צו טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט, ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר זייערע ליידן אויף די פראָנטן. איך בין אָבער געוואָרן גערירט פון אַנדזשעלאָס און איר מוטערס האַרצרייסנדיקע געשרייען און רופן נאָך הילף, כאָטש מיין פליכט איז געווען נקמה צו נעמען אין די דייטשן האָב איך גאָר געראַטעוועט אַ דייטשקע. אָבער איך באַדויער דאָס ניט, זי איז געווען אַן איידעלע נשמה. אָבער ווי אַזוי האָסטו זי געטראָפן. צי איז דען די וועלט טאַקע אַזוי קליין?

— די גאַנצע געשיכטע, שרייט אויס וויערא, קלינגט מלא וווּנדער: דו האָסט דאָך געטאָן אַ ריטערלעכע טאַט האָסט אַרויסגעראַטעוועט אַן איידעלע נשמה פון גרעסטן שאַנד. ווען בעסטיעס אין מענטשלעכן געשטאַלט האָבן דערלויבט זיך דאָס ערגסטע, האָסטו מיין טייערער ניט פאַרשוועכט דעם מענטש אין זיך. איך האָב שטענדיק געוווּסט אַז דו האָסט אַן ערלעכן כאַראַקטער כ'האָב אָבער ניט געוווּסט אַז דו ביסט אויך אַ העלד. פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר ניט דערציילט? אַנדזשעלאָ וועט דאָס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זי לעבט איצט אין פּאַריז און איז פאַרליבט אין אַ יידישן סטודענט אוןביידע חלומען זיך צו באַזעצן אין ישראל. איך האָב זיי געגעבן מיין אַדרעס, אָבער לאָמיר ניט וואַרטן נאָר גלייך זיי אָוועקשיקן אַ בריוו, דאָס וועט זיין פאַר אַנדזשעלאָן אַ גרויסע איבער־ראַשונג און אפשר אַ פרייד אַז דו לעבסט. איך האָב זיך אין פּאַריז מיט

איר באַפריינדעט, זי האָט מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט.

די געשיכטע מיט אַנדזשעלאַן דערשיטערט אויך יונהן. כאָטש זי רופט ניט אַרויס ביי אים קיין בענקשאַפט, אַוודאי ניט קיין חרטה וואָס ער איז צו איר ניט געפאָרן. ער באַדויערט ניט וואָס ער האָט זי געראַ־טעוועט פון שאַנד. דאָס וועקט אָבער אין אים גאָר קאָשמאַרע זכרונות פון יענע בלוטיקע טעג, ווען ער איז געלעגן אַרומגערינגלט מיט מתים, אין פאַרטשאַדעטע חלומות און אימהדיקן פחד, אין מיטן דער פאַרשיווער־קרעציקער וועלט און ער האָט געחלשט צום לעבן, זיך אַנצוטרינקען מיטן סם פון נקמה. צווישן פאַרפעסטיקן געשטאַנק פון מתים האָט ער געוואָלט אויסשרייען: לאָזט מיך לעבן! איך וויל איבערלעבן די היטלעריסטישע מגיפה!

ווי האָט ער, דער אַמאָל פריילעכער בחור פון אַ קליין יידיש שטעטל, וואָס האָט קיין פליג ניט געקענט טויטן, געפונען אין זיך אַזויפיל שנאה קעגן דער מענטשן־בעסטיע, ווי האָט ער געקאָנט אַליין זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מערדער און מיט פיבער פון שנאה שיקן טויזנטער קוילן צום שונא און געזוכט זיין באַגנעט אין אַ פאַשיסטישן בויך אַריינצושטעכן? יעדער רעוועו־קוויטש, ווי פון אַ געשאָכטענעם חזיר, יעדער שפּראָץ, ווי אַ פאָנטאַן פון בלוט, האָט פאַרשאַפט אים אַ פריקרעקייט צוזאַמען מיט פאַרגעניגן. אפשר האָט דאָס געוויסן אים געביסן ביז ווייטיק אָבער ווען די גאַנצע וועלט וואָלט פאַר זיינע אויגן אונטערגעגאַנגען וואָלט ער ניט פעיק געווען זיך אָפּצוזאָגן פון דעם פאַרגעניגן וואָס גיט די נקמה. פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ שנאה צו גיסן פייער אין די פאַר־עיפּושטע קערפּערס פון דער מענטשן־בעסטיע? און דאָך האָט די שנאה ניט געשטערט אים צו ראַטעווען אַ דייטשיש מיידל.

צי האָט שוין אָבער גענומען אַ סוף צו די בלוטיקע אַרגיעס, צי וועט שוין יונה קענען אָפּגעבן זיינע יאָרן צו פרידלעכע, ערלעכע אַרבעט, אויף בויען און ליבן? די שווערע כמאַרעס אויפן ישראל־הימל טראָגן גאָר ניט אָן קיין האָפענונגען און אילוזיעס פון שלום. יונה קען יעדע רגע גערופן ווערן צום פראָנט. אַרויסגעריסן ווערן פון וויעראָס וואַרעמע אָרעמס. ווי שווער דאָס וועט אים זיין מיט איר זיך צו שיידן! פאַרוואָס זאָלן פעלקער ניט קענען לעבן אין שלום, ווער הייצט אונטער די שנאה,

ווער פאַרזייפט די אויגן פון די פעלקער און פאַשעט זיי מיט ליגנערישע פראַזן, מיט פרומען אָנשטעל און מאַסקירטע כוונות? עקלט יונהן די פאַלשקייט וואָס שרייט אַרויס פון דער פּאָליטיק, וואָס העצטביידע פעלקער, אויף ביידע זייטן גרענעץ, צו מאָרד, טעראָר און שנאה; וואָס רויבט אַוועק ביי די מענטשן זייער רו, זייער פרייד, זייער גליק. עס עקלט פון דער פּאָליטיק, אַ קראַנקע נאָך כבוד און מאַכט, אַ פאַרסמטע פון שקר, מיט ווינציק מאָראַל אָבער מיט גרויסע מיילער, וואָס זינדיקט ניט מיט באַשיידנקייט, נאָר מיט פאַרשלאָסענע אויערן צו די ליידן פונעם פאָלק, וואָס שאַכערט מיט גלויבנס און האָט דעם גרעסטן טאַלאַנט צו אינטריגעס.

בלייבט ביידן צו אַנטלויפן פון פּאָליטיק און פּאַרטייאישקייט צו זיך אַליין, עס איז זיי גוט אין דער היימישער נעסט. יונה האָט ליב אָפט צו זינגען. דער זאַפטיקער געמיט פון דעם ליד ברענגט אַריין הייטער־קייט אין זייער נעסט, וועקט ליבשאַפט צו ווערטער־קלאַנגען, צום טעם פון די איינגעפונדעוועטע שורות, צו דער שיינקייט פון מעלאָדיעס וואָס ברענגען מיטן פייער פון ליבשאַפט און גוטסקייט. דער געזאַנג דריגנגט אַרויס פון די דערהויבנסטע פאַרלאַנגען און וועקט תשוקה צו גייסטיקער אויסגע־לייטערטקייט. מאַכט דאָס ליד זיס דאָס לעבן און דערמאָנט אַז דאָס לעבן איז שיין.

אָבער די וועלט־פאַרשווערצערס פאַרגינען ניט די מענטשן זייער גליק. זיי נויטיקן זיך גאָר ניט אין שיינקייט. אויך די אַראַבישע שכנים קענען ניט פאַרגינען דעם יידישן פאָלק אַביסל רו אין זייער אייגענער היים. שיקן זיי אַריין קיין ישראל פעדאַינער זיי זאָלן מאָרדן יידן אויף די וועגן, מאָרדן יידישע קינדער. ווערט די לופט אין לאַנד גאַלוואַניזירט מיט אַ כוואַליע פון אומרו און נערוועזיטעט. עפּעס גרייט זיך. אָט ווערן די מענער מאָביליזירט, צווישן זיי אויך יונהן. ער מוז זיך געזעגענען מיט וויעראַן, מיט חדוהן, מיט זיין היים און ווערט אַריינגעשליידערט אין ווירבל פון מלחמה. צום גליק איז דאָסמאָל די ישראל־אַרמיי גוט באַוואָפנט, ניט ווי אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, האָלט זי טאַקע אָפּ גרויסע נצחונות. זי באַזעצט דעם עזה־געביט און דעם סיני־האַלב־אינדזל און דערגייט ביזן סועץ־קאַנאַל. צוליבן דרוק אָבער פון אַמעריקע און ראַטן־פאַרבאַנד מוז זי גיך זיך צוריקציען פון די אַלע ערטער, עס בלייבן בלויז איבער

דער טרויער פון אלמנות און יתומים און די ליידן פון טויזנטער אינוואַלידן. נאָך אַ קורצער צייט איז יונה ווידער אין דער היים.

און ווידער איז אים גוט אין זיין ליבער נעסט. אין די שבתדיקע זומער־פרימאָרגנס נעמען ביידע, דער קליינער חדוהן און לאָזן זיך צוזאַמען אַוועק צום ת״א ים־ברעג. די גאַסן פון דער שטאָט זענען אין דערפרי איינגעהילט אין אַ שבתדיקער געמיטלעכקייט. עס שפּאַנען זיי אַנטקעגן שמייכלענדיקע פּנימער, טייל מיט קאַקטעיש־פּאַריסענע קעפּ, אין קליידער מיט בונטע קאָלירן, פרויען אין טאַנצנדיקן גאַנג אין פלאַטערנדיקע זיידענע קליידער. עס שפּרייזן סאָליד און ערנסט מענער, צו דער פּלאַזשע דאַרף מען דורכגיין הילצערנע באַראַקן, צעפּוילטע פון רעגנס, צעפרעסן פון חמסינען. דאָ ווינען די וותיקים פון דער שטאָט, וואָס געדענקען נאָך ווען תל־אביב איז געווען בלויז זאַמד. אין איינע פון די באַראַקן ווינט יחזקאל, יונהס אַ חבר פון דער אַרבעט. ער איז שוין לאַנגע יאָרן אין לאַנד. אַרבעט שוין לאַנגע יאָרן אויפן בנין און אַלץ קיין פאַך ניט אויסגעלערנט. געבליבן אַ פּשוטער אַרבעטער און מוז דערפאַר שווער אַרבעטן און ווייניק פאַרדינען. ער איז אָבער אָנגעלייענט מיט דער וועלט־ליטעראַטור און מיט דער יידישער, קיין גוטער שרייבער, קיין וויכטיק ווערק איז אים ניט פרעמד. האָט יונה ליב מיט אים צו שמועסן און ווען ער קומט שבת צום ים באַזוכט ער זיין גריינט. יחזקאלס גרעסטער פריינט איז אויך דער ים. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, זיך אַרויסלאָזן מיט אַ קליינער לאָדקע איבערן ברייטן ים, ווען די זון צעפלאַמט זיך, און די גרענעצן פון ים מיט הימל פאַרווישן זיך, לאָזט ער זיין לאָדקע שווימען ביז די לבנה פאַרשפרייט איר שיין. נאָך יעדן שטורעם וואַרפט דער ים אַרויס כל המיני קלעצער, שטריק, פושקעס מיט קאָנסערוון וואָס וואַלגערן זיך יאָרן אין ים. אפשר איבערבלייבענישן פון אונטערגעגאַנגענע שיפן, נאָך מלחמות, פון פּיראַטן־שיפן מיט פאַר־כאַפּטע שקלאַפן, וואָס זיי האָבן געפירט צום פאַרקויפן צו ווייטע לענדער. יחזקאל האָט ליב די ים־מציאות. יעדעס שטיקל האָלץ וואָס ראַנגלט זיך מיט די ים־כוואַליעס איז פאַר אים אַ שטיק געשיכטע. יחזקאל פאַר־שטייט זייער שטומע שפּראַך. ער האָט ליב צו גלעטן די בייזע כוואַליעס פון ים, ווי מען גלעט די פעל פון אַ צערייצטן הונט. דער ים האָט

יחזקאלן אַ סך וואָס צו דערציילן אָבער אויך יחזקאל האָט וואָס צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך צעבונטעוועט קעגן זיין פרומען טאַטן און פון גאַליציע, אָן אַ גראָשן געלט, אַנטלאָפן קיין ארץ ישראל. פון דעמאָלט האָט ער זיך פאַרליבט אין ים. אים שרעקן דעריבער די פּלענער צו צעוואַרפן זיין צעפוילטן באַראַק און אויף זיין אָרט זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ לוקסוס האָטעל. ער איז מוחל די גרויסע אַנטשעדיקונג, אים שרעקט צו פאַרלירן דעם ים, וואָס קלאַפּט מיט אירע כוואַליעס אין זיין צעפוילטן באַראַק. וואָס וועט ער טאָן אָן דעם ים מיט וועמען ער איז אַזוי היימיש? איבער וועמענס לויטערן שפּיגל ער לאָזט זיך אין די אָוונטן אַוועק גליטשן אדער איבער אירע צעבושעוועטע כוואַליעס. ער לאָזט איבער דער אומגעצוימטער סטיכיע זיין חלום שווימען, אונטער דער שקיעה צו דעקלאַמירן פּושקינס אָדע „צום צעשטורמטן ים״.

שבת איז די פּלאַזשע פול מיט האַלב נאַקעטע אָפּגעברענטע קערפּערס. יונה ליגנדיק בנעימותדיק אין זאַמד, אונטער דער ברענענדיקער זון קוקט מיט הנאה ווי ווײַבער מיט חדוהן פּלוסקען זיך אין וואַסער. די גאַנצע וועלט זעט אים אויס שיין, פריי פון זאָרג, עס לאַכט די זון און עס כוואַליעט זיך דער ים מיט אומגעשטערטן לוסט. אין דער ווייטער ווייטקייט אונטערן האָריזאָנט, ווו עס צעקושט זיך דער ים מיטן הימל בלישטשעט אַ זעגל און ווייסע וואָלקנדלעך, ווי מלאכימלעך, טוליען זיך איינס צום צווייטן. די כוואַליע־מוזיק מאַכט אַזוי גוט אויף דער נשמה, אין אים זינגען שיר השירים־געזאַנגען צו ווײַבער וואָס איז איינע פון יענע פרויען וואָס פאַרלירן ניט זייער נאַטירלעכער ריינקייט און קינדישן אומשולד, וואָס קענען ליב האָבן מיט גרויסער ליידנשאַפט און בלייבן ריין, אומשולדיק און געטריי, אַ מין צווילינג פון ווייב און קינד.ביידע האָבן פאַרלוירן זייער יוגנט, די איינזאַמקייט און פּיין האָט אין ביידע אַנטוויקלט אַ טיפן באַגער צו אַ גרויסער פריינד־שאַפט. און ווען זיי האָבן דאָס דערגרייכט קלאַמערן זיי זיך אין דעם ווי אין גרעסטן געשאַנק, מיט אַ הייסן ווונטש צו זיין צוזאַמען, צו האָבן מיט וועמען צו טיילן די געדאַנקען און געפילן. אַ גרויסע פריינדשאַפט איז געוווען יונהס גרעסטער חלום אָבער ניט דער גאַנצער. ער האָט דאָך אין די ווייטע וויסטענישן פון בלוטיקע טעג, ווען אַ יאָמער האָט

זיך געטראָגן איבערן לעבן, געחלומט ניט בלויז פון אייגענעם גליק נאָר אויך וועגן אַן אַנדערער וועלט, אַ גוטע און גערעכטע. דער חלום איז געבליבן דער צוועק פון זיין עקזיסטענץ. אין זיינע שוידערלעכע איבער־לעבענישן האָט ער אַלץ געטרוימט וועגן אַ לעבן וואָס וואַלגערט זיך ניט אין די אָפּגרונטן פון מאָרד און פאַרברעכן. וואָס איז פון זיין חלום געוואָרן? ווי מעג ער זיך באַהאַלטן אונטער די פליגלען פון ליבע ווען די וועלט זינקט איבערן האַלדז אין געמיינקייט און פאַרברעכן? ווי מעג ער געניסן פון פרייד און גליק ווען די מענטשן מיט פאַרחושכטע הערצער, אין גרויסע דאגות געשמידט, מיט פונקען פון פרייד ניט באַשטראַלט, ניט באַפליגלט פון גליק נאָר מיט זאָרג, צווישן מלחמה און טויט, מיט אַ שווערן יאָך אויף די נשמות, ווי אַן אומעטיקע ירושה פון די אַלטע ייִדעס.

אָבער ווי קען אַן איינציקער איבעראַנדערשן די וועלט? אויך קיין דערלייזער קען ניט באַפרייען פון די פּיינען און איבלען אין וועלכע עס זינקט די געזעלשאַפט. נאָר ווען אין מילאָנען הערצער וועט אויפפלאַמען דער שטאַלצער באַגער נאָך פרייהייט און גערעכטיקייט וועט די וועלט ווערן אַ באַפרייטע. דערצו מוזן די אַלע וואָס ווילן אַנדערע דערלייזן קודם דעם אייגענעם „איך" דערלייזן פון די אַלע יצרים וואָס דרעמלען אין זייערע פינצטערנישן. זיי מוזן אָנצונדן אין זיך די פלאַמען פון ליבע. אָבער מיט ליבע וואָס טראַכט ניט בלויז וועגן זיך אַליין, נאָר דורך אַ פאַרייניקונג פון דעם „איך" מיטן „מיר", צו זוכן זייער וועג אין לעבן. אָבער ווי וועט געלונגען צו צעוואַרפן די ווענט וואָס שטייען צווישן מענטש און מענטש און צעטרייבן די איינזאַמקייט פונעם יחיד? אַפילו אין הייסן ברען פון געשלעכט געלונגט זעלטן וועמען זיך צו באַפרייען פון דער פרעמדקייט. איז יונהגן גוט, וואָס ער קען טרינקען, מיט פאַר־שיכורטע באַגערן, פון ליבע־געטראַנק און ניט פאַרלעשן אין זיך די הייסע פאַרלאַנגען צו אַן אַנדערער וועלט און ניט פאַרגעסן אין אַנדערע.

פאַרלאָזט מען דעם ים און וויערע וואַרפט איר לעצטן בליק צו די מעטשעט־שפּיצן וואָס שטייגן אַרויס פון שטאָט יפו, וואָס איז אַלץ גע־בליבן אַן אַראַבישע שטאָט, באַוווינט פון ייִדן, פאַר וועמען דאָס לאַנד איז נאָך אַלץ אַ שטיף־מאַמע. איז וועט וועט פאַרשיטן דעם אָפּגרונט צווישן

עלנט און רייכקייט און איינשטעלן אַ שטיקל גלייכהייט און יושר צווישן מענטשן פון זעלבן פאָלק?

צוריקגייענדיק פון ים, שטעלן זיי זיך שטענדיק אָפּ ביים זעלבן קיאָסק פון קאַלטע געטראַנקען און זיסע נאַשוואַרג, כדי צו לעשן דעם דורשט און קויפן פאַר חדוהן אַ נאַש. וועלכעס קינד האָט ניט ליב קיין זיסן נאַש? דער בעל הבית פונעם קיאָסק האָט גאָר ניט פיינט אַ סך צו רעדן און האָט ליב צו דערציילן וועגן זיין ברודער וואָס איז אַ גרויסער בעל הבית איבער דער מדינה, אָבער ער איז אים גאָר ניט מקנא און ער זאָגט:

— מיין פרנסה איז אַ מער זיכערע ווי מיין ברודערס. מיין קיאָסק וועט מיר קיינער ניט צונעמען ווען אויף מיניסטאָרן־בענקלעך זענען שטענדיק דאָ צופיל בעלנים. מיין טאַטע האָט שטענדיק געטענהט, אַז פון מיין ברודער וועט קיין לייט ניט אויסוואַקסן.

איז דאָך דאָס לאַנד ווי אַ קליין שטעטל, ווי יעדער קען צו גוט דעם צווייטן און די וואָס שטייען אין איר שפּיץ קענען אויפן אַלימפּ זיך ניט באַהאַלטן און אָנשטאָט איינגעהילט צו ווערן אין לעגענדעס ווערן זיי אָפט פאַרוואָרפן מיט בלאָטע און פאַרזונקען אין רכילות, ווייל מען קען דאָך יעדנס שוואַכקייט, זיינע קרומע וועגן און חטאים.

אין די שבת־אָוונטן קומען, פון צייט צו צייט, וויעראַס חברטע זעלדאַ מיט איר מאַן. עס קומען אויך אַנדערע וויעראַס און יונהס פריינד. די וווינונג איז ניט גרויס אָבער דערפאַר איז אינטים. די געסט פילן זיך היימיש. אויפן טיש פעלן ניט קיין קאַלטע געטראַנקען און וואָס צום פאַרבייסן און אַוודאי פעלן ניט קיין טעמעס פאַר שמועסן. אלכסנדר וואָס איז געווען אַ מאָל אַ פלמ״חניק רעדט שטענדיק מיט נאָסטאַלגיע וועגן פלמ״ח, ווי זיי וואָלטן געהערט צו עפּעס אַ ווייט פאַרגאַנגענער עפּאָכע, כאָטש דאָס איז געווען ערשט נעכטן. פסח אָבער קען ניט פאַרטראָגן וואָס אלכסנדר אידעאַליזירט צו שטאַרק דעם פלמ״ח און ער זאָגט:

— כל הכבוד פאַר פלמ״ח. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכע יוגנט פון חלוצישער פּרייוויליקייט פון אידעעישער געוואַגטקייט, וואָס האָבן געקענט קעמפן און מיט זייער געטריישאַפט ניט ווייניק בייגעשטייערט צום אויפ־קום פון דער מדינה. אָבער טייערער אלכסנדר מען טאָר גאָר ניט פאַרגעסן

אַז שוין דעמאָלט איז ניט אַלץ אין ישוב געווען כולו תכלת און ניט אַלע זענען געווען צדיקים. דאָס ערגסטע איז וואָס יענע אידעאַליסטן, פאַרשיכורטע פון נצחון, האָבן גיך פאַרגעסן אין זייער נעכטן און צעטרעטן היינט מיט אייגענע פיס זייערע נעכטיקע אידעאַלן. דער דור וואָס האָט געקרענקט אויף מאַלאַריע און מיט פוסטע מאָגנס געטאַנצט אַ „הורה״ איז מיט איינמאָל אַריינגעשפרונגען אין די נייע מלוכה־אַנשטאַלטן מיט געשוואָלענע בודזשעטן, פון קיבוצישע באַראַקן אַריין אין לוקסוס־ווינונגען, זייערע אַלטע דזשיפּן פאַרטוישט אויף פּריוועטס, איז פון קאַפּשווינדל פון דערפאָלג האָבן זיי פאַרלוירן דעם מאָראַלישן גלייכגעוויכט.

— עס האַנדלט זיך גאָר ניט מיינע פריינד, רופט זיך אָן שמחה, אין אידעאַליזירן נאָר אין ניט רעאַליזירן אונדזערע אידעאַלן. אויב עס איז נאָך ניט צו שפּעט מוזן מיר דאָס ערשטע זיך אָפּזאָגן פון אונדזער „אתה בחרתנו״, פון דער נאַציאָנאַלער גאווה, פון יעדן פאַנאַטישן טומל, נאָר בעסער זאָרגן מיר זאָלן זיך אויך אין ישראל ניט פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק פון קרעמערס און מעקלערס, נאָר ווערן די פאַרווירקלעכער פון אַ באַפרייאונגס־וויזיע.

— ליידער פריינד שמחה, רופט זיך ווידער אָן פסח, בלייבט אונדז אַנשטאָט וויזיעס די איינציקע ברירה אויסצווּוילן צווישן צוויי פאַרטייען: איינע וואָס באַגליקט אונדז מיט אַ „סאָציאַליזם בימינו״ געמישט מיט אַ סך קאָרופּציע, ווען די צווייטע פאַרפּליישט אונדז מיט הויכע מליצות, מיט רעטאָריק און טעאַטראַלע־זשעסטן, וואָס די בעסטע אַרטיסטן קען מיט זיי ניט קאָנקורירן. צי קען מען אָבער מיט שיינע רייד בויען אַ לאַנד? מען מוז אַנשטאָט שיינע רייד ליקווידירן די אומגלייכהייט, פּטור ווערן פון צופיל מיליאָנערן און צו גרויסער אָרעמקייט, פון די צופיל שפּעקו־לאַנטן און צופיל ביוראָקראַטן, און די וועלכע רופן אונדז צו ווערן דער אור לגויים דאַרפן ווייניקער לערנען דאָס ערגסטע פון דער גויאישער מלוכהשקייט.

— אַוודאי איז שוין אונדזער פאָלק מיד פון שיינע רייד. מיר, וואָס האָבן געשאָנקען דער וועלט גרויסע גייסטיקע פּערזענלעכקייטן האָבן אָבער קיינמאָל קיין נחת ניט געהאַט פון אונדזער פּאָליטישע מנהיגים, פאַרקערט מיר האָבן געהאַט גרויסע חרפּהס פון אונדזערע „פאַרזאָרגערס״

און פאַלשע משיחים. אויך אונדזערע גבאים אין גלות זענען שוין געווען פּי־אוקעס אויפן גוף פון פאָלק און געריסן זיך פאַר אַ בענקל ביי דער מזרח־וואַנט. מיר דאַרפן זיך היטן מען זאָל ניט פאַרוואַנדלען אונדזער שיין לאַנד אין אַ נייעם גלופּסק אָדער קבצנ׳נסק, ווו גבאים זאָלן קענען רייטן אויף דער קליאַטשע.

— מיר האָבן אין דער קורצער צייט פון דער מדינה געהאַט אַ סך דערפאָלגן, רופט זיך אָן זעלדעס מאַן, מיר האָבן אָבער פאַרלוירן דאָס געפיל פון יושר. אונדזערע מנהיגים רעדן וועגן נביאישן מאָראַל און די צייטונגס־כראָניק איז פול מיט פאַרברעכנס, פעלשונגען און קאָרופּציע. די וואָס רופן אונדז איינציען דעם פּאַסיק לעבן אַליין אין גוזמהדיקן לוקסוס, אונדזערע שליחי־הציבור צעטרענצלען דעם גלויבן אין ציוניזם און פאַרגעסן אַז די מדינה איז געבוירן געוואָרן אונטערן מזל־דמים. ווי קען מען זיך גרויסן מיט אונדזער אומאָפּהענגיקייט ווען מיר זענען פאַרשקלאַפט צום קלער, צו די פּאַרטיי־אינטריגאַנטן און דעמאַגאָגן?

— ניט אַזוי, זאָגט לייבל, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט וועט אויסזען די יידישע מדינה. צי מיינט דען דאָס פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם בלויז אין האָבן אייגענע מיניסטאָרן, יידישע פּאָליציי, יידישע גנבים און יידישע טורמעס? אַוודאי איז דאָס אַנטשטייך פון דער מדינה דער גרעסטער פּאָליטישער נצחון פון ציוניזם, אָבער פאַרוואָס האָט זי אַזאַ מאָראַלישן דורכפאַל? זי איז גאָר ניט פעיק אָפּצושטעלן די מעכטיקע כוואַליע פון אַסימילאַציע, דעם שטילן סיסטעמאַטישן חורבן, וואָס רייסט לעבעדיקע שטיקער פונעם פאָלק. זי קען אויך ניט אָנצינדן די נשמות פון דער יידישער יוגנט מיט גלויבן און זי אַרויסרייסן פון דער פרעמדקייט און צעשפּרייטקייט.

— צו וואָס רעדן וועגן אַנצונדן נשמות, רופט זיך אָן הערשל, לאָמיר קודם ניט פאַרסמען קיין נשמות ווי עס טוט דאָס די אומגעלומפּערטע ביוראָקראַטיע, וואָס איז דאָך די ערגסטע קללה פאַרן לאַנד. אַ קללה וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין די ריזיקע מלוכה־הייזער, אין די הונ־דערטער צימערן, ביי טויזנטער טישלעך. דאָרט ווו עס נויטיקט זיך איינער זיצן צען, און אַרום זייערע טישלעך לויפן אַרום די צעטומלטע

בירגער און נייע עולים און קענען צו קיין טאָלק ניט דערגיין, פּטרן זייער צייט און נערוון. קיין שום טעות פון אַן אָנגעשטעלטן קען ניט אויפגע־קלערט ווערן, קיין גזירה ניט אָפּגעשאַפט ווערן, שטענדיק ווערט אַ נויטי־קער אַקט אויף אַ מיסטעריעזן אופן פאַרפאַלן און מען קען אים ניט געפונען. איז דאָס דער שכל פון יידישן מוח וואָס האָט אויפגעשטעלט אין דעם לאַנד אַזאַ אומגעלומפּערטן אַפּאַראַט און אינסטיטוציעס צו פאַר־מיאוסן דאָס לעבן פון אירע איינוווינער? וואָס איז דער זין פון אַזאַ אָרגאַנטישן און עם האַרצישן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט וואָס עסט אויף די פּרוכט פון דער אַרבעט פון צענדליקער טויזנטער ערלעכע אַרבעטער און זיי פאַרפאַטשקען טאָנען פּאַפּיר? אָ, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דעם שיינעם לאַנד און שיינעם ציוניסטישן חלום, וואָס זיי האָבן איינ־געהילט אין אַ־מיסטעריעזער קאַפקאַ־ווירקלעכקייט?

— אַנשטאָט אויסצוהיילן, זאָגט זלמן, פון דער פּלאָג פון ביוראָקראַטיע רייסן זיך די פּאַרטייען אַרום דעם — ווער עס האָט אונדז געשאַנקען די מדינה? איינע טענהט אַז דאָס האָט בן־גוריון געשאָנקען, די אַנדערע זאָגן, אַז דאָס האָט בעגין פאַרטריבן די ענגלענדער פונעם לאַנד. דער אמת איז אפשר אַז דאָס האָבן די ענגלענדער געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבן מער ניט געקאָנט פירן זייער אומהייליקע מלחמה קעגן דעם דינאַמישן כוח פון דער יידישער טראַגעדיע, קעגן דער יידישער היימלאָזיקייט, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז און איז געווען ווי אַ געשוויר אויפן געוויסן פון נאָכן־היטלער איירופּע. דאָס האָט דער יידישער אומגליק געבוירן די מדינה, זי איז געבויט געוואָרן פון חלוצישער געטריישאַפט, פאַרטיידיקט געוואָרן פון דער געטרייער יוגנט און עולים חדשים. די פּאָליטיקאַנטן האָבן ניט איר ערד באַאַקערט און ניט געבויט. זיי זענען אויך ניט געלעגן אין די משלטים.

ווען די געסט פאַרלאָזן זייער ווינונג, ווערט ווידער דאָס בעט זייער מקלט, צום אַנטלויפן פון דער ביטערער ווירקלעכקייט, וואָס צעגייט אין זייער חלום, ווי דער ברודיקער שניי אונטער די ערשטע זון־שטראַלן. אַרומנעמענדיק זיך פאַרגעסן זיי אין דעם גאַנצן שקר און ווערן פאַרכישופט פון אַ געהיימער מעלאָדיע, פון רויער, געזונטער ליבע צו דער נאַטור, צום מענטש מיט זיינע טויזנטער פּעלערן, מיט זיינע פּסיכישע ליידן,

מיט זיינע טראַגישע איבערלעבונגען און לירישע חלומות, מיט זיין נייגער צום וויסן, מיט זיינע נשמה־ראַנגלעניש און בונט קעגן דער רעאַליטעט, מיט ליבע צו די אַלע וואָס גייען ווי שטילע שאָטנס איבער אונדזער פּלאַנעט, צו די וואָס ווי בליציקע ראַקעטן באַלייכטן דאָס לעבן, צעשטורעמען וועלטן, צעשמעטערן געטער, צו די געניושן און פּאָעטן וואָס שניידן זיך דורכן לעבן מיט פריידיקן אויפברויז פון ליידנשאַפטן; צו די פון צער, אומעט און בענקשאַפט, וואָס זינקען אין האָפנונגסלאָזן ליידן, צו די אַלע אָרעמע און אַנטוישטע, באַשווינדלטע פון ליגנערישע אינטריגאַנטן, צו די אַלע וואָס זענען פאַרשיכורט ניט פון נצחונות נאָר פון ליבע; צו די צעבונטעוועטע און צעפלאַמטע נשמות וועמענס הערצער פלאַמען אויף אונטער די קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע”. אַליין אַ פאַרשיכורטע פון לעבן און מיטן פיבער פון ליבע רוימט וויערא אין יונהן אַ גרויסן סוד, אַז זי איז שוואַנגער. באַלייגט ער איר קערפּער מיט טויזנטער קושן פאַר פרייד וואָס זי מאַכט אים פאַר אַ פאָטער. זיין מענערישער שטאָלץ פלאַמט מיט גלויבן, אַז די פרוכט פון זייער ליבע וועט נאָך שטאַרקער זיי פאַרבינדן און ברענגען נייע פריידן. יונה האָט שוין לאַנג געחלומט צו האָבן אַ קינד פון וויעראַן, עס האָט אפשר אין געהיים געטליעט אַ שטילע קינאה צו חדוהס פאָטער. אפשר האָט דאָס וויעראַ געפילט און שטאַרק געוואָלט פון אים האָבן אַ קינד, און דערפאַר זאָגט זי דאָס אים אַזוי פייערלעך אָן. דאַרף מען דאָך אויך חדוהן אָנזאָגן די בשורה אַז מען וועט איר ברענגען אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל, דאָס וועט דאָך אויך פאַר איר זיין אַ גרויס געשעעניש און גרויסע איבערלעבונג. זי וועט מער ניט זיין די איינציקע געפּיעשטשעטע, דערפאַר וועט זי דאָך זיין די עלטערע. גוט וואָס די יאָרן־אונטערשיד צווישןביידע וועט אויסמיידן אַ קינאה צווישן זיי.

די פרייד אַז ער וועט ווערן אַ פאָטער באַגלייט יונהן מיט שווערע רעיונות, אויך מיט זאָרג און מאַטערנדיקער פראַגע: — אין וואָס פאַראַ וועלט ברענגט ער זיין יורש? אין אַ וועלט פון בלוטיקע מלחמות, עקאָנאָמישן כאַאָס און גייסטיקער צעטומלעניש? צי מעג מען געבוירן נייע לעבנס, אין דער שווידערלעכער וועלט? צי מעג מען אָבער ביי אַלע טענות צו דער וועלט זיך אָפּזאָגן פון ביאָלאָגישן רעכט און פון דער

פרייד פון יצירה? די פרייד פון ווערן אַ פּאָטער איז שטאַרקער פון אַלע ספיקות.

די פריידיקע דערוואַרטונג אויף אַ נייעם גליד אין דער משפחה ברענגט אַ נייעם געפיל פון צוגעבונדנקייט און געטריישאַפט, נייע געפילן אין אינטימען צוזאַמענלעבן. יונה צערטלט נאָך מער זיין געליבטע וואָס איז אי מוטער אי אַ דערוואַקסן קינד, זיי לעבן מיט נייגער, אפשר וועט דאָס נייע נאָך ניט געבוירענע מיט אַ ניי ליכט באַשיינען זייער לעבן? די פרייד און נייגער טאָר זיי אָבער ניט שטערן אין לייענען און לערנען. זייער טיר מוז ווייטער זיין אָפן פאַר פריינד. עס קומט ווייטער צו וויעראַן איר פריינדין פסיה, וואָס זוכט נאָך אַלץ ביי וויעראַן אַ טרייסט פאַר איר צעשפּליטערט לעבן און פאַר אירע נשמה־ראַנגלענישן. די צייט האָט גאָר ניט אויסגעהיילט אין איר לעבן און מיט איר ערלעכן כאַראַקטער איז זי אַלץ ווייטער געצוווּנגען צו לעבן אין שקר. די אויפגעוועקטע מעכטיקע געפילן פון בונט קעגן דער לאַנגווייליקייט פון פאַמיליע לעבן און איר ניט פאַרלאָשענער ליבע צו אַ פרעמדן מאַן, פון וועמען עס איז שווער זיך צוריקקערן צו דער מאַנאָטאָניע פון איר פאַרשלאָפענעם ישוב, וואָס איז האַלב דאָרף האַלב שטאָט. און וועמענס דאָרפישע שטילקייט רייסט זיך אַריין די שטאָטישע דינאַמיק. נעבן נידעריקע הייזלעך וואַקסן אויס הויך־שטאָקיקע הייזער, נעבן נעבעכדיקע קרעמלעך — רייכע געשעפטן. הענער־קרייען, געמישט מיט דזשאַז־טענער, דאָרפישע פשוטקייט און גרויסשטאָטישע אַמביציעס. ראַנגלט זיך אויך פסיה ניט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט צווישן פאַמיליען־פליכט און איר גרויסע ליבע, וואָס רופט זי צו אַן אַנדער, שענער און אינטערעסאַנטער לעבן. אַוודאי עצהט איר ניט וויעראַ צו מאַכן מיט איינמאָל אַ צו גרויסע איבערקערעניש אין איר לעבן. איר בלייבט צו קלאָמערן זיך דערוויל אין ביידע וועלטן, אין דער משפחה אוןביים געליבטן. עס איז נאָך צו פרי צו צעברעכן איר פאַמיליע, פאַרלירן אירע קינדער, זיי דאַרפן קודם עלטער ווערן און פסיה דאַרף אַליין רייף ווערן צו אַזאַ ראַדיקאַלער איבערקערעניש אין איר לעבן. דערוויל קאַרגט איר ניט וויעראַ קיין טרייסט און פריינדשאַפט.

יונה קען אַלץ ניט פאַרגעסן זיין אומגעקומענעם פראַנט־חבר, דעם טייערן אונגאַרישן בחור מאַקסן, אָבער ביי דער אַרבעט באַפריינדעט ער

זיך אויך מיט אַ מאַקס, אַ בוי־סטאָלער פון וואַרשע, וועלכער איז אויך ניט לאַנג אין לאַנד. קומט ער אויך צו זיי אין שטוב מיט זיין פרוי רותקע, וועלכע איז געווען זיינס אַ שול חברטע, אין אַ יידישער פאָלקס־שול אין וואַרשע. מאַקס האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס דאָזיקע נאַיוו־קינדיש מיידעלע. איר פאָטער איז געווען אַ וויכטיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי עסקן, וואָס איז פּלוצעם געוואָרן אַן אַקטיווער קאָמוניסטישער טוער און געמוזט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַנטלויפן קיין ראַטן־פאַר־באַנד. נאָך קינדיש־זיסע און יוגנטלעכע צעשטורעמטע יאָרן איז מאַקס, בענקענדיק צו רותקען, אַליין געוואָרן אַ קאָמוניסט, געזעסן אין טורמעס, געוואַנדערט, געליבט זיך אין אַנדערע באַליבטע מיידלעך. די היטלער־מלחמה פאַרוואַרפט מאַקסן ביז טאַשקענט. דאָ האָט ער אומגעריכט געטראָפן זיין אַמאָליקע באַליבטע שול־חברטע רותקען. מאַקס האָט געהאַט אונטער זיך זיין שטורמישן נעכטן, איז געקומען דאָ מיט אַ ווייב און אַ טעכטערל. רותקע האָט שוין באַוויזן טראַגיש צו פאַרלירן איר פאָטער, דעם אַקטיוון קאָמוניסט, וואָס איז אין ראַטן־פאַרבאַנד דערשאָסן געוואָרן פאַר קאָנטר־רעוואָלוציע. זי האָט שוין באַוויזן אויך צו פאַרלירן איר יונגן מאַן וועלכער איז געפאַלן אין דער מלחמה און זי איז געבליבן איינזאַם מיט איר מוטער. טרעפנדיק זיך ווידער נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָבן אויפגעטויכט אַלטע געפילן, וואָס האָבן דערוועקט אין מאַקסן נשמה־געראַנגל צווישן ליבע צו רותקען און געטריישאַפט צו זיין ווייב. רותקען האָבן ניט געקענט זיין פרעמד דאָס וואָס עס טוט זיך אין מאַקס נשמה, ווייל אויך אין איר נשמה האָט געברויזט מיט אומרו. האָט זי געוואָלט זיך פון אים דערווייטערן, נאָר מאַקס פרוי האָט זי דערנענטערט און זי מיט איר מוטער זענען צוזאַמען מיט מאַקסנס משפחה צוריקגעקומען קיין פוילן און פון דאָרט צוזאַמען אַוועק קיין ישראל. ערשט נייע טראַגעדיעס האָט זייביידע פאַרייניקט. עס איז געשטאָרבן רותקעס מוטער און זי איז געבליבן אין גאַנצן איינזאַם. דערנאָך איז נאָך לאַנגער קראַנקייט געשטאָרבן מאַקסנס ווייב און ער איז געבליבן אַליין מיט זיין טעכטערל.

אין תל־אביב האָט מאַקס זיך אַ סך שפּעטער געטראָפן מיט נאָך איינע פון זיינע אַמאָליקע באַליבטע מיידלעך פון וואַרשע מיט פרעדען. האָט חורבן און קאַטאַסטראָפעס, אין די הערצער פון די איינציקע, פון

דער ריזיקער מאַסע פון וואַרשעווער יוגנט, געגליט פאַרלאַשענע ליבעס, קענען זיי דען איצט אַנטלויפן פון אַ וואַרעמער פריינדשאַפט וואָס פאַרייניקט? די וואָס זענען קינדווייז דערצויגן געוואָרן אין ליבשאַפט צו דער נאַטור, זייער יוגנט געפלאַמט מיט הייסע גלויבנס און גע־טריישאַפט, מיט שטרעבונגען און חלומות, ווי קענען זיי איצט אין זייער אייגענעם לאַנד פאַרראַטן זייערע יוגנט־שטרעבונגען און חלומות? וויפל וועגן פון פיין און יסורים האָבן מאַקס מיט רותקען געמוזט דורכ־מאַכן ביז דער גורל האָט זיי ווידער פאַרייניקט? וויפל פיין און יסורים האָט פרעדאַ דורכגעמאַכט און אַלץ געבליבן פאַראייניזאַמט? פאַרייניקן זיי אַלעמען דער נעכטן און האַלט זיי צוזאַמען אין פריינדשאַפט. זיי טרעפן זיך אין דער וווינונג ביי יונהן און וויעראַן, אין אַ וואַרעמער סביבה, ביי אַ וואַרעם גלעזל טיי, ווי מען אַנטלויפט פון דער איינזאַמקייט. וויעראַ האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט אויך מיט רותקען, וועלכע איז נאָך אַלץ געבליבן נאַיוו, און נאָך מער מיט דער איינזאַמער פרעדאַן, כאָטשביידע זענען עלטער פון איר, געפינען זיי צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

די איינזאַמע פרעדאַ איז נאָר וואָס געקומען פון פוילן. שוין ניט קיין יונגע אָבער מיט אַ יונגער נשמה און רייכער פאַרגאַנגענהייט. אירע עלטערן זענען נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אַנטלאָפן מיט זייערע קינדער פון קיעוו קיין וואַרשע. דאָ איז ביי פרעדאַן אָנשטאָט רוסיש איר שפּראַך געוואָרן פויליש און זי איז פריי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. געגאַנגען צו געהיימע קרייזן, דעקלאַמירט מאַיאַקאָווסקין און געווען אַרומגערינגלט מיט געטרייע חבר־טעס און חברים. זי איז אויך בעזעסן אין דער וואַרשעווער פרויען־טורמע „סערביאַנקע" און מיט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטקעס געטיילט זיך מיט ברויט און מיט חלומות. געטרוימט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וואָס וועט גליקלעך מאַכן די וועלט און געבענקט נאָך די באַליבטע יוגנט־חברים פון דער באַוועגונג. אויף דער פריי האָט פרעדאַ געהאַט איר באַליבטן בחור מיט וועמען זי פלעגט זיך טרעפן אין די אָוונטן און ביז שפּעט אין די נעכט מיט אים רעדן וועגן דער רעוואָלוציע און וועגן ליטעראַטור און האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט זיך געזעגענען, שטענדיק געהאַט נאָך עפּעס זיך צו זאָגן, צו דערציילן. איז איר יוגנט געווען אַ

וווּנדערלעך זיסע, אָנגעפּילט מיט גלויבן, געטריישאַפט און ליבע. האָבן אָבער אין דער פּאַרטיי זיך אַריינגעכאַפּט פאַלשע טענער, שנאה צו אייגענע חברים און וויסטע העצע. האָבן זיך געפונען אַפּיקורסים, עס זענען אַנטשטאַנען אָפּאָזיציעס, פרעדאַס בחור האָט פאַרלאָזט די פּאַרטיי, אָבער זי, איז געבליבן געטריי דער פּאַרטיי, האָט זי געמוזט געבן אַ קרבן די ליבע פאַר דער געטריישאַפט. שפּעטער האָט ווי אַ מגיפה זיך אָנגעטראָגן דער היטלעריזם, אָנגעוואָרפן אויף אַלץ אַ פּחד פאַרווונדעט אירע שענסטע מיידלישע טרוימען אָבער ניט געבראָכן איר גלויבן אין דער פּאַרטיי און גלייך ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז זי מיט דער לינקער יוגנט אַוועק צו דער רוסישער גרענעץ. ביאַליסטאָק איז געוואָרן פאַרנומען פון דער רויטער אַרמיי, איז פרעדאַ צוליב איר געטריישאַפט און איר גוטן רוסיש געוואָרן די סעקרעטאַרקע פון דער סאָוויעטיש־מיליטערישער קאָמענדאַנטור און כאָטש איר נשמה איז נאָך שטאַרקער פאַרווונדעט געוואָרן פון דעם סאָוויעטיש־היטלעריסטישן פלירט איז זי דאָך אַלץ געבליבן געטריי צום קאָמוניזם. געווען זיכער אַז דאָס איז אַ כיטרער מאַנעוור פון געניאַלן סטאַלין. אָבער ווען סטאַלין איז מיאוס אָפּגענאַרט געוואָרן פון היטלערן, וואָס האָט געבראָכן דעם אָפּמאַך און באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז פרעדאַ לויטן באַפעל פון דער אָפּטרעטנדיקער סאָוויעטישער מאַכט אַוועק אַלס פּאַרטיזאַנקע אין די ווייסרוסישע וועלדער. אָבער אויך דאָ, אין מיטן גרויל פון דער מלחמה, איז פרעדאַ געבליבן געטריי. איבערגעטאָן אַלס פויערטע האָט זי אויסגעפירט העלדישע און גאָר וויכטיקע מיליטערישע אויפגאַבן אַלס פאַרבינדלערין צווישן די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אין די פאַרשידענע וועלדער. נאָך דעם ווי די סאָוויעטישע אַרמיי האָט באַפרייט די ווייס־רוסישע געביטן, איז פרעדאַ אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דאָ האָבן די חברים פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט דער באַקאַנטער פּוילישער דיכטערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ אין שפּיץ פאַר איר איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע און זי געלויבט אַלס גרויסע העלדין אין קאַמף קעגן נאַציזם. אָבער זי אַליין האָט קיינמאָל פאַר קיינעם ניט גערימט זיך מיט אירע טאַטן. זי איז געבליבן דאָס זעלבע באַליבטע מיידל פון די וואַרשעווער יידישע גאַסן, מיט דער זעלבער געטריישאַפט, מיט דער

זעלבער שיינקייט און באַשיידנקייט. אַוודאי האָט זי אין מאָסקווע געטראָפן אַ סאָציאַליזם וואָס איז געווען ווייט פון דעם סאָציאַליזם פון אירע מיידלישע חלומות. זי האָט אָבער געוואָרפן די שולד אויף דער מלחמה. איר גרויסער גלויבן אין קאָמוניזם האָט פאַרשטעלט פאַר אירע אויגן דעם ביטערן אמת און זי איז אַלץ געווען זיכער אַז אין באַפרייטן פּוילן וועט דער סאָציאַליזם איינפירן איר גערעכטיקייט און פרייהייט. ווען אירע יידישע חברים אין מאָסקווע האָבן עפּעס מיט גרויס נייגעריקייט גענומען ציטירן פון דער קאָמוניסטישער ציַיטונג אין יידיש „איינקייט", אַז: „מיר זענען געבליבן פּרינציפּיעלע קעגנער פון ציוניזם, מיר זענען אָבער דערביי פאַר אַ יידישער מלוכהשקייט אין פּאַלעסטינע, ווי אַ לייזונג פאַר אַ טייל פון יידישן פאָלק". האָבן אָט די ווערטער געקלונגען פאַר איר מאָדנע ווילד און פרעמד. ניט געקאָנט פאַרדייען — וואָס עפּעס פּאַלעסטינע פּלוצעם? ווי באַלד אַ היים איז איר היים דאָך פּוילן! וויפל האָט זי זיך דאָרט אָנגעליטן פאַרן קאָמוניזם, וויפל אין טורמעס אויסגעזעסן, וויפל דאָרט געליבט און געחלומט און דאָ מיטנדערינען, נאָדיר גאָר אַ פּאַלעסטינע. און אַז פּוילן איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי איז זי גלייך דאָרט אַוועק אונטערשטעלן אַ פּלייצע צו בויען דעם סאָציאַליזם. געטראָפן האָט זי אַ גאָר אַנדער פּוילן. ווו דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן אָפּגעווישט געבליבן בלויז די שנאה צו יידן. ניט געווען מער אירע עלטערן, ניט אירע באַליבטע חברים, ניט אירע געטרייע חברטעס, איז וואָס איז געווען צו טאָן, זיי וועלן דאָך מער פון קבר ניט אויפשטיין און ניט יענע זיסע צייטן. כאָטש פּוילן האָט געשטונקען מיט בראַנפן און יידן־שנאה האָט זי אַלץ געגלויבט אין דער פּאַרטייאישער גערעכטיקייט און ניט ווי אַנדערע פון אירע חברים וואָס האָבן דעזערטירט און אַוועק קיין פּאַלעסטינע, נאָר זי איז אַוועק אַרבעטן אין פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום אין דינסט פון פּוילישן סאָציאַליזם און אויך דאָ געאַרבעט געטריי. פון מיניסטעריום האָט מען זי געשיקט אין שליחות אין פאַרשידענע לענדער. זייענדיק אין קאַנאַדע האָט זי זיך דערוווּסט אַז אין פּוילן זענען דאָ „צופּיל אַבראַמאָוויטשעס" און אַז איר יידישע געטריישאַפט איז אין פּוילן קיינעם ניט נויטיק. איז זי מיט איינמאָל אויסגעהיילט געוואָרן פון קאָמוניזם און אַנשטאָט צוריק־

צופֿאָרן קיין פּוילן איז זי אויך אַוועק קיין פּאַלעסטינע.

אין ישראל געהערט ניט פֿרעדאַ צו די האַלבע בעל התשובהניקעס, וואָס פֿאַרזיכערן אַז דער קאָמוניזם איז גאָר ניט שולדיק וואָס סטאַלין אָדער גאָמולקאַ האָבן אים פֿאַרקריפּלט, נאָר מיט איר אינטעליגענץ אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז דער אומגליק פֿון קאָמוניזם איז ניט צוליב עפּעס אַ מיספֿאַרשטענדעניש, ניט צוליב דעם אָדער אַנדערן פֿירער, נאָר ליגט אין איר ברוטאַלן כאַראַקטער. אין ישראל האָט זי ליב באַקומען דאָס לאַנד און ביי איר שווערער מאַטעריעלער לאַגע האָט זי צו קיינעם ניט קיין טענות, ווי אַנדערע נייע עולים, און זי זאָגט: „איך בין אַלע מיינע יאָרן געווען אַ קעגנערין פֿון ציוניזם. איך האָב דעם לאַנד גאָר ניט געגעבן איז מיר ישראל גאָר ניט שולדיק. איך האָב פֿון דעם לאַנד גאָר ניט קיין רעכט צו פֿאָדערן". זי האָט דאָ אין לאַנד געטראָפֿן איר אַמאָליקן בחור מאַקסן. כאָטש צווישן אים און פֿרעדאַן, האָט זיך באַנייט זייער פֿריינדשאַפֿט האָט ער אָבער זיין באַליבטע רותקען. אָבער פֿרעדאַ איז איינזאַם, אויך צעבראָכן. די בלאָטעס אין די וועלדער האָבן אונטער־געריסן איר געזונט, נאָר איר נשמה איז געבליבן ריין ניט פֿאַרדאָרבן. געבליבן איר שטאַרקער כאַראַקטער, איר ליבע צום מענטש און צום בוך, איז מיט איר אינטערעסאַנט צו פֿאַרברענגען. צוזאַמען מיט מאַקסן און מיט זיין רותקען. טרעפֿן זיי זיך אין וויעראַס און יונהס אָנגענעמענע וווינונג, ווו עס שפּינט זיך אויס אַ קרייז פֿריינט, וועמען דער גורל האָט צעטיילט און פֿאַרייניקט. און אַלע זענען זיי דאָ געוווּנטשענע געסט.

פֿירן זיך ווייטער, אין זייער דירה, די געמיטלעכע שבת־שמועסן, צווישן מענטשן ניט געשטיקט אין דער ענגשאַפֿט פֿון פּאַרטייאישן טראַכטן און פּאַרטייאישע פֿאָרמולעס און עס זאָגט פּסח:

— עס איז נאָך ניט דערפֿונדן געוואָרן קיין פּרוביר־שטיין צו מעסטן וואָס איז אמת, עס איז נאָך ניט אַנטפּלעקט געוואָרן קיין זיכערער אידעאַל פֿון אַ גליקלעכן מאָרגן. דאָס לעבן איז אַ כסדרדיקער איבער־בייט פֿון באַדערפֿעניש, שטרעבונגען, געדאַנקען און אידעאַלן. דער מענטש זוכט כסדר נייע וועגן פֿאַר זיין אַלטן קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און יושר, דערפֿאַר איז דער גרעסטער חטא זיך צו קלאַמערן אין דאָגמעס.

— צו קען מען בכלל — רופֿט זיך אָן שלמה, מאַכן אַן אידעאַלן פּלאַן

פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן סיסטעם אין וועלכן דער מעכאַניזם פון לעבן זאָל פליסן אַזוי גלאַטיק און ווערן די פאַרווירקלעכונג פון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען? די ביז איצטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע טעאָריעס, פאַרזיכערן גאָר ניט קיין פרידיק און יושרדיק לעבן איז צו וואָס זיך קלאַמערן אין זיי?

— ווי קען זיין אַ רייד וועגן אַ בעסער לעבן ווען די גרעסטע טייל רייכטימער ווערן פאַרשווענדעט אויף די ראַפינירטסטע טויט־מכשירים. עס ווערן אויסגעגעבן מיליאַרדן אויף אַטאָמישע באַוואָפענונג אַנשטאָט צו לינדערן די נויט. ווען דער מענטשלעכער שכל דינט דאָך דעם טויט אַנשטאָט צו דינען דעם לעבן, זאָגט זעלדע.

— ווּעמען באַשולדיקט איר מיינע פריינד, פרעגט לאה, אין דער לאַגע, די וויסנשאַפט, די רעגירונגען, אָדער וועמען אַנדערש?

— אין דער ערשטער רייע ליגט דאָך די שולד אין די רעגירונגען. ווער דען אויב ניט זיי, די היטער פון געזעץ און אָרדענונג, זענען די ערשטע צו צעברעכן די געזעצן וואָס זיי אַליין באַשטימען, זיי זענען עס די אַרכיטעקטן פון פעלקער־שחיטהס און טעראָר, ווער שיקט עס צו טרעטן, צוליב די מאַכט אינטערעסן, מיט טאַנקן איבער מענטשלעכע קערפערס, ווער דערשטיקט די מענטשלעכע פרייהייטן? אַוודאי איז מלוכהשער טעראָר און פאַרברעכנס אַ לעגאַלער, אַ געזעצלעכער, אונטערן כּסוי פון „חשובע" מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן. זענען דען ניט אַלע מלחמות אַ „לעגאַלער" מאָרד? רופט זיך אָן זלמן.

— מיר דוכט זיך, רופט זיך אָן לאה, אַז דער פריינד זלמן רעדט ווי אַן אמתער אַנאַרכיסט.

—אינטערעסאַנט ווען מען זאָגט אַרויס עפּעס אַ ריכטיקן געדאַנק, ווערט מען גלייך באַשולדיקט אין אַנאַרכיזם. אויב די אַנאַרכיסטן זענען קעגן דעם ברוטאַלן מאָרד איבער פעלקער דורך די פאַרשידענע רעגירונ־גען, הערשער און דיקטאַטאָרן נעם איך אויף זיך דעם „חטא" וואָס איר פרוי לאה וואַרפט מיר פאָר.

— דער אַנאַרכיזם איז אָבער ניט מער ווי אַ שיינע אוטאָפּיע, ענט־פערט אים לאה, ווערן דען ניט די שענסטע אידעען צעטרעטן אונטער די רעדער פון דער גרויער ווירקלעכקייט. יעדע אידעע ווען זי האַלט גאָר אָפּ איר נצחון מוז גיין אויף קאָמפּראָמיסן מיט דער ווירקלעכקייט

און ניט זעלטן טרעטן די טרוימער אויף זייערע אייגענע חלומות. יעדער זיג פון אַן אידעע איז אויך איר קאַפּיטולאַציע, איר סוף און איר אונטער־גאַנג. אַזוי איז געווען מיט קריסטנטום, אַזוי איז מיטן סאָציאַליזם. די טראַגעדיע פון יעדן אידעאַל איז וואָס ביים איינשטעלן אַ גלייכגעוויכט צווישן די שטרעבונגען און די מעגלעכקייטן צווישן דערוואַרטונגען און דערגרייכונגען, ווערט שטענדיק באַוואָלט דער חלום. אַן קאָמפּראָמיס מיט דער ווירקלעכקייט וואָלט מען אין ערגעץ ניט דערגאַנגען. איז צו וואָס שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, ווען די וואַנט איז שטענדיק שטאַרקער?

— טייערע פרוי לאה, ענטפערט זלמן, נאָר די וואָס ציטערן פאַר גע־וואַגטע געדאַנקען שרעקן אונדז מיטן וואָרט אוטאָפּיע? דער גאַנצער פאָרשריט איז דאָך דער אייביקער גאַנג פון אוטאָפּיע צו אוטאָפּיע. אַלע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, דאָס אָפּשאַפן די שקלאַפעריי, אויך דער ציוניזם זענען געווען אוטאָפּיעס. פון אוטאָפּיעס ווערט געבוירן יעדע ווירקלעכקייט. אַלע גרויסע דענקערס זענען געווען גרויסע אוטאָפּיסטן. נאָר די וואָס ווילן אָפּשטעלן דאָס ראָד פון פּראָגרעס חוזקן פון אוטאָפּיעס. זענען דען שולדיק די אידעען ווען די וואָס דאַרפן זיי פאַרווירקלעכן, ווערן זייערע באַגרעבער? איז דען שולדיק די עוואַנגעליע וואָס אירע אַפּאָסטאָלן פון ליבע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אינקוויזיטאָרן? שולדיק זענען די „רעאַל" פּאָליטיקער, וואָס דערטרינקען די שענסטע אידעאַלן אין בלוט און אין בלאָטע.

— דאָס הייסט, פרעגט זלמן, אַז ווי דער היסטאָריקער טאָמאַס קאַרליל, שרייבט איר צו די הערשער, די מנהיגים און כהנים אַ צו גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע, ווו זענען די מאַסן וואָס מאַכן אַלע רעוואָלוציעס, בויען באַריקאַדן, האַקן די קעפּ פון טיראַנען? אַפילו מיט אַ קליינעם שטים־צעטל קענען זיי אַראָפּשליידערן פון דער מאַכט דעם גרעסטן יחסן. דערפאַר זענען טאָקע די הערשער געצוואונגען צו חנפענען די מאַסן, וואָס זענען אָפט מער דעספּאָטיש ווי די הערשער, וואָס וואָלט געווען היטלער אָן די צעיושעטע דייטשן וואָס האָבן פאַגראָמירט יידן, געבערענט ביכער און געריטשעט: „הייל היטלער"!!

— טייערע פרוי לאה! איך באַשולדיק מער די מאַסן, ווייל נאָר אין זייער טיפּשות ליגט דער כוח פון די הערשער; אין זייער אַבערגלויבן,

אַז אַן דער בײַטש איז גאָר ניט מעגלעך קײן געזעלשאַפטלעך לעבן. זײ זענען גרײט זיך אַוועקצולײגן צו די פיס פון יעדן, וואָס פֿאַרמאָגט נאָר אַ געמײנע תאווה צו הערשאַפט. זײ די מאַסן שטעלן אַלײן זיך אויף געצן און דעספּאָטן וואָס זאָלן איבער זײ טרעטן. אַפילו מיטן קלײנעם שטים־צעטל פֿאַרשקלאַפן זײ זיך פרײוויליק. די אַלע „פֿאָלקס־פֿאַרזאָר־גערס" נוציקן זיך אין דעם טיפּשות פון די מאַסן, זײ בעסער צו פֿאַר־שקלאַפן און באַרויבן זײער פרײהײט.

— איך ווײס פון מײן דערפֿאַרונג, רופט זיך אַן יונה, פון פֿראָנט און דער אַרמײ, אַז עס איז געװנוג מען זאָל דעם גרעסטן אידיאָט אָנטוען אַ פּאָר שליפֿעס, דערהויבן אויף אַ ראַנגע און ער ווערט גלײך גרײט צו טרעטן איבער די וועלכע ליגן אים אונטער. ניט בלויז אין דער אַרמײ נאָר אין די פֿאַבריקן און מלוכה־אַמטן איז געוװנוג ווער עס זאָל באַקומען אַ ביסל מאַכט איבער אַנדערע און גלײך קריכט פון אים אַרויס דאָס ביסל פֿאַסקודסטווע.

— איך באַדויער, רופט זיך אַן וויערא, וואָס די וויסנשאַפט גריבלט זיך מער אין דער פֿראַגע — וואָס איז לעבן און ניט — ווי אַזוי צו לעבן, צו מאַכן דאָס לעבן בעסער, שענער, פֿרײלעכער און יושרדיקער. פֿאַר דער הומאַניטאַרער פּסיכאָלאָגיע שטײט די פֿראַגע ווי אַזוי צו מאַכן דעם מענטש בעסער און בעסער די געזעלשאַפט. די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע דאַרף גײן אין דער ריכטונג צו דערפֿירן צו אַ פֿאַרשטענדעניש און צו אַ שלום צווישן פֿעלקער, וואָס זאָל פֿאַרזיכערן עס זאָל קײנמאָל מער ניט זײן קײן אוישוויץ, מיר זאָלן קענען לעבן אָן אויפֿטרײסלונגען, אָן בלוטיקע קאַטאַסטראָפֿעס, אונדזערע קינדער זאָלן ניט פֿאַרלירן זײער קינדהײט און די יוגנט, ניט אירע שענסטע חלומות, נאָר געניסן פון דער שײנקײט וואָס עס קאַרגט ניט די נאַטור און פון דער פֿרײד וואָס ליגט ווי אַן אוצר באַהאַלטן אין די מענטשלעכע הערצער וואָס הײלט דעם גוף און די נשמה.

נאָך די שבתדיקע שמועסן קומען וואָכיקע טעג פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. וויעראַ אַלס פּסיכאָלאָגין באַזוכט פֿאַרשידענע שולן, גלעט מיט ליבשאַפט איבער קינדישע קעפּלעך און טראַכט — וואָס וועט פון אָט די זיסע באַשעפענישן אויסוואַקסן? אויף די קינדישע פּנימער מאָלט

זיך שוין זייער צוקונפטיקער כאַראַקטער, זייערע מעלות וואָס מען קען אַנטוויקלען, די חסרונות, וועלכע מען קאָן נאָך אויסהיילן. דערווייל זענען דאָס נאָך ריינע נשמהלעך פון וועלכע עס קאָן אויסוואַקסן אַ וווּנ־דערלעכער דור. דערצו דאַרפן אָבער די מאַמעס זיי אַנדערש, אויך לערערס דאַרפן זיין אַנדערש און אַלץ, וואָס דאַרף די קינדערלעך אויסוואַרעמען און רייף מאַכן צו אַ שיין לעבן. איז וואָס פאַראַ גליק וועט געפינען איר נפשל, וואָס קלאַפּט שוין, מיט פּיצעלעך הענטעלעך, אין די טירן פון לעבן און רייסט זיך פון וויעראַס בויך־טורמע צו דער פריי? ווער וועט זאָרגן פאַר מאָרגן פון די קינדער?

און ווער וועט די יוגנט אין זייערע שענסטע יאָרן, אַזעלכע האַרציקע, ווי די כוואַליעס צעשטורעמטע, באַפרייען פון פּחד פאַר מלחמה און אַנטוען פליגלען אויף זייערע נשמות? זיי זאָלן שפּאַנען איבערן לעבן מיט ליבע און לידער, מיט פריינדשאַפט און טרייהייט, צו גליק און פרייהייט; זיי זאָלן שפּאַנען אויף וועגן יוגנטלעכע, ווייל יוגנט איז דאָך שיין, יוגנט איז לעבן. און ווער וועט די, וואָס זענען אַהערגעקומען פון אַלע עקן וועלט, אין צוגעזאָגטן לאַנד אויפצושטעלן זייער געצעלט, אָנוואַרעמען מיט פריינדשאפט און ליבע? ווער וועט זאָרגן פאַר די־רייך־אין־יאָרן, וועמענס לעבן איז אַדורך ווי אַ שטורמישער געוויטער, וואָס האָט אַלץ אין בלוט דערטרינקען? און כאָטש דער האַרבסט צעלייגט שוין איבער זיי זיין שאָטן, האָבן זיי נאָך אַלץ פלאַמיקע באַגערן און בענקשאַפטן נאָך פאַרשווונדענע חלומות, נאָך טרוימען וואָס זענען אַנטרונען?

די פּאַרטייען אין ישראל וועלן דאָך דעם מענטש ניט באַגליקן. אויב אין פוילן האָבן די יידישע פּאַרטייען דערצויגן דעם מענטש, אָנגעפילט די יוגנט מיט משיחישע חלומות, מיט אַ גלויבן אין סאָציאַליזם אָדער מיט אַ בענקשאַפט צו ציון, זאָרגן די פּאַרטייען אין ישראל מער פאַר דער קאַריערע פון זייערע עסקנים און פאַרסמען די נשמות פון די מאַסן. ווייסט אויך וויעראַ זייער גוט אַז מיט זיין אַ פּאַרטיי פאַר זיך אַליין קען מען אויך ווייט ניט דערגרייכן. בלייבט בלויז מיט די אייגענע באַשיידענע כוחות צו דינען פאַר אַנדערע אַ ביישפּיל. עס בלייבט בלויז צו חלומען, אַז די וועלט זאָל ניט פאַרפלייצט ווערן מיט שאַרלאַטאַנעס

און אויסוואַרפן, נאָר אין קינדישע נשמות פאַרפלאַנצן דעם גייסט פון באַשיידנקייט און ערלעכקייט.

צו די ערלעכע און באַשיידענע געהערט דאָך אוודאי הער זעלצער. וויעראַ טרעפנדיק אים דערקענט אים קוים. ער האָט אַ סך זיך געעלטערט. זיין שטיל ווייבעלע, וואָס האָט אַזוי שטיל געלעבט איז אויך שטיל געשטאָרבן. געווען די גאַנצע צייט קראַנק אָבער פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט זיך. אָן איר איז הער זעלצער אין גאַנצן ווי פאַרלוירן. און זיין איינזאַמקייט ווייסט ער איצט אַז ער האָט זיין שטיל ווייבל ליב געהאָט און זי פעלט אים. ער וואָס איז געווען אַזוי פיל מיט לעבן, וואָס מיט אים איז געווען אינטערעסאַנט צו שמועסן, איז איצט אַן אַנטוישטער זקן, אַנטוישט אויך אין דער וויסנשאַפט וועמען ער האָט געדינט זיין גאַנץ לעבן און געגלויבט אין איר. היינט טענהט ער אַז די וויסנשאַפט דינט גאָר ניט דעם מענטש נאָר דעם טייוול. זי דינט די הערשער, זי דינט דעם טויט ניט דעם לעבן, זי דינט די וואָס ווילן אין בלוט דערטרינקען די וועלט. איז זעלצער אויך אַנטוישט אין דעם מענטש. ער זאָגט אַז די היינטיקע געזעלשאַפט איז ברוטאַל, דער מענטש עגאָיסטיש און ביטרע. בונטעוועט זיך הער זעלצער קעגן לעבן, קעגן דער געזעלשאַפט און אירע אינסטיטוציעס. ער איז אָבער ניט געבוירן צו זיין אַ קעמפער און איז אומפּראַקטיש אין לעבן. אפשר דערפאַר געפינט ער ניט אין לעבן קיין שטראַל פון האָפענונג. ער זעט בלויז די שאָטן-זייטן. די וויסנשאַפט איז לויט אים אומנוציק, די ליטעראַטור איז פאַרעלטערט, זי שפּיגלט ניט געגוג אָפּ די היינטיקע קאַשמאַרע, אומזיניקע און אומלאָגישע ווירקלעכקייט. אפשר טראַכט אַזוי הער זעלצער, ווייל ער אַליין איז פאַרעלטערט, ניט צוגעפּאַסט צו דער ווירקלעכקייט? הער זעלצער איז אפשר צופיל אַנטוישט און וויעראַ קען אים ניט טרייסטן.

גייענדיק גאָר פרי צו דער אַרבעט באַמערקט יונה, אין גאַס, אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג. כאָטש ער איילט זיך צו דער אַרבעט, בלייבט ער שטיין און קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון דעם וואָס ער זעט פאַר זיינע אויגן. ער קוקט מיטן גרעסטן אינטערעס ווי אַ קאַץ דערזעענדיק אויפן ברוק ליגן אַ טויטע, אַן איבערגעפאָרענע פאַרבלוטיקטע קאַץ, קען זי ניט רויק דורכגיין נאָר דערנענטערט זיך צו דער טויטער קאַץ, שמעקט

זי אַרום פון אַלע זייטן. צי פֿאַרשטייט זי דען וואָס עס מיינט טויט? זי פֿאַרשטייט אָבער, מיט איר קעציש שכל און מיט איר קעצישער מאָראַל, אַז זי טאָר ניט די טויטע קאַץ איבערלאָזן אויף הפקר אויפֿן ברוק, ווו מען קען זי דאָך נאָכאַמאָל איבערפֿאָרן און זי נעמט מיט איר קעצישן פּיסקל שלעפּן די טויטע קאַץ, וואָס עס קומט איר גאָר ניט אָן לייכט, ביז איר געלונגט אַרויפֿצושלעפּן די טויטע קאַץ אויפֿן טראָטואַר. ערשט דעמאָלט, אפֿשר מיט אַ רואיקן „קעצישן געוויסן" פֿאַרלאָזט זי די קאַץ און גייט זיך רויִק אַוועק. אָט די סצענע גיט יונהן אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט צו טראַכטן וועגן דעם געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אָדער פֿליכט צו העלפֿן אַ צווייטע, ליגט אין דער נשמה פֿון אַ קאַץ און מסתמא אויך ביי אַנדערע חיות. פֿאַרוואָס מאַרדן זיך ניט קיין קעץ נאָר מענטשן. צי האָט די נאַטור געשאַנקן די קאַץ מער עטישע געפֿילן און פֿאַראַנט־וואָרטלעכקייט ווי דעם מענטש?

קומענדיק אַהיים דערציילט יונה גלייך וויעראַן און חדוהן פֿון דעם שיינעם טאָט פֿון אַ קאַץ, דערנאָך טראָגט אים וויעראַ אַנטקעגן אַ בריוו פֿון אַנדזשעלאַן און דזשעקן פֿון פּאַריז. דאָס איז ניט זייער ערשטער בריוו. פֿון אַלע זייערע בריוו לייענט מען אַרויס זייער בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿריינדשאַפֿט מיט יונהן און וויעראַן, אַ בענקשאַפֿט צו אַ לאַנד און אַ ווינקעלע ווו ניט צו זיין פֿרעמד, ווו צו קענען אַנוואַרעמען די נשמה מיט פֿריינדשאַפֿט. זיי לעבן דאָרט אין פּאַריז מיט דער אילוזיע אַז אין ישראל וואָרט זיי אַ ליבע היים, ווו זיי וועלן קענען לעבן גליקלעך אין ליבע און פֿריינדשאַפֿט. איז ווי קאָן וויעראַ מיט יונה צעשטערן זייער חלום און אילוזיע? דיווירקלעכקייט איז אָבער אַן אַנדערע, ביידע ווילן גערן האָבן אַנדזשעלאַן און דזשעקן אין ישראל פֿאַר גוטע פֿריינט. זיי זענען גרייט מיט אַלץ זיי צו העלפֿן זיך איינצואָרדענען אין ישראל. זיי ווייסן אָבער זייער גוט אַז עס זענען דאָ כוחות, וואָס וועלן דאָס ניט דערלאָזן, ווייל אַנדזשעלע איז דאָך ניט קיין יידישע טאָכטער און זי וואָלט אין ישראל געמוזט דורכמאַכן אַ זייער ניט אַנגענעמען און קאָמ־פּליצירטן פּראָצעס פֿון, זיך מגייר זיין, וואָס אַנדזשעלע, אַלס ניט רעליגיעזע, וועט דאָס ניט קאָנען מיטמאַכן. זי איז דאָך צו ערלעך וועמען נאַרן און זיך אַליין אָפּצונאַרן. געפֿינט זיך וויעראַ מיט יונהן אין אַ גאָר

ניט אַנגענעמער לאַגע. זיי טאָרן דאָך ניט אַנדזשעלען מיט דזשעקן אַנטוישן און זיי שרייבן דעם אמת. צי וועלן זיי דען זיך פאַרשטעלן אַז אין יידישן לאַנד קאָן אַ מענטש ניט פריי לעבן נאָר זיין אונטערגעוואָרפן רעליגיעזע געזעצן ? זיי וועלן דאָך ניט קענען פאַרשטיין אַז אין שיינעם ישראל איז די מאַכט פון די רבנים אַזוי גרויס און צו פאַנאַטיש צו פאַרשטיין אַזעלכע ערלעכע נשמות ווי אַנדזשעלע, וואָס וויל באַהעפטן איר לעבן מיט אַ יידישן בחור, באַהעפטן איר צוקונפט מיט יידישן פאָלק אָבער מסתמא אָן דער פאַרמיטלונג פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם. ביידע קענען אויך ניט צוקלאַפּן דזשעקס שיינעם חלום. צי נויטיקט ער זיך, נאָך זיין אַנטוישונג אין קאָמוניזם, אין נאָך אַן אַנטוישונג אין ציוניזם, און וואָס וועט אים בלייבן צו גלויבן ? אַנדזשעלע וועט דאָך זיכער וועלן ברענגען קיין ישראל איר איידעלע מוטער, אָבער וואָס וועט זי דאָ טאָן ? זי איז דאָך גענוג אַנגעברוגזט אויף איר אייגן פאָלק און נויטיקט זיך מען זאָל זי אויפנעמען מיט וואַרעמקייט און זי ניט אַנטוישן. דערמאָנט זיך יונה די סצענע ווי אַ קאַץ האָט געראַטעוועט אַ טויטע קאַץ זי זאָל ניט ווערן איבערגעפאָרן, פאַרוואָס זאָלן יונה און וויעראַ ניט קענען העלפן לעבעדיקע פריינט און וואַרעמען זייער חלום ?

אַ שאָד וואָס אַ טייל יידן מאַכן פון דער רעליגיע פאָליטיק. אַ שאָד וואָס די תורה, וואָס איז אַ קוואַל פון חכמה, ווערט פאַר אַ טייל אַ סגולה צו פרנסה. צי קען מען דען איבערצייגן אַ פרומען ייד, אַ גמרא־קאָפּ, וואָס קנעלט אין די אָוונטן, מיט עלטערע יידן אַ פרשה השבוע, אָדער טייטשט אויס פאַר זיינע פרומע צוהערערס גענוי וואָס גאָט האָט געמיינט מיט זיין יעדן וואָרט אין דער תורה און איז אין גאַנצן זיכער אַז אַזוי און ניט אַנדערש האָט גאָט געמיינט. ער צווייפלט גאָר ניט אַז ער קען האָבן אַ טעות. אַזעלכע יידן זענען אין גאַנצן זיכער אַז ווען שולמית האָט גערעדט וועגן די „קושן פון זיין מויל" האָט זי גאָר ניט געחלומט וועגן דער „זיסקייט וואָס טריפט פון שלמהס ליפּן און מילך און האָניק פון זיין מויל", נאָר געמיינט גאָר די הייליקע תורה. איז ווי קאָנען אַזעלכע פרומע יידן פאַרשטיין די זיסקייט פון דער ליבע וואָס גליט אין יונגע נשמות ? ווי קענען זיי פאַרשטיין אַז ליבע איז ניט באַגרענעצט נאָר אין די ראַמען פון איין פאָלק, נאָר איז אַ סך ברייטער, אַז מען קען

ליב האָבן אויך וועמען פון אַ צווייט פאָלק? איז אויב רעליגיע צוימט אָפּ, שטעלט גרענעצן צווישן פעלקער, שאַפט שנאה, קען נאָר ליבע, אין קעגנזאַץ צו דער רעליגיע, אָפּשאַפן די גרענעצן און די שנאה צווישן פעלקער. אפשר האָבן די וועלכע רעדן אַזוי פיל וועגן ליבע צו גאָט, גאָר ניט ליב דעם מענטש?

אָנהייב ווינטער דערפילט וויעראַ פלוצעם שטאַרקע ווייען, זעט אויס אַז דאָס באַשעפעניש¹ האָט זיך צעבונטעוועט אין דעם בויך־געפאַנגעניש. פירט איר אַ שכנטע גיך אַוועק אין שפּיטאָל. ווען יונה קומט אַהיים פון דער אַרבעט און חדוה דערציילט אים אַז די מוטער איז אַוועק אין שפּיטאָל, נעמט אים האַסטיק קלאַפּן דאָס האַרץ. ער כאַפּט גיך אַ טאַקסי און אַוועק אין שפּיטאָל. מיט האַרצקלאַפּעניש גייט ער אַריין אין איר צימער, מיט אַ שולד־געפיל פאַר אירע געבוירט יסורים. אָבער ער טרעפט וויעראַן אַ צעשמייכלטע. זי דערציילט אים וואָס פאַראַ פיצל ליב באַשעפעניש זי האָט געבוירן, ווערט יונהן וואַרעם אויף דער נשמה און ער נעמט זי אַרום און שעפּטשעט איר אין אויער: „מיין טייערע זאַפטיקע געליבטע, האַרציקע מאַמע". חדוה האָט ריכטיק פאָרויסגעזען, אַז דאָס וועט זיין אַ ברודערל. מען ווייזט טאַקע שפּעטער יונהן אַ קליין באַשעפעניש ווי אַ מאַלפּעלע, וואָס צעשרייט זיך און מען נעמט עס גיך אַוועק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום ברענגט וויעראַ אַהיים דאָס ליבע באַשעפעניש, וואָס צעשרייט זיך אויף הויכע טענער, נאָר וויעראַ קען אים איינשטילן מיט דער הילף פון איר ברוסט, און דאָס קינד זייגט מיט אַ זאַפטיקן פאַרגעניגן. אָט ליגט עס דאָס קליינע פּרעסערל וואָס זעט קוים די וועלט און ווייסט שוין צו פאָדערן וואָס אים קומט. האָט דאָס קליינע באַשעפעניש אַריינגעברענגט אַ נייע פרייד, אַ נייעם אינטערעס, אַ נייע ליבשאַפט און חדוה פילט אויף זיך אַ מין פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו איר יונג ברודערל.

אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן קומט צו זיי צו גאַסט אַ שרייבער מיט זיין פרוי. גיבן אָפּ מזל־טוב און ברענגען אַ מתנה דעם שרייבערס נייגעבוירענעם ראָמאַן. איז מען זיי מכבד מיט אַ געשמאַקער קאַווע. וויעראַ זייגט דערוויל אָן דאָס קינד און אין דרויסן באַזאַפטיקט אַ דראַבנער רעגן די ערד. אין דער וווינונג איז וואַרעם און אינטים. עס קומט אַריין וויעראַ

און עס פירט זיך אַ געמיטלעכער שמועס מיט די געסט. דער שרייבער זאָגט:

— איך גלויב ניט אַז דער גרעסטער ציל פון דער קונסט איז דאָס דערגרייכן דערפאָלג פאַרן שרייבער. איך באַגנוגן זיך מיטן פאַרגעניגן וואָס עס גיט מיר דאָס שרייבן.

— אַ שרייבער, רופט זיך אָן זיין פרוי, וואָס קריטיקירט די אינסטי־טוציעס קען דאָך ניט טראַכטן וועגן דערפאָלג. די מענטשן זענען צו נאַריש צו פאַרטראָגן ווען מען זאָגט זיי דעם אמת. כדי צו האָבן דערפאָלג אין דער ליטעראַטור איז מער נוצלעך אַביסל חניפה ווי טאַלאַנט, אָדער מען דאַרף דינען מיט דער פעדער דער מאַכט אָדער אַ פאַרטיי.

— עס זענען דאָ שרייבערס און פּאָעטן וואָס דינען אומעטום דער „נאַטשאַלסטוואָ" און אַזעלכע וועט קיינמאָל קיין רום ניט פעלן. אמתע פּאָעטן האָבן קיינמאָל ניט געפירט קיין פלירט מיט די הערשער נאָר אויסגעשטאַנען פון זיי גרויסע ליידן. וויפל האָבן געליטן פון רוסישן צאַר אַזעלכע פּאָעטן ווי פּושקין און לערמאָנטאָוו. און וואָס איז געווען דער גורל פון אַזעלכע, ווי בעבעל, גאָרקי, יעסענין, קוזניעצאָוו און די יידישע שרייבערס אין סאָוויעטן־לאַנד, פון די רויטע צאַרן? ווען איך שרייב טראַכט איך גאָר ניט וועמען צו געפעלן, נאָר שרייב וואָס איך טראַכט. איך וויל זיך אַליין ניט פאַרראַטן.

— אָפט לאָזט זיך דער מחבר אַריין, — זאָגט יונה — אין אַ קאָנפליקט מיט זיין אייגענעם העלד, אָט מוסרט ער אים, אָדער פירט אים ביי דער נאָז, שטויסט אים צו זינד און פאַרברעכנס, אָדער טוט אים גאָר אָן אַ פעלץ פון אַ צדיק. איז דען ניט די וועלט איין ריזיקע ביבליאָטעק מיט מיליאָנען לעבעדיקע ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמעס און טראַגעדיעס אָפט מיט מער שפּאַנונג, מיט מער שוידער, מער עראָטיש, אָדער מיט מיט מער ליריזם, מיט מער הומאָר, מיט מער פּאָעזיע, מיט מער ראָמאַנ־טישקייט פון די אַלע געשריבענע ראָמאַנען?

— גערעכט, ענטפערט דער שרייבער, דאָס לעבן איז טאַקע רייכער פון די געשריבענע ראָמאַנען, מיט פרייד און מיט אומעט, מיט צאַפּל פון ליבע און מיט גרויל פון קאָשמאַרן. אָבער דאָס לעבן פון יעדן מענטש איז אַ פאַרמאַכט בוך, ווי קיין פרעמדער קאָן ניט אַריינקוקן און לייענען. מענטשן דערציילן זעלטן, וואָס עס טוט זיך אין זייערע טיפענישן.

זעלטן דערציילן זיי וואָס זיי טראַכטן און פילן ווען דער געשריבענער ראָמאַן איז אַן אָפּן האַרץ ווי יעדער קען אַריינקוקן, מישן די בלעטער און לייענען. דער ראָמאַן איז אַן אָפּן פענצטער און אָפענע טיר צו דער מענטשלעכער נשמה און זי לאָזט דעם מחברס און דעם לייענערס פאַנ־טאַזיע שווימען ביז די העכסטע הימלען. דער ראָמאַן איז דער דעמאָקראַ־טישסטער פון אַלע מוזעס, זי דערציילט ווי מענטשן לעבן. דער ראָמאַן קאָנקורירט גאָר ניט מיטן לעבן, כאָטש ער איז אַזוי רייך ווי דאָס לעבן.

— זאָג מיר — פרעגט וויעראַ — וואָס אייגנטלעך טרייבט דעם מחבר אָנצושרייבן אַ ראָמאַן, דער ווילן צו פאַראייביקן אַ שטיק לעבן, אָדער אַריינצולייגן אין מויל פון העלד דאָס וואָס דער מחבר וויל זאָגן, די אייגענע געדאַנקען וואָס מאַטערן דעם מחבר, פאַרוואָס און פאַר וועמען שרייבט מען?

— אמת דער מחבר רעדט דורכן מויל פון זיין העלד און שרייבן שרייבט ער פאַרן לייענער, וואָס נאָר אַ דאַנק אים דערגרייכט דאָס ווערק איר באַדייטונג. דער לייענער איז דער מיטשעפער פונעם בוך, אָן אים איז דאָס בוך ניט מער ווי זייטלעך פאַפּיר מיט שוואַרצע פינטעלעך, ערשט אין מוח פון יעדן לייענער ווערט דאָס ווערק פון דאָס ניי געשריבן, דורכן לייענערס פאַרשטעלונגס־קראַפט ווערט פון די קליינע אותיותלעך געבוירן די געפילן און געדאַנקען וואָס דער מחבר וויל וועקן אין לייענער און שענקען אים עסטעטישע פרייד. דער שרייבער פּראָדוצירט גאָר ניט קיין שום מאַטעריעלע ווערטן, קיין שום נוצלעכע מאַטעריאַלן, מען קען זאָגן אַז ער פּראָדוצירט בלויז חלומות און פאַרקויפט חלומות. די חלומות מוזן אָבער זיין אַ שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט, אומבאַדינגט ניט קיין קרומער שפּיגל. דער שרייבער וויל גאָר ניט איינעמען די וועלט נאָר זי ענדערן. אמתע קונסט איז דער גערשטנגל קעגן בייז פון דער ווירק־לעכקייט און גוטע ליטעראַטור, רופט צו גוטס, צו יושר און פרייהייט, מוז טאָקע דער שרייבער אַליין זיין פריי אין זיין טראַכטן און וועקן ביים לייענער דעם געפיל צו גייסטיקער פרייהייט.

— ווען מיר טאָקע פריער דורכלייענען דיין נייעם ראָמאַן און ערשט דאַן זאָגן וועגן אים אונדזער מיינונג. איצט קענען מיר דיר בלויז דאַנקען פאַר דער שיינער מתנה, וואָס דו האָסט מסתמא אויסגעשוואַנגערט אין

לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. עקאָנאָמיקער און פּאָליטיקער צעטיילן די מענטשן אויף קלאַסן לויט דער גרויס פון זייערע פאַרמעגנס און לויט זייער אָנטייל אָדער ראָלע אין דעם אַקט פון פּראָדוצירן. די פּסיכאָלאָגיע און די ליטעראַטור דאַרפן טיילן די געזעלשאַפט אויף צוויי קלאַסן: אויף מענטשן און אוממענטשן, ווי אויף גייסטיק פרייע אָדער גייסטיק פאַרשקלאַפטע. פאַרשטענדלעך אַז עס זענען דאָ פאַרשידענע מדריגות. דער גורל פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז אָפּהענגיק פון דער איבערוואָג פון די ערשטע איבער די צווייטע, פונעם זיג פון דער מענטשלעכקייט איבערן ברוטאַלן און עגאָיזם. אין דעם שווערן געראַנגל אויף די פראָנטן פון לעבן איז די העכסטע דערגרייכונג און העכסטע ראַנגע צו וועלכע מען קען דערגרייכן איז זיין אַ מענטש. מען מוז גאָר ניט זיין קיין העלד און ניט קיין הייליקער, גענוג צו זיין בלויז אַ מענטש, זאָגט וויערא און לויפט אַריין אין צווייטן צימער צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם ניי־געבוירענעם לעבן, וואָס הייבט דאָך ערשט אָן צו שרייבן זיין אייגענעם ראָמאַן.

אַביסל שפּעטער שלאָפט שוין וויערא, אַ מידע פון פאַרען זיך אַרום קינד, וואָס וועקט זיך אויך אין מיטן פון דער נאַכט. אָבער איצט שלאָפט זיין ווייב, זיין געליבטע, די מוטער פון זיין קינד, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און יונה וואַכט איבער איר חלום. צי קען מען פון דאָס ניי זיך פאַרליבן אין אַן אייגן ווייב, ווער האָט דאָס אַזעלכעס געהערט? אַט לעבן שוין ביידע פיר יאָר צוזאַמען און זייער ליבע האָט נאָך מער געשטאַרקט זיך. וויערא האָט גאָר ניט פאַרלוירן פון איר רייץ, געוואָרן מער רייפער, מער ווייבלעכער. עס איז ניט פאַרשווונדן די שיינקייט פון איר פּנים, ניט די ריינקייט פון איר נשמה. דאָס ווייבלעכע און גייסטיקע וועקט שטענדיק די העכסטע און זיסטע געפילן, וואָס דערלאָזט ניט די ליבע זאָל צעשווימען. די געטריישאַפט פאַרפאַנצערט דאָס האַרץ קעגן יעדן בייז, קעגן פאַלשקייט און ליגנט. די אויפריכטיקייט, ערלעכקייט און אָנ־שטענדיקייט דערלאָזן ניט צו פאַרבלאָנדזשען אויף פאַלשע און קרומע וועגן.

איז ליבע גאָר ניט בלינד, ניט קיין פאַרבלענדעניש נאָר וועקט די צאַרסטע, שענסטע געפילן און געדאַנקען. זי פאַרטרייבט די נשמה־ביטער־ניש, דעם כעס און ברוגז, זי שפּייזט די אייגנזיכערקייט און איידלט אויס דעם מענטש. ווילט זיך טאַקע יונהן צערטלען און פּיעשטשען וויעראַן,

אַלעמאָל מיט באַנייטע פלאַמיק־עראָטישע געפילן, מיט דער זעלבער גייסטיקער ליבע, וואָס נאָכן העכסטן געָנוס און העכסטן פאַרגעניגן בלייבט מען אַזוי אָנגענעם צערודערט ווי נאָך אַ געוויינענער שלאַכט. איז דאָס צוזאַמענלעבן גאָר ניט קיין קייטן, ניט קיין טורמע נאָר אַן אײדעלע מענטש־לעכע שטרעבונג צו בויען זיך אַ נעסט פון געטריישאַפט.

יונה און וויערא האָבן ביידע דורכגעלעבט אַזוי פיל ברוטאַלקייט, מאָרד, שנאה און געמיינקייט, ביידע האָבן פאַרלוירן זייערע טייערסטע, ביידע האָבן פאַרלוירן זייער יוגנט. יונה אויף די פראָנטן און וואָגל, וויערא אין דעם טויט־לאַגער, האָבן ביידע געבענקט נאָך אַ מענטשלעך לעבן. קלאַמערן זיי זיך איצט אַזוי שטאַרק אין דער ליבע, אין דער פריינדשאַפט, אין דער געטריישאַפט, וואָס גיט דאָך די העכסטע באַפרי־דיקונג, דעם גרעסטן געָנוס, וואָס פאַלשקייט, עגאָיזם און געמיינקייט קען דאָס קיינמאָל ניט געבן.

איז זייער שטוב אָנגעפילט מיט אַ ליבער וואַרעמקייט און פריינדשאַפט ווען די דרויסנדיקע וועלט שמעקט מיט שנאה, מיט פחד פאַר קאַטאַסטראָ־פעס. דער ווונדער פון טעכניק און וויסנשאַפט פאַרגרעסערט נאָך מער דעם תהום צווישן אָרעמקייט און לוקסוס, שטעלט אַ באַריערע צווישן יחיד און דער מאַכט, און טרייבט אָן אַ גייסטיקע פאַניק. אין וויעטנאַם גייט אָן אַ בלוטיקע מלחמה, אין אינדיע שטאַרבן קינדער פון הונגער. ביי די גרענעצן פון ישראל גייט אָן דער אַראַבישער טעראָר, מיט אַ באַ־זונדערן פאַרגעניגן פון די רוצחים צו מאָרדן יידישע קינדער. די וועלט־דיפּלאָמאַטיע דרייט מיט די צינגער אַהער און אַהין און פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ טראַגישער שפּיל. עס גייט אָן אַ האַנדל מיט נאַפט און מיט בלוט מיט מיידלשן אומשולד, מיט דאָלאַרן דעוויזן. מען שטעלט דענקמעלער פאַר אומבאַקאַנטע זעלנער און קאַבאַרעטן פאַר אַמעריקאַנער טוריסטן, דאָס וועלט־געוויסן איז שטענדיק רויט אַמאָל פון חרפה אַמאָל פון בלוט און ווי אויף אַ קעלבערנעם מאַרק מאָרדן זיך פעלקער, ווייל די ערד איז זיי קאַרג. און די רעליגיעס בויען אויף פולווער־פעסער זייערע הימלישע שלעסער. אָטעמט דער מענטש מיטן רויך פון דינאַמיט און מיט וויזיעס און לעגענדעס און לעכצט נאָך געטער וואָס פאַרהייליקן דעם מאָרד און דעם רויב, גרייט צו צעשמעטערן די וועלט אויף שטויב.

דער מענטש, די שכלדיקע באַשעפעניש, טראַכט אויס אַלץ נייע מאָרד־מכשירים זיך קעגנזייטיק אויסצומאָרדן?

קלאַמערן זיך יונה מיט וויעראַן חדשים און יאָרן אין זייער אידילישער פריינדשאַפט, אָבער דאָס לאַנד ווערט ווידער גאַלוואַניזירט מיט נערוועישער אומרו. דאַסמאַל רוקט זיך די מצרישע אַרמיי צו די גרענעצן פון ישראל. די אַראַבישע פעלקער קענען אַלץ ניט שלום מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער מדינה און זוכן מיט אַלע מיטלען זי אומצוברענגען. אין אַט דער אומרואיק געשפאַנטער צייט קומט פאָר אין תל־אביב אַ קאָמישע סצענע, אויף דער ירקון־גאַס, נעבן דעם הויז פון דער הערשנדיקער סאָציאַליסטישער פאַרטיי זאַמלען זיך אַביסל אַלטע פאַרטיי־ווייבער מיט טראַנספּאַרענטן אין די הענט און מיט היסטערישע געשרייען — דיין צו דער מאַכט! ווער האָט דאָס אינספּירירט, אין אַזאַ ערנסטער צייט, ווען עס וועגט זיך דער גורל פון פאָלק און פון לאַנד, צו צעפלאַקערן דעם פערזענלעכן קאַמף פאַר מאַכט און די פערזענלעכע אַמביציעס?

דערווייל ווערן די מענער ביסלעכווייז מאָביליזירט, גרייט צו פאַרטיידיקן זייערע פרויען און קינדער. אויך יונה ווערט מאָביליזירט. ווי שווער עס איז אים צו געזעגענען זיך מיט וויעראַן, מיט זיין קליינעם זינדעלע און מיט חדוהן. ווער רייסט אים אַרויס פון זיין ליבער היים און טרייבט אים צום פראָנט?

גרויסע לאַסט־אויטאָס פירן אַוועק די מאָביליזירטע, צו פון פריער צוגעגרייטע בעטאָנענע בונקערס. קיינער איז אָבער ניט זיכער צי עס וועט זיין אָדער ניט זיין אַ מלחמה. אַמווינציקסטן ווילן דאָס די זעלנער. דאָס ווילן ניט זייערע מאַמעס און ווייבער. זיצט מען טעג און נעכט אין די בונקערס פאַרטיפט אין מחשבות, אין בענקשאַפט צו די היימען, צו ווייבער און קינדער, אין אומזיכערקייט וואָס עס וועט ברענגען דער מאָרגן. דער אומרו רויבט צו, אין די נעכט דעם שלאָף. די קאָמאַנדירן ליפן אַרום נערוועז און וואַרפן נאָר געציילטע ווערטער. אפשר ווייסן זיי אויך ניט וואָס עס גרייט זיך? די זעלנער ווייסן אָבער גוט אַז די מלחמה פאַר דער אומאָפּהענגיקייט איז געווען אַ קינדער־שפּילעכל אין פאַרגלייך מיט אַ נייער מלחמה. דעמאָלט האָט מען פאַרמאָגט ווייניקער געווער אָבער אויך דער שונא איז געווען שוואַכער. צום נייעם בלוט־באָד

שטייען גרייט פון ביידע צדדים: מאָדערנע טאַנקן, שווערע האַמאַטן, נייע סאָרטן מאַשינען־ביקסן, פאַראַשוטיסטן־דעסאַנטן, מיניר־אַפטיילונגען, אַרטילעריע־באַטאַליאָנען. אויף יענער זייט פון די שטעכל־דראָטן־פאַר־צוימונגען שטייט דער שונא אַ באַוואָפנטער אין נערוועזער דערוואַרטונג.

דאָסמאָל גרייפן אָן, גראָד די יידן די ערשטע, ברעכן די שווערע שטילקייט. עס ברעכן די האַרמאַטן־לופעס, מיט זייער טייוולאָנישער שפראַך. דאָס שווייגן און גלייך נעמען זיך רוקן די טאַנקען ווי ווילדע מיטאָלאָגישע חיות, מיט זייער אייזערנעם קרעכצן פאָרויס. די ברען־באָמבעס צינדן אָן דעם הימל מיט פייער און די לופט ווערט פאַרוישט פון אַ מעכטיקער שיסעריי. דער שונא שיסט פון אירע באַהעלטענישן מיט אַ כאַאָטישער שיסעריי. זיי טרעפן גאַנץ זעלטן און דאָך הערט זיך שוין די ערשטע קרעכצן — אוי מאַמעלע! אוי מאַמעלע! כדי גובר צו זיין דעם פחד דאַרף מען וואָס ווייניקער טראַכטן, זיין זיכער אין נצחון און נאָכלויפן די מפקדים וואָס רופן כסדר: „נאָך מיר קדימה!”. רייסט מען דורך די דראָט־פאַרצוימונגען און מען לויפט שוין איבערן שונאס פאַרלאָזטע טראַנשעען, ביז מען פאַרקאָפּעט זיך ווידער אויף נייע פּאָזיציעס.

אַ גאַנצע נאַכט טראָגט זיך פון אַלע זייטן אַ מעכטיקע קאַנאָנאַדע פון אַלעריליי כלי־זין. די שטאָק־פינצטערניש ווערט באַלויכטן פון דעם אָנגעצונדענעם פייערדיקן הימל. עס צאָרנט פון אַלע זייטן. שעלט מען און מען זידלט דעם ניט־געזעענעם שונא און מען שפרינגט, אויפן באַפעל, אַרויס פון די טראַנשעען, מען לויפט אונטערן האָגל פון שראַפנעלן, מען לויפט איבער פעלדער פאַרזייעטע מיט צעריסענע שטאָלענע פאַנצערס, פאַרברענטע אויטאָבוסן און טאַנקען. פאַרטאָג איז שוין געחתמעט דער נצחון־גייסט, דער שונא קאָן מער ניט אָפשטעלן דעם נצחון־מאַרש פון דער ישראל־אַרמיי און זיי ציען זיך צוריק אין בהלה. דער שונא האָט פאַרלוירן זיין שכל און קיינער שטערט ניט די ישראל־זעלנער דורכצורייסן זיך דורך די שמאָלסטע דורכגענג צווישן די בערג. אַ פאָר זעלנער וואָלטן געקאָנט פאַרהאַלטן דעם מאַרש פאָרויס פון דער ישראל־אַרמיי, אָבער פונעם שונא איז קיין זכר ניטאָ. קיינער שטערט ניט די ישראל־אַרמיי זיך אַריינצורייסן קיין חברון.

צעלייגן זיך די יידישע זעלנער אַרום דער מערת־המכפלה, וואָס

זעט אויס ווי אַ מיטלאַלטערלעכע פעסטונג. וואָס איז גאָר דער קבר פון די אָבות אין וועלכע עס דאַווענען אַ גרופּע אַראַבער, קניענדיק אויף אַ גרויסן דיוואַן, ווי זיי וואָלטן עס געווען די געזעצלעכע אייניקלעך פון אברהם אָבינו. איבער די גאַסן פון דער שטאָט, צווישן די נעבעכדיקע אַראַבישע הייזלעך לויפן אַרום צעשראָקענע אַראַבער מיט זייערע ווייבער און קינדער מיט פּעק און ווייסן ניט צו זיי זאָלן לויפן צי ניט. אויף אַ זייטיק געסל טרעפט יונה אַ יידישן זעלנער מיט אַ גרויסן פּאַק אויף די פּלייצעס, מיט אָנגערויבטע שמאַטעס און ער רופט יונהן ער זאָל ווערן זיין שותף צום רויבן. אָבער יונה שרעקט אים איבער און דערציילט, אַז עס איז אַרויס אַ געזעץ אַז פאַר רויבן וועט מען שטרענג באַשטראָפן. כאָטש וויניק זעלנער רייסן זיך צום רויב איז דאָך אַ שאָד וואָס קיין שטראָפן פאַר רויב איז ניטאָ. יונהן נעמט אָן אַ רחמנות אויף די אַנטלויפנ־דיקע אַראַבער און ער רופט זיי צוריקצוגיין אין זייערע שטובן, ער פאַר־זיכערט זיי, אַז קיין שלעכטס וועט מען זיי ניט טאָן. דאָס באַרואיקט און טייל אַראַבער נעמען גלייך חנפענען, אַז די יידן זענען גוטע מענטשן און זיי קערן זיך צוריק צו זייערע שטובן.

דער זיג איז געווען אַ גיכער אויף אַלע פראָנטן, כאָטש דער גרויסער נצחון האָט געקאָסט גענוג קרבנות פון ביידע פעלקער. דער נצחון האָט אָבער אַריינגעבלאָזן אין פאָלק אַ נייעם גייסט, אַ נייע האָפענונג, אַ שאָד וואָס ביי אַ טייל יידן האָט דאָס געבוירן אַ גרויסע גאווה און ביי די אַראַבער נאָך אַ גרעסערע שנאה און געפיל צו נקמה. אַ גליק וואָס דער אומזיניקער בלוט־באָד האָט ניט געדויערט מער ווי זעקס טעג. ער ברענגט אָבער ניט קיין שלום, יעדע מלחמה טראָגט אין זיך דעם קערן פון אַ נייער מלחמה. יונה איז אַוועק אין שלאַכט צו פאַרטיידיקן זיין וויעראַן, זיין זינדל און חדוהן אָבער ניט צו הערשן איבער אַ צווייט פאָלק, ניט אונ־טערצודריקן נאָר צו דערגרייכן אַ שלום און אַ פעלקער־פריינדשאַפט.

איז אים גוט צו זיין ווידער אין דער היים, וויעראַ באַגעגנט אים מיט טרערן פון פרייד, אויך ביידע קינדער האָבן שטאַרק צו אים געבענקט. ווידער איז אַלץ איינגעהילט אין נחת. אַלץ אָטעמט מיט חסד. עס פאַלט צו די נאַכט. חדוה איז ערגעץ ביי אַ חברטע, זי איז שוין גענוג דערוואַקסן און האָט שוין אירע חברטעס, דער בן יחיד איינהערנדיק זיך

צו וויעראַס אַ מעשהלע איז אַנסדרעמלט געוואָרן. דעקט זי אים איבער מיט אַ קאָלדרע און דער „אוצר" שמייכלט אין שלאָף, ווי געוויגט פון חלומות. לויפט יונהן דורך אַ פרישקייט דורך די גלידער — ניט שוין זשע איז ער טאַקע אַ טאַטע און ער זעצט פאַר די דינאַסטיע פון זיין אומגעקומענעם טאַטן?

נאָר אין דרויסן לויערן אַלץ סכנות, וואָס האַמערן אין מוח. אומזי־ניק איז דער מענטשלעכער שכל, וואָס מאַכט שלום מיט צעבלאָזטער פעלקער־שנאה, מיט דער פעיקייט פון דער דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק צו צעבלאָזן קאָנפליקטן און מלחמות, צו שטעלן צווישן פעלקער אייזערנע ראַגאַטקעס. דאָס לעבן איז אַ רעאַליזם פון דיקטאַטאָרן און פּאָליטיקאַנטן וואָס בויען זייער ממשלה אויף רואינעס און קברים, אַ שוידערלעכער רעאַליזם פון שווינדלערס און באַנקירן, פון קלויסטערס, טורמעס און בורדעלן. אָבער אויך מיט געוואַלטיקע שיינקייטן פון דער נאַטור, מיט די סודות פון אוניווערס, מיט די הימנען צום לעבן. מיט קינסטלערישע דערהויבנקייטן, ווי מעטעאָרן אין דער נאַכט, מיט מוזיק פון פלאַמענדיקע געפילן. און צווישן ביידע קעגנזאַצן זוכט דער מענטש צווישן רויך און לעגענדעס זיין זיכערע נעסט.

אָבער אין מיטן גרויסן שטרעבן צו שלום טאָר דאָס יידישע פּאָלק ניט בלייבן אַנטוואָפנט, ווייל די אַראַבישע מושלים זענען גאָר ניט קיין גרויסע צדיקים. דאָס פאָלק קען ניט אָפּמעקן פון זכרון, ניט דעם וואָר־שעווער געטאָ, ניט אוישוויץ, ניט די געשיכטלעכע דערפאַרונג, אַז זיין אַנטוואָפנט, הייסט זיין אויך אַ שטענדיקער קרבן. מען טאָר אָבער ניט זיין באַוואָפנט מיט אַראַגאַנץ, שנאה און שאָוויניזם. מען טאָר קיינמאָל ניט הערשן איבער אַ צווייט פאָלק אויב מען וויל ניט אַנדערע זאָל הערשן איבער אונדז. אַ פאָלק וואָס וויל זיין פריי טאָר ניט הערשן איבער אַ צווייט פאָלק. מען טאָר אויך קיינמאָל די ערשטע אויסשטרעקן די ביקס. מען מעג זי נאָר באַנוצן ווען מען באַפאַלט, זיך צו פאַרטיידיקן.

איז דען אין דער צייט פון סכנות, אין מיטן שטרעבן צו שלום, פאַראַן עפּעס בעסערס ווי צו וואַרעמען זיך ביים פייער פון ליבשאַפט און געטריישאַפט? ווילט זיך יונהן שטאַרק אַרומנעמען וויעראַן. ער מוז אָבער שוינען דעם שלאָף פון דער וואָס איז אין ליבע איינגעהילט,

וואָס איז פול מיט שאַפונגס־גייסט, איר לעבן רייך מיט קאָלירן. אָט עפנט זי די אויגן און ער נעמט זי אַרום מיטן געפיל, אַז בײדע האָבן זיי געזיגט אין לעבן, אָפּגעהאַלטן זייער גרעסטן נצחון אויף די פראָגנטן פונעם לעבן, געבויט זיך אַ וואַרעמע נעסט פון ליבע און געטריישאַפט, אויך דעראָבערט אַ גרויסן פאַרמעגן פון צוויי טייערע קינדער. איז וואָס פעלט זיי נאָך צום גליק?

אָבער דער דרויסן קען זיי דאָס גליק ניט פאַרגינען און שטורעמט ברוגזט זיך מיט ביין געוויטער פאַרשוועכט די ליכט פונעם טאָג, בילט ווי אַ מחנה צערייצטע הינט. רבונו של עולם צעשטער ניט דעם תענוג פון דער ליבע, באַרויב ניט דעם שמייכל פון קינד, פאַרשוועך ניט דאָס מענטשלעכע גליק, פאַרלעש ניט דעם מענטשלעכן חלום, פאַרפלייץ ניט די וועלט מיט פיין און מיט בלוט! אַנשטאָט צו טרייבן צו בלוטיקע פראָנטן, פיר זיי אויף פרידלעכע פראָנטן פון לעבן. אַנשטאָט מלחמות און מאָרדן — שטעל אַריין צווישן דיינע צען געבאָטן אַ נייעם און ערשטן געבאָט — ליבט אייך!

אפשר ווען דער מענטש וועט באַפרייט ווערן פון צוואַנג, פון מאַכט פון איין מענטש איבערן צווייטן, וועט דער געשלעכט ניט זיין געפּענטעט אין ליגנט און פאַרשווינדן וועט מאָרד און פאַרברעכן. ערשט דאַן וועט דאָס לעבן ווערט זיין געלעבט צו ווערן.